STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06136

UNTER STALIN'S YOKH

Eliezer Basch

Permanent preservation of this book was made possible
by Philip & Miriam Rothchild
in memory of
Sam & Malke Rothchild and Julius & Celia Levine

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר
באש

אונטער סטאלינ'ס יאך

COPYRIGHT 1980 BY
L. BASCH
MONTREAL, QUE., CANADA

הילע געצייכנט פון זלמן קליינמאַן

ELIEZER BASCH

UNTER STALIN'S YOCH

PRINTED BY SHALOM TYPO., INC.
U. S. A. 1980



גערווידמעט: בלאַנקאַ'ן
און אונזערע קינדער
עוואַ און שעלדן

אריינפיר

אויף אַ וואַנט אין אַ צעל אין דער סטאַניסלאַווער טורמע איז געווען אויסגעקריצט מיט גרויסע אידישע אותיות:

„עס האָט מיר פאַרגלוסט!... איך, משה בן חיים, בין אַ „פערעביעזטשיק" (אַן איבערלויפער), אך ווי גוט!... איך האָב זיך עס אַליין געטאָן!...

די וועלכע זיינען געזעסן אין דער סטאַניסלאַווער טורמע ביי די רוסן האָט מען נישט באַדאַרפט אויסטייטשן דעם פשט פון דעם דערמאָנטן פסוק. איטלעכער וואָס האָט געקאָנט לייענען אידיש האָט גריילעך באַנומען, אַז אויסגעקריצט האָט עס איינער פון די לייט וואָס האָבן זיך געמאַכט פוסטע אילוזיעס, אַז מיט זייער פליטה צו די רוסן וועלן זיי אָנקומען אין גן־עדן...

אך, ווי גוט!... איך האָב זיך עס אַליין געטאָן!...

מען האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פון פאַשיסטישן גיהנום אין פראָלעטאַרישן גן־עדן אַריין. אוי, ווי שנעל און ביטער מען האָט זיך אויסגעטשוכעט פון דער אילוזיע.

איך באַשרייב אין דעם בוך די איבערלעבונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס זיינען בלויז שילדערונגען פון אַ יחיד. פיל יוגנטלעכע וועלכע האָבן זיך געלאָזט אין זעלבן וועג אַריין זיינען געשטרויכלט געוואָרן און האָבן צוליב זייער נאַאיוויטעט באַצאָלט דעם העכסטן פרייז — זייער לעבן!... צופעליקערווייז בין איך איינער פון די וועמען דאָס נאַרישקייט איז געלונגען...

1

אַרומגערינגלט מיט וואַסער און אַרומגעקייטלט מיט בערג שפּרייט זיך מאַיעסטעטיש אויס דאָס עכט אידישע שטעטל סיגעט — מאַרמאַראָש־סיגעט.

אין זייער פיל פּרטים האָט טאַקע זיין ליבער נאָמען אָפּגעטאָן זיין חסד פונם שטעטל סיגעט, דערפאַר אָבער אַז פרילינג לעב איז געקומען איבער גאָטס זינדיק וועלטל, האָט ער, דער פרילינג, סיגעט נישט אויס־געמיטן. איטלעכן פרילינג הערט מען דעם קו־קו פון די קוקאַווקעס אין דער פרי און די זיסע טרילן פון די סאָלאַווייען ביינאַכט. אויף די הויכן פון די קאַרפּאַטישע סאַלאַוואַן בערג יאָדלען די רומענישע פּויערים אַ דאינע און די אונגאַרן צימבלען אַ טשאַרדאַש. שמאָלע וואַסערלעך שלענגלען זיך באַרג אַראָפּ, ריזלען און טאַנצן מיט ריטמישן רויש צו דער קליינער איזאַ, וואָס וויגט זיי און טראָגט זיי אויף אירע כוואַליעס צו איר גרעסערער שוועסטער — דער טיסאַ.

אויך האַיאָר, אין 1940, איז אין דער נאַטור קיין ענדערונג נישט פאָרגעקומען: די פייגעלעך האָבן געצווישטשערט, די וואַסערלעך האָבן גערוישט און די זון האָט געוואַרעמט און פאַרפלייצט דעם אַרום מיט איר ליכט. אויך די געזאַנגען און די מוזיק פון די רומענער און אונגאַרן האָבן אָפּגעהילכט ווי געוויינלעך אין די בערג.

נישט אַזוי געוויינלעך איז אָבער די שטימונג אין די אידישע היימען. עס איז כמעט נישט פאַראַן קיין אידישע היים וואו דער טאַטע אָדער דער זון זאָלן נישט אויספעלן שבתביים טיש. אַזוי דער טאַטע ווי דער זון זיינען מאָביליזירט אין דער אַרמיי. אַן אַרמיי וואָס איז קיינמאָל נישט געווען פריינטלעך צו אידן. על אחת כמה וכמה, ווען די פּאָליטישע לאַגע אין דער מדינה איז אַן אַנגעצויגענע און עס איז אַן אויסנאַם צושטאַנד. וואָס פאַר אַ טעם האָט בכלל אַ שבת אין אַ אידישער שטוב ווען דער קאָפּ פון דער משפחה פעלט?... בלייבן טאַקע פאַרשעמט די חלות אַן המוציא; דער וויין אָן קידוש...

נאָכדעם ווי רוסלאַנד האָט אין יוני 1940 אָקופּירט בעסאַראַביע און צפון־בוקאָווינע האָט די רומענישע פּרעסע, דער עיקר די אַנטיסעמיטישע ציישונג „פּאָרונקא וורעמיע״, געהעצט אַ־לאַ־„שטירמער״:

— די אידן זיינען שולדיק אינם נאַציאָנאַלן אומגליק! זיי, די אידן, האָבן עס פאַרקויפט בעסאַראַביע און בוקאָווינע צו די רוסן, צו די

קאָמוניסטן!...

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט וואָס טייל אידן האָבן מורא געקראָגן, אַז די רומענישע רעגירונג, ווי דער אויפגעהעצטער המון־עם, וועלן ביי דער איצטיקער געלעגנהייט אויסגיסן זייער גרימצאָרן אויף דער אומשולדיקער אידישער באַפעלקערונג.

נישט אומזיסט האָבן עס אַ טייל אידן דעריבער מקנא געווען די בעסאַראַביער און בוקאָווינער אידן. מען שושקעט זיך אין די ווינקלען פון די גאַסן:

— די אידן אויף יענער זייט וועלן שוין קידוש מאַכן איבער רויטן וויין...

אַ צווייטער, וועלכער פאַרשטייט וואָס דער ערשטער מיינט, איז דווקא נישט מסכים מיט אים:

— עט, דאָרטן לעקט מען אויך נישט קיין האָניק!...

— אויב מען לעקט דאָרטן נישט קיין האָניק — ענטפערט דער ערשטער — זיינען כאָטש אַלע גלייך, אַלע זיינען אויף צרות!

— יאָ, ער האָט רעכט! — מישט זיך אַריין אַ דריטער — דאָרטן באַשטראָפט מען דעם וואָס רופט אַ איד מיטן זידל וואָרט זשיד, ס'איז בפירוש פאַרווערט דורך דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע. אָבער דאָ, — דאָ איז הפקר פעטרישקע!

אַזוי רעדן עס די אידן צווישן זיך. אויך די יעניקע וועלכע האָבן פריער געהאַט ספיקות וואָס שייך קאָמוניזם רעווידירן זייערע איבערצייגונגען; אויך די וואָס פלעגן זיך פריער באַנוצען מיט'ן וואָרט באָלשעוויק ווי מיט אַ זידל־וואָרט וואָס האָט געקאָנט באַדייטן: באַנדיט, אויסוואורף, רענעגאַט — אפילו די מוזן איצט מסכים זיין, אַז אויב מען באַליידיגט נישט דעם איד צוליב זיין נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם, זיינען די אַלגעמיינע צרות אַ האַלבע טרייסט...

איין חברה'מאַן, אַ קאָמוניסט, היצט זיך און מאַכט אש און פארך פון איטלעכנס באַהויפּטונג:

— אַצינד זענט איר עס געקומען צום שכל! איצט ווען דער חלף ליגט שוין אויפן האַלדז! וואו זייט איר עס געווען פריער ווען מען איז געקומען צו אייך בעטן זיך ברחמים, אַז מען מוז זען עפּעס צו טאָן — וואו זייט איר דעמאָלט געווען?!

ווער ווייסט מיט וואָס פאַר אַ קאָנקלוזיעס און מסקנהס אַזוינע און

ענלעכע שמועסעכצער וואָלטן זיך געוועזן גועענדיקט ווען נישט די פּאָליציי. די פּאָליציאַנטן דרייען זיך אַרום בייזע און כמורנע מיט געפלאָכטענע קאַנטשיקעס אין די הענט און האַלטן אין איין פונאַנדערטרייבן דעם עולם אין רעדלעך:

— עס איז אויסנאַם־צושטאַנד, אַ מאָביליזאַציע אין דער מדינה און דעריבער איז נישט דערלויבט אַז מענטשן זאָלן זיך זאַמלען.

עס האָט נישט גענומען מער ווי בלויז אייניקע חדשים, זייט רוסלאַנד האָט אָקופּירט בעסאַראַביע און בוקאָווינע, און די רומענישע רעגירונג איז געווען געצוואונגען איבערצוגעבן אַ העלפט פונעם טראַנסילוואַניער געביט, דעם צפונדיקן טייל, צו די אונגאַרן.

2

צוליב דעם וואָס אונגאַרן האָט זיך אָן רעזערוואַציעס געהנדלט צו די פאַשיסטישע מלוכות, דייטשלאַנד און איטאַליע, איז עס איר געלונגען צו קריגן די הסכמה פון די סאַמע גדולים פון דער פאַשיסטישער היראַרכיע, אַז זי זאָל אָקופּירן גאַנץ קאַרפּאַטן־רוסלאַנד פון טשעכאָסלאָוואַקיע און אַ האַלבן טייל טראַנסילוואַניע פון רומעניע

פאַר אַ ליליפּוטן מדינה ווי אונגאַרן, וועלכער עס האָט נאָר וואָס אָפּגעגליקט אָפּצוהאַלטן איין נצחון נאָכן צווייטן אָן דעם זי זאָל דאַרפן פאַרגיסן אַ טראָפּן בלוט — וואָלט זיך געפּאַסט, אַז זי זאָל זיך לייטיש אויפפירן מיט די מינדערהייטן פון די דעראָבערטע געביטן.

אָבער נישט אונגאַרן!

זיי, די מאַדיאַרן, באַנעמען זיך שטאַרק גראָב מיט די רומענער און מיט די רוטענער (אוקראַינער) אָבער אין דער סאַמע ערשטער ריי ווייזן זיי זייער פאַראַכטונג צום אידן; זיי מוזן, ווי הינטישע קנעכט, אַרויסווייזן זייער געטריישאַפט צו די פאַשיסטישע גדולים היטלערן און מוסאָלינען, אַז אין הלכות־אַנטיסעמיטיזם זייַנען זיי נישט הינטערשטעליק פון די אַנדערע פאַשיסטישע מיטלויפערס.

פונקט ווי עס דאַכט זיך טיילמאָל אויס אַ קראַנקן, אַז אויב מען וועט אים איבערלייגן אין אַ צווייט בעט וועט ער פילן בעסער — פונקט אַזוי האָט זיך די טראַנסילוואַניער אידן, די העלפט וואָס איז אַריבער אין רשות פון אונגאַרן, אויסגעדאַכט, ווען די רומענער האָבן אַרויסמאַרשירט און

די אונגאַרן האָבן אַריינמאַרשירט.

דער עלטערער דור אידן, איבערהויפּט די וועלכע האָבן נאָך געדענקט די גוטע צייטן אונטער דער ממשלה פון עסטרייך־אונגאַרישן מאָנאַרך פראַנץ יאָזעף, וועלכן די אידן האָבן מיט רעכט טיטולירט אַלס אַ מלך של חסד, האָבן זיך געטרייסט מיט פאַלשע אילוזיעס. נאָכדעם ווי די אידן האָבן שוין געהאַט מיטגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס פאַר 22 יאָר אונטערן שווערן יאָך פון די רומענישע אַנטיסעמיטן, האָבן זיי געהאָפט, אַז דער נייַער אונגאַרישער רעזשים וועט נישט אַרויסווייזן אַזויפיל רשעות וויפל די רומענער האָבן לעצטנס אַרויסגעוויזן.

דער עלטערער דור האָט נישט געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז די זעלבע אונגאַרן קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן פון צדיקים אין רשעים; אַז כמעט אַ גאַנצע נאַציע קאָן פלוצים ווערן נאַציסטיש און אַז פון אַ סניגור — אַ גוטער מלאך, קאָן זיך גאָר אויסלאָזן אַ קטיגור, — אַ טייוול אין אַ מענטשלעכן געשטאַלט.

דעם 4־טן סעפּטעמבער 1940 דאַרפן די רומענער פאַרלאָזן סיגעט. לויט דעם ווינער אָפּמאַך וואָס איז געשלאָסן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון די אויסערן מיניסטאָרן פון דייטשלאַנד און איטאַליע, ריבענטראָפּ און טשיאַנאָ איז דער 4־טער סעפּטעמבער דער לעצטער טערמין וואָס די רומע־נער קאָנען זיך געפינען אין סיגעט. סיגעט איז ביי דער סאַמע גרענעץ. דער טייך טיסאָ האָט ביז פאַר צוויי יאָר אָפּגעזונדערט רומעניע פון טשע־כאָסלאָוואַקיע און זייט די אונגאַרן האָבן אַהין אַריינמאַרשירט נאָכן פונאַנ־דערפאַל פון טשעכאָסלאָוואַקיע איז די טיסאָ במילא געוואָרן די גרענעץ צווישן רומעניע און אונגאַרן. לויטן אָפּמאַך איז סיגעט די ערשטע אָקופּירט צו ווערן און דורך אָט דער גרענעץ וועלן עס די אונגאַרישע חיילות מאַרשירן, אין משך פון צוועלף טעג, צו די איבעריקע ערטער פון האַלבן טראַנסילוואַניער געביט.

— היי רעפּעדע מוי ברוע! (העי דו ריר זיך שנעלער!) — שרייט אַ רומענישער אָפיציר צו אַן איינפאַכן סאָלדאַט.

היינט צו טאָג זענען אָבער די סאָלדאַטן נישט אַזוי דיסציפּלינירט ווי געווען. די סאָלדאַטן ענטפערן נישט די אָפיצירן מיט פולן מליטערישן רעספּעקט: „אָרדאָנאַץ דאָמנו אָפּיציר" (אייער וואָרט הער אָפיציר איז מיין באַפעל). ניין, היינט זעט מען נישט קיין אונטערשייד צווישן אַן איינפאַכן סאָלדאַט און אַן אָפיציר. זיי, די סאָלדאַטן ווי די אָפיצירן, קוקן

אויס צו זיין פאַרמאַטערט, פוילע, מידע און נישט אויסגעשלאָפענע. זייערע פלייצעס זיינען איבערגעלאָדנט מיט ביקסן קאַלדרעס שווערע הילצערנע וואַליזעס אין וועלכע ס׳געפינען זיך אַלעס נויטיקע צווישן דעם — געשיר און פראָוויאַנט.

אינעם קליינעם סיגעטער וואָקזאַל איז דער געדראַנג אויסערגעוויינלעך: ווער עס וויל זיך אַדורכשטופּן צום פעראָן און ווער עס וויל זיך אַרויסרייסן אין גאַס אַריין.

מער ווי אַלע זיינען פאַרסאַפּעט און צעחושט די מיליטערלייט און אין דער ערשטער ריי — די אָפיצירן. אויף זיי, די אָפיצירן, ברענט די הויט מער ווי אויף איטלעכן. זיי מוזן זען אַז אַלץ זאָל אָרגאַנזשירט ווערן מיט דער גרעסטער מיליטערישער פּינקטלעכקייט. עס זיינען בלויז געבליבן געציילטע מינוטן און דער לעצטער טראַנספּאָרט רומעניש מיליטער מוז פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

ווי די פאַרסמטע מייז לויפן אַרום די רומענישע מיליטערלייט צווישן מענטשלעכן געדראַנג. אין אַזאַ בהלה, טומלעניש, געפּילדער און סתם הור־האָ וואָלט מען געקאָנט דערוואַרטן אַז די אָפיצירן זאָלן האָבן מיט זיך צו טאָן און אַז זיי זאָלן אינזינען האָבן בלויז איין ענין: אָרגאַנזשירן ווי אַמ־שנעלסטן אַלץ וואָס איז אַמנויטיקסטן צו דער עוואַקואַציע. געשען איז אָבער אָט וואָס:

אייניקע רומענישע אָפיצירן פון דער עקסטרעם אַנטיסעמיטישער אייזערנע גוואַרדיע־פּאַרטיי, האָט דאָס האַרץ ווי געטאָן צו פאַרלאָזן אַזאַ אידיש שטעטל ווי סיגעט גלאַט אַזוי זיך אָן אַ בלייב געזונט, אָן דעם זיי זאָלן זיך קודם געזעגענען מיט די געציילטע אידן וואָס זיינען אַנוועזענד געווען ביים וואָקזאַל...

אין דער לעצטער מינוט, איידער דער צוג האָט זיך גערירט, האָבן אייניקע פון די דאָזיקע אָפיצירן אויסגענוצט זייער לעצטן שאַנס: זיי זיינען פּלוצלונג אַרונטערגעשפּרונגען פון די, מיט מיליטערלייט, אָנגע־לאָדענע וואַגאָנעס, און האָבן אָנגעהויבן צו שלאָגן און פּאַטשן איטלעכן אין וועמען זיי האָבן דערקענט אַ אידישע צורה.

סיגעטער אידן האָבן קיינמאָל נישט אַרונטערגעשלונגען קיין אַנטי־סעמיטישע שלעק. אין די דרייסיקער יאָרן, ווען די קוזיסטן האָבן אַקטיוו געבושעוועט איבערן לאַנד האָבן זיי מערערע מאָל געהאָט חשק זיך אַ לאָז צו טאָן קיין סיגעט און פּאָגראָמירן די דאָרטיקע אידישע באַפעל־

קערונג, — ווי עס איז זיי געלונגען אין אייניקע קלענערע און גרעסערע אָרטשאַפטן אין רומעניע — אָבער מען האָט זיי אַלעמאָל אָפּגעקלאַפּט דעם חשק.

אויך אַצינד זיינען די אידן ביים וואָקזאַל נישט געשטאַנען מיט קיין צוזאַמענגעלייגטע הענט און געשוויגן. איבערהויפּט, אַז מען זעט שוין באַשיימפּערלעך, אַז זיי, די רומענער, זיינען שוין אויס באַלעבאַטים — איז וואָס איז דאָ שייך מורא צו האָבן? כהרף־עין האָבן די אידן ביים וואָקזאַל, באַמערקענדיק אַז הוליגאַנעס איזדעקעווען זיך אויף אחינו בני ישראל, זיך אַ לאָז געטאָן ווי אַ גרופּע אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנען און זיי האָבן די אַנטי־סעמיטישע כוליגאַנעס אָנגעבראָכן די ביינער אַזוי ווי אין פּסוק שטייט!

ווער ווייסט מיט וואָס דער פּלוצלינגדיקער קאַמף וואָלט זיך געווען געענדיקט ווען נישט דער פּייף פונם לאָקאָמאָטיוו, — אַ סימן אַז דער צוג וועט זיך רירן אין אייניקע סעקונדן. די קאָנדוקטאָרן האָבן ס'לעצטע מאָל קאָמאַנדעוועט אויף רומעניש: „אינטראַץ אין וואַגאָנע (איינשטייען אין די וואַגאָנען)!

3

דעם אַנדערן טאָג אינדערפרי, דאָנערשטאָג, דעם 5־טן סעפּטעמבער, איז די פּראַצעסיע פון׳ם אונגאַרישן אַריינמאַרש, אַריבער דער טיסא דורך דער סלאָטווינער־סיגעטער בריק, אָנגעגאַנגען אין פולן שוואונג.

טאָג און נאַכט האָט זיך אין משך פון צוועלף טעג געהערט דאָס טופּען פון די פערדישע פּאַדקאָוועס, דאָס סקריפּען פון די וועגענער און דאָס קלאַפּן פון שווערע זעלנערישע טריט. צו דעם דאָזיקן גערויש האָט געקלאַפּט צום טאַקט אַ פּויק און פון צייט צו צייט האָט זיך געלאָזט הערן אַן אונגאַרישער מאַרש. די מאַדיאַרישע מיליטער־מוזיק האָט געגרילצט אין די אויערן ווי אַ קאַצניאַמער. די רומענישע מוזיק האָט שוין בעסער און אָנגענעמער געקלונגען...

אויסגעצוואַגענע, מיט גלאַנצנדיקע טשופּרינעס און מיט שטראַלנדיקע געזיכטער באַגעגענען די מאַדיאַרן זייערע לייב־אייגענע „וויטעזן" (העלדן) — אַזוי און נישט אַנדערש האָבן זיך די מאַדיאַרישע מיליטערלייט באַטילט. אַז מען האָט זיך געוואונדן צו אַ פּראָסטן סאָלדאַט, האָט מען אים נישט געטאָרט רופן סתם זעלנער נאָר „הער העלד"...

די מאַדיאַרן טראָגן זיך אַרום מיט בוקעטן בלומען און זיי דערלאַנגען

זיי, הכנעהדיק מיט ברייטע חנופהדיקע שמייכלען אויף זייערע פּנימער, צו די אָפיצירן. דער מאַדיאַרישער המון־עם שרייט איטלעכע מינוט מיט גרויס באַגייסטערונג און עקסטאַז: „הוראַ", „הוראַ, עליען האָרטי מיקלאָש!" (זאָל לעבן האָרטי מיקלאָש!) „לעבן זאָלן די אונגאַרישע העלדן! (דאָס מיינען זיי די מיליטערלייט), לעבן זאָל די אונגאַרישע רעגירונג! הוראַ! הוראַ! הוראַ!"

משה לייב, דער משוגענער פון סיגעט, איז נישט ווייניקער פאַרפּאַראַט ווי די דורכשניטלעכע מאַדיאַרן. ער דרייט זיך אַרום אין די גאַסן און ער העלפט אונטער שרייען:

„הוראַ, זאָל לעבן האָרטי מיקלאָש! אַ כפרה זאָל ער זיין, רבונו של עולם, פאַר מיר און פאַר׳ן גאַנצן כלל ישראל!— הוראַ!"

משה לייב שרייט מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזאַ ברען, אַז איינער קאָן מיינען ווער ווייסט וואָס פאַר אַ גרויסער מאַדיאַרישער פּאַטריאָט ער איז עס. רופט ער טאַקע אַרויס אויפמערקזאַמקייט פונ׳ם אונגאַרישן עולם. דעם מאַדיאַרישן פּובליקום איז אויפפאַלנד און פאַרדעכטיק און אין איינוועגנס זיינען זיי טאַקע נייגעריק אויך צו וויסן וואָס ער צעיאַכמערט זיך עס אַזוי שטאַרק מיט אַזאַ מין עקסטאַז און וואָס עס איז אויף אים, אויף משה לייבן, מער גדולה ווי אויף איטלעכן אַנדערן אידן, וואָס די מאַדיאַרן באַזעצן די געגנט. אייניקע אידן האָבן מורא, און מיט רעכט, אַז עס זאָל חלילה נישט געשען קיין אומגליק צוליב זיינע משוגעתן. מען וועט נאָך מיינען, אַז די אידן האָבן אים אונטערגעשטעלט ער זאָל שרייען אין אידיש מורדישע אויסרופן. אייניקע אידן באַמיען זיך אים איינצושטילן, נאָר משה לייב לאָזט זיך נישט און ער הערט נישט אויף צו שרייען:

— אידעלעך לויפט!! לויפט ווי די וועלט האָט אַן עק! זעט איר דען נישט באַשיינפּערלעך ווי דאָס רשעות ליגט זיי אויף די פּנימער אויסגע־גאָסן? ציי זעט איר דען נישט ווי די קליפּה האָט זיך, רחמנה ליצלן, פאַרלייגט אויף אונז? — עליען האָרטי מיקלאָש! ימח שמו וזכרו! הורא; הוראַ! הוראַ!

אַן אונגאַרישער פּאָליציאַנט וויל דווקא אַז מען זאָל אים געבוי איבער־זעצן אויף אונגאַריש וואָס אַזוינס דער איד זאָגט און שרייט אין אידיש.

— עט, ווער פאַרשטייט וואָס אַ משוגענער רעדט — ענטפערן איי־ניקע מיטאַמאָל.

= ◍ =

נישט געאַכט דערויף וואָס חער מאָרגן איז געווען אַ ליכטיקער און אַ מילדער, איז פונדעסטוועגן איטלעכן אידן געווען ביטער אויפן האַרצן. זיי קוקן זיך איינער דעם צווייטן אָן און פאַרשטייען זיך אויפן וואונק:

— אויס „בונאָ דימיניאַצאָ!" (גוט מאָרגן! — רומעניש).

— „יאָ רעגעלט! יאָ רעגעלט!" (גוט מאָרגן, גוט מאָרגן! — אונגאַריש).

— אַ שיינעם יאָ רעגעלט האָבן מיר דערלעבט — קרעכצט אונטער אַ צווייטער.

מען הערט זיך צו צו די ראַדיאָ פּראָגראַמען פון רומעניע. די מוזיק אין די פּראָגראַמען איז אַ טרויעריקע און אַ מעלאַנכאָלישע. עס ווערט כסדר אַנאָנסירט, אַז רומעניע האָט פּראָקלאַמירט נאַציאָנאַלן טרויער צוליבן פאַרלוסט פון דעם האַלבן טראַנסילוואַניער געביט צו די אונגאַרן. אין די ראַדיאָ פּראָגראַמען ביי די אונגאַרן איז פונקט פאַרקערט: די מוזיק איז אַ פריילעכע, אַ הייטערע און אַ יובילירנדיקע. ביי יעדער געלעגנהייט ווערט ווידערהאָלט, אַז עס איז אַ גרויסער נאַציאָנאַלער יום־טוב. אויף די גאַסן גראַטולירן זיך די מאַדיאַרן איינער דעם צווייטן, זיי האַלדזן זיך און קושן זיך אין די פּיסקעלעך. געוועזענע שונאים ווערן צוריק „„פּאַני־בראַט", זיי הוליען און טאַנצן, זיי טרינקען און זויפן ביז זיי ווערן טויט שיכור.

די אידן האָבן זיך זייער אַפּאַטיש און גלייכגילטיק באַצויגן אַזוי צום טרויער פון די רומענער ווי צו דער שמחה פון די מאַדיאַרן. די רומענישע אידן איז אויך נישט פאַראַן מיט וואָס מקנא צו זיין. נאָר ווי די צוקונפט האָט באַוויזן, איז דער גורל פון די אונגאַרישע אידן געווען אַ געחתמעטער...

שוין דעם ערשטן טאָג, ווי נאָר די מאַדיאַרן האָבן איבערגעטרעטן די אַלטע גרענעץ, זיי האָבן קוים באַוויזן אַריינצושטעקן זייערע לאַפּעס אין סיגעט, פונוואַנען זיי האָבן אָנגעהויבן זייער אַריינמאַרש איבערן צפון־טראַנסילוואַניער געביט, האָבן שוין תיכף־ומיד די אונגאַרישע „העלדן", די פּראָסטע זעלנער, באַוויזן זייער העלדישקייט. די ערשטע אַרבעט זייערע איז געווען צו זוכן אידן פאַר אַ קבלת־פּנים.

אין אַזעלכע שטעטלעך ווי סיגעט, ווי אין מאַראַמאַראָש בכלל, איז די אונגאַרן נישט שווער געווען צו באַגעגענען אידן אויף איטלעכן שריט און טריט. איז ביי וועלכן אידן זיי האָבן אָפּעשניטן אַ פּאה, אַ צווייטן האָבן זיי אָפּגעשאָרן אַ האַלבע באָרד. די וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין באָרד און פּאות זיינען אויך נישט גלאַט אָפּגעקומען. די מאַדיאַרישע זעלנער

טיילן פאַר די אידן כיבודים אויף רעכטס און לינקס ביד רחבה.

דאָס איז אָבער בלויז געווען דער ערשטער שלום עליכם. אפילו די געוועזענע אָנהענגערס פון דעם נייעם רעזשים האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצו־טשוכענען פון זייערע פאַלשע אילוזיעס. גאַר גיך זיינען די געוועזענע אידישע אונגאַרישע פאַטריאָטן געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זיי זיינען אַרויס פון איין צרה און אַריינגעקראָכן אין אַ צווייט טראַומאַטישן אומגליק: נעכטן האָבן די וואלאכן (רומענער) געשלאָגן אידן, היינט טוט דאָס זעלבע דער מאַדיאַר! עס איז נאָך לעת־עתה שווער אָפּצושאַצן, וועלכער פון די צוויי משחיתים איז אַ גרעסערער צורר, אַ גרעסערער רשע, דער געוועזענער צי דער נייער באַלעבאָס. נאָר מען ברויך נישט זיין קיין גרויסער עקספּערט אין הלכות פּאָליטיק בכדי צו זען, אַזביידע רעזשימען זיינען פון איין און דעם זעלבן טייג געקנאָטן, אַז ביידע רעזשימען זיינען דורכגעפּרעסן מיט פאַשיסטישע און נאַציסטישע ווערם און אַז זיי טויגן ביידע, סיי דער מאַדיאַר און דער וואלאך, מיט זייערע אַנטיסע־מיטישע פּאַראַנדעקס, אויף טויזנט כפּרות!

פון טאָג צו טאָג ווערט די אידישע לאַגע ערגער: אַ איד טאָר נישט אַרויספאָרן פון שטעטל אָן אַ ספּעציעלער הערלויבעניש: עס ווערן נישט געגעבן קיין נייע דערלויבענישן פאַר געשולטע יונגעלייט צו אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן; די ליסאַנצן פאַר טאַבאַק, ברויט, געטראַנקען און אַנדערע, ווערן צוגענומען פון די אידן און איבערגעגעבן פאַר אונגאַרישע. אין אַלגעמיין ווערן די אידן באַרויבט פון די הויפּט קוואַלן פון זייער פּרנסה. אָן אַ פּאַרוואָס ווערן אייניקע אַרעסטירט. דער ערשטער קרבן איז געווען אַ באַלעבאַטישער איד, דווקא אַ געוועזענער אונגאַרישער פּאַטריאָט, מיטן נאָמען משהלע מאָשקאָוויטש. אָט דעם משהלען האָבן די מאַדיאַרן אָן אַ פּאַרוואָס, סתם אַזוי זיך, פּלוצלינג אַרעסטירט. מען האָט אים געמוזט שטאַרק מאַטערן, ווייל אין משך פון אייניקע טעג האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה אין סיגעטער קרימינאַל.

אויב עס האָט זיך אפשר וועמען עס איז אויסגעדאַכט, אַז די מאַדיאַרן וועלן דיסקרימינירן צווישן אָרעם און רייך און אַז זיי וועלן אפשר האָבן מער דרך ארץ פאַר נגידים — האָט ער זיך סתם טועה געווען. אדרבא, מען האָט זיך שנעל איבערצייגט, אַז מיט נגידים מאַכן זיי זיך נאָך אַ קלענערן צימעס. זיי האָבן אָן אַ סיבה אַרעסטירט צוויי אָנגעזעענע אידן ווי ר׳ אנשל מענדעלאָוויטש און נאַנדאָר שטערן. עס האָט די מאַדיאַרן געלונגען פון

די דאָזיקע אידן אויסצופּרעסן היפּשע סומען געלט.

איטלעכן טאָג, טיילמאָל צוויי מאָל און דריי מאָל אין משך פון טאָג, גייט אַרום אַ פּייקלער איבערן שטעטל. ער שטעלט זיך אָפּ ביי איטלעכן געסל און פּייקלט אין זיין קליינעם פּויק ביז עס זאַמלען זיך אַרום אַ מאַסע מענטשן און נאָכדעם רופט ער אויס מיט אַ קלינגענדיקער באַפע־לערישער שטימע די נייעסטע גזירות וואָס אָנבעלאַנגט אידן:

— אַלע אידן, אָן אונטערשייד, מוזן זיך אויסטאָן די קאַפּעליושן בשעת זיי הערן זיך צו צו דעם אונגאַרישן נאַציאָנאַלן הימן — פאַר נישט אויס־פירן דעם דאָזיקן געבאָט וועט מען שווער באַשטראָפט ווערן!

— אידן זאָלן נישט שטיין אין די גאַסן אָדער לעבן זייער סינאַגאָגע און פּאָליטיקירן!

— אַלע אידישע יונגעלייט אין עלטער פון 20־22 יאָר וועלן אין קורצן הערהאַלטן איינלאַדונגען זיך צו מעלדן אין „מונקאַש־סאָלגאַלאַט" (אַרבעטס־באַטאַליאָנען — ספּעציעל פאַר אידן);

— אייגנטימערס פון קרעטשמעס, בעקערייען, קאָנדיטערייען, טרע־פיקן, אַפּטייקן א. א. וו. וועלן מוזן איבערגעבען זייערע געשעפטן צו אונ־גאַרישע וועטעראַנען.

אפילו גאַנץ קליינע שקאָצימלעך זיינען שוין געשולט געוואָרן דורכ־צופירן כוליגאַנישע שטיק: זיי וואַרפן שטיינער אויף אַלטע און שוואַכע אידן; ברעכן אויס די שויבן אין בתי־מדרשים. וואַרפן אַריין שטיינער אין אידישע הייזער וואָס טיילמאָל טרעפן זיי און שעדיקן אייניקע פונם הויזגעזינט.

וואָס שייך די מאַדיאַרישע פּרעסע, נישט געאַכט דערויף, וואָס אידן זיינען בכלל געטרייע לייענער פון נייעס, בכדי צו געפינען צווישן די שורות עפּעס אַ שטראַל פון ליכט, איז אָבער די אונגאַרישע פּרעסע מוקצה מחמת מיאוס. די פּרעסע איז אַזוי געדיכט אָנגעפּיקעוועט מיט אַנטיסעמיטיזם ווי אַ מילגרוים מיט קערנער. פאַרסמטע קערנער פול מיט גיפט און האַס צום אידן. די נירנבערגער געזעצן, וועלכע זיינען שוין אַדאָפּטירט געוואָרן אין פאַשיסטישן דייטשלאַנד, ווערן די טאָג־טעגלעכע טעמע פון דער פּרעסע. עס איז קענטיק אין אופן ווי די נירנבערגער געזעצן ווערן אַרומ־גערעדט און געלויבט, אַז זייער פיל אונגאַרן וואָלטן זיך געפילט גליקלעך ווען די אונגאַרישע רעגירונג וואָלט ווי אַמשנעלסטן ראַטיפיצירט די דאָזיקע געזעצן...

אונטער די דאָזיקע דערשיינונגען איז נישט שווער געווען צו פאַר־שטיין און תופס זיין בחוש, אַז די אמתע צרות הויבן זיך ערשט אָן.

נישט קענענדיק געפינען קיין טרייסט אין דער דאָזיקער אַזוי קריטי־שער לאַגע, האָבן פיל אידן אָפּגעריכט תעניתים. מען איז אָפט געגאַנגען אויפן בית־עלמין און איינגעריסן קברים ביי גוטע אידן, זיי זאָלן מליץ־יושר זיין אויפן כלל־ישראל; מען קומט זיך אָפּטער צוזאַמען אין שוהל צו הערן אַ וואָרט פון טרייסט און מתפלל זיין און זאָגן תהלים מיט מנין. ווען מען קומט צום פסוק „אלי, אלי למה עזבתנו״ (תהלים כ״ב), איז דער עולם פול מיט התלהבות און עקזאַלטאַציע... בכלל זענען די אידען אַצינד, מער ווי אַלעמאָל, מתפלל מיט אַזויפיל הכנעה און מיט אַזויפיל איבערגעבנהייט, בכדי אָפּצושרייען די גזרה פון אַן עת צרה היא ליעקב... עס איז פונקט איצט ראש־חודש אלול, ווען די שערי רחמים זיינען אָפן, וואָלטן די תפילות, על אחת כמה וכמה אוודאי געדאַרפט אָנגענומען צו ווערן ביי דער פמליה של מעלה.

יאָ ביידע דורות אידן, דער עלטערער ווי דער אינגערער דור, האָבן זיך שוין איבערצייגט, אַז דער מאַדיאַר זעט אויס צו זיין אַ פיל גרעסערער רשע ווי דער רומענער.

4

פונם פערטן ביז צום פינפטן סעפטעמבער 1940 איז די לעצטע דאַטע פאַר די רומענער צו עוואַקואירן די סיגעטער און די מאַראַמאַראָשער געגנט און פלאַנמעסיק סוקסעסיוו אָפּרייניקן די טעריטאָריע. אין משך פון די קומענדיקע צוועלף טעג וועלן די רומענישע חיילות מוזן פאַרלאָזן דעם געביט פון צפון־טראַנסילוואַניע. אין אָט דער דערמאָנטער דאַטע איז אַ קליינער גרענעץ־פּאַס פון עטלעכע קילאָמעטער געבליבן אומבאַ־וואַכט. די געוועזענע רומעניש־פוילישע גרענעץ פון גאַליציע וועלכע איז זייט דעם יאָר 1939 (זייט רוסלאַנד האָט אָקופּירט פוילן בשותפות מיט דייטשלאַנד) געוואָרן די רומעניש־סאָוועטישע גרענעץ. די דאָזיקע גרענעץ איז אַצינד פריי, אָן וועכטער. די רומענישע גראַניטשאַרן (גרענעץ־וואַך) זיינען שוין דאָרט נישט בנמצא און די אונגאַרישע האָטאַר־ערשעג (גרענעץ־וואַך) האָבן באַכנישט באַוויזן צו פאַרנעמען זייער פּאָסטן.

איז אויב די סאָוועטישע גרענעץ איז בלויז באַוואַכט פון איין זייט, פון

דער סאָוועטישער זייט, פּאַרוואָס זשע טאַקע זאָלן עס נישט אויסנוצן אַ וואַזשנע געלעגנהייט די וועלכע האָבן אַמאָל געחלומט פון אַ סאָוועטישן גן־עדן? עס איז ממש אַזוי גרינג אַריבערצוכאַפּן זיך אינם סאָוועטישן גן־עדן אַריין, אַז מען דאַרף נישטאַמאָל אויסצושטיין חיבוט־הקבר...

די געלעגנהייט האָט צעשפּילט און ממש עלעקטריזירט די פאַנטאַזיעס און די מוחות פון פיל מאַראַמאַראָשער און טראַנסילוואַניער יונגעלייט. אויב עס האָט ווען עס איז, ווען עס איז, אַמאָל געצויגן אַהינצו, האָט דער יעניקער אָציגד די בעסטע געלעגנהייט!

פאַר די סאָוועטישע פּאַגראַניטשניקעס (גרענעץ־וואַך) איז דאָך נישט שייך וואָס מורא צו האָבן! אויב די רומענישע און די אונגאַרישע גרענעץ־וועכטער זיינען אין דער בחינה פון מלאכי־חבלהניקעס זיינען דאָך אוודאי די רוסישע גרענעץ־וועכטער די אמתע מלאכי־השלום. אויב נישט אַזוי, קומט דאָך אויס, אַז די וועלט איז כולו חייב!... קוים איז דאָס געלויפעניש פלאַנירט געוואָרן האָבן זיך עס גענומען לויפן אין דער ערשטער רייע יונגוואַרג, אינגלעך און מיידלעך. עס האָבן זיך אָבער אויך, אין אַ קלענערן מאַסשטאַב, אַנגעשלאָסן צו דער חברותא חתנים און כלות. עס האָבן אויך נישט אויסגעפּעלט פאַרהייראַטע פאַרלעך מיט קינדער און אָן קינדער, ווי אויך מיטליעריקע און עלטערע מענער, אַזוי קריסטן ווי אידן. מער אידן ווי קריסטן, ווייל די אידן האָט זיך ענדער אויסגעדאַכט, אַז זיי גייען זיך ראַטעווען פון אַ שרפה מיט אַן אַנטיסעמיטישן אונטערשלאַק. פון וועמען ראַטעווען זיך עס די קריסטן?...

אייניקע מענער האָבן זיך אָפּגעשמועסט מיט די פרויען, אַז פריער וועלן זיי אַליין גיין, און אַז עס וועט זיך לויבען, וועלן זיי נאָכדעם אַרויס־פאַרלאַנגען זייערע לייב אייגענע...

נישט פיל פון די דאָזיקע „מעפּילים" האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ גענויעם דין־וחשבון וועגן זייער איבערגעאיילטן שריט; זיקער ווייניק האָבן געטראַכט, אַז נאָך אָט דער דאָזיקער אַוואַנטורע וועלן זיי שוין אפשר מער קיינמאָל נישט זען זייערע נאָענטע און אייגענע. מען זאָל אוודאי נישט געפּרוואוט וזערן, אַז מען זאָל מוזן אין דער איילעניש דעצידירן און האַזאַרדירן וועגן אַן ענין פון לעבן און טויט!

די צייט איז געווען צו קורץ.

קוים האָט מען זיך אַנטשלאָסן און דעצידירט דורכצופירן אין פּראַקטיק דעם געוואַגטן שריט, האָט מען איינמאָל פאַר אַלעמאָל געמוזט אויסוואַרצ־

לען אַלערליי סענטימענטן פון האָרצן: „הירא ורך הלבב ילך וישיב הביתה״ — די וואָס האָבן מורא און זיינען סענטימענטאַל זאָלן זיך צוריק אומקערן אַהיים! — אַזוי האָבן געטענהט די קאָנזאַקוועגטע צו די וואַקלדיקע. די אַנטשלאָסענע האָבן מאָטיווירט זייער באַשלוס:

— וואָס משטיינס געזאָגט קאָנען מיר און אונזערס גלייכן פאַרלירן? מיר זעען שוין די גרויסע גליקן פון דער נאָענטער צוקונפט! די שריפט איז אויף דער וואַנט און מיר פילן שוין באַצייטנס וואָס מיר קענען זיך דערוואַרטן פון די מאַדיאַרישע פאַשיסטישע כוליגאַנעס!...

איבערהויפּט וואָס שייך יונגעלייט אין מאָביליזאַציע עלטער — די דאָזיקע יונגעלייט האָבן שוין באַצייטנס צו גוט געוואוסט, אַז מען וועט זיי מאָביליזירן און איזאָלירן אין ספּעציעלע אידישע אַרבעטס־באַטאַליאָנען (מונקאַש־סאַלגאַלאט), וואו די באַדינגונגען זיינען ערגער ווי אין קרימינאַל. די דאָזיקע יונגעלייט האָט עס ממש אויפגעשווידערט ווען זיי האָבן געטראַכט וועגן זייער גורל; אין זייער פאַראַכטונג צום אונגאַרישן פאַשיסטישן רעזשים, זאָלן זיי זיך לאָזן וואָלונטיר מאָביליזירן און נאָכדעם זיין געצוואונגען צו שקלאַפעריי? עס איז דאָך דאָס זעלבע ווי קושן די רוט וואָס שמייסט!...

צווישן די וועלכע האָבן זיך ביי דער ערשטער וואזשנער אויסערגע־וויינלעכער געלעגנהייט געריסן אַריבערצושפּרייזן די סאָוועטישע גרענעץ, האָבן זיך געפונען אַ באַדייטנדע צאָל אַקטיווע קאָמוניסטן. די דאָזיקע האָבן זייער גוט געוואוסט, אַז מיט זייער אַקציע באַגייען זיי אַ פאַרברעכן לגבי זייערע קאָמוניסטישע פּרינציפּן. איבערגעגעבענע כאוויירים דאַרפן בלייבן אויפן אָרט און העלפן דורכפירן די רעוואָלוציע אין קלאַסן־קאַמף פון די אַרבעטער מאַסן; אינם קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט מיט דער פינסטערער בורזשואַזיע — און נישט דעזערטירן צום גרייטן, וואו די רעוואָלוציע פון אַרבעטער קלאַס איז שוין אַן אויסגעקעמפטע, אַ געשעענער פאַקט. זייער פיל קאָמוניסטן, שקלאַפן פון זייער אייגענער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, האָבן נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון.

אין אמתן זיינען מייסטנס געלאָפן אַזוינע וועלכע האָבן געפילט, אַז אויב אַ פאַרברעכן ווערט באַגאַנגען איז עס בלויז אַקעגן דעם מאַדיאַרישן פאַשיזם, וועלכן זיי וואָלטן גערן אויסגעמיטן, אָבער אַקעגן דעם סאָוועטנ־פאַרבאַנד — וואָס פאַר אַ פאַרברעכן איז דאָ שייך?!

אינדיווידועל בין איך נישט געווען צווישן די וואָס האָבן אויסגענוצט די ערשטע געלעגנהייט און געלאָפן אויף יענער זייט סמבטיון, — ווי אַ טייל אידן פלעגן אָנרופן די סאָוועטישע גרענעץ.

לכתחילה האָב איך דווקא געפילט אַ ווידערווילן אַקעגן אַזאַ מין אַקט. אָבער נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלעבט צוויי חדשים אונטערן נייעם רעזשים, האָט זיך ביי מיר געשאַפן אַ לאַגע, וואָס איך האָב נישט געזען פאַרן מאָמענט קיין אַנדערע ברירה ווי צו מאַכן פליטה.

איך בין קיינמאָל קיין קאָמוניסט נישט געווען (כאָטש איך האָב, ווי פיל מיינס גלייכן, אונטער די אומשטענדן, זיך ענדער אידענטיפיצירט מיטן קאָמוניזם איידער מיטן הערשנדן פאַשיסטישן רעזשים) און איך האָב קיינמאָל נישט אָנטיילגענומען אין קאָמוניסטישע טעטיקייטן. איך האָב זיך אין אַלגעמיין זייער ווייניק אינטערעסירט מיט וועלט־פּאָליטיק. איך בין געווען אַן אַקטיווער טוער אין ציוניסטישע קרייזן, אָנהייבנדיק פון זיין אַ מיטגליד אין דער „אגודה", נאָכדעם אין „מזרחי" און אין 1940 איך „השומר הצעיר". עס האָט מיך זייער ווייניק אינטערעסירט די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. פאַרקערט, איך האָב געפילט אַ שטאַרקן ווידערווילן צו אייניקע אַקטיווע כאַוויירים, וועלכע האָבן געוואָלט שאַפן דעם איינדרוק צווישן די אידישע מאַסן, אַז זיי זיינען עס די איינציקע אין דער ערשטער ריי זיך מקריב צו זיין לטובת אידישע אינטערעסן. דער בעסטער באַוויז פאַר מיר, אַז די קאָמוניסטישע רייד זיינען בלויז באָמ־באַסטישע פּראָפּאַגאַנדע און סתם דעמאַגאָגיע, איז געווען דער פאַקט פונם אונטערגעשריבענעם אָפּמאַך צווישן מאָלאָטאָוון און ריבענטראָפּן...

אַדאַנק דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע זיינען פיל יונגעלייט געכאַפּט געוואָרן אויף דער ווענטקע, אַז אין רוסלאַנד איז ממש אַ גן־עדן. די שלעכטע לאַגע, אַזוי פּאָליטיש ווי עקאָנאָמיש, האָט אין אַלגעמיין פיל צוגעשפּילט דערצו, אַז אפילו פיל רעליגיעזע קרייזן זאָלן, אונטער די אומשטענדן זען, אַז די איינציקע ישועה קאָן קומען בלויז פונם קאָמוניזם.

פיל האָבן זיך אָבער געכאַפּט, אַז אידישע אינטערעסן און קאָמוניזם זיינען אַזוי ווייט איינס פונם צווייטן ווי מזרח פון מערב. האָבן זיך טאַקע פיל יונגעלייט, וואָס האָבן באַלאַנגט צו ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, זיך אָרגאַניזירט אין אַ זעלבסט־שוץ־אָפּטיילונג. אויך איך האָב געהערט אין אַט דער אָפּטיילונג. סיי ווי האָבן שוין אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס געהערט צום אונטערגרונט, וויל ציוניזם איז ביי די מאַדיאַרן פּראָקלאַ־

מירט געוואָרן אַלס אומלעגאַל. די אָנטיילנעמער אין דער זעלבסט־שוץ־איינהייט האָבן געהאַט בלויז איין אויפגאַבע: צו שטיין אויך הער וואַך און אין זינען האָבן בלויז אידישע אינטערעסן. וואָס אין זינען צו האָבן איז געווען געננג, איבערגעננג! מען האָט אין דער ערשטער ריי געמוזט באַוואַכן די בתי־מדרשים, שטיין אויף דער וואַך, צי אַ כוליגאַן פאַר־גלוסט זיך נישט צו איזדעקעווען איבער אַ אידן, רעאַגירן אויף נייע גזירות און ווען נאָך מעגלעך זיך אָקעגן שטעלן. עס איז אונדז, זעלבסט־שוץ־מיטגלידער, פיל מאָל געלונגען אָפּצוהרעכענען זיך מיט איניקע מאַדיאַרישע כוליגאַנעס און עס איז געווען שאַ־שטיל, ווי גלייך גאָרנישט וואָלט פּאַסירט...

אזוי איך, ווי מיינער אַ יוגנט חבר, איציק בער יונגער, זיינען געווען אַריינגעמישט אין אַן אַקציע פון דעם סאָרט און עס האָט אונדז געדראָט אַן ערנסטע געפאַר...

וואָס זאָלן מיר אַצינד טאָן? וואו וואָלטן מיר זיך געקאָנט אויסבאַ־האַלטן, אַז מיר זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער מאַדיאַרישער פּאָליציי וואו מיר וועלן זיכער פאַרפייניקט ווערן צום טויט כדי מיר זאָלן אַרויסגעבן די נעמען פון אַלע אָנטיילנעמער.

וואָלטען מיר געזען פאַר זיך אַן אויסוועג און געהאַט אַ ברירה צו לויפן פון אונגאַרן קיין ארץ־ישראל (אָדער אין וועלכער עס איז מדינה וואו מיר וואָלטן זיך געקאָנט מציל זיין) וואָלטן מיר אָן צווייפל עס געטאָן. אָבער וואו זיינען מיר און וואו איז ארץ ישראל?!

אַזוי אַרום האָט זיך ביי אונז אויסגעפיקט דער געדאַנק, אַז אונטער די אומשטענדן וואָלט געווען אַמגלייכסטן ווען מיר מאַכן פּליטה קיין רוסלאַנד אַזוי ווי אַנדערע האָבן עס געטאָן מיט צוויי חדשים צוריק. מיר האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן!

די פּראָבלעם און אַ ריי אַנדערע פּראָבלעמען, ווי די מורא, אַז איך וועל אינקורצן דאַרפן גיין דינען אין ספּעציעלן אידישן אַרבעטס־באַטאַליאָן, האָבן מיך אַריינגעבראַכט אין אַ מין דילעמאַ וואָס איך האָב געמיינט, מיט מיין אינגן און נאַאיוון שכל, אַז עס איז עק וועלט און אַז עס וועט זיין בעסער פאַר מיר און פאַר מיינע בידנע עלטערן, אַז איך זאָל זיך באַצייטנס אָפּטראָגן און מאַכן פּליטה...

5

איך בין דערצויגן און אויפגעוואַקסן אין אַ שטרענג רעליגיעזער און חסידישער היים. איך בין נאָך קיין צען יאָר נישט אַלט געווען ווען איך האָב שוין געכאַפּט שיריים ביי מערערע רביים. מיין פאָטער איז געגאַנגען אין לעבן איך זאָל זיך אויסלערנען דעם ערשטן חלק יורה דעה אויף אויסנווייניק און ווערן אַ מורה־הוראה... זייענדיק דער אינגסטער צווישן ניין קינדער, האָט מיין פאָטער אויף מיר געלייגט גרויס געוויכט, אַז זיין חלום, צו האָבן אַ זון אַ דיין אָדער אַ רב, זאָל אין מיר פאַרווירקליכט ווערן. אין אָנהויב האָט זיך מיין פאָטער אויסגעוויזן, אַז ער האָלט מיט מיט אויף אַ דרך: אין הלכות מליחה און אין בשר וחלב האָב איך שוין געשוואומען ווי אַ פיש אין וואַסער... נאָר ווען עס איז געקומען צו תערובות (דער דריטער טייל פון ערשטן חלק יורה דעה) האָבן זיך מיר מיינע געדאַנקען צעמישט (דאָס וואָרט „תערובות" איז די טייטש: צעמישונג)... אנשטאָט איך זאָל אָנגיין מיט מיין לערנען מחיל אל חיל און שטייגן, צו זיין אין דער בחינה פון לעילא־ולעילא, העכער און העכער, בין איך גאָר געוואָרן אַ נחות־דרגא און געזונקען נידעריקער און נידעריקער. איך האָב זיך שפּעטער געפרעגט די קבלהשע קשיא: „על מה ולמה ירדה הנשמה מאיגרא דרמה, לבירה עמיקתה?" (פאַרוואָס און פאַרוועןְ, איז די נשמה אַרונטער פון די הויכע ספערן אין די טיפענישן פון אַ גרוב?)...

דער וואונטש פון מיינע עלטערן צו דערלעבן נחת פון זייער מוזיניק איז געווען בלויז אַ שיינער חלום פון אַ פרילינג־נאַכט וועלכער האָט זיך געענדיקט אין אַ קאָשמאַר; עס האָט זיך דערפון אויסגעלאָזן אַ בוידעם!

= ◉ =

ווי שוין געזאָגט פריער, בין איך געשטאַנען פאַר אַ דילעמאַ, נישט וויסנדיק וויאַזוי זיך אַן עצה צו געבן.

מיין הויפּט פּראָבלעם אין דעם מאָמענט איז געווען: וויאַזוי וואָלט איך געקאָנט אויסמיידן אומאָנגענעמלעכקייטן מיינע עלטערן? אָדער בעסער געזאָגט: וויאַזוי האַנדלען, אַז מיינע עלטערן זאָלן צוליב מיר האָבן וואָס ווייניקער צרות? זאָל איך בלייבן אינדערהיים, אין סיגעט ביי די מאַדיאַרן, וועט מען מיך, פריער אָדער שפּעטער, אַרעסטירן. דאָס וועט זיין אַ גרויסער

קלאַפּ פאַר מיינע עלטערן; דערציילן זיי אין מיצקע דערינען פון מיין ליבע וועלכע איך האָב געהאַלטן בסוד?... איז וואָס טוט מען?!

אפשר וואָלט טאַקע געווען דאָס בעסטע, אַז איך זאָל אַנטלויפן וואו די וועלט האָט אַן עק? אָבער וואָס טו איך מיטן מיידל אין וועלכער איך בין פאַרליבט און האָב איר געשוואוירן אייביקע ליבע?...

די דאָזיקע מיידל, לאָמיר זי רופן ב., האָט אַ קראַנקע מוטער. צי וועט זי זיין וויליק איבערלאָזן איר קראַנקע מוטער און גיין מיט מיר?

מיין באַשלוס צו שוואַרצן די גרענעץ איז געווען געפּאַסט און די אַראַנזשירונגען זיינען שוין געווען צוגעגרייט.

ב. האָט זיך לסוף פאַרטרויט פאַר אירע עלטערן. אירע טאַטע־מאַמע, מאָדערנע מענטשן, האָבן זי זייער גוט פאַרשטאַנען און האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט. אויב עס האַנדלט זיך אין זייער טאָכטערס גליק איז גאָרנישט שייך! ווילנדיק, נישט ווילנדיק, האָבן זיי בעל כורחם אַזוי מסכים געווען, אַז ב. זאָל מאַכן פליטה מיט מיר צוזאַמען.

ביים געזעגענען זיך מיט מיינע צוקונפטיקע שוויגער־עלטערן (זיי זיינען מיר געוואָרן פאַרוואַנדטע, ווען זיי האָבן שוין נישט געלעבט) האָב איך זיי גאַנץ מונטער געזאָגט:

— איר באַדאַרפט גאָר קיין מורא נישט האָבן, עס וועט, אם ירצה השם, אייער טעכטערל גאָרנישט שאַטן! האָפנטלעך וועט איר נאָך פיל נחת דערלעבן פון איר.

— גיב אַכטונג אויף איר — בעט זיך ב.'ס מוטער ביי מיר פון איר קראַנקן בעט — גיב אַכטונג אויף איר, זי איז מיינע אויגן אין קאָפּ!

ביים פאַרלאָזן דאָס הויז ווענד איך זיך צו ב.ן:

— פאַרגעס נישט, טייערע, פּונקט פינף אַזייגער טרעפן מיר זיך ביים גרויסן וואָקזאַל, פּונקט פינף אַזייגער!

מיר האָבן זיך הייס געקושט און זיך נאָכגעקוקט איינער דעם צווייטן, ווי גלייך מיר וואָלטן געווען פאַרויס געפילט, אַז מיר וועלן זיין אָפּגעזונדערט פאַר אַ לאַנגער צייט... איך האָב זיך מיט האַסטיקע שריט געלאָזט גיין אַהיים.

6

איצט האָב איך באַדאַרפט דערציילן מיינע עלטערן, אַז היינט וועל איך זיי פאַרלאָזן.

עס איז מיר נאָך געווען פריש אין זיכרון וואָס איך האָב איבער־געלעבט ווען מיינע עלטערן האָבן זיך געזעגנט מיט מיינע עלטערע צוויי שוועסטער און צוויי ברידער וועלכע זיינען אַוועקגעפאָרן איבער׳ן גאָלדענעם לאַנד, קיין אַמעריקע. איך בין דעמאָלט נאָך געווען גאָר אינגר אָבער עס איז מיר געלעגן אין טעם דער טרויער און דער ווייטיק וואָס איך האָב איבערגעלעבט צוזאַמען מיט מיינע עלטערן; די סצענעס פון געזע־גענען זיך און די טראַומע וואָס גייט דערמיט קאָן מען אַזוי שנעל נישט פאַרגעסן. וויפיל טרערן די עלטערן האָבן פאַרגאָסן בעת און נאָכן געזעגענען זיך, ביחידות, און וויפיל תהלים זיי האָבן עס געזאָגט פאַרן וואוילזיין פון די אַוועקגעפאָרענע!...

אַלע מיינע ברידער און שוועסטער, אַכט אין צאָל, זיינען שוין געווען פאַרהייראַט נאָר איך, דער ניינטער, בין געווען דער איינציקער וואָס איז געבליבן אין הויז מיט די עלטערן, איז וויאַזוי קאָן איך עס פּלוצים אַרויסקומען מיט לשון, אַז איך לאָז זיי אָבער?

עס איז געווען אַ שפּעט האַרבסטיקער טאָג אין 1940. אינדרויסן האָט געבושעוועט אַ זאַווערוכע, אַז ס׳איז געווען אַן עבירה אַ הונט אַרויס־צולאָזן. די טיסאַ און די איזאַ, די טייכן וואָס רינגלען אַרום דאָס שטעטל, האָבן געשטורעמט און געברוועט ווי בלוט־דורשטיקע חיות; אָט רייסן זיי זיך אַריבער די ברעגעס גרייט איינצושלינגען גאַנץ סיגעט. די וואָלקנס הענגען ווי שווערע אָנגעלאָדענע באַלונען וואָס זיינען גרייט צו עקס־פּלאָדירן, אָט, אָט פּלאַצן זיי און גיסן אויס מיט גרימצאָרן זייער אָנגע־לאָדענע מאַסע, איבער דער געגנט, ווי עס האָט שוין אַ מאָל פּאַסירט אין סדום און עמורא, — כאָטש אין סיגעט זיינען פאַראַן גענוג גוטע אידן, צדיקים, אין וועמענס זכותים די גזירה וואָלט געדאַרפט בטל ווערן...

איך קום אַריין אין הויז. דער טאַטע איז, ווי געוויינלעך, פאַרטיפט אין אַ ספר, די מאַמע קוקט איבער די געוואַשענע גרעט, צי עס פעלט נישט אַ קנעפּל אין אַ העמד, צי מען דאַרף סתם עפּעס פאַרריכטן. אין שטוב איז האַלב פינסטער. מען דאַרף ווי ווייט מעגלעך שפּאָרן ליכט... איך האָב זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב אַריין כמעט ווי אַ גנב, אַזוי אַז די עלטערן האָבן מיך קוים באַמערקט. דער טאַטע רונצלט זיין שטערן און גלעט זיך זיין לאַנגע ווייסע באָרד, די מאַמע שעפּטשעט אַ תפילה.

זייענדיק אין אַ פאַרלעגנהייט האָב איך נישט געוואוסט פון וואָס אָנצוהויבן. מיין מוטער האָט די ערשטע אַזויווי באַמערקט מיין פאַר־

לעגנהייט.

— אַ שיינער וועטער אינדרויסן, האַ? וואָס שטייסטו עפּעס ווי אַן אורח, ווי איינער וואָס ווייסט אַליין נישט, צי קומט ער, צי גייט ער?

מיין מוטער האָט זיך בשעת מעשה געווענדט צו מיין פאָטער מיט נישט ווייניק אינטערעס:

— כאַפּ אָקאָרשט אויף אים אַ בליק ווי ער איז עס דורכגעווייקט דורך און דורך! — נאָכדעם מיט דעם זעלבן טאָן צו מיר — טו זיך אויס דעם ראָק און פּיל זיך ווי אין דער היים...

— יאָ, מאַמעלע, — בין איך מיט איר מסכים — עס איז אַ פּאַסקודנע וועטער אינדרויסן און אַ ביטערע צייט אין אַלגעמיין...

איך האָב זיך אויסגעטאָן דעם ראָק געמיטלעך און אינצווישן האָב איך זיך געפּאַסט מוט כדי ווייטער צו רעדן:

— פאַר מיר ווי פאַר אַלע אידישע יונגעלייט אין אונגאַרן איז נאָך ערגער! אָט דאַרפן מיר זיך גיין מעלדן צום אַרבעטס־באַטאַליאָן. לויט ווי די וועלכע האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון דעם אַרבעטס־באַטאַליאָן דערציילן, לעבט מען דאָרט איבער אַ היפּש ביסל מיזעריעס. די אָפיצירן אױזדעקעווען זיך איבער אחנו בני ישראל אויף שריט און טריט. עס זעט דאָרט אויס ווי אַ גיהנום. איך האָב קיין אַנונג נישט וויאַזוי איך וואָלט זיך, על פּי דרך הטבע, געקאָנט אַרויסדרייען פון די רשעים.

גאָט וועט העלפן! — טרייסט מיך מיין מוטער מיט אַ האַלב טרויע־ריקער און אַ האַלב מונטערער שטימע — וועסט זען, מיין קינד, גאָט האָט אונדז נישט פאַרלאָזט ביז איצט און ער וועט ווייטער נישט פאַר־לאָזן דעם כלל ישראל מיט אונדז צוזאַמען.

דאָ האָט זיך שוין דער טאַטע אויף אַריינגעמישט, נישט געאַכט דערויף וואָס ער איז מפסיק אינמיטן פון זיין שיעור.

— צי מיר האָבן אַ גרויסן גאָט?! — דער טאַטע רעדט מונטערער און אַביסל העכער פון דער מאַמע — גאָרנישט ווערט נישט אָפּגעטאָן אויף דער וועלט אָן דעם ווילן פון הקדוש־ברוך־הוא. אפילו אַ בלאַט אויף אַ בוים רירט זיך נישט אָן זיין רצון; מען טאָר זיך נישט מיאש זיין אפילו ווען אַ שאַרפע שווערד ליגט שוין אויפן האַלדז, רחמנא־ליצלן! „כל מה דעביד רחמנא לטב עביד״, זאָגן אונדזערע חז״ל, דאָס הייסט, אַז מען דאַרף אַלעס אָננעמען באהבה.

— טאַטע — זאָג איך אָפּהענטיק מיט אַ קוים הערבאַרער שטים —

טאַטע, עס גייט איצט די סדרה לך־לך?

— יאָ, מיין זון, — ענטפערט מיר דער טאַטע מיט דער זעלבער מונטערקייט — אַט לערן איך טאַקע דעם „חק־לישראל" ליום א׳: „לך־לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך" — כביכול האָט געזאָגט צו אברהם אבינו, עליו השלום, „גיי אַוועק פון דיין לאַנד און פון דיין געבורטס־אָרט און פון דיין פאָטערס הויז — גיי צו דעם לאַנד וואוהין דיינע אויגן וועלן דיך טראָגן!" ווי דו זעסט, מיין זון, איז אויך אונדזער פאָטער אברהם געפּרואווט געוואָרן מיט פאַרשידענע ניסיונות און ער איז זיי אַלע בייגעשטאַנען, ווי אונדזערע חכמנו זכרונם לברכה זאָגן אין פרקי אבות: „„מיט צען ניסיונות איז אברהם אבינו געפּרואווט געוואָרן און ער האָט זיי אַלע בייגעשטאַנען".

— יאָ, מיינע טייערע עלטערן, אויך איך שטיי אַצינד פאַר אַ גרויסן ניסיון, נישט קיין קלענערן ווי אברהם אבינו! — אָנשטרענגנדיק זיך מיט אַלע כוחות פון מיינע חושים האָב איך ענדלעך אַרויסגעבראַכט וואָס עס האָט מיך געדריקט ביי דער נשמה:

— מיינע טייערע עלטערן, נאָך אין פאַרלויף פון היינטיקן טאָג וועל איך מקיים זיין דעם ניסיון פון „לך־לך"...

איך האָב מיינע עלטערן אין קורצן אויפגעקלערט אין וואָס עס האַנדלט זיך, און אַז דער דאָזיקער שריט מיינער איז אומפאַרמיידלעך. עס האָט זיך מצד מיינע עלטערן אָנגעהויבן די ריכטיקע קלאָג...

די מאַמע האָט אָנגעהויבן יאָמערלעך וויינען. אָבער אַז זי האָט געזען, אַז מיט איר געוויין מאַכט זי נאָך גרעסער די טראַגעדיע, האָט זי פּרובירט זיך קאָנטראָלירן און זיך ווי ווייט מעגלעך צוריקגעהאַלטן פאַר אַ ווילע. זי האָט אָנגעהויבן מיר איינצופּאַקן צידה־לדרך, אָנטועכטס און אַנדערע קליינקייטן, ווי מען פּאַקט געווייגלעך איין פאַר אַ זון וואָס דאַרף אַוועקגיין צום מיליטער. איך האָב נישט נאָכקאָנטראָלירט מיין מוטער וואָס זי פּאַקט מיר איין אין מיין טשעמאָדאַנטשיק. איך האָב געוואוסט, אַז איך קאָן זיך אויף איר גאַנץ גוט פאַרלאָזן... נאָר דאָך האָב איך באַמערקט ווי זי לייגט אַריין פּלאַנעלענע אונטערוועש:

— פאַרוואָס, מאַמעניו, — פרעג איך זי אַ פאַרוואונדערטער — פּאַקסטו מיר אַריין אַזוינע שווערע זאַכן? דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך פאַרטראָג נישט קיין שווער אָנטועכץ.

— נעם עס נאָר מיט מיין קינד — זאָגט מיר מיין מוטער, כמעט

בעטנדיק זיך, — נעם עס נאָר מיט, ווייל אין רוסלאַנד איז שטאַרק קאַלט! חוץ דעם קאָנסטו נישט וויסן, צי די רוסן וועלן דיך נישט פאַרשיקן קיין סיביר...

וואָס אַ מאַמען קאָן אַלץ נישט איינפאַלן!

— הלוואי — זאָגט זי ווייטער מיט פיל זאָרג — הלוואי, דו זאָלסט נאָר נישט געפּרואווט ווערן און זאָגן, אַז דיין נאַרישע מאַמע האָט רעכט געהאַט!...

צוזאַמענלייגנדיק מיינע זיבן זאַכן (איינצווישן אַ סידורל און מיינע תפילין — וואָס איך האָב ערשט שפּעטער, שוין אַרעסטירטערהייט אַנט־דעקט) האָט זיך מיין מוטער מער נישט געקאָנט צוריקהאַלטן פון וויינען:

— אַט אַזוי האָב איך עס אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן לאַנג און דערצויגן ניין קינדער — רעדט מיין מוטער ווי צו זיך אַליין וויינענדיקערהייט — איך האָב זיך געשפּאָרט דעם ביסן פון מויל אפילו, גאָרנישט איז מיר געווען צו טייער. אַלעס אין דער וועלט האָב איך אָנגעווענדט, אַז איך זאָל דערציען מיינע קינדער אין אידישן גייסט. אויף דער עלטער, ווען עס וואָלט שוין געווען די העכסטע צייט אַביסל נחת צו דערלעבן, בלייבן מיר איבער אַליין — — —

די איבעריקע ווערטער, וואָס זי האָט געזאָגט זענען דערטרונקען געוואָרן אין איר געוויין. איך האָב בלויז נאָך אַרויסגעכאַפּט די ווערטער ווי „לוויה", „קדיש", „מוזיניק" און נאָך אַזוינע אָפּגעריסענע ווערטער פון וועלכע עס איז שווער צוזאַמענצושטעלן אַ זאַץ, אָבער איטלעכס וואָרט אָן און פאַר זיך האָט אַ באַדייטונג...

עס האָט שיער נישט געהאַלטן דערביי, אַז איך זאָל זיך איינברעכן און אויפגעבן מיין פּלאַן און זאָל געשען וואָס עס וועט געשען!

דער טאַטע האָט אַ מידער זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול און ער האָט שווייגנדיקערהייט געשפּרייזט איבערן צימער אַהין און צוריק. ער האָט זיך געצופּט די ברעמען און די באָרד, זיינע אַ געוואוינהייט ווען ער איז נערוועז, און ער האָט נישט אַרונטערגענומען זיינע בליקן פון מיר. זיין שווייגן האָט מיך אויפגעטרייסלט נישט ווייניקער ווי די מאַמעס וויינען...

די מאַמע שטופּט אַריין אין מיינע קעשענעס לימענעס, צוקערקעס, צוויבאַק, אַן עפּל און אַנדערע נאַשערייען. איך קוק זי אָן פאַרוואונדערט, ווי איינער רעדט: „צו וואָס אָט די אַלע שמאַכטעס? ווי גלייך איך וואָלט זיך געגרייט צו אַ פּיקניק".

איידער איך האָב זיך געזעגנט מיט די עלטערן האָט מיין פאָטער אומבאַדינגט געוואָלט, אַז איך זאָל זאָגן „תפלת־הדרך". איך האָב אים צוליב געטאָן. אויך האָט מיין פאָטער מיר געוואָלט מיטגעבן אַ מטבע לשם צדקה, כדי איך זאָל קענען געבן צדקה ווען איך וועל בשלום אָנקומען צו מיין געגאַרטן אָרט און אַזוי אַרום וועל איך ווערן אַ שליח־מצווה, און אונדזערע חז"ל זאָגן, אַז „שלוחי מצווה אינן ניזוקין" — אַז אַ שליח־מצווה ווערט נישט געשעדיקט, אָדער געשטרויכלט אונטערוועגס. דער טאַטע האָט אָבער אינצווישן חרטה געקראָגן:

— אַזאַ מין מטבע איז דאָרטן פאַרבאָטן, איז דעריבער די גאַנצע סגולה, פון לכתחילה אַ תפלת־שוא...

שטיקנדיק די טרערן אין זיך און צוריקהאַלטנדיק זיך פון וויינען, האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע עלטערן. איך האָב זיי געווינטשן, אַז זיי זאָלן האָבן אַ גרינגן עלטער און אַז זיי זאָלן נאָך דערלעבן פיל נחת פון זייערע קינדער און אייניקלעך. מיינע לעצטע ווערטער ביים געזעגענען זיך מיט זיי זיינען געווען אומגעפער אין פאָלגנדן נוסח:

— איר זאָלט זיך גאָרנישט זאָרגן וועגן מיר. וואָס שייך מיך, וועט זיך אוודאי אַלעס, אם ירצה השם, ענדיקן בכי טוב. אויך זאָלט איר זיך נישט זאָרגן, אויב איר וועט נישט דערהאַלטן פון מיר קיין שרייבן אין דער גאָר נאָענסטער צוקונפט. בעסער האָט זיך איינזינען אין אַזוינע גורלדיקע טעג...

אין דאָזיקן מאָמענט האָב איך אַזויווי פאָרגעפילט, אַז איך וועל שוין מער קיינמאָל נישט זיין אין פאַרבינדונג מיט מיינע עלטערן, נישט פערזענלעך ווי אויך נישט שריפטלעך.

די עלטערן האָבן מיך אַרויסבאַגלייט און זיינען מיר לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען ביז צום געסל וואו איך האָב זיך געדאַרפט פאַרקירעווען. ווען איך האָב זיך געהאַלטן אין פאַרקירעווען אין צווייטן געסעלע אַריין, האָב איך צוריקגעווענדט מיינע בליקן אַהינטערווייַלעכטס און איך האָב נאָך אַ מאָל געכאַפּט אַ בליק אויף מיינע אָרעמע אומבאַהאָלפענע עלטערן. מיר האָבן זיך פאַקטיש דעמאָלט צום לעצטן מאָל געזען... איך וועל אָט דעם בליק קיינמאָל נישט פאַרגעסן!...

מיינע עלטערן, שבתי בן פסח און חיה בת דוד, זיינען ביידע אומגעקומען אין אוישוויץ, כ"ה איר תש"ד, צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע סיגעטער קדושים. השם ינקום דמם!

7

מיין אויסדערוויילטע, ב., האָט נישט געהאַלטן וואָרט. זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיין פינף אַזייגער ביים וואָקזאַל. אויפן מאָמענט האָט מיך שטאַרק געוואונדערט און איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין די סיבה. זייט איך האָב זי געקענט איז זי געווען אַלעמאָל זייער פינקטלעך. איר פינקטלעכקייט האָט אין אַ געוויסן זינען אויף מיר משפיע געווען, וואָס איך האָב זיך אין איר פאַרליבט. פונקט אַצינד, ווען איר פינקטלעכקייט איז געווען אַזוי שטאַרק וויכטיק, טוט זי מיר דווקא אָפּ אויף טערקיש! איך האָב אין משך פון געציילטע סעקונדן איבערגעטראַכט פאַרשידנס: אפשר האָט זי אינצווישן חרטה געהאַט; צי איז נישט פּלוצלינג עפּעס געשען מיט איר קראַנקער מוטער; אָדער אפשר האָבן די עלטערן חרטה און ווילן נישט אַוועקלאָזן זייער טעכטערל פון דער היים, אין אַ פרעמדער אומבאַקאַנטער וועלט אַריין. אין געציילטע מינוטן דאַרף דער צוג אָפּגיין און אונדז פירן קיין יאַסינאַ, אַ באַקאַנט קאַרפּאַטיש שטעטל, וואָס איז נישט ווייט פון דער גרענעץ .דורך יאַסינאַ האָבן מיר עס טאַקע באַדאַרפט שוואַרצן די אונגאַריש-סאָוועטישע גרענעץ.

עס זאָגט זיך אַרויס גרינג — „אונגאַריש סאָוועטישע גרענעץ". די אָפיציעלע גרענעץ איז אַ טונעל. אָבער אַז מיר ווילן שוואַרצן די גרענעץ מוזן מיר גיין צופוס איבער באַרג און טאָל, אויף געדרייטע וועגן און אומוועגן, איבער די קאַרפּאַטן-בערג — אַ מהלך פון איבער צען קילאָ-מעטער אַריבער דעם טונעל, וואו אויף איטלעכן שריט און טריט לויערט די געפאַר געכאַפּט צו ווערן פון אַן אונגאַרישן פּאַטרול.

אויב מען כאַפּט אונדז קאָן מען אונדז שיסן אויפן אָרט. אין בעסטן פאַל — אַרעסטירן. אויך דעמאָלט וועט אונז נישט זיין וואָס מקנא צו זיין!

איך האָב זיך געהאַט איינגעהאַנדלט צוויי בילעטן קיין יאַסינאַ. איין בילעט פאַר מיר און איין בילעט פאַר ב.'ן. אָט-אָט פאָרט שוין אָפּ דער צוג און ב. איז נאָך אַלץ נישטאָ. מיינע קאָמפּאַניאָנען, פינף אין צאָל (מיט וועלכע מיר וועלן זיך שפּעטער באַקענען), וואַרטן אומגעדולדיק, אַז דער צוג זאָל רירן און — אַדיע סיגעט!...

זענדיק אַז ב. איז נישטאָ, האָב איך זיך שוין געוואָלט אָפּטיילן פון מיין חברותא, חרטה האָבן אויפן גאַנצן שפּיל און מאַכן אַ „השבנו-נאַזאַד". זאָל זיין וואָס עס האָט צו זיין, מער ווי איין טויט בין איך דעם רבונו של

עולם נישט שולדיק!...

נאָר אין די לעצטע געציילטע מינוטן, איידער דער צוג האָט זיך גערירט, איז געשען עפּעס וואָס האָט מיך באַוואויגן צו דערציילן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז איך זאָל אַוועקפאָרן אפילו אַן ב.׳ן. ומעשה שהיה כך היה:

אין סיגעט זיינען געווען אַ גאַנץ באַדייטנדע צאָל אַקטיווע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געהאַט בדעה צו לויפן קיין רוסלאַנד, נאָר צו בלייבן אויפן אָרט כדי אויסצוקעמפן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע... דאָס האָט זיי אָבער נישט געשטערט, אַז זיי זאָלן אַנדערע, נישט קאָמוניסטן, אַגיטירן, אַז זיי זאָלן דווקא יאָ זיך אַריבערפּעקלען אַריבער די גרענעץ קיין רוסלאַנד. פאַר וואָס זיי האָבן עס געטאָן ווייס איך נישט עד היום. מיר איז נישט באַקאַנט, צי בלויז פון אייגענעם איינזען האָבן זיי זיך אַזוי נוהג געווען, צי דאָס איז געווען אַן אָנווייזונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין אַ צייט ווען עס האָט געבושעוועט מיט כוליגאַנסטווע און אַנטיסעמיטיזם און די מלוכה אָרגאַנען האָבן ניט באַשטראָפט די שולדיקע אין אַ פאַרברעכן פון דעם סאָרט נאָר זיי האָבן, אדרבה, דערמוטיקט די מאַדיאַרישע בויאַנעס צו אַלערליי פאַרברעכנס וואָס שייך די אידישע באַפעלקערונג, אַזוי אַז דאָס אידישע לעבן איז געווען הפקר, אין אַזאַ מין ווילקיר איז די קאָמוניסטן נישט שווער געווען צו געפינען בעלנים אויף צו שוואַרצן די גרענעץ. איבערהויפּט אַז מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די קאָמוניסטן האָבן פאַרגעשטעלט דאָס לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין ראָזע קאָלירן...

אין שטעטל זיינען געווען שטאַרק פּאָפּולער דריי ברידער, געוועזענע ישיבה בחורים, וועלכע זיינען פלוצלינג אַרויס לתרבות־רעה און געוואָרן אַקטיווע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ רעקאָרד ביי דער פּאָליציי. די דאָזיקע דריי ברידער איז עס געלונגען זייער פיל יוגנטלעכע איבערצורעדן, אַז זיי זאָלן מאַכן פּליטה קיין רוסלאַנד. אפילו זייער אייגענעם אינגסטן ברודער, אויך אַ געוועזענער ישיבה־בחור, זיינוועלן, האָבן זיי אויך איבערגערעדט, אַז ער זאָל זיך לאָזן העגדום־פּענדום שמוגלען אינם סאָציאַליסטישן גן־עדן אַריין.

זיינוועלע, אַן אַכצן יאָריקער סענסיטיווער און איידעלער בחור האָט פאַרשטאַנען, צי ער איז עס געוואָר געוואָרן, אַז איך האַלט אין מאַכן פּליטה. ער האָט נישט גערוט ביז ער האָט מיך אָפּגעזוכט און האָט מיך

געבעטן ברחמים, אַז איך זאָל אים אומבאַדינגט צוזאָגן, אַז איך וועל אים צורעכענען פאַר אַ שותף אין דער חברותא, מיט וועלכער איך וועל זיך צוזאַמענשליסן אַריבערצוגיין די גרענעץ. כאָטש איך האָב אים פּרובירט אָפּרעדן דערפון האָב איך אים פונדעסטוועגן צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל האַלטן דערביי וועל איך זיך משתדל זיין פון זיינעטוועגן און אים לאָזן וויסן.

איך האָב טאַקע נישט פאַרגעסן אין זיינוועלען און האָב געבעטן מיין חברותא, אַז זיי זאָלן אים אַריינרעכענען אין חשבון. מיינע שותפים האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. חוץ דעם וואָס די באָרמע פון די „מיטפאָרערס" איז שוין פאַרפולט איז זיינוועלע אַן אַנגעזאַלצענער ייִד, קען נישט גענוג איינהאַלטן דעם סוד און איז אַ סכנה צו נעמען אים מיט. ער וועט נאָר אַראָפּברענגען אַן אומגליק אויף אונדזערע קעפּ.

פלוצלינג, ווען איך האָב עס געזאָגט צו זיינוועלען, האָט ער אַ ציטער געטאָן. ער האָט געבלאַסט אין די הענט, און ס׳האָט אים אָנגעהויבן צו טרייסלען. ער האָט מיר פאַרוואָרפן, אַז איך בין אים מקנא, און אַז איך וויל אים נישט מיטנעמען. ער האָט מיך באַשולדיקט אין אַלע זינד, און אַ סך האָט ער גערעדט וועגן דעם, אַז איך האָב אים פאַרראַטן. איך האָב אים פאַרזיכערט און אים נישט געלאָזט וויסן...

איך פּרוביר קומען צום וואָרט און זיך פאַרענטפערן, נאָר מיין מי איז אַן אומזיסטיקע. זיינוועלע איז שטאַרק אַגרעסיוו, ער רעדט און רעדט.

דער וועטער איז געווען זייער אַ דושנער. דער רויך פון די לאָקאָמאָ־טיוון מיט דער פייכקייט פון דער לופט האָט גורם געווען, אַז זיינוועלע זאָל זיך צעהיסן. איך האָב אין דעם אינטערוואַל פּרובירט זיך פאַרטיידיקן, אָבער זיינוועלע וויל גאָרנישט הערן. איך האָב אומגעדולדיק געוואַרט ביז זיינוועלע האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם:

— איך האָב דיך אומעטום אַרומגעזוכט — זאָגט זיינוועלע מיט אַביסל אַ געלאַסענעם טאָן — איך קום אַציַנד פון דיין היים... איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דיך נאָך דאָרט טרעפן. ווען איך האָב געעפנט די טיר אין דער היים — דערציילט מיר ווייטער זיינוועלע אין איין אָטעם — האָב איך דערזען דיינע עלטערן איז אַזאַ טרויעריקן מצב, וואָס נאָר נאָך אַ לוויה קאָן מען זיך אַזוינס פאָרשטעלן... דיינע עלטערן זיינען געווען

אַזוי פאַרצרהט, אַז זיי האָבן זיך נישט אַרומגעקוקט אויף מיר... איך האָב זיי נישט געדאַרפט פרעגן וואו דו ביסט... וויסנדיק, אַז דער צוג באַדאַרף איצט אָפּפאָרן קיין יאַסינאַ, בין איך געווען זיכער ביי זיך, אַז איך וועל דיך דאָ טרעפן...

זיינוועלעס גרוס פון מיינע עלטערן האָט מיך אַזוי דערשיטערט און מיך אַריינגעבראַכט אין אַ דעלירריום, אַז איך האָב אַליין נישט געוואוסט, צי קום איך צי גיי איך...

עס זיינען נאָך געבליבן געציילטע סעקונדן און דער צוג וועט זיך רירן. פון ב.׳ן האָב איך זיך שוין ווי מיאש געווען: „אויב זי איז שוין ביז איצט נישט געקומען, וועט זי שוין מסתם בלייבן אינדערהיים!״...

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ הילכיקן פייף געטאָן און דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופן: „בעסאַלני! בעסאַלני!״ (איינשטייגן, איינשטייגן!).

איך האָב דאָס לעצטע מאָל געכאַפּט אַ בליק צו זיין זיכער אויף אַלע הונדערט פּראָצענט, צי האָט זיך ב. נישט באַוויזן אין דער לעצטער מינוט. איך האָב קוים צייט געהאַט איבערצוגעבן פאַר זיינוועלען דעם בילעט, וועלכן איך האָב גענומען פאַר ב.ן. עס איז מיר שוין כמעט נישט געבליבן קיין צייט צו בעטן זיינוועלען, אַז ער זאָל איבערגעבן אַ גרוס פאַר מיינע עלטערן און פאַר ב.׳ן. אַדיע, אדיע, סיגעט!...

8

עס האָט אונז גענומען אַרום דריי שעה ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין יאַסינאַ. עס איז שוין געווען היפּש טונקל און כמורנע. אַן אַסיענדיקע פייכקייט האָט זיך געפילט אין דרויסן און אַ נאַגנדיקע בענקשאַפט אין האַרצן. די דרויסנדיקע פינסטערניש איז אונדז פאַרגעקומען פּונקט אַזוי מיסטעריעז און פאַרנעפּלט פּונקט ווי אונדזער גאַנצע צוקונפט... ביים וואָקזאַל האָט אויף אונדז געוואַרט אַ „מאַכער״. א קאָנטראַבאַנדיסט, אין וועמענס הענט אונזער גורל איז אָנפאַרטרויט. ער, דער מאַכער, האָט אונז איבערגעגעבן אין רשות פון אַ קאַרפּאַטן־אוקראַינער, וועלכער קאָן זיך אויס אין די פאַרבאָרגענע וועגן און שטעגן, וועלכע פירן צו דער סאָוועטישער גרענעץ, אַז ער, דער אוקראַאינער, זאָל ווערן אונדזער „מדריך״, אונדזער „מורה־דרך״.

אַצינד וועל איך אייך פאָרשטעלן מיין חברותא:

איציק בער יונגער, מיט וועמען עס איז מיר אויסגעקומען אַנטייל צו נעמען אין פאַרשידענע אַקציעס פון זעלבסטשוץ, איז געווען פאַרוויקלט אין אַן ענלעכער סיטואַציע ווי איך. ער איז איין עלטער מיט מיר, אַריבער צוואַנציק יאָר. ער איז אַן אינטעלעקט, ער האַלט זיך פאַר אַ משכיל. אויף אַן אויטאָדידאַקטישן אופן האָט ער זיך דערוואָרבן פיל וויסן אַזוי אין דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור ווי אויך אין די פילאָזאָפישע קענטענישן פון מאַנאַטעאיסטישן כאַראַקטער. ער איז געווען אַ בקי אין „מורה נבוכים" פון רמב״ם, אין „עטיק" פון שפינאָזאַן ווי אויך אין „מורה נבוכי הזמן" פון ר׳ נחמן קראָכמאַל און אַנדערע. אין אַלגעמיין איז איציק בער אַ סימפּאַטישער בחור מיט וועמען עס איז אַ נחת־רוח צו פאַרברענגען צוזאַמען ווען מען איז אין אַן עת צרה;

לאַיאָש יעגער, אַ סטודענט, אויך אין מיין עלטער. יעגער האָט מיר אָנגעגעבן די סיבה פון זיין אַנטלויפן: „איך זע פאָרויס, אַז ביי די אונגאַרן וועל איך נישט קענען פאָרזעצן מיינע שטודיומס אין אַן אונגאַרישן אוניווערזיטעט". האָט זיך יעגער געשאַפן אַן אילוזיע, דער פּראָדוקט פון קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, אַז ביי די סאָוועטן וועט ער האָבן אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן אויף דעם דאָזיקן געביט... לכל הפחות, איז ער ביי זיך זיכער: „די סאָוועטן וועלן אַקעגן מיר נישט דיסקרימינירן ווייל איך בין אַ איד"...

אַזוי יונגער ווי יעגער זיינען נישט געווען קיין אַקטיווע קאָמוניסטן;

פּיוול י., אַן איינפאַכער בחור. ער איז אַ הויכער און אַ דאַרער מיט בלאָנדע האָר און אַ רויט געזיכט. פּיוול י. איז יאָ געווען אַקטיוו אין קאָמוניסטישע טעטיקייטן, פונדעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן פּליטה קיין רוסלאַנד.

מיט פּיוול י. איז געשען אַן אינטערעסאַנטער פאַל:

ער איז געווען איינער פון די ערשטע „מעפּילים", וואָס האָבן אויסגענוצט די ערשטע געלעגנהייט, מיט צוויי חדשים צוריק, אין סעפּטעמבער, ווען די רומענער האָבן זיך צוריקגעצויגן פון צפון־טראַנסילוואַניע און די אונגאַרן האָבן נאָך נישט באַזעצט די גרענעץ און דעריבער האָט זיך, ווי שוין פריער באַמערקט, געשאַפן אַ גינסטיקע געלעגנהייט אַריבערצוגיין די אונגאַריש־סאָוועטישע גרענעץ. איז שטעלט זיך אַ קשיא: „אויב פּיוול י. איז שוין איינמאָל געווען אַריבער די גרענעץ ביי די רוסן, וואָס זשע

טוט ער איצט ווידער דאָ?! איז הערט אַ מעשה:

אויף דער סאָוועטישער זייט האָט פּיוול מיט זיין גרופּע זיך אָנגעטראָפן אויף אַ אידישן אָפיציר וועלכער איז געווען אין דער קאָמאַנדע. דער אָפיציר האָט דווקא גערעדט אַ גוטן אידיש. ער, דער אָפיציר, האָט זיך אויסגעטענהט מיט פּיוולען כדבר איש אל רעהו. דער אָפיציר האָט פאַרלאַנגט, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז אַזוי פּיוול ווי זיין גאַנצע גרופּע, פון אַרום צוואַנציק פערזאָן, זאָלן במחילה מאַכן אַ „השיבנו נאָזאַד", אַז זיי זאָלן אַזוי גוט זיין און מוחל זיין זיך אויף אַ שיינעם אופן צוריק אומקערן אויף יענער זייט אונגאַרישער גרענעץ נאָך איידער די אונגאַרן וועלען באַזעצן די גרענעץ. אַזוי אַרום וועט זיי נישט דראָען קיין שום געפאַר. דער אָפיציר האָט געטענהט מיט גוטן און מיט בייזן. ער האָט זיי לכתחילה געבעטן מיט גוטן און אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן האָט ער אָנגעהויבן צו סטראַשען. נאָר דער עולם האָט נישט געוואָלט הערן פון אומקערן זיך. אייניקע האָבן זיך געוואָרפן צו דער ערד און פּראָטעסטירט מיט געוויינען און געשרייען: „ס'טייטש מען וויל זיי צוריקשיקן צו די פאַשיסטישע מאַדיאַרן?!" עס האָט אָבער נישט געהאָלפן קיין וויינען און קיין קלאָגן, עס האָט נישט געהאָלפן קיין „פודנו" און קיין „מצילנו" און פּיוויל מיט דער גאַנצער כליאַסטרע האָבן זיך געמוזט אומקערן.

אַזוי ווי דער פאַל וואָס איז געשען מיט פּיוולען איז געווען אַן אויסנאַם קאָן ער עס טאַקע נישט משיג זיין עד היום פאַרוואָס דער אידישער רשע האָט דווקא זיין גרופּע נישט געוואָלט אויפנעמען אין סאָוועטישן גן־עדן; ער האָט זיך ממש געפילט, טענהט פּיוול, ווי אדם און חוה, וועלכע מען האָט אַרויסגעטריבן פון גן־עדן...

אייגנטלעך זיינען דאָך אין משך פון אַ קורצן צייט אַפּשניט טויזנטער אַריבער די גרענעץ און מען האָט נישט געהערט, אַז מען זאָל וועמען עס איז אומקערן. איז טאַקע דער ענין מיט פּיוול י. אַ יוצא מן הכלל און אַ רעטעניש. פּיוול האָט אָבער זיינס נישט אויפגעגעבן. עס האָט זיך אין אים אויפסנייַ דערוועקט דער חשק, אַז ער זאָל נאָכאַמאָל פּרובירען זיין מזל. אפשר וועט אים אַצינד דאָך אָפּגליקן?...

משה וו. (אָדער משה דער רויטער), פּונקט ווי פּיוול י. איז אויך אַן איינפאַכער בחור אָן איבעריקע קענטענישן. ער האָלט אָבער פון זיך אַ וועלט, אין היפּוך פון פּיוולס באַשיידנקייט. ער קאָן טאַקע נאָכפּלאַפּלען אייניקע דאָגמאַטישע מאַרקסיסטישע פראַזן, דערפאַר מיינט ער, אַז ער

קאָן ממש תורה כולה אויף איין פוס... אויך משה דער רויטער איז געווען און אַקטיווער כאַווער ביי די קאָמוניסטן. ער האָט אָבער נישט געקאָנט ביישטיין דעם ניסיון פון אַריבערפעקלען זיך אַהין וואו די רעוואָלוציע איז שוין אַן אויסגעקעמפטע. משה דער רויטער איז „כשמו כן תהלתו״, ער איז אי רויט אין זיין אויסזען ווי אויך לויט זיין אידייענגאַנג. ער האָט אַ מגושמדיג פנים מיט אַ לאַנגן האַלדז. זיינע גרויסע אויגן האָבן אַ בייזן בליק. פון אונטער זיינע דיקע ליפּן קוקן אַרויס אַ רייע פון פרעמדע און לאַנגע ציין;

רחל ל., די איינציקע מיידל אין אונדזער חברותא, איז אַן אָרעם און קראַנק מיידל וועלכע ליידט אויף טובערקולאָז און נויטיקט זיך דערפאַר אין אַ ספּעציעלער קוראַציע וואָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות. איצט נעמט זי איר לעצטן שאַנס זיך מציל צו זיין: „אפשר וועט איר טאַקע געלינגען זיך אויסקורירן אין סאָוועטנפאַרבאַנד?״...

רודאָלף ווייס, איז דער איינציקער פרעמדער אין אונדזער גרופּע. אים האָט אונדזער „מאַכער״ צוגעטשעפּעט צו אונדזערע חברותא. רודאָלף ווייס איז אַ נידעריקער און אַ דאַרער פּאַרשוין מיט קליינע דינע וואָנסעלעך. ער איז דער עלטסטער אין דער גרופּע. ער איז אַרום פערציק יאָר אַלט. רודאָלף שטאַמט פון בראַטיסלאַוויע (פּרעשבורג), סלאָוואַקיע. די סלאָוואַקיי איז אונטער דייטשער אָקופּאַציע, ווי דער גאַנצער סודעטן-געביט. רודאָלף האָט די לעצטע יאָרן געלעבט אין קאַרפּאַטן געביט. ווען די אונגאַרן האָבן סוף 1938 אָקופּירט די קאַרפּאַטן געגנט פון טשעכאָסלאָוואַקיע, אַזוי אַרום איז דער דאָזיקער פאַרשוין, רודאָלף ווייס, שוין פאַרבליבן אין אונגאַרן.

רודאָלף רעדט אַ צעקאַליטשעטן דייטשמערישן אידיש. ער איז שוין מער ווי אַ יאָר צייט געווען מאָביליזירט אין די אונגאַרישע אידישע אַרבעטס לאַגערן. ער האָט זיך זייער פיל אָנגעליטן ביי די מאַדיאַרן אַלס איד. ער האָט נישט געהאַט קיין אָנונג ווען ער וועט זיך קאָנען באַפרייען פון דער אומווירדיקער און פאַרשאָלטענער דינסט דאָרטן, איז אים דעריבער נמאס געוואָרן די גאַנצע אַרבעט מיט די מאַדיאַרן און זייער גאַנצן רעזשים און ער האָט זיך מיישב געווען, אַז די בעסטע זאַך פאַר אים וואָלט געווען אַז ער זאָל שלאָגן כפרות מיט די מאַדיאַרן און מאַכן פליטה...

רודאָלף איז אַן אויסערגעוויינלעכער פּלאַפּלער. ער וויל אונדז איינרעדן נישט-געשטויגענע און נישט-געפלויגענע זאַכן, כאָטש מיר גלויבן דווקא יאָ אין זיינע מאָטיוון פאַרוואָס ער מאַכט פליטה. מיר האָבן זיך

אַבער שנעל אָריענטירט וואָס פֿאַר אַ סאָרט פּאַרשוין אָט דער רודאָלף ווייס איז. ער זאָגט, אַז ער איז אַן אינזשעניר פֿון כעמיע; ער באַרימט זיך, אַז ער איז כל ימיו געווען אַ קאָמוניסט און וויל אונדז איינרעדן, אַז ער איז זייער גוט באַהאַוונט אין מאַרקסיזם־לעניניזם. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָבן מיר אים גענומען אויפֿן צימבל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נישט קיין אַנונג איבער די עלעמענטאַרע יסודות פֿון כעמיע; און אַ מאַרקסיסט איז ער פּונקט ווי אַ כעמיע אינזשיניר...

= ◍ =

דער אוקראַינער, אונדזער „מורה־דרך״, האָט אונדז געפֿירט איבער פֿאַרשידענע וועגן, דורך סטעפּעס און דורך וועלדער. אויף איטלעכן שריט האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אַז מיר זעען אַ וועכטער־שטיבל. אָבער אין דער אמתן האָבן מיר קיין גרויסן טעות נישט געהאַט. ווי וואויל מיר באַמיען זיך אויסצומיידן די וואַך־פּאָסטנס, שלאָגן מיר זיך כמעט אָן אין אַ וואַך־הייזקע. גאַנץ אָפֿט האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט טאַנצט אַפֿיר פֿון אונטער די קוסטעס אַן אונגאַרישער זעלנער מיט אַ ביקס אין די הענט, און ער קאָמאַנדעוועט: „שטייט, וויל איך שיס!״ ברר! עס איז גענוג זיך פֿאָרצושטעלן אַזאַ אָדער אַן ענלעכע סצענע בכדי אויפֿצושוידערן...

עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גאַס־רעגן וואָס עסט זיך איין אַזוי אין די קליידער ווי אין די ביינער. מיר טאַפּטשען אין וואַסער ביז איבער די קני. נאָר עס אַרט אונז נישט, כאָטש דאָס וואַסער איז היפּש קאַלט און עס בלאָזט אַ צפֿון ווינטל. מיר פֿאַרטרייבן אַלע טרויעריקע געדאַנקען ווי אויך אַלע הינדערנישן. מיר שפּאַנען פֿאָרויס דרייסטע, פּונקט ווי בראַווע זעלנער אויפֿן פֿראָנט. מיר מאַכן זיך קוראַזש, וויל וואָס, משטיינס געזאָגט, האָבן מיר צו פֿאַרלירן?...

עס איז אַ שטאַרק פֿינצטערע נאַכט. פֿון לבנה אָדער אַ שטערנדל איז קיין זכר נישטאָ.

אַזוי דער הימל ווי דער גאַנצער אַרום איז אַזוי טונקל, ווי גלייך גאָט אַליין וואָלט באַשאָטן די גאַנצע וועלט מיט אַ געדיכטער שוואַרצער פֿאַרב.

אין אַזאַ מאָמענט איז שווער געווען זיך פֿאָרצושטעלן, אַז עס איז בלויז אַ פֿאַרבייגייענדיקע דערשיינונג און אַז די וועלט קאָן אויך ליכטיק זיין.

אין אָט דער פֿינצטערניש באַוועגן זיך עס שאָטנס פֿון מענטשלעכע

וועזנס, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראַט זייער מיזערנעם האָב און גוטס, זייער היים און זייערע אייגענע זוכנדיק צו ראַטעווען זייערע לעבנס אין אַ שענערער און אין אַ בעסערער וועלט, וואו עס הערשט אמת און יושר...

אינצווישן האָט דער שלאַקס רעגן אויפגעהערט און עס איז בלויז געפאַלן אַ דריבנע רעגנדל, וואָס וויקט אונדז במילא אויס און די פייכטקייט פון רעגן און אונדזער שווייס ווערט איינס.

מער פון אַלעמען איז געווען אויסגעמאַטערט רחל ל., קוים וואָס זי קאָן אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ביי איטלעכער געלעגנהייט טיילן מיר זיך איין און מיר נעמען זי אָן ביי די אָרעמס און העלפן איר שפּאַנען, טרייסטנדיק זי, אַז נאָך אַ ביסל און דאָס שווערסטע וועלן מיר האָבן איבערגעקומען.

= ◍ =

מיר זיינען אַזוי אָפּגעגאַנגען אַן אָפּרו ביז אַרום איינס אַזייגער ביינאַכט. מיר זיינען געווען שטאַרק מיד. אייניקע פון אונז האָבן מיטגענומען שווערע רוקזעק מיט אַנטועכטס. כאָטש מיר זיינען נאָך היפּש ווייט פון דער גרענעץ זיינען מיר שוין אַזוי דורכגעווייקט, ממש אויסצודרייען. מיר האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן פאַר אַ וויל און זיך אָפּרוען. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פייכטן שטאם פון אַן אונטערגעהאַקטן בוים זיך אַביסל אָפּרוען כדי מיר זאָלן זיין בכוח אין אייניקע מינוטן אַרום פאָרצוזעצן אונזער מאַרש. זיצנדיק אַזוי האָב איך אַ טאַפּ געטאָן אין מיינע קעשענעס און האָב דאָרטן אָנגעטראָפן אויף אַ לימענע, וואָס מיין מוטער האָט מיר מיטגעגעבן צידה לדרך. מיר האָבן זיך אַלע דערקוויקט דאָס האַרץ מיט דער איינער לימענע. אַלע וואונדערן זיך ווי וויטזיכטיק איך בין עס געווען, אַז איך האָב אין זינען געהאַט צו באַוואָרענען זיך מיט אַזאַ מין דערקוויקעניש וואָס קומט זייער גוט צונויף...

= ◍ =

דער אוקראַאינער פירט אונז ביז צו אַ געוויסן פונקט אין וואַלד, דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ער האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז „עד כאן", ביז צו דעם דאָזיקן פונקט זיינען מיר געווען אונטער זיין אחריות און פון

איצט אָן און ווייטער לאָזט ער אונדז איבער אויף גאָטס באַראָט — ווייטער קאָן ער שוין מיט אונדז נישט גיין. ער גיט אונדז אינסטרוקציעס וויאַזוי מיר זאָלן זיך נוהג זיין און וויאַזוי מיר זאָלן זיך אָריענטירן אין דער ריכטונג פון דער גרענעץ. נאָך איידער ער האָט זיך מיט אונדז געזעגנט האָט ער אונדז געבעטן, אַז מיר זאָלן אַזוי גוט זיין און אויסליידיקן די קעשענעס און אים אָוועקגעבן ביז צום לעצטן גראָשן.

— איידער איך וועל אייך מגלה סוד זיין וואו געפינט זיך — זאָגט ער צו אונדז מיט אַ האַלב בעטנדיקן און אַ האַלב דראָענדיקן טאָן — וועל איך אייך בעטן, אַז איר זאָלט מיר אומבאַדינגט געבן דאָס גאַנצע געלט וואָס איר האָט מיט זיך, ביז צום לעצטן גראָשן, ווייל „אויף יענער זייט" וועט איר סיי ווי סיי נישט האָבן קיין נוצן פון אייער וואַלוטע...

מיר בעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל לכל הפחות קומען מיט אונדז אַביסל ווייטער, אַזוי נאָענט צו דער גרענעץ ווי נאָר מעגלעך. דערויף ענטפערט ער מיט אַ לאַקריצדיקן טאָן:

— „פראשים פאַניע", איך גיי גערן מיט אייך נאָך אַביסל אָבער צופיל קאָן איך מיט אייך שוין סיי ווי נישט גיין, ווייל עס איז זייער נאָענט צו דער גרענעץ. איר האָט גאַרנישט וואָס מורא צו האָבן, ווייל אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט איר שוין זיין סאָוועטישע בירגער...

עס איז אַ קליינע נפקא מינה, צי מיר האָבן אָנגענומען זיינע רייד ווי בלויזע חניפה, כדי מיר זאָלן אים אָוועקשענקען אונדזער לעצטע פּאָר גראָשן, צי ווי אַ סטראַשונעק, אַלנפאַלס האָבן מיר געפילט, אַז מיר האָבן גאַרנישט וואָס צו פאַרלירן אויב מיר וועלן אים אָוועקגעבן אונדזערע לעצטע „פענגעס". קיין סך האָבן מיר סייווי נישט געהאַט מיט זיך. אין אמתן, וואָס פאַר אַ נוצן קאָן אונדז טאַקע ברענגען אונגאַריש געלט פון יענער זייט גרענעץ? אדרבה, זאָלן די רוסן זען, אַז מיר קומען „בעירום ובחוסר כל" — נאַקעט און באָרוועס אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה... ווי נאַאיוו מיר זיינען נישט געווען האָבן מיר דאָך פאַרשטאַנען, אָדער אַמווייניקסטנס געפילט אינטואיטיוו, אַז מיר וועלן נישט קענען אויסטוישן אונגאַרישע מטבעות אין אַ רוסישער באַנק אויף סאָוועטישע רובלס. טאַקע דערימאָך האָבן מיר אים, דעם אוקראַינער, אָוועקגעגעבן אונדזערע לעצטע גראָשנס. זאָל ער עס האָבן, און זאָל עס אים וואויל באַקומען!

— אַצינד הערט זיך גוט צו — האָט דער אוקראַינער צו אונדז שטיל און סודותדיק געשושקעט, מאַכנדיק דעם איינדרוק, אַז אויב ער וועט רעדן

העכער וועט נאָך, חלילה, די אונגאַרישע גרענעץ־וואַך זיך אונטערהערן וואָס ער זאָגט — הערט וואָס איך וועל אייך זאָגן. הערט זיך גוט צו צו איטלעכן וואָרט ווייל עס איז זייער וויכטיק, אַז איר זאָלט עס וויסן: נישט ווייט פון דאַנעט וועט איר באַגעגענען דריי רייען מיט שטעכל־דראָט. דאָס איז די גרענעץ! קוים זייט איר אַריבער דעם ערשטן צוים מיט שטעכל־דראָט, דעמאָלט זייט איר שוין פון יענער זייט אונגאַרישער גרענעץ; צווישן דעם ערשטן און דריטן צוים זייט איר אין „קיינעמס־לאַנד״; נאָך דער דריטער ריי שטעכל־דראָטן זענט איר אויף סאָוועטישן באָדן...

ביים געזעגענען זיך האָט דער באַר וואָס געווען זענער „מורה־דרך״ אונדז געווינטשעוועט ווי׳ עס פּאַסט פאַר אַ פּריסט:

— זייט געזונט און האָט אייך וואויל אין אייער נייעם היים; זאָל אייך גאָט בענטשן מיט אַלעם גוטן. זאָל אייך דער אַלמעכטיקער העלפן, אַז איר זאָלט אין אייער נייעם היים האָבן אַ בעסערע צוקונפט. אויף ווידערזען „דא סווידאניע!״

9

קוים זיינען מיר געבליבן אויף אונזער אייגענעם באַראַט, האָבן מיר זיך דערפילט ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך. מיר האָבן נישט געוואוסט וואו מיר גייען און וואו מיר קומען. מיר האָבן מורא געקראָגן, אַז מיר זאָלן, צוליב דער פיצטערניש, נישט פאַרבלאָנדזשען אין וואַלד און אַנשטאָט מיר זאָלן גיין צו דער רוסישער גרענעץ, זאָלן מיר גאָר גיין אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

דער אַרום איז געווען רואיק און שטיל. עס האָט זיך כמעט נישט געהערט קיין שאָרך. פון צייט צו צייט האָבן מיר געפילט דעם גלעט פון אַ שטיל ווינטל. די שטילקייט איז צוטיילמאָל געשטערט געוואָרן פון אַ ווייטן פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו ווי אויך פון אַ פאַרדעמפטן האווקען פון אַ הונט אָדער אַ קריי פון אַ האָן. דעם האָנס קרייען איז הייזעריק און פאַרשטיקט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי איינער בעט הילף...

מיר האָבן אַזוי אָפּגעבלאָנדזשעט אַ היפשן מהלך פון עטלעכע קילאָ־מעטער. לויט ווי דער אוקראַינער האָט אונז געהאַט אויסגעמאָלן דעם ווייטערדיקן גאַנג האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז מיר וואָלטן שוין געווען לאַנג באַדאַרפט זיין פון יענער זייט גרענעץ. נישט אומזיסט האָט דער

אוקראַינער נישט געהאַט קיין חשק נאָך אַביסל גיין מיט אונדז, ווייל ערשט אַצינד האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתדיק שווערער וועג. די סטעזשקעס זיינען געווען אָנגעלייגט מיט גרויסע דיקע שטאַמען אין הויכע קופּעס, די אַזוי גערופענע אַנטי־טאַנק באַריקאַדן. מיר פאַלן ווי שיכורים אויף איטלעכן שריט און טריט. איבערהויפּט האָבן מיר אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן מיט רחל ל. מיר מוזן זי אונטערשטופּן און אונטערהויבן, כדי זי זאָל ווי נישט איז זיך דורכדראַפּען.

= ◍ =

גאָר שווער איז פאַר די וועלכע האָבן מיטגענומען שווערן באַגאַזש, שווערע רוקזעק מיט וואַליזעס. אייניקע האָבן געוואָלט אָוועקוואַרפן דעם באַגאַזש, ווייל זיי האָבן געזען, אַז עס איז ממש אוממעגלעך צו באַוועגן זיך און אַז זיי וועלן נישט זיין בכוח דורכצוקלעטערן צוזאַמען מיט זייער משא.

פּיוול י. איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט געוואָלט פּטור ווערן פון זיין רוקזאַק. דאָ האָב איך זיך אַריינגעמישט און איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל אים העלפן מיט זיין באַגאַזש. אָבער פּיוול וויל זיך נישט צו הערן:

— טו עס נישט! — בעט איך זיך ביי פּיוועלן — עס וועט נאָר אַרויס־רופן חשד ווי אויך די אויפמערקזאַמקייט פון דער אונגאַרישער גרענעץ־וואַך. נאָכדעם וועט דער דאָזיקער פּונקט שטאַרקער באַוואַכט ווערן און צוליב דעם וועלן נאָכדעם, חלילה, אַריינפאַלן אומשולדיקע קרבנות...

דערויף האָט איטליכער ווי איין מאַן מסכים געווען:

„יאָ, ער האָט רעכט!"

= ◍ =

מיר קוקען זיך אַרום, צי אַלע זיינען דאָ, צי עמיצער איז נישט געבליבן פון הינטן. יאָ, רודאָלף ווייס איז נישט מיט אונז. מיר וואַרטן אייניגע מינוט. ער איז נישטאָ. וואו איז ער עס פּלוצלינג נעלם געוואָרן? מיר טאָרן נישט שרייען און מיר ווייסן נישט וואָס צו טאָן. וואו קענען מיר אים זוכן? אָבער אַזוי ווי ער איז דאָך אונזערס אַ קאַמעראַד, אַ חבר אין נויט, טאָמער איז מיט אים עפּעס געשען... מיר טאָרן נישט גיין קיין איין שריט ווייטער

ביז מיר װעלן אים נישט אָפּזוכן!

זאָל געשען סײ װאָס מיר מוזן אים געפינען! מיר זײנען אַלע צוזאַמען צוריקגעגאַנגען אַ היפּשן װעג, ביז מיר האָבן אים געטראָפן ליגן אַ פּאַר־חלש׳טן אויף דער ערד... ער איז אַװעקגעפאַלן פאַר מידקייט, ער איז פאַרשלאָפט געװאָרן און ער קאָן נישט גיין װײטער. אַ נײַע צרה!

„לאָסען זיע מיך היער", בעט ער זיך מיט זײַן דײַטשמערישן אידיש לאָסען זי מיך צו רוע און גייען זי אַליין. איך קען װײַטער נישט געהן!"

מיר פרעגן אים װאָס ער איז אויסן. זאָגט ער, אַז ער װיל זיך צוריק־קערן. דאָ װײסן מיר נישט, צי מאַכט ער זיך און ער האָט חרטה אויף זײַן אַװאַנטורע און ער װיל אויף אַן אמת צוריק געהן צו די מאַדיאַרן, צי ער קאָן טאַקע נישט גיין. יעדנפאַלס מוזן מיר זען צו װירקן אויף אים דאָס ער זאָל נישט אָפּשטײן פון אונז.

דאָ האָב איך זיך דערמאָנט אין מײַנע לימענעס. איך האָב אַרויסגע־נומען אַ צװײטע לימענע פון מײַן קעשענע און איך האָב זי דערלאַנג רודאָלפ׳ן ער זאָל זיך קװיקן זײַן האַרץ דערמיט. יאָ, די לימענע האָט געװירקט און רודאָלף האָט זיך שװער באַװאויגן נאָך אונז. מיר האָבן אים שוין נישט געלאָזט אַליין. מיר האָבן געהאַלטן אויף אים אַן אויג. מיר האָבן זיך אײַנגעטײלט, צװײ פון אונדז זאָלן העלפן רחל׳ן און צװײ זאָלן העלפן רודאָלפ׳ן.

= ◍ =

עס איז נישטאָ אַזאַ לאַנגע זאַך, אַז עס זאָל נישט נעמען דערצו קײן סוף. מיר האָבן זיך ענדלעך דערשלעפּט ביז צום ערשטן צוים. אַריבע־קריכנדיק די שטעכל־דראָטן האָבן מיר זיך פאַרטשעפּעט אונדזערע מאַנטלען און די הויזן. עס איז נישט אַהין און נישט אַהער. העלפנדיק אײנער דעם צװײטן אַרויסצופּלאָנטערן זיך פאַרטשעפּן מיר זיך פונדאַסניי. מיר האָבן געפילט אין דאָזיקן מאָמענט, אַז אונדזער לעבן הענגט ממש אויף דער װאָגשאָל. ביז הער לעצטער האָט זיך נישט קוים־מיט צרות אַרויס געפּלאָנ־טערט פון דער נעץ מיט שטעכל־דראָטן האָבן מיר זיך נישט גערירט פונם אָרט.

מיר האָבן טאַקע אַביסל גרינגער אָפּגעאָטעמט, אָבער מיר האָבן זיך נאָך אַלץ נישט אָפּגעשטעלט צו רוען. אויב מיר זײַנען שוין אין שװאונג, קריגן

מיר ערשט נייעם קוראַזש. אפילו רודאָלף ווייס און רחל ל. זיינען ווי נייע מענטשן...

ענדלעך האָבן מיר זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון דער דריטער רייע שטעכל דראָטן. נו, איצט זיינען מיר שוין זיכער אַרויס פון אַלע געפאַרן... מיר האָבן צוזאַמענגעקליבן צווייגן און זיי אויסגעשפּרייט אויף דער נאַסער ערד. מיר האָבן זיך צעלייגט אויף דער ערד ווי ביים טאַטע אין וויינגאָרטן. אונטער די דאָזיקע אומשטענדן האָבן מיר זיך אַביסל אויסגעגליכן די גלידער און מיר האָבן זיך גוט אויסגערוט.

מיר זיינען געווען שטאַרק מיד און דורכגעווייקט מיט שוויס. דעריבער האָבן מיר אין אָנהייב נישט געפילט דעם קילן וועטער אין די בערג. קוים האָבן מיר זיך אָבער אַביסל אָפּגערוט און מיר האָבן אַביסל אונטערגעדרימלט, ערשט דעמאָלט האָבן מיר דערפילט אַ קעלט און אַ מאַטקייט אין אונדזערע גלידער.

מיט עסנוואַרג האָבן מיר זיך נישט באַוואָרנט. וואָס איז, רוסלאַנד האָט נישט גענוג עסנוואַרג? נאָר אַז מיר האָבן אָנגעהויבן אויסקראַצן אונדזערע קעשענעס, האָבן מיר איטלעכער געטראָפן עפּעס אַ נאַשעריי. איך האָב געפינען אין איינער פון מיינע קעשענעס אַ דריטע לימענע. מיר האָבן זיך אויפּסנייַנאָכאַמאָל געקוויקט אַלע מיט דער איינציקער לימענע און אַלע זיינען מיר געווען זייער דאַנקבאַר דערפאַר. איך האָב זיך מער נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און איך האָב געזאָגט מיינע חברים:

„אויב איר פילט ווי דאַנקבאַר צו זיין פאַר דעם דאָזיקן דערקוויקונגסמיטל, דעמאָלט קומט די דאַנקבאַרקייט בלויז פאַר מיין מוטער!"

זיי האָבן זיך נישט געקאָנט גענוג אָפּוואונדערן ס'אַראַ קלוגע מוטער איך האָב.

זוכנדיק אין די קעשענעס האָט איטלעכער עפּעס געפונען: ווער עס האָט געפונען אַן עפּל; ווער אַ שטיקל ברויט; וועמען אַ מאַמע האָט, פון אַ סגולה וועגן, אַריינגעלייגט אין קעשענע אַ קעפּל קנאָבל מיט אַ שטיקל ברויט. מיר האָבן געמאַכט אַ קאָלעקטיווע סעודה. מיר האָבן געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. ווען מיר וואָלטן געווען געהאַט מערער וואָלטן מיר געווען גערן נאָך געגעסן.

אָפּרוענדיג זיך איז אונדז שטאַרק קאַלט געוואָרן. האָבן מיר זיך מיישב געווען, אַז מיר זאָלן מאַכן אַ פייער. עס וועט אונז נישט שאַטן אויב מיר וועלן זיך אַביסל דערוואַרעמען די גלידער און אין איינוועגס אויסטריקענען

אונזערע נאָסע זאַכן.

רחל ל. איז געווען אונדזער גרעסטע זאָרג. זי האָט געקראָגן טעמפּע־ראַטור און זי האָט געציטערט און געשוויצט ווי זי וואָלט געהאַט מאַלאַריע. מיר האָבן זי איבערגעדעקט און זי געניאַנטשעט ממש ווי אַ קליין קינד. משה דער רויטער פּרובירט זי צו באַרואיקן:

— האָב נאָר נאָך אַביסל מוט און נעם זיך צוזאַמען דיינע כוחות! דו וועסט זען אַז אינקורצן וועסטו זיך דערוואַרעמען ערגעצוואו אין אַן ערשט־קלאַסיקן סאַנאַטאָריום אין אַ סאָוועטישן קוראָרט.

מיר האָבן אָנגעצינדן אַ פייערל פון דינע צווייגן און מיר האָבן זיך צוביסלעך דערוואַרעמט. אויך רחל ל. האָט געפילט אַביסל בעסער. מיר קריגן אַ בעסערע שטימונג. מיר ווערן אפילו באַריידעוודיג און שפּינען פאַנטאַזיעס וועגן אונזער נאָענטסטער צוקונפט...

10

מיר זיינען געזעסן אַרום אַ פייערל אויפן פרייען פעלד ביי דער סאַמע גרענעץ אויפ׳ן סאָוועטישן באָדן און מיר האָבן זיך געטרוקנט די שיך, די זאָקן, די מלבושים און אַלע איבעריקע זאַכן, וועלכע מיר האָבן מיט זיך מיטגענומען. מיר רעדן זיך אַראָפּ פונ׳ם האַרץ.

מער פון איטלעכן איז באַריידעוודיק משה דער רויטער. דער נאָמען זיינער איז טאַקע נאָר אַ צונאָמען, נאָר אַזויווי איטלעכער אין סיגעט האָט אים געקאָנט מיט דעם נאָמען און דער נאָמען פּאַסט אים ווי צוגעמאָסטן, וועלן מיר אים טאַקע נאָר רופן מיט דעם דאָזיקן נאָמען זיינעם.

משה איז אין אַ העכסט אָפּטימיסטישער שטימונג. ער פילט זיך דאָ ממש ווי אין דער היים. ער האַלט אין איין פלאַפּלען מיט זיינע דיקע ליפּן ווי גלייך מיר וואָלטן זיך עס געווען דאָ צוזאַמענגעקומען אויף אַ פּיקניק:

„דאָס סאַמע שווערסטע זיינען מיר שוין איבערגעקומען!" זאָגט משה, ריידענדיק אין אַ טאָן ווי גלייך ער וואָלט חשק געהאַט צו האַלטן פאַר אונז אַ רעדע. איציק בער יונגער האַקט אים אָבער איבער:

„און אויב עס איז פאַראַן חיבוט־הקבר אויף דער וועלט, זיינען מיר עס שוין, האָפנטלעך, איבערגעקומען בלויז מיט׳ן גנב׳ענען די אונגאַריש־סאָוועטישע גרענעץ".

משה, אַן אומצופרידענער וואָס מען האָט אים איבערגעהאַקט אינמיטן

ריידן, שאָקעלט פונדעסטוועגן צו מיט׳ן קאָפּ ווי איינער וואָס איז מסכים, ער רעדט ווייטער:

— און איצטערט וועלן מיר אָנהויבן אַ ניי לעבן אונטער אַ נייעם רעזשים — און ער ווערט וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער באַגייסטערט פון זיינע אייגענע רייד און ער רעדט כמעט מיט אַן אָראַטאָרישן טאָן וועלכער פּאַסט זיך גאָרנישט אונטער די אומשטענדן — אינ׳ם ראַטנפאַרבאַנד, וואו איטליכער אַרבעט און מאַכט אַ לעבן; וואו עס איז נישט פאַראַן קיין קלאַסנ־קאַמף, און דער עיקר, קיין אַנטיסעמיטיזם; וואו קיינער עקספּלואַטירט נישט דעם צווייטן; וואו מענטשן טיילן זיך מיט זייער ביסן „חלק־כחלק״, נישט דאָס איינער זאָל זיין זאַט און דער צווייטער הונגעריק — מיר זיינען פּשוט אין אַ נייער וועלט!

ווען משה וואָלט געווען דירעקט געדונגען געוואָרן פון דער סאָוועטישער רעגירונג וואָלט ער געווען נישט געקאָנט ריידן בעסער. אין אמת׳ן זיינען מיר אַלע געווען אָפּטימיסטיש געשטימט, נישט ווייל מיר האָבן זיך געהאַט פאָרגעשטעלט גרויסע גליקן אונטערן סאָוועטישן רעזשים, ניין! מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז קיין גרויסע גליקן דערוואַרטן אונז דאָרטן נישט. מיר האָבן אויך גוט געוואוסט, אַז מיר וועלן אין סאָוועט־רוסלאַנד מוזן שווער אַרבעטן פאַר אונדזער עקזיסטענץ. נאָר אונדזערע באַגערן זיינען געווען אַזוינע מינימאַלע, אַז מיר האָבן זיך עס נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן נישט זיין בכוח צו דערגרייכן אַן איינפאַך, אָרעם לעבן דורך שווערער און האַרעפּאַשנער אַרבעט אין אַ סאָציאַליסטישער מלוכה, וועלכע נעמט זיך אָן די קריוודע פונם אַרבעטער קלאַס איבער דער גאַנצער וועלט...

דאָס פּייערל האָט צוביסלעך אָנגעהויבן אויסגעהן. מיר זיינען פאַר אַ ווײַלע שטיל געבליבן און מיר האָבן אָנגעהויבן אונטערצודרעמלען. איטלעכער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן זיין גורל, שפּינענדיק זיך פאַרשידענע לעגענדאַרע פאַנטאַזיעס און אילוזיעס. די פאַרגאַנגנהייט האָט פאַר אונז אין דאָזיקן מאָמענט ווי אויפגעהערט צו עקזיסטירן. מיר האָבן זי, די פאַרגאַנגנהייט אונזערע, ווי געוואָלט אויסמעקן פון אונזער זכרון.

כאָטש פון צייט צו צייט האָב איך זיך יאָ דערמאָנט וועגן מיינע עלטערן און וועגן מיין געליבטער ב. און איך האָב, אַזוי זיך, שטילערהייט אונטער־געקרעכצט, האָב איך אָבער די געדאַנקען פּרובירט צו פאַרטרייבן.

דעם גרעסטן רחמנות אין דאָזיקן מאָמענט האָב איך געהאַט אויף רחל׳ן. איך קוק זיך צו ווי זי ציטערט אויף איטליכע מינוט. זי כאַפּט זיך אויף און

זי לייגט זיך צוריק אַוועק אונטער דער קאָלדרע, וואָס איינער פון אונז האָט מיט זיך מיטגענומען. דאָס פייערל האָט שוין גע׳גוסס׳ט, מען וואָלט עס באַדאַרפט אויפלעבן. מיר באַמערקן אָבער, אַז אינצווישן איז דער מאָר־גנשטערן אויפגעגאַנגען. עס האָט אָנגעהויבן צו באַגינען.

שוין ביים באַגינען האָבן מיר געקאָנט באַמערקן, אַז עס איז אַן אויסערגעוויינלעך פינסטערער מאָרגן. דער מאָרגנשטערן, נישט געקוקט אויף זיין אַש־גרויער העלקייט, איז פאַרנעפּלט, מאַט, טונקל און אויסגעלאָשן. דער פרי־מאָרגן וואָרפט אַ פיל גרעסערע מיסטעריעזע שרעק און אַנגסט איבער׳ן גאַנצן האָריזאָנט, ווי די פינסטערניש אַליין. מיר האָבן עס אַלע ווי געפילט און מיר האָבן זיך עס אַליין נישט געקאָנט גלויבן:

„נו, שוין זשע, איז עס מעגלעך, אַז אונזער ערשטער טאָג אין סאָוועט־רוסלאַנד זאָל זיין אַזאַ בייזער און כמורנער?", האָט עמיצער פון אונדז סתם, אַזוי זיך, אַ זאָג געטאָן.

= ◍ =

מיר האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט ביז ווען מיר וועלן עס דאָרטן אַזוי אָפּזיצן. ווייטער גיין האָבן מיר מורא, אַז מיר זאָלן נישט צוטיילמאָל פאַרבלאָנדזשען אין אַ קעגנגעזעצטער ריכטונג. אָבער זיצן אויף איין אָרט האָט אויך נישט געהאַט קיין זין. מיר האָבן זיך טאַקע איבערגעוואָרפן מיט בליקן און זיך געפרעגט: „נו, וואָס ווייטער?"

איציק בער יונגער׳ן איז אין דאָזיגן מאָמענט איינגעפאַלן אַ פּלאַן, וועלכער האָט אונדז פיל געהאָלפן אונטער די אומשטענדן:

„חברה", ווענדט ער זיך צו אונז, „איך האָב אַ פּלאַן! לאָמיר אונטער־צינדן אַ גרויס פייער נאָך איידער עס ווערט פולער טאָג, אַזוי אַרום וועלן מיר אַרויסרופן אויפמערקזאַמקייט פון די סאָוועטישע „פּאַגראַניטשניקעס". צו וואָס זאָלן מיר עס אַרומבלאָנדזשען כדי מיר זאָלן זיי געפינען? אדרבא, זאָלן זיי אונז געפינען!"...

שפּעטער זיינען מיר טאַקע געוואָר געוואָרן, אַז אַנדערע האָבן פון דעם דאָזיקן פונקט געבלאָנדזשעט אין די וועלדער, ביז זיי האָבן ענדלעך געהאַט די גרויסע פּריווילעגיע און די גרויסע „זכיה" אַרעסטירט צו ווערן פון די סאָוועטישע פּאַגראַניטשניקעס...

מיר האָבן אַלע איינשטימיק אָקצעפּטירט איציק בער׳ס פּלאַן. מיר

האָבן צוזאַמענגעקליבן סוטשקעס פון פיכטען־און איכן ביימער. דאָס פייער האָט אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצופלאַקערן און עס איז געוואָרן העלער און העלער, און אַ געדיכטער רויך האָט זיך געקנוילט צום הימל.

פלוצלינג דערהערן מיר אַ שטימע, אַ שאַרף שניידיק קול פון אַן אומזעבאַרער ריכטונג; אַ מין „בת־קול", וואָס וואָלט פונ׳ם הימל געדונערט. נישט מיר זעען פון וועמען די שטימע קומט און נישט מיר פאַרשטייען די ווערטער וועלכע ווערן אַדרעסירט צו אונדז:

„רוקי ווערך! סטרעליאט בודו!" (די הענט הויך! כ׳וועל שיסען!)

אַז מיר האָבן זיך גוט אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן, האָבן מיר ענדלעך באַמערקט, אַז נישט ווייט פון אונדז, צווישן קוסטעס, שטייט אַ רוסישער זעלנער, אַ „פאגראניטשניק", מיט אַ שלום (אַ ספּעציפיש רוסיש היטל אַזאַ) אויפ׳ן קאָפּ. דער סאָוועטישער עמבלעם, פון האַמער און סערפּ, איז אַריינגעפּאַסט אין אַ רויטן שטערן אויפ׳ן שלום. דער זעלנער איז געווען איינגעהילט אין אַ לאַנגער שובע (פוטער־מאַנטל), האַלטנדיק אַ ביקס, געצילט אין אונזער ריכטונג.

מיר האָבן זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן צום זעלנער און זיך אַרומכאַפּן מיט אים און אים קושן... נאָר אַזויווי מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם זין און נישט דעם באַדייט פון זיינע נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט ווערטער, האָבן מיר פּאַוואָליע צוזאַמענגענומען אונדזערע זיבן זאַכן און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום זעלנער, ווי צו אַ גוטן פריינט. איי, אַ קשיא אויף אַ מעשה: „דער זעלנער האָט דאָך אַן אָנגעלאָדענע ביקס אין זיין האַנט געצילט גראָד אויף אונז?" דאָס האָבן מיר אָנגענומען פאַר אַ פאָרמאַליטעט בלויז; פאַר אַ מיליטערישן סימבאָל אַזאַ!...

„ארוזשיע יעסט?" (געווער האָט איר מיט זיך?), פרעגט אונז דער זעלנער שטרענגס.

מיר האָבן אים אויפסניי איגנאָרירט. סיי ווי סיי פאַרשטייען מיר נישט וואָס ער איז אויסן. נאָר אַזוי ווי ער האָט אונז געוויזן מיט׳ן פינגער די ריכטונג וואוהין מיר זאָלן גיין און מיט דעם זעלבן שטרענגען זעלנערישן טאָן האָט ער אונז קאָמאַנדעוועט: „שאגאם מאַרש פּאשלי דאַווי!" — האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אַז מיר דאַרפן גיין אַהין וואוהין ער האָט אונז געוויזן און אַז פון איצט אָן און ווייטער זיינען מיר שוין אונטער דער סאָוועטישער קאָמאַנדע. דער פאגראַניטשניק, אַ הויכער און אַ געזונטער רוס מיט אַ רויטער מאָרדע, האָט פלוצלינג אויסגעשאָסן אין דער לופטן.

אַזוי ווי מיר זיינען געגאַנגען פאַראויס און ער אַהינטער אונז, האָבן מיר זיך דערשראָקן פונ׳ם פלוצלינגדיקן שאָס. מיר האָבן נישט געקאָנט פאַר־שטיין פאַר וואָס ער האָט עס געטאָן. אין אייניגע מינוטן אַרום האָבן זיך געיאָוועט צוויי אינגערע פאגראַניטשניקלעך, מסתם דעם ערשטנס אַדיו־טאַנטן. עס איז אונז געווען שטאַרק אויפפאַלנד, צו וואָס אַזאַ געזונטער זעלנער מיט אַ ביקס אין דער האַנט באַדאַרף האָבן צוויי העלפערס צו אונז... מיר האָבן געטאַפּטשעט אין די בלאָטעס אַרום אַ קילאָמעטער, ביז מיר זענען עֶנדלעך אָנגעקומען צו דער „גלאַוונע פאגראַניטשנע אַכראַנע" (הויפּט גרענעץ וואַך). מען האָט זיך נישט פיל צערעמאָניעט מיט אונז, מען האָט אונז איזאָלירט אין אַ באַזונדער צימערל און מען האָט אונז געהייסן וואַרטן. עס איז פונקט געווען דער זיבעטער נאָוועמבער 1940. דאָס צימערל איז געווען דעקאָרירט מיט פאַרשידענע בילדער און לאָזונגען. צווישן די דעקאָ־ראַציעס זיינען געווען בילדער פון די קאָמוניסטישע לעבעדיקע און טויטע קאַרפּן־קעפּ. איך קאָן זיך דערמאָנען אין אייניקע: מאַרקס, ענגעלס, לענין, סטאַלין, קאַלינין און אַנדערע. צווישן אַלע לאָזונגען אין דער רוסישער שריפט האָבן מיר זיך אָריענטירט, אַז עס מוז האָבן די באַדייטונג: „לכבוד דעם דריי און צוואַנציקסטן יאָרטאָג פון דער גרויסער אָקטאָבער רעוואָלוציע".

= ⦶ =

מיר זיינען מיד געוואָרן וואַרטנדיק, האָבן מיר אינצווישן אונטערגע־דרעמלט. אַז מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט, אַרום מיטאָג צייט, האָבן מיר ערשט געקאָנט פילן ווי מיד און צעבראָכן מיר זיינען פונ׳ם שווערן וועג. עס האָט אונז געקרישעט איטלעכער אבר. אינ׳ם צימערל איז געווען בלויז איין באַנק פאַר צוויי אָדער פאַר, העכסטענס, דריי פאַרשוין. איז ווער עס איז געזעסן אויף זיין טשעמאָדאַנטשיק, ווער עס איז געזעסן אויף דער בלויזער ערד און ווער אויף דער באַנק, אונטערשפּאַרנדיק זיך אייגער אינ׳ם צווייטן.

כאָטש מיר זיינען געווען שטאַרק אויסגעמאַטערט, האָבן מיר פונ־דעסטוועגן געפילט, אַז עס ווילט זיך אונז עפּעס טועם זיין. עס וואָלט זיך אונז געוואָלט אונטערלעבנען אונזער האַרץ מיט עפּעס אַ דערקוויקעניש. די רוסישע „כאַווירים" וואָלטן זיך געוויזן בנאמנות געקויפט „עולם־הבא" ווען זיי וואָלטן אונז געווען מכבד מיט סיי וואָס, נאָר עס זאָל זיין

וואָרעם.

מיר האָבן זיך גאַנץ גוט דענערווירט צוליב דעם וואָס די „כאַווייִרים" איגנאָרירן אונז. אַרום צוויי נאָכמיטאָג ווענדט זיך צו מיר איציק בער יונגער:

— עס וואָלט שוין געווען די העכסטע צייט מען זאָל אונז קאָרמענען מיט עפּעס. קיין איינציקן פון די וועכטער קומט אָבער, קענטיק, נישט אויפ׳ן געדאַנק, אַז מיר זייַנען פאַר׳חלש׳ט און אַז מען וואָלט אונז געדאַרפט געבען עפּעס צו עסן.

אונזער אַלעמענס גערולד האָט שיער נישט געפּלאַצט וואַרטנדיק. מיר האָבן אַזוי אָפּגעוואַרט ביז אַרום דריי אַזייגער. אַ זעלנער האָט זיך ענדליך באַוויזן אין דער טיר און ער האָט פון יוצא וועגן געכאַפּט אַ בליק אויף אונז. אַזוי ווי דער זעלנער האָט אונז גאָרנישט געזאָגט האָבן מיר זיך געווענדט צו אים אויף שטים-לשון. מיר האָבן אים געוויזן מיט די פינגער צום מויל.

רודאָלף ווייס, אַ געוועזענער טשעכישער בירגער, פּרובירט צו רעדן טשעכיש מיט׳ן זעלנער, אָבער ער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט וואָס רודאָלף רעדט. ענדלעך זאָגט רודאָלף:

„איסטי! איסטי!" (עסן! עסן!).

אַז מיר האָבן געזען, אַז דער זעלנער יאָוועט זיך מיט אַ טשייניק, פון וועלכן עס גייט אַ פּאַרע, זייַנען מיר געווען זיכער, אַז ער האָט מסתם פאַרשטאַנען וואָס מיר האָבן געוואָלט. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז עס איז אַוודאי פאַראַן זיסע טיי אין דאָזיקן טשייניק. מיט אַביסל הייסער און זיסער טיי וואָלטן מיר זיך געווען טאַקע דערקוויקט אין דאָזיקן מאָמענט.

צו אונזער גרויסער אַנטוישונג איז עס אָבער נאָר געווען אַ טשייניק מיט „קיפּיאַטאָק" הייסע וואַסער (אקריפּ). ווי שטאַרק מיזעראַבל מיר האָבן זיך געפילט, און נישט געאַכט דערויף וואָס מיר האָבן אַזוי שטאַרק געלעכצט נאָך אַ הייסן טרונק, אַלץ האָבן מיר נישט געקאָנט אַרונטערשלינגען דעם דאָזיקן געטראַנק...

אין דאָזיקן מאָמענט האָבן מיר זיך נאָכנישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז עס וועט זיין אַ צייט, אַז צוליב אַזאַ ביסל אַקריפּ וועלן מיר זיך צוטייל-מאָל דאַרפן שלאָגן און אַז מיר וועלן זיין העכסט צופרידן ווען מיר וועלן האָבן גענוג פון אָט דער דאָזיקער מציאה...

= ⊕ =

פאַר איניקע צווישן אונז איז דער גאַנצער ענין געווען קשא. איבער־הויפט האָט איציק בער מיט זיין משכילישן פאַרשטאַנד, עס נישט געקאָנט פאַרדייען. היצט ער זיך טאַקע:

— ממה־נפשך, זיי ווילן אונז נישט געבן קיין עסן, איז נישט! אָבער וואָרום חוזק מאַכן פון בידנע מענטשן?!

מיר האָבן באַמערקט ווי פּיוול י. און משה דער רויטער, די צוויי געוועזענע אַקטיווע „באווירים", שושקן זיך און שמייכלען אונטער די וואָנצעס. משה איז דאַן אַרויסגעקומען מיט זיין געווײנלעכן מענה־לשון און ער האָט אונז אַלע געגעבן צו פאַרשטיין וואָס עס קומט דאָ פאָר:

— איר האָט דען אַן אָנונג וואָס פאַר אַ טאָג ס'איז היינט איבער'ן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַר אַלע געטרייע נאָכפאָלגער פונ'ם סאָוועטישן רעזשים? — נישט געקוקט דעריף וואָס זיין שטימע איז אַביסל שוואַכער, פּרובירט ער אַלץ אָנצוהאַלטן זיין אָראַטאָרישן עקסטאַז — היינט איז דער זיבעטער נאָוועמבער! אינ'ם ראַטן־פאַרבאַנד איז היינט דער גרעסטער „יאָמטעוו"; עס איז דער „יאָמטעוו" פון דער גרויסער אָקטאָבער רעוואָ־לוציע פון 1917! דער זיבעטער נאָוועמבער איז דאָ אַ גרעסערער „יאָמטעוו" ווי דער ערשטער מאַי אפילו. אין אַזאַ גרויסן יאָמטעוו ליגט עס נישט אין זיינען קיינעם דאָ זיך צו אינטערעסירן מיט אונז. זיי האָבן פיל וויכ־טיקערע זאַכן אויפ'ן קאָפּ... איי, אַ קשיא אויף אַ מעשה, דאָס געקאָכטע וואַסער, איז מה־רעש?! פאַר וואָס זענט איר עס אַזוי שטאַרק איבערראַשט דעריבער? דער זעלבער האָט אונז מסתם נישט פאַרשטאַנען וואָס מיר האָבן געוואָלט. ער האָט זיכער געמיינט, אַז מיר בעטן ביי אים וואַסער, האָט ער אונז דעריבער געבערענגט וואַסער. געקאָכט וואַסער און נישט קיין רויעס, ווייל דאָס וואַסער קאָן צוטיילמאָל זיין שעדלעך פאַר'ן אָרגאַניזם צוליב שעדלעכע באַצילן...

(עס איז מיר דעמאָלט קשה געווען און עס איז מיר עד היום קשה פון וואַנען עס יאָוועט זיך אַלעמאָל אַזויפיל מלמדי זכות, אַזויפיל „לוי יצחק באַרדיטשעווערס", אויפ'ן חשבון פון קאָמוניזם...)

צי עס איז יאָ עפּעס געווען אַ זין אין משה דעם רויטנ'ס רייד, צי דאָס זיינען געווען בלויז אויסגעדראשענע פראַזן צו פאַרענטפערן זיינע „באווירים" — מיר זיינען סיי ווי נישט געווען צופרידן פון זיין ענטפער! נאָך אַזאַ שווערן וועג און נאָך אַזויפיל וואַרטן ווילט זיך אונז עפּעס איבערכאַפּן.

אנשטאָט מען זאָל אונז געווען געבן צו עסן, האָט מען אונז אָנגעהויבן אויסצופרעגן. אַן אָפיציר מיט אַ זעלנער האָבן אויפגענומען אַ פּראָטאָקאָל. זיי האָבן אונז ערשטנס באַפוילן, אַז מיר זאָלן אַרויסלייגן אַלעס פון אונזערע קעשענעס. מער ווי אַלץ אינטערעסירט זיי אונזער צירונג, האַנט־זייגערלעך, פיל־פעדערס און טייסטערס.

מען האָט אונז באַזוכט און אויסגעטאַפּט אַלע קעשענעס און אונז נאָכקאָנטראָלירט איבעראַל. אויפנעמענדיק דעם פּראָטאָקאָל האָט מען אונז הויפּטזעכלעך געפרעגט, ווער מיר זענען, ווי אַזוי אונזער עלטערן הייסן, צי מיר האָבן געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און צי מיר האָבן קרובים אין רוסלאַנד.

די דאָזיקע פאָרמאַליטעטן זיינען דורך קורץ און שאַרף. מען האָט אונז אַרויפגעזעצט אויף אַ לאַסט אויטאָ און צוויי באַוואָפנטע זעלנער מיט אַן אָפיציר האָבן אונז אַרויסבאַגיילט פון יאַבלאַניצע קיין ווראַכטע, לעבן נאַדווארנע (גאַליצישע הערפּלעך לעבן דער גרענעץ). אין וואַראכטע האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין אַן איזאָלירט קעמערל אָן דעם דאָס מען זאָל אונז געבן עפּעס צו עסן.

= ◍ =

די וואַנצן האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין אויף אונזער חשבון. די רויטע באַשעפּענישן האָבן זיך געענוג אָנגעזויגן מיט אונזער בלוט. אויך זיי האָבן געהאַט אַ "יאַמטעוו"!

מיר האָבן טאַקע נישט געפילט די רויטע באַשעפענישן, אין אַנהייב, ווייל מיר זיינען געשלאָפן ווי אין אַ ליטאַרגישן־שלאָף, נישט געאַכט דערויף וואָס מיר האָבן גאָרנישט געגעסן. אין דער פרי אָבער האָבן מיר געזען, אַז אונזערע קערפּערס זיינען באַדעקט מיט פרישטשעוואַטע בלעזלעך ווי קרעץ.

מיר האָבן אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן מיט אַ רחמנות געפיל. מיר האָבן זיך געטרייסט, אַז דאָס איז נאָר אַ דורכגאַנג, אַ קאַשמאַרנער חלום אַזאַ; די סאָוועטן זיינען דאָזיקן געביט נאָר זייט אַ קורצער צייט, זיי זיינען דעריבער דאָ נאָכנישט איינגעאָרדנט ווי עס געהער צו זיין. איז וואו זאָלן זיי אונז געווען אַהינטאָן? ביז וואָס ווען האָבן זיי אונז קלאָמפּערשט אַרעסטירט...

משה דער רויטער איז שטאָל און אייזן, אַז נאָר דאָס איז דער לאָגיש־

סטער אמת. ער וואַרפט אָפּ אַלע באַהויפּטונגען, אַז מיר זיינען טאַקע אויך אַן אמת אַרעסטירט און אַז מיר זיינען נישט אַנדערש ווי איינפאַכע אַרעסטאַנטן!

עס איז שוין נאָכאַמאָל נאָכמיטאָג, אָבער צו עסן האָט מען אונז נאָך אַלץ נישט געגעבן. דערפאַר אָבער קאַרעמט מען אונז מיט אַ פרישן פּראָטאָקאָל. מען האָט אונז איינציקווייז אַרויסגערופן, און אָפּיציר האָט אונז, דורך אַן איבערזעצער, אויסגעפרעגט אַלע איינצלהייטן: די פּינקטלעכע דאַטעס ווען מיר זיינען געבאָרן געוואָרן; מיט וואָס מיר האָבן זיך באַשעפטיקט אינדערהיים; פאַרוואָס מיר זיינען אַנטלאָפן פון אונגאַרן; פאַרוואָס מיר זיינען געקומען אין ראַטענפאַרבאַנד א. א. וו.

ענדלעך האָט מען אונז געגעבן צו עסן. נאָכ׳ן פּראָטאָקאָל האָט מען אונז געגעבן דאָס ערשטע סאָוועטישע מאָלצייט: אַ קאַלטע און פעטע פּראַסע יויך.

שוין דאָס ערשטע מאָלצייט האָט אונז פאַרשאַדט. פון דער קאַלטער און פעטער, מיט חזיר שמאַלץ געקאָכטער יויך, האָבן מיר אַלע געקראָגן מאָגן קרעמפּן. זייענדיק שטאַרק אויסגעהונגערט האָבן מיר זיך צוגעכאַפּט צו דער דאָזיקער יויך ווי צו עפּעס אַ גוט געקעכץ, אָבער נאָכדעם האָבן מיר פון דאָזיקן „גוטן־געקעכץ" מער שאָדן געהאַט ווי נוצן...

רחל׳ן האָט מען אָפּגעזונדערט פון אונז. מיר האָבן זיך אָבער געזען אין קאַנטור בעת מען האָט אונז אויסגעפרעגט. אויך זי האָט געקראָגן די זעלבע באַהאַנדלונג. פון קוראַציע איז אַן „ערשט־קלאַסיקן־סאָוועטישן־סאַנאַטאָריום" איז זי זייער ווייט געווען...

דעם טאָג האָט מען אונז צוזאַמענגעבראַכט מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן פון דעם זעלבן סאָרט וואָס מיר: „פּערעביעזשטשיקעס" (אַריבערגעלאָפענע), ווי אויך מיט אַ נייעם סאָרט אַרעסטאַנטן — מיט אַזוינע וואָס האָבן געוואָלט לויפן פון רוסלאַנד קיין אונגאַרן...

דעם נאָמען „פּליטים" נוצט מען נישט אין רוסלאַנד פאַר אַזוינע ווי מיר. מיר זיינען אונטערן חשד פון שפּיאָנאַזש. דעריבער ווערן מיר גערופן „פּערעביעזשטשיקעס", אַריבערגעלאָפענע, דער דאָזיקער נאָמען פּאַסט אונז בעסער, לויט דער סאָוועטישער קאָנצעפּציע, ווייל עס איז מער אַ שאַנד אויסדרוק ווי אַ נאָמען וואָס זאָל אַרויסרופן מיטגעפיל צו אונטערדריקטע און נויטבאַדערפטיקע ווי דאָס וואָרט „פּליטים" קאָן באַדייטן.

מיר ווערן וואָס אַמאָל אַלץ מער איבערראַשט: „וואָס פאַר אַ שייכות

קענען מיר עס האָבן מיט אַרעסטאַנטן וועלכע האָבן געוואָלט לויפן פון רוסלאַנד קיין אונגאַרן ? !"

„מצא מין את מינו" (איטלעך באַשעפעניש טרעפט זיין פּאָר) — אַזוי רוימט מיר אַריין אַ סוד אין אויער איציק בער יונגער.

צוזאַמען זיינען מיר געווען זיבעצן אַרעסטאַנטן, דערונטער פיר פּרויען. אַ באַוואָפענטער סאָלדאַט האָט אונז באַפוילן דאָס מיר זאָלן זיך שטעלן אין דער רייע „פּא דוואַ" (צו צוויי). מען האָט אונז אַריינגעזעצט אין אַ ספּעציעלן אַרעסטאַנטן וואַגאָן און מען האָט אונז אָפּגעפירט קיין נאַדוואָרנע.

= ⦶ =

קוים האָבן מיר צייט געהאַט אויסצושטייגן פונ'ם וואַגאָן אויפ'ן נאַדוואָרנער וואָקזאַל, האָט אונז ווידער אָפּגעהילכט אַ זעלנערישע קאָמאַנדע אין די אויערן אַריין, אַז מיר זאָלן זיך שטעלן צו־צוויי. און דאַן אַ נייע איבערראַשונג: חוץ דעם וואָס מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצער כאָפּטע באַוואָפענטע סאָלדאַטן, שטייען פיר הינט, ווי וועלף, אויף דער וואַך איבער אונז. דער זעלנער האָט אונז געוואָרנט, אַז אין פאַל עמיצער פון אונז וועט פּרוואון צו אַנטלויפן צי אפילו נאָר אַרויסגיין פון דער רייע, וועט ער, דער זעלנער, האָבן אַ פולע רעכט צו שיסן אָן אַ ווייטערדיקער וואָרענונג:

„האָט איר פאַרשטאַנען ?", האָט ער שטרענג געפרעגט.

מיר האָבן געמוזט ענטפערן:

„יאָ" !

נאָר דאָס איז נישט אַלץ. ערשט איצט האָט אונז דער זעלנער געגעבן אַ לעקציע וואָס עס הייסט אַזוינס קרימינעלע דיסציפּלין:

„רוקי נאַזאַד דאַוואַי !" (די הענט אַהינטערלייגן !).

נישט אַלע האָבן מיר פאַרשטאַנען וואָס עס הייסט אַזוינס „רוקי נאַזאַד". נאָך ווייניקער האָבן מיר פאַרשטאַנען וואָס עס באַדייטן אַנדערע אויסדרוקן, וואָס דער זעלנער האָט גענוצט. נאָר אַזוי ווי צווישן אונז איז שוין געווען אַ גאַנצער ערב־רב אוקראַאינער און פּאָליאַקן, און די יעניקע האָבן גלייך אויסגעפאָלגט די קאָמאַנדע וואָס דער זעלנער האָט געגעבן, האָבן מיר שוין דעריבער אַלץ פאַרשטאַנען. נישט נאָר האָבן מיר פאַרשטאַנען וואָס עס הייסט אַזוינס „רוקי נאַזאַד", נאָר מיר האָבן אפילו באַגריפן מיט אַלע

אונזערע חושים וואָס עס איז דער אינהאַלט דערפון...

נישט געקוקט דערויף וואָס מיר האָבן שוין אַלע הונדערט פּראָצענט געוואוסט דעם פּשט פון אָט די דאָזיקע צוויי ווערטער, האָבן זיך פונדעסט־וועגן אַ טייל פון אונז גע׳ישוב׳ט און זיך נישט געאיילט אויסצופירן די קאָמאַנדע. און זאָל עס מיין ווינציקייט נישט זיין צו שאַנד, אויך איך האָב זיך נישט געאיילט צו פאָלגן. איבערהויפּט אַז איך האָב געזען ווי משה דער רויטער איילט זיך נישט אויסצופירן דעם באַפעל. אויך ער, משה, וויל נישט איינהאַלטן די „כאַווערישע" דיסציפּלין! פאַר משה׳ן איז עס אַן אויסערגעוויינלעך ביטערע פּיל אַרונטערצושלינגען...

דאָ ווערט דער זעלנער אויסער זיך פון אויפרעגונג. ער דונערט מיט זיין באַסאווער שטימע וועלכע ציטערט אַזש פון כעס און גרימצאָרן:

„אָ, ווי ניע סלושאַיטע טשטאָלי?! רוקי נאַזאַט וואַם גאַוואָריאַט!!!"

(איר הערט אפשר נישט?! די הענט אַהינטער האָט מען אייך געזאָגט!!!)

דער זעלנער האָט זיך נישט באַגעניגענט מיט׳ן שרייען בלויז. ער גייט צו צו משה׳ן, ער פאַקט זיינע צוויי אָרעמס און ער קרייצט זיי אַהינטער. פאַרוואָס פּונקט משה האָט אַזוי אויסגענומען ביים זעלנער איז שווער צו זאָגן...

נאָך אָט דער דאָזיקער אומאַנגענעמער סצענע, וועלכע איז נאָר געווען אַן אָנהויב פון אונזערע אומאַנגענעמליכקייטן און אנטוישונגען, האָבן מיר זיך אַלע געכאַפּט, אַז עס גילטן נישט קיין חכמות, דיסציפּלין איז דיסציפּלין! מען מוז אויספירן די קאָמאַנדע נישט וואָרטנדיק, אַז דער זעלנער זאָל מכבד זיין מיט אַזאַ כיבוד ווי ער האָט נאָר וואָס מכבד געווען משה דעם רויטן.

מיר מאַרשירן אַזוי, מיט די הענט אַהינטער, איבער די נאַדוואָרנער גאַסן. מיר זוכן מיט די אויגן אַ אידיש פּנים. מיר האָבן אַזאַ פּנים אָבער נישט געזען.

צופעליק איז אונז דער נאָמען נאַדוואָרנע נישט פרעמד צוליב ר׳ מרדכי׳לע נאַדוואָרנער, אַ רבי פון וועלכן מען האָט זיך אנדערציילט נסים ונפלאות אין סיגעט. צוויי פון זיינע אייניקלעך, דער קרעטשיניוער און דער סלאַטווינער רבי, האָבן אָנגעפירט רביסטווע אין סיגעט. (ר׳ מרדכי׳לע איז געווען ר׳ מאיר פּרעמישליאַנער׳ס אַן אייניקל).

מיר האָבן אַזוי לאַנג מאַרשירט איבער די נאַדוואָרנער גאַסן ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ פעסטונג. מיר האָבן זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז די

פּעסטונג איז אַ טורמע, אין וועלכער מען גייט אונז איינקוואַרטירן...

עס האָט אונז כמעט נישט געאַרט. זאָל באַדאַי זיין אַ טורמע אבי מיר זאָלן שוין זיין איינגעאָרדנט אויף אַן אָרט. ביז דער הויפּט קאָמאַנדיר, וועלכער האָט געהאַט די אויפזיכט איבער אונז ביז נאַדוואַרנע, האָט דער־ליידקט זיינע פּאַרמאַליטעטן מיט דעם הויפּט פון דער תפיסה, וועלכער באַדאַרף אונז איבערנעמען אין זיין רשות, האָט אונז דער זעלנער קאָמאַנ־דעוועט:

„מיט די הענט אַהינטער! דריי זיך אויס צו דער וואַנט!"

יאָ, מער האָבן מיר שוין נישט געצווייפלט דערין, אַז מיר זיינען אַריינ־געקראָכן אין אַ ניי אומגליק אַריין. אפילו משה דער רויטער האָט שוין באַשיינפּערלעך געזען אַז מיר זיינען אַריינגעפּאַלן...

11

מיר זיינען געשטאַנען, מיט די הענט אַהינטער, אויסגעדרייט צו דער וואַנט, פּאַר איבער צוויי שעה. נאָכמיטאָג איז געקומען אַן אָפיציר און ער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, אַז מיר זאָלן זיך אויסדרייען צו אים. ער, דער אָפיציר, וועט אויסרופן אונזערע נעמען און מיר זאָלן זיך אָפּרופן און צוגעבן צו אונזער נאָמען דעם נאָמען פון אונזער פאָטער. משה דער רויטער, צום ביישפּיל, האָט זיך באַדאַרפט אָפּרופן: מאָיסעי מיכאַילאָוויטש", חוץ, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זיין פאַמיליע נאָמען.

דער אָפיציר, אַ טונקעלער מיט אַ גרויסער מאָרדע, טוט קיין פּינטל נישט מיט'ן אויג, ער ציילט אונז נישט קוקנדיק אין אונזערע געזיכטער. אונזערע פּנים'ער אינטערעסירן אים נישט. מיר זיינען ביי אים ווי עפּעס אַ קעגנשטאַנד, צי עפּעס לעבעדיקע באַשעפענישן, פאַר וועלכע ער איז פאַראַנטוואָרטלעך לויט דער צאָל נאָך. דעריבער ציילט ער עס קאַלט־בלוטיק: „ראַז, דוואַ, טרי, טשעטירי" און אַזוי ווייטער.

אונזערע נעמען האָבן געקלונגען פרעמד און צעקאַליטשעט אין אופן ווי דער אָפיציר האָט זיי אויסגערופן אינ'ם רוסישן אַקצענט. אונזערע נעמען האָבן אַזוי אויסטערליש געקלונגען פונ'ם אָפיציר'ס מויל, פונקט ווי אויס־טערליש און אומהיימלעך מיר האָבן זיך געפילט אין דאָזיקן מאָמענט. עפּעס האָבן מיר געפילט גלייך ווי מיר און אונזערע נעמען זיינען פרעמד איינער צום צווייטן...

מיר האָבן אָבער פאַרשטאַנען װעמען ער, דער אָפיציר, מיינט, בישט געאַכט אויף זיין שװערן לשון אַרויסצוזאָגן אונזערע אידישע נעמען. נאָר װען עס איז געקומען צום נאָמען יעגער, האָט זיך דער אָפיציר אַזוי פאַר־האַקט, אַז עס איז אים געװען אוממעגלעך דעם נאָמען צו זאָגן אַזוי דאָס מען זאָל װיסן װעמען ער מיינט. דאַכט זיך אַזאַ איינפאַכער נאָמען: יעגער. ער האָט געזאָגט: אילגער, יעלגער, עלגער. מיר האָבן געמיינט, אַז דער אָפיציר קאָן סתם נישט גוט לעזן. אַרויסגעװיזן האָט זיך אָבער, אַז אויך אַנדערע אָפיצירן האָבן זיך פאַרהאַקט ביי אָט דעם דאָזיקן נאָמען.

די רוסן זיינען געװאוינט צו לייענען נאָך אַזאַ „װייכן" װאקאַל װי „יע" — אַן „ל". אין דעם פאַל װאָלט באַדאַרפט זיין יעגער׳ס נאָמען יעלגער. די סיבה בין איך ערשט שפּעטער געװאויר געװאָרן, װען איך האָב זיך געלערנט רוסיש און איך האָב געהאַט שװעריקייטן מיט׳ן „װייכן" װאקאַל...

נאָכ׳ן ענדיקן די פּראָצעדור, האָט דער אָפיציר מיט די אַקטן אונטער׳ן אָרעם, אונז אַריינגעפירט אין אַ לאַנגן און שמאָלן קאָרידאָר, און אונז נאָכאַמאָל איבערגעציילט.

איןביידע זייטן פונ׳ם קאָרידאָר האָבן זיך געצויגן רייעס מיט שמאָלע און אייזערנע טירן. די טירן זיינען געװען פאַרריגלטע און פאַרשלאָסענע מיט גרויסע שלעסער. אין דער הויך פון איטליכער טיר איז פאַראַן אַ קליין לעכל מיט אַ שייבל, אַ מין אויג אַזאַ, אַ סימן אַז די טיר קאָן זען... דורך דעם דאָזיקן לעכל קאָן דער װעכטער אַריינקוקן װאָס עס טוט זיך פון יענער זייט טיר. דאָס שייבל איז איבערגעדעקט, אַזוי, אַז פון יענער זייט טיר זאָל מען נישט קענען כאַפּן אַ בליק אין קאָרידאָר. פון הינטער די טירן האָט זיך געהערט אַ געהיימניספול שושקען אַזאַ װאָס איז אונז פרעמד געװען און עס האָט אונז גלייכצייטיק געמאַכט אויפּשוידערן.

אין אָט דעם דאָזיקן קאָרידאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע פּראָצעדור: מען האָט אונז פונדאָסניי געבדקנט פון קאָפּ ביז צו די פיס. אפילו די שיך־בענדלעך האָט מען פון אונז אַװעקגענומען. אפילו אַ נאָדל אונטער די לאַצן האָט מען אונז נישט איבערגעלאָזן, װי אויך איטליכעס שטיקל פּאַפּיר האָט מען אונז אַװעקגענומען. אַמפּיינלעכסטן איז געװען װען די נ.ק.װ.־דיסטן האָבן געעפנט אונזערע װאַליזעס. זיי האָבן אַלע אונזערע זאַכן געװאָרפן אויף דער ערד אין שמוץ אַריין. זוכנדיק און בישטערנדיק אין מיין װאַליזע, האָבן זיי אַנטדעקט מיין תפלין־זעקל, אויף װעלכן עס איז געװען אויסגענייט אַ גאָלדענער מגן־דוד און אין האַרץ פון מגן דוד איז געװען מיט גאָלדענע

אותיות אויסגעגייט מיין נאָמען.

די האַנט־אַרבעט אויף מיין תפילין־זעקל איז נישט געווען קיין איינ־פאַכע אַרבעט. שוין צוויי יאָר פאַר מיין בר־מצוה האָט מיין מוטער אָנגע־הויבן אויסנייען אַ תפילין־זעקל פאַר איר מיזיניק. עס איז געווען אַ מייסטערשטיק!

אַרויסנעמענדיק די תפילין פון בייטל האָבן זיי מיך אָנגעקוקט פאַר־וואונדערט, ווי איינער רעדט: „וואָס פאַר אַן אויסטערלישקייט איז דאָס?!"

נאָר דער זעלנער האָט זיך געמאַכט אַ קליינעם צימעס דערמיט און ער האָט אויך די תפילין געוואָרפן צו דער ערד ווי עפּעס אַן אַנדערע נישט וויכטיקע זאַך. אינסטינקטיוו האָב איך זיך געוואָלט אַראָפּבויגן און די תפילין אויפ־הויבן נאָר דער זעלנער האָט מיך צוריקגעהאַלטן...

ביי די נ. ק. וו. ד. זיינען אונזערע היימישע זאַכן גאָרנישט ווערט. איך זע ווי זיי טרעטן אַפילו אויף זיי. איך זע ווי זיי טרעטן אויף די תפלין און אויפן תפילין־זעקל; זיי טרעטן אויף מיין נאָמען, זיי טרעטן אויף אַלעם וואָס איז ביי אונז הייליק און טייער.

אין אמת'ן האָב איך זיך אַליין אויך געוואונדערט ווען איך האָב דערזען, אַז דער זעלנער נעמט אַרויס פון מיין וואַליזקע מיינע תפילין. קוים האָב איך דעצידירט צו גיין קיין רוסלאַנד, האָב איך גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איך גיי נישט אַהין דאַווענען. ס'איז מיר לכתחילה גאָרנישט איינגעפאַלן מיטצונעמען זיי מיט זיך. מיין מאַמע האָט אָבער נישט פאַרגעסן איינצו־פּאַקן מיינע תפילין צווישן אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס זי האָט מיר מיט־געגעבן אויפן וועג. מיין מוטער האָט צוזאַמענגעלייגט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה כדי זי זאָל מיר קויפן אַ פּאָר נייע תפילין ביי ר' מאַניש דעם סופר. קורץ פאַר מיין בן־מצוה האָט מיך מיין מוטער איבערראַשט:

„אָט האָב איך פאַר דיר אַ פּרעזענט, אַ פּאָר נייע תפילין!"

איך האָב נישט געוואוסט אַז מיינע תפילין געפינען זיך צווישן מיינע זאַכען. נאָר קוים האָב איך זיי דערזען, זיינען זיי ביי מיר שטאַרק טייער געוואָרן; זיי האָבן ביי מיר אפשר קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ חשיבות ווי אין דאָזיקן מאָמענט. אַזוי די תפילין ווי מיין תפילין־זעקל האָב איך מער קיינמאָל נישט צוריקגעזען (ר' מאַניש דעם סופרס תפילין זיינען געווען די חשוב'סטע און טייערסטע אין סיגעט)...

דאָס לעצטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געהאַט די זכיה צו זען מיין נאָמען אין גאָלדענע אותיות...

אויך דאָס האָנט זייגערל, וואָס איך האָב געהאַט באַקומען פון מיין געליבטער אַלס מתנה, ווי אויך מיין פול־פעדער, מיין טייסטער, קעמעלע, ציין־בערשטל און איבער הונדערט בילדער פון אַלע מיינע ליבע און טייערע האָב איך שוין מער קיינמאָל נישט געזען צוריק.

מיר האָבן זיך געמוזט אויסטאָן אָדם־נאַקעט. אַנשטאָט די פיר גוטע מלאכים, וועלכע איך פלעג אַמאָל דערמאָנען ביים קריאת־שמע לייענען: „ביי מיין רעכטער האָנט — מיכאל; ביי מיין לינקער זייט — גבריאל; פון פאָרענט — אריאל; פון הינטען — רפאל" — זיינען איצטער, להבדיל הונדערט טויזנט מאָל, להבדיל בין טומאה לטהרה, איצטער געשטאַנען פיר וועכטער, פיר מלאכי חבלה־ניקעס. זיי, די טייוואלים אין מענטשליכע געזיכטער, האָבן אונז קאָמאַנדעוועט: זיצן! אויף!! זיצן! אויף!

מען האָט אונז אָפּגעשאָרן די האָר מיט אַ שטומפּיקער מאַשינקע. מיר האָבן געהאַט אַ פולן קאָפּ מיט „טרעפּ". מיר קוקן זיך אָן איינער דעם צווייטן און באַדויערן איינער דעם צווייטן און זיך אַליין. ווי אַזוי מיר זעען אויס קענען מיר זיך נאָר פאָרשטעלן ווען מיר קוקן אָן אַ צווייטן, ווייל קיין שפּיגל האָבן מיר נישט.

עס איז קוים עטליכע טעג זייט מיר זיינען אַוועק פון דער היים און שוין קוקן מיר אויס אַזוי אַנדערש, אַזוי משונה צורה: אָן האָר אויפן קאָפּ, מיט אַ באַוואַקסן געזיכט, אָפּגעלאָזן און ברודיק; מיר האָבן שוין אפילו פאַרלאָרן דעם לעבעדיקן קאָליר פון אונזער געזיכט! איז וואָס קומט ווייטער?!

קיין עסן האָבן מיר טאַקע אויך דעם טאָג נישט באַקומען, נאָר עס איז אונז פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט, נישט נאָר פונם עסן, נאָר אויך פון לעבן.

מיט אַ קריצן פון אַ ריגל און מיטן קלאַנג פון שליסלען האָט זיך ענדלעך אויפגעפּראַלט די געהיימנישפולע טיר. מיר האָבן בלויז געפילט ווי הענט שטופּן אונז אַריין אין אַן ענג חדר'ל אַריין. אינם חדר זיינען שוין פאַראַן פיר צענדליק מענטשן. אויפן ערשטן בליק האָבן מיר זיך געוואונדערט, וויאַזוי מיר וועלן זיך עס קענען איינקוואַרטירן אין דעם דאָזיקן חדרל. עס האָט זיך אונז אויסגעוויזן אַז מיר וועלן אפילו ניט האָבן גענוג פּלאַץ צו זיצן אויף דער צעמענטענער פּאַדלאָגע.

עס פילט זיך אַן עיפּוש'דיקער גערוך און אַ שטיקעניש, אַז מען קאָן פאַלן אין חלשות. דער טואַלעט, אַ „פּאַראַשע" (עמער) איז אין זעלבן חדרל, אין ווינקל. לייז זיינען פאַראַן איבער גענוג און צרות נישט וויניקער...

דאָ האָבן מיר זיך באַקענט מיט נייע חברה, מייסטנס קאַרפּאַטישע אידן און אוקראַינער, ווי אויך מיט אונגאַרן, וועלכע האָבן געהאַט די פּריווי־לעגיע אָנצוקומען מיט איינִיגע טעג פריער אין דער נאַדווארנער טורמע. מערסטנס זיינען אַלע פון דער זעלבער קאַטעגאָריע ווי מיר, — אַנטלאָפענע פון די אונגאַרישע פאַשיסטן.

זיי, די „אַלטגעזעסענע״, האָבן פּרובירט אונז טרייסטן. זיי ווייסן זייער גוט, אַז עס מאַכט אַ פיינלעכן איינדרוק, וואָס מען גיט אונז אַזאַ „בכבודיקע״ אויפנאַמע, ווי עפּעס פאַר אויסדערוויילטע געסט. „אָבער עס איז בלויז אַן איבערגאַנג!״, זאָגן זיי.

— „דאָ אין דער נאַדווארנער טורמע״ — זאָגט מיר איינער פון די אַלטגעזעסענע — „זיצט קיינער נישט מער ווי צוויי וואָכן. דאָ פּאַרשט מען אויס אונזער פאַרגאַנגענהייט, צי מיר זיינען נישט קיין שפּיאָנען צי סתם שעדלעכע עלעמענטן. נאָכדעם, ווען מיר וועלן האָבן איבערגעקומען די צוויי וואָכעדיקע „האָניג־טעג״, וועט מען אונז טראַספּערירן קיין סטאַ־ניסלאַוו. אין סטאַניסלאַוו וועלן מיר בלויז דאַרפן דערליידיקן אייניקע פאָרמאַליטעטן, נאָכדעם וועלן מיר באַקומען רוסישע דאָקומענטן און מיר וועלן זיין פרייע סאָוועטישע בירגער...

ביי דער דאָזיקער מיינונג איז איינער וועלכער קומט פון כוסט (אַ קאַרפּאַטיש שטעטל). דער כוסטער יונגערמאַן, הערשל פּאָלאַק איז אָפּטי־מיסטיש געשטימט. הערשל פּאָלאַק האָט פאַרפירט אַ ליבע מיט אַ יונג מיידל פון רעליגיעזע און פאַרמעגלעכע עלטערן. דעם מיידעלס עלטערן זענען געווען שטאַרק קעגנעריש געשטימט צום דאָזיקן שידוך. זיי זיינען געווען שטרענג צו זייער טעכטערל און זיי האָבן איר פאַרווערט אפילו צו רעדן צו הערשלען.

אַזויווי הערשל איז געווען טויט־פאַרליבט אין לאה׳קען, אַזוי האָט זי געהייסן, האָט ער געזען אַז עס וועט אים גאָרנישט העלפן און ער וועט זיין אויסדערוויילטע פאַרלירן אויב ער וועט נישט אָנווענדן עפּעס אַ דראַסטיש מיטל, איז ער געפאַלן אויף אַ פּלאַן: ער וועט איבעררעדן לאה׳קען זי זאָל מיט אים אַנטלויפן קיין רוסלאַנד... איז אי ער וועט זיין לאה׳׳קען אַרויסרייסן פון די לאַפּעס פון די פאַשיסטישע מאַדיאַרן און אי ער וועט האָבן זיין ציל דערגרייכט... עס איז הערשלען מיט שווערער מי קוים געלונגען צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן. אַצינד איז ער מיט לאה׳קען צוזאַמען ביי די רוסן אין טורמע... נישט געאַכט אויף דער מאָמענטאַנער

אומאַנגענעמער ווירקלעכקייט, איז ער פונדעסטוועגן גאַנץ אָפּטימיסטיש געשטימט, וואָס ער אַנבאַלאַנגט זייער צוקונפט.

אויך אַ צווייטער, אַ גרויסוואַרדיינער, מיט׳ן נאָמען בערנאַט בערקאָוויטש, איז נישט ווייניקער אָפּטימיסטיש געשטימט פונם ערשטן. בערנאַט בערקאָוויטש איז אויך נישט אַליין געקומען צו די רוסן. נישט נאָר איז ער געקומען מיט זיין פרוי צוזאַמען, מיט פעניך, נאָר זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט זייער בן־יחיד׳ל, אַ דריי יעריק זונדל. בערנאַט טענה׳ט צו מיר:

„עס איז לאָגיש דאָס די סאָוועטן וועלן אונז נישט האַלטן איינגעשפּאַרט אין טורמע" — און מיט אַ זיכערן און אויספּירלעכן טאָן גיט ער צו „אַז וואָס זיינען מיר עס, עפּעס אַ באַנדע שפּיאָנען, אָדער סתם פאַרברעכער?"

מיט׳ן גורל פון די דאָזיקע צווי און זייערע אויסדערווילטע וועלן מיר זיך נאָך באַגעגענען אין דער צוקונפט.

צי איך בין יאָ געווען איינפאַרשטאַנען מיט די אויספירן פון הערשל פּאָלאַק און בערנאַט בערקאָוויטש, צי נישט — איך האָב זיך נישט געפילט זיכער וואו איך בין אין דער וועלט. עס האָט זיך מיר ענדער אויסגעדאַכט, אַז איך בין אין אַ טראַנס, אַז איך חלום... איך בין שוין פון דער ערשטער מינוט אָן פון אונזער אַרעסט, געווען אונטערן איינדרוק דאָס מיר זיינען אַלע „פאַרוואָגעלטע־נשמות", וועלכע זיינען פלוצלינג אַריינגעשליידערט געוואָרן אין שאול־תחתיה אין „עולם־התוהו" און קענען זיך מער נישט אַרויסרייסן פון דאָרטן... איך האָב סתם זיך נישט געקאָנט גלויבן, אַז מיר געפינען זיך ווירקלעך אין אַזאַ קריטישער און קאָשמאַרענער סיטואַציע. איך בין נישט געווען בכוח צו קאָנצענטרירן מיינע געדאַנקען און זיך אָפּגעבן אַ געגויעם דין־וחשבון, וואו מיר זיינען אין דער וועלט.

צו איין אויספיר בין איך אָבער יאָ געקומען: מיין געליבטע ב. איז ווערט, אַז איך זאָל איר זינגען אַ לויב־געזאַנג פאַר איר קלוגשאַפט; זי איז, בנאמנות, אַן אמתע חכמה; וואויל איז צו איר וואָס זי האָט זיך נישט געלאָזט פון מיר פאַרפירן אויף מיין קרומען וועג און זי האָט באַצייטנס חרטה געהאַט. איך טרייסט זיך כאָטש: איך מוז אָנערקענען אַז צום שלימזל האָב איך דאָך אַ שטיקל מזל. ווי גרויס מיינע צרות זאָלן נישט זיין בין איך אַלץ גליקלעך וואָס ב. איז נישט מיטגעקומען מיט מיר. פאַר מיינע אייגענע ליידען טראָג איך אַליין די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איך בין טאַקע אַ „מתחייב־בנפשו", איך בין טאַקע אַליין שולדיק אין מיין אומגליק; איך וואָלט געווען געדאַרפט פאַרלאָזן סיגעט, אויב עס האָט מיר דאָרטן געדראָעט

אַרעסטירט צו ווערן, און אַנטלויפן ערגעצוואו קיין אונגאַרן און זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן, — אָבער אין קיין פאַל וואָלט איך נישט געטאָרט לויפן קיין רוסלאַנד!

„נו, מיינס האָב איך שוין אָפּגעטאָן", טראַכט איך זיך ווייטער, שפּינענדיק זיך מיינע געדאַנקען איינס אין אַנדערן „ס'איז שוין אַ געשעענער פאַקט! עס איז געווען אַ קרומער שריט, וואָס איך וועל שוין קיינמאָל אין מיין לעבן נישט קענען גוטמאַכן. עס איז שוין פאַרפאַלן! אָבער אַז ב. וואָלט געווען אויך מיטגעקומען מיט מיר, וואָלט איך זיך געווען גערדאַרפט אויפ־עסן אַ לעבעדיקן, דערפאַר וואָס זי וואָלט זיך געווען געדאַרפט אַזויפיל אַנליידן צוליב מיין נאַרישן שריט. מיט חרטה אַליין וואָלט איך זיך דעמאָלט נישט געקאָנט טרייסטן. איך קאָן זיך אַליין מיט גאָרנישט העלפן, איז וויאַזוי וואָלט איך איר געקאָנט העלפן?"

שפּינענדיק מיינע געדאַנקען, בין איך געזעסן אויף דער צעמענטענער פּאָדלאָגע אויף מיין בינטל אָרעמקייט, דאָס ביסל אַנטועכץ, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פונדערהיים; דאָס טשעמאָדאַנטשיקל אין וועלכן עס זיינען געווען מיינע זאַכן האָט מען פון מיר אָװעקגענומען, מיט די אַנדערע זאַכן וואָס מען האָט פון מיר צוגענומען בעת דער רעוויזיע ווען מיר זיינע אָנגע־קומען קיין נאַדוואָרנע. איך האָב זיך געקראַצט אי וואו עס האָט מיך געביסן און אי וואו עס האָט מיך נישט געביסן. איך קלער ווייטער:

„איי, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אויב ב. איז נישט מיטגעקומען מיט מיר, קען איך דאָך שוין זיכער זיין, אַז פון אונזער פלאַם־פיקערדיקער ליבע וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם? נו, איז עס טאַקע אַ טראַגעדיע! עס האָט האָט זיך צווישן אונז אָפּגעשפּילט אַ דראַמע, וועלכע וועט איבערלאָזן אירע שפּורן אין מיין האַרץ די רעשט פון מיין לעבן. הלוואי זאָל איך טאַקע האָבן כוח דאָס אויסצוהאַלטן...

„אָבער צוריק געשמועסט: — מיט וויפל זיינען עס זיכערער אַ הערשל פּאָלאַק און אַ בערנאַט בערקאָוויטש, אַז זיי וועלן נאָך אַמאָל אין זייער לעבן זיין צוזאַמען מיט זייערע אויסדערוויילטע? צי איז בערנאַרט בער־קאָוויטש זיכער, אַז ער וועט נאָך אַמאָל אין זיין לעבן זען זיין הייסגעליבטע פרוי און זיין טייערן בן־יחידל?"...

אַזוינע און ענלעכע געדאַנקען האָבן מיך, שוין די ערשטע טעג פון מיין אַרעסט, געמאַטערט באַוואוסטזיניק און אונטערבאַוואוסטזיניק. איך האָב מיינע פּעסימיסטישע געדאַנקען פאַר קיינעם נישט אַרויסגעזאָגט. איך, מיט

מיין פעסימיזם, האָב נישט געוואָלט זייען קיין מרה־שחורה צווישן דער געזעלשאַפט. אויב איניקע זיינען אָפּטימיסטיש געשטימט, זאָלן זיי זיך אָפּנאַרן. די זעלבסט־נאַרעריי וועט זיי גאַרנישט שאַטן אונטער די דאָזיקע אומשטענדן. אדרבא. זעלבסט נאַרעריי לינדערט די וויטאָקן אונטער אַזוינע באַדינגונגען... רבונו של עולם, צי בין איך נאָר דער איינציקער, וואָס זעט די צוקונפט אַזוי פינסטער?!

משה דער רויטער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די שטיקענדיקע אַטמאָספער אין דער טורמע און ער האָט אַוועקגעחלשט. רודאָלף ווייס, דער „אינזשינער פון כעמיע״, איז געווען דער צווייטער וואָס איז געפאַלן אין חלשות. מיר האָבן אויף זיי געגאָסן וואַסער און מיר האָבן זיי געצויגן ביי דער נאָז ביז מיר האָבן זיי אָפּגע־מונטערט. די אוקראַינער, וועלכע האָבן געוואָלט לויפן פון רוסלאַנד קיין אונגאַרן, האָבן זיך צוגעקוקט פון זייער ווינקל און האָבן געשמייכלט: „אַזוינע שוואַכלינגען!״, האָבן זיי זיך אוודאי געמוזט קלערן...

מיר האָבן געקלאַפּט אין דער טיר היפּש לאַנג ביז עס האָט זיך ענדלעך באַוויזן אַ זעלנער. דער זעלנער, אַ רויטער מיט אַ געזונטער אויסגע־פרעסענער מארדע, קוקט אויף אונז בייז: סטייטש מיר שטערן אים זיין רו?! מיר פרובירן אים דערקלערן, אַז מיר האָבן צוויי קראַנקע אין דער צעל און אַז זיי נויטיקן זיך אין מעדיצינישער הילף. דער זעלנער האָט אַ בייזן ברום געטאָן אונטער דער נאָז און אָן צו זאָגן אַ וואָרט, איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן פאַרהאַקנדיק די טיר פון יענער זייט.

ביידע, משה און רודאָלף, האָבן זיך געפילט זייער שלעכט. זיי קרעכצן און קענען גאַרנישט נעמען אין מויל.

די טירן פון די צעלן האָבן חוץ דעם קליינעם לעכל אויבן, דורך וועלכן די וועכטער קענען באַאָבאַכטן די באַוועגונגען פון די אַרעסטאַנטן אינעווייניק, אויך אַ קליין טירעלע אינדערמיט. ווען עס האַנדלט זיך אין אַ מינטערוויכטיקער זאַך פאַר די תפיסה וועכטער, דעמאָלט עפענען זיי בלויז דאָס קליינע טירעלע אינדערמיט, פון יוצא וועגן. אָט דאָס קליינע טירעלע איז געווען בלויז אויף אַזויפיל די גרויס אַז מען זאָל קענען דורכגעבן אַ שיסל מיט עסן און אַ האַנט. ווען מען גיט אונז צו עסן עפּנט

זיך טאַקע נאָר דאָס קליינע טירעלע און מען דערלאַנגט אונז אַ שיסל געקעכטס אָדער ברויט.

אין צוויי טעג אַרום, נאָכדעם ווי משה און רודאָלף זיינען געפאַלן חלשות, ווען אַ דאָקטאָר איז ענדלעך געקומען פרעגן: „באלניע יעסט?״ (איז עמיצער קראַנק?), האָט זיך אויך נאָר געעפנט דאָס קליינע טירל. אַ שוואַרצע גלאַטע מאָרדע פון אַ רוסישן פעלדשער האָט זיך באַוויזן אינ׳ם טירל. אַז משה און רודאָלף האָבן זיך געמאָלדן, האָט דער פעלדשער זיי געטאַפּט דעם דופק דורכן טירל. דער פעלדשער האָט אַ ברום געטאָן: „כאראשא!״ (גוט) און דערמיט האָט זיך געענדיקט דעם פעלדשערס וויזיט...

אַזוי האָבן מיר אָפּגעפּינצטערט אין דער נאַדוואָרנער טורמע אייניקע טעג אָן קיינע ענדערונגען. יעדן טאָג האָט מיר אַלץ מער הנאה געטאָן וואָס ב׳ איז געבליבן אין דער היים. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז אויב ב. וואָלט אויך געווען דאָ, וואָלט מען זי געווען צוזאַמען מיט רחלען אַוועקגעפירט ערגעצוואו אין אַ שמוציקער און לייזיקער צעל צווישן אוק־ראַאינער און פוילישע פרויען, צווישן וועלכע אַ טייל זיינען ריכטיקע קרימינאַלקעס. מען וואָלט זי אודאי אויך נישט מער געשאַנעוועט ווי אַלע איבעריקע און אויך זי וואָלט געווען געדאַרפט טיילן דעם זעלבן גורל, זייענדיק אין אַ ברודיקער און פינסטערער צעל ווי מיר אַלע זיינען.

אַ, ווי גוט, ווי גליקליך איך בין, אַז כאָטש ב. איז אַ פרייער מענטש!...

12

מיין פרייד, אַז ב. איז געבליבן אינדערהיים, איז געווען אומזיסט!...

אין אייניקע טעג אַרום הערן מיר אַ ברומען פון יענער זייט טיר אין קאָרידאָר. מיר לייגן צו אונזערע אויערן צו דער טיר און מיר הערן די זעלבע שטים פונם אָפיציר, וועלכער האָט אונז געהאַט איבערגענומען, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דער נאַדוואָרנער טורמע אַריין.

איך האָב אַזויווי פאָראויס געפילט, אַז איך וועל הערן פון אָפיצירס מויל באַקאַנטע נעמען. איך האָב צוגעדריקט מיין אויער צו דער טיר און אָנגעשטרענגט מיין גאַנצע הער־קראַפט. און אָט הער איך טאַקע באַקאַנטע נעמען: זיינוועל איסאַקאָוויטש; גאָלדשטיין, דאַוויד יאַקובאָוויטש; גייאָוויטש, נאָטאַן מיכאַילאָוויטש, און נאָך אַנדערע נעמען, וועלכע

איך האָב נישט געקאַנט אידענטיפיצירן, ווייל דער אָפיציר האָט זיי ווי געוויינלעך צעקאַליטשעט אויף זיין רוסישן שטייגער...

די נעמען וועלכע איך האָב נאָרוואָס אונטערגעהערט זיינען אַלע געווען באַקאַנטע, — סיגעטער ; זיי האָבן געהערט, אַז עס האָט מיר געלונגען צו „ראַטעווען" זיך אינ׳ם סאָוועטישן „גן־עדן" האָט זיך אויך זיי פאַרגלוסט און זיי האָבן מיר נאָכגעטאָן. עס וועט נישט נעמען לאַנג, טראַכט איך ביי זיך, און זיי וועלן אויסגעפינען אַז אַנשטאָט אין גן־עדן זיינען זיי אַריין אין גהינום !...

אַ נייע סעריע פאַרוואָגלטע נשמות אין עולם־התוהו !...

נו, טראַכט איך זיך, איצט וועט שוין זיינוועלע מער נישט האָבן קיין סיבה בייז צו זיין אויף מיר !...

אין האַרצן אָבער האָב איך געפילט אַ רחמנות אויף אים ! אַזאַ צאַרט און איידל באַשעפעניש, וועלכער איז, אַלס ישיבה־בחור, אַלעמאָל געווען אַ חלוש און אונטער דאָקטוירימס אויפזיכט, וועט אַצינד מוזן זיצן אין טורמע און לעבן אונטער באַדינגונגען, וואָס וועלן אים פאַרקריפּלען די רעשט פון זיין לעבן.

= ◍ =

אין דער צעל איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך ענג. מיר האָבן נישט קיין פלאַץ געהאַט אויף דער בלויזער ערד וואו זיך אָוועקצולייגן ביינאַכט. אַז מיר לייגן זיך שלאָפן ליגן מיר צוזאַמענגעפּרעסטע ווי הערינג אין אַ פאַס. נישט געקאָכט דערויף וואָס עס איז נישטאָ גענוג פּלאַץ פאַר די וואָס זיינען שוין דאָ אין דער צעל ; האָב איך פונדעסטוועגן זיך קוים דערוואַרט, אַז די טיר זאָל זיך עפענען און איך זאָל זיך שוין קענען זען וואָס שנעלער מיט מיינע נייע געסט פון דער היים...

עס איז שוין איבער אַ וואָך זינט איך בין אָוועק פון דער היים און דאָ וועל איך האָבן אַ געלעגנהייט אָפּצונעמען אַ לעבעדיקן גרוס פון סיגעט : וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט געמאַכט אין שטעטל מיין „לויפעניש" און צי עס שטייט נאָך אַלץ דאָרט אויפן אָרט ווי פריער.

נאָר אויף אַזאַ איבערראַשונג האָב איך זיך נישט געריכט : ווען די טיר האָט זיך געעפנט, ווען זע איך דאָ ? אָסקאַר׳ן, מיין געליבטער ב.׳ס ברודערל !...

עס האָט מיך געטראָפן ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג... אָסקאַר איז אַ זעכצן יאָריקער יאָט, בלוט און מילך. אַ שטאַרק נאַאיווו בחורל, כאָטש מיט אַ פּאָר פינקלדיקע און קלוגע אויגן ווי זיין שוועסטער...

קוים האָט מיך אָסקאַר דערזען איז ער געוואָרן מלא שמחה, אין קליינינקייט, ער האָט זיך מיט מיר צוזאַמענגעטראָפן!... אין דער נאַדווארנער טורמע זיינען פאַראַן מערערע אַזוינע, חדרלעך ווי אונזער צעלע איז און עס וואָלט געקענט גאַנץ גריילעך געמאָלט זיין, דאָס מיר זאָלן געווען זיין אין באַזונדערע צעלן. אָסקאַר האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט און זיך צעקושט ווי מיט אַ טייערן ברודער... מיין ערשטע פראַגע, ביי אונזער באַגעגעניש, איז געווען:

„וואו איז ב׳?"

„וואו זי איז? וואָס הייסט וואו? דאָ, אין נאַדווארנע!" — אַזוי האָט ער מיר מונטער און דרייסט געענטפערט, כדי מיך צו באַרואיקן — „מיר זענען געקומען צוזאַמען!"

צום אַלעם ערשטן האָט ער געבעטן אַנטולדיקונג פון מיר, אין זיין שוועסטערס נאָמען, פאַרוואָס זי, ב., האָט נישט געהאַלטן איר צוזאָג און איז נישט געווען ביים סיגעטער וואָקזאַל אין דער אָפּגעשמועסטער צייט:

„דאָס אַלעס איז געשען צוליב מיר" — פאַרענטפערט ער זיך מיט זיין נאַאיווער און קינדערשער מינע — „איך האָב זיך געבעטן ביי ב.׳ן, אַז זי זאָל נישט אַוועקגיין פון דער היים אָן מיר. ביז עס איז אונז געלונגען איבערצורייד׳ן מיט אונזערע עלטערן, דאָס אויך זי זאָלן זיין איינפאַר־שטאַנען, און ביז מיר האָבן זיך געמאַכט רייזע־פאַרטיק כדי מיר זאָלן זיך, אין אַ גוטער שעה, קענען לאָזן אין וועג אַריין, איז געוואָרן שפּעט. צו אונזער שלימזל האָבן מיר פונקט נישט געקאָנט באַקומען קיין דראָזשקע וואָס זאָל אונז צופירן צום וואָקזאַל, האָבען מיר דעריבער זיך געמוזט שלעפּן צופוס ביז צו דער גרויסער באַן־סטאַנציע. ווען מיר זיינען שוין ענדלעך אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל האָבן מיר בלויז געקאָנט זען די שוואַרצע קנוילן רויך וואָס האָבן איינגעשלונגען אין זיך דעם פאַרשוואונדענעם צוג".

אָסקאַר דערציילט דאָס מיר מיט אַזויפיל געפיל, אַז עס איז מיר פשוט אַ רחמנות אויף אים! אויך דערציילט ער מיר מיט וויפיל שוועריקייטן עס איז זיי געלונגען אָנצוקומען קיין יאַסינאַ און דאָרט אויסגעפונען געווי וואו דער מיסטעריעזער „מאַכער" געפינט זיך און אַזוי ווייטער.

אויסהערנדיק אָסקאַר׳ן מיט פיל אויפמערקזאַמקייט האָב איך אים

באַרואיקט, אַז איך פאַרשטיי אַלץ זייער גוט, און דאָס איך בין, חלילה, נישט בייז אויף אים אָדער אויף ב.׳ן:

„איבעריקנס, פאַרוואָס זאָל איך עס אויף עמיצן בייז זיין? — און מיט אַ רעזיגנירטן טאָן האָב איך צוגעגעבן — „אויב איך בין יאָ בייז, איז בלויז אויף זיך אַליין!...״

„הלוואי״ זיפץ איך אונטער, „הלוואי, וואָלט אינגאַנצן געווען נישט געקומען דערצו!!״

די צעלע איז אַזוי איבערגעפולט געוואָרן, דאָס מען האָט געמוזט צוזאַ־מענשטעלן נארעס (פריטשעס), אַזוי, אַז ווער עס האָט נישט געהאַט קיין פלאַץ אויף די נארעס, האָט זיך באַגנוגענט צו שלאָפן אונטער די נארעס. אַנדערש וואָלט געווען אוממעגלעך צו ליגן, אפילו ווען מיר וואָלטן זיך געווען צוזאַמענגעפרעסט ווי אמתע הערינג.

אויך אַזוי זייענדיק מיר געלעגן אין אַ פּאָזיציע, אַז מיר האָבן געמוזט האַלטן איינער דעם אַנדערן די פיס אין פּנים אַריין. אַז עמיצער איז אויפגעשטאַנען ביינאַכט צו גיין צו דער „פּאַראשע״, האָט ער געטראָטן אויף הענט, אויף פיס און אויף קעפּ...

= ◍ =

דאָס עסן איז געווען זייער שלעכט און זייער ווייניק, קוים צו שטילן דעם הונגער: מען האָט אונז צוגעטיילט טעגלעך אַ קליין גערשטן ברייטל פאַר פיר פאַרשוין, אַ ביסל מוטנע וואַסער, אַ מין גערשטן־זופּ מיט געציילטע גערשטלעך און מיט פערדישע ציין אָן פלייש, איינמאָל אין טאָג.

צען טעג זייענדיק פאַרביי, איין טאָג ווי דער צווייטער, נישט האָבנדיק קיין רו נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. איבערהויפּט בין איך שטאַרק אומרואיק געוואָרן זינט איך בין געוואויר געוואָרן, אַז ב. איז אויך דאָ און דאָס, אַלס צוגאָב, האָט זי נאָך אַסקאַר׳ן אויך מיטגעבראַכט מיט זיך — זינט דעמאָלט רייס איך פון זיך שטיקער. עס פּלאָגט מיך מיין געוויסן...

— „פאַרוואָס בין איך אַוועק פון דער היים און זיך געלאָזט אויף אַזאַ אַוואַנטורע??!״

מיין חרטה געפיל האָט מיך געוואָרגן ווי אַ פּעטליע אַרום האַלדז, איך בין געוואָרן נערוועז ביז משוגעת. זיצנדיק אויף דער בלויזער פּאָדלאָגע, איינגראָבנדיק דעם קאָפּ צווישן די קני, האָב איך געלאָזט אַ שטילע טרער,

איך האָב זיך געמאַכט אַ חשבון־הנפש:

וואָלט איך נאָר געוועז געזינדיקט אַקעגן זיך אַליין און אַקעגן מיינע עלטערן, דיינו! דאָס אַליין איז אַ גענוג גרויס פאַרברעכן און פאַר דעם דאַזיקן פאַרברעכן בלויז בין איך שוין ווערט די רוט! על אחת כמה וכמה, אַז צוליב מיין פאַרברעכן וועלן מוזן אויך אַנדערעליידן, און אין דער ערשטער רייע ב. און אָסקאַר, בין איך דאָך אוודאי ווערט דעם שטעקן! ביידע, ב. און אָסקאַר, זיינען דאָך אמת'דיק אומשולדיקע באַשעפענישן; ביידע זיינען זיי טאַקע נאָר גאָט די נשמה שולדיק — איז פאַר וואָס זשע קומט עס זיי, אַז זיי זאָלן ליידן צוליב מיר?! ווער, אויב נישט איך, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע ליידן, וואָס זיי האָבן זיך שוין ביז איצט אָנגעליטן, און וואָס זיי וועלן זיך ערשט דאַרפן אָנליידן פון איצט און ווייטער! מיט וואָס וואָלט איך עס געקאָנט מיין געוויסן רעכטפערטיקן אַקעגן זיי?...

„איך בין אפילו פאַראַנטוואָרטלעך", האַלט איך זיך אַלץ אין איין באַשולדיקן, „פאַר די יעניקע וועלכע זיינען אַהער געקומען צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז איך בין אַהערגעלאָפן, און דעריבער זיינען זיי דאָ ווייל זיי האָבן מיר נאָכגעטאָן. אפילו פאַר אַ זיינוועלע בין איך פאַראַנטוואָרטלעך!"...

דער בעסטער פּראָקוראָר וואָלט מיך נישט געקאָנט בעסער באַשוליקן ווי איך האָב זיך אַליין באַשולדיקט. איך האָב זיך געזידלט מיט די ערגסטע זילדערייען, וואָס זיינען מיר נאָר געקומען אין די געדאַנקען...

מיין תשובה און חרטה האָבן מיך זייער ווייניק באַרואיקט. די שערי רחמים זיינען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער!...

„אָדער צוריק געשמועסט", פּרוביר איך זיך כאַטש אַ ביסל פאַרטיידיקן, „וואָס פאַר אַ גליק וואָלט מיך, מיינע קרבנות, און סתם מיינע מיטלויפערס געווען דערוואַרט אין דער היים?"...

אָבער באַלד יאָוועט זיך מיין „פּראָקוראָר", מיין „קטיגור" אין מיר און ער, מיין „פּראָקוראָר", מאַכט אש און פּאָרך פון מיין פאַרענטפערן זיך:

„„אין דער היים איז אַ פאַשיסטישער רעזשים ביי דער מאַכט. אונגאַרן איז אַ דייטשער סאַטעליט, אַן אָפענער שונא פון אידן; אַ שונא נומער איינס! און אויב עס איז די רייד פון אַ שונא, זיינען מיר מחויב אים צו באַקעמפן אויף ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך!

„אָבער דאָ, רבונו של עולם, וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס?! מיר זיינען

דאָך אונטערן שוץ פון אַ רעזשים, וועלכער האָט אַלע יאָרן געפּרעדיקט אמת און יושר אונטער דער פאָן פון אַן אָקטאָבער רעוואָלוציע!... מיר געפונען זיך אונטער אַ רעזשים וואָס האָט אַלעמאָל פּרעטענדירט צו זיין דער פאַרטיידיקער פון די גערודפטע און אונטערדריקטע!... צי איז דער בלויזער מאָטיוו, אַז די אידן אונטער די נאַציס דראָעט צו פאַרלירן זייערע לעבנס, נישט קיין גענוגנדער, אַז מען זאָל זיי נעמען אונטערן שוץ אין אַ מלוכה, וועלכע איז דער קעגנזעצטער עקסטרעם צו נאַציזם?!... געוואַלד, וואו נעמט מען כאָטש איין קאָפּעטשקע גערעכטיקייט?!"

= ◍ =

איידער מען האָט אונז פאַרבערייט צו טראַנספּאָרט, קיין סטאַניסלאַוו, האָט מען אונז געפירט אין אַן אַמבולאַטאָריע אַריין. דאָרטן האָט מען אונז געשטאָכן מיט לאַנגע און דיקע נאָדלען אין דער ברוסט אַריין. נו, מילא, עס שפּילט שוין אַ קליינע ראָלע נאָך אַ שטאָך, נאָך אַן איינשפּריצונג! מען זאָגט אַז די איינשפּריצונגען זיינען צוליב היגיענישע צוועקן. עס איז נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן: היגיענע אין דער סאָוועטישער טורמע! האַ, האַ, האַ, היגיענע, וואו עס שוויבלט און גריבלט מיט וואַנצן, פליי און לייז ווי אין אַ מורשאַניק!

מען האָט אונז נאָכאַמאָל אַרויסגערופן צום פאַרהער. אַן אָפיציר וועלכער האָט אונז אויסגעפרעגט האָט צוזאַמענגענייט אַלע אונזערע פּראָטאָקאָלן, די פאַריקע מיט'ן איצטיקן, אין אַ טעקע אויף וועלכן עס איז געווען מיט גרויסע בוכשטאַבן געדרוקט דאָס וואָרט „דעלא". דער זעלבער אָפיציר האָט אונז געלאָזט וויסן, אַז מיר וועלן פאַראורטיילט ווערן לויטן פאַראַגראַף „80". וואָס עס איז אַזוינס דער פאַראַגראַף „80" וועלן מיר שוין שפּעטער געוואָר ווערן...

אין איינעם אַן אינדערפרי האָט מען אונז אויסגע'שורה'ט אין טורמע־הויף „פּא־דוואַ" (צו־צוויי). דאָ, אין נאַדוואָרנער טורמע־הויף, האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהאַט די געלעגנהייט צו כאַפּן בגנבה אַ בליק אויף ב.'ן. כאָטש אונזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, מוזן מיר פונדעסטוועגן זיין דיסציפּלינירט און האַלטן אונזערע הענט פון הינטן, ווייל אַזוי איז שוין אַלעמאָל די פאַראָרדענונג ווען מיר זיינען אויסערהאַלב דער צעלע. נאָר אַזוי ווי מיר זעען זיך איינער דעם צווייטן, איז זאָל געשען סאַי וואָס:

איך וואַרף איר אַ קוש מיט מיין האַנט און אויך זי וואַרפט מיר צוריק אַ קוש. דער זעלנער, וועלכער האַלט וואַך איבער אונז, איז טאַקע אַן אויפגערעגטער און ער ברומט אונטער. ער מוז ווייזן זיין קאָמאַנדיר, אַז ער זעט אַלץ און דאָס ער האַלט אַ וואַך אויג איבער אַלע אונזערע באַוועגונגען. קאָכט ער זיך טאַקע, דער זעלנער: „רוקי נאַזאַד!" זאָל ער זיך קאָכן, וועמען אַרט עס? עס וועט אים דער שלאַק נישט נעמען!...

ב. שמייכלט צו מיר מיט אַ מאַנאַליזישן שמייכל. זי קוקט אויף מיר מיט אַ טרויעריקן און אומשולדיקן בליק. דער אויסדרוק פון איר בליק האָט ביי מיר געהאַט די באַדייטונג: „אָט, זעסט, איך האָב דיך געפאָלגט!"... איך האָב זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן, אַז מיר זאָלן זיין צוזאַמען... נו, וואָס וועט זיין ווייטער?"...

איך האָב אירע בליקן נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. איך האָב געמוזט אַרונטערלאָזן מיין קאָפּ; איך האָב זיך פאַר איר געשעמט. זיי האָבן מיך געריירט ביז צו דער זיבעטער ריפּ. איך האָב איך דאַזיקן מאָמענט געפילט ווי צו פאַלן צו אירע פיס און גאַרנישט זאָגן, נאָר וויינען און וויינען...

צופיל צייט צו זיין סענטימענטאַל האָט מען מיך נישט געלאָזט. אַ זעלנער האָט געדונערט מיט אַ שטרענגן און באַפעלערישן טאָן: „טישינא!" (שווייגן;) נאָכדעם האָט אונז דער זעלנער געהאַלטן אַ דרשה, אַז מיר זיינען אינגאַנצן אונטער זיין רשות און מיר זיינען אונטערגעוואָרפן אונטער זיין קאָמאַנדע; מיר וועלן מוזן אַלעס פאָלגן וואָס ער וועט אונז זאָגן; אין דער ערשטער רייע, פאַרלאַנגט ער פון אונז, אַז מיר זאָלן זיין דיסציפּלינירט און מיר זאָלן אויף קיין פאַל זיך נישט דערלויבן אָפּצובייגן פון דער רייע. ווער עס וועט זיך פאַרקירעוון איין שריט רעכטס אָדער לינקס, דער וועט גלייך דערשאָסן ווערן אויפן אָרט אָן אַ וואָרענונג! הערנדיק דעם אָפיציר קאָמאַנדעווענדיק: „שאגאם מארש פאשלי דאוואי!" האָבן מיר מאַרשירט צום נאַדוואָרנער וואָקזאַל. מיר זיינען געווען צוזאַמען אַרום דרייסיק אַרעסטאַנטן. עס האָבן אונז אַרויסבאַגלייט צום וואָקזאַל אַ גאַנצע מחנה אָפיצירן, זעלנער און הינט. די זעלנער זיינען געווען באַוואָפנט מיט אַ טיפּ פון מיטריאַלעריע־ביקסן.

= ◍ =

מען האָט אונז איינוואַגאָנירט אין אַ געוויינלעכן פּאַסאַזשיר וואַגאָן. כאָטש מיר זיינען געווען באַוואַכט פון אינעווייניק און פון דרויסן האָט מען אונז געלאָזט זיך באַוועגן פריי אינ'ם וואַגאָן. דאָס איז טאַקע נישט געווען

צום ערגסטן! איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט אַוועקצוזעצן זיך לעבן ב.׳ן און איך האָב זיך טאַקע מיט איר אויסגע׳טענה׳ט.

ביידע זיינען מיר געווען שטאַרק פאַרענדערט. איך מער פון איר, ווייל איך בין געווען נישט אָפּראַזירט און מיינע האָר אָפּגעשאָרן. ב. האָט אויס־געזען שטאַרק מאַט, אירע האָר זיינען געווען צעשויבערט און נישט פאַר־קעמט. איך האָב קיין ווערטער נישט געהאַט מיט וואָס אָנצוהויבן אונזער געשפּרעך. כ׳האָב געהאַט אַזויפיל צו זאָגן אָבער עפּס קאָן איך גאָרנישט ריידן. אפשר וואָלט דאָס בעסטע געווען, אַז איך זאָל אָנהייבן דערמיט, אַז איך זאָל פון איר בעטן אַנטשולדיקונג?... זאָל איך זיך אפשר אַנטשולדיקן דערפאַר, פאַר וואָס איך האָב נישט געוואַרט אויף איר ביים סיגעטער וואָקזאַל ווען זי האָט געהאַט פאַרשפּעטיקט מיט אייניקע מינוט? איך האָב זי דעמאָלט איבערגעלאָזט און בין אַליין אוועק. וואָס פאַר אַ געמיינהייט עס איז געווען פון מיין זייט!!... אָבער ניין! דערפאַר וועל איך פון איר איבערהויפּט קיין אַנטשולדיקונג נישט בעטן!... הלוואי וואָלט זי געווען דעמאָלט שכל געהאַט און זיך געווען פון מיר אינגאַנצן אָפּגעזאָגט צוליב מיין געמיינהייט!... איך וויל פון איר, דער עיקר, בעטן אַנטשולדיקונג, פאַרוואָס איך האָב זי איבערהויפּט צוגערעדט, אַז זי זאָל קומען צו אַזאַ מצב...

ב האָט אַזויווי געפילט וואָס עס דריקט מיך אויפן האַרצן און זי האָט מיך ווי געוואָלט אַרויסרייסן פון מיינע רעיונות. זי וויזט מיר אַ פריי־לעכע מינע און זי טרייסט מיך:

„זאָרג זיך גאָרנישט מיין ליבלינג״ — זאָגט זי מיר — „עס וועט נאָך אַלץ גוט זיין! מיר וועלן נאָך אַמאָל גליקלעך זיין!... איך הער זאָגן, דאָס אין סטאַניסלאַוו וועט מען אונז באַפרייען. הלוואי וואָלט עס נאָר אמת געווען, דעמאָלט וועלן מיר ביידע אַרבעטן ביי סיי וואָס פאַר אַן אַרבעט. אויב מיר וועלן נאָר בכוח זיין צו פאַרדינען אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט און האָבן וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, דעמאָלט וועלן מיר זיין דאָס גליקליכסטע פּאָרל אין דער גאַנצער וועלט!״

דערויף האָב איך איר גאָרנישט געענטפערט. אַנשטאָט אַן ענטפער האָב איך זי געצערטעלט און געקושט. ביי איטלעכער געלעגנהייט קוק איך זיך גוט איין אין איר געזיכט. איך שמייכל און זיפץ, שמייכל און זיפץ... זי האָט מסתם פאַרשטאַנען וואָס מיין זיפצן באַדייט. זי האָט זיך אין מיר איינגע־קלאַמערט און מיך געקושט אָן אויפהער. זי הערט נישט אויף צו טרייסטען מיך:

„נאָר נישט געזאָרגט, מײַן ליבלינג! איך בין חלילה נישט בייז אויף דיר. אונטער סיי וואָסערע אומשטענדן וועל איך נישט האָבן קיין שווער האַרץ אויף דיר! איך ווייס זייער גוט אַז דו האָסט אַלעס געטאָן מיט אַ ריין געוויסן“...

= ◍ =

כאָטש מײַן גאַנצער אינטערעס איז געווען קאָנצענטרירט אין ב.׳ן אין דאָזיקן מאָמענט, האָב איך זיך אויך אינטערעסירט מיט די אויסדערווײלטע פון מײַנע אַנדערע קאַמעראַדן און דער עיקר מיט הערשל פּאָלאָקס לאהקען און מיט בערנאַט בערקאָוויטש׳ס פּרוי מיט פּעני׳ן. וואו די בערקאָוויטשס בן־יחידל איז וויסן זיי נישט... זיי פאַרהאָפן זיך צו באַגעגענען מיט אים אין סטאַניסלאַוו...

אויך האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט וואָס רחל ל. טוט און ווי זי פילט. מיט רחל ל. איז געשען דאָס זעלבע וואָס עס איז געשען מיט משה׳ן און רודאָלף׳ן: אויך זי איז געפאַלן חלשות. אויך זי האָט דער פעלדשער אַנגענומען ביים פּולס און געזאָגט, „כאַראָשאָ“ און דערבײַ איז עס געבליבן.

עס איז אַ גרויס רחמנות אויף איר! ווי זי זעט עס נעבעך אויס די רחל! איידער זי איז אַוועק פון דער היים האָט זי כאָטש נאָך געהאַט אַ שטיקל לעבן אין איר געזיכט. אָבער ווי זי זעט אויס איצט, — אַ טויטן לייגט מען אַ שענערן אין קבר אַרײַן!

איינע פון די איידלסטע אינם וואַגאָן איז הערשל פּאָלאָקס לאהקע. זי איז שטאַרק דין און צאַרט, מיט בלאָנדע האָר, וועלכע גיבן צו נאָך מער בלייכקייט צו איר געזיכט. פּונקט דער היפּוך דער איז בערנאַט בערקאָוויטש׳ס פּרוי, פּעני. זי איז אַ הויכע ברייטביינערדיקע פּרוי מיט אַ לעבעדיק געזיכט. צווישן די פרויען האָט זי אויסגעזען צו זײַן די געזונטסטע.

דער וועג פון נאַדוואָרנע ביז סטאַניסלאַוו איז זייער אַ קורצער. עס וואָלט אונז נישט געווען געאַרט ווען דער וועג וואָלט פיל לענגער געווען און מיר וואָלטן מיט אונזערע אויסדערווײלטע געווען געקאָנט זײַן מערער צוזאַמען. עס האָט אונז קוים גענומען איין שעה און מיר זײַנען אָנגעקומען קיין סטאַניסלאַוו. מיר האָבן קוים געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאַרברענגען צוזאַמען פאַר אַ ווײַלע און שוין מוזן מיר זיך שיידן!

קוים האָבן מיר אויסגעשטיגן פונם וואַגאָן אין סטאַניסלאַווער וואָקזאַל

האָט אונז פונדאָסניי איבערגענומען די זעלבע קאָמאַנדע וועלכע האָט אונז געפירט איבער די נאַדווארנער גאַסן און מיט דער זעלבער פּראָצעדור פירט זי אונז איבער די סטאַניסלאַווער גאַסן.

עס איז מיר געלונגען צו זיך אויסגע׳שורה׳ט לעבן ב.׳ן. גייענדיק האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט און איך האָב מיט איר גערעדט תכלית זאַכן:

„נישט אַזוי פירט מען מענטשן וועלכע מען וועט אינקורצן באַפרייען!... אַזוי ווערן געפירט שווערע פאַרברעכער אויף קאַטאָרגע! איך האָב אַ פאַרגעפיל, מיין טייערע, דאָס מיר וועלן מוזן זיין צעשיידט, איך ווייס אַליין נישט אויף ווי לאַנג. יעדנפאַלס ווייס איך נישט ווען מיר וועלן נאָך האָבן אַ געלעגנהייט זיך צוזאַמענצוריידן, איז לאָמיר רעדן תכלית!...

דער זעלנער, אַז ער האָט באַמערקט מיך רעדנדיק, מיט ב.׳ן, איז ער שטאַרק נישט צופרידן געווען און ער האָט אַן אויפגערעגטער אויף אונז געשריגן:

„האַלט דעם פרעסער, פאַראַזיטן!״

ער שרייט זיך טאַקע אַרויס די נשמה אָבער ביי דער ערשטער געלעגנהייט רעד איך ווייטער:

„אויב מען וועט פון דיר אויפנעמען אַ פּראָטאָקאָל אין סטאַניסלאַוו און אויב מען וועט דיך פרעגן צי דו האָסט עפּעס אַ פאַרלאַנג, זאָלסטו זאָגן, אַז דו וואָלסט זייער געוואָלט זיין צוזאַמען מיט מיר, דיין חתן, ווי אויך מיט דיין אינגערן ברודערל, מיט אָסקאַר׳ן. אָסקאַר איז נאָך אַ מינדעריעריקער אינגל און ער נויטיקט זיך אין אַ ספּעציעלער אויפזיכט. אַלע דריי האָבן מיר קיינעם נישט, קיין קרובים ווי אויך קיין באַקאַנטע, אין ראַטנפאַרבאַנד, הערינבער וואָלטן מיר זייער שטאַרק געוואָלט זיין צוזאַמען... אויך איך און אָסקאַר וועלן פאַרלאַנגען דאָס זעלבע.

זי בעט זיך ביי מיר, אַז איך זאָל זייער שטאַרק אַכטונג געבן אויף אָסקאַר׳ן:

„אָסקאַר איז, נעבעך, אַזוי יונג און אומדערפאַרן, אַז עס איז פשוט אַ רחמנות אויף אים, ער איז אַן אומשולדיק באַשעפעניש!...

איך בעט זיך ביי איר: „גיב אַכטונג אויף זיך און קלער ווען מיר!״...

„אויך דו, מיין טייערער, גיב אויף זיך אַכטונג און האָב זיך אינזינען. אויך איך וועל דיך אין זינען האָבן!״...

ווען מיר האָבן מאַרשירט איבער די סטאַניסלאַווער גאַסן האָבן זיך די ציווילע מענטשן אָפּגעשטעלט און אונז נאָכגעקוקט, ווי נאָך עפּעס אַ בייז וואונדער... עס איז געווען אַרום אַכט אינדערפרי, ווען די אַרבעטער גייען געוויינלעך צו דער אַרבעט. אין אַזאַ צייט זיינען די גאַסן געפּאַקט מיט מענטשן. האָבן עס טאַקע די זעלנער געהאַט אַ שווערע אַרבעט צו צעטרייבן די נייגעריקע צוקוקערס. די זעלנער האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי צו נעמען זייערע הינט צו הילף.

מיר האָבן באַגעגנט, אין אַ הינטער־געסל, צוויי אידן, זקנים מיט בערד און פּיאות, גייענדיק אין שוהל אַריין מיט טלית און תפילין אונטער׳ן אָרעם. הערשל פלאַק, דער גרויסער אָפּטימיסט, האָט זיך נישט געקאָנט צוריק־האַלטן און ער האָט אויסגעשריגן צו די אידן:

„אידן, בני רחמנים, טוט תפילה פאַר אונזערטוועגן, ווייל מיר זיינען אין אַ גרויסער צרה!"

איינער פון די זעלנער האָט צוליב הערשל פלאַקס אויסרוף שיער געקראָגן די אַפּאָפּלעקסיע. ער, דער זעלנער, קריצט מיט די ציין און דונערדיק מיט זיין בולוואַנישער שטים האָט ער אויסגעשריגן:

„בלאַדי, זאַמאַלטשי, דאַוואַי!!" — (פּראָסטיטוטקע, האַלט דעם פּרע־סער!!)

איבער אַלע מויערן האָבן געפלאַטערט רויטע פאָנען מיט פינף עקיכע שטערנס, אין וועלכע עס זיינען געווען אַ האַמער און סערפּ אײנמיטן. אויף איינער אַ גרויסער מויער זיינען געווען אַרומגעצירט די בילדער פון די רוסישע גדולים, פון „פּאָליט־ביוראָ".

די יעניקע וועלכע האָבן זיך געהאַט פאַרגעשטעלט דעם האַמער און סערפּ אַלס אַן עמבלעם פון פרידן און פרייהייט, האָבן אין דאָזיקן מאָמענט געמוזט זיין זייער שטאַרק אַנטוישט: קוקנדיק אויף זיך און קוקנדיק אויפ׳ן עמבלעם איז נישט שווער געווען צו איבערצייגן זיך דאָס עפּעס שטימט דאָ נישט!...

מיר האָבן אַזוי לאַנג מאַרשירט איבער די סטאַניסלאַווער גאַסן ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו אַ פינף־זעקס גאָרנדיקען מויער; אַ גרויס בלאָק־הויז מיט פיל קליינע פאַרקראַטעוועטע פענסטערלעך. אַרום דער דאָזיקער מויער זיינען פאַראַן וואַך־טורמלעך און היפּש באַוואָפנטע זעלנער דרייען זיך אין אַלע זייטן.

יאָ, אָט דאָס איז עס, אַ נייע טורמע!...

קוים זײַנען מיר אַרײַן אין טורמע הויף האָט מען אונז גלײַך באַפֿוילן, אַז מענער און פֿרויען זאָלן זיך שטעלן באַזונדער. אַזוי־ווי איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך שנעל אויסגענוצט די לעצטע געלעגנהייט און איך האָב זיך אָנגעהויבן געזעגענען מיט ב.׳ן. מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און זיך הייס געקושט. איך ווייס נישט ווי לאַנג מיר וואָלטן זיך געווען געקושט ווען מען שטערט אונז נישט אינמיטן. מען האָט אונז נישט געגעבן קיין געלעגנהייט זיך לאַנג צו קושן.

די קאָמאַנדע, דאָס מענער און פֿרויען זאָלן זיך אָפּזונדערן איז געקומען אַזוי פּלוצלינג דאָס די געליבטע פּאָרלעך און סתם פּאַרוואַנדטע, אָדער גוטע באַקאַנטע האָבן נישט געהאַט די געלעגנהייט צו געזעגענען זיך.

די מענער האָבן זיך גלײַך געמוזט אויסדרייען צו דער וואַנט מיט די הענט אַהינטער. שוין זייענדיק אויסגעדרייט צו דער וואַנט מיט די הענט אַהינטער, האָבן מיר מיט לײַדנשאַפֿטלעכע בליקן באַגלייט אונזערע ליבע און טײַערע, נאָכקוקנדיק ווי זיי דערווײַטערן זיך פֿון אונז. מײַנע און ב.׳ס בליקן האָבן זיך נאָכאַמאָל באַגעגנט מיט אַ שטומען: „בלייב געזונט מײַן ליבלינג...״.

נישט איין פּאָר פֿאָלק האָט זיך דאָס לעצטע מאָל אין לעבן באַגעגנט מיט זייערע שטומע בליקן...

13

קוים האָט מען אונז אַרײַנגעפֿירט אין קאָרידאָר פֿון דער סטאַניסלאַווער טורמע, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די ריכטיקע סעגרעגאַציע: מען האָט אונז פֿאַרטיילט אין פֿאַרשיידענע קאַטעגאָריעס און די נ.ק.וו.דיסטן האָבן זיך גענומען אונז בדקנען; זיי האָבן אונז באַזוכט איבעראַל: אין אונטערלײַב, אין מויל און אין די אויערן, ווי גלײַך זיי וואָלטן זיכער געווען, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט פּראָפֿעסיאָנעלע שפּיאָנען. נאָר ווי מיר האָבן זיך שפּעטער איבערצייגט, איז עס אַן אַלגעמיינער סאָוועטישער נוסח אַזאַ.

זייער אַרבעט איז אַן אומזיסטיקע! אונזערע טײַערע און אייגענע, ווי אויך אונזערע ווערטפֿולע זאַכן האָבן זיי אונז שוין סײַ ווי אָוועקגערויבט! זיי האָבן אונז שוין סײַ ווי באַנומען ביז צום בײַן...

ענדלעך, זענען מיר שוין דאָס אויך איבערגעקומען. עס ריגלט זיך אויף אַ טיר און אַ נישט זעעבאַרע האַנט טוט מיך פּלוצלינג אַ שטופּ אַרײַן

ערגעצוואו... פּלוצלינג דערזע איך זיך אין אַ צימערל אָנגעפּאַקט מיט לעבעדיקע באַשעפענישן וועלכע האָבן אויסגעזען צו זיין מענטשן...

„וואו בין איך עס אין דער וועלט?!" — האָב איך שיער נישט אויסגעשריגן.

איך וועל אָט די דאָזיגע סצענע קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן!

די מענטשנס געזיכטער זיינען געווען באַוואַקסן ווי עפּעס ווילדע ברואים אין אַ זשאַנגל. ווי באַשעפענישן פונם זשאַנגל, זיינען אויך די מענטשן, כמעט אינגאַנצן נאַקעטע, מיט ברודיקע און אויסגעדאַרטע קערפּערס. בינטלעך מיט ברודיקע שמאַטעס וואַלגערן זיך אויף דער פּאַדלאָגע. אייניקע זיצן אויף די בינטלעך, אַנדערע גוצן זיי פּאַר אַ קישן און ליגן דערויף. אויך די בליקן פון די מענטשן זיינען בייזע און ווילדע; איינער שטויסט און וואַרפט אַ צווייטן; אַן אַנדערער, ווידער, שרייט, זידלט און שעלט; עס איז אַ הו־האַ ווי אין אַ קרעטשמע, צווישן אַלקאָהאָליקער, אָדער אין אַ משוגעים הויז צווישן משוגעים.

אין אַ קרעטשמע געפין איך זיך אויף געוויס נישט! דעמאָלט מוז עס מן־הסתם זיין, אַז איך בין אין אַ משוגעים־הויז... צי בין איך טאַקע משוגע און דעריבער האָט מען עס מיך אַהער צוגעטיילט? דאָס לייגט זיך טאַקע אויפן שכל! וואָלט איך געווען נאָרמאַל, וויאַזוי וואָלט געקאָנט געשען, אַז איך זאָל זיך דאָ געפינען?!

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט קאָן איך זיך נישט צוריקהאַלטן, נישט צו ציטירן דעם אויספּיר, דעם מוסר־השכל, פון אליעזר שטיינבאַרג׳ס משל „דאָס פערד און די בייטש".

דאָס פערד האָלט זיך אין איין קלאָגן צו דער בייטש, אַז עס האָט נאָכנישט געהאַט אין מויל היינט קיין גערשטן און קיין האָבער:

„וואָלט דיך נאָר ווי מיך געשטאָכן,
וואָלסטו אויפגעהערט אַזוי צו פּאַכן".

נאָר די בייטש טוט דאָס איריקע, זי לייגט זייער ווייניק אַכט, וואָס דאָס פערד איז הונגעריק און נישט צופרידן. די בייטש שמייסט און שמייסט:

„שווייג! (אַ קנאַק די בייטש מיט שמייסנדיקער צונג).
אמת. זאָגט זי, שלעפּן אַזאַ וואָגן,
און דערצו נאָך אויף אַ הונגעריקן מאָגן,
הייסט, נו יאָ, אַרויספּאַכן פון זיך די לונג.
נאָר דיך שלאָג איך —

הער בסוד דיר זאָג איך! —
נישט דערפאַר, וואָס דו ווילסט נישט שלעפּן,
נאָר דיר קומט דערפאַר צו קעפּן,
וואָס, בהמה, נישט פאַרשטאַנען,
און געלאָזט זיך שפּאַנען!״

נישט איינמאָל אין מיין אַכט יאָריקן גלות אין רוסלאַנד, האָב איך געקלערט וועגן אָט־דעם פאבעל; נישט איינמאָל איז אָט דער דאָזיקער משל געווען אַקטועל אין משך פון די יאָרן וואָס איך האָב אָפּגעפּינסטערט אין די סאָוועטישע טורמעס און קאָנצענטראַציע לאַגערן; נישט איינמאָל האָב איך אין משך פון דער דאָזיקער צייט געקריגן געשמיסן, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין כוח צו שלעפּן דעם יאָך, פון דער שווערער אַרבעט וואָס איז געאייגנט פאַר פערד, נישט האָבנדיק געהאַט קיין גערשטן אָדער האָבער. אַז איך זאָג גערשטן און האבער מיין איך עס טאַקע, ווייל פיל מאָל האָט מען טאַקע געקאַרמעט די אַרעסטאַנטן מיט אָט דעם דאָזיקן „מאכל־בהמה״. און דער עיקר: נישט איינמאָל האָב איך געקלערט, אַז מיר קומט צו קעפּן ווייל איך האָב זיך געלאָזט שפּאַנען... אָבער וועגן דעם אַלעמען שפּעטער.

פּלוצים הער איך ווי איינער פון די ברואים רופט מיך ביי מיין נאָמען, ביי מיין אידישן נאָמען: „אליעזר, אליעזר!״

איך קוק זיך גוט אַריין אינ'ם געזיכט פון איינעם אַ באַוואַקסענעם נפש; איך שטרענג זיך אָן מיין גאַנצע זעּ־קראַפט צו דערקענען דעם יעניקן וואָס רופט מיך ביי מיין נאָמען, אָבער איך דערקען אים נישט. איך וויים נישט ווער ער איז און איך קאָן נישט פאַרשטיין פונוואַנען ער קאָן מיך ביי מיין אידישן נאָמען. רבונו של עולם, צי געפין איך זיך נישט אין עפּעס אַ טראַנס, אין אַ קאָשמאַרנעם חלום אַזאַ? הלוואי, הלוואי, וואָלט עס אַ חלום געווען! אָבער לײדער איז עס קיין חלום נישט, די נאַקעטע ווירק־ליכקייט איז צו ברוטאַל דאָס זי זאָל קענען אין אַ חלום פאַרוואַנדלט ווערן...

„אליעזר, דו דערקענסט מיך נישט?! עס איז דאָך איך, משה, דיין שכן משה וועג!״...

יאָ, איך האָב אים ענדלעך דערקענט, עס איז מיינער אַ געוועזענער שכן, משה וועג, אַ יונגער יאַט, איינער פון די „מעפּילים״, איינער פון די יעניקע וועלכע זיינען אַוועק פון סיגעט ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען די רומענער האָבן געהאַט עוואַקואירט צפון טראַנסילוואַניע.

„דו, משה, ביסט נאָך אַלץ דאָ?!“... האָב איך מיט אַ ביטערער אַנטוישונג און מיט אַ טיפן האַרצוויייטאָג אויסגעשריגן.

איך בין ממש געפּלעפט. עס איז שוין אַ לענגערע צייט, ווי משה האָט פאַרלאָזט סיגעט. זאָל עס הייסן, אַז זינט דעמאָלט געפינט ער זיך אין דער דאָזיקער טורמע? איך קאָן נישט גלויבן מיינע אייגענע אויגן, כאָטש איך בין שוין אויף אַלע הונדערט פּראָצענט זיכער, אַז איך חלום נישט. איך קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז מענטשן זאָלן זיין בכוח אויסצוהאַלטן 3 חדשים אין אַזאַ גהינום!...

נישט געאַכט דערויף וואָס משה וועג האָט גאַנץ גוט געקאָנט זען ווי פּרעטשמעליעט איך בין און אַז איך ווייס אַליין נישט אויף וועלכער וועלט איך געפין זיך, שמייכלט ער אונטער די וואָנצעס און ער פּרובירט מיך צו טרייסטן:

„נו, זעסטו דאָך!... נאָר נישט געזאָרגט!“

ער קלאַפּט מיך גוט־ברודעריש איבער דער פּלייצע, זעענדיק ווי נעבעכדיק איך האַלט זיך אויף מיינע פיס, אַז אָט־אָט פאַל איך אום.

„קיינער פון די אונזערדיקע, פּערעביעזשטשיקעס, זיצן נישט דאָ מערער ווי דריי־פיר חדשים,“ זאָגט ער. „נאָכדעם וועט מען אונז פון דאַנעט אַוועקפירן ערגעצוואו אין אוקראַינע אָדער קיין קאווקאז. דאָרטן וועט מען אונז צוטיילן צו עפּעס אַן אַרבעט וואָס מיר זיינע פעאיק און מען וועט אונז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, באַפרייען“.

אַז משה וועג זאָגט אַזוי, טראַכט איך ביי זיך, מסתם ווייסט ער וואָס ער רעדט. עס איז שוין אַזאַ לאַנגע צייט פאַריבער זייט ער געפינט זיך אין טורמע, האָט ער שוין אוודאי געהאַט מערערע געלעגנהייטן צו דער־פאַרן געוויסע איינצלהייטן.

אַ שוידער איז דורכגעלאָפן מיין גאַנצן קערפּער איבערצייגנדיק זיך, אַז אויך איך וועל מוזן טיילן מיין גורל מיט די איבעריקע. דאָ איז קיינער קיין אויסנאַם נישט און קיינער איז דאָ קיין מיוחס נישט... אין קורצן וועל איך אויך אויסזען ווי די אַלע איבעריקע!...

מיין דרדקי־מלמד, ר׳ זלמן־לייב, ווען ער פלעג אונז פאָרלערנען דעם „שבט־מוסר“ פלעג ער אונז אויסמאָלן די שוידערלעכע בילדער פון׳ם גיהנום וואו קיינער איז קיין מיוחס נישט און איטלעכער באַקומט זיין חלק שמיץ און עס העלפט נישט קיין שרייען: „טאַטע, מאַמע, העלפט!“.. קיינמאָל האָב איך זיך נישט געקאָנט אַזוי גוט איבערצייגן וואָס עס הייסט

אַזוינס זיין אין אַ גיהנום...

נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געווען אַזוי שטאַרק געפאַלן ביי זיך; נישט געאַכט דערויף וואָס מיין לעבן איז ביי מיר אין דאָזיקן מאָמענט נישט ווערט געווען קיין שמעק־טאַבעק, האָב איך זיך אַלץ — צי טאָקע דעריבער — פּרובירט צו האַלטן אין דער מעלה:

עס איז אַ פאַרפאַלענע זאַך! זאָל זיין וואָס עס האָט צו זיין און זאָל געשען וואָס עס האָט צו געשען, אַלענפאַלס מוז איך זיין עקשנות׳דיק און קאָנסאַקווענט! קיין חרטה האָבן אויף מיין קרומען שריט וועט מיר סיי ווי סיי נישט העלפן, איז בין איך מחויב צו ראַנגלען זיך ווי אַ ווילדע חיה, אונטער סיי וואָסערע אומשטענדן, פאַר מיין עקזיסטענץ, ביז צום לעצטן אָטעם; נאָר דעמאָלט וועל איך זיך אונטערגעבן, אויב איך וועל שוין מער קיין כוח נישט האָבן; ווען דער גאַנצער רעזערוו פון מיינע ווידערשטאַנדס פעאיקייטן וועט זיין גענצלעך דערשעפּט!...

יאָ, איך וועל מוזן טיילן מיין גורל מיט׳ן גורל פון אַלע איבעריקע אַרעסטאַנטן! אַ ברירה האָב איך? עס איז אַ געשעענער פאַקט און איך בין נישט בכוח צו גיין אַקעגן שטראָם. נאָר עס איז, נעבעך, אַ גרויס רחמנות אויף ב.׳ן, מיין געליבטער, און אויף אָסקאַר׳ן, איר יונגען ברודער׳ל, און אויף דער קראַנקער רחל ל. ווי אויף זיינוועלען ווי אויך אויף פיל איידעלע מענטשן ווי זיי. צי וועלן זיי זיך אויך קענען צופּאַסן און ביישטיין שווערע פיזישע, ווי גייסטישע, נסיונות?

= ◍ =

משה וועג איז זייער שטאַרק נייגעריק צו וויסן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער היים, אין סיגעט, זינט ער איז אַוועק און וויאַזוי די מאַדיאַרן פירן זיך אויף בכלל, און מיט דער אידישער באַפעלקערונג בפרט.

איך, זייענדיק שטאַרק מבולבל׳דיק און איבעראַשט פון מיינע נאָר וואָס דערפאַרענע אומאַנגענעמליכקייטן, וועלכע דערוואַרטן אונז, מיך און ב.׳ן, אין אונזער נאָענטער צוקונפט, האָב קוים געהערט און קוים באַנומען וואָס ער פרעגט מיך. איך ענטפער אים שאַבלאָניש, פון יוצא וועגן, קורץ און שאַרף:

„הא, אין סיגעט... יאָ, עס איז אַלץ ווי געווען, אַלץ איז ביים אַלטן!“...

אַ צווייטער אידישער יונגערמאַן וועלכער האָט זיך אויך געפינען אין דער זעלבער צעל, האָט באַמערקט ווי משה וועג האָט קיין צייט נישט צו וואַרטן אַביסל ביז איך וועל זיך אויסטשוכן, כדי איך זאָל האָבן אַ געלעגנהייט זיך אָנצוואָטעמען געגנוג מיט דער נייער עיפּושדיקער און שטיקנדיקער אַטמאָספער, וועלכע וועט מיט דער צייט זיין מיין נאַטירלעכע לופט, — ווענדט זיך צו משה'ן:

„וואָס ווילסטו פון דעם בידנעם מענטש האָבן! דו זעסט דען נישט, דאָס קוים וואָס ער לעבט?! איך בין ביי זיך זיכער, אַז אין איצטיקן מאָמענט ווייסט ער אַליין נישט, צי ער איז נישט עפּעס אַ פאַרוואָגלטע נשמה וועלכע בלאָנדזשעט אַרום אין עולם־התוהו זוכנדיק איר תיקון! אָט אַזוי פונקט האָב איך זיך אויך געפילט ביי מיין ערשטן אַריינפאַלן אין אָט דער צעלע מיט צען וואָכן צוריק! נישקשה, אַז ער וועט זיך דאָ צוביסלעך איינקוואַרטירן וועט ער זיך צוביסלעך באַרואיקן. אַז מען געוואוינט זיך צו צרות לעבט מען אין צרות!"...

„און ווער זיינען עס יענע דאָרטן?" — פרעג איך משה'ן אַ נייגעריקער, אָנווייזנדיק אים אויף משונה'דיקע ברואים פון אַ ספּעציעלן סאָרט, וואָס פאַרנעמען אַ פיל גרעסערן אָרט אין דעם צעל פון אַלע איבעריקע אַרעסטאַנטן און זיינען אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקל.

יענע ברואים אמפּערן זיך און שרייען אויף קולי־קולות; זיי זידלען זיך איינער דעם צווייטן און שעלטן זיך אין טאַטענס טאַטען אַריין. זיי שפּיצן אָן זייערע שפּיץ־בערד איינער אַקעגן צווייטן און קוקן זיך אין די מאַרדעס אַריין פונקט ווי קאָפּ־הענער, איידער זיי נעמען זיך ראַנגלען; עס מאַכט טאַקע דעם איינדרוק, ווי אָט, אָט, טאַנצט אַרויף איינער אויפן צווייטן און ער וועט אים דורס זיין.

„צא זא כאליער פשאקרעוו?!" :ניעך פאנא קרעוו זאַלעיע!" (פּוילישע קללות אַזעלכע).

„יענע העלונקעס דאָרטן מיינסטו?" — פרעגט מיך משה און ער גיט מיר טאַקע איינאיינוועגס צו פאַרשטיין ווער זיי זיינען כדי איך זאָל זיך נישט אַזוי שטאַרק וואונדערן „יענע זיינען די עכטע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן! זיי זיצן שוין דאָ, אין הער סטאַניסלאַוווער טורמע, איבער אַ יאָר צייט. דעריבער טאַקע זיינען זיי עס אַזוי ווילד אין זייער האַנדלונג ווי אין זייער אויסזען; יענע האָבן דעם ערגסטן פּאַראַגראַף, דעם 58־טע פּאַראַגראַף. וואָס עס איז אַזוינס דער אַכט און פופציגסטער פּאַראַגראַף? דו וועסט שוין

מיט דער צייט געוואָר ווערן!...

אויב משה האָט געמיינט, אַז מיט אָט דעם דאָזיקן ענטפער זיינעם פאַרשטייט איך שוין אַלצדינג, האָט ער אַ טעות. אדרבא, אַצינד ערשט וואונדערט מיך זייער און איך פרעג אים נאָאיוו:

„נו, אויב אַזוי, ווי אַזוי זשע קומען מיר עס טאַקע צו זיין צוזאַמען אין איין צעלע מיט אַזוינע געפערלעכע חברה׳לייט?!״...

משה פרובירט מיך צו באַרואיקן און ער ענטפערט מיר מיט אַ זיכערן טאָן ווי גלייך ער וואָלט געווען אַן עקספערט אין אַזוינע איידעלע ענינים:

„די סאָוועטן ווילן אונז, פערעביעזטשיקעס, לערנען אַ לעקציע; זיי ווילן אונז אָנלערנען כדי מיר זאָלן ווּיסן, וואָס עס איז דער טייטש פונ׳ם פסוק: „למען ידעו״: נאָכדעם, אַז מיר וועלן זיך באַפרייען, זאָלן מיר וויסן וויאַזוי מען דאַרף בכבוד האַלטן די פרייהייט, און צו זיין זעלבסט איבערצייגט, אַז עס לוינט זיך צו זיין אַ געטרייער פאַטריאָט און אַן ערלעכער בירגער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. נישט ווי די העלונקעס דאָרטן אין ווינקל, די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן!״...

איך האָב נאָך אינדערהיים געהאַט אַ חשד אויף אָט דעם משה׳ן, אַז ער איז אַ שטיקל קאָמוניסט. נאָר אויף אַזוי ווייט האָב איך זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן!... נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אָפּגעמוטשעט אין טורמע אַזאַ לאַנגע צייט און אַלץ זיך נישט האָבן אַנטוישט אין זיינע „כאַווירים״ — און ער זאָל נאָך דערצו באַרעכטיקן זייערע אוממענטשלעכע האַנדלונגען — דאָס האָב איך זיך אין קיין פאַל נישט געקאָנט פאָרשטעלן!...

דער אַנדערער משה, משה דער רויטער, וועלכער איז געווען אַן אָפענער קאָמוניסט; אַ קאָמוניסט, וועלכער איז אפילו געהאַט געווען אַרעסטירט צוליב זיינע קאָמוניסטישע טעטיקייטן; אַן אַגיטאַטאָר, וועלכער האָט געפּריידיקט די קאָמוניסטישע אידייע ביי יעדער געלעגנהייט, ער האָט זיך יאָ אַנטוישט אין די „כאַווירים״. נאָך אין דער נאָדוואָרנער טורמע, נאָכדעם ווי ער איז געפאַלן חלשות, האָט ער, משה דער רויטער, זיך עפנטלעך מתוודה געווען:

„קאַמעראַדן״, האָט ער צו אונז געזאָגט בקול־רם מיט זיין געוויינלעכן אָראַטאָרישן נוסח, „עס טוט מיר זייער לייד, וואָס איך מוז זיך מודה ומתוודה זיין און זאָגן אַ ביטערן אמת: איך מוז אָנערקענען דאָס איך האָב זיך אַלע יאָרן אומזיסט מוסר־נפש געווען פאַר׳ן קאָמוניזם! איך האָב זיך אַלעמאָל פאָרגעשטעלט סאָוועט־רוסלאַנד פאַר אַ גן־עדן.ליידער בין איך

זייער שנעל געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיר זיינען אין אַ פאַלשן גן־עדן... מיר זיינען דאָ אין אַ גהינום! אויב דער דאָזיקער סיסטעם דאָ, הייסט סאָציאַליזם, איז עס בלויז אַ שיינער נאָמען פון אַ מיאוס׳ער זאַך; עס איז דער טייוול אַליין פאַרמאַסקירט אין אַ געטלעך געשטאַלט!... אויב פייניקן אומשולדיקע און געפּלאָגטע מענטשן הייסט קאָמוניזם — דעמאָלט בין איך קיינמאָל אין מיין לעבן קיין קאָמוניסט נישט געווען!״...

דער צווייטער באַקאַנטער איד אין דער צעל מיט׳ן נאָמען מיכל וויזעל, אַ ווישעווער, האָט שוין מערערע מאָל געהאַט אַ דיספּוט מיט משה וועג׳ן צוליב דעם וואָס ער, משה, באַרעכטיקט זיינע ,אונזערע, אונטעריאַכער. ער, וויזעל, צוהערנדיק זיך ווי משה וויל מיט כח מיר איינרעדן, אַז אויך איך זאָל אים גלויבן אויפ׳ן וואָרט, דאָס אַלץ איז פּונקט אַזוי ווי ער פּרובירט מיר איינצורעדן. מיכל וויזעל קאָן עס שוין מער נישט פאַר־טראָגן און כאָטש פון דער נאַטור אויס איז מיכל וויזעל אַ שטילער און באַשיידענער פאַרשוין האָט ער זיך אַריינגעמישט אין מיטן, ווען וועג׳ס ענטוזיאַזם וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען אויפן העכסטן גראַד, און ער האָט אים איבערגעהאַקט אינמיטן רעדן:

„הער זיך נישט צו וואָס ער זאָגט! עס איז נישט אַלעס תורת־לאָקשן וואָס ער וויל עס דיר דאָ איינריידן!...״ נאָר אינצווישן האָט מיכל וויזעל געענדערט זיין אויפגערעגטן טאָן אויף אַ מער מילדערן אָבער אַ זייער סאַרקאַסטישן:

„אייגנטלעך הייסט עס, לויט וועג׳ס רייד, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד פירט זיך אויף מיט אונז פּונקט ווי דער ציגיינער מיט זיין קינד: אַז אַ ציגיינער שיקט זיין קינד דאָס ערשטע מאָל עפּעס איינצוקויפן, שלאָגט דער פאָטער קודם זיין קינד אויפ׳ן געזעסל און נאָכדעם געטרויעט דער פאָטער דעם קינד דאָס געלט איינצוקויפן. אַז אַ פאַרבייגייער קוקט זיך צו צו דער דאָזיקער סצענע קאָן ער זיך נישט געבן גענוג אָפּוואונדערן: „ציגיינער, דו אייבער, וואָרום שלאָגסטו עס דיין אומשולדיק קינד? !״ דערויף ענטפערט אים דער ציגיינער אָן אויפגערעגטער: „המ, אומשוליק? איך שלאָג אים כדי ער זאָל נישט פאַרלירן ס׳געלט!״... ערשט איצט איז דער פאַרבייגייער פאַרוואונדערט: „נו, אויב אַזוי וואָלסטו דאָך צייט געהאַט אים שלאָגן, אויב ער וואָלט טאַקע פאַרלוירן דאָס געלט?״ אַצינד ערשט טריאומפירט דער ציגיינער איבערצייגנדיק דעם פאַרבייגייער וואָס פאַר אַ שוטה יענער איז און אויף ווי וייט ער איז אומגערעכט: „שוטה, דו איינער, אויב מיין קינד וועט

פאַרלירן ס׳געלט וועט אים שוין קיין קלעפּ אויך נישט העלפן!״...

אַזוי ווי איך זע, אַז משה איז אַזאַ אַלצווייסער פרעג איך אים אויס נייגעריק:

„זיינען נאָך פאַראַן מערער סיגעטער אין דער סטאַניסלאַווער טורמע?״

„יאָ״, ענטפערט ער מיר, „עס זיינען פאַראַן גענוג סיגעטער, און סתם טראַנסילוואַנישע, ווי אויך קאַרפּאַטישע און אונגאַרישע. עס זיינען פאַראַן אַזוינע וועלכע זיינען געקומען מיט ווייב און קינדער און אַזוינע וואָס זיינען געקומען אַליין. איך און ער״, ער צייגט מיר מיט׳ן פינגער אויף אונזער צווייטן קאַמעראַד, אויף מיכל ווייזעל, „מיר זיינען פון די מזלדיקע, מיר האָבן מיט זיך נישט מיטגעבראַכט קיין נאָכשלעפּערס״...

נישט געאַכט דערויף וואָס משה איז שטאַל און אייזן פאַר זיינע „כאַוויירים״ חוזק׳ט ער פונדעסטוועגן אַלץ אָפּ פון די וועלכע האָבן זיך אויף אַזוי ווייט פאַרגעשטעלט סאָוועט־רוסלאַנד פאַר אַן אָרט, וואו מען וועט זיך קענען מציל זיין און בויען אַ צוקונפט, אַז זיי האָבן אַזש מיטגע־ברענגט מיט זיך זייער גאַנצע פאַמיליע.

„עס זיינען פאַראַן אין טורמע אַזוינע״, זאָגט מיר ווייטער משה, „וועלכע האָבן איבערגעלאָזט זייער הוידל־בוידל, זייערע ווייבער און קינדער און זיי האָבן געמיינט, אַז מיט דער צייט וועלן זיי קענען אַרויסנעמען זייערע פאַמיליעס אויף אַ לעגאַלן אופן, ווי אַ שטייגער, איינער, וועלכער איז אַמאָל אַוועקגעפאָרן פון דער היים קיין אַמעריקע און מיט דער צייט האָט ער געקאָנט שיקן אַ וויזע פאַר ווייב און קינדער״...

זעענדיק, אַז די צעלע איז איבערפולט, שפּעקוליר איך, אַז אפשר וועל איך גאָרנישט האָבן קיין פּלאַץ אין דער טורמע:

„אפשר בין איך דאָ אַן איבעריקער!... וואו וועל איך זיך אין אַזאַ ענגשאַפט אַהינטאָן און וואו וועל איך עס האָבן פּלאַץ צו שלאָפן?״, פרעג איך משה׳ן.

„אין דער אָנגעלעגנהייט מוזטו זיך ווענדן צום „סטאַרשי״, צום עלטעסטן! דער סטאַרשי פאַ קאַמערע וועט דיר שוין מאַכן פּלאַץ ערגעצ־וואו. נאָר איך האָב מורא, אַז דער סטאַרשי וועט דיר געבן אַ פּלאַץ לעבן דער „פּאַראַשע״, ווייל חוץ דעם וואָס עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ אין דער צעל פאַר נאָך איין פּערזאָן, איז דער סטאַרשי נאָך דערצו אַ גרויסער אַנטיסעמיט און ער וועט דיך זיכער נישט שאַנעווען! אדרבא, איך בין זיכער, אַז ער וועט זוכן מיטלען און וועגן וויאַזוי ער זאָל זיך איזדעקעווען

איבער דיר"...

„דער סטאַרשי איז אַן אַנטיסעמיט?!"...

ווען משה וואָלט מיך געוווען אין דאָזיקן מאָמענט אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער, וואָלט איך געוווען נישט מער אויפגעשוידערט! איך בין פון דער היים אַנטלאָפן, הויפּטזעכלעך, כדי איך זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל ניצול ווערן פונ׳ם אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט די אויבערמאַכט אין די פאַשיסטישע מלוכות; עס האָט מיך געגרוילט אַרונטערצופאַלן אונטערן יאָך פון אַנטיסעמיטיזם און דעריבער האָב איך עס אונטערגענומען מיין אַוואַנטורע צו לויפן אין יענעם עק וועלט אַריין, אַבי צו אַנטלויפן פון אָט דער קענסערישער קרענק וואָס הייסט אַנטיסעמיטיזם, און אָט בין איך ערשט דאָ, אינ׳ם סאָציאַליסטישן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אונטערגעוואָרפן אויפ׳ן חסד פון אַן אַנטיסעמיט! כאָטש נעם און קניע זיך פאַר׳ן סטראַשי און בעט זיך ביי אים: „טייערער סטאַרשי, זייט מוחל און טוט מיט מיר אַ חסד־של־אמת און לאָזט מיר צו אַ שטיקל פּלאַץ לעבן דער פּאַראַשע!"... זייענדיק שטאַרק געערגערט און אויפגערעגט, אַליין נישט וויסנדיק אויף וועמען, פרעג איך משה׳ן:

„פאַרוואָס מוז דווקא אַן אַנטיסעמיט זיין דער סטאַרשי?! ווערט עס דען טאָלערירט, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד זאָל בושעווען דער אַנטיסעמיטיזם, ווי אַזוי איז עס מעגלעך?!"...

„נו", באַרואיקט מיך משה, „טאַקע דערפאַר זיצט ער אין קרימינאַל!"

„יאָ, יאָ, ער! אָבער פאַרוואָס קומט עס אונז מיטצוטאַנצן אויף דער זעלבער חתונה?! אויב אפילו מיר זאָלן באַרעכטיקן, אַז מיר זיינען ווערט געווען אַרעסטירט צו ווערן, איז אויף קיין פאַל נישט רעכט, אַז מיר זאָלן טיילן דעם זעלבן גורל ווי אַנטיסעמיטן און כוליגאַנעס!"...

משה׳ס נבואה איז מקוים געוואָרן: דער סטראַשי האָט מיר טאַקע געוואָלט צוטיילן אַ פּלאַץ ביים סאַמע עמער, וואו עס וואָלט מיר אויסגעקומען צו זיין איטליכענס פיסנבענקעלע בעת זייער דערליידיקן דעם טאָגלעכן געברויך... שוין דעם ערשטן טאָג אין דער סטאַניסלאַוווער טורמע האָב איך געמוזט אויפנעמען אַ קאַמף פאַר מיין עקזיסטענץ, אַקעגן וועמען? אַקעגן איטלעכן וועמען עס וויל מיר שלעכטס טאָן און אין דער ערשטער ריי אַקעגן סטאַרשי.

איך האָב דעם סטאַרשי מכבד געוווען מיט אַ רוסישער „ברכה"... איך האָב שוין געהאַט די געלעגנהייט אויסצולערנען זיך אייניקע „ברכות"

פון די זעלנער. דער סטראַשי איז נישט געווען גענוינט צו אַזאַ זאַך און עס איז אים זייער נישט געפעלן מיין באַנעמונג. איך האָב געמיינט, אַז דער שלאַק וועט אים באַטרעפן! ער האָט מיך געדראָט מיט פעטש. אויב איך וועל זיך נאָך מער אַקעגנשטעלן דעמאָלט, זאָגט ער, האָט ער אַ גאַנצע גוואַרדיע מיט פאָליאַקן, וואָס וועלן מיר אָנברעכן די ביינער און זיי וועלן מיך אַזוי אַרום לערנען דרך־ארץ!

אין דאָזיקן מאָמענט בין איך אָבער געווען אויסערגעוויינלעך ווילד; איך בין אַזוי ווילד געווען ווי אַ פאַרוואונדעטער טיגער וועלכער האָט נאָך זיין גאַנצע קראַפט אין זיך. איך האָב געפילט, אַז איך בין בכוח אויפצונעמען אַ קאַמף מיט אַלע צוזאַמען! מיין לעבן שפּילט שוין מער קיין ראָלע נישט, איך וואָלט זיך גערן מקריב געווען קעגן דער רשעות פון דער וועלט! זאָל איך זיך נאָר כאָטש נאָך איינמאָל אין לעבן קענען אָפרעכענען מיט די רשעים פון דער וועלט! אָבער גיי און נעם אויף אַ קאַמף אין דער סטאַניסלאַווער טורמע!...

אַזויווי איך האָב באַמערקט אַז דער סטאַרשי רעדט אַ פּליסיקן דייטש, האָב איך אים ערשט נישט געשאָנעוועט קיין דייטשע זידל־ווערטער ווי, שווייַנע, אויסוואורף, נידערטרעכטיגער קערל און אַנדערע. איך האָב אים גלייך געזאָגט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ מענטש, וועמען דאָס לעבן איז נישט ווערט קיין שמעק־טאַבעק און אויב זיין לעבן האָט נאָך וואָס עס איז פאַר אַ ווערט ביי אים דעמאָלט זאָל ער זיך אינגאַנצן אָפּטשעפּן פון מיר און זאָל זיך אים אויסדאַכטן, אַז איך בין אינגאַנצן נישט פאַראַן אין „זיין" צעלע!...

וויזעל און ווענ האָבן מורא געקראָגן, אַז איך וועל פאַרפירן אַ סקאַנ־דאַל מיט׳ן סטאַרשי, זיי האָבן געוואוסט די לאַגע בעסער פון מיר, דעם גרינעם, האָבן זיי זיך דעריבער אַריינגעמישט און זיי האָבן פּרובירט שלום מאַכן. זיי האָבן דערקלערט דעם סטאַרשי דעם הונטערגרונט פון מיין אַרעסט און זיי האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל האָבן איינזעעניש מיט מיר:

„ער וועט זיך מיט דער צייט בעסערן!" פּרובירט משה צו באַרואיקן דעם סטאַרשי.

„יאָ, וויר זינד אַלע אַרעסטאַנטן היער", זאָגט דער סטאַרשי ביילנדיק זיין פויסט און דונערנדיק מיט אַ פאַרדריסלעך קול „אונד אויך זינד וויר אַלע היער אונטערוואָרפן דיסציפּלין אונד אָרדנונג! זאָל ער זיך מאל רוהיג אונד מיט רעספּעקט באַנעהמען מיט דעם עלטסטן!"

צו מיר האָבן זיך די צוויי אידישע קאַמעראַדן געוואַנדן, אַז איך זאָל זיך נישט צופיל איינרייסן מיט די פּאָליאַקן און איבערהויפּט מיט׳ן סטאַרשי:

„דאָ זיינען זיי די באַלעבאַטים, זיי זיצן שוין איבער אַ יאָר אין דער דאַזיקער טורמע אָבער דו ביסט ערשט אַ ניי־געקומענער, אַ גרינער״...

ציִ האָב איך זיך אַמאָל אין לעבן געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די ערד וועט אונטער מיר ווערן אויף אַזוי ווייט איינגעשרומפּן, אַז איך וועל קוים האָבן גענוג פּלאַץ אַוועקצולייגן מיין פּעקל ביינער אויף דער בלויזער ערד?!״...

ביים לייגן זיך, אויף דער ערד, האָבן מיך מיינע צוויי פריינט אַריינגע־נומען אינדערמיט. דער עולם האָט טאַקע אונטערגעבורטשעט, אַז עס איז ענג, נאָר דער סטאַרשי, כאָטש אַן אויפגערעגטער, האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט; ער האָט ווי איינגענומען שטומעניש...

איך האָב דאָך אויסגעמיטן די פּאַראַשע! מיין קאַמף איז דאָך נישט געבליבן אומזיסט. איך מוז אָבער אָנערקענען, אַז ווען נישט מיינע צוויי אידישע פריינט, וואָלט מיין קאַמף געווען אַ פאַרלוירענער...

14

אין דער דאַזיקער צעל זיינען מיר געווען בלויז דריי אידן: משה וועג, מיכל וויזעל און מיין ווייניקייט. ביידע, משה און מיכל, זיינען הויכע און ברייט ביינערדיקע פאַרשוינען. מיכל איז פון פאַך אַ סטאָליאַר און משה האָט פאַר׳ן אַרעסט געאַרבעט אין אַ וויין־געשעפט, אין סיגעט, ביי קופּער־מאַנען, אַ באַקאַנטע וויין־פירמע אין סיגעט.

די צעל וועלכע האָט געהאַט די גרויס פון אַן ערך 15×10 מעטער אין קוואַדראַט, איז געווען איבערפולט מיט זעכציק פאַרשוין, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער בלויזער פּאָדלאָגע, איטלעכער מיט זיין פּעקל שמאַטעס אונטער זיך. אונטער׳ן פּוילישן רעזשים זיינען אין דער צעל געווען בלויז פיר בעטן, פאַר פיר אַרעסטאַנטן.

מיר, די דריי אידן, זיינען געווען אַן אָפּגעזונדערט וועלטל פאַר זיך זעלבסט אין דער צעל. די פּאָליאַקן האָבן נישט אויסבאַהאַלטן זייער פאַר־אַכטונג און פיינשאַפט צו אונז. זיי האָבן אויף אונז געקוקט ווי אויף שונאים, ווי אויף אַרעסטאַנטישע פאַררעטערס, וועלכע די נ. ק. וו. ד. האָט דירעקט אַריינגעשיקט אין דער צעל אַריין כדי מיר זאָלן נאָכשפּיאָנירן זייערע טעטיקייטן. זיי האָבן זיך דעריבער געהיט פון אונז דאָס מיר זאָלן נישט

אונטערהערן אַן איבעריק וואָרט.

נישט געקוקט דערויף וואָס די פּאָליאַקן זיינען געווען „שווערע פאַר־ברעכער" און זיי זיצן שוין אַזאַ לאַנגע צייט אין טורמע, האָבן זיי דאָך געהאַט, אומדירעקט, געוויסע פּריווילעגיעס, וועלכע מיר, אידן, האָבן נישט געהאַט. די פּריווילעגיעס פון די פּאָליאַקן זיינען באַשטאַנען דערין וואָס זיי האָבן געקאָנט באַקומען פּעקלעך פון דער היים. זיי טיילן זיך צווישן זיך און די אוקראַינער מיט טאַבאַק, צוויבאַק און אַנדערע נאַשערייען. פאַר אונז, אידן, האָבן זיי קיינמאָל גאָרנישט געגעבן עפּעס טועם צו זיין פון זייערע היימישע מאכלים.

חוץ דער דאָזיקער פּריווילעגיע האָבן זיי נאָך געקאָנט קויפן פון צייט צו צייט אַ געוויסע נאָרמע פּאַפּיראָסן, מאכארקע, ברויט און מאַרגאַרין פון׳ם טורמע מאַגאַזינער. דאָס געלט האָט מען טאָקע אָוועקגענומען פון די פּאָליאַקן ווען מען האָט זיי אַרעסטירט, דערפאַר אָבער איז זיי דערלויבט געוואָרן צו קויפן, די אויבן דערמאָנטע אַרטיקלען, אויפ׳ן חשבון פונ׳ם אָוועקגענומענעם געלט. מיר, אידן, האָבן זיך צו אָט די גוטע זאַכן צוגעקוקט און געשלינגען די סלינע ווען מיר האָבן געזען אַ היימישן ביסן.

דאָס עסן אין דער תפיסה איז געווען אויסערגעוויינלעך שלעכט. מייסטנס האָט מען אונז געהאָדעוועט מיט קרויט באַלאַנדעס (זופּן), אין וועלכע עס איז קוים פאַראַן אַביסל קרויט. אויב עס האָט זיך אַמאָל פאַר־בלאָנדזשעט צו אַ שטיקל קאַרטאָפל אין דער זופּ איז געווען „יאָמטעוו". אויך האָט מען אונז געקאָרמעט מיט אַ סאָרט זופּן אין וועלכע עס זיינען פאַראַן פאַרשטונקענע געזאַלצענע הערינג. נישקשה, דער אַרעסטאַנטישער מאָגן קאָן אַלעס פאַרדייען! יאָ, די תפיסה פאַרוואַלטערס האָבן רעכט דערמיט, וואָס זיי קאָרמענען אונז אַלערליי סאָרטן „געמויזעכצער", הלוואי וואָלטן זיי אונז כאָטש דאָס געגעבן גענוג צו דער זעט!...

= ◍ =

אַמפּיינלעכסטן איז אונז געווען פרייטאָג־צו־נאַכטס, ווען מיר פלעגן זיך דערמאָנען אין אונזערע היימען. מיר פלעגן זיך פאָרשטעלן ווי מיר זיצן ביים טיש מיט אונזערע פאַמיליעס, אין הייזער וואו עס איז ריין און ליכטיק אין איטלעכן ווינקעלע.

איך זע פאַר מיינע אויגן ווי מיין מאַמע מיט׳ן ווייסן טיכל אויפ׳ן

קאָפּ און מיט איר ווייסן פאַרטוך, צינדט די שבת־ליכט; זי שיינט, ווי גלייך די שכינה וואָלט אויף איר גערוט. ווי דער טאַטע איז אַנגעטאָן אין זיין גלאַנציקער אַטלאַסענער בעקעשע און מיט׳ן שטריימעל אויפ׳ן קאָפּ, אויך מיין טאַטענ׳ס פּנים שיינט; ווי איטליכער ביים טיש מאַכט קידוש איבער אַ כוס וויין, מען קוויקט זיך מיט דער פרישער הייסער זופּ און פרישער חלה און מען זינגט זמירות...

„צי וועלן מיר נאָך אַמאָל דערלעבן, צו זיין צוזאַמען ביים טיש מיט אונזערע אייגענע?!״ אַזוי האָבן מיר זיך געהאַלטן אין איין פרעגן.

= ◍ =

ווייזעל האָט היפּשע יאָרן געאַרבעט ביי זיין פאַך, סטאָלעריי, אין טשערנאָוויץ. ווען די סאָוועטן האָבן, אין 1940, באַזעצט בעסעראַביע און בוקאָווינע איז ער דעמאָלט געווען אין טראַנסילוואַניע אַלס אַ מאָביליזירטער רומעניִשער סאָלדאַט. ווייזעל האָט געהאַט אַ גינסטיקע געלעגנהייט צו פאָרן אַהיים, קיין טשערנאָוויץ, אויף אַ לעגאַלן וועג. האָט ער זיך אָבער איבערצווישן פאַרוויקלט אין אַ ליבעס אַפּערע מיט אַ ווייזשעווער מיידל און ער איז דעריבער פאַרבליבן אין טראַנסילוואַניע.

נאָר אַזויווי פון זיין ראָמאַן איז גאָרנישט געוואָרן און ער האָט נאָכדעם חשק באַקומען צוריקצופאָרן קיין טשערנאָוויץ, וואו ער האָט געוואוינט די לעצטע יאָרן, איז שוין צו שפּעט געווען. ער האָט שוין אַהין נישט געקאָנט פאָרן לעגאַל, ווייל דער טערמין פון לעגאַלער רעפּאַטריאַציע האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט זייט אַ לענגערער צייט. האָט זיך דעריבער ווייזעל מיישב געווען דאָס ער וועט לערנען „בלק״ מיט די מאַדיאַרן, אויב די מאַדיאַרן לאָזן אים נישט מער אַהיימפאָרן וועט ער גנב׳ענען די גרענעץ, און די סאָוועטן וועלן אים זיכער אַריינלאָזן ווייל „דע־יורע״ איז ער דאָך, לויט זיין אויסרעכענונג, אַ סאָוועטישער בירגער. נאָר ווי עס זעט אויס האָט ווייזעל געמאַכט דעם זעלבן טעות וואָס אַלע איבעריקע פּערעביעזטשיקעס און אויך ער איז אונטער׳ן חשד פון שפּיאָנאַזש; ער איז אין דעם זעלבן פּעקל ווי אַלע אַנדערע וועלכע האָבן קיינמאָל פריער נישט געוואוינט אין וועלכן עס איז סאָוועטיש באַזעצטן געביט.

מיכל ווייזעל האָט שוין זייט היפּשע יאָרן נישט געדאַוונט. אָבער דאָ, אין טורמע, צוקוקנדיק זיך ווי די פּאָליאַקן און אוקראַינער טוען תּפילה

מערערע מאָל אין טאָג, איז ער אַזוי ווי געוואָרן אַ בעל־תשובה: ער דעקט זיך איבער זיין קאָפּ מיט אַ האַנטוך און ער שעפּטשעט מיט די ליפּן; אָדער ער דאַוונט, צי ער בענשט, אָדער ער לייענט קריאת־שמע, צי ער זאָגט סתם אַזוי זיך אַ תפילה צי אַ קאַפּיטל תהלים, אַ אידישע נשמה לאָזט זיך נישט אָפּשאַצן!...

„מיכל", זאָג איך אים „זיי וויסן, אַז לויט׳ן אידישן דין טאָרסטו דאָ נישט דאַוונען. ערשטנס, ווייל דו האָסט שטענדיק אומריינע הענט, מיר האָבן קיינמאָל נישט גענוג וואַסער אַז מיר זאָלן זיך קענען וואַשען די הענט נאָך אונזערע טעגלעכן געברויך, און מיט אומגעוואַשענע הענט טאָרסטו נישט טאָן קיין תפילה. צווייטנס", זאָג איך אים ווייטער, „איז דער גאַנצער ארום אַן אומריין אָרט און עס איז נישטאָ קיין מחיצה צווישן דער אָפּענער פּאַראַשע און די מענטשן".

איך האָב זיך פאַרדינט אַן עבירה. ווען מיכל וואָלט נישט געוואוסט אַזוי פּינקטלעך דעם דין אין „הלכות תפילה" וואָלט אים זיין „השתפכות־הנפש" פאַר׳ן רבונו של עולם מער באַקומען. מיכל הערט מיך טאַקע אויס מיט פיל אויפמערקזאַמקייט און ער קוקט מיך אָן ווי דער האָן אין „בני־אָדם" און ער טוט זיך זיינס: ער פּרעפּעלט ווייטער זיינע תפילות.

„אויב די פּאָליאַקן מעגן תפילה טאָן מעג איך אויך!", זאָגט ער.

= ◍ =

כאַטש משה וועג איז מיר אַן אַלטער באַקאַנטער, אַ געוועזענער שכן — מיר האָבן געוואוינט נישט ווייט איינער פון׳ם צווייטן אין סיגעט — פונדעסטוועגן פיל איך זיך מער צוגעבונדן צו מיין אַנדערן קאַמעראַד אין דער צעל, צו מיכל וויזעל׳ן. כאַטש מיכל וויזעל האָט זיך זיינע משוגעת׳ן איז ער פיל אינטעליגענטער ווי משה וועג, וועלכער וויל מאַכן אַן איינדרוק, אַז ער איז אַן אַלצווייסער. חוץ דעם פאַרשטיי איך זיך עפּעס בעסער מיט מיכל וויזעל׳ן. אַזויווי ער האָט געוואוינט אייניקע יאָרן אין טשערנאָוויץ און אויך איך האָב געהאַט געוואוינט אַ שטיקל צייט אין טשערנאָוויץ, אין דער זעלבער צייט וואָס ער, האָבן מיר אויטאָמאַטיש געהאַט עפּעס געמיינזאַמעס אין אונזער פאַרגאַנגענהייט, אַן דעם אַז מיר זאָלן זיך געוועזן קענען פריער.

וואָס איך האָב געטאָן אין טשערנאָוויץ?

פאַר אַ סיגעטער יונגערמאַן, וועלכער האָט געהערט צום חסידישן קרייז, איז שווער צו ענטפערן דערויף. איך וועל עס דעריבער מאַכן קורץ:
די קאַמפן וועלכע זיינען פאָרגעקומען צווישן עלטערן און קינדער אין פאַריקן יאָרהונדערט אין דער השכלה עפּאָכע, זיינען נישט געווען קיין נאָווינע אין סיגעט אין די דרייסיקער יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט.
קוים איז אַ סיגעטער יונגערמאַן אַוועק קיין טשערנאָוויץ, האָט מען שוין געוואוסט אין די חסידישע קרייזן, אַז ער איז אַ פּאַרטיקער... מען האָט שוין געוואוסט, אַז אָדער ער וועט שטודירן אין העברעאישן סעמינאַר דאָרטן, צי גאָר נאָך ערגער... „קיין לייט", האָט מען געשמועסט, „וועט פון אים שוין נישט זיין!"
נישט אומזיסט האָט אַ סיגעטער איד, אַ חסיד, וועמעס זון עס איז אַוועק קיין טשערנאָוויץ, אַנגערופן טשערנאָוויץ מיט אַ ספּעציפיש לשון־קודשדיקן נאָמען: „צערני־ובוז"... (מיין צער און שאַנד).
שמועסנדיק וועגן טשערנאָוויץ פרעג איך איינמאָל מיכל'ן:
„דו האָסט טאַקע געאַרבעט ביי דיין פאַך, סטאָלעריי, אין טשערנאָוויץ גופא?"
„איך האָב גוט געקאָנט איינעם אַ סטאָליאַר אין טשערנאָוויץ", זאָגט איך אים ווייטער, „איך האָב געוואָלט אָנקומען אויף די קורסן פונ'ם העברעאישן סעמינאַר דאָרטן, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ראַבינער מאַרק און פּראָפעסאָר גאָטליב. איז ביז וואָס־ווען, האָב איך געוואוינט אין „ראש" ביי איינעם אַ סטאָליאַר מיט'ן נאָמען פסח ראָזענפעלד".
מיכל האָט מיך אָנגעקוקט שטאַרק דערשטוינט, גלייך איך וואָלט אים געווען געזאָגט מי יודע וואָס. ער ווידערהאָלט עטלעכע מאָל:
„פסח ראָזענפעלד, פסח ראָזענפעלד, צי איך האָב אים געקאָנט?"...
מיכל בעט מיך זייער אַז איך זאָל אים דערציילן אַלץ וואָס איך ווייס פון אָט דעם ראָזענפעלד'ן. יאָ, איך ווייס דווקא עפּעס אַ מערקווירדיקע געשעעניש וואָס האָט פּאַסירט מיט זיין ערשטער פרוי. אויב מיכל איז יאָ אַזוי שטאַרק נייגעריק צו הערן וואָס עס איז וועגן דעם ראָזענפעלד'ן האָט איך דעמאָלט אַן אויסטערלישע געשעעניש צו דערציילן:
„ווען איך האָב געוואוינט ביי ראָזענפעלד'ן אין 1938", הויב איך אָן, „האָט ער שוין געהאַט געהייראַט אַ צווייט מאָל. זיין ערשטע פרוי איז אומגעקומען דורך אַ טראַגישן פאַל.
„איך דעראינער זיך גענוי אין אָט דער דאָזיקער געשיכטע", דערצייל

איך ווייטער נישט באַמערקנדיק, וואָס פאַר אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק מיינע ווערטער מאַכן אויף מיכל׳ן, „איך האָב געזען ביי ראָזענפעלד׳ן אַ בילד אויף דער וואַנט איינגעראַמט אין שוואַרצן. דאָס בילד איז געווען אַ פּאָרטרעט פון אַן אויסערגעוויינלעך שיינער פרוי. אונטער׳ן פּאָרטרעט איז געווען געדרוקט מיט גרויסע אידישע, קידוש־לבנה אותיות די ווערטער: „מיר וועלן זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן!" אויף מיין פראַגע, ווער די פרוי איז, האָט מיר ראָזענפעלד דערציילט, אַז דאָס איז געווען זיין ערשטע פרוי, וועלכע זיינער אַ גוטער פריינט מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געאַרבעט, האָט זי אומגערען דערשאָסן אויף טויט".

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט מיכל אַ טיפן זיפץ געטאָן און ער האָט זיין קאָפּ אַראָפּגעלאָזן. ער האָט מיר אַזוי ווי נישט געקאָנט קוקן גלייך אין פּנים אַריין. נאָר איך האָב אין דאָזיקן מאָמענט נישט געקאָנט באַגרייפן, אויף ווי ווייט איך האָב אים אָנגערירט מיט מיין שילדערונג. איך דערצייל אים ווייטער:

„ראָזענפעלד האָט מיר אפילו דערציילט אַלע איינצלהייטן ווי אַזוי דאָס אומגליק איז געשען. עפּעס אַ נאַכט־וועכטער, ראָזענפעלד׳ס אַ באַקאַנטער, איז אַריינגעקומען צו אים אין הויז אַריין, ווי געוויינלעך, אָנצוואַרעמען זיך. דער נאַכט־וועכטער האָט אַוועקגעלייגט זיין רעוואָלווער אויפ׳ן טיש. ראָזענפעלד׳ס גוטער פריינט, דער סטאָליאַר, וועלכער איז אויך פּונקט דעמאָלט געווען ביי אים אין הויז אויף אַ וויזיט, פרעגט דעם נאַכט־וועכטער: ׳איז דער רעוואָלווער אָנגעלאָדן?׳ ׳ניין!׳, האָט דער נאַכט־וועכטער קאַלט־בלוטיק געענטפערט. דערויף האָט ראָזענפעלד׳ס פריינט גענומען דעם רעוואָלווער אין האַנט אַריין און ער האָט זיך דערמיט געשפּילט ווי מיט אַ שפּילצייג. אַזויווי ער איז געזעסן אַנטקעגן ראָזענפעלד׳ס פרוי האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ וויצל צו טאָן מיט זיין פריינטס ווייבל: ׳די הענט הויך, ווייל איך וועל שיסן׳. ראָזענפעלד׳ס ווייבל ווויסנדיק אַז דער רעוואָלווער איז נישט אָנגעלאָדן, האָט גאַנץ מונטער געענטפערט: ׳שיס!׳

„דערויף האָט ראָזענפעלד׳ס פריינט אַ צי געטאָן דעם רעוואָלווער ביים צינגל. צום גרויסן אומגליק, איז דאָרט געווען אַ קויל, וואָס דער וועכטער האָט נישט געוואוסט. אָט אַזוי איז די אומגליקלעכע פרוי געפאַלן אַן אומ־שולדיקער קרבן דורך אַן אומשולדיקן פריינט!"

איך האָב פּלוצלינג געזען ווי טרערן קייקלען זיך איבער מיכל ווייזעל׳ס באַקן, און ווילע אַרום זע איך, אַז ער וויינט און כליפּעט...

קורץ, ער האָט זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז ער איז עס געווען דער יעניקער אומשולדיקער מערדער פון יענער אומשולדיקער שיינהייט...

„איך האָב זיך דעמאָלט געפילט ווי דער אומגליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט", זאָגט מיר וויזעל נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט „איך האָב דעמאָלט זייער שטאַרק געוואָלט אַז מען זאָל מיך פאַראורטיילן צו שווערער קאַטאָרזשנער אַרבעט, נאָר ראָזענפעלד אַליין האָט אויפגע־טראָטן אַלס עדות אין געריכט און ער אַליין האָט מיך פאַרטיידיקט און דעריבער האָט מען מיך באַפרייט, מיט'ן מאָטיוו, אַז דאָס איז געווען אַן עקסידענט. נאָך ביז'ן היינטיקן טאָג, וויפל מאָל איך דערמאָן זיך אין מיין דעמאָלסדיקן „פאַרברעכן" קאָן איך זיך נישט צוריקהאַלטן פון וויינען...

„היינט", זאָגט וויזעל ווייטער מיט גרויס ערגערניש, „אַז איך פיל זיך אַבסאָלוט נישט שולדיק, אין מיין פאַרברעך אַקעגן ראַטנפאַרבאַנד, קום איך אפשר אָפּ פאַר מיין אַלטער זינד..."

15

גייענדיק איינמאָל זיך באָדן און צוריקקומענדיק אַ נאַסער און אַ פאַרשוויצטער בין איך קראַנק געוואָרן. איך האָב געקראָגן הויכן פיבער. איך האָב זייער שלעכט געפילט. איך האָב געטראַכט: „אפשר וועט מיר געלונגען צו שטאַרבן. עס וואָלט מיך זייער ווייניק געאַרט.. דער טויט וואָלט אַצינד געווען מיין גרעסטער אויסלייזער! יאָ, טאַקע אַזוי, צו וואָס לעבן אין אַ וועלט וואו איך האָב מיין פרייהייט פאַרלאָרן?..."

דאָס באָדן זיך איז אַלעמאָל געווען אַ גרויס אָפּקומעניש. די טושן זענען אַלעמאָל געווען אָדער צו הייס אָדער צו קאַלט. חוץ־דעם האָבן זיך צו פינף־זעקס מענטשן געמוזט אַרונטערשטעלן אונטער איין טוש. מען האָט זיך כמעט קיינמאָל נישט געקאָנט אָפּוואַשן ווי עס געהער צו זיין. אַקוראַט נאָר בלויז זיך איינגענעצט. אַזוי ווי מען האָט אונז געפירט איבער'ן הויף און עס איז געווען קאַלט איז זייענדיק שטאַרק פאַרשוויצט האָב איך זיך ערנסט פאַרקילט.

די „סיסטרא" (קראַנקנשוועסטער) וועלכע קומט געוויינלעך איינמאָל אין דער וואָך, עפענען דאָס קליינע טירעלע, אין דער מיט, פון דער גרויסער פאַרהאַקטער טיר, האָט אַ פרעג געטאָן: „האַריאַטשקאַ יעסט? (צי האָט ווער פיבער?) האָב איך זיך געמאָלדן. זי האָט מיך אַנגענומען ביים

פּולס און מיר געמאָסטן די טעמפּערטואַר און נאָך דעם זעלבן טאָג האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין דער טורמעס לאַזאַרעט.

איך האָב געקראָגן אַ לונגען־אָנצינדונג און איך בין אָפּגעלעגן אין לאַזאַרעט צען טאָג. שטאַרבן, ווי עס זעט אויס, האָט מען מיך דאָך נישט געלאָזט. עס איז טאַקע נישט צום לעבן און נישט צום שטאַרבן!

= =

אין לאַזאַרעט האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיט אַ פּויליש אידישן אַרעסטאַנט, איז האָב איך זיך מיט אים פונאַנדערגעשמועסט:

„פאַר וואָס זיצט איר?״

„מען האָט מיך געכאַפּט ביי דער גרענעץ״, האָט מיר דער איד קאַלט־בלוטיק געענטפערט.

אין אָנהויב האָב איך געמיינט אַז „געכאַפּט ביי דער גרענעץ״ באַטייט, אַז אויך ער איז אַ פּערעביעזטשיק אַזוי ווי איך. עס האָט מיר אָבער נישט לאַנג גענומען ביז איך בין געוואָר געוואָרן אַז „געכאַפּט ביי דער גרענעץ״ הייסט ביי דעם פּוילישן איד, דאָס מען האָט אים געכאַפּט ווען ער האָט געוואָלט לויפן פון דער סאָוועטיש פּוילישער זייט צו דער דייטש פּוילישער זייט...

איך האָב דעמאָלט נישט געקאָנט פאַרשטיין אַז אַ איד, וועלכער לעבט אַ פריי לעבן אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים, זאָל וועלן לויפן קיין דייטשלאַנד! אויב אַ איד איז נישט צופרידן מיט׳ן סאָוועטישן רעזשים, וועט ער מיט׳ן פאַשיסטישן רעזשים אוודאי נישט צופרידן זיין!

„וואָס פאַר אַן אינטערעס קען עס האָבן אַ איד צו לויפן פרייוויליק אין היטלער׳ס לאַפּעס אַריין?״, האָט איך אים געפרעגט מיט נישט ווייניק נייגער.

דער פּוילישער איד זענדיק, אַז איך וואונדער זיך אַזוי שטאַרק וועגן דעם איז אַנשטאָט אַן ענטפער אויף מיין פראַגע האָט ער מיר אַליין געשטעלט אַ פראַגע:

„פון וואַנעט זייט איר און פאַר וואָס זיצט איר?״

„איך בין אַ רומענישער, אַן אונגאַרישער, מיין איך... איך זיץ דערפאַר, ווייל איך בין פון דאָרטן אַהער געלאָפן״...

איך האָב אַלעמאָל געהאַט שוועריקייטן ביים ענטפערן פון וואַנען איך בין. ווען איך בין געבאָרן געוואָרן איז שוין דעמאָלט טראַנסילוואַניע געווען

רומעניש (ביז צו דער ענד פון דער ערשטער וועלט מלחמה האָט טראַנ־סילוואַניע געהערט צו אונגאַרן). אונטער׳ן נייעם אונגאַרישן רעזשים האָב איך אינגאַנצן געלעבט צוויי חדשים. אָפּיציעל בין איך אַוועקגעלאָפן פון אונגאַרן, בין איך הייסט עס אַן אונגאַרישער! משה וועג און אַנדערע, וועלכע זענען געווען פון די ערשטע „מעפּילים״, וועלכע זיינען פון זעלבן אָרט־שאַפט ווי איך, נאָר בלויז דערפאַר וויל זיי זיינען מיט צוויי חדשים פאַר מיר אַוועק פון דער היים, זיינען זיי פאַררעכנט אַלס רומענישע. איז וואָס זשע דעמאָלט בין איך — אַ רומענישער צי אַן אונגאַרישער? מיין סטאַטוס האָט זיך נאָך מער פאַרפּלאָנטערט ווען נאָכ׳ן קריג איז טראַנסילוואַניע צוריק אַריבער צו רומעניע. דעריבער איז מיך נישט געווען וואָס מקנא צו זיין, אַז מען האָט מיך געפרעגט פון וואַנען איך בין. איך האָב גענוג געשוויצט ביז איך (און אַנדערע ווי איך) זיינען געווען בכוח אויפצופּלאָנטערן דעם פאַרדרייטן קנויל פון מיין בירגער סטאַטוס. איך האָב זיך גענוג אָנגעליטן, ביז איך האָב געקאָנט דערקלערן דער נ. ק. וו. ד. וואָס פאַר אַ באַשעפעניש איך בין...

דער פּוילישער איד, אַ נידעריקער מיט אַן אידל שוואַרץ געזיכט, פּאַניע שטראַם, ווי מען האָט אים גערופן, האָט זיך זייער וויניק אינטערע־סירט צי איך בין אַ רומענישער צי אַן אונגאַרישער. נאָר קוים האָט ער געהאַט אַן אַנונג פון וואַנען איך בין און פאַר וואָס איך געפין זיך אין דער סטאַניסלאַווער טורמע, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט נישט וויניקער פאַרוואונדערונג ווי איך האָב אים געהאַט אָנגעקוקט, ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געוואָלט לויפן צום דייטש.

„איר זייט אַ פּערעביעזטשיק, הייסט עס, המ.״ און מיט אַ בייסיקן און סאַרקאַסטישער שטומע רוימט ער מיר אַריין אַ סוד אין אויער אַריין: „דעמאָלט נעמט און גראָבט זיך אויס באַצייטנס אַ קבר און לייגט זיך אַריין אַ לעבעדיקער!״...

„לויט אייער מיינונג נאָך״, וויל איך זיך כאָטש אַביסל רעכטפאַרטיקן „קומט אויס, אַז אונטער היטלער׳ס ממשלה איז אַ סך בעסער, האַ?״

„איר וועט זען״, ענטפערט מיר שטראַם מיט איין אָטעם, „אַז פון די יעקעס וועלן מיר נאָך שנעלער געהאָלפן ווערן ווי פון „פּאַניע־גנב״. מיט אַנדערע ווערטער: צוליב די דייטשן זיצן מיר אין דער סאָוועטישער טורמע און צוליב זיי וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל באַפרייען!״

„איך קאָן זיך אַזאַ זאַך נישט פאָרשטעלן! יאָ, עס קאָן געשען, אַז

צוליב די דייטשן זאָלן מיר נאָך אַמאָל באַפרייט ווערן ווען זיי זאָלן ווי אַמשנעלסטן האָבן די מפּלה״, אַזוי פּרוביר איך אָפּצואוועגדן דעם פּאַניע שטראַם און איך זאָג אים ווייטער: „דערוויל ווייסן מיר נאָר אַזויפיל, אַז איבעראַל ווי די דייטשן האָבן אַריינגעשטעקט זייערע לאַפּעס, האָבן זיי זיך דאָס ערשטע גענומען צום איד. די פּוילישע אידן זיינען אין אַן אויסער־געוויינלעך קריטישע לאַגע; חוץ דעם וואָס זיי זיינען איזאָלירט פון דער גאַנצער וועלט, שטאַרבן טאָג־טעגלעך טויזנטער פון זיי פון די גרויסע צרות וואָס זיי האָבן אויסצושטיין פון דייטש. וואָס קענען נעבעך די פּוילישע אידן דערוואַרטן פון דייטש? ניין, פּאַניע שטראַם, איך בין אַבסאָלוט נישט מסכים מיט אייערע פאַלשע אילוזיעס און פאַלשע איינרעדענישן!״

שטראַם, זעענדיק אויף ווי ווייט איך בין קעגן זיינע מיינונגען האָט זיך פון מיר אָפּגעלאָזט פאַר אייניקע טעג. איבערהויפּט, אַז איך האָב געהאַט גרויס היץ, האָב איך בכלל נישט געהאַט קיין געדולד צו זיינע אויסטער־לישע אויפפאַסונגען, אַז פון׳ם דייטש וועט קומען די אידישע ישועה... מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו פילן ווי צוויי ווילד־פרעמדע. אָבער אונזער פרעמדקייט האָט נישט אָנגעהאַלטן לאַנג.

שטראַם האָט מיר דערציילט זאַכן, וועלכע האָבן אים אַזוי שטאַרק פאַרביטערט זיין לעבן, אַז איך האָב זיך אויפגעהערט וואונדערן פאַרוואָס ער האַסט אַזוי דעם קאָמוניסטישן רעזשים. אויף מיין פראַגע, צי ער האָט אַ פאַמיליע, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט אַ פרוי און קינדער אויף דער פּוליש דייטשער זייט. וואונדערט עס מיך טאַקע:

„פאַר וואָס זשע זייט איר דאָ און זיי זיינען דאָרטן?״

„טאַקע דערין ליגט די גאַנצע צרה״, פאַרענטפערט ער זיך, „איך בין געווען מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי און איך בין פאַרוואונדעט געוואָרן״. ער ווייזט מיר פאַרהיילטע וואונדן אויף זיין קערפּער. „ווען די סאָוועטן האָבן פאַרכאַפּט פּוילן, בין איך געליגן אין שפּיטאָל אַ שווער קראַנקער. אַזוי אַרום בין איך דאָ פאַרבליבן. ווען איך בין צו זיך געקומען נאָך מיין קראַנקהייט, זיינען אַלע מיינע באַמיאונגען, אַז איך זאָל קענען אויף אַ לעגאַלן אופן אַריבערברענגען מיין ווייב און קינדער אַהער אָדער אַז איך זאָל קענען פאָרן צו זיי, געווען אומזיסט״.

אויפ׳ן מאָמענט האָב איך נישט געקאָנט גענוי פאַרשטיין דעם פּאַניע שטראַם, צי רעדט ער בלויז פון ביטערקייט, צי איז ער סתם נישט איינ־פאַרמירט וואָס עס קומט פאָר אין פּוילן. אַלענפאַלס האָב איך געמוזט

אָנערקענען, אַז ער האָט אַ סיבה צו זיין אומצופרידן.

„און דערמיט וואָלט איר מסכים געווען, חכם מיינער״, פרעגט מיך שטראָם מיט זיין געוויינלעך סאַרקאַסטישן טאָן, „ווען מען וואָלט אייך געווען געזאָגט אינדערהיים, אַז אויב איר וועט אַהער קומען זוכן שוץ פון די פאַשיסטן, וועט מען אייך גאָר כאַפּן און אַרעסטירן? און צו וואָלט איר זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מען וועט אייך באַהאַנדלען מיט אַזוינע דעס־פּאָטישע מיטלען?״

דערויף האָב איך קיין ענטפער נישט געהאַט. דערמיט האָט מיך שטראָם באַזיגט!

נישט געאַכט דערויף, וואָס צווישן אונז איז געווען אַ תהום מיט דיפערענצן וואָס עס איז שייך אונזערע אומשטענדן, הן וואָס עס אַנבאַלאַנגט אונזער הינטערגרונט פון אונזער אַרעסט און הן אין אונזערע אַלגעמיינע אויפפאַסונגען, האָבן מיר פונדעסטוועגן געפונען פיל געמיינזאַמעס צווישן זיך און מיר האָבן זיך אַפילו באַפריינדעט.

ביידע זיינען מיר אין איין און דעם זעלבן אומגליק; ביידע האָבן מיר די זעלבע פּריווילעגיעס; ביידע זיינען מיר אידן און מיר זיינען אידענטישע קרבנות פון נאַציזם און קאָמוניזם! איז וואָס שפּילט עס פאַר אַ ראָליע אַזאַ קלייניקייט, אַז שטראָם מאַכט זיך פאַלשע אילוזיעס?

אינגאַנצן אומגערעכט איז ער אויך נישט! צי האָב איך אַן ענטפער אויף זיין פראַגע, ווען מען זאָגט מיר אין דער היים, אַז קומענדיק אַהער זוכן שוץ פון די פאַשיסטן וועט מען מיך גאָר באַטראַכטן פאַר אַ שווערן פאַרברעכער?!...

מיט אָט דעם פּאַניע שטראָם וועלן מיר זיך נאָך באַגעגענען.

16

ווען מען האָט מיך אויסגעשריבן פון׳ם לאַזאַרעט, האָט מען מיך שוין מער נישט צוריקגעפירט אין דער פריערדיקער צעל אַרייַן אין דער סטאַניסלאַווער טורמע. מען האָט מיך אַריבערגעפירט אין אַ צעל וואו עס זיינען געווען קאָנצענטרירט אַ גרעסערע צאָל פּערעביעזשטשיקעס. כאָטש די באַדינגונגען זיינען דאָ אויך נישט געווען בעסערע איז אָבער דאָך בעסער דערמיט וואָס עס איז דאָ אַביסל היימישער. עס וואָלט מיך נישט געאַרט ווען איך וואָלט נאָכאַלץ קראַנק געווען... די פּאָר טעג וואָס איך

בין געווען אין לאזארעט האָב איך כאָטש געהאַט די געלעגנהייט אויסצו־גלייכן זיך די גלידער. דאָס ערשטע מאָל זייט איך בין אַוועק פון דער היים האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו שלאָפן אין אַ בעט. עס האָט זיך מיר זייער נישט געגלוסט צוריקצוגיין אין דער צעל אין גענדרעגנעניש אַריין.

נאָר אַ געוויסע סאַטיספאַקציע האָב איך כאָטש געהאַט, אַז צוריק־קומענדיק אין דער צעל אַריין, האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט באַקאַנטע.

אַלע מיינע באַקאַנטע האָבן זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט, איבער־הויפּט מיין געליבטער ברודערל, אָסקאַר, אַז ער האָט מיך דערזען האָט אים ממש אָפּגענומען דאָס לשון פאַר פרייד. ער האָט מיך געהאַלזט און געקושט ווי אַ קינד קושט אַן עלטערן ברודער. אין דער דאָזיקער צעל האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט מיינע אַלטע באַקאַנטע ווי איציק בער יונגער, זיינוועלען און דאָדי גאָלדשטיין ווי אויך מיט מיינע בייע באַקאַנטע, מיט וועלכע איך בין געווען צוזאַמען אין דער נאַדווארנער טורמע, מיט הערשעל פּאַלאַק און מיט ברענאַט בערקאָוויטש.

אָסקאַר האָט אויסגעזען זייער שלעכט, ער איז געווען בלאַס און אָפּגעצערט. ער איז אין איילעניש אַוועק פון דערהיים האָט ער דעריבער פאַרגעסן מיטצונעמען מיט זיך העמדער און אונטערוועש. ער האָט קיין איין העמד נישט געהאַט אין רעזערוו! די איינציקע אונטערוועש וואָס ער האָט יאָ געהאַט מיט זיך איז וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך און זיינען געווען שטאַרק שוואַרץ פון ברוד און שמוץ.

איינמאָל אין צען טעג האָט מען אונז געפירט אין באָד אַריין, ביי דער געלעגנהייט פלעגט מען אַלע אונזערע זאַכן דערזינפעקטירן אין אַ „פּרע־זשאַרקע". פונ׳ם אָפּטן זשאַרן די זאַכן פלעגן זיי אַזוי שוואַרץ ווערן, אַז זיי פלעגן אין אַ קורצער צייט אַרום צעקריכן. אַזוי אונזערע העמדער ווי אונזערע אונטערוועש פלעגן מיר קיינמאָל נישט קענען וואַשן. דעריבער, נישט געקוקט אויף די אָפּטע „פּרעזשאַרקעס", פלעגן מיר אַלץ שטאַרק פאַרלייזיקט ווערן. איטלעכן אינדערפרי פלעגן מיר בודק זיין אונזערע זאַכן און מיר פלעגן זיך וויצלען דערביי: „מיר פאַרשן סאָוועטישע קולטור!"...

אַליין האָב איך זיך אויך נישט באַוואָרנט מיט גענוג זאַכן ווען איך בין אַוועק פון דער היים. נאָר זעענדיק ווי אָרעם אָסקאַר איז, בין איך ממש געווען אַן עושר אַקעגן אים! האָב איך זיך טאַקע איינגעטיילט מיט מיין ביסל „עשירות": איך האָב אים אַוועקגעגעבן צוויי האַלב פאַרברענטע,

פון׳ם זשאַרען, העמדער, אַ האַנטעך, צוויי פּאָר זאָקן, צוויי טאַשענטיכלעך און איין פּאָר פלאַנעלענע אונטערוועש:

„נישקשה״, זאָג איך צו אים גאַנץ ערנסט, „נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז אונז געגנוג היים אַציגנד אין דער צעל, אַז מיר „פראַזשען״ זיך אַזש פון דער היץ, וועלן דיר פונדעסטוועגן די וואַרעמע פלאַנעלענע וועש צוניץ קומען! מיר זיינען נישט זיכער צי מען וועט אונז נישט אָוועקשיקען קיין סיביר״...

דער הונגער האָט אונז שטאַרק געפּייניקט. אונזער הויפּט נאַרונג איז געווען די זכציג „דעקאָ״ ברויט וואָס מיר האָבן געקראָגן יעדן טאָג. טיימאָל גיט מען אונז דאָס ברויט אינדערפרי און טיילמאָל ערשט דעם אַנדערן טאָג פאַרנאַכט. קוים האָבן מיר באַקומען דאָס שטיקל ברויט האָבן מיר עס איינגעשלונגען מיט איינמאָל, פונקט ווי אַ בעל־קריאה שלונגט איין אין דער מגילה, אין איין אָטעם, די עשרת בני המן. חוץ דעם וואָס מיר זיינען געווען פאַרהונגערט און מיר האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן איינצוטיילן די זעכציק „דעקאָ״ ברויט אויף צוויי מאָל, אָדער דריי מאָל אַ טאָג, האָבן מיר אויך מורא מען זאָל פון אונז נישט אָוועקגנבענען דאָס אָרעמע שטיקל ברויט. דעריבער איז אונז טיילמאָל אויסגעקומען צו וואַרטן פון אינדערפרי ביז צום צווייטן טאָג פאַרנאַכט, ביז מיר וועלן קענען נאָכאַמאָל פאַרזוכן דעם טעם פון אַ שטיקל ברויט.

אַזוי קאָן זיך אַויסדאַכטן, אַז זעכציק „דעקאָ״ ברויט איז נישט ווייניק. אָבער אַז מען קריגט נאָר, טאָג־איין און טאָג־אויס, בלויז צוויי וואַסערדיקע זופּן אָן פעטס און די הויפּט שפּייז איז בלויז די זעכציק „דעקאָ״ ברויט, דעמאָלט איז עס זייער ווייניק!

נישט געקוקט אויף מיין הונגער „פּאיאַק״, פלעג איך פונדעסטוועגן יעדן טאָג אָפּשפּאָרן עטלעכע ביסן פון׳ם מויל פאַר אָסקאַר׳ן, מיט׳ן אויס־רייד דאָס איך האָב מאָגן קרעמפּן. אינגאַנצן קיין ליגן איז עס נישט געווען, נאָר דער הונגער איז געווען פיל שטאַרקער פון די קרעמפּן.

נאָר ער וואָלט געגעסן, אָסקאַר. זיין הויפּט טעמע איז באַשטאַנען פון עסן און עסן! אפילו ווען איך זאָל אים האָבן אָוועקגעגעבן מיין גאַנצן „פּאיאַק״ וואָלט ער אַלץ געבליבן הונגעריק. ער איז צוגעוואַקסן אין די לעצטע צוויי חדשים, איז ער דעריבער שטאַרק אָפּגעצערט געוואָרן.

דער עולם אין געפענגעניש איז געווען זייער שטאַרק דענערווירט. מען האָט געקאָנט אָפּט הערן ווי איינער בורטשעט זיך אונטער:

„נישט מיר האָבן גענוג לופט; נישט מיר האָבן גענוג קאַלאָריעס און וויטאַמינען; — איז עס נישט אויסגעשלאָסן דאָס מיר זאָלן צוגרונט גיין אַזוי פיזיש ווי גייסטיק!“

צום מערסטנס איז קענטיק געווען די אָפּגעשוואַכטקייט אויפ׳ן גרויס־וואַרדיינער, אויף בערנאַט בערקאָוויטש׳ן, וועלכער איז געלאָפן קיין סאָוועט רוסלאַנד מיט זיין פרוי און קינד. ער ערגערט זיך מער ווי איטלעכער און ער איז מער פאַרצווייפלט ווי איטלעכער אין דער צעל. ער איז מען ווי באַזאָרגט ווייל ער האַלט אין איין טראַכטן וועגן זיין פרוי און קינד. בערנאַט בערקאָוויטש איז אַ ריז. ער איז דער העכסטער און ברייטביינערדיקסטער אין דער צעל. עס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אים צו זיין אַ שווערגעוויכטיקער טשעמפּיאָן. איז אַזאַ ריזן־פיגור ווי בערקאָוויטש האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיט אַ פּאַיאַק ווי יעדער דורכשניטלעכער אַרעסטאַנט!

אפילו פאַר אַ זיינוועלע און אַן אָסקאַר, וועלכע זיינען אַ העלפט אין געוויכט ווי בערקאָוויטש, איז דאָס עסן קוים גענוג צו דערהאַלטן זיי ביים לעבן. פאַר בערנאַט בערקאָוויטש אָבער איז די טורמע־פּאַרציע געווען סיי אין כמות און סיי אין איכות, אַזוי קוואַנטיטאַטיוו ווי קוואַליטאַטיוו, צו ווייניק. ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ גרויסער עסער. ער האָט זיך אפילו באַרימט, דאָס אַ ברייטל מיט אַ פערטל פונט פּוטער און אַ ליטער מילך אויף אַ פרישטיק, איז ביי אים געווען אַ טאָג־טעגלעכע זאַך.

„דאָ“, טענה׳ט ער, „מוז איך זיך לאָזן באַגנוגענען מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט איינמאָל אין טאָג און דאָס אויך נישט אַלעמאָל אין דער צייט!“

די אידן וועלכע זיינען אַרויס פון מצרים, האָבן אָנגערופן זייער ברויט, די מצות, „לחם־עוני“ — אָרים ברויט, בלויז דערפאַר, ווייל זייער ברויט איז נישט געווען גענוג אויסגעבאַקן. מיר, אין טורמע, האָבן אוודאי געמעגט אָנרופן אונזער ברויט „לחם־עוני!“

נישט נאָר איז אונזער ברויט נישט געווען גענוג אויסגעבאַקן, נאָר אויך דעם דאָזיקן האַלב רויען ברויט, האָבן מיר קיינמאָל נישט געהאַט גענוג צו דער זאַט. אינ׳ם ברויט ווי אינ׳ם געקעכטס איז אַריינגעקומען די קללה פון דער תוכחה: „דו וועסט עסן און נישט זאַט ווערן!“ חוץ אַלעם האָבן מיר אַלס צוגאָב געהאַט מאָגן קרעמפּן.

בערקאָוויץ האָט זייער פיל פאַרלוירן פון זיין וואָג. אויף זיינע ברייטע גלידער הענגען אים נאָך שטיקער פלייש. ער זעט אויס מער אָנגעשוואָלן ווי פעט. ער האָט זיך היפּש געעלטערט אין דעם קורצן שטיקל צייט.

מען קען זען אויף אים דאָס ער צאַנקט ווי אַ ליכט.

איך האָב געהאַט גרויס מיטלייד מיט בערקאָוויטש׳ן, איך האָב אין אים געזען אַ פאַרקערפּערונג פון מיין אייגענעם גורל. ער טענה׳ט זיך אַלץ אויס מיט מיר און ער רעדט זיך אָראָפּ פונ׳ם האַרץ:

„דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיין גורל אינטערעסירט מיך ווייניק וואָס. איך בין אָבער נישט אומשטאַנד צו פאַרגעסן פאַר איין מינוט מיין הייס־געליבטע פרוי און מיין טייער זונדעלע. אַזאַ וואויל קינד! יאָ, ווי איך זע, האָב איך מיין „שלאַכט" פאַרלוירן!"...

„אפשר", ראַט איך אים, „וואָלטן מיר זיך פּרובירט ווענדן צום דעזשורנע (צום זעלנער וועלכער שטייט אויף דער וואַך, אין דורכגאַנג, פון יענער זייט טיר) דאָס ער זאָל זיך באַמיען פאַר אייך ביים נאַטשאַלניק, אַז ער זאָל אייך געבן אַ דערלויבעניש צו זען זיך מיט אייער פרוי און קינד.

„איך גלויב קוים", ענטפערט ער מיר אָפּ, „דאָס מיר זאָלן קענען עפּעס אויפטאָן מיט אַזוינע ביטעס. אויסער דעם, מיר קענען דאָך קיין וואָרט רוסיש, איז ווי אַזוי וועלן מיר זיך עס קענען פאַרשטיין מיט׳ן זעלנער? אונזער מי איז סיי ווי אומזיסט!"

„אפשר וואָלטן מיר פּרובירט זיך דורכצוריידן מיט הערשעל פּאָלאַק?" לאָז איך אים נישט אָפּ. „הערשעל איז אַ כוסטער, אַ קאַרפּאַטישער, און די קאַרפּאַטישע רעדן אַ גוטן אוקראַיניש. אויב הערשעל זאָל פּרובירן זיך ווענדן צום דעזשורנע וועגן אַ „סווידאַניע" (זעאונג) מיט זיין לאַה׳קען, וועלן מיר איניאַנוועגס קענען דערפאַרן צי עס לוינט זיך אונז צו מאַכן אילוזיעס דערפון. וועלן מיר אַליין אויך וויסן ווי מיר האַלטן אין דער איינגעלעגנהייט.

„איר האָט רעכט!" בערקאָוויץ קלאַפּט מיך אָן אויפגעמונטערט איבער דער פּלייצע און אַ פונק פון האָפענונג האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגן „לאָמיר זיך טאַקע דורכרעדן מיט הערשעל פּאָלאַק, עס איז אַ גוטער געניאַלער פּלאַן!"...

הערשעל פּאָלאַק איז פּונקט דער היפּוך פון בערקאָוויטש׳ן נישט נאָר אין זיין אויסזען נאָר אויך אין אַנדערע אָנגעלעגנהייטן. אויב בערנאַט בערקאָוויטש׳ס הויפּט שפּראַך איז מאַדיאַריש און אַזוי ער ווי זיין פרוי קענען כמעט נישט קיין אַנדער שפּראַך, רעדט שוין דערפאַר הערשעל פּאָלאַק פאַרשידענע לשונות. הערשעל איז אַ שלאַנקער, בלאָנדער בחור

פון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק. הערשעל׳ס צוויי גרויסע פאַר׳חלומ׳טע אויגן פינטלען זייער אָפט. איבערהויפּט פינטלען זיי, די אויגן זיינע, ווען זיינע פאַנטאַזיעס און אילוזיעס פאַרפירן אים ערגעצוואו ווייט אַוועק. דעמאָלט פינטלען זיי אָן אויפהער.

עס איז קענטיק אין הערשלען, אַז אין זיין פּריוואַטן לעבן איז ער אַלעמאָל געווען אַ שטילער און אַ געלאַסענער יונגערמאַן, וואָס האָט קיין פליג אויף דער וואַנט קיינמאָל נישט אָנגערירט. צו קאָמוניזם האָט ער זיכער קיינמאָל קיין שייכות נישט געהאַט! איז עס טאַקע אַ וואונדער וואָס אַזאַ שטילער און איידעלער יונגערמאַן ווי ער איז, האָט זיך אַנטשלאָסן פאַר אַזאַ אַוואַנטורע; אַוועקצונעמען אַזאַ יונג קינד ווי לאה׳קע איז, פון אירע עלטערן, און אינמיטן העלן טאָג פאַרשוואונדן צו ווערן אויף יענער זייט סמבטיון!

עס איז ריכטיק, אַז הערשל אונטערשייד זיך פון די איבעריקע אַרעסטאַנטן מיט זיין סאָלידקייט און נאַאיווקייט אָבער ער איז נישט דער איינציקער וועלכער האָט זיך אויסגעקליבן דעם דאָזיקן געפערליכן וועג; אויך איז ער נישט דער איינציקער וועלכער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פונ׳ם שר פון ליבע, און אין דער הייסער מינוט, האָט ער זיך געלאָזט אויף אַזאַ אויסטערלישן וועג. איבערהויפּט איז ער נישט דער איין־און־איינציקער וועלכער האָט זיך דערזען אין אַ גיהנום אָנשטאָט אין אַ גן־עדן! ניין, ער איז נישט די איינציקע פאַרוואָגלטע נשמה; אויך בערקאָוויטש, און טאַקע איך אַליין, ווי פיל אַנדערע ווי מיר, זיינען אין דער זעלבער לאַגע!

הערשל האָט אונז, מיך און בערקאָוויטש׳ן אויסגעהערט מיט פיל אויפמערקזאַמקייט. ער שלינגט יעדעס וואָרט וואָס מיר זאָגן אים:

„צי איך בין איינפאַרשטאַנדן מיט איך?" הערשל איז שטאַרק באַגייס־טערט פון אונזער פּלאַן און ער האָט אונז נישט געלאָזט פאַרענדיקן וואָס מיר ווילן זאָגן ווייל ער האָט פון בלויז געציילטע ווערטער פאַרשטאַנען וואוהין מיר צילן, „איך אַליין האָב שוין נישט איינמאָל געטראַכט דערפון", זאָגט ער, „איך האָב שוין עטלעכע מאָל געקלערט, אַז איך זאָל זיך נישט באַראַטן מיט קיינעם און ביי קיינעם נישט פרעגן קיין שאלות און איך זאָל צוגיין צום דערזשורנע און אים בעטן ער זאָל זאָגן דעם נאַטשאַלניק אין מיין נאָמען וועגן אַ דערלויבעניש צו זען זיך מיט מיין כלה!"...

„פאַרוואָס איך האָב עס נישט געטאָן ביז איצט?" הערשל רעדט אַלץ מיט מער און מער עקסטאַז און זיינע אויגן הערן נישט אויף צו פינטלען

„איך בין געווען איבערצייגט, אַז מיין מי איז אומזיסט, און איך וועל נאָכ־דערצו פון זיך אַליין האָבן חוזק געמאַכט. איך האָב אַלעמאָל געטראַכט, אַז עס זיינען פאַראַן אַזויפיל טויזנטער אַרעסטאַנטן אין דער סטאַניסלאַווער טורמע, איז פונקט מיט מיר וועט זיך דער נאַטשאַלניק רעכענען?! איך בין אַלעמאָל געווען זיכער, אַז דער נאַטשאַלניק וועט אונז נאָר אויסלאַכן. אָבער אַזוי ווי איך זע, אַז אויך איר דענקט, אַז אפשר וועלן מיר קענען עפּעס אויפטאָן, וועל איך נאָך היינט טאַקע פּרובירן מאַכן דעם ערשטן שריט".

ווען דער דעזשורנע האָט געעפנט די טיר און ער איז אַריינגעקומען אין דער צעל אַריין, צו מאַכן די „פּראווערקא" (ציילונג) איז הערשל פּאָלאַק אַרויסגעטרעטן פון דער ריי און ער האָט מיט אַן אונטערטעניקדיקן טאָן געבעטן דעם דעזשורנע, אַז ער זאָל אים דערלויבן צו ווענדן זיך צו אים מיט אַ ביטע.

דער דעזשורנע איז ווי אַלעמאָל געווען אַנגעכמורעט און בייז. ער, דער דעזשורנע, וואָרט שוין קוים, אַז ער זאָל זיך ווי שנעלער אָפּ׳פּטר׳ן פון זיין פליכט פאַר וועלכער ער איז פאַראַנטוואָרטלעך; ער פילט זיך טאַקע אין אַ דערהויבענער פּאָזיציע, אַז די סאָוועטישע מאַכט האָט צו אים צוטרוי און אים אָנפאַרטרויט צו האָבן די קאָמאַנדע איבער טויזנטער אַרעס־טאַנטן אין די צעלן, אָבער ער וויל וואָס שנעלער פאַרהאַקן די טיר פון יענער זייט צעל און אָפּאָטעמען אַביסל פרייער פון דער פאַרשטונקענער לופט. דעריבער ענטפערט ער הערשל׳ן אין איין אָטעם:

„רעד וואָס שנעלער, מאַך עס קורץ, ווייל איך האָב נישט קיין צייט!"

„טאָווארישטש דעזשורנע", הערשל האָט קוים צייט געהאַט אַנצופאַנגען זיין ביטע און קוים האָט ער צייט געהאַט אַרויסצוזאָגן אָט די צוויי אומ־שולדיקע ווערטער, אַזוי האָט אים דער דעזשורנע באַלד איבערגעהאַקט און ער האָט זיך צעשריגען, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, ער גייט שוין אויפ׳ן אָרט קריגן די ניכפּה:

„קאקוי יא טעבע טאָוואַרישטש?!" (וואָס פאַר אַ חבר בין איך עס פאַר דיר?!), דיין חבר געפינט זיך אין בריאַנסקער וואַלד! (אַ רוסישער זאָג אַזאַ) פאַר דיר ווי פאַר אייך אַלע דאָ, בין אַ „גראַזשדאַנין" (בירגער), האָסטו פאַרשטאַנען?! אַ גראַזשדאַנין!! (אַ רוסישער אַרעסטאַנט טאָר נישט רופן קיין פרייען סאָוועטישן בירגער „טאָוואַרישטש" וואָס האָט די טייטש: „כאַווער", נאָר ער מוז אים רופן בירגער, גראַזשדאַנין!).

וויפל הערשל פּאָלאַק האָט זיך נישט באַמיט צו איבערצייגן דעם

דעזשורנע דאָס ער, הערשל, איז גענצלעך אומשולדיק, נישט געאַכט דערויף וואָס ער זיצט אין טורמע צוזאַמען מיט פאַרשידענע פאַרברעכער, אונטער די זעלבע באַדינגונגען ווי זיי, האָט עס דעם דעזשורנע גאָרנישט איבער־ציגט.

דער דעזשורנע האָט נישט געלאָזט הערשל׳ן ענדיקן זיין ביטע און ער איז שנעל געלאָפן צו דער טיר וועלנדיק שוין ענדלעך פאַרהאַקן די טיר אַהינטער זיך ווייל די לופט אין דער צעל שטיקט אים אַזוי אַז ער האַלט אין איין הוסטן. ווען ער איז שוין געווען פון יענער זייט טיר, רוקט ער אַריין זיין מאָרדע אין אַ שטיקל אָפענער טיר און ער מורמלט אַרויס:

„יא ניטשעווא ניע זניאו, כאראשע לודיע וו׳טורמע ניע ביווייעט!"

(איך וויל גאָרנישט וויסן, קיין לייטישע מענטשן זיצן נישט אין תפיסה!...)

דער דעזשורנע האָט נאָכדעם שנעל פאַרהאַקט די טיר און ער דרייט שוין מיט די שליסלען אינ׳ם שלאָס. הערשל האָט אָבער פאַרלוירן זיין געוויינלעכע רואיקייט; ער ווערט מיטאַמאָל שטאַרק עקשנות׳דיק און צודרינגלעך. ער קלאַפּט אין דער טיר און ער שרייט:

„גראזשדאנין דעזשורנע!"

הערשל האָט נעבעך געמיינט אַז מיט זיין שרייען און קלאַפּן וועט ער דעם דעזשורנעס האַרץ ווייכער מאַכן און ער וועט זיינס דערגרייכן... דער דעזשורנע האָט ענדלעך געעפנט דאָס קליינע טירעלע פון דער גרוי־סער טיר, און ער באַוויזט זיין געזונטע מאָרדע אינ׳ם טירעלע:

„טשעווא טעבע נאדא?" (וואָס ווילסטו?!).

„נו, זאָל שוין זיין ווי דו ווילסט „גראזשדאנין דעזשורנע", איך וועל דיך שוין אַלעמאָל נאָר רופן מיט דעם נאָמען!" הערשל איז אויפסניי געוואָרן שטאַרק אונטערטעניק „איך וואָלט דיר זייער געבעטן, אַז דו זאָלסט לאָזן וויסן דעם נאַטשאַלניק פון דער טורמע, אַז איך האָב צו אים אַ ביטע".

„דעם נא — טשאל — ניק טור־מע?!" דער דעזשורנע איז האַלב סאַרקאַסטיש און האַלב פאַרוואונדערט, „וואָס פאַר אַ ביטע קאָנסטו עס אַזוינס האָבן צום נאַטשאַלניק?! אויב דו ביסט מיט וואָס עס איז נישט צופרידן, קאָנסטו עס מיר זאָגן!"

דערויף האָט אים הערשל געענטפערט מיט אַ האַלב וויינענדיקן טאָן פון וועלכן אפילו אַ שטיין וואָלט געקאָנט גערירט ווערן:

„אַזוי ווי איך האָב נישט קיין פּאַפּיר און פעדער צו שרייבן אַ „זאיאַוולעניע" (אַ מעלדונג), וואָלט איך אים געבעטן מינדלעך, אַז ער, דער

באַטשאַלניק, זאָל מיר דערלויבן צו האָבן אַ „סווערדאַניע״ מיט מיין כלה, וועלכע זיצט אויך, אַן אומשולדיקע, טאַקע אין דער זעלבען טורמע״...

„כאַראַשאָ!״ (גוט), האָט דער דעזשורנע פון יוצא וועגן אים קורץ אָפּגעענטפערט און ער האָט שנעל פאַרהאַקט דאָס קליינע טירעלע.

קוים האָט זיך הערשל געגומען צו עפּעס האָט מען אים שוין מערער נישט געקאַנט צוריקהאַלטן; ער האָט זיך אַזוי שנעל נישט באַרואיקט, ער האָט זיינס, צי גוט צי שלעכט, געמוזט אויספירן! אַז ער האָט זיך איינמאָל אַריינגענומען אַ מאַנקאַליע אין קאָפּ אַריין האָט ער זיך דערפון שוין מער נישט אָפּגעלאָזט.

ער האָט שוין איינמאָל אין זיין לעבן אָפּגעטאָן אַ זאַך, דאָס וואָס ער איז אַנטלאָפן מיט לאה'קען פון דער היים, און ער באַצאָלט דערפאַר אַ טייערע פרייז, — דאָס האָט אים נאָכאַלץ נישט אָנגעלערנט אַז נישט אַלע־מאָל לוינט זיך אַ „געוואַלד־זאַך״.

אויך איצט, אַז ער האָט זיך אויפסניי אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז ער מוז זיך זען מיט'ן באַטשאַלניק פון דער טורמע, כדי ער זאָל ביי אים פועל'ן אַ „סווערדאַניע״ מיט זיין לאה'קען, וועט ער ווידער נישט רוען ביז ער וועט זיינס נישט אויספירן!...

מיר, איך און בערקאָוויטש, האָבן שוין געזען אַז זיין מי איז אומזיסט; מיר האָבן שוין פּרובירט ווירקן אויף אים אַז ער זאָל עס אָפּלאָזן, נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט! הערשל וויל נישט פאַרלירן זיין קוראַזש, קוים האָט ער עפּעס אָנגעהויבן מוז ער עס ענדיקן ביז צום סוף! זאָל געשען וואָס עס האָט צו געשען, פון דער טורמע וועט מען אים שוין סיי ווי נישט אַרויסוואַרפן!...

יעדן טאָג נאָך דער „פּראַוויערקע״ טאָג־איין, טאָג־אויס, קלאַפּט הערשל אין דער טיר. דער דעזשורני וויל אים שוין מער נישט אויסהערן, ער פאַרהאַקט די טיר פון יענער זייט און עס איז „אין קול ואין עונה״, קיינער רופט זיך נישט אָפּ און קיינער ענטפערט אים נישט. דער דעזשורנע ווייסט שוין ווער עס קלאַפּט און וואָס יענער וויל. זאָל ער קלאַפּן!

איינמאָל, ווען עס האָט זיך געביטן די געוויינלעכע וואַך און דעם נייעם דעזשורנע איז שטאַרק אויפפאַלנד געווען וואָס איינער קלאַפּט עס אָן אויפהער, האָט דער נייער דעזשורנע געעפענט דאָס קליינע טירעלע און ער האָט אויפגערעגטערהייט אויסגעשריען:

„ווער וואַגט עס צו קלאַפּן אין דער טיר אָן אויפהער?!״

„איך האָב נאָך מיט איניקע טעג צוריק פאַרלאַנגט דעם נאַטשאַלניק״. ענטפערט הערשל אַ דרייסטער, „און ביז אַצינד האָב איך נאָכנישט דער־האַלטן קיין ענטפער פון אים!״

„אויב דער נאַטשאַלניק וועט זיך דאַרפן יאָוועז וועט ער קומען אַן דיין קלאַפּן!״ אַזוי האָט אים דער דעזשורנע שטרענג אָפּגעענטפערט און ער האָט האַסטיק פאַרהאַקט דאָס טירעלע.

הערשל אָבער קלאַפּט ווייטער. עס גייט צוטיילמאָל פאַריבער אַ היפּשע ווײלע ביז מען ענטפערט אים אויף זיין קלאַפּן און אַז דער דעזשורנע קומט שוין יאָ צו און ער עפענט פון יוצא וועגן דאָס טירעלע, איז פריש דער זעלבער פּזמון, וואָרט ביי וואָרט, אַזוי די ביטע און אַזוי דער ענטפער.

הערשל האָט אַזוי לאַנג געקלאַפּט ביז ער האָט זיך ענדלעך דאָך דערקלאַפּט. דער נאַטשאַלניק פון דער טורמע איז טאַקע געקומען צוליב אים. נאָר אַנשטאָט דער נאַטשאַלניק זאָל דערלויבן הערשל׳ן צו האָבן אַ „סוועדאַניע״ מיט זיין אויסדערוויילטער האָט אים גאָר דער נאַטשאַלניק באַשטראָפט, מיט דריי טעג קארצער, פאַר׳ן ברעכן די דיסציפּלין אין דער טורמע און פאַר׳ן שטערן די רו פון די איבעריקע אַרעסטאַנטן.

מיר און בערקאָוויטש׳ן האָט שוין זייער שטאַרק לייד געטאָן, פאַר וואָס מיר האָבן עס אינספּירירט הערשלען צו אַזאַ טאַט. מיר האָבן זיך געמאַכט פאַרוואורפן פאַרוואָס מיר האָבן נישט צוריקגעהאַלטן הערשלען מיט אַלע אונזערע כוחות, ווען מיר האָבן שוין באַמערקט, אַז ער וועט מיט זיין צודריגלעכקייט און מיט זיין עקשנות סיי־ווי גאַרנישט דערגרייכן:

„ער איז נעבעך אַן אומשולדיקער מאַרטירער צוליב אונזער לייכט־זיניגקייט!״...

מיר האָבן שוין קוים דערוואַרט זיך, אַז הערשל זאָל זיין צוריק אין דער צעל. דעם דריטן טאָג, ווען הערשל איז שוין ענדלעך צוריקגעקומען פונ׳ם קארצער, איז אים ממש נישט געווען צו דערקענען; ער איז געווען נישט טויט און נישט לעבעדיק; עס האָבן אין אים געציטערט אַלע זיינע אברים; דריי טעג איז ער עס געווען פאַרשפּאַרט אין אַ קאַלטער בודקע, ערגעצוואו אין אַ קעלער; ער איז געליגן אויפ׳ן צעמענטענעם דיל אַן אַ צודעק און ער האָט געקראָגן אַ „שטראַפנוי־פּאיאָק״ (אַ שטראָף פּאַרציע). דרייסיק דעקאַ ברויט אַ טאָג אַן זופּ און אַן וואַסער אפילו.

ווי נאָר הערשל האָט זיך אויפסניי באַוויזן אין דער צעל בין איך און בערקאָוויטש צוגעגאַנגען צו אים און מיר האָבן פון אים געבעטן אַנט־

שולדיקנוג, דערפֿאַר וואָס מיר האָבן אים לכתחילה צוגערעדט צו אַז שריט וועלכער איז געווען דער רעזולטאַט פֿון זיינע אומזיסטיקע ליידן... נאָר הערשל האָט אונז נישט געלאָזט פֿאַרענדיקן און ער האָט אונז מיט אַ ליידנשאַפֿטליכן טאָן געזאָגט אָט וואָס:

„איך האָב עס סיי ווי געמוזט טאָן כדי איך זאָל זיין איבערצייגט וואו איך האַלט אין דער וועלט! אַזוי אַרום וועל איך זיך נישט קענען מאַכן קיין פֿאָרוואורפֿן, אַז איך האָב נישט אָנגעווענדעט אַלע מעגלעכקייטן, כדי איך זאָל קענען געוואָר ווערן וואָס מיין לאַה׳קע טוט. גאָרנישט נישט אין דער וועלט וואָלט מיר געווען צו טייער אָדער צו שווער אָנצוואווענדן ווען עס האַנדעלט זיך וועגן איר!"...

קוים האָט ער געענדיקט רעדן, האָט ער זיך צוזאַמענגענוידערט און צוזאַמענגעקאַרטשעט אויף זיין ביגטל שמאַטעס איינגראָבענדיק זיין פּנים אין זיי, האָט ער זיך צעכליפּעט ווי אַ קליין קינד. מיר האָבן אַלע מיטגעפֿילט מיט אים און עס האָט זיך אונז אויך געגלוסט צו טאָן דאָס זעלבע...

„נו, אַצינד", זאָגט משה דער רויטער מיט זיין געוויינלעכער אָראַ־טאָרישער שטימע, „דאַרפֿן מיר שוין גאָרנישט צווייפֿלען, אַז מיר זיינען הונדערט פּראָצענטיקע אַרעסטאַנטן!"...

„אויב נישט נאָך ערגער!"...

די לעצטע באַמערקונג איז געקומען פֿון מיין גוטן פֿריינט, דעם משכיל, איציק בער יונגער מיר האָבן אים אַלע באַוואונדערט: „אין אַ מאָמענט, ווען יעדער פֿילט ווי צו וויינען, האָט ער זיין משכיל׳ישן הומאָר נישט פֿאַרלוירן!"...

17

אין דער סטאַניסלאַווער טורמע האָט מען נאָכאַמאָל אויפֿגענומען דעם פּראָטאָקאָל פֿון איטלעכן באַזונדער. אַ זעלנער האָט מיך אַרויסגערופֿן פֿון דער צעל און ער האָט מיר דאָס ערשטע קאָמאַנדעוועט: „רוקי נאַזאַד!" איך האָב שוין גאַנץ גוט געוואוסט דעם באַדייט פֿון די דאָזיקע צוויי ווערטער, וועלכע זיינען אייגנטלעך דער „אלף־בית" פֿון אַרעסטאַנטישן לעבן אין רוסלאַנד, און איך האָב אים געפֿאָלגט...

דער זעלנער האָט מיך געפֿירט דורך טיר און טויער, פֿון איין קאָרידאָר אין צווייטן, פֿון איין פּעסטונג אין אַ צווייטער. איך גיי פֿאָראויס און דער זעלנער נאָך מיר. ער קאָמאַנדעוועט: „רעכטס, לינקס, דריי זיך אויס צו דער וואַנט!"

צו דער וואַנט אויסדרייען זיך האָט ער קאָמאַנדעוועט, ווייל ער האָט געהערט טריט. טריט זיינען אַ סימן, אַז עמיצער קומט מיר אַקעגן. עס קאָן זיין אַז אַ צווייטער אַרעסטאַנט וועט מיך באַגעגענען און לויט די תפיסה רעגולאַציעס טאָרן זיך נישט באַגעגענען אַרעסטאַנטן אויסער אין זייער אייגענער צעל.

אַ צווייט מאָל האָב איך באַמערקט ווי אַ זעלבער פאַרשטעלט אַן אַרעס־טאַנט וועלכער איז געווען אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

נאָכדעם ווי מען האָט מיך אָפּגעזונדערט אין אַ קאַרצער, אַ קעמערל אַזאַ, די גרויס ווי אַ טעלעפאָן בודקע, האָט מען מיך ענדלעך געפירט צום סלעדאוואַטעל. אין דער בודקע האָט מען מיך דערפאַר געהאַלטן כדי איך זאָל זיך נישט קענען באַגעגענען מיט קיינעם, ביז דער סלעדאוואַטעל וועט מיך קענען אויפנעמען.

דער סלעדאוואַטעל, אַ שוואַרץ און דאַר מענטשל, האָט אויסגעזען צו זיין אַ קאַווקאַזער לויט זיין אַקצענט, אָבער אין זיין פיזיאָנאָמיע האָב איך דערקאָנט, אַז ער איז אַ איד. פאַר אים, אויפ׳ן פלאַך פון טיש, איז געלעגן אַ שפיגל, וועלכער איז געווען אַזוי אַוועקגעלייגט, אַז ער זאָל קענען באַאָבאַכטן אַלע מיינע באַוועגונגען אָן דעם, אַז ער זאָל מיר דאַרפן קוקן אין פנים אַריין. דער סלעדאוואַטעל ווענדט זיך צו מיר אין אַ צע׳הרג׳עטן אידיש:

„דאָ טאָסט אַנ־ער־קע־נען דאָס דאָ רי־בער געט־טרע־טן אָסט דעם כראַניץ?” אויף פּראָסט מאַמע־לשון וואָלט ער געדאַרפט הייסן: „דו טוסט אָנערקענען, אַז דו האָסט אַריבערגעטרעטן די גרעניץ?”.

איך האָב שווער פאַרשטאַנען אַזאַ אידיש. ער פרעגט מיך איבער נאָכ־אַמאָל וואָרט ביי וואָרט דאָס זעלבע. ענדלעך האָב איך זיך אָנגעשטויסן וואָס ער מיינט. קוים האָט ער געזען אַז איך בין „מבין” און איך בין זיך מודה אַז איך האָב טאַקע „רי־בער געט־טרע־טן דעם כראַניץ”, האָט ער מיט סאַטיספאַקציע, ווי גלייך ער וואָלט מיר געגעבן אַ קאָמפּלימענט פאַר מיין מודה זיין זיך, זיך אָנגערופן:

„גוט! — דיינע עלטערן מיט וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט?”

„מיינע עלטערן האָבן זיך לעצטנס מיט גאָרנישט באַשעפטיקט! צוליב די מאַדיאַרן האָבן זיי פאַרלוירן זייער עקזיסטענץ”...

איך האָב אים געוואָלט דערציילן, אַז די מאַדיאַרן האָבן צוגענומען דעם ליסענץ ביי מיינע עלטערן און צוליב דעם האָבן זיי אויטאָמאַטיש

פאַרלאָרן איטלעכע קוואַל פון פרנסה, נאָר דאָס האָט אים ווייניק אינטערעסירט, ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט, דאָס איך זאָל אים נאָר ענטפערן אויף די פראַגן וועלכע ער וועט מיך פרעגן.

„פאַר וואָס ביסטו געקומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד?" פרעגט ער מיך ווייטער און ער קוקט מיך אָן מיט אַ פאַרשענדיקן בליק אין וועלכן איך האָב געקאָנט אַרויסלייענען די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער פראַגע ביים „דאפראס" (פאַרהער).

„צוליב צוויי אורזאַכן", האָב איך אים געענטפערט ווי גלייך איך וואָלט שוין פון פאַראויס געוואוסט אַז מען וועט מיך פרעגן די פראַגע און וואָס איך זאָל דערויף ענטפערן „ערשטנס, ווייל איך האָב נישט געוואָלט זיין קיין אקטיווער מיטאַרבעטער אין דער פאַשיסטישער אַרמיי! צווייטנס, עס האָט מיך געדראָעט אַ געפאַר אַרעסטירט צו ווערן, ווייל איך האָב זיך אָקעגנגעשטעלט די פאַשיסטישע האָרדעס און זייערע כוליגאַנסקע שטיק"...

„וואָס קלערסטו דאָ צו טאָן?"

„אַרבעטן ביי סיי וועלכער אַרבעט!"

„ברידער און שוועסטער האָסטו?"

איך האָב אים אויסגערעכנט פינקטלעך וויפל ברידער און וויפל שוועסטער איך האָב, זייער עלטער און וואו זיי וואוינען. ווען איך האָב אים דערציילט דעם אמת, אַז אויך אין אַמעריקע האָב איך צוויי ברודער און צוויי שוועסטער האָט ער אַ ברום געטאָן: „המ!"...

„צו וועלכער פאַרטיי האָסטו געהערט?"

„לעצטנס האָב איך נישט געהערט אין קיין שום פאַרטיי, ווייל אַלע פאַרטייען, חוץ דער פאַשיסטישער פאַרטיי, זענען פאַרבאָטן אין אונגאַרן. פריער האָב איך געהערט צו דער ציוניסטישער פאַרטיי"...

ביי דעם דאָזיקן פונקט האָט זיך דער סלעדאָוואַטעל אָפּגעשטעלט און ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט איינצלהייטן: ווער עס איז געווען דער פירער פון דער ציוניסטישער פאַרטיי אין סיגעט; צי קען איך נאָך עמיצן דאָ אין דער טורמע וואָס האָט אויך געהערט אין דער זעלבער פאַרטיי ווי איך. אויף די אַלע פראַגן זיינע האָב איך אים געענטפערט מיט אַ קורצן ניין!

„דיין לעצטער וואונטש?"

„מיין לעצטער וואונטש וואָלט געווען, האָב איך אים געענטפערט מיט אַ תחנונים'דיקע שטימע, „אַז מיין כלה מיט איר אינגערן ברודערל זאָלן זיין מיט מיר צוזאַמען. מיר האָבן קיינעם נישט אין סאָוועטנפאַרבאַנד

דעריבער וואָלט איך זייער געוואָלט, און איך וואָלט אייך פערזענלעך זייער געבעטן, אַז איר זאָלט זיך משתדל זיין מען זאָל אונז צוזאַמען פאַר־טיילן צו אַן אַרבעט".

ביי דער געלעגנהייט נעמט ער אַרויס אַ בילד פון מיין כלה, פון ב.'ן און ער פרעגט מיך, צי זי איז עס די יעניקע, וועמען איך האָב עס אינזינען. איך האָב צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

„צי האָסטו עפּעס אַ באַמערקונג צו מאַכן וואָס עס אַנבעלאַנגט דיינע באַקאַנטע אין טורמע?"

דער סלעדאוואטעל האָט נאָר געוואָלט אַז איך זאָל אים אונטערטראָגן עפּעס מסירות. ער וואונדערט זיך זעהר שטאַרק פאַר וואָס איך וויל אים נישט זאָגן ווער פון מיינע באַקאַנטע אין טורמע עס האָבן געהערט אין דער ציוניסטישער פאַרטיי. דערויף האָב איך שאַבלאָניש געענטפערט:

„פונקט ווי איך האָב נישט קיין מורא צו אָנערקענען אַז איך אַליין האָב געהערט אין דער ציוניסטישען פאַרטיי פונקט אַזוי וואָלט איך קיין מורא נישט געהאַט צו זאָגן וועגן אַנדערע, וועלכע האָבן אויך געהערט אין דער זעלבער פאַרטיי! עס זיינען בלויז נישט פאַראַן אַזוינע אין טורמע, פון וועלכע איך זאָל וויסן, אַז זיי האָבן ווירקלעך געהערט צום ציוניסטישן לאַגער...

איך האָב זייער גוט געוואוסט, אַז געהערן אין דער ציוניסטישער פאַרטיי איז נישט קיין מעלה לויט די סאָוועטישע איינשוואונגען. איך האָב געוואוסט אַז רוסלאַנד איז מער אינטערעסירט אַז אידן זאָלן זיך באַזעצן אין ביראָבידזשאַן און נישט אין ארץ ישראל. דאָך האָב איך אונטער־באַוואוסטזיניק אַן אויסערגעוויינלעכע סאַטיספאַקציע ביים אָנערקענען אַז איך בין אַ ציוניסט, כאָטש ווען איך וואָלט עס געוועזן געלייקנט קאָן עס דער סלעדאוואַטיל סיי ווי נישט איבערצייגן...

צום סוף האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב דווקא יאָ צו מאַכן אַ באַמערקונג, וואָס עס אַנבלאַנגט מיינע באַקאַנטע אין דער סטאַנילסאווער טורמע:

„דאָס מיידל רחל ל., מיט וועלכער איך בין געקומען צוזאַמען, איז דערפאַר געקומען קיין סאָוועטנפאַרבאַנד ווייל זי איז פון זייער אַן אָרעמע היים און זי איז קראַנק, סכנת־נפשות. אין דער היים האָט זי נישט געהאַט די געהעריקע פינאַנציעלע מיטלען צו קורירן זיך. איך בין אינפאָרמירט, אַז אויב זי וועט נישט באַקומען די געהעריקע מעדיצינען ווי אַמשנעלסטן

דעמאָלט איז איר לעבן אין גרעסטן געפאַר!״...

דער סלעדאַווטעל האָט געמוזט זיין זעהר אומצופרידן פון מיינע באַמערקונגען ווייל ער האָט מיך נישט געלאָזט מער רעדן און ער האָט מיך מיט אַ בייזן טאָן איבערגעהאַקט אינמיטן:

„נישט אַזוינע באַמערקונגען מיין איך!״...

נאָכדעם ווי איך האָב אַלע אַקטן מיט אַלע קאָנפעסיעס אונטערגעשריבן האָט מען מיך צוריקגעפירט אין צעל אַריין. איך בין גוט אָפּגעקומען ביים סלעדאַוואָטעל, ווייל אַ טייל חברה האָט מען געמאַטערט מיט פאַרשידענע פראַגן. פיל האָט מען געשלאָגן אָן רחמנות, ווייל מען האָט פון זיי פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן זיך מודה זיין אין פאַרשידענע נישט באַגאַנגענע פאַרברעכנס. צו מיר האָט זיך דער סלעדאוואטעל גאָרנישט געטשעפּעט, עס איז ביי מיר אויסגעקומען ווי גלייך איך זאָל גאָר געווען האָבן טענות צו אים...

= ◍ =

נאָכדעם ווי מיר זיינען אָפּגעזעסן דריי חדשים אין דער סטאַניסלאַווער טורמע האָט מען אונז, אַלע פערביעזשטשיקעס פון דער צעל, אַריבערגעפירט אין אַ טראַנספּאָרט צימער אַריין, וואו מען זאַמלט צוזאַמען הונדערטער מענטשן, אַרעסטאַנטן פון פאַרשידענע צעלן, און מע גרייט זיי צו צום עטאַפּ.

וואוהין וועט מען עס טראַנספּאָרטירן די אַלע מענטשן?

קיינער ווייסט נישט!

אייניקע זיינען מיט דער מיינונג, אַז מען פירט אונז קיין אוקראַינע וואו מען וועט אונז נאָכדעם באַפרייען. אַן אָפּטימיסט וואָלט איטלעכער געוואָלט זיין. איטלעכער פילט, אַז מיר זיינען זייער ווייט פון באַפרייאונג. דאָך פּרובירט מען זיך זעלבסט אָפּצונאַרן. אויב נישט צו זיין אַ פרייער מענטש, וואָס פאַר אַ ווערט האָט דעמאָלט דאָס גאַנצע לעבן?!...

נאָר אַזוי ווי מ׳האָט אונז אויפסניי געשטאָכן מיט לאַנגע און דיקע נאָדלען, נישט זשאַלעווענדיק אַ גאַנץ גרויסע דאָזע פון דעם סערום, וואָס מען האָט אַריינגעפּאָמפּעט אין אונזערע בריסטן אַריין; אַזוי ווי מען האָט נאָכאַמאָל שטרענג דורכקאָנטראָלירט איטלעכן און מען האָט אונז אָפּגעשניטן אפילו די שנאָלן פון די הויזן; אַזוי ווי מען האָט אונז אַרויסגעפירט צו דעם וואקזאל מיט שוואַרצע, פאַרמאַכטע אויטאָס, מיט די אַזוי גערופענע

„טשאַרניע־וואראנע״; און אַזוי ווי מען האָט אונז נאָכדעם געפירט צו די וואַגאָנעס אונטער דער וואַך פון אַ גאַנצער כאַפּטע באַוואָפנטע זעלנער, אין דער באַגלייטונג פון גרויסע און בייזע הינט, וועלכע האָבן געהאווקעט אָן אויפהער, ביז מען האָט אונז אַריינגעזעצט אין קאַלטע „טעפּלושקעס״ (פי־וואַגאָנעס) — ערשט דעמאָלט האָט זיך אין אונז פאַרלאָשן דער לעצטער טליענדיקער פונק פון האָפענונג, אַז מען פירט אונז צו באַפרייען.

אויף הערשל פּאָלאַק האָט דער „סאבאטשניק״ (דער הויפּט אויפזעער איבער די הינט) אָנגערייצט אַ הונט. דער הונט האָט הערשל׳ן אַזוי צעביסן, אַז דאָס בלוט האָט גערונען פון זיין קערפּער דורך די הויזן. פאַרוואָס דער סאבאטשניק האָט עס געטאָן? אַזוי האָט זיך אים פאַרוואָלט! זאָלן די איבעריקע זען, אַז די הינט קענען אויף אַן אמת בייסן און זאָל נאָר עמיצער פּרובירן אַנטלויפן!!...

אַז עס גייט איינעם מיט דער פּוטער אַראָפּ, גייט עס אים שוין פון אַלע זייטן. פונקט הערשל׳ן האָט עס געמוזט טרעפן!...

איצט האָבן מיר אַלע, מער ווי ווען פריער, געפילט, אַז מיר האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ אַריין, קיינמאָל מער נישט אַרויסצופּלנטערן זיך.

נישט אומזיסט האָט איינער אויפגעקריצט אויף דער וואַנט אין דער סטאַניסלאַווער טורמע מיט גרויסע אידישע אותיות:

„עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט!... איך, משה בן חיים, בין אַ ׳פערע־ביעזטשיק׳;

„אָ, ווי גוט, איך האָב זיך עס אַליין געטאָן!״...

ווי שוין באַמערקט אין אָנהויב, האָט עס מסתמא געמוזט אויסקריצן איינער, וועלכער האָט זיך שטאַרק אַנטוישט מיט זיינע האָפענונגען וועגן די „כאַוויירים״, דעריבער נעמט ער אַצינד נקמה אין זיך אַליין: „אָ, ווי גוט, איך האָב זיך עס אַליין געטאָן!״...

ביז מען האָט אונז אַריינגעזעצט אין די וואַגאָנען איז געוואָרן נאַכט. אין איטלעכן וואַגאָן איז געווען פינסטער, ווי אין מצרים בעת דער מכה פון חושך״. מיר האָבן נישט געקאָנט זען איינער דעם אַנדערן און טאַפּנדיק אין דער פינסטער האָבן מיר זיך אַוועקגעלייגט אויף די בלויזע ברעטער נישט וויסנדיק ווער עס איז איינער לעבן דעם צווייטן. אַז מען שמועסט „חושך־מצרים״ האָב איך טאַקע אַצינד פאַרשטאַנען דעם פּשט פון חומש וואָס דער רבי האָט מיך געלערנט „ויאמש חושך״: „אַז מען האָט געקאָנט

אַנטאַפּן די פינסטערניש״..

עס איז געווען אינמיטן חודש פעברואַר פון 1941. דער וואַגאָן איז נישט געווען געהייצט און גאָר שנעל האָבן מיר דערפילט אַ בייסנדיקע קעלט אין אַלע גלידער. צוליב דער קעלט האָבן מיר נישט געקענט איינשלאָפן. ביז איצט זיינען מיר געווען צוגעוואוינט צו דער שטיקנדיקער לופט אין דער צעל. אין דער צעל זיינען די פאַרקראַטעוועטע פענסטער מיט׳ן „נאַמאַרדניק״ (אַ נעץ אַזאַ, מען זאָל נישט קענען אַרויסקוקן אין דרויסן) געווען אָפענע אפילו ווען אין דרויסן זיינען געווען די גרעסטע פרעסט. עס האָט אַלעמאָל געבלאָזן אַ פאַרע דורכ׳ן פענסטער ווי פון אַ באָד. עס איז טאַקע דאָרט געווען הייס ווי אין אַ באָד, דעריבער זיינען מיר דאָרטן אַרומגעגאַנגען האַלב נאַקעטע.

איצט פילן מיר ווי מען זאָל אונז פּלוצלינג האָבן אַרויסגעכאַפּט פון אַ שוויץ באָד אין אַן אייז־קעלער אַריין. אַלע אונזערע גלידער האָבן געשווידערט פון קעלט, ב־ר־ר־ר, ב־ר־ר־ר!...

מיר האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן אונזערע קערפּערס איינער צום צווייטן, אפשר וועט אונז אויף אַזאַ אופן וואַרעמער ווערן. מיר האָבן אויף זיך אַרויפגעצויגן אַלע אונזערע שמאַטעס. איך האָב זיך אַפילו אָנגעטאָן מיינע פלאַנעלענע אונטערוועש, אָבער עס איז געווען אומזיסט! דער וואַגאָן איז נישט געהייצט און דער פראָסט טוט זיין שליחות אָן אַ פּיצל רחמנות.

אין וואַגאָן זיינען מיר 50 פאַרשוין. מיר קענען זיך נישט איינער דעם צווייטן. דערזען האָבן מיר זיך ערשט אינדערפרי, ווען עס איז געוואָרן טאָג. מיר זיינען אויסגעזאָרטירט לויטן געשמאַק פון די נ.ק.וו.ד. די נ.ק.וו.ד. מישן אונז אויס ווי מען מישט אַ פּעקל קאָרטן. די קאָרטן בלייבן טאַקע די זעלבע אָבער דאָך אויסגעמישט, אַזוי זייען מיר! זיי מוזן האָבן זייער סיבה: טאָמער האָבן זיך איניקע פאַרשוינען צוזאַמענגערעדט און אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי זיי זאָלן אַנטלויפן צוזאַמען, איז דעריבער געזינטער פאַר זיי, פאַר די נ.ק.וו.ד. אַז זיי זאָלן פאַר די יעניקע פאַרלויפן דעם וועג און זיי צעטיילן. דאָך האָבן זיך אין וואַגאָן באַגעגענט איניקע באַקאַנטע וועלכע האָבן זיך געקאָנט פון פריער.

אַז מיר האָבן אינדערפרי אַרויסגעקוקט דורך די קליינע פאַרקראַטעוועטע פענסטערלעך פון די וואַגאָנעס האָבן מיר בלויז געזען עשאַלאָנען מיט רייעס וואַגאָנען וועלכע רוקן זיך אַהין און אַהער. איניקע פי־וואַגאָנען

אַקעגן אונז, זיינען געווען אָנגעלאָדן מיט קי, אָקסען און פערד. אויך זיי, די בהמות, האָבן „אַרויסגעקוקט” פונקט דורך אַזאַ פענסטערל ווי אונזערס, האָבן זיך טאַקע אונזערע בליקן באַגעגנט...

נאָר אַזוי ווי בהמות זיינען קיין מענטשן נישט האָבן זיי טאַקע דעריבער אַ פּריווילעגיע: זייערע פענסטערלעך זיינען נישט פאַרקראַטעוועטע ווי אונזערע. די בהמות, קוקנדיק אויף אונז, האָט זיך פאַרגלוסט מרוקן און צו הירזשען: „מו־מו־מו!” אפשר פרייען זיי זיך גאָר, דאָס זיי זיינען נישט אַליין אויפ׳ן מאַרק; אפשר איז זיי אויך קאַלט און זיי בעטן זיך נעבעך ביי אונז אויף זייער בהמה׳שן לשון, אַז מיר זאָלן אויף זיי רחמנות האָבן און זיי אַריינפירן אין אַ וואַרעמען שטאַל אַריין...

גיי דערצייל פאַר בהמות, אַז אַ וואַרימער שטאַל וואָלט אונז אַליין איצט צונויץ געקומען!

דער עשאַלאָן אונזערער איז געווען פאַרוואַרפן אויף עפּעס אַ זייטיקער ליניע. מסתמא צוליב אַן עין־הרע.. מיר האָבן באַמערקט ווי פרויען אייגנע־וויקלטע אין טערקשע שאַלן דרייען זיך אַרום צווישן די וואַגאָנעס און ווישן זיך די אויגן... דער זעלנער דראָעט זיי און ער פאַרטרייבט זיי ווי די הינט.

דער צוג איז נישט אָפּגעפאָרן דעם ערשטן טאָג. אַ מעת־לעת האָט מען אונז געהאַלטן ביים וואָקזאַל. עסן האָט מען אונז דעם ערשטן טאָג נישט געגעבן. ערשט דעם צווייטן טאָג האָבן מיר דערהאַלטען אַ פאַר־פראָרן ברויטל פאַר פיר פאַרשוין. צום ברויטל האָט מען אונז געגעבן אַ פאָרציע געזאַלצענע הערינג.

נישט געקוקט דערויף וואָס מיר זיינען ממש געווען פאַרשטיינערט פון דער קעלט, זיינען מיר דאָך געווען הונגעריק. ווען מען איז אין אַזאַ צרה ווי מיר, דעמאָלט געהערט זיך דער הונגער מיט דער קעלט גאָר נישט אָן. די קעלט איז איין זאַך און דער הונגער איז אַ צווייטער זאַך.

נישט אומזיסט האָט עס אַ ציגיינער אַמאָל צוטרעפלעך געענטפערט אויף דער פראַגע, ווען עס איז אים געווען קאַלט און ער איז געווען הונגעריק, וואָס ער וואָלט אַמבעסטן ליב געהאַט צו טאָן אין דאָזיקן מאָמענט — האָט ער געענטפערט: „איך וואָלט אַמבליבסטן געהאַט צו פרעגלען שפּעק!”...

מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט צום טרוקענעם שטיקעל ברויט מיט׳ן געזאַלצענעם הערינג ווי צו עפּעס אַ געבראָטענס. די אמת׳דיקע צרה האָט

זיך ערשט אָנגעהויבן ווען דער עשאלאָן מיט דער לעבעדיקער סחורה, די אַרעסטאַנטן, האָט זיך גערירט פון אָרט. מיר האָבן אָנגעהויבן צו פילן אַן אויסערגעוויינלעכן דאָרשט און קיין וואַסער צום טרונקען האָבן מיר נישט געהאַט. אויב די קעלט און דער הונגער איז אַ קאָמבינאַציע, דעמאָלט איז די קעלט און דער דאָרשט אַ טאָפּלטע צרה!! מיר האָבן זיך פאַרגע־שטעלט אַז מיר ווערן באַהאַנדלט ווי אַ ווילדער אגער ווען מען קלעמט אים אַריין די נאָז, אויב ער לאָזט זיך נישט קאווען די פּיאַטעס... אַז מיר האָבן געפילט דעם דאָרשט האָבן מיר פאַרגעסן אין הונגער און אין דער קעלט; עס האָט אונז אויסגעטרוקנט די צונג און דעם גומען אַזוי אַז מיר האָבן קוים געקאָנט אָטעמען, האָבן מיר טאַקע געפרייכט ווי די גענז.

מיר האָבן געמוזט וואַרטן אַ טאָג און אַ נאַכט ביז מיר האָבן ענדלעך אַריינגעקראָגן אַביסל וואַסער. נאָר אינצווישן זיינען מיר באַכאַמאָל זייער הונגעריק געוואָרן און מיר באַקומען אויפסניי ברויט און הערינג. קוים האָבן מיר אָפּגעגעסן און זיך אַביסל געשטילט דעם הונגער זענען מיר שוין נאָכאַמאָל דאָרשטיק און מיר האָבן שוין ווייטער נישט קיין וואַסער, איז כאָטש וואָרט אויפסניי אַ טאָג און אַ נאַכט ביז מען וועט זיך איבער אונז דערבאַרעמען און מען וועט אונז שענקען אַביסל וואַסער!!...

פון וואַשן די הענט און דאָס פּנים איז אָפּגערעדט! צו שמוץ האָבן מיר זיך שוין זינט לאַנג צוגעוואוינט. אפילו צום הונגער און צו דער קעלט האָבן מיר זיך שוין צוגעוואוינט, נאָר צום דאָרשט קענען מיר זיך אויף קיין פאַל נישט צוגעוואוינען!

ענדלעך האָט זיך די נ.ק.וו.ד. דערבאַרעמט איבער אונז און אַ זעלנער האָט אונז אַריינגעגעבן אַן עמער מיט קוילן קיין גענוג שפּענער אונטער־צוצינדן דאָס פייער האָט מען אונז נישט געגעבן, מיר האָבן געבראָכן שטיקער פון די נארעס, עס איז אונז טאַקע נישט גרינג אָנגעקומען מיט בלויזע הענט אָפּצוברעכן שטיקער האָלץ פון די נארעס, אָבער מיר האָבן אונזערס אויסגעפירט און מיט שווערער מי איינגעהייצט דאָס קליינע אייוועלע אין דעם וואַגאָן.

די קוילן זיינען געווען פון אַן אויסערגעוויינלעך שלעכטן סאָרט. קוים וואָס זיי ברענען! און עס פילט זיך בכלל נישט צי עס איז איינגעהייצט. נאָר דער בלויזער געדאַנק, אַז מיר האָבן אַריינגעקראָגן הייץ־מאַטעריאַל און אַז דאָס ברענט — האָט אונז געמאַכט פילן אַביסל וואַרעם...

= ◉ =

רודאָלף ווייס, דער „אינזשיניר פון כעמיע״, איז מיט מיר צוזאַמען אין זעלבן וואַגאָן. נישט ער עסט און נישט ער טרונקט קוים וואָס ער זשיפּעט. ער איז בלאַס ווי קאַלך. איך בין שטאַרק אומרואיק פון זיין אויפפירונג און פון זיין אויסזען:

„רודאָלף, וואָס איז דער מער מיט דיר?״, פרעג איך אים צוקוקנדיק זיך ווי ער צאַנקט ווי אַ ליכט. אייגנטלעך זעען מיר, אַלע אין וואַגאָן, אויס ווי האַלב פאַרלאָשענע ליכט, נאָר איטלעכער איז אַזוי פאַרטאָן אין זיינע אייגענע צרות איןליידן, אַז זעלטן קאָן מען באַמערקן אַן אונטערשייד פון איינעם צום צווייטן. אָבער פאַרט האָב איך באַמערקט, אַז רודאָלף ווייס זעט אויס ערגער פון די איבעריקע.

„רודאָלף וואָס איז דער מער מיט דיר?״, פרעג איך אים נאָכאַמאָל.

„המ, גאָרנישט!״ עפּעס רעדט ער שוואַך און אומגערן פונקט ווי ווען ער איז געפאַלן אין חלשות, ווען מיר זיינען געווען אויפ׳ן וועג צו אונזער אומגליק און פונקט ווי ווען ער איז אַ צווייט מאָל געפאַלן חלשות, די ערשטע טעג, אין דער נאַדווואָרנער טורמע.

„איך פיל בלויז מאַכטלאָז״...

איך לאָז אים אָבער נישט אָפּ:

„רודאָלף, מאַך זיך קוראַזש און האַלט זיך!, האָב זיך איינזינען, עס עפּעס און טרינק וואַסער, עפּעס אַנדערש האָסטו סיי ווי נישט. אויב דו וועסט נישט עסן און טרינקען דאָס ביסל וואָס מען גיט דיר ביסטו אַ פאַרפאַלענער! אויב דו וועסט זיך אַליין נישט איינזינען האָבן, וועט דיך דאָ קיינער נישט ניאַנטשען!״

עס זאָל אים כאָטש אַרן מיינע רייד אָדער ער זאָל כאָטש גערירט ווערן! ער איז געענצלעך גלייכגילטיק צו אַלעם וואָס איך זאָג אים. איך צווייפל אפילו צי ער האָט מיך אויסגעהערט... ער אָטעמט שווער אַן אויסגעשטרעקטער אויף דער נאַרע און זאָגט גאָרנישט. איך טאַפּ זיין פּולס אין זיין שטערן. זיין פּולס, פיל איך, שלאָגט שנעל, שנעל, און זיין שטערן פלאַמט ווי אַ שטרויענער דאַך. עס קימערט מיך זייער זיין אויסטערלישע באַנעמונג און זיין גלייכגילטיקייט צו זיך. איך האָב מורא אַז ער זאָל נישט פאַרלירן זיינע לעצטע כוחות. וויאַזוי וואָלט איך אים געקאָנט העלפן? איך האָב אים איינמאָל אַרויסגעהאָלפן מיט אַ לעמאָן... אָבער דאָס איז געווען דעמאָלט! אָבער וואָס קאָן איך איצט טאָן? די רעדער פונ׳ם עשאַלאָן לויפן פעסט, פעסט, אָן אַן אויפהער, אַזוי ווי רודאָלפ׳ס פּולס.

און כאַטש שריי: „חי־וקים!"...

אַ פּאָליאַק װעלכער איז נאָך מיט צװײ טאָג פריער קראַנק געװאָרן, נעמט גוסס'ן. װען דער עשאַלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן מיר געקלאַפּט אָן אױפהער אין דער טיר, נאָר דער דעזשורנע האָט צײט צו ענטפערן, מיר הערן אָן ענלעכע קלאַפּעניש פון די איבעריקע װאַגאָנעס. עס קאָן זײן אַז אױך דאָרטן איז געשען אַזאַ אומגליק, װער װײסט?...

עס איז טאַקע אַזױ געװען! מיר זײנען נאָכדעם געװאָר געװאָרן, אַז „אין װאַגאָן אשר אין שם מת"...

עס איז געװען בײ דער טאַרנאָפּאָלער סטאַנציע, װען דער דעזשורנע האָט געעפענט די טיר, דער פּאָליאַק איז שױן געװען טױט. דער דעזשורנע האָט נישט קײן פינטל געטאָן מיט'ן אױג, װען מיר האָבן אים געזאָגט, אַז מיר האָבן אַ טױטן אין װאַגאָן. ס'איז בײ אים קײן נײעס!

דעם טױטנס אַ באַקאַנטער האָט געזאָגט, אַז דער מת איז טאַקע אַ טאַרנאָפּאָלער...

אַז איך האָב זיך אײנגעקוקט אין איטלעכנס געזיכט, האָב איך נישט געקאָנט װיסן װער עס איז אין דער רײע... אין װאַגאָן דערזע איך פּלוצלינג מײן ערשטן סטאַרשי, דער פּאָליאַק װעלכער האָט מיך געװאָלט לײגן, אין דער סטאַניסלאַװער טורמע, לעבן דער פּאַראַשע. אױך ער האָט מיך דער־קענט און ער באַגריסט מיך, אױף דײטש, װי אַן אַלטן באַקאַנטן... איך פרעג אים:

„אָט זיע זינד היער?"

„יאָ", ענטפערט ער מיר, „װיר זינד אַללע היער אין אײנעם טױטעס װאַגען!"...

דער פּאָליאַק האָט דװקא רעכט געהאַט. דעם זיבעטן טאָג פון אונזער נסיעה האָבן מיר געהאַט אַ צװײטן קרבן: רודאָלף װײס האָט פאַר קיעװ אױסגעהױכט זײן נשמה. איך מיט נאָך אײניקע קאַמעראַדן האָבן מיר אָנגעװענדט, אונטער די אומשטענדן, אַלץ װאָס איז געװען מעגלעך, מיר זאָלן אים קענען דערמונטערן. נאָר דער מלאך־המות איז געװען שטאַרקער פון אונז און ער האָט אונז באַזיגט!

אין קיעװ האָט מען אים אַרונטערגענומען דעם בר־מינן. איך האָב נאָך אים פאַרגאָסן אַ שטילע טרער, טראַכטנדיק בײ זיך:

„אױ, רודאָלף, רודאָלף! דו װאָלסט געװען גאָרנישט פאַרלאָרן װען דו פאַרבלײַסט בײ די פאַשיסטישע מאַדיאַרן... בײ די פאַשיסטישע מאַדיאַרן

וואָלסטו געוועז אפשר געקומען צו קבר ישראל. דאָרטן וואָלטו אפשר נישט באַערדיקט געוואָרן „בקבורת־חמור"...

ביי די פאַשיסטן איז עס אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז אומשולדיקע מענטשן זאָלן פאַלן קרבנות! אָבער דאָ, רבונו של עולם, ווען עמיצער וואָלט מיר געוועזן געזאָגט, מיט אַ יאָר צוריק, אַז עס קאָן מעגלעך זייַן אַזאַ זאַך אין אַ סאָציאַליסטישער מלוכה, וואָלט איך אים געשפּיגן אין פּנים אַריין!..

אַז מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו קוקן דעם טויט גראָד אין פּנים אַריין, זענען מיר ערשט געוואָרן עקשנות׳דיק: מיר ווילן אויפנעמען אַ קאַמף אויף לעבן און טויט! מיר האָבן סיי ווי גאָרנישט וואָס צו פאַרלירן! דאָס ערשטע האָבן מיר אָנגעהויבן דערמיט וואָס מיר האָבן געקלאַפּט אָן אויפהער אין דער טיר. מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט און מיט אַן איינהייט־לעכער שטימע ווי אין אַ כאָר האָבן מיר געשריגן אויף די העכסטע קולות: „וואַסער! וואַסער! וואַסער!"

אַזויווי דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָבן מיר נישט גערוט ביז מיר האָבן נישט לויז געמאַכט אַן אייזן פון די קראַטעס. מיט׳ן אייזן האָט איינער געקלאַפּט אין דער טיר און מיר האָבן מיט אַלע אונזערע כוחות געשריגן, צום טאַקט פון׳ם קלאַפּן, אין כאָר: „וואַ־סער! וואַ־סער! וואַ־סער!"

כל זמן מיר האָבן נאָר געשריגן, האָט זיך דער דעזשורנע נישט ווייסנדיק געמאַכט. אויך פון אַנדערע וואַגאָנעס האָט מען געשריגען און געקלאַפּט מיט די פויסטן און געטופּעט מיט די פיס אין דער טיר. נאָר קוים האָט דער דעזשורנע באַמערקט, אַז עס פעלט אַ קראַטע פון׳ם פענסטער און אַז ער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון׳ם אייזן אין דער טיר — איז עס אים שטאַרק אויפפאַלנד געוואָרן. דער דעזשורנע האָט האַסטיק געעפנט די טיר פון׳ם וואַגאָן. ער קאָן האָבן פיל אומאָנגענעמלעכקייטן פון׳ם נאַטשאַלניק, אַז דער נאַטשאַלניק זאָל געוואָר ווערן, אַז די אַרעס־טאַנטן האָבן אַן אייזן ביי זיך אין וואַגאָן...

קוים האָט דער דעזשורנע געעפנט די טיר פון׳ם וואַגאָן און אַז ער האָט דערזען דעם פאַרשוין מיט׳ן אייזן אין די הענט, האָט ער אים באַלד פאַרקייטעלט די הענט און ער האָט אים אַוועקגעפירט אין איזאָלאַטאָר אַריין.

יאָ, אויך אונטערוועגנס האָבן זיך די נ.ק.וו.ד. באַוואָרנט מיט אַן איזאָלאַטאָר!

ביי איטלעכער סטאַנציע ווערן די וואַגאָנעס באַטראַכט און קאָנטראָ־לירט, צי זיי זיינען נישט צעבראָכן אָדער געשפּאָלטן, ווייל דעמאָלט וועט

נאָך עמיצער, חלילה, קענען אַנטלויפן. די וועכטער האָבן אַ ספּעציעלע מעטאָדע וויאַזוי עס אויסצוגעפינען: זיי קלאַפּן מיט גרויסע הילצערנע האַמערס איבער די וואַגאָנעס. זיי קלאַפּן פון אונטן, אויפ׳ן דאַך און פון די זייטן. טאָמער איז פאַראַן אַ שפּאַלט ערגעצוואו, דעמאָלט וועלן זיי עס מיט זייער מעטאָד באַלד אויסגעפינען.

אונטער אַזוינע באַדינגונגען זיינען מיר געפאָרן צוויי וואָכן ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין סטאַרע־בעלסק, אַ שטאָט אין אוקראַינע.

18

קוים האָבן מיר אויסגעשטיגן פון די וואַגאָנעס, האָבן מיר זיך געמוזט אַוועקזעצן אויף דער נאַסער ערד. אַזוי האָט מען אונז באַפוילן. טאָמער האָט עמיצער קיין חשק נישט געהאַט אַוועקצוזעצן זיך אויפ׳ן נאַסן באָדן, האָט ער פלוצלינג דערפילט אַ קנאַק איבער׳ן קאָפּ מיט דער קאָלבע פון אַ ביקס. אַז מיר זיצן אויף דער ערד, קען מען אונז גרינגער ציילן און מען איז, אינאיינוועגס, מיט אונז זיכערער, אַז מיר וועלן נישט קענען אַנטלויפן גלייך.

דערנאָך האָט מען אונז תיכף אויסגעשטעלט צו פיר אין אַ רייע. איצט האָבן מיר ערשט געקאָנט באַאָבאַכטן וואָס פאַר אַ גרויסער עטאַפּ עס איז. עס שלענגלט זיך איין לאַנגע קאלאנע פון מענטשן, צו פיר אין דער רייע, אַזוי אַז מען זעט נישט קיין אָנהייב און קיין סוף. עס איז אַן עטאַפּ פון צוועלף הונדערט.

מיר האָבן נישט געטאָרט אָפּנייגן פונ׳ם וועג, אָדער סתם פאַרקערעווען זיך אויף רעכטס אָדער אויף לינקס, אפילו ווען מיר האָבן געהאַט פאַר זיך טיפע בלאָטעס אָדער גריבער מיט וואַסער, אינמיטן דער גאַס. מיר האָבן געמוזט גיין גראָדליניק, טאַפּטשענדיק אין די בלאָטעס און אין די וואַסער־גריבער. עס איז געווען דער ערשטער מערץ, דער שניי האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו צעלאָזן, עס פילט זיך שוין פרילינגדיק אין אוקראַינע. דער וועטער איז מילד, דעריבער זיינען פאַראַן אַזויפיל בלאָטעס אין די גאַסן.

מאַרשירנדיק און טשאַפּטשענדיק האָבן מיר זיך, ענדלעך, דערזען פאַר אַ גרויסן הויף מיט פעסטונגען אַרום. די פעסטונגען זיינען געווען מאנאסטירן און קלויסטערס.

עס וואָלט געקאָנט מאַכן דעם איינדרוק, אַז מען פירט אונז תפילה טאָן אין די קלויסטערס.. נאָר אַזוי נאַאיוו זיינען מיר נישט געווען! מיר זעען ווי די צלמים זיינען אַרונטערגעריסן פון די טורעמעס. נאָר וואו נישט

וואו איז פאַרבליבן אַ קליין צלמ׳ל פאַר אַ זכר...

עס זיינען דאָרטן געווען פאַרשיידענע געביידעס, מייטנס אין אַ גאָטישן סטיל, — גרויסע און פעסט געבויטע מיט דיקע ווענט. דער סאָוועטישער רעזשים האָט זיך באַנוצט מיט די דאָזיקע געביידעס פאַר אַ טורמע אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב.

דער סאָוועטישער רעזשים, וואָס האָט איינעם פון זיינע הויפּט סלאָגאַנס פאַר פּראָפּאַגאַנדע צוועקן: „פרייהייט פאַר די מאַסן!" — האָט נישט גענוג די צאַרישע טורמעס, וואָס זיינען נישט געווען קליין אין צאָל, נאָר דער סאָוועטישער רעזשים האָט נאָך געמוזט פאַרוואַנדלען געבעט־הייזער און סתם פעסטונגען, אין טורמעס...

עס האָט זיך געעפנט אַ ברייטער טויער און מען האָט אונז געציילט, פונקט ווי אַ פאַסטוך ציילט זיינע שעפעלעך. אויב אָבער אַ שעפעלע איז יוצא ווען עס אידענטיפיצירט זיך מיט אַ „מע־ע!" מיט אונז איז עס אָבער נישט גענוג. מיר זיינען דאָך מענטשן, די בחורי־היצירה, זיינען מיר טאַקע נישט יוצא פאַר די נ.ק.וו.ד. ווען מיר רופן זיך בלויז אָפּ ווען מען ציילט אונז און מען רופט אונז ביי אונזער נאָמען. צו אונזער נאָמען מוזן מיר נאָך צוגעבן אונזער טאַטעס נאָמען און דער עיקר, דעם פּאַראַגראַף מיט וועלכן מיר זיינען באַשטראָפט. אָבער מיט איין זאַך זיינען מיר יאָ ווי די לעמעלעך: מען פירט אונז וואוהין מען וויל און מען טוט מיט אונז וואָס מען וויל. מיר זיינען ביים אשמדי אין די לאַפּעס און וואָס ער וויל מיט אונז טאָן קאָן ער טאָן.

וואַרטנדיק אין הויף, ביז מען האָט אונז פאַרטיילט אין איינעם פון די בלאָקן פון די קלויסטערס, האָבן מיר באַמערקט ווי אַ גרופּע מיט פרויען מאַרשירן דורכ׳ן הויף. אויך די פרויען זיינען געווען אויסגע׳שורה׳ט צו פיר אין אַ רייע. נאָר מיט די פרויען האָט מען זיך וויניקער צערעמאָניעט, זיי האָט מען נישט געהאַלטן שעה׳ן לאַנג אין טורמע הויף, מען האָט זיי באַלד צוגעטיילט אין איינעם פון די בלאָקן.

אייניקע, וועלכע האָבן געהאַט באַקאַנטע צווישן די פרויען, האָבן זיך שנעל דורכגעשטופּט צווישן עולם אַרעסטאַנטן. אויך איך האָב זיך באַמיט און מיט מיינע עלנבויגנס האָט מיר קוים געלונגען זיך דורכ־צושטופּן אין דער געדרענגעניש פון די מאַסן אַרעסטאַנטן און איך בין צוגעקומען נאָענטער צו די פרויען. מיין מי איז נישט געווען קיין אומ־זיסטע: איך האָב באַמערקט ב׳ן. איך רוף זי ביים נאָמען. אויך זי האָט מיך

באַמערקט. אונזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט; מיר שמייכלען איינער צום צווייטן; מיר וואַרפן זיך איבער מיט אַ לופט קוש, און שוין! מער זעען מיר זיך שוין נישט. מיר זיינען נאָכאַמאָל פאַרשוואונדן איינער פונ׳ם צווייטן. ווער קען עס וויסן ביז ווען!...

דעם ערשטן טאָג אין סטאַרע בעלסק האָט מען אונז גאָרנישט געגעבן צו עסן. אַזוי איז עס שוין, אַלעמאָל, ווען מיר קומען אויף אַ נייעם אָרט. מיר מוזן אַן עקסטראַ מאָל צוהונגערן!

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַלץ אָרגאַניזירט; אַלץ מוז געגוי פאַר־שריבן ווערן און סיסטעמאַטיזירט ווערן. ביז אַלע איינצלהייטן קלאַפּן נישט פּינקטלעך, ווערט קיין אַקציע, וועלכע איז צו גונסטן די מאַסן, נישט אונטערגענומען. ביז מיר זיינען נישט פּינקטלעך איינגעטיילט אין גרופּן מיט אַן עלטסטן, וועלכער זאָל טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט איבער דער פאַרפּלעגונג, אַזוי לאַנג באַקומען מיר נישט עסן!

עס וואָלט פאַר אונז געווען אַן אַנגענעמער סורפּריז, ווען עס וואָלט אַנדערש געווען; ווען די נאַטשאַלניקעס וואָלטן אַביסל אָפּגענייגט פון זייער ליניע, און וואָלטן געווען אַן צערעמאָניעס קודם אָנגעקאָרמעט די פאַרהונגערטע אַרעסטאַנטן...

דערפאַר אָבער ניאַנטשעט מען זיך מיט אונז, מען באָדט אונז און מען שערט אונז, און מען זשאַרעט אונזערע שמאַטעס. נאָר איין זאַך האָבן מיר אַצינד גענוג: וואַסער! מיר האָבן זיך נישט געקאָנט גענוג אָנטרינקען, פּונקט ווי די אידן אין מדבר. דאָס וואַסער האָט טאַקע אַ נאָך־טעם פון כלאָר, נאָר דאָס שפּילט נישט קיין ראָלע. מיר קוויקן זיך מיט׳ן מוטנעם וואַסער ווי מיט שאַמפּאַניער.

נאָכדעם, ווי מיר זיינען געוואָרן איינקוואַרטירט אין אַ גרויסן בלאָק פאַר טויזנט מאַן, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט נייע מענטשן, מייסטנס פּאָליאַקן, אוקראַאינער און אידן פון פּוילן. איך האָב געשמועסט מיט פיל אידן און זיי געפרעגט די געוויינלעכע פראַגן, פאַר וואָס זיי זיצן, און זינט ווען זיי זיצן.

„אויף מיין ערשטער פראַגע האָב איך כמעט פון איטלעכן באַקומען דעם זעלבן טשיקאַוון ענטפער:

„איך ווייס נישט, אפשר ווייסט איר?"...

„אויף מיין צווייטער פראַגע האָב איך געקראָגן פאַרשידענע ענטפערס. זייער פיל זיינען אַרעסטירט געוואָרן, ווען די רוסן האָבן

„באַפרייט״ פּוילן אין 1939.

דאָ אין דעם גרויסן בלאָק, האָבן מיר זיך געפילט פיל היימישער. מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט פאַרשיידענע טיפּן און אינטערעסאַנטע מענטשן. דער הונגער איז דאָ אויך געווען גרויס, נאָר דער הונגער קימערט אונז שוין נישט אַזוי שטאַרק ווי פריער. מיר האָבן שוין געהאַט אַ געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך, אַז עס איז נאָך פאַראַן אויף דער וועלט ערגערס ווי הונגערן... מיר ווייסן, אַז מיר זיינען פאַר־אורטיילט אויף אַ הונגער־פּאַיאָק, איז הונגערט מען אונטער! אַ ברירה האָט מען?!

מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט אין קרייזן און זיך צוזאַמענגעקומען שמועסן איבער גייסטיקע ענינים. מיר האָבן טיילמאָל דיסקוטירט איבער ליטעראַרישע און קולטורעלע שאַפונגען. מיר האָבן אויסגעקנאָטן שאָך פיגורן פונ׳ם אָפּגעשפּאָרטן ביסן ברויט און מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ שאָך פאַרמעסט.

די מערסטע צייט האָב איך פאַרברענגט מיט מיין גוטן פריינט, איציק־בער יונגער. ער, איציק־בער, איז שוין נישט אין אַזאַ געהויבענער שטימונג ווי פריער, ער האָט זיך אַזוי ווי איינגעבראָכן פון דער לאַסט וואָס הייסט סאָוועטישע טורמעס. ביז איצט פלעג ער זיך וויצלען איבער אַלע אונזערע פּרעניות׳ן און אַנשיקענישן:

„מיר געפינען זיך אין אַ טייערער שול... מיר זיינען גאָרנישט אומשטאַנד אָפּצושאַצן דעם ווערט פון דער דאָזיקער שול... די שול איז ממש אוממעגלעך אָפּצושאַצן אין ווערט פון געלט!״ אַזוי פלעג ער זיך וויצלען.

לעצטנס האָט ער אָבער אָנגעוואוירן זיין הומאָר. איציק בער איז זיך מתבודד אין אַ ווינקל און ער זיצט פאַרטראַכט. ער טראַכט, אָדער ער פילאָזאָפירט און ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ מער און מער מעלאַנכאָליש.

איינמאָל, אין אַן אינדערפרי, גיי איך צו אים צו און וויל אים באַגריסן ווי געוויינלעך מיט אַ גוט־מאָרגן. איך זע, אַז ער ליגט, אויף זיין נאַרע, פאַרשטאַרצט און אומבאַוועגלעך. זיין געזיכט איז בלאַס ווי די וואַנט. איך הייב אים אָן צו שאָקלען און איך רוף אים ביים נאָמען: איציק־בער, איציק־בער! נו שוין זשע ביסטו —

איך נעם אים אָן ביים פּולס. דער פּולס קלאַפּט שוואַך, אָבער ער איז וואַרעם. דאָס הייסט, אַז ער איז אין חלשות. עס זיינען שוין פאַרגעקומען

ענלעכע פאַלן מיט אַנדערע. איך שפּריץ אויף אים קאַלט וואַסער. איך אַלאַרמיר איטלעכן אַרום, ביז עס איז געקומען אַ דאָקטאָר, אַן אַרעסטאַנט, וואָס איז מיט אונז צוזאַמען אין בלאָק. דער דאָקטאָר האָט אים ענדלעך דערמונטערט. אַז איציק בער איז אַביסל צו זיך געקומען און ער האָט זיך באַרואיקט, איז אַנשטאָט ער זאָל מיר דאַנקען, פאַרוואָס איך האָב אים אין צייט אויפגעמונטערט, האָט ער גאָר צו מיר טענות און פּרעטענזיעס:

„זינט ווען ביסטו עס אַ ׳מחיה־מתים׳?!״ דו מוזט אוודאי זיכער זיין ביי זיך, אַז דו האָסט מיר געטאָן אַ גרויסע טובה... איך וואָלט דיר מוחל געווען די טובה! סיי־ווי וועל איך, פריער אָדער שפּעטער, צוזאַמענברעכן אַזוי פיזיש ווי גייסטיק!״...

„איך האָב עס נישט געטאָן אַזוי צוליב דיר״, ענטפער איך אים פּונקט אַזוי טראָציק ווי ער „ווי נאָר טאַקע צוליב זיך אַליין. וואָס וואָלט איך געווען דאָ געטאָן אָן דיר, ווען דו שטאַרבסט אַוועק אַזוי זיך, אָן אַ בלייב־געזונט?! איז כאַטש נעם און גיי אויך דעם זעלבן וועג!״...

„איבעריקנס״, שמיר איך אים מיט זיין אייגענער פּוטער, מיט זיין פילאָזאָפיע, „דו האָסט דאָך אַליין מערער מאָל איבערגע׳חזר׳ט, אַז די דאָזיקע שול איז זייער באַלערנד און זי, די שול, איז זייער פיל ווערט!״...

„יאָ״, ענטפערט ער מיר הומאָרלאָז „די שול איז טאַקע נישט אָפּצו־שאַצן אָבער איך וועל פאַר איר זייער טייער באַצאָלן, — דעם העכסטן פּרייז!״...

= ⦶ =

דער עולם שושקעט זיך, אַז מען קען אָנשרייבן אַ „זאַיאַוולעניע״ (מעלדונג) צום נאַטשאַלניק פון דער טורמע, אַז ער זאָל דערלויבן אַ „סווידאַניע״ (זעאונג) מיט קרובים: מאַן און ווייב, שוועסטער און ברודער און אפילו חתן־כלה.

עס איז אַ גרויסער סוד, ווייל עס איז פאַראַן אַ געוויסע נאָרמע פאַר איטלעכן בלאָק וויפיל מענטשן עס וועלן קריגן די דערלויבעניש. נאָר איך בין צופעליק געוואָר געוואָרן דערפון און איך האָב זיך אָנגעהויבן צו מאַכן פאַרשידענע אילוזיעס וויאַזוי אַרום איך זאָל אויך באַקומען די דערלויבעניש פון׳ם נאַטשאַלניק צו זען זיך מיט מיין אויסדערוויילטער.

אין אָנהויב האָב איך נישט געוואָלט גלויבן, אַז עס וועט עפּעס אַרויס־

קומען דערפון. איך האָב זיך שוין אין טורמע אָנגעהערט אַזויפיל פאַנטאַס־טישע מעשות און עס האָט זיך אַלעמאָל אויסגעלאָזט דערפון אַ בוידעם! איך בין נאָך אָפּגעבראָטן פון סטאַניסלאַוו... עס ליגט מיר נאָך גאַנץ גוט אין טעם דער דעמאָלטדיקער רעזולטאַט. אָבער אינגאַנצן פאַרלירן די האָפענונג טאָר מען נישט!

„יאָ, שרייבן קאָן מען טאַקע, פאַר וואָס דען נישט?", טראַכט איך ביי זיך „מען קען רעדן אפילו צו אַ טויטן, צי וועט ער אָבער ענטפערן?... איז אַ טויטער ענטפערט טאַקע נישט, אָבער אַלץ רעדט מען צו אים!... איז לאָמיך אויספּרוּוון מיין מזל און טאַקע שרייבן אַ מעלדונג צום נאַטשאַלניק!

אויפסניי האָב איך געטיילט מיין מיינונג מיט הערשל פּאָלאַק און בערנאַט בערקאָוויטש. ווי זיי וואָלטן זיך געווען צוזאַמענגערעדט חוזק'ן זיי פון מיר אָפּ און זיי דענערווירן זיך ביידע צוליב מיין פאַנטאַסטישן איינפאַל. בערנאַט בערקאָוויטש איז נאָך מער געערגערט פון הערשל פּאָלאַק. ער זאָגט מיר מיט אַ בייסיקדיקן טאָן:

„דו האָסט שוין אויפסניי געקראָגן חשק צו פאַרקאָכן אַ קאַשע, וואָס אַ צווייטער וועט זי דערנאָך מוזן אויפעסן?!"...

אויך הערשל איז מסכים, האָב איך זיך אָבער איצט איינגע'עקשנ'ט:

„איך קען אייך זייער גוט פאַרשטיין! איר האָט טאַקע ביידע אַ גרונט מיך צו פאַראורטיילן, טאַקע צוליב דעם איז עס אַזוי שווער אייך צו איבערצייגן, אויף ווי ווייט איר זייט אומגערעכט אַצינד. נאָר זייט אָבער וויסן, אַז איך בין אינפאָרמירט, אַז אַ סך פּוילישע האָבן זיך צוזאַמענ־געשריבן גרופּנווייז און זיי האָבן אַריינגעגעבן אַ ביטע צום נאַטשאַלניק און זיי זיינען ביי זיך זיכער, אַז דער נאַטשאַלניק וועט זייער ביטע באַשטעטיקן. אין סטאַניסלאַוו האָט מען טאַקע קיינעם נישט געגעבן אַ דעראַרטיקע דערלויבעניש אָבער דאָ זיינען פאַראַן אויסזיכטן אַז מען וועט פאַר אייניקע יאָ געבן די דערלויבעניש אויף אַ „סוועדאַניע". איז לאָמיר נישט באַשטראָפן זיך גופא ערגער ווי די רוסן... לאָמיר נישט פאַרלירן אינגאַנצן די האָפענונג און לאָמיר נאָכאַמאָל אויספּרובירן אונזער מזל! אין ערגסטן פאַל, אויב מיר וועלן זיך אויפסניי ענטוישן אין אונזער אונטערנעמונג, וועלן מיר העכסטנס נישט אָנווענדן קיין דראַסטישע מיטלען".

איין קליינע שטערונג האָבן מיר געדאַרפט בייקומען: מיר מוזן זען צו פאַרשאַפן זיך אַ שטיקל פּאַפּיר אויף וועלכן מיר זאָלן קענען אָנשרייבן

די ווענדונג צום נאַטשאַלניק. עס איז אַן אינטערעסאַנטער סיסטעם דאָ אין דער טורמע! עס איז אונז נישט דערלויבט צו האָבן קיין פּאַפּיר און קיין בליישטיפט. איז וויאַזוי זשע קענען מיר דעמאָלט איבערגעבן אַ געשריפט צום נאַטשאַלניק? איז עס טאַקע שווער צו פאַרשטיין! נאָר טאָמער ווילן מיר אונזערס דערגרייכן איז די בעסטע זאַך מיר זאָלן זיך וואָס ווייניקער גריבלען און וואונדערן ווי אויך ווי ווייניקער קשיות פרעגן!...

פּאָר אַ פּאַרציע ברויט איז אונז געלונגען איינצוהאַנדלען אַ שטיקל פּאַפּיר פון אַ פּאָליאַק. נאָכדעם ווי מיר האָבן איבערגעגעבן אונזער ביטע דעם דעזשורנע, אַז ער זאָל דאָס איבערגעבן פאַר׳ן נאַטשאַלניק, האָט עס נישט פיל גענומען און מיר זיינען געוואָר געוואָרן, אַז דער נאַטשאַלניק האָט אַקצעפּטירט אונזער ביטע, און מיר האָבן אַלע דריי געקראָגן די דערלויבעניש צו זען זיך מיט אונזערע אויסדערוויילטע.

אַזוי מיין וואונטש ווי הערשל פּאָלאַק׳ס וואונטש איז פולקאָם דערפילט געוואָרן: מיר האָבן זיך טאַקע געזען מיט אונזערע ליבע. אָבער בערנאַט בערקאָוויטש׳ס וואונטש איז נישט דערפילט געוואָרן נאָר אויף אַ העלפט. ער האָט געהאָפט צו זען זיך מיט זיין פרוי ווי אויך מיט זיין דריי יעריקן זונדל... וואו איז זיין זונדל אַהינגעקומען? ער ווייסט נישט, זיין פרוי ווייסט נישט, קיינער ווייסט נישט!...

ב„ מיין געליבטע, האָט זיך געריכט אויף מיין באַזוך. אַ סימן: זי האָט פון מיינעטוועגן געהאַט אָנגעגרייט פיר פּאַרציעס ברויט און אַ קליין ליינוועטן זעקעלע מיט פופצן דעקאָ צוקער. זי באַרימט זיך פאַר מיר:

„איך האָב גענוג צו עסן צו דער זעט! דאָס איז מיר איבערגעבליבן... איך האָב עס פאַר דיינעטוועגן, מיין ליבלינג...״

די מענער זיינען געווען אונטערן איינדרוק, אַז די פרויען האָבן געוויסע פּריווילעגיעס אין די סאָוועטישע טורמעס און אַז מען גיט זיי בעסער צו עסן. אין אמת׳ן האָבן זיי אָבער געלעבט אויף דעם זעלבן פּאַיאַק ווי די מענער. דאָס הייסט: אויף אַ הונגער דיעטע!

ערשט שפּעטער, אַז מיר זיינען געוואָר געוואָרן, אַז די פרויען קריגן די זעלבע באַהאַנדלונגען און די זעלבע נאַרמע שפּייז ווי די מענער, ערשט דעמאָלט האָבן מיר געוואוסט וויאַזוי אַפּצושאַצן וואָס פאַר אַ קרבן עס האָט געמוזט זיין פאַר זיי, אַז זיי זאָלן קענען אָפּשפּאָרן גאַנצע פיר פייקעס ברויט מיט פופצן דעקאָ צוקער. ב. איז נישט געווען די איינציקע, וואָס

האָט מכבד געווען איר באַשערטן מיט פיר טעגלעכע פּאָרציעס ברויט, כמעט אַלע פרויען האָבן זיך ווי אָרגאַניזירט פאַר דעם זעלבן צוועק. זיי זיינען טאַקע אַלע צום באַוואונדערן, זיי זיינען אַלע ווערט אַ לויב־געזאַנג דערפאַר!...

אונז איז געווען דערלויבט צו זיין צוזאַמען בלויז צען מינוט. אין די דאַזיקע צען מינוט מוזן מיר אויסדרעשן אַלץ, וואָס איז אונז אויפ׳ן האַרצן; מיר מוזן רעדן וואָס איז אונז אַמוויכטיקסטן.

אַ סך רעדן האָבן מיר סיי־ווי נישט געקאָנט. מיר רעדן מער מיט אונזערע בליקן. מיר האַלזן און קושן זיך. צום גליק בין איך דעם דאָזיקן טאָג געווען אין באָד און דעריבער בין איך געווען ראַזירט, האָב איך אפשר אויסגעזען אַביסל מענטשלעכער און לייטישער.

עס שטייט לעבן אונז אַ שומר, אַ זעלנער, ער באַאָבאַכטעט אַלע אונזערע באַוועגונגען. דער זעלנער פאַרבאָט אונז צו רעדן אויף מאַמע־לשון, אידיש: „פּא רוסקי גאוואריטע!" (רעדט רוסיש!) באַפעלט ער אונז.

„וואָס טוט אָסקאַר?", פרעגט זי מיך.

„אָסקאַר איז צווישן די מינדעריעריקע", ענטפער איך איר „דאָרטן איז אים אַביסל בעסער, ווי דעם דורכשניטליכן אַרעסטאַנט ווייל ער האָט געוויסע פריווילעגיעס. ער אַרבעט אין קיך. ער טראָגט אַרום די קאַנען מיט זופּ איבער די בלאָקן. פון צייט צו צייט געלונגט מיר אים צו זען און אפילו זיך אויסטוישן אַ פּאָר ווערטער. ער זעט גאַנץ גוט אויס!"

„דאָס איז מיין בעסטע ידיעה!" זי איז שטאַרק באַגייסטערט, וואָס איר ברודערל לעבט זיך נישט אַזוי שלעכט, אָבער אין דער זעלבער צייט קען זי זיך נישט צוריק האַלטן אים נישט צו באַדויערן „ער מוז זיך אוודאי געוויג אָנליידן; ער מוז אוודאי שטאַרק בענקען נאָך דער היים, אַזאַ יונגער יאָט; נאָר לאָמיר האָפן אַז מיר וועלן אינקורצן זיין צוזאַמען!"...

ביי די דאָזיקע רייד האָט זי זיך שיער נישט צעוויינט. נאָר עס האָט שוין געגומען אַ סוף צו אונזערע צען מינוט. דער דעזשורנע האָט אונז שוין אָנגעהויבן אונטערצוטרייבן: „פּא ביסטרע דאַוויי!" (מאַך עס שנעל!)

מיר האָבן זיך נאָכאַמאָל הייס צעקשט. מיר האָבן זיך איינגעקלאַמערט איינער איבעם צווייטן און מיר וואָלטן זיך מסתמא קיינמאָל נישט געשיידט, ווען נישט דער דעזשורנע. ער האָט מיך מיט געוואַלד אַוועקגעצויגן.

„איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן! גיב איבער אַ גרוס פאַר אָסקאַר׳ן, האָט איך ביידע אינזינען און גיט אויף זיך אַכטונג!" אַזוי האָט זי מיר נאָכגעשריגן ווען איך בין שוין געווען אין וועג צום בלאָק.

איך האָב נאָכאַמאָל געכאַפּט אַ בליק צוריק. איך האָב איר נאָכגעוואָרפן אַ קוש: „אדיע ב., אַדיע!“ מיר האָבן זיך מער נישט געזען פאַר גאַנצע זיבן יאָר!...

19

אָט איז נאָכאַמאָל פרילינג אויף גאָט׳ס זונדיק וועלטל. די זון שיינט אויפסניי מיט איר גאַנצן צויבער און פּראַכט. די אויגן פון די אַרעסטאַנטן זיינען ממש פאַרבלענד קוקנדיק אין דער זונ׳ס ליכטיקן פּנים אַריין דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטער. וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט דער דרויסן מיט דער תפיסה איז אין דאָזיקן מאָמענט!

עס נאָגט אַן אומהיימלעכע ווייטיק אין האַרץ. אַ פיינלעכע בענקשאַפט נעמט אַרום אונזער גאַנצן וועזן. עס ווילט זיך מיר זייער ווערן אַ שמשון־הגיבור, כדי איך זאָל קענען אויפברעכן די פאַרקראַטעוועטע פענצטער פון דער סטאַרע־בעלסקער טורמע. איך וואָלט אויסגעשריגן מיט אַ קול וואָס זאָל זיך הערן איבערן גאַנצן לאַגער:

„מיר זיינען פריי! ברידער אַרעסטאַנטן, קריכט אַפיר פון אונטער אייערע פינצטערע נאָרעס!“

מיין פאַנטאַזיע פאַרטראָגט מיך זעהר ווייט. די פאַרגאַנגנהייט מיט דער צוקונפט האָבן זיך ביי מיר ווי אויסגעמישט און זיי זיינען געוואָרן אַ שטיק פאַנטאַזיע...

די איינציקעווירקליכקייט וועלכע האָט ביי מיר עקזיסטירט זיינען געוועזן ב׳ס לעצטע ווערטער וועלכע האָלטן מיר אין אין קלינגען אין די אויערן: „לאָמיר האָפן, דאָס מיר וועלן אין קורצן זיין צוזאַמען!“... גאָר גאָר שנעל איז אויך דער קלאַנג און אויך די ווערטער געוואָרן מער פאַנטאַזיע ווי ווירקלעכקייט.

פאַראַיאָרן אין דער צייט, ווי שטאַרק פינסטער מיר האָבן נישט געזען די צוקונפט, האָבן מיר זיך דאָך נאָך געקענט פריי באַוועגן; מיר זיינען געווען צוזאַמען... אַצינד זיינען מיר צעטיילט און ווי נאָענט מיר זיינע איינער פון צווייטן, זיינען מיר, פונדעסטוועגן, אַזוי ווייט!...

מיין איינציקער וואונטש אין דאָזיקן מאָמענט איז געוועזן, דאָס אַמוייבּיקסטנס זאָלן מיינע און ב׳ס עלטערן נישט געוואָר ווערן פון אונזער אומגליק...

נאָך מיין „סוועדאַניע״ מיט ב׳ן האָט נישט גענומען לאַנג און מען האָט אונז פאַראורטיילט אויף דריי יאָר אַרבעטס־לאַגער.

דאָס פאַראורטיילן איז פאָרגעקומען אויף אַ שאַבלאָנעם אופן: אָן אַן אַדוואָקאַט, אָן אַ פאַרטיידיקער; אָן אַ ריכטער און אַ פּראָקוראָר. אַן איינפאַכער נ.ק.וו.דיסט, מיט אַן אויסגעפּרעסענער רויטער מאָרדע, אָן אַ ראַנג, האָט אונז פאָרגעלייענט דעם אורטייל. ער האָט אונז אַרויסגערופן צו צען מאַן און אין דער רייע האָט ער אונז געהייסן אונטערשרייבן דעם אורטייל וועלכן ער האָט אונז פאָרגעלייענט. דער נ.ק.וו.דיסט טוט קיין פּינטל מיט די אויגן ווען ער לייענט דעם אורטייל. ער לייענט עס אַזוי פליסיק אַזוי ווי להבדיל אַ „מזמור״. נאָכדעם ווי מען האָט דעם אורטייל אונטערגעשריבן איז אַלעס געענדיקט און די צווייטע גרופּע פון צען מאַן קאָן שוין אַריינקומען... אייניקע האָבן נישט געוואָלט אונטערשרייבן אַזאַ מאָדנעם אורטייל מיט אַזאַ אויסטערלישער פּראָצעדור, אָבער דער געהיים־פּאָליציסט האָט זיך דערפון נישט געמאַכט קיין וועזן, ווייל סיי־ווי איז דער אורטייל פון אַן „אסאבע־סאָוועשטשאַניע״, פון אַ „טראָיקע״ (דריי געהיימע פּאַרשוינען, ווי להבדיל אַ בית־דין).

„שרייב זיך יאָ אונטער, אָדער שרייב זיך נישט אונטער, דו ברודערקע, ביסט סיי־ווי אַ פאַראורטיילטער!״...

די גאַנצע פּראָצעדור האָט נישט אָנגעהאַלטן מער ווי אייניקע מינוטן און צען מענטשן זיינען אויטאָמאַטיש פאַראורטיילטע!

איך בין נאָך גוט אָפּגעקומען וואָס מען האָט מיך נישט פאַראורטיילט אויף פינף יאָר. אייניקע האָבען מיך אָנגעשראָקן, אַז איך וועל קריגן אַ גרעסערן „סראק״ (טערמין) ווייל איך האָב זיך אויסגעגעבן אַז איך בין אַ ציוניסט און ווייל איך האָב אָנערקענט אַז איך האָב ברודער און שוועסטער אין אַמעריקע... אַ טייל „פּערעביעזטשיקעס״ האָט מען טאַקע פאַראורטיילט אויף פינף יאָר. מייסטנס די, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס אַקטיווע „כאָווירים״; אויך אַזוינע, וואָס זיינען צופעליק געווען צוגעטיילט אין דער זשאַנדערמעריע, ווען זיי האָבן געדינט אין מיליטער, אין רומעניע, אונטער צוואַנג־דינסט.

עס איז זייער שווער געווען צו פאַרשטיין, פאַר וואָס עס קומט איינעם פינף יאָר, דערפאַר וואָס ער האָט געדינט אַלס אַ פּראָסטער סאָלדאַט אין דער רומענישער זשאַנדאַרמעריע און איינעם, וועלכער האָט געדינט אונטערן זעלבן רעזשים, נאָר ער איז געווען אַ פּוס־גייער, קומט נאָר דריי יאָר.

נישט דער ערשטער ווי אויך נישט דער צווייטער האָבן געדינט פרייוויליק אין רומענישן מיליטער!

מילא, אַ געוועזענעם „כאַווער", אַז די „כאַווירים" פאַראורטיילן אַזאַ איינעם אויף אַ לענגערן טערמין ווי אַ פּראָסטן בשר־ודם, דאָס איז נאָך צום פאַרשטיין, אַזאַ איינער איז דאָך אינגאַנצן אין זייער רשות; זיי קענען זיך מיט אים אויפפירן ווי עס געפעלט זיי. שייך זאָגן: „אַן אייגענער!"... אָבער איינער, וואָס איז צופעליקערהייט געווען צוגעטיילט אין דער מיליטערישער זשאַנדאַרמעריע זייענדיק אַ סאָלדאַט אויס צוואַנג — פאַרוואָס זאָל אַזאַ איינער באַקומען אַ האַרבע שטראָף?!

(באַמערקונג: אין רומעניע האָט אַ סאָלדאַט, אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן, געמוזט דינען צוויי יאָר צייט. טאָמער האָט מען אָבער איינעם צוגעטיילט צו דער זשאַנדאַרמעריע, האָט ער געמוזט דינען דריי יאָר. געוויינלעך האָט זיך אַזאַ איינער געפילט אומגליקלעך, גלייך מען וואָלט אַן אומשולדיקן מענטש פאַראורטיילט צו זיין אַרעסטירט מיט אַ גאַנץ יאָר מער).

אויך משה דער רויטער האָט באַקומען פינף יאָר. משה דער רויטער איז געווען אויף אַזויפיל פאַרזיכטיק, אַז ער זאָל זיך נישט אויסגעבן אַלס געוועזענער „כאַווער". ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז אויב ער זאָל דערציילן דעם אמת, אַז ער איז געווען אַן אַקטיווער קאָמוניסט, דעמאָלט וועט מען פון אים פאָדערן דין־וחשבון, פאַרוואָס ער איז געקומען צום גרייטן אינ׳ם סאָוועטנפאַרבאַנד, וואו די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע איז שוין אויסגעקעמפט, און פאַרוואָס ער איז נישט געבליבן אויפ׳ן אָרט, כדי צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט און אינאיינוועגס טאַקע העלפן אויסקעמפן די רעוואָלוציע?!... משה איז אָבער געווען אַ זשאַנדאַר אין מיליטערישן דינסט אין רומעניע און דאָס האָט ער דווקא נישט געהאַלטן פאַר קיין סוד פון די נ.ק.וו.ד. ווייל ער האָט פשוט נישט געוואוסט, אַז דאָס קען זיין אַ חסרון און עס וועט אים שאַטן צום אורטייל. קאַכט ער זיך, משה דער רויטער, ער איז ממש אויסער זיך פון גרימצאָרן:

„איך האָב אַלעמאָל געמיינט, טענה׳ט ער, „אַז די רויטע אַרמיי, און דער עיקר די נ.ק.וו.ד. איז קלאָר אין אַלץ וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט. אַצינד זע איך אַז זיי ווייסן פשוט נישט וואָס עס טוט זיך אָפּ אונטער זייער נאָז! זיי פאַראורטיילן מיך מיט גאַנצע צוויי יאָר מער, ווי אַ געוועזענעם פּראָסטן סאָלדאַט, אַן „אינפאַנטעריסט" (פוס־גייער) ווי גלייך איך

האָב אַ ברירה געהאַט אין וואָס פאַר אַן אָפּטיילונג איך זאָל דינען?! נישט געננוג וואָס איך האָב זיך געמוטשעט מיט אַ גאַנץ יאָר מער אין רומענישן מיליטער, וואו עס איז אויך געווען אַזוי מיזעראַבל ווי אין טורמע, וועל איך זיך נאָך, טאַקע דערפאַר, מוזן פּלאָגן איבעריקע צוויי יאָר אין די סאָוועטישע טורמעס! ווען איך וואָלט וועוען געוואוסט אַז עס איז אַזאַ גרויסער חטא צו האָבן געווען אַ בידנער אומפּריוויליקער זשאַנדאַר, וואָלט איך געווען געזאָגט, ביים דאפּראָס (פאַרהער), אַז איך בין געווען אַ פּראָסטער זעלנער!"

(באַמערקונג: מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סיי די, וועלכע זיינען געווען פאַראורטיילט אויף דריי יאָר, און סיי די, וועלכע מען האָט, ווי משה דעם רויטן, פאַראורטיילט אויף פינף יאָר, זיינען אַלע געזעסן מער ווי פינף און זעקס יאָר...)

„דו טאָרסט אויף זיי קיין פאַראיבל נישט האָבן", האָקט אים איבער איציק בער יונגער מיט זיין בייסיקן הומאָר און עס האָט טאַקע געמאַכט דעם איינדרוק, צווישן עולם, דאָס איציק בער׳ס רייד זיינען ווי קאַלט וואַסער אויף דעם היציקן משה. „עס האָבן דיך דאָך דיינע אייגענע „כאַווירים" פאַראורטיילט אויף פינף יאָר אַנשטאָט אויף דריי יאָר, איז מן־הסתם ווייסן זיי פאַרוואָס זיי האָבן עס געטאָן!... פאַרלאָז זיך נאָר אויף זיי, זיי ווייסן וואָס זיי טוען! מען מעג זיך פון זיי לערנען וויאַזוי צו פייניקן און צו מאַטערן אונטערדריקטע און געפּלאָגטע מענטשן!"...

דער עולם אַרום פאַרשטייט זייער גוט איציק־בער׳ס שטאָך, און כאָטש עס איז קיינעם נישט פריילעך אויפ׳ן האַרצן, מוז מען שמייכלען. נאָר משה דער רויטער איז בלאַס און פרעטשמעליעט, ער קאָן זיך אויף קיין פאַל נישט באַרואיקן. נאָר איציק־בער יונגער איז מיט אים נאָך אַלץ נישט פאַרטיק:

„דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז די נ.ק.וו.ד. האָט דיך אומשולדיקערהייט פאַראורטיילט איבעריקע צוויי יאָר איז עס מסתמא דערפאַר וואָס זיי האַלטן ווי דער „מאַן דאמר": „נותנים עליו חומרא המקום שיצא משם וחומרא המקום שהלך לשם" (אַ זאָג אַזאַ אין תלמוד: מען זאָל אים שטראָפן לויט׳ן האַרבקייט פונ׳ם געזעץ פון וואַנעט ער איז אַוועק; און לויט׳ן האַרבקייט פונ׳ם געזעץ וואו ער איז אַצינד)..

כאָטש נישט איטלעכער פאַרשטייט פּינקטלעך איציק־בער׳ס פּשט׳ל פילט אָבער יעדער אַז עס איז זייער אַ טרעפלעכע אַנאַליזע און דער עולם

אַרום האָט נישט ווילנדיקערהייט געמוזט לאַכן פון איציק־בער׳ס שטעכ־ווערטלעך.

טאַקע דערפאַר וואָס עס איז איטלעכן זייער אומעטיק אויף דער נשמה, ווילט זיך קיינעם נישט אַריינפאַלן אין אַ מעלאַנכאָליע. דעריבער וויצלען מיר זיך אויף׳ן חשבון פון אונזערע אייגענע צרות. אַצינד איז די רייע אויף׳ן אָפיציר וואָס האָט אונז פאַרגעלייענט דעם אורטייל:

„וויפיל יאָרן האָט עס דער „ענקעוועדיסט" אויסגעטיילט אין משך פון היינטיקן טאָג?"...

דאָ נעמען מיר זיך צום סטודענט, צו לאַיאָש יעגער׳ן, מיר נעמען אים אויף׳ן צימבל, אַז ער זאָל זיך באַמיען און גענוי אויס־חשבונ׳ען וויפל יאָר דער נ.ק.וו.דיסט האָט אויסגעטיילט אין משך פון איין טאָג. יעגער פאַרשטייט דווקא אַ שטאָך און ער נעמט זיך ערנסט רעכענען:

„עס איז זייער פשוט", זאָגט יעגער נאָך אַ מינוט ישוב־הדעת — „דערויף ברויך מען נישט האָבן געענדיקט קיין גימנאַזיע: פון אונזער בלאָק אַליין האָט מען היינט אַרויסגערופן דריי הונדערט מאַן. צען פּראָצענט פון די דאָזיקע דריי הונדערט מאַן זענען פאַראורטיילט געוואָרן צו צען יאָר. פינף און צוואַנציק פּראָצענט — צו פינף יאָר; אַלע איבעריקע, פינף און זעכציק פּראָצענט, האָבן באַקומען צו דריי יאָר! איז כּפל׳ט: „דרייסיק מאָל צען, פּלוס פינף און זיבעציק מאָל פינף, פּלוס הונדער־פינף־און־ניינציק מאָל דריי" איז סך־הכל: פערצן הונדערט און זעכציק".

„אַזויפיל עס זיינען היינט אַרויסגערופן געוואָרן מענטשן פון דריי בלאָקס", חשבונ׳ט יעגער ווייטער, „איז, סך־הכל, דריי מאָל אויף אַזויפיל, דאָס הייסט: צווישן פיר און פינף טויזנט יאָר".

= ⦶ =

אויך ב.ן האָט מען פאַראורטיילט אויף דריי יאָר. דאָס האָב איך דער־פאַרן פון אַ סיגעטער מיידל מיט׳ן נאָמען אסתר הובער.

אסתר הובער איז אַריבער געלאָפן די גרעניץ מיט די גאַנץ ערשטע גרופן. זי איז געווען אַן אָרעמע און אַ קראַנקע יתומה. איר פאָטער, אַ שוסטער איז געווען אַ קראַנקער אַלע זיינע יאָרן. ער איז געווען אַ טשע־כאָטניק און ער איז יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט. אסתר׳ס אַ ברודער איז געווען אַן אַקטיווער „כאַווער" אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. האָט

טאַקע דער אַקטיווער ברודער אירער צוגערעדט איר, ווי אויך אַ יונגערן ברודער, אַז זיי זאָלן מאַכן פּליטה קיין רוסלאַנד. ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„דאָ קענט איר זיך קיין גוטס נישט דערוואַרטן! אין בעסטן פאַל קאָנט איר ווי דער טאַטע יונגעהייט אָוועקשטאַרבן, טשעכאָטניקעס... דאָרטן וועט מען אייך וויניקסטנס פּרובירן צו ראַטעווען אין אַ סאַנאַטאָריום״...

אסתר הובער אַרבעט אין קיך, דעריבער האָט זי אַ געלעגנהייט אַביסל פרייער צו באַוועגן זיך איבער׳ן טורמע־הויף. אַלע איבעריקע אַרעסטאַנטן זיינען געווינלעך, אַ גאַנצן טאָג אָפּגעשלאָסן אין בלאָק. אויב אפילו מען לאָזט אונז אַרויס אין הויף פאַר צען מינוט איינמאָל אין צוויי טעג, זיינען מיר אַזוי איזאָלירט אַז מיר זעען קיינעם נישט אויסער די זעלבע מענטשן פון אונזער בלאָק. נאָר איינמאָל אין דער וואָך, ווען עס איז די ריי אויף איינעם פון די בלאָקן צו גיין אין באָד אַריין, דעמאָלט איז פאַראַן אַ געלעגנהייט פאַר׳ן אַלגעמיינעם אַרעסטאַנט, זיך אַרומצוקוקן איבער׳ן הויף און צו כאַפּן אַ זייטיקן בליק. אפילו גייענדיק אין באָד אַריין מוזן מיר גיין אויסגעשטעלט צו פיר אין אַ ריי אונטער דער שטרענגער וואָך פון אַ זעלנער. די וואָך איז אויסערגעווינלעך שטרענג אפילו שוין פאַרצוימטערהייט מיט זיבן צוימען און באַוואַכטערהייט פון די טורעמלעך אויבן און פון די וועכטער אונטן, — האָט מען אונז אַלץ אַן איבעריק מאָל באַוואַכט.

אסתר האָט שוין געוואוסט ווען עס איז די ריי פאַר מיין בלאָק צו גיין אין באָד אַריין. זי פלעגט מיך אָפּוואַרטן ביז איך האָב פאַרביימאַרשירט, מיט אַ גרופּע, אין הויף. זי פלעג פאַרבייגיין נישט ווייט פון מיר און זי פלעג מיר אונטערזאָגן עטליכע ווערטער, אַזוי אַז דער זעלנער זאָל נישט באַמערקן. אויף אַזאַ אופן גיט זי מיר שטענדיק איבער אַ גריס פון ב׳ן.

ביי דער איצטיקער געלעגנהייט האָט זי מיר אונטערגעשושקעט, אַז אויך זי און ב. זיינען ביידע פאַראורטיילט געוואָרן אויף דריי יאָר.

פון צייט צו צייט, וואַרפט זי מיר אונטער אַ בריוול. אויך איך פלעג איר צוריקוואַרפן אַ בריוול. ווען מען כאַפּט אונז וואָלט מען אונז געווען שטרענג באַשטראָפט, מען וואָלט אונז געוועז איינגעזעצט אין קאַרצער און אסתר וואָלט געוועז פאַרלאָרן איר פּריווילעגירטע פּאָסטן, וואָס אין לאַגער איז עס נישט פון די קליינינקייטן.

אַזוי אַרום האָב איך און ב. געקאָנט אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט אין דער סטאַרע־בעלסקער טורמע, ביז מען האָט אונז טראַנספּאָרטירט, — איינעם

קיין צפון און דעם צווייטן — קיין דרום. נאָכדעם האָבן מיר זיך מער נישט געזען פאַר גאַנצע זיבן יאָר און מיר האָבן פּאַקטיש פאַרלאָרן פאַר זעקס יאָר אונזער קאָנטאַקט.

אין די אונטערוואָרפענע בריוועלעך פלעגן מיר זיך קעגנזייטיק טרייסטן; מיר פלעגן אויסדריקן אונזערע געפילן איינער פאַר׳ן צווייטן:

...„זאָלסט זיך פאַר מיר גאָרנישט זאָרגן!“, שרייבט זי מיר אין איין בריוועלע. „גיב אויף זיך אַכטונג! געדענק: דו מוזט לעבן און געזונט זיין אַזוי צוליב זיך ווי אויך צוליב מיר“.

„איך האָב מורא“, שרייב איך איר, „דאָס מען וועט אונז פאַרשיקן קיין סיביר. איך גלויב נישט, אַז מיר וועלן קענען זיין צוזאַמען אין לאַגער (ווי אַ טייל פערעביעזטשיקעס ווילן מיר, און אויך זיך איינרעדן). איך וואָלט זייער צופרידן געווען, ווען מיר וואָלטן אין דריי יאָר אַרום געקאָנט זיין צוזאַמען. הלוואי! אויך דעמאָלט וואָלט איך געווען צופרידן מיט אונזער גורל. נאָר אַזויווי מיר קענען נישט פאָראויס זען וואָס די צוקונפט וועט אונז ברענגען, וואָלט איך דיך געראָטן אָט־וואָס: אויב דו וועסט זיין אין אַ נויט און דו וועסט דעריבער זיין געצוואונגען מיך אויסצוואָרצלען פון דיין האַרץ... וועל איך דיר עס פאַרגעבן! איך האָב דיך, מיין טייערע, אומשולדיקערהייט אַריינגעשלעפּט אין אַ בלאָטע אַריין, דאַרפסטו נישט מיט מיר צוזאַמען מיטזינקען ביז צום אָפּגרונט. ראַטעווע זיך וויאַזוי דו קענסט! איך הער אויף געגנצלעך צו עקזיסטירן ווען עס האַנדלט זיך אין דיין עקזיסטענץ“...

דאָס לעצטע בריוול, וואָס איך האָב דערהאַלטן פון ב׳ן, האָט געהאַט דעם פאָלגענדיקן אינהאַלט:

„דו, מיין ליבלינג, זאָלסט נישט דענקען, פאַר איין סעקונדע אפילו אַז איך וועל דיך אַמאָל אין מיין לעבן פאַרראַטן! איך בין גרייט מקריב צו זיין מיין לעבן פאַר דיר ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט. אָבער איך וועל זיין מיט דיר צוזאַמען אָבער איך וועל אינגאַנצן נישט זיין!“

איך האָב שוין געהאַט גרייט אַ בריוול מיט׳ן אינהאַלט, אַז איך האָב עס פון איר נישט פאַרדינט, אַז זי זאָל מקריב זיין איר אומשולדיק יונג לעבן פאַר מיר, איך בין עס נישט ווערט! נאָר דאָס דאָזיקע בריוול איז צו איר שוין נישט אָנגעקומען. מיר האָבן שוין דעמאָלט געהאַט פאַרלאָרן אַלע אונזערע פאַרבינדונגען.

עס איז מיר געלונגגן צו זען זיך מיט ב׳ס ברודערל ביי איניקע געלעג־גנהייטן. אויך אים, אָסקאַר׳ן, האָט מען פאַראורטיילט אויף דריי יאָר נישט געאַכט דערויף וואָס ער ווערט באַטראַכט ווי אַ „מאלעלעטניק״ (מינדער־יעריקער). אָבער אַלץ האָט ער אַ שטיקל פריווילעגיע, ווי מייסטנס אַלע מינדעריעריקע, און אַלס אַזעלכער האָט ער זיך טיילמאָל געקאָנט אַביסל פרייער באַוועגן איבער׳ן הויף, דעריבער איז אים אַמאָל אויך געלונגען, אַז ער זאָל זיך אַריינכאַפּן אין זעלבן בלאָק, וואו איך בין געווען. ער איז שטאַרק פאַרביטערט, אָסקאַר, ער איז שוין נישט אַזוי נאַאיוו, ווי ער איז געווען די ערשטע צייט, ווען ער איז אָנגעקומען אין טורמע. זיינע כמורנע בליקן וואָלטן זיך געוויזן געפּאַסט פאַר אַ זקן און נישט פאַר אַזאַ יונג אינגל ווי ער. ר׳איז שוין אַ מבין אויף זיך אַליין און ווייסט שוין געבוי אין וואָס פאַר אַ לאַגע מיר אַלע געפינען זיך. ער ווייסט, אַז ער איז, נעבעך, גאָט די נשמה שולדיק! אויך ווייסט שוין אָסקאַר זייער גוט אַז ער איז פאַר־קראָכן אין אַ בלאָטע אַריין קיינמאָל נישט אַרויסצוקריכן פון איר...

עס איז אים איינמאָל געלונגען צו פאַרברענגען מיט מיר צוזאַמען, אין בלאָק, פאַר אַ גאַנצער שעה צייט. איך האָב פּרובירט הייבן ביי אים אַביסל די שטימונג. וויסנדיק, אַז ער האָט אַ גוטע שטימע און אַז ער קאָן שיין זינגען, האָב איך אים געבעטן, אַז ער זאָל עפּעס זינגען:

„זינג אָסקאַר׳ל, זינג עפּעס! עס איז אַזוי נודנע אויף דער נשמה... דו מיט דיין זינגען, בין איך זיכער, אַז ביסט אומשטאַנד אַזוי מיך, ווי טאַקע זיך אַליין, אַביסל אויפמונטערן״.

איך האָב אינזינען געהאַט, אַז אָסקאַר זאָל זינגען עפּעס אַ פריילעכס. נאָר עס איז אים מסתם קיין פריילעכעס נישט געווען אויף זיין געמיט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין נאַרע און מיט זיינע שטאַרע בליקן האָט ער געקוקט צום באָדן און ער האָט איינטאָניק געזונגען אַ ליד וואָס איז געווען דעמאָלט שטאַרק פּאָפּולער צווישן די אידישע אַרעסטאַנטן:

„אויף די גרינע פעלדער, וועלדער,
ליגט מיט קוילן באַדעקט אַ זעלנער,
אוי וויי, אוי וויי!
ליגט מיט קוילן באַדעקט אַ זעלנער,
אוי וויי, אוי וויי, אוי וויי!

„זיין קערפּער איז צעריסן,
פון זיינע וואונדן טוט בלוט פליסן,
אוי וויי, אוי וויי!
פון זיינע וואונדן טוט בלוט פליסן,
אוי וויי, אוי וויי, אוי וויי!

„בישטאָ ווער עס זאָל גיין אויף זיין לויה,
נאָר דאָס פערדעלע דאָס געטרייע,
אוי וויי, אוי וויי!
נאָר דאָס פערדעלע דאָס געטרייע,
אוי וויי, אוי וויי, אוי וויי!

„נישטאָ ווער עס זאָל אַ קדיש׳ל זאָגן,
ווער עס זאָל אַ ליכטעלע טראָגן,
אוי וויי, אוי וויי!
ווער עס זאָל אַ ליכטעלע טראָגן,
אוי וויי, אוי וויי, אוי וויי!

„דער ווינט וועט אַ קדיש׳ל זאָגן,
לבנה און שטערן אַ ליכטעלע טראָגן,
אוי וויי, אוי וויי!
לבנה און שטערן אַ ליכטעלע טראָגן,
אוי וויי, אוי וויי, אוי וויי!

„קומט אַ ווראַנע פון אַ ווייטנס צו פליען,
און שטעלט זיך ביי זיין קערפּער אַפּרוען,
אוי וויי, אוי וויי!
און שטעלט זיך ביי זיין קערפּער אַפּרוען,
אוי וויי, אוי וויי, אוי וויי!
„אַך, ווראַנע, דו שוואַרצער פויגל,
נאַדיר מיינע הענט און לאָז מיר מיינע אויגן!
אוי וויי, אוי וויי!
נאַדיר מיינע הענט און לאָז מיר מיינע אויגן!
אוי וויי, אוי וויי, אוי וויי!

„פלי אַוועק צו מיין מאַמע געשווינד,
זאָג איר, אַז איך בין געזונט,
אוי ווײ, אוי ווײ!
זאָג איר, אַז איך בין געזונט,
אוי ווײ, אוי ווײ, אוי ווײ!

„פון מיין טויט זאָלסטו איר נישט זאָגן,
זי וועט נאָך מיר וויינען און קלאָגן,
אוי ווײ, אוי ווײ!
זי וועט נאָך מיר וויינען און קלאָגן,
אוי ווײ, אוי ווײ, אוי ווײ!"

(עס האָט אונז גענומען, גאַנצע 29 יאָר ביז מיר זיינען געוואָר געוואָרן, אַז אָסקאַר, צוזאַמען מיט דאָדי גאָלדשטיינ׳ען, זיינען מגולגל געוואָרן ערגעצוואו אין קאַזאַקסטאַן. אָסקאַר, מיינענדיק, אַז זיין שוועסטער לעבט נישט, האָט זיין בת־יחידה אַ נאָמען געגעבן נאָך מיין ווייב...)

20

נאָכ׳ן אורטייל האָט מען אונז איינגעטיילט אין אַ מאנאסטיר בלאָק אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען טויזנט מאַן. דער בלאָק איז געווען איינגע־טיילט אין צען הויפּט גרופּן. איטלעכע הויפּט גרופּע איז געווען איינגעטיילט אין צען קלענערע גרופּן. אַזוי די גרויסע ווי די קליינע גרופּן האָבן געהאַט זייער אויפזעער, אַ „סטאַרשי". אַזוי אַרום איז געווען אַ הויפּט אויפזעער איבער אַלע טויזנט מאַן ווי אויפזעער איבער הונדערט און איבער צען פּערזאָן.

זי דאָזיקע איינטיילונג איז געווען בויטיק, כדי עס זאָל זיין אַ סיסטעם ביים פאַרטיילן דאָס עסן, ווי אויך איינצוטיילן די אַרבעט אינ׳ם בלאָק, כדי עס זאָל קענען אויפגעהאַלטן ווערן די אָרדנונג צווישן אַזאַ גרויסן עולם. (עס קלינגט ממש ווי יתרו׳ס פּלאַן פון חומש אין דער פּרשה פון „ואתה תחזה"...).

אינ׳ם בלאָק האָט זיך געטומלט אַ גאַנצן טאָג ווי אין אַ קרעטשמע, צי ווי אויף אַ באַן־סטאַנציע. טיילמאָל האָט זיך מיר טאַקע אויסגעדאַכט,

אַז איך בין דאָרט נאָר דאָ צווייטוויילִיק, און אַז ווען איך וועל האָבן דערליידיקט דאָס, וואָס עס איז נויטיק, וועל איך זיך קענען אומקערן צוריק אַהיים...

אַכט אַזייגער איבערפרי האָט מען אויסגעטיילט די טיי, אַביסל מוטנע וואַרעם וואַסער אָן צוקער. אַרום צען אַזייגער, ווען מען האָט שוין לאַנג פאַרגעסן אין דער טיי, האָט מען אויסגעטיילט פופצן גראַם צוקער. פאַרוואָס מען צוקערט נישט די טיי דאָס קען מען פאַרשטיין, ווייל די לאַגער פאַרוואַלטערס וועלן אפשר האָבן אַ געלעגנהייט צו גנב׳ענען פונ׳ם צוקער, איז דערפאַר אַ פאַראָרדנונג פון דער הויפּט־נאַטשאַלסטווע אַז מען זאָל פאַר די אַרעסטאַנטן געבן דעם צוקער סעפּעראַט, כדי די אַרעסטאַנטן זאָלן נישט האָבן קיין סיבה חושד זיין אַז מען באַ׳גנב׳עט זיי. אָבער פאַרוואָס גיט מען נישט דעם צוקער פאַר דער טיי אָבער אין דער זעלבער צייט ווען מען טיילט אויס די טיי? אויף דעם וואָלט אפשר די לאַגער פאַרוואַלטונג געקאָנט ענטפערן! דאָס איז אָבער נישט דער איינציקער אַבסורד וואָס איז געווען אויפגעפאַלנד אין טורמע.

צום מיטאָג גיט מען אונז, געוויינליך, אַ קרויט זופּ. אויב איינער איז אַ בר־מזל, און עס פאַרבלאָנדזשעט זיך ביי אים אין דער „מיסקע״ (שיסל) אַ שטיקל קאַרטאָפל, איז ביי אים „יאַמטעוו״.

זיינוועלע איז טאַקע געווען אַ גרויסער בר־מזל. ביי אים אין דער שיסל פאַרבלאָנדזשן זיך אַלעמאָל עטלעכע קאַרטאָפל. זיינוועלע ווערט דעריבער שטאַרק באַגייסטערט און אינמיטן עסן באַרימט ער זיך פאַר׳ן גאַנצן עולם אויפ׳ן קול:

„קוקט זיך כאָטש צו אויף טשעקאַוועסט, איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, — גאַנצע פינף קאַרטאָפעל אין איין שיסל!״...

פון די גאַנצע פינף קאַרטאָפל זיינוועל׳ס וואָלט מען קוים געקענט צוזאַמענשטעלן אָן איינציק רעכטבאַשאַפענע קאַרטאָפל, דאָך איז עס אַ גרויסער אויפטו, אַז עס קאָן זיך ביי איינעם אין דער שיסל געפינען פינף שטיקלעך קאַרטאָפל. דער עולם האָט טאַקע זיינוועלן נישט וויניק מקנא געווען...

אָן עקסטרא שטיקל קאַרטאָפל אין דער זופּ איז נישט בלויז דערפאַר אַזאַ גוואַלדאָוונע זאַך ווייל עס קאָן זיך דאַכטן אַז עס וועט טאַקע העלפן שטילן דעם הונגער, נאָר אַ שטיקל קאַרטאָפל אין דער זופּ האָט נאָך איין גרויסע מעלה, וואָס מען פילט דערין אַ היימישן טעם. דאָס איז די הויפּט

סיבה וואָס קאַרטאָפּל איז אַזאַ גרויסע מציאה. אַלע איבעריקע מאכלים וואָס מיר האָבן געגעסן אין טורמע, האָבן אַנגעוואוירן זייער היימישקייט. דאָס ברויט איז געווען מער ענלעך צו וואַפּנע ווי צו ברויט. עס איז געווען האַלב רוי. אפילו דער צוקער, וואָס וואָלט דאָך באַדאַרפט גאָר זיס זיין, (ווייל מיר האָבן נאָר געקריגן צו פּופּצן גראַם אַ טאָג און דאָס אויך נישט איטלעכן טאָג), איז אָבער דער צוקער נישט גענוג ראַפּינירט, אַזוי דאָס נישט געקוקט אויפ׳ן מאַנגעל אין דעם דאַזיקן זיסן פּראָדוקט, אַלץ קענען מיר אונטערשיידן, אַז עס איז נישט דאָס וואָס עס איז אַמאָל געווען!... פון אַלע איבעריקע עסנס, ווי די זופּן אָדער אַ שטיקל הערינג, דערפון איז נישטאָ וואָס צו רעדן. עס האָט נישט געהאַט קיין ניצוץ פון אַ אידישן טעם. אָבער איך מוז אָנערקענען, אַז דער הונגער האָט אונז אויסגעלערנט מער צו פילן זיסקייט און מער טעם אין אַ שטיקל רוי ברויט מיט אַ שטיקל הערינג, ווי אינדערהיים אין דער שבת׳דיקער בולקע און אין די געפילטע פיש...

דער סלעדאָוואַטעל פלעגט טאַקע סטראַשען דעם עולם ביים פאַרהער:

„אויב איר וועט זיך נישט מודה זיין און אויב איר וועט נישט אונטער־שרייבן וואָס מיר הייסן איך, דעמאָלט וועלן מיר אייך פאַרשיקן אין אַן אָרט, וואו אַ שטיקל טרוקן ברויט וועט זיין געשמאַקער ווי אינדערהיים לעקעך!״...

די טעגלעכע פאַרציע ברויט איז אויסגעטיילט געוואָרן אַזייגער פינף נאָכמיטאָג. זייער ווייניק מענטשן קענעןביישטיין דעם נסיון און וואַרטן מיט׳ן שטיקל ברויט, מיט׳ן „לחם־עוני״ ביז זעקס אַזייגער ווען מען וועט אויסטיילן וויעטשערע. דער יעניקער וואָס האָט גענוג ווידערשטאַנדס־פעאיגקייט אין זיך, וואַרט צו אַ שעה, ביז צו דער וויעטשערע, מיט׳ן שטיקל ברויט. דער דאָזיקער האָט דאַן די מעגלעכקייט צו עסן אַ הערלעכן מאָלצייט: אַ טעלער זופּ, אַ שטיקל הערינג, — מיט ברויט! נאָר זייער זעלטן קאָן איינער גובר זיין דעם יצר־הרע און וואַרטן אַן איבעריקע שעה מיט׳ן שטיקל ברויט אין דער האַנט. עסט מען געוויינלעך אויף דאָס ברויט טרוקענערהייט און דעם הערינג מיט דער זופּ האָט מען נאָכדעם אַ ברירה צו עסן אָן ברויט.

די וועלכע שטרענגען זיך אָן, איבער זייערע אייגענע כוחות, צו וואַרטן מיט׳ן שטיקל ברויט כדי נאָכדעם צו עסן אַ וויעטשערע „דע־לוקס״ איז חוץ דעם וואָס זיי מוזן זיך זייער שטאַרק ראַנגלען מיט זיך זעלבסט

אויסצוהאַלטן אַן איבעריקע שעה, און בלויז קוקן מיט תאווה אויפ׳ן ברויט, מוזן זיי האַלטן דאָס שטיקל ברויט, די גאַנצע צייט, אין די הענט. טאָמער איז מען אויף איין מינוט מסיח־דעת דערפון און מען לייגט עס אויף אַ ווײַלע ערגעצוואו, אויף דער נאַרע, צי אפילו אין קעשענע אַריין, ווערט עס פאַרשוואונדן אין איין אויגנבליק...

איציק־בער יונגער האָט זיך איינמאָל צוגעקוקט ווי משה דער רויטער האַלט זיין פּאַרציע ברויט אין דער האַנט און ער וויל אויסשטיין דעם נסיון און צוואוואַרטן ביז צו דער וויעטשערע, כדי ער זאָל כאַטש איינמאָל קענען עסן וויעטשערע מיט ברויט. משה פּרובירט, נעבעך, צו רעדן פון עפּעס אַן אַנדערן ענין ווי עסן, כדי ער זאָל פאַרגעסן אינ׳ם שטיקל ברויט אין דער האַנט.

אינצישן מאַכט אָבער משה אַ באַוועגונג, ווי גלייך ער וואָלט געוואָלט אָפּצופּן כאָטש איין קליין קרישקעלע דערפון און עס פאַרזוכן. ער ווייסט אָבער זייער גוט, אַז טאָמער הויבט ער אָן צו עסן איין כזית, דעמאָלט איז די גאַנצע פּאַרציע אין געפאַר אויפגעגעסן צו ווערן... איציק בער קאָן זיך שוין מער נישט צוריקהאַלטן און ער נעמט משה׳ן ווי געווייגלעך, אויפ׳ן צימבל.

„עס איז אומזיסט צו פאַררעדן זיך די אייגענע ציין און איבערגיין צו אַנדערע ענינים, ווי וועגן עסן, כדי דו זאָלסט אפשר אַזוי אַרום פאַרגעסן אינ׳ם שטיקל ברויט אין דיינע הענט. עס וועט דיר גאָרנישט העלפן!... איך קאָן זיך וועטן מיט סיי וועמען אַז דו וועסט היינט עסן וויעטשערע אָן ברויט!...“

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז איציק בער האָט רעכט געהאַט!...

= ◍ =

אינ׳ם בלאָק איז אָנגעגאַנגען אַ מסחר ווי אויף אַ באַזאַר. מען קויפט און מען פאַרקויפט: מען פאַרקויפט אַ פּאַרציע הערינג פאַר אַ פּאַרציע צוקער; צוויי פּאַרציעס הערינג אָדער צוויי פּאַרציעס צוקער פאַר אַ קרויט־זופּ; צוויי זופּן פאַר אַ פערטל פּאַרציע ברויט, פיר פּאַרציעס הערינג אָדער פיר פּאַרציעס צוקער פאַר אַ פערטל פּאַרציע ברויט און אַזוי ווייטער.

נישט נאָר עסנוואַרג איז גאַנגבאַר אויף דער טורמע־בערזע. אויך קליידונג, ווי שיך, העמדער, זאָקן, סוועטערס, אַנצוגן און מאַנטלען, זענען

גאַנגבאַרע אַרטיקלען. נאָר די „גאָלדענע וואַלוטע״ אויף דער בערזע איז מאַכאָרקע. די רויכערער זיינען שטאַרק אויסגעהונגערט נאָך אַ ביסל רויך, איז פאַרקויפן זיי זיך דעם ביסן פונ׳ם מויל פאַר אַ ביסל מאַכאָרקע. אַ „פּאַטשקע״ (פּעקל) מאַכאָרקע איז ווערט, אויף דער בערזע, צוויי גאַנצע פּאַרציעס ברויט.

די פּאָליאַקן, ווי שוין געזאָגט, האָבן מזל. זיי מעגן קויפן אַ געוויסע נאָרמע מאַכאָרקע פאַר׳ן געלט וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זיך, ווען מען האָט זיי אַרעסטירט. נעמען זיי טאַקע צוויי פּאַרציעס ברויט פאַר איין פּעקל מאַכאָרקע און דאָס העלפט זיי שוין אַרויס אין זייער הונגער־נויט. אָט ווי אַ „מאַכאָרקע־טראַנזאַקציע״ ווערט דורכגעפירט:

עס נעמען זיך צוזאַמען אַכט רויכערער און איטלעכער רויכערער גיט אַוועק אַ פערטל חלק פון זיין פּייקע און מען האַנדלט זיך איין אַ פּעקל מאַכאָרקע און נאָכדעם צעטיילט מען זיך מיט׳ן פּעקל אין אַכט חלקים.

איך האָב טאַקע מזל, וואָס איך בין נישט קיין רייכערער, אָבער דאָך ווער איך, נישט ווילנדיקערהייט, אַריינגעצויגן אינ׳ם מסחר. מען בעט פון מיר אַ גמילת־חסד, — אַ פערטל אָדער אַ האַלבע פּייקע ברויט, כדי די טראַנזאַקציע זאָל קענען דורכגיין אין צייט...

אויך פּאַפּיר איז אַ וויכטיקער אַרטיקל. מאַכאָרקע אַליין אָן פּאַפּיר קאָן מען נישט רויכערן. איז ביי וועמען עס פאַרוואַרפט זיך אַ שטיקל צייטונג פּאַפּיר, גיט יענער אַ שטיקל פּאַפּיר פאַר דריי אָדער פיר צי פונ׳ם פּאַפּיראָס... אַנדערע ווידער קנעטן זיך אויס אַ ליולקע פון ברויט. זיי לאָזן אויסטרוקענען די ליולקע און רויכערן נאָכדעם פון אַ ברויט־ליולקע, אָדער פון אַ ברויט „ציגאַרעטן־שפּיץ״.

אַ פּאַפּיראָס ווערט אויסגערויכערט ביז צום סאַמע סוף. מען ברענט זיך טאַקע אָפּ אַזוי די ליפּן ווי די פינגער, נאָר עס שפּילט נישט קיין ראָלע! דער יצר־הרע פון רויכערן איז גרעסער פון דעם וויטיק.

קיין שוועבעלעך זיינען טאַקע נישטאָ, פונדעסטוועגן איז נישטאָ קיין מאַנגל אין פייער אָנצוצינדן אַ פּאַפּיראָס. עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע שפּיצלעך וויאַזוי אַרויסצובאַקומען פייער. די צוויי פּאָפּולערסטע מיטלען, אַרויסצובאַקומען פייער, איז פון וואַטע און דורך אַ קאָמבינאַציע פון אַ פאַרצעלייענעם קנעפּל און אַ שנאַל פון די הויזן. וויאַזוי דאָס איז מעגלעך? איך וועל פּרובירן עס אויפקלערן:

דער ערשטער מיטל איז גאָר גרינג: מען ציט אַרויס וואַטע פון די

וואַטענע בושלאַטן (מאַנטלען), פּופּייקעס אָדער הויזן, מען וויקלט נאָכדעם צוזאַמען דאָס שטיקל וואַטע אין פאָרם פון אַ ציגאַרעט. דאָס שטיקל וואַטע וועלגערט מען, האַסטיק, מיט אַ שיך הין און צוריק, מיט אַ שנעלקייט וואָס עס איז נאָר מעגלעך, פאַר אַ האַלבער מינוט צייט. נאָכדעם רייסט מען איבער דאָס שטיקל וואַטע אין צווייען און עס ברענט!...

די צווייטע קאָמבינאַציע איז שוין אַביסל מער קאָמפּליצירט: מען דרייט אַ פאַרצעלייען קנעפל אויף אַ טאָפּלטער פאָדעם, וועלכע איז אַריינגעצויגן אין צוויי לעכלעך פונ׳ם קנעפל. מען ציט די פאָדעם פון ביידע זייטן אַזוי אַז דאָס קנעפל דרייט זיך שנעל, שנעל, אַהין און צוריק, און מען רירט צו דאָס קנעפל צו אַ שטאָלענעם שנאָל. די דאָזיקע קאָמ־בינאַציע שאַפט פונקען. כדי די פונקען זאָלן שאַפן פייער האַלט מען דער־נעבן ספּעציעלע האַלב דורכגעברענטע שטיקלעך לייוונט. קוים האָט זיך אַ פונק אַריינגעכאַפּט אין די דאָזיקע שטיקלעך לייוונט, ברענט עס!...

אויפ׳ן פּרימיטיוויסטן אופן פאַרוואַנדלען מיר מאַטעריע אין ענערגיע.

אַזוי ווי דער יצר הרע פון רויכערן איז זייער שטאַרק גרויס און קיין מאַכאָרקע איז נישט אַלעמאָל פאַראַן, טריקנט מען אויס די טיי־בלעטלעך פון דער אינדערפריעדיקע טיי און מען רויכערט עס. מיר שפּילן שאַך. נאָר כדי דאָס זאָל זיין אינטערעסאַנט און אָנציענד, שפּילן מיר אין פאַרציעס צוקער, אין פאַרציעס הערינג, אין אַ פּאַפּיראָס, אַ זופּ צי אַ שטיקל ברויט.

איינער אַ בודאַפּעסטער שאַך־שפּילער, מיט׳ן פאַמיליע נאָמען אַדאַם, גיט אָפּ צו אַ טורעם אַלס אַ קאָנצעסיע און ער געווינט אַלץ. אַדאַם איז דער שאַך־טשעמפּיאָן אינ׳ם בלאָק. האָט טאָקע, אַדאַם, אַלעמאָל צוקער, הערינג, און מאַכאָרקע אין רעזערוו. אַדאַם שפּילט צוטיילמאָל סימולטאַן, מיט מערערע פּערזאָנען ביי פאַרשיידענע פּאַרטיעס אין דער זעלבער צייט. געווינט ער טאָקע, צוטיילמאָל, צו פינף, זעקס פּאַפּיראָסן מיטאַמאָל.

= ◍ =

פאַניע שטראַם, דער פּוילישער איד, מיט וועלכן איך האָב זיך געהאַט באַגעגענט אין דער סטאַניסלאַוווער באַלניצע (לאַזאַרעט) איז אויך אין זעלבן בלאָק, אין בלאָק נומער 11, מיט מיר צוזאַמען. שטראַם האָט זיך זייער שטאַרק געעלטערט זינט איך האָב אים געזען אינ׳ם סטאַניסלאַוווער

לאַזאַרעט. ער קלאָגט זיך פאַר מיר זייער שטאַרק אויף זיין געזונט און אויף זיין שוואַכן אַפּעטיט. אינצווישן בין איך טאַקע געוואָר געוואָרן, אַז שטראַם האָט אָפּגעשפּאָרטע פינף פּאָרציעס ברויט צוליב זיין אַפּעטיט־לאָזיקייט...

איך האָב גרויס מיטלייד מיט אים. עס איז טאַקע אַ רחמנות אויף אים, זיינע פיס זיינען אים געשוואָלן, קוים וואָס ער קען זיך דערשלעפּן צו דער פּאַראַשע... ער האָט זיך מערערע מאָל געקלאָגט פאַר׳ן דזשורנע וועגן זיינע געשוואָלענע פיס און וועגן זיין אַפּעטיטלאָזיקייט, האָט זיך דער דזשורנע אויף אים דערבאַרימט און אים געשיקט אַ פעלדשער.

„דער פעלדשער האָט זיך ניטאַמאָל גענומען די מי אַ טאַפּ טאָן מיינע פיס״, באַקלאָגט ער זיך. „ער האָט בלויז אַ קוק געטאָן. ער האָט נאָכדעם אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועק״...

שטראַם איז שטאַרק פאַרביטערט איבער׳ן גאַנצן סאָוועטישן סיסטעם, ווי אַזוי עס ווערן באַהאַנדלט מענטשן, אומשולדיקע מענטשן, מיט באַרבאַרישע מעטאָדן. אין אמת׳ן איז קיינער נישט צופרידן מיט דער באַהאַנדלונג, וואָס מיר קריגן אין דער טורמע. באַר מיר וייסן שוין צו גוט, אַז עס וועט אונז ווייניק העלפן אונזער ביטערקייט, כאָטש שריי חי־וקים !...

אויב אין דער סטאַניסלאַוער טורמע איז דער בית־הכסא באַשטאַנען פון אַ גרויסן עמער (אַ „פּאַראַשע״ — ווי מען האָט עס אָנגערופן אויפ׳ן טורמע לשון) און עס איז דעריבער געווען זייער אומבאַקוועם פאַר אַן אַרעסטאַנט צו דערליידיקן זיין טעגליכן געברויך, איז דאָ, אין דער סטאַרעבעלסקער טורמע, אין דער הינזיכט נאָך פיל ערגער. פאַר אַ טויזנט קעפּיקן עולם זיינען פאַראַן בלויז דריי פּאַראַשעס, גרויסע פעסער, אין איינעם פון די קאָרידאָרן אינ׳ם קלויסטער בלאָק.

אויף איין פאַס האָבן צו דריי און פיר מענטשן מיטאַמאָל דערליידיקט זייער טעגלעכן געברויך. מען האָט פּשוט, געמוזט זיין אַן אַקראָבאַט, כדי מען זאָל נישט פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט זיצנדיק, מיט די פיס אונטער זיך, אויף די דינע ברעטלעך פונ׳ם פאַס. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזוינע אומבאַקוועמע באַדינגונגען זיינען געוויינלעך פאָרגעקומען פאַטאַלע סצענעס.

אַזאַ ספּעקטאַקל, אַז פיר פאַרשוין זאָלן מיטאַמאָל דערליידיקן זייער מענטשליכן געברויך אין איין פאַס, — אַזאַ וואָס איז זיך שווער פאַרצו־

שטעלן ערגעצוואו אין דער וועלט, חוץ אין אַ סאָוועטישער טורמע!...

פאַר שטראַמ׳ען איז אָט די לאַנגע פיינליכער ווי פאַר איטלעכן. חוץ דעם וואָס ער איז נישט אומשטאַנד צו האַלטן זיין גלייכגעוויכט אויפ׳ן ראַנד פון פאַס, מיט זיינע געשוואָלענע פיס, האָט ער נאָך צו די אַלע צרות מערידן אין אַ גרויסער מאָס.

„פּאַניע שטראַם״, ווענד איך זיך איינמאָל צו אים, „אַזוי ווי איר האָט אייניקע פּאַרציעס ברויט אין רעזערוו, אפשר וואָלט איר כאָטש איין פּאַרציע אָוועקגעשענקט פאַר מיין פריינט, פאַר איציק־בער יונגער׳ן. ער איז זייער אָפּגעשוואַכט און מיט אַן איבעריק שטיקל ברויט וואָלט איר אים ממש דערקוויקט. אין דעם זכות, וואונטש איך אים ווי אַ גוטער איד, „וועט איר אם ירצה השם פילן בעסער און איר וועט זיך ווי אַמשנעלסטן באַפרייען פון די רשעים׳ס הענט און איר וועט האָבן די זכיה צו זיין צוזאַמען מיט אייער הויזגעזינט!״...

שטראַם איז רעליגיעז געשטימט, דעריבער האָב איך פּרובירט שפּילן אויף זיינע רעליגיעזע און סענטימענטאַלע סטרונעס. איך האָב געמיינט, אַז אפשר וועט מיר אַזוי אַרום געלינגען אים איינצורעדן, אַז ער זאָל דערקוויקן אַ אידישע נשמה. כ׳האָב פּרובירט אים אויפמערקזאַם מאַכן, אַז עס פעלן נישט קיין זשוליקעס און סתם גנבים אין אונזער בלאָק און אַז די אַזוי גערופענע „בלאַטע״ חברה וועלן געוואָר ווערן, אַז ער האָט אייניקע פּאַרציעס ברויט אין רעזערוו, דעמאָלט וועלן זיי שוין נישט רוען אַזוי לאַנג ביז עס וועט זיי נישט געלינגען אָוועקצו׳לקח׳נען דאָס ברויט.

נאָר ווי עס זעט אויס איז שטראַם גאָר ווייניק גערירט געוואָרן פון מיינע וויגטשעוואַניעס און מיינע באַמערקונגען וואָס עס אַנבאַלאַנגט די זשוליקעס אינ׳ם בלאָק, ווייל ער האָט מיר קאַלט בלוטיק אָפּגעזאָגט:

„המ, איר ווילט זיין אַ גוטער איבער אַ צווייטנס ביסן!״...

וויפיל איך זאָל נישט איינ׳טענה׳ן מיט אים, אַז אויב איינער איז מחיה איין אידישע נשמה, איז עס גלייך ווי ער וואָלט באַשאַפן אַ גאַנצע וועלט, און אַז איינער איז אומשטאַנד מיט אַזאַ טאַט זיך איינצוקויפן ביידע וועלטן אין איין אויגנבליק, — האָט עס געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.

דעם אַנדערן טאָג איז שטראַם געקומען צו מיר און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט עפּעס וויכטיקס צו רעדן מיט מיר, ער האָט אַ פּראָ־פּאָזיציע פאַר מיר:

„אויב איר וועט פון מיר אָפּקויפן אַלע מיינע עבירות״, זאָגט צו מיר

שטראַם מיט זיין געוויינלעכן קאַלטבלוטיקן טאָן, „דעמאָלט בין איך גרייט איך אַוועקצוגעבן אַ פּאַרציע ברויט״.

עס איז זייער אַן אויסטערלישער משא־ומתן!... נאָר אַזוי ווי דער הונגער איז געווען פּיינלעך, האָב איך נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון. איך האָב מסכים געווען אָפּצוקויפן פון שטראַמ׳ען אַלע זיינע עבירות, וואָס ער איז באַגאַנגען אין זיין גאַנץ לעבן, סיי בשוגג און סיי במזיד. איך האָב דעם ענין גוט איבערגעטראַכט:

סיי ווי האָב איך שוין אויף זיך אַ גאַנצן באַרג מיט עבירות!... אַז איך וועל האַלטן ביים אָפּגעבן דין־וחשבון פאַר דער פמליה של מעלה, וועט דעם שטן מקטרג גאַרנישט שווער אָנקומען צו באַקומען אַ ווערדיקט אויף מיין חשבון, אַז איך בין שולדיק... איך וועל אפילו נישט פּרובירן צו פאַרטיידיקן זיך! שמייסן וועט מען מיך שוין סיי ווי סיי... איז וועל איך העכסטנס אַריינכאַפּן נאָך אַ פּאַרציע מיט שמיץ פאַר נאָך אַ אידישן בעל־עבירה׳ניק!...

ביז וואָס ווען, טראַכט איך ביי זיך, וועל איך האָבן אַ געלעגנהייט צו טיילן זיך מיט אַן איבעריקן ביסן מיט מיין גוטן פריינט איציק בער יונגער. אי איך וועל טאַקע זיך אַליין דערקוויקן דאָס האַרץ פאַר אַ מינוט און אי איציק בער וועט אַריינכאַפּן אַן איבעריקן ביסן. דאָס אַליין איז אויך אַ מצווה! אויף יענער־וועלט קאָן צוטיילמאָל איין און איינציקע מצווה איבערוועגן אַלע אָפּגעטוענע עבירות אויף דער־וועלט; איין פּייקע ברויט קען טיילמאָל איבערוועגן אַלע עבירות!... דאָס איז איינמאָל אַוועק! צווייטנס, דאָס וואָס איך וועל פון שטראַמ׳ען, דעם אונטערדריקטן און געפּייניקטן איד, אַוועקנעמען אַזאַ שווער פּעקל פון זיין געוויסן, „אַלע זיינע עבירות״, דאָס אַליין איז אויך אַ גרויסע מצווה. שטראַם ליידט זיך אַן געגוג יסורים, אַזוי פיזישע ווי גייסטיקע, חוץ־דעם וואָס ער האָט פאַרלוירן זיין פאַמיליע, זיין פאַרמעגן און זיין געזונט האָט ער נאָך אויך די פרייהייט פאַרלוירן; שטראַם ליידט זיך אָן נישט ווייניקער ווי איוב אין זיין צייט, איז זאָל ער כאָטש האָבן אַ שטיקל עולם־הבא׳דיקע באַפריי־דיקונג... זאָל ער זיך פילן ווי אַ ניי־געבוירן קינד, וועלכן דער מלאך האָט נאָר־וואָס אַ שנעל געגעבן איבער דער נאָז...

אַזוי ווי שטראַם האָט אָבער באַמערקט, אַז איך קווינקל זיך נישט צופיל און דאָס איך נעם אָן זיין פּראָפּאָזיציע אָן רעזערוואַציעס און אָן קאָנדיציעס, האָט ער מעשה־סוחר, ביי זיך געטראַכט, אַז אפשר נאַרט

ער זיך גאָר אָפּ מיט׳ן גאַנצן משא־ומתן.. ער האָט אַזויווי געפּילט, אַז ער איז אומשטאַנד צו באַקומען מערער פאַר איין פּאַרציע ברויט. אויב נישט פון מיר איז פון אַ צווייטן. האָט ער טאַקע דעריבער אָנגעהויבן צוריקצו־דרייען דעם מסחר:

„איך וויל״, טענה׳ט ער צו מיר, „אַז פאַר אָט דער פּייקע ברויט (ער האָט געהאַלטן די פּייקע אין דער האַנט) זאָלט איר נישט נאָר האָבן אָפּגע־קויפט אַלע מיינע עבירות, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן אין מיין גאַנץ לעבן, נאָר איך וויל אַז אַלע אייערע מצוות און מעשים טובים וואָס איר האָט געטאָן ביז איצט — זאָלן אויך געהערן צו מיר!״...

איציק בער יונגער און משה דער רויטער האָבן עס באַדאַרפט זיין די לעבעדיקע עדות פון דער טראַנזאַקציע.ביידע האָבן אויסגעהערט מיינע און שטראַמ׳ס קאָנדיציעס. זיי האָט עס טאַקע אַמוזירט אָבער זיי האָבן זיך נישט אַריינגעמישט אין אונזער מסחר,... זיי האָבן געשוויגן... נאָר איצט האָט עס איציק בער שוין נישט געקענט פאַרטראָגן מער. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן ווי גלייך ער וואָלט פּלוצים עלעקטריזירט געוואָרן:

„פּאַניע שטראַם״, זאָגט איציק בער כמעט שרייענדיק, וואָס דאָס איז אויסער זיין געוואוינהייט „אַזאַ גרויסע מציאה פאַרלאַנגט איר פאַר איין פּאַרציע ברויט?!״...

איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען איציק בער׳ן אַזוי אויפגערעגט ווי אין דאָזיקן מאָמענט.

„אַזוינע מציאות, פּאַניע שטראַם, וועט איר ביי אַן אָנשטענדיקן מענטש נישט באַקומען!״ איציק בער ווערט וואָס אַמאָל אַלץ מער אויפגערעגט און זיין שטימע ווערט וואָס אַמאָל אַלץ העכער, „אַזוינע מציאות וואָלט איר אפילו נישט אומשטאַנד געווען זיך איינצוהאַנדלען ביי עפּעס בייטל־שניידערס אויף אַ יאַריד״.

ווען איך וואָלט געווען געדינגען איציק בער׳ן פאַר אַן אַדוואָקאַט, כדי ער זאָל זיין מיין פּאַרטיידיקער אין מיין משא ומתן מיט שטראַמ׳ען, וואָלט ער מיך אויך נישט געקאָנט בעסער רעפּרעזענטירן, איך וואָלט סיי ווי נישט געווען דורכגעפירט דעם משא־ומתן מיט שטראַמ׳ען, אפילו ווען איציק בער וואָלט זיך געווען נישט אַריינגעמישט אין מיינע „ביזנעס״. מיין פּריציפּ איז אין דער אָנגעלעגנהייט נישט געווען דיפערענט; איך וואָלט סיי ווי געווען ביי געקומען דעם יצר־הרע פון פּרעס, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער הונגער איז געווען פּיינלעך...

ביז איצט האָט משה דער רויטער זיך בלויז צוגעהערט צו מיין שמועס מיט שטראַמ׳ען און ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום נייגונג צו זיין מיין קאָנקורענט. נאָר אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז פון מיין מסחר מיט שטראַמ׳ען וועט גאָרנישט אַרויסקומען, האָט ער זיך שוין מער נישט געקענט צוריקהאַלטן און ער האָט זיך אויך אַריינגעמישט, מיט דער כוונה, אַז ער זאָל כאָטש קענען עפּעס געניסן פון שטראַמ׳ען כדי דער מסחר זאָל נישט זיין אינגאַנצן פאַרלוירן:

„משטיינס געזאָגט", האָט זיך משה דער רויטער אַזוי ווי פאַר־ענטפערט פאַר מיר און פאַר איציק בער׳ן, „וואָס פאַר אַ מצוות און מעשים טובים איך האָב זיך עס שוין אָנגעגרייט!"...

משה דער רויטער האָט אַזוי־אַרום אָפּגעקויפט פון שטראַמ׳ען, פאַר איין פייקע ברויט, אַלע זיינע, שטראַמ׳ס, עבירות; פאַר דער זעלבער פייקע ברויט האָט ער שטראַמ׳ען פאַרקויפט אַלע זיינע מצוות און מעשים טובים! פאַר איין פייקע ברויט האָט משה אי געגעבן און אי גענומען: ער האָט געגעבן זיינע מצוות און ער האָט איבערגענומען — עברות!

די טראַנזאַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַלע פיטשעווקעס. איך און איציק בער זיינען געווען די עדות. איבערגעבנדיק די פייקע צו משה׳ן האָט שטראַם זיך געווענדעט צו מיר און צו איציק בער׳ן:

„איר זייט עדות, אַז פאַר דער דאָזיקער פּאָרציע ברויט האָב איך פאַרקויפט אַלע מיינע עבירות פאַר משה בן מיכאל הלוי, ווי אויך פאַר דער זעלבער פייקע ברויט איז משה בן מיכאל הלוי וויליק צו פאַרקויפן אַלע זיינע מצוות און מעשים טובים"...

מיר האָבן זיך טאַקע נישט אונטערגעשריבן אויף אַ „שטר־מכירה" צי אַ „שטר־קניה" (אָדער רופט עס ווי אַזוי איר ווילט!), אַפּלייקענען אויף יענער וועלט, אַז מיר האָבן זיך נישט צוגעהערט צום משא־ומתן וועלן מיר נישט קאָנען.

איציק בער יונגער איז געווען דאָפּלט אויפגערעגט, אי דערפאַר וואָס עס האָט דעם פאַניע שטראַם געלונגען צו כאַפּן אַזאַ ווילדע מציאה, נאָר דער עיקר איז ער געווען אויפגערעגט אויף משה׳ן. גיסט ער טאַקע אויס זיין גאַנצן גרימצאָרן אויף אים מיט דער גאַנצער שאַרפקייט:

„דו מוזט איך זיך האָבן אַ ניצוץ פון עשו־הרשע!", זאָגט צו אים איציק בער „אויך עשו איז געווען אַ רויטער פונקט ווי דו; אויך אים האָט מען גערופן „אדום", וואָס איז דער טייטש, רויטער; און דער עיקר:

אויך עשו האָט פאַרקויפט זיין בכורה, זיינע פּריווילעגיעס — אין איצטיקן פאַל וועל איך עס אָנרופן פּרינציפּן — פאַר׳ן פּרעס, פּונקט ווי דו; עשו האָט געהאַנדלט ווי דו און דו ווי ער!...

די רעשט פּאַרציעס ברויט, וואָס שטראם האָט געהאַט, האָט מען פון אים אַוועקגע׳גנב׳עט...

21

עס איז פאַר פּסח. צוזאַמען מיט מיר אינ׳ם בלאָק אין דער סטאַרע־בעלסקער טורמע זיינען פאַראַן אַ היפּשע צאָל רעליגיעזע אידן, ווי אויך אייניקע רבי׳אישע קינדער. די רבי׳אישע קינדער וועלכע זיינען מייסטנס אין עלטער צווישן אַכצן און צוואַנציק, זיינען אָנגעטאָן אין זייערע סאַמעטענע קאַפּעליושן און לאַנגע אטלאַסענע קאַפּאָטעס. די קאַפּאָטעס נוצן זיי בייטאָג פאַר אַן אויבער בגד און ביינאַכט פאַר אַ צודעק... עס איז אויסטערליש צו זען אָפּגעגאָלטע רבנים אין זייער חסידיש רבנישע מלבושים. אָבער צוקוקנדיק זיך צו זיי זעען מיר נאָך מער, אַז אונזער לאַגע איז נישט אַזוי קאָמיש, ווי טרויעריק...

איינס פון די שווערסטע פּראָבלעמען פאַר די רעליגיעזע אידן אינ׳ם בלאָק זיינען די טריפה׳נע עסנס. אַ גאַנץ יאָר קאָן מען זיך טאַקע נישט אויסהיטן פון טריפות. מען וואַרגט זיך מיט׳ן ביסן אין מויל, אָבער אַז מען וויל זיך מציל זיין דאָס לעבן, מוז מען עסן, וואָס מען גיט און וויפיל מען גיט. נאָר ווען עס קומט צו עסן חמץ אין פּסח, דאָס איז שוין נישט אַזאַ איינפאַכע זאַך! חמץ איז אסור מן־התורה, „במה־שהוא" (אַ ברעקעלע); מען טאָר נישט זען קיין חמץ פאַר די אויגן, פאַר גאַנץ פּסח, אויב עס איז נאָר מעגלעך. עס קומט איינעם „כרת" (פאַרשניטן צו ווערן יונגערהייט פון דער וועלט) רחמנא־לצלן, פאַר׳ן עובר זיין די געבאָטן וועגן חמץ! — וויאַזוי זשע טאַקע קאָן מען זיך עס אַן עצה געבן און אָפּצוראַטעווען דעם אויסגעדאַרטן און אָפּגעצערטן גוף פאַר גאַנצע אַכט טעג?!...

אַז מען זאָל אויפהערן צו עסן דאָס שטיקעלע ברויט, דאָס שטיקל „נהמא־דכסיפא" (שענדלעך ברויט — לויט זוהר לשון), וואָס מען באַקומט טעגלעך, איז מען פּשוט עובר אויפ׳ן געבאָט פון דער תורה: „ושמרתם לנפשותיכם"! (איר זאָלט זיך אָפּהיטן די נשמה)! דאָס שטיקעלע ברויט איז די איינציקע זאַך וואָס דערהאַלט אונז ביים לעבן. אַלע איבעריקע עסנס

וואָס מיר באַקומען, ווי זופּ און טיי, זיינען אַן פּעטס, אַן קאַלאָריעס און אַן וויטאַמינען. איז טאַקע דעריבער נאָר דאָס ברויט וואָס האַלט אונז אויף די פיס. איז פרעגט זיך די קשיא: „וויאַזוי איז עס בכלל מעגלעך צו דערצידירן אויפצוגעבן די איינציקע זאַך וואָס דערהאַלטביים לעבן?!..."

מען חקירה׳ט אַהין און אַהער ביז מען קומט צו איין אויספיר: „לית ברירה"! אַז דער רבונו של עולם האָט אונז געבּרענגט צו אַזאַ גרויסן נסיון, זיינען מיר צו שוואַך אַקעגן אים אַליין, דעם אַלמעכטיקן, אַז מיר זאָלן קענעןביישטיין דעם נסיון אין אַזאַ עת־צרה!...

נאָר אַן אייננאַונאייִנציקער איד אינ׳ם בלאָק, אַ פּוילישער איד מיט׳ן נאָמען מאַרגאָלעס, איז בייגעשטאַנען דעם נסיון אויף אַלע הונדערט פּראָצענט.

מאַרגאָלעס איז שוין נישט קיין יונגערמאַן. ער איז שוין איבער די פופציק, נאָר אויסזען, זעט ער אויס ווי אַ זקן אין די זיבעציקער. ער איז שוין אַרעסטירט זייט אַנדערהאַלבן יאָר. ער איז שוין אויסגעווען אין פאַרשיידענע טורמעס. עס איז שוין דער צווייטער פסח זינט ער איז אַרעסטירט. פאַראַיאָרן איז אים נאָך געלונגען אַריינצובאַקומען אַ „פּערע־דאַטשע" (פּאַקעט) אין דער טורמע. מאַרגאָלעס׳עס קרובים האָט זיך פאַר־אַיאָרן איינגעגעבן אים אַריינצושוואַרצן אין דער טורמע אַריין איניקע מצות, ווי אויך אַ ביסל אויבס, גרינצייג און צוקער. מיט די דאָזיקע מאכלים איז מאַרגאָלעס ווי נישט איז דורכגעקומען די אַכט טעג פסח. אָבער דאָ, אין דער סטאַרע־בעלסקער טורמע, האָט קיינער נישט קיין פאַרבינדונג מיט׳ן דרויסן; מיר זיינען אַ סך מער איזאָלירט ווי די מאַנאַש־קעס זיינען געווען ווען עס איז דאָ געווען אַ מאַנאַסטיר.

ס׳איז אמת, אַז אויך די מאַנאַשקעס זיינען געווען אין דעם דאָזיקן אָרט, אין צאַר׳ס צייטן, איזאָלירט פון דער אויסערלעכער וועלט, זיינען זיי דערפאַר אָבער געווען דאָ פרייוויליק און די אויסערליכע וועלט האָט געוואוסט פון איטלעכער באַזונדער ביים נאָמען וועלכע מאַנאַשקעס עס געפינען זיך אין מאַנאַסטיר. אַצינד ווייסט מען נאָר אין דרויסן אַזויפיל, אַז פונ׳ם מאַנאַסטיר איז געוואָרן אַ טורמע אָבער קיינער, חוץ די נ.ק.וו.ד., ווייסט נישט ווער עס איז ווער אין דער תפיסה.

שוין זינט עטליכע מאָנאַטן אַז מאַרגאָלעס זאַמעלט זיינע אַנדערטהאַלבן דעקאַ צוקער (אַ נישטיקע מאָס וואָס איז קוים גענוג אויף איין שלינג), וואָס ער באַקומט איטלעכן טאָג, כדי ער זאָל האָבן מיט וואָס זיך צו

דערנערן אין פסח...

די גאַנצע אַנדערטהאַלבן יאָר, וואָס מאַרגאַלעס איז אַרעסטירט, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט פאַרזוכט קיין ביסל געקעכטס פון דער קיך, חוץ טיי.

פאַר מאַרגאַלעס׳ן איז דעריבער מער ווי פאַר איטלעכן זיין הויפּט דערנערונג דאָס שטיקעלע ברויט. זיין פּאַרציע זופּ נעמט ער נישט אין דער האַנט אַריין. עס אינטערעסירט אים אַבסאָלוט נישט ווער עס נעמט זיין פּאַרציע געקעכטס אַנשטאָט אים.

איך און איציק בער יונגער גיבן פאַר מאַרגאַלעס׳ן צו אַ פּאַרציע צוקער, אָדער אַ שטיקל הערינג. ער נעמט עס זעהר נישט גערן. ער ווייסט טאָקע זייער גוט, אַז עס האַנדלט זיך ביי אים אין „פּיקוח־נפש״, פונדעסט־וועגן רעכנט ער זיך נישט מיט דעם. ער איז גרייט זיך מוסר נפש צו זיין און אויב נויטיק, וועט ער אומקומען אויף קידוש־השם; ער איז גרייט מקיים צו זיין וואָס אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: „יהרוג ולא יעבור״! (אומקומען און נישט זונדיקן).

מאַרגאַלעס קווינקלט זיך זייער שטאַרק איידער ער נעמט פון עמעצן אַ פּאַרציע צוקער. ער איז זיך משער, אַז מען גיט אים אוודאי דעם צוקער פאַר זיין זופּ. „אַ חזיר׳שע זופּ איז אסור בהנאה״.

אינצווישן דערמאָנט ער זיך אָבער, מאַרגאָלעס, אַז עס רוקט זיך אונטער דער חג־החרות, דער יום־טוב פון באַפרייאונג, דער גרויסער יום־טוב ווען די אידן זיינען באַפרייט געוואָרן פונ׳ם גלות מצרים. צוליב דעם דאָזיקן יום־טוב טאָקע איז חמץ אסור בהנאה און עס קומט איינעם כרת אויב מען איז עובר אויפ׳ן איסור פון חמץ... דעריבער וואָלט ער זייער נישט געוואָלט עובר זיין אויף אָט דער עבירה. דער דאָזיקער געדאַנק וועגט איבער אַלע זיינע קווענקלענישן דערפאַר נעמט ער צו אונטער־טעניקערהייט דאָס ביסל צוקער וואָס מיר גיבן אים. מיט אַ פאַרטראַכטער מינע און מיט אַ שטילן קרעכץ טוט ער אַריין דעם צוקער אינ׳ם לייווענ־טענעם בייטעלע אַריין, וואו עס איז שוין פאַראַן אָנגעזאַמלט אַן ערך פון פיר ביז פינף פונט צוקער.

„זאָלן אויך די דאָזיקע אידן האָבן אַ חלק אין דער מצווה״, טראַכט ער ביי זיך, „מעגלעך, אַז אין דעם זכות און אינ׳ם זכות פונ׳ם חג־החרות, וועלן אם ירצה השם אַלע אידן, מיט מיר צוזאַמען, אויסגעלייזט ווערן פונ׳ם גלות־רוסלאַנד ווי עס זיינען אַמאָל אויסגעלייזט געוואָרן אַלע אידן פונ׳ם גלות־מצרים״...

מאַרגאַלעס איז געווען אַ פּאַרמעגלעכער איד, איידער די סאָוועטן האָבן אַריינמאַרשירט קיין פּוילן. טאַקע דאָס איז די סיבה פאַרוואָס זיי האָבן אים אַרעסטירט.

מאַרגאַלעס איז זייער אַ דעליקאַטער און אַ דאַרער. ער איז אַביסל העכער פונ׳ם מיטעלן וואוקס. זיין געזיכט איז שטאַרק בלאַס און אָפּגעצערט. זיין דאַר און איידל פּנים איז אויסגעטרוקנט ווי דער פּאַרמעט פון אַ ספר תורה. זיין שיטער און קורץ בערדל, — וואָס איז שוין זייער פיל מאָל אָפּגעגאָלט געוואָרן זייט ער איז אַרעסטירט געוואָרן און איז אַלעמאָל אַזוי ווי צוריקגעוואַקסן „איבער נאַכט״, ווי דורך אַ נס — זעט טאַקע אויס ווי די אותיות אויף פּאַרמעט אין אַ ספר תורה... ווען מען קוקט זיך גוט אַריין אין דאָזיקן געזיכט, קאָן מען זייער פיל אַרויסלייענען דערפון! מען קאָן דערקענען, אַז די שכינה רוט אויף זיין צורה. אַזאַ „קלסתר־פּנים״ האָט מסתמא געהאַט משה רבנו ווען די שכינה האָט אויף אים גערוט און זיין, משה רבנו׳ס, פּנים האָט געשיינט...

מייסטנס איז זיך מאַרגאַלעס מתבודד אין אַ ווינקל פון זיין נאַרע. זיצנדיקערהייט קאַרטשעט ער און קנוידערט זיך צוזאַמען ווי אַ טשערע־פּאַכע און זיין שאַל און ער ריכט אָפּ תפילות שטילערהייט.

זיינע גוטע פריינט, מיין ווינציקייט ווי אויך איציק בער יונגער׳ן אַריינגערעכנט, היטן אים אָפּ. מיר האַלטן וואַך איבער אים, אַז קיינער זאָל אים נישט באַאומרואיקן אָדער איזדעקעווען זיך איבער אים. מיר, זיינע געטרייע אידישע פריינט, גיבן שטאַרק אַכטונג, אַז עס זאָל מאַר־גאָלעס׳ן נישט געשען קיין בייז און דער עיקר, מען מוז זיך שטאַרק היטן פון די זשוליקעס אינ׳ם בלאָק, אַז עס זאָל זיך זיי נישט פאַרגלוסטן אַוועק־צונעמען פון מאַרגאָלעס׳ן זיין זעקעלע מיט צוקער. אונטער די אומשטענדן איז ביי מאַרגאַלעס׳ן טייערער דאָס זעקעלע צוקער ווי אַ זעקעלע מיט בריליאַנטן.

איך בין ביי זיך נישט זיכער צי איך האָב אַמאָל אין מיין לעבן געזען אַ מענטש וועלכן איך זאָל האָבן אַזוי באַוואונדערן ווי אָט דעם מאַרגאַלעס׳ן. אויב אַ מענטש איז טיילמאָל ווערט, אַז מען זאָל אים ביים לעבן אָנרופן: „הייליקער״ — דעמאָלט האָט מאַרגאַלעס אוודאי פאַרדינט דעם דאָזיקן נאָמען. ער איז געווען אויסגעהאַלטן מיט זיין פרומער אידישקייט און דערפון האָט ער נישט נאָכגעלאָזט „כקוצו של יוד״... אַזוינע אידן זיינען גרייט זיך מקריב צו זיין אויף קידוש־השם...

חוץ דעם וואָס מאַרגאָלעס איז, ווי זיינע באַקאַנטע גיבן איבער, אַלע זיינע יאָרן געווען אַ פרומער און ערליכער איד מיט האַרץ און זעל, איז ער טאַקע אויך אַ איד אַ תלמיד־חכם.

כמעט אַ גאַנצן טאָג חזר׳ט ער זיך אויף אויסנווייניק פאַרשיידענע קאַפּיטלעך פון זוהר, פון תנ״ך און ציטאַטן פונ׳ם תלמוד. טאָמער האָט זיך עמעצער דערמאָנט עפּעס אַ געדאַנק פונ׳ם תלמוד נאָר דער יעניקער געדענקט נישט דעם גענויעם טעקסט, וועט אים מאַרגאָלעס נישט נאָר דערמאָנען דאָס גענויע לשון, נאָר ער וועט געדענקען פּינקטלעך אין וועלכע מסכת און אויף וועלכן דף דער מאמר געפינט זיך; טאָמער זיינען זיך די רביי׳אישע קינדער מפלפל וועגן אַ דין אין יורה־דעה, אָדער אין מגן אברהם, וועט זיי מאַרגאָלעס גענוי אָנווייזן, אויסנווייניק, אין וועלכן סימן און אין וועלכן סעיף (פּאַראַגראַף) אָט דער און דער דין געפינט זיך.

ס׳איז טאַקע צום באַוואונדערן, וואָס נאָך אַזאַ לאַנגער צייט ווי מאַרגאָלעס איז אַרעסטירט, האָט ער נאָכנישט פאַרגעסן די אַלע זאַכן און זיין זכרון דינט אים נאָך אַלץ אַזוי גוט. בפרט ווען מיר ווייסן, אַז ער האָט פאַר דער גאַנצער צייט נישט געזען קיין אידיש אות פאַר די אויגן, — דעמאָלט ווערט די פליאה נאָך גרעסער.

מאַרגאָלעס איז נישט אויסן צו ווייזן זיין בקיאות אין דער סטאַרע־בעלסקער טורמע. סיי ווי ווייסט איטלעכער, אַז ער איז אַ וואוילקענער, אַ איד אַ תלמיד־חכם אין פּולן זין פון וואָרט. נאָר אַז מען פרעגט אים ענטפערט ער.

= ◍ =

די סדר־נעכט זיינען פאַר איטלעכן אַן אַפּקומעניש. נישט נאָר דער גאַנץ רעליגיעזער עולם פילט זיך ווי פאַרלוירן פון אונטער גאָט׳ס ערד; נישט נאָר דער גאַנץ רעליגיעזער עולם האָט זיך געפילט פאַרלאָזט און געקריוודעט פונ׳ם רבונו של עולם דערמיט וואָס מיר קענען נישט אָפּ־רעכטן אַ סדר מיט אַלע פישטשעווקעס: מיט ווייַן אויף ארבע כוסות און מיט מצות, — נאָר אפילו פאַר אַזוינע פריידענקער ווי משה דער רויטער און איציק בער יונגער האָבן די סדר נעכט אין טורמע אַ ספּעציעלע באַדייטונג.... די דעראינערונגען פון די סדרים אין דער היים זיינען די בריק וואו די פריידענקער און די גאַנץ פרומע האָבן זיך פאַראייניקט. ביי

איטלעכן קען מען אַרויסלייענען דעם זעלבן פּיינליכן איינדרוק...

כאָטש משה דער רויטער האָט שוין בײדע וועלטן פאַרלאָרן, אי עולם הזה און אי עולם הבא, אָלץ דערוועקט זיך אין אים דאָס פּינטעלע איד, וואָס יאָגט אין אים אַריין אונטערבאַוואוסטזיניק עטלעכע פונקן פון סענטימענטאַלער אידישקייט.

אײנדערהיים איז ער טאַקע געווען וואָס אין דער קאָרט: אַן אומקאָמפּרימיסלעכער מאַטעריאַליסט; אַ האַרטער כאַראַקטער אָן סענטימענטן! עס זיינען אים געווען דערווידער אַלע רעליגיעזע טראַדיציעס און צערעמאָניעס: „קלעריקאַליזם"! פלעג ער אָנרופן אַלעס וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט רעליגיע; צו זיצן ביים הסב־בעט מיט זיין פאָטער, דעם רעליגיעזן איד, וועלכער האָט אַלעמאָל געפּראַוועט אַ סדר מיט אַלע פּישטשעווקעס, — איז ביי אים געווען אַן אָפּקומעניש, ווי עס איז אַן אָפּקומעניש פאַר׳ן רעליגיעזן עולם אין טורמע צו עסן טריפה׳נע מאכלים...

איצט רעדט ער גאָר אַנדערע רייד. ער רעדט ווי אַ בעל־תשובה:

„אין דער היים זיצט די גאַנצע משפחה אַרום טיש, מען רעכט אָפּ דעם סדר, מען טרונקט די ארבע כוסות און מען עסט צו דער זעט געלע און ברוינע לאַטקעס מיט די איבעריקע באַ׳טעמ׳טע פסח׳דיקע מאכלים. קיינער פון דער משפחה פעלט נישט ביים טיש, — חוץ איך אַליין!"...

דער משכיל איציק בער יונגער האָט זיך זיין ווערסיע:

„אַז עס וועט מיר נאָך אַמאָל אין מיין לעבן געלונגען צו באַפרייען זיך פון גלות־רוסלאַנד, ווי עס איז אַמאָל געלונגען פאַר די אידן צו באַפרייען זיך פון גלות־מצרים, דעמאָלט וועט ביי מיר דער טאָג, אין וועלכן איך וועל זיך באַפרייען, זיין פאַראייביקט אַלס מיין אינדיווידועלער „חג־החרות"... איטלעכעס יאָר וועל איך פּראַווען אַן אייגנאַרטיקן סדר און אויף אַן אייגנאַרטיקן נוסח וועל איך דערציילן די נסים פון „יציאת־רוסלאַנד"... לחם עוני וועט ביי מיין אייגנאַרטיקן סדר נישט זיין קיין מצות, נאָר שוואַרץ טייגיק ברויט, אַזאַ ברויט ווי די פּייקעס וואָס מיר באַקומען אין דער טורמע. איי וועל איך עס זיך דעמאָלט אָנעסן צו דער זעט!"...

איציק בער יונגער ווי אויך משה זיינען אומגעקומען אין די סאָוועטישע לאַגערן. (דאָס האָב איך דערפאַרן פון אַן עד־ראיה, נאָכדעם ווי איך האָב זיך באַפרייט). איך וועל זיי ביידע קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

יאָ, טייערער חבר איציק־בער, דו האָסט באַצאָלט דעם טייערסטן פּרייז

פאַר דעם סאָוועטישן רעזשים אין וועלכן דו האָסט געהאַט איבערגעטרי־
בענעם נאמנות!... דו האָסט באַצאָלט דעם העכסטן פּרייז!...

22

עס זיינען געווען מיינונגס־פאַרשידנקייטן ביים רעליגיעזן עולם, צי מען זאָל זאָגן די הגדה אין די סדר־נעכט. צום סוף איז איטלעכער געקומען צום אויספיר, אַז מען וועט נאָר אָפּ׳חוזק׳ן פון זיך גופא אָפּריכטנדיק אַ סדר אָן וויין און אָן מצות. די איינציקע זאַך וואָס עס איז פאַראַן אין דער טורמע, נישט אויף אַ סימבאָלישן אופן, — איז מרור!...

„וויאַזוי וועלן מיר קענען זאָגן „עבדים היינו" — טענה׳ט איינער פון די רביי׳אישע קינדער — „וואָס זיינען מיר היינט אויב נישט קיין שקלאַפן?! אויב די אידן אין מצרים זיינען געווען פאַרשקלאַפט צו פּרעה מלך מצרים האָבן זיי כאָטש נישט געהונגערט!"...

דערפאַר אָבער האָבן די קריסטן אינ׳ם בלאָק זיך נישט גע׳חקר׳ט צופיל. זיי האָבן פּרובירט צו פּראַוון זייער „פּסחא" אויף זייער שטייגער. דער דאָזיקער פּלאַץ, דער קלויסטער־בלאָק, איז פּונקט ווי צוגעפּאַסט פאַר דעם דאָזיקן צוועק. עס איז זיכער, אַז דער קלויסטער איז לכתחילה געבויט געוואָרן פאַר׳ן צוועק פון תפילות און נישט פאַר אַ טורמע!... נאָר קוים האָט דער ווידערקלאַנג פון זייערע תפילות דערגרייכט אינדרויסן, איז באַלד אַ הויכראַנגיקער אָפיצער פון דער נ.ק.וו.ד. געקומען צולויפן. פּונקט זיינען די קריסטן, מייסטענס פּאָליאַקן און אוקראַינער, געווען אין אַ נאָסטאַלגישער פּאָזיציע, קניענדיק אויף דער בלויזער ערד מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ און צלמ׳דיק זיך. דער אָפיצער האָט געמאַכט אַ געוואַלט און געקלאַפּט טרעוואָגע, ווי גלייך די פּאָליאַקן וואָלטן זיך געווען געגרייט צו מאַכן אַן אויפשטאַנד אַקעגן דעם תפיסה רעזשים. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער אָפיצער, מיט נאָך איינינקע סאָלדאַטן וועלכע זיינען אינצווישן אונטערגעקומען, האָבן די בעטנדיקע געשטערט אינמיטן פון דער „מאָדליטווע" און זיי נישט געלאָזט פאַרענדיקן די צערעמאָניע...

= ⦀ =

איך האָב מערערע מאָל פּרובירט צו פאַרפירן אַ שמועס מיט מאַר־גאָלעס׳ן נאָר עס האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן. איך האָב פּרובירט דורך

פאַרשידענע וועגן און אומוועגן זיך דורכצורעדן מיט אים, נאָר מיין מי איז אַלעמאָל געווען אומזיסט. וויאַזוי קאָן איך זיך פונאַנדערשמועסן מיט אים אַז איטלעכס וואָרט איז ביי אים מיט אַ רענדל צו מעסטן? בכלל באַנוצט ער זיך מיט זייער וויניק ווערטער בעתן רעדן. אויב ער קאָן זיך באַנוצן מיט אַ באַוועגונג פון זיין קערפער, ווי אַ צוק מיט די אַקסלען, אַנשטאָט אַ וואָרט, איז ביי אים „הכל־ריווח".

איך האָב אָבער אַזוי לאַנג נישט גערוט, ביז איך האָב זיך דער־טראַכט צו פרעגן מאַרגאַלעס'ן אַ פראַגע אויף וועלכער מיט בלויזע באַוועגונגען, אָן ווערטער, וועט ער נישט זיין אומשטאַנד מיר צו ענטפערן, און איינגאַנצן מיר נישט ענטפערן אויף מיין פראַגע האָט ער אויך נישט געקענט. האָט ער מיר איצט דווקא נישט געזשאַלעוועט קיין רייד. איך האָב זיך צו אים געווענדעט כהאי לישנא:

„איר וואָלט מיר אַ גרויסע טובה געטאָן", בעט איך זיך ביי אים מיט אַן אונטערטעניקן טאָן ווי אַ געטרייער תלמיד פרעגט צוטיילמאָל זיין רבי מיט פולן רעספעקט וואָס אַזאַ איינער פאַרדינט עס, „און עס וואָלט פאַר מיר גלייכצייטיק אַ גרויסער כבוד געווען, ווען איר וואָלט זיך באַמיט און מיר דערקלערן די איינטיילונג פון די אידישע ימים־טובים"...

„זייענדיק צוזאַמען מיט אַן עדה אידן וואוילקענערס", זאָג איך אים ווייטער מיט דעם זעלבן טאָן, „ווייס איך טאַקע, אַ דאַנק זיי, ווען עס וועט זיין שבועות און ראש השנה, און אַזוי ווייטער. וואָס וועל איך אָבער טאָן אויב דער גלות וועט, חלילה, אַנהאַלטן און עס וועט מיר אפשר אויסקומען צוטיילמאָל צו זיין איין איד בין־העמים, צי גאָר, אויב עס וועט מיר אויסקומען צו זיין צוזאַמען בלויז מיט פראָסטן „עמך", וואָס וועט נישט קענען אויסרעכענען ווען עס פאַלט אויס אַ אידישער יום־טוב ווי יום כיפור? וועל איך נישט קענען וויסן צי עס איז יום־טוב צי עס איז חול; איך וועל פשוט נישט אומשטאַנד זיין צו וויסן צי עס איז פורים אָדער פסח"...

ביי זיך אַליין בין איך זיכער געווען, אַז איך וועל סיי ווי נישט קענען גאַרנישט אויפטאָן, אין די טורמעס אָדער אין די לאַגערן, ווען איך זאָל שוין אפילו וויסן געגוי ווען עס פאַלט אויס אַ אידישער יום־טוב. נאָר עס האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ סענטימענט אַזאַ, אַז אויב איך וועל וויסן געגוי ווען עס וועט אויספאַלן וועלכער עס איז אידישער יום־טוב דעמאָלט וועל איך בכוח זיין צו שאַפן זיך שטימונגען; איך וועל בכוח זיין פאַרצו־

שטעלן זיך די היים אין דער קעגנוואַרט, נישט געאַכט ווי שרעקלעך זי זאָל נישט זיין, אינ׳ם גלאַנץ פון דער פאַרגאַנגנהייט...

איי, איי, די היים... ווי עס בענקט זיך נאָך איר! וואָס וואָלטן מיר נישט אַוועקגעגעבן כאָטש נאָך איינמאָל אין לעבן צו זיין אינדערהיים צווישן אייגענע! עס זיינען קוים איבערקע חדשים פאַרלאָפן זינט מיר האָבן פאַרלאָזט די היים און עס זעט אויס אין אונזערע אויגן, ווי אַ גאַנצע אייביקייט! מיר ווינטשן זיך אַלע:

„עס אַרט אונז נישט דער טויט אפילו, נאָר נאָך איינמאָל אין לעבן צו זיין אינדערהיים!״...

כמעט איטלעכע נאַכט חלומ׳ט זיך מיר די היים. דער טאַטע און די מאַמע זיינען ביידע אַזוינע כמורנע און בייזע!... איך וואָלט געוואָלט צוגיין צו זיי און זיך איבערבעטן מיט זיי, נאָר עפּעס האָב איך קיין שליטה נישט... זיי הרייען זיך אַוועק פון מיר און זיי ווערן פאַרשוואונדן אין אַן אויגנבליק...

איין נאַכט חלומ׳ט זיך מיר, אַז די מאַמע נעמט אַוועק מיין ברויט פון מיר און זי לאָזט מיך נישט עסן, מיין בידנע שוואַרצע נישט דער־באַקענע פּייקע ברויט... איך שריי געוואַלד:

„מאַמע, מאַמע, גיב מיר צוריק מיין ברויט ווייל איך בין הונגעריק!״...

נאָר לאָמיך זיך צוריק אומקערן צו מאַרגאַלעס׳ן. רעדנדיק מיט אים וועגן דער איינטיילונג פון די אידישע ימים־טובים האָט ער זיך טאַקע נישט געקאָנט אַרויסדרייען און מיר נישט דערקלערן אויף אַ פּראָסטן און פּשוט׳ן אופן ווי אַזוי אויסצורעכענען די כללים פונ׳ם אידישן קאַלענדאַר. ער רייבט זיך איבער׳ן שטערן און ער קאָנצענטרירט זיך זיינע געדאַנקען, ווי אַזוי ער וואָלט מיך געקאָנט אויסלערנען „תורה־כולה״ אויף איין פוס. ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן מיט זיין דערקלערונג:

„האָט גוט אינזינען די אותיות ׳א״ת, ב״ש, ג״ר, ד״ק, ה״צ,ו״פ׳. די דאָזיקע אותיות זיינען סימנים אַ קאָמבינאַציע פון די ערשטע און לעצטע בוכשטאַבן פונ׳ם אלף־בית. די דאָזיקע ראשי־תיבות זיינען סימנים ווי אַזוי אויסצורעכענען די אידישע ימים טובים״. מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער אָנגעהויבן זיין דערקלערונג, ער האָט אינצווישן אַ קרעכץ געטאָן און ער האָט ווייטער פאַרגעזעצט: „צום ביישפּיל: א״ת זיינען די ראשי־תיבות פון אלף של פסח און תשעה־באָב. א׳ איז דער ערשטער טאָג פסח און ת׳ איז תשעה־באָב. דאָס הייסט, אַז טאָמער איז דער ערשטער טאָג

פסח אויסגעפאַלן מאָנטאָג, דעמאָלט וועט תשעה־באב אויך אויספאַלן אין אַ מאָנטאָגדיקן טאָג; ב״ש — זיינען די ראשי־תיבות פון צווייטן טאָג פסח און שבועות; ווען עס פאַלט אויס דער צווייטער טאָג פסח אין דעם זעלבן טאָג וועט אויך אויספאַלן דער ערשטער טאָג שבועות; ג״ר — דער דריטער טאָג פסח, אין טאָג ווען עס וועט אויספאַלן דער דריטער טאָג פסח און דעם זעלבן טאָג וועט אויך אויספאַלן דער ערשטער טאָג ראש־השנה; ד״ק — דער פערטער טאָג פסח, אין טאָג ווען עס וועט אויספאַלן דער פערטער טאָג פסח וועט אויך אויספאַלן שמחת־תורה, וואָס איז באַצייכנט מיט דעם אות ק׳ וואָס הייסט קריאת־התורה (קריאת התורה — שמחת־תורה); ה״ץ — דעם פינפטן טאָג פסח, צ׳ ראשי־תיבות פון צום (פאַסטן — יום־כיפור); ו״פ — ווען עס פאַלט אויס דער זעקסטער טאָג פסח אין דעם זעלבן טאָג איז אויך געווען פורים, פ׳ — דער פאַר־גאַנגענער פורים״.

דאָ האָט מאַרגאָלעס זיך אָפּגערוט פאַר אַ ווייל און מיט אַ פאַרשענדיקן בליק האָט ער מיך אָנגעקוקט, צי איך האָב גרינטלעך באַנומען זיינע סימנים, און צי איז מיר נישט עפּעס אומפאַרשטענדלעך. נאָר אַזוי ווי איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך געדענק אַלץ פּינקטלעך, האָט ער ווייטער פאַרגעזעצט:

„די אידישע צייטרעכענונג איז איינגעטיילט אין מחזורים. יעדער מחזור אַנטהאַלט ניינצן יאָר. אין די ניינצן יאָר זיינען פאַראַן זיבן עיבור יאָרן. די סימנים פון די עיבור־יאָרן זיינען: גו״ח, אדז״ט, דאָס הייסט: דאָס דריטע, דאָס זעקסטע, דאָס אַכטע, דאָס עלפטע דאָס פערצנטע, דאָס זיבעצנטע און דאָס ניינצנטע יאָר פון איטלעכן מחזור זיינען עיבור יאָרן.

„תשרי איז ׳מלא׳, דאָס הייסט, אַז תשרי האָט דרייסיק טעג; טבת איז ׳חסר׳, דאָס הייסט, אַז טבת האָט נאָר ניין־און־צוואַנציק טעג. די אידישע חדשים האָבן נישט ווייניקער פון ניין־און־צוואַנציק טעג און נישט מער ווי דרייסיק טעג. שבט איז ׳מלא׳, אדר איז ׳חסר׳; ניסן איז ׳מלא׳, איר איז ׳חסר׳; סיון איז ׳מלא׳, תמוז איז ׳חסר׳; אב איז ׳מלא׳ און אלול איז ׳חסר׳.

„די חדשים פאַר אַ יום־טוב, ווי צום ביישפּיל, אָדר, וואָס איז פאַר פּסח; אייר וואָס איז פאַר שבועות און אלול וואָס איז פאַר ראש־השנה, — די זיינען אַלעמאָל חסר.

אין אַן עיבור־יאָר איז אדר־ראשון מלא און אדר־שני איז חסר.

חשון און כסלו זיינען טיילמאָל ביידע מלא און טיילמאָל ביידע חסר. נאָר טיילמאָל איז חשון חסר און כסלו מלא.

איידער מאַרגאָלעס האָט געענדיקט זיין אויפקלערונג פאַר מיר, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך זאָל גוט איינזינען האָבן, פאַרוואָס חשון און כסלו זיינען נישט רעגולירט און פאַרוואָס זיי זיינען נישט דאָס זעלביקע איטלעכעס יאָר:

„חשון און כסלו זיינען ספּעציעל נישט רעגולירט, כדי אַז עס וועט בויטיק זיין זאָל מען קענען איבעררוקן אַ טאָג, אַז יום־כיפור זאָל נישט אויסקומען פרייטיק אָדער זונטיק".

מאַרגאָלעס האָט איינציקע מאָל מיט מיר איבערגעחזר'ט די דאָזיקע סימנים. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ביי אַ גינסטיקער געלעגנהייט וואָלט ער מיר געבערענגט גאַנצע ציטאַטן פונ'ם רמב"מ'ס משנה־תורה, נאָר ביי דער איצטיקער געלעגנהייט האָט ער מורא, אַז טאָמער ער וועט צופיל מאריך זיין דעמאָלט וועל איך נישט פיל געדענקען...

כאָטש מאַרגאָלעס'עס קורצע דערקלערונג, איז מיר נישט געווען גענוג, אַז איך זאָל זיך האָבן אויסגעלערנט תורה־כולה אויף איין פוס, האָב איך אָבער דאָך געהאַט מיט וואָס די צייט צו פאַרברענגען; איך האָב זיך געפּלייסט איינצוחזר'ן די הויפּט פּרינציפּן פונ'ם אידישן קאַלענדאַר.

איך בין כמעט זיכער געווען ביי זיך, אַז אויב איך וועל זיך אָנשטרענגען און נאָכפאָלגן די טעג און די חדשים פונ'ם אידישן קאַלענדאַר, דעמאָלט וועל איך קיין טעות נישט מאַכן אין די אויסרעכענונגען, ווען עס פאַלט אויס אַ אידישער יום־טוב. אויסער אין איינצלנע אויסנאַמען האָב איך זיך טאַקע אַלע יאָרן אָריענטירט אין די אויסרעכענונגען.

אַ דאַנק מאַרגאָלעס'ן בין איך געווען בכוח צו מאַכן זיך, אַלע יאָרן פון מיין גלות־רוסלאַנד, אילוזיעס איבער'ן פּראַכט פון די אידישע ימים־טובים אין דער פאַרגאַנגנהייט, ווען נאָר איך האָב געוואוסט אַז עס איז אַ אידישער יום־טוב.

וואָס עס איז געשען מיט מאַרגאָלעס'ן? דאָס זעלבע וואָס עס איז געשען כמעט מיט אַלע וועלכע זיינען געווען אין סטאַראָבעלסקער תפיסה. מען האָט אים פאַראורטיילט און פאַרשיקט קיין סיביר. וואָס עס איז מיט אים ווייטער געשען, וועט מען זיך קענען גרינג פאַרשטעלן, לייענענדיק די ווייטערדיקע קאַפּיטלען...

23

אין איינעם אַן אינדערפרי האָט מען אונז אויפגעוועקט פאַרטאָג. מען האָט אונז געגעבן אויף איינמאָל דאָס עסן פון אַ גאַנצן טאָג: אַ פּאַרציע, אַזוי גערופענע, טיי, אַ שטיקל הערינג און אַנדערטהאַלבן דעקאַ צוקער. דאָס הייסט אַז מען האָט אונז געגעבן פרישטיק, מיטאָג און וועטשערע צוזאַמען. בלויז דער הויפּט ביסן, די פּאַרציע ברויט, האָט געפעלט. וועלן מיר זיך שוין מוזן היינט באַגיין אָן ברויט.

פאַרוואָס איז עס פּלוצלינג געשען אַז די נ.ק.וו.ד. איז אין אַזאַ בהלה אין אַזאַ איילעניש? פאַרוואָס זיינען זיי עס פּלוצלינג אַזוי פאַרטאַרעראַמט און אַזוי באַשעפטיקט מיט אונז מער ווי אַלע מאָל? דער עולם שמועסט, אַז עס איז צוליב דעם, וואָס באַך אין משך פון היינטיקן טאָג וועט מען אונז אַרויפזעצן אויף „טעפּלושקעס" (פּי וואַגאָנען), מען וועט אונז איינ־וואַגאָנירן הייסט עס, און מען וועט אונז אָפּטראַנספּאָרטירן מיט׳ן עטאַפּ. וואוהין וועט מען עס אונז פאַרשיקן, קיינער ווייסט נישט גענוי. אייניקע השערות זיינען, אַז מען וועט אונז פירן אַזש קיין סיביר! אַנדערע ווילן האָבן, אַז מען וועט אונז פירן קיין קאַווקאַז. אייניקע אידן האָבן באַוויזן באותות ובמופתים אַז מען וועט אונז שיקן קיין בירָאַבידזשאַן. קיינער איז שוין אָבער נישט אַזוי נאַאיוו זיך איינצורעדן, אַז מען פירט אונז באַפרייען; אַלע פילן מיר אַז עס איז אויף אונזער גורל אויסגעפאַלן צו וואַנדערן און וואַנדערן ערגעצוואו אין די פאַרוואָרפענסטע ווינקלען פון דער וועלט, פונקט ווי פאַרוואָגעלטע נשמות, וואו מיר קענען אהינקומען און קיינער וועט קיינמאָל נישט וויסן וואו אונזער געביין איז אַהינגעקומען...

אַ בריגאַדע מיט יונגע סאָלדאַטלעך מאַרשירט אַריין אין טורמע הויף. די סאָלדאַטלעך זינגען עפּעס אַ לויבמאַרש פאַר סטאַלינ׳ען. קוים האָבן זיי זיך געיאַוועט אין גרויסן טורמע־הויף, האָט מען צוזאַמענגענומען די אַרעסטאַנטן פון עטלעכע בלאָקען, קנאַפּע צוויי טויזנט מאַן, און מען האָט זיי אויסגע׳שורה׳ט אין לאַנגע רייען איבערן הויף. פאַקטיש זיינען מיר אַריבער אונטער זייער קאָמאַנדע. דאָס ערשטע וואָס די סאָלדאַטלעך האָבן אונז קאָמאַנדעוועט איז געווען, אַז מיר זאָלן זיך אויסטאָן אדם־נאַקעט.

זיי, די סאָלדאַטלעך, זיינען געוואָרן זייער שטאַרק באַשעפטיקט מיט אונז. זיי בדק׳ען אונז און טאַפּן דורך איטלעכס ברודיקע שמאַטקעלע, צי עס איז נישט טיילמאָל וואָס עס איז אויסבאַהאַלטן דאָרט. זיי קוקן אונז

אַריין אין אַלע פאַרבאַרגענע טיילן פון אונזער קערפּער; זיי אַמוזירן זיך און מאַכן זיך פריילעך אויף אונזער חשבון; זיי לאַכן אונז אויס און חוזק'ן פון אונז אויף וואָס די וועלט שטייט. זיי רוימען אונז איין אַ סוד אין אויער אַריין:

„בהמות, אידיאָטן!... איר זענט ווערט דאָס מען זאָל אייך געבן שטרוי צו עסן!"...

מיר האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו זייער גרינגשעצונג, אינגאַנצן אומגערעכט זיינען זיי נישט!...

אַזוי ווי עס איז פרילינג און די זון שיינט איבער'ן גאַנצן טורמע־הויף, האָט אונז נישט געאַרט פאַר וואָס מיר שטייען נאַקעטע. זון שטראַלן האָבן באַלויכטן די נאַקעטקייט פון אונזערע אויסגעדאַרטע גופים אַזוי אַז אונזער נישטיקייט האָט זיך נאָך פיל בולט'ער אָנגעזען... אַפּפינסטערנדיק פאַר חדשים לאַנג צווישן קראַטעס און טורמע־ווענט האָבן מיר אַצינד, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, די ערשטע געלעגנהייט אָנצואָטעמען זיך מיט פרישער לופט און אַריינקוקנדיק זיך אין דער זון האָבן מיר צווישן די בלענדנדיקע שטראַלן געזוכט אַן איין און איינציקע שטראַל ~~וועלכע זאָל אונז אָנזאָגן,~~ אַז מיר וועלן זיך קענען קוואַפּן אין איר, אין דער איינציקער שטראַל פון האָפענונג...

מיר האָבן אַלע געהאַט אַ זייער באַשיידענעם וואונטש: עסן צו דער זעט, האָבן גענוג פרישע לופט און זיין באַשעפטיקט ביי אַן אַרבעט! די לעצטע צוויי, לופט און אַרבעט, האָבן מיר שפּעטער געהאַט פיל מער ווי מיר האָבן זיך געוואונטשן. נאָר וואָס עס אָנבעלאַנגט עסן צו דער זעט איז געוועזן „לא מיט אַ גרויסער אלף"...

שטייענדיק אין הויף פאַר שעה'ן לאַנג האָבן מיר זיך טאַקע אין אָנהייב געקוויקט מיט דער אוקראַאינער מילדער זון ווי מיט דער פרישער לופט. נאָר שפּעטער נאָכמיטאָג, אַז מיר זיינען שטאַרק הונגעריק געוואָרן, האָט אונז נאָר איינאונאיינציקער געפיל באַהערשט — דער געפיל פון הונגער! מיר האָבן אַלע אונזערע חושים קאָנצענטרירט אויף בלויז איין געדאַנק: „ברויט, ברויט און ברויט!"...

אויף דער פרייער לופט האָבן מיר דעם הונגער געפילט נאָך פיל שטאַרקער ווי אַן אַנדערש מאָל. די סאָלדאַטן האָבן אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט זייער פליסיק. זיי זיינען זייער שטאַרק באַשעפטיקט מיט זייער אינספּעקציע. זיי וועקסלען איינער דעם צווייטן בעת איינער גייט אַוועק אָפּעסן, אָבער

מיט אונז, אַרעסטאַנטן, קימערן זיי זיך זייער ווייניק, צי מיר זיינען פאַר־חלש׳ט פון הונגער... ענדלעך האָבן זיי זייערס געענדיקט. מען האָט פאַר אונז געעפנט דעם גרעסטן פון אַלע קלויסטערס אין וועלכן עס זיינען געווען פילפאַכיקע נאַרעס ביז צום סופיט. מען האָט אונז, ווי די הערינג אין אַ פאַס, אַריינגעפּרעסט צוויי טויזנט מאַן אין איין בלאָק. אין דאָזיקן בלאָק האָבן מיר הונגעריקערהייט, אָן דער טעגלעכער פּאָרציע ברויט, איבערגענעכטיקט.

דעם צווייטן טאָג אינדערפרי האָט מען אונז נישט געגעבן אפילו קיין ביסל טיי. אַנשטאָט צו קאָרמענען אונז, זיינען די נ.ק.וו.ד. געווען מער באַשעפטיקט ווי אַלעמאָל מיט זייערע פּראָצעדורעס און פאַראנדקעס פאַר׳ן צוגרייטן אונז צום עטאַפּ. עס נעמט זיי אויפסניי היפשע שעה׳ן ביז עס געלונגט זיי אונז איינצוטיילן גרופּנווייז, איטלעכע קאַטעגאָריע אַרעסטאַנטן צו וועלכן וואַגאָן זיי וועלן געהערן. מען שורה׳ט אונז אַהין און אַהער און מען רופט אונז ביי די נעמען.

אַזוי וואָלט מען אפשר געקאָנט מיינען, אַז דאָס וואָס די נ.ק.וו.ד. טוט מיט אונז מוז זיין אַ זייער נודנע שטיקל אַרבעט, נאָר זעענדיק מיט וויפיל פלייס און געפיל זיי טוען עס, אַז עס גלוסט זיך זיי גאָרנישט צו ענדיקן, זיינען מיר געקומען צום אויספיר, אַז עס מוז זיי שטאַרק אַמוזירן זייער אוממענטשלעכע באַשעפטיקונג!...

אינצווישן אָבער האָבן אייניקע אַרעסטאַנטן אָנגעהויבן צו בונטעווען זיך. זיי שרייען אויף די סאָוועטישע נאַטשאַלניקעס און סתם אָפּיצירן פאַרוואָס זיי פּייניקן עס דעם בידנעם עולם הונגעריקערהייט:

„כאָטש מיר זיינען קרימינאַלניקעס, ווי אַזוי איר ווילט אונז איינ־ריידן, זיינען מיר אָבער באַרעכטיקט צו פאַרלאַנגען דאָס מען זאָל זיך מיט אונז אויפפירן לויט די רעגולאַציעס פון די קרימינעלע פאַרשריפטן! איר מוזט אונז קאָרמענען איטלעכן טאָג מיט זעכציק דעקאַ ברויט! מיר פאָדערן טאַקע אונזערע פּייקעס ברויט פאַר נעכטן און פאַר היינט!“...

די דאָזיקע ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן אַזוי קלאָר און שאַרף, אַז זיי האָבן געמוזט מאַכן אַ טיפן איינדרוק אויף איטלעכן, אַזוי אויף די אַרעסטאַנטן ווי טאַקע אויף די נ.ק.וו.ד.לייט. נאָר די נ.ק.וו.ד זיינען זייער נישט צופרידן ווען אַן אַרעסטאַנט רעדט אין מערצאָל, ווען ער פילט זיך געקריוודעט... עס איז אפילו אַקעגן די קרימינעלע פאַרשריפטן פון סאָוועטישן קאָדעקס... האָט זיך טאַקע דער סאַמע גלאַוונע נאַטשאַלניק

אַליין אָנגערופן מיט אַ שניידנדיקער שטימע, וואָס נאָר אַן אָפיציעלער סאָוועטישע טשינאָווניק איז בכוח, כדי אָפּצואוועגדן דעם איינדרוק פון די אַרעסטאַנטן ווי פון די סאָלדאַטן, וואָס יענער האָט נאָר וואָס אַרויס־געגרופן מיט זיין רעוואָלטירנדיקן טאָן:

„דו, פּראָסטיטוטקע, רעד נאָר אין דיין אייגענעם נאָמען!" שטורעמט דער נאַטשאַלניק מיט אַ ציטערנדיקער שטימע אַקצענטירנדיק איטלעכעס וואָרט באַזונדער „איבעריקנס, עס וואָלט דיר, נידעריקסטע באַשעפעניש פון מענטשליכן מין, פיל געזונטער געווען ווען דו וואָלסט איינגענומען שטימעניש!"...

נאָר ווי עס זעט אויס האָבן אונז דעם נאַטשאַלניקס סטראַשונקעס ווייניק וואָס אָפּגעשראָקן. נישט נאָר האָט ער נישט געקאָנט אָפּוועגדן דעם איינדרוק וואָס דער אַרעסטאַנט האָט אָנגעצונדן מיט זיינע איינפאַכע ווערטער, וועלכע זיינען אונז אַריינגעדרינגען טיף אין אונזער האַרץ אַרויסרופנדיק אונזערע אַלעמענס געפילן, נאָר מיר זיינען נאָך מער אויפגערעגט געוואָרן, צוזעענדיק ווי דער נאַטשאַלניק שפּייט איטלעכן אין פּנים אַריין מיט זיינע חוצפּה׳דיקע ווערטער צו דער הונגעריקער מאַסע; ווי גלייך עס וואָלט דורך אונזער קערפּער דורכגעלאָפן אַן עלעק־טרישער שטראָם, האָבן מיר אַלע אין איין קול אויסגעשריגן:

„גיט אונז ברויט! גיט אונז ברויט! גיט אונז ברויט!"...

פון אייניקע פּאַליאַקן ווילן די סאָלדאַטן אָוועקנעמען עפּעס אַ בעסער רעקל אָדער אַ גאַנצן אָנצוג און אָנשטאָט דעם פּאַליאַקס גוטע זאַכן ווילן אים די זעלבער געבן אַלטע פאַרלאַטעטע וואַטאָקוקעס, בונטעווען זיי זיך טאַקע אויפסניי:

„ביז איך וועל לעבן", שרייט אויס אַ קליינער און אָפּגעצערטער פּאָליאַק ווי אַ סקעלעט, „אַזוי לאַנג וועל איך קיין סאָוועטישע שמאַטעס נישט אָנטאָן!"...

דער קליינער פּאָליאַק ציטערט אַזש פון אויפרעגונג נאָר אינצווישן הערט זיך אַ שטימע פון אַ צווייטן, וועלכער שרייט נאָך העכער פון׳ם ערשטן:

„גיט מיר אָפּ מיינס! פון מיר האָט איר שוין גענוג אָוועקגענומען, איר האָט מיך שוין באַנומען ביז אין ביין! אַצינד ווילט איר נאָך מיין לעצטן גוטן אָנצוג אָוועקנעמען פון מיר?! רויבער באַנדע! באַנדיטן!"

דער טומל האָלט אין איין וואַקסן. עס רופט זיך אָפּ אַ דריטער, אַ

פערטער און אַ פינפטער:

„עס וועט קומען אַ צייט״, שרייט אויס איינער פון דער מאַסע, „ווען איר, נ.ק.וו.דיסטען, נאַטשאַלניקעס און פּראָסטע סאָלדאַטן, וועלען זיין אַנגעטאָן אין די זעלבע שמאַטעס וואָס איר ווילט אונז אָנהענגען!״...

די נ.ק.וו.ד.־ זעענדיק אַז דער ברען פון די אַרעסטאַנטן האַלט זיך אין צעפלאַקערן טאַקע נישט אויף קאַטאַוועס און עס קאָן נאָך אַרויס פון קאָנטראָל, האָבן זיך שנעל אַן עצה געגעבן. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אַן אויסגעפּרוּאווט מיטל וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיי. עס האָבן זיך געיאַוועט אַ כאַפּטע מיט זעלנער אַרום איטלעכן רעוואָלטירנ־דיקן פּאָליאַק און זיי האָבן קאָמאַנדעוועט: „סכאַדיטי זא נאַמי!״ (פאָלגט אונז נאָך!).

די פּאָליאַקן שטעלן זיך טאַקע אַקעגן, אָבער עס העלפט זיי סיי ווי גאָרנישט. די סאָלדאַטן קרייצן די הענט פון די רעוואָלוציאָנערן אַהינטער און שטויסן זיי און שלעפּן זיי אַוועק פונ׳ם המון. מיר קענען באַאָבאַכטן און זען ווי זיי ווערן פאַרשוואונדן ערגעצוואו אין אַ צימערל אַריין. אויך האָבן מיר געקאָנט הערן פאַרשטיקטע יאָמערלעכע קולות און געוואַלדן פון צימערל אַרויס. די נ.ק.וו.ד. האָט די חברה רעוואָלוציאָנערן (אָדער „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן״, ווי אַזוי די נ.ק.וו.ד. רופן די דאָזיקע) געבונדן. מיר האָבן געזען ווי מען האָט זיי געבונדענערהייט אַרויפגענומען אויף אַ וואַגאָן. דאָס איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע אַזאַ מצד די נ.ק.וו.ד. פאַר די אַרעסטאַנטן, אַז מיר זאָלן הערן און זען און מיר זאָלן מורא האָבן!...

אונזער אָנוועזנהייט אין דער סטאַרע־בעלסקער טורמע איז געקומען צו אַ סוף. מען האָט אונז געגעבן אַ קאָמאַנדע, אַז מיר זאָלן זיך אויסשטעלן צו פינף אין אַ ריי. מיר האָבן געמוזט צוזאַמענקלאַמערן אונזערע אָרעמס איינער צום צווייטן און אַזוי געמאַרשירט דורך די סטאַרעבעלסקער גאַסן צו דער סטאַנציע. מיט׳ן סיסטעם, פון האַלטן איינער דעם צווייטן אונטער׳ן אָרעם, האָבן מיר זיך ווי אויטאָמאַטיש אַליין געבונדן די הענט... אַזוי אַרום איז די נ.ק.וו.ד. זיכערער אַז מיר וועלן נישט אַנטלויפן. אונטער דער באַגלייטונג פון אַ גרויסער מחנה באַוואָפנטע זעלנער און הינט זיינען מיר ענדלעך אָנגעקומען צו דער סטאַנציע ביי וועלכער עס איז געשטאַנען אַ גרויסע סטאַטוע פון סטאַלינ׳ען מיר האָבן אַלע אונזערע בייזע חלומות אויסגעבייטעלט צו אָט דעם דאָזיקן אומווירדיקן געץ!...

= ◎ =

ווען מיר האָבן פאַרביימאַרשירט די פאַרקראַטעוועטע וואַגאָנעס פונ׳ם עשאלאָן, אין וועלכן מען גייט אונז איינוואַגאָנירן, האָבן מיר באַמערקט ווי פרויען־פּנים׳ער קוקן אַרויס פון הינטער די פאַרקראַטעוועטע פענס־טערלעך. הייסט עס, אַז אויך פרויען וועלן זיך געפונען מיט אונז אין זעלבן עטאַפּ.

ערשט שפּעט נאָכמיטאָג, איידער דער עשאלאָן מיט דער לעבעדיקער אַרעסטאַנטן סחורה האָט זיך גערירט, האָט מען אונז ענדלעך געגעבן אַ שטיקל ברויט מיט אַ שטיקל הערינג.

הערשל פּאָלאַק איז מיט מיר צוזאַמען געווען אין דער זעלבער טעפּלושקע. ער זאָגט מיר, אַז ער האָט באַמערקט אויף איינער פון די לאַסט מאַשינען, מיט וועלכע מען האָט די פרויען געפירט צו דער סטאַנציע, זיין לאה׳קען און מיין ב׳ן. מיר האָבן ביידע געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אונזערע אויסדערוויילטע ווען מיר זיינען צוזאַמען געפאָרן פון נאַדוואָרנע קיין סטאַניסלאַוו אין זעלבן וואַגאָן. איז אַצינד אַז הערשל פּאָלאַק זאָגט מיר, אַז ער האָט לאה׳קען און ב׳ן צופעליק געזען צוזאַמען ווען מען האָט זיי געפירט צו דער סטאַנציע, איז עס טאַקע לאָגיש אַז זיי פאָרן מיט אונז צוזאַמען אין זעלבן וועג אַריין.

ענדלעך האָט דער צוג גערירט, מיר פאָרן און פאָרן. נאָר אין אמת׳ן שטייט דער צוג מער ווי ער פאָרט. ביי איטלעכער סטאַנציע שטייט דער עשאלאָן פאַר שעה׳ן און שעה׳ן. טיילמאָל ווערט דער עשאלאָן פאַרוואָרפן ערגעצוואו אויף אַ זייטיקער ליניע און דעמאָלט רירט ער זיך נישט פון אָרט פאַר אַ טאָג אָדער צוויי.

וואָס איז עס דען אייגנטלעך פאַר אַן אונטערשיד צי דער עשאלאָן פאָרט, צי ער שטייט? נאָר אַז דער צוג פאָרט קאָן זיך אונז נאָך טיילמאָל אויסדאַכטן, אַז מיר דערנענטערן זיך צום ציל. צו וועלכן ציל??!

מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן כאַרקאָוו. אין כאַרקאָוו איז דער עשאלאָן געשטאַנען פאַר אַ גאַנצן מעת־לעת. פון כאַרקאָוו זיינען מיר געפאָרן קיין קיעוו. אויך אין קיעוו שטייט דער עשאלאָן אַ מעת־לעת. ענדלעך מיר זיינען אָנגעקומען קיין מאָסקווע! דאָס איז געווען דעם ערשטן מאַי...

דער עולם אין וואַגאָן מאַכט זיך נאָך אַלץ פאַרשידענע אילוזיעס וואוהין מען פירט אונז. נאָר נאָכדעם ווי דער עשאלאָן האָט גערירט פון מאָסקווע און ער האָט זיך געקירעוועט אין דער ריכטונג פון גאָרקי (געוועזן ניזשני־נאָווגאָראָד), האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז מען פירט אונז

צו צפון. נישט נאָר האָבן מיר עס געקאָנט פאַרשטיין מיט׳ן בלויזן שכל, נאָר מיר האָבן עס געפילט אויך, מיט אונזערע רמ״ח אברים...

24

די סאָלדאַטן וועלכע טיילן אונז אויס דאָס עסן אין די וואַגאָנעס פירן מיט אונז מסחר. לעגאַל איז עס זיי טאַקע נישט דערלויבט, אָבער ווער וועט עס זיי דאָ, אונטערוועגנס, נאָכקאָנטראָלירן, צי זיי פירן זיך טאַקע אויף לויט די שטרענגע סאָוועטישע רעסטריקציעס וואָס עס איז שייך אַ זעלנער און אַן אַרעסטאַנט און ווער וועט עס זיי מסור׳ן און פאַר וועמען וועט מען זיי מסור׳ן אַז זיי ברעכן די סאָוועטישע געזעצן? חוצדעם, פאַרקוקן די נאַטשאַלסטווע די געשעפטן פון די זעלנער, איין הונט דעם צווייטן בייסט נישט!

די זעלנער קויפן זיך אָן פון אונז אָנצוגן און מאַנטלען פאַר ברויט און מאַכאַרקע. זיי זאָגן אונז צו מער ווי וויפיל זיי גיבן אונז, אָבער דער מסחר גייט אָן.

אויך איך האָב מיט זיך געהאַט צוויי אָנצוגען און אַ מאַנטל אין מיין באַגאַזש. דער שענסטער אָנצוג מיינער, דער שבת׳דיקער, איז געווען אַ טונקל בלויער. אַ סאָלדאַט האָט דערזען מיין טונקל בלויען אָנצוג, איז ער שיער נישט געוואָרן די כפרה פאַר אים:

„וואָס ווילסטו פאַר דיין טונקל בלויען אָנצוג״, זאָגט ער צו מיר אין איין אָטעם, „זאָג און איך וועל דיר געבן!״

דער סאָלדאַט בעט זיך טאַקע ביי מיר אַז איך זאָל אים פאַרקויפן דעם אנצוג אָבער איך בין זייער קאַלט צו זיין אָנבאָט. נאָר ער לאָזט מיך נישט אָפּ:

„וואוהין דו גייסט וועט מען דיר דעם דאָזיקן אָנצוג סיי ווי אָוועקנעמען, צי מען וועט אים פון דיר צו׳לקח׳נען. איז צו וואָס זשע טויג עס דיר דאָס דו זאָלסט זיך אַרומשלעפּן מיט איבעריקן באַגאַזש כדי מען זאָל האָבן פון דיר וואָס אַוועקצונעמען נאָכדעם?! פאַרקויף מיר דעם אָנצוג״, האַלט ער זיך אין איין בעטן צו מיר, „און איך וועל דיר גוט באַצאָלן. דו באַקומסט פון מיר צוויי ציגעלנע ברויטן ווי אויך צוויי פאַטשקעס מאַכאַרקע״.

דער סאָלדאַט האָט דווקא געזאָגט דעם אמת; ער האָט געוואוסט וואָס ער רעדט. דאָס האָב איך זיך ערשט שפּעטער איבערצייגט. נאָר פאַר׳ן

מאָמענט האָב איך נישט געוואָלט גלויבן. נאָר אַלץ האָב איך זיך געלאָזט פון אים איבעררעדן און איך האָב אים פאַרקויפט דעם אַנצוג, נישט פאַר קיין צוויי ציגעלנע ברויטן און צוויי פּאַטשקעס מאַכאָרקע ווי ער האָט מיר געהאַט צוגעזאָגט, נאָר איך האָב אים אָװעקגעגעבן דעם אַנצוג פאַר בלויז איין לאַבן ברויט. ומעשה שהיה כך היה:

איך בין געווען אונטער׳ן איינדרוק פון הערשל פּאָלאַקס אָפּטימיס־טישער אויסרעכענונג, דאָס אויך אונזערע געליבטע קומען מיט אונז דעם גאַנצן וועג אונטער דער זעלבער קאָמענדאַטור. דעריבער האָב איך ביי זיך געטראַכט אַט וואָס:

„איצט וועל איך האָבן אַ געלעגנהייט, מיין טייערע ב., דיר צוריקצאָלן פאַר דיין ברייטהאַרציקייט וואָס דו האָסט מיר אַרויסגעוויזן אין דער סטאַרע־בעלסקער טורמע ביי אונזער „סווידאַניע״, ווען דו האָסט מיר געגעבן גאַנצע פיר פּאַרציעס ברויט און אַ בייטעלע מיט צוקער וואָס דו האָסט פון דיין מויל אָפּגעשפּאָרט; אַציגד האָב איך די גינסטיקסטע געלעג־נהייט דיר צוריקצוצאָלן מיט ברויט פאַר ברויט!״...

ביז קיין כאַרקאָוו זיינען טאַקע די וואַגאָנען מיט די פרויען געווען צוגעטשעפּעט צום זעלבן עשאַלאָן. אין כאַרקאָוו האָט מען אָבער די פרויען־וואַגאָנען צוגעטשעפּעט צו אַן אַנדערן עשאַלאָן וועלכער האָט זיך פאַר־קירעוועט אין גאַנץ אַן אַנדערער ריכטונג, קיין דרום צו, קיין מיטל־אַזיע.

איך טענה מיט׳ן סאָלדאַט דאָס נאָר מיט איין באַדינג בין איך גרייט צו פאַרקויפן פאַר אים מיין שבת׳דיקן בלויען אַנצוג אויב ער נעמט זיך אונטער איבערצוגעבן איין לאַבן ברויט צו מיין געליבטער, פאַר ב׳ן.

אין אָנהייב האָט דער סאָלדאַט נישט פאַרשטאַנען וואָס איך בין אויסן; ער האָט בכלל שווער פאַרשטאַנען מיין צעקאַליטשעטן רוסיש וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט זייענדיק אין טורמע. נאָר נאָך שווערער איז אים געווען צו באַגרייפן וואָס איך האָק אים אַ טשיינין מיט עפּעס אַ פרוי... נאָר עס האָט נישט גענומען פיל און ער האָט זיך אָנגעשטויסן וואָס איך מיין. הערשל פּאָלאַק האָט מיר אַביסל אַרויסגעהאָלפן מיט זיין אוקראַינישן לשון אַזוי אַז דער סאָלדאַט האָט שוין געגנוי געוואוסט מיר וואָסערע „יאַלדן״ ער האָט צו טאָן און וואָסערע פאַרשווינען מיר זיינען בכלל... ער האָט זיך אונטערגענומען נאָכצוקומען מיין פאַרלאַנג, מיט איין באַדינג, אַז ער זאָל מיר נישט דאַרפן געבן די צוגעזאָגטע צוויי פּעקלעך מאַכאָרקע... באין ברירה האָב איך אויך דערויף מסכים געווען. דער סאָלדאַט האָט מיר אפילו

געגעבן זיין „טשעסנאַיע־סלאַווא״ (ערן־וואָרט) דאָס ער וועט מיין וואונטש דערפילן.

אַזוי אַרום האָב איך גענומען מיט אַ לאַבן ברויט און צוויי פעקלעך מאַכערקע ווייניקער פאַר מיין שיינעם שבת׳דיקן אָנצוג!...

עס איז אָבער ווערט געווען!...

איך האָב דערפאַר געהאַט אַ גרויסע סאַטיספאַקציע פאַר אַ ווייל. איך בין דעם גאַנצן וועג געווען אונטער׳ן איינדרוק, אַז איך האָב מיין געליבטער ב׳ן געמאַכט אַ גרויסן סורפריז מיט׳ן לאַבען ברויט וואָס דער סאָלדאַט האָט איר איבערגעגעבן... איך האָב איר געוויזן, אַז איך בין אומשטאַנד צו זיין אַ קאַוואַליער אפילו אונטער אַזוינע אומשטענדן!..

ווי נאַאיוו האָב איך עס, נעבעך, געמוזט זיין האַדעווענדיק זיך מיט אַזוינע פאַלשע אילוזיעס! נאָר נישט ווייניקער נאַאיוו איז געווען הערשל פאַלאַק. אוי האָט ער מיך מקנא געווען!... ווי גליקלעך וואָלט ער זיך געוועזן געפילט אין דאַזיקן מאָמענט, ווען אויך ער וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט אויפצוטאָן אַזאַ וואַזשנע זאַך! וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן עס וואָלט אים געווען פאַרשאַפט, ווען אויך ער וואָלט אומשטאַנד געווען צו קענען אַרויס־ווייזן די זעלבע געפילן פאַר זיין אויסדערוויילטער, פאַר זיין לאה׳קען, ווי איך האָב עס נאָר וואָס באַוויזן צו טאָן פאַר ב׳ן...

אויך ביי דעם איצטיקן עטאַפּ האָט זיך אונזער עשאַלאָן באַגעגנט מיט אַ צווייטן, וועלכער איז געווען אָנגעלאָדן מיט בהמות. די בהמות קוקן אַריבער צו אונז און זיי בעטן זיך ביי אונז אויף זייער בהמה׳ש לשון, אין וועלכן עס פילט זיך דער קלאַנג פון טיפן צער: „מו־מו־מו־ו!״ און פלאַי־פלאַים, אויך די וואַגאָנעס מיט די בהמות זיינען פאַרקראַטעוועט פונקט ווי אונזערע וואַגאָנעס!... צי האָט דען דער סאָוועטישער רעזשים מורא דאָס אפילו בהמות וועלן רעוואָלטירן?...

מיר, פערעביעזשיקעס, זיינען אָן אַ צווייפל כשר׳ע בהמה׳לעך... פשוט דערפאַר וואָס מיר האָבן זיך פרייוויליק געלאָזט שפאַנען!...

25

ווען אונזער עשאַלאָן מיט׳ן עטאַפּ האָט געריכט פון סטאַרע־בעלסק איז דאָרטן, אין אוקראַינע, געווען אַ מחיה אויף גאָט׳ס וועלטל. די פעלדער צעוואָרעמטע פון דער פרילינגדיקער זון, זיינען שוין געווען צעאַקערט

און פּאַרזייעטע. שיינענדיקע מיט זייערע גרינע קאָלירן און ניואַנסן האָבן זיי פּרעזענטירט פאַר׳ן אַרום זייער צויבער און פּראַכט. די ערשטלינג שפּראָצונגען פון אַלערליי געוויקסן האָבן שוין אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּעלעך פון דער ערד.

אין די סעדער האָבן שוין די ביימער געבליט אין כלערליי קאָלירן. די בעז און אַקאַציע ביימער האָבן פאַרשפּרייט זייער כישוף׳דיקן ריח אינ׳ם חלל אַרום. אפילו די קראַטעס האָט דער דופּטיקער ריח באַזיגט, אַריינ׳גנב׳נענדיק זיך צווישן די תפיסה מויערן...

אויך דאָס שפּילן פון אַ האַרמאָשקע צום טאַקט פונ׳ם אוקראַאינישן ליבע ליד „העי־אוכנעם״ האָט דורכגעריסן אַזוי די קראַטעס ווי די דיקע טורמע ווענט. דאָס געזאַנג פון די פויערים און פויערטעס האָט זיך אויס־געמישט מיט׳ן צווישטשן פון די פרייע פייגל, וועלכע פליען אַרום צווישן די בליענדיקע ביימער, זינגענדיק שירה צום אַלמעכטיקן, וועלכער לאָזט זיי אַזוי פריי אַרומשוועבן איבער דער ברייט און איבער דער לענג פון דער וועלט.

אָט דאָס אַלץ איז געווען אין אוקראַאינע! נאָר קוים האָבן מיר זיך דערווייטערט פון אוקראַאינע און מיר האָבן אָנגעהויבן צו דערנענטערן זיך צו „מאַטיושקא ראַסיי״, אַלץ כמורנער און קעלטער איז געוואָרן דער אַרום.

נישט נאָר דערווייטערט אונז איטלעכער דריי פון די רעדער פונ׳ם לאָקאָמאָטיוו אַלץ מער און מער פון אונזער היים, נאָר מיר ווערן אַלץ מער דערווייטערט פונ׳ם פרילינג און אַלץ טיפער און טיפער אַריינגעצויגן אינ׳ם ווינטער.

אויף אונזער רייזע האָבן מיר באַקומען געגנוי אַזאַ סאָרט עסן ווי ביים ערשטן עטאַפּ, ווען מען האָט אונז געפירט פון סטאַניסלאַוו קיין סטאַרע־בעלסק. נאָר אַזויווי אונזער איצטיקער עטאַפּ וועט געדויערן לענגער ווי דער ערשטער עטאַפּ האָט מען דעריבער פאַר אונז מיט איין קליניקייט פאַרבעסערט דאָס עסן: מען האָט אונז צוגעטיילט טעגלעך אַן עקסטראַ צען דעקאַ געקאָכטע קאַשע.

די נ.ק.וו.ד. ווייסט וואָס פאַר אַ שווערער וועג עס שטייט פאַר אונז און וואָס עס דערוואַרט אונז נאָך דעם ווי מיר וועלן שוין בשלום האָבן אַריבערגעקומען אונזער רייזע... איז ווייסן זיי זייער גוט, אַז אויב זיי וועלן אונז נישט כאָטש איין ביסעלע מער אײנזינען האָבן, דעמאָלט וועלן מיר אָנקומען אין די שקלאַפן לאַגערן אַריין נישט טויט און נישט לעבעדיק

און נאָך דעם וועלן מיר נישט זיין בכוח צו אַרבעטן פאַר זיי די אומזיס־טיקע שקלאַפן־אַרבעט אין וועלכער זיי נויטיקן זיך...

נאָך איין זאַך האָט זיך נישט געענדערט: דער מאַנגל אין וואַסער (וועגן וואַשן די הענט קען גאָר קיין רייד נישט זיין!). דער דורשט איז פונקט אַזוי גרויס ווי ביים ערשטן עטאַפּ. עס העלפט נישט קיין קלאַפּן אין די טירן ווען דער עשאַלאָן שטעלט זיך אָפּ ביי אַ סטאַנציע.

אינדערפרי ווען מיר זיינען הונגעריק און מיר קריגן דאָס טרוקענע שטיקל ברויט מיט׳ן געזאַלצענעם שטיקל הערינג כאַפּן מיר זיך צו דערצו ווי צו אַ געבראָטענס. נאָר קוים האָבן מיר אָפּגעגעסן פּלאָגט אונז דער דורשט פיל מער ווי פריער דער הונגער.

די הויפּט וועכטער פונ׳ם עטאַפּ קומען אַריין איטלעכע נאַכט אין די וואַגאָנעס מיט גרויסע לאַמטערנעס און זיי ציילן אונז איבער, צי מיר זענען נישט אַנטלאָפן, נאָכ׳ן איבערציילן קלאַפּן זיי אַרום די וואַגאָנעס, מיט גרויסע הילצערנע האַמערס, פון אַלע זייטן, כדי צו זיין זיכער, אַז די וואַגאָנעס זיינען אין גוטן צושטאַנד און צי עס איז נישט טיילמאָל עפּעס אַ ברעט צעבראָכן געוואָרן, אָדער צי האָט נישט ווער עס איז פון די אַרעסטאַנטן לויז געמאַכט אַ ברעט אינ׳ם וואַגאָן כדי על זאָל קענען אַנט־לויפן. אַזוי טאָג איין און טאָג אויס. אַלץ געגנוי ווי ביים ערשטן עטאַפּ!

מיר פאָרן און פאָרן אַלץ טיפער און טיפער קיין צפון. אָט זיינען מיר אין גאָרקי און אָט זיינען מיר אין קיראָוו. כאָטש עס האָבן זיך אונז געוואָרפן אין די אויגן די קאָנצענטראַציע לאַגערן ביז קיראָוו אויך, זיינען זיי דאָך נישט געווען אַזאַ אָפטע דערשיינונג. אָדער וואָס מער מיר האָבן זיך דערווייטערט פון קיראָוו און וואָס נענטער מיר זיינען צוגעקומען צו קאָטלאַס, אַלץ געדיכטער זיינען געוואָרן די לאַגערן; אַלץ מער האָבן מיר געקאָנט זען באַראַקן אַרומגעצוימטע מיט דאָפּלטע רייעס שטעכל דראָטן און צוויי ווישקעס (וועכטער טורעמלעך) ביי די ווינקלען פון די דראָטענע צוימען.

אַ רחמנות־געפיל האָט אונז באַהערשט ווען מיר האָבן געזען ווי קרוע־ובלוע, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, די אַרעסטאַנטן גייען צו דער אַרבעט. עס האָט אונז געשווידערט זעענדיק ווי צוויי באַוואָפנטע זעלנער באַגלייטן די אַרעסטאַנטן צו זייער אַרבעט.

מיר האָבן שוין באַצייטנס, נאָך זייענדיק אונטערוועגס, געהאַט די מעגלעכקייט צו זען וואָס פאַר אַ פּנים מיר וועלן האָבן אין דער נאָענטער

צוקונפט...

מיר האָבן אויך געקאָנט זען ווי אַזוי עס זעען אויס די פרויען אַרעס־טאַנטקעס. די פרויען ווערן פּונקט אַזוי באַהאַנדלט ווי די מענער. נאָך זיי גייען אויך נאָך באַוואָפנטע זעלנער. די פרויען זיינען אַלע אָנגעטאָן אין מענערשע מלבושים: אין לאַנגע וואַטענע הויזן, ווי אויך די שיך, שאַפּקעס און בושלאַטן זיינען מענערשע.

מיר וואָלטן אפשר נישט דערקענט אַז די זיינען פרויען. דורכ'ן קליינעם פאַרקראַטעוועטן פענסטערל וואָלט עס זייער שווער געווען צו בעאָבאַכטן. נאָר אַז מיר האָבן געהערט זייערע שטימען האָבן מיר דערקענט אין זיי דאָס איידעלע געשלעכט... אויך זייערע האָר זיינען געווען אָפּגעשאָרן.

אויב עס האָט זיך פּאַר אייניקע פון אונז ביז איצט אויסגעדאַכט, אַז פרויען לעבט זיך אַביסל גרינגער אין די סאָוועטישע לאַגערן ווי פאַר די מענער, האָבן מיר זיך ביי דער איצטיקער געלעגנהייט איבערצייגט, אַז אויך אין דער אָנגעלעגנהייט האָבן מיר אַ טעות געהאַט.

איך האָב שוין געהאַט אַן אַנונג און זיך גריילעך געקאָנט פאָרשטעלן וואָס פּאַר אַ פּנים מיין געליבטע ב. וועט האָבן אין אַזאַ אוניפאָרם, וואָס איך האָב נאָר וואָס געזען ביי די פרויען...

נאָך אַ זאַך האָב איך זיך איבערצייגט: עס איז טאַקע אמת, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן ביידע געשלעכטער, מענער ווי פרויען, גלייכע רעכט... ביידע זיינען זיי אויף איין מדרגה! איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט די געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך אויף ווי וויט ביידע געשלעכטער זיינען גלייכבאַרעכטיקט!...

קוים האָט אונזער עשאַלאָן פאַרלאָזט קאָטלאַס האָבן מיר באַגעגענט נאָר לאַגערן און לאַגערן. עס איז געווען הימל און ערד און לאַגערן! קוים וואָס עס פאַרוואָרפט זיך אַ ציווילע הייזקע וועלכע איז מסתם עפּעס אַ נאַטשאַלניק'ס פון אַ לאַגער. אויב ווי נישט וואו זעט זיך אַ ציוויל דערפל, וואוינען דאָ מייסטנס געוועזענע אַרעסטאַנטן אָדער אַזוינע וועלכע מען האָט אַהער פאַרשיקט וואוינען.

ביי איינער אַ סטאַנציע האָט אַן אַרעסטאַנט דערזען זיין אייגן ווייב. ער האָט זי געררופן ביי איר נאָמען: „מאַרטאַ, מאַרטשיושקאַ״! קוים האָט די בידנע פרוי דערזען איר מאַן אונטער דעם פאַרקראַטעוועטן פענסטערל, האָט זי אָנגעהויבן יאָמערלעך צו וויינען. די וועכטער האָבן עס באַלד באַמערקט. צוויי וועכטער האָבן פּרובירט זי אָוועקצוטרייבן, אָבער אַזוי ווי

די אומגליקלעכע פרוי האָט זיך נישט גערירט פונ׳ם אָרט און אַלס צוגאָב האָט זי אָנגעהויבן אויסצוגיסן איר פאַרביטערטע האַרץ זידלענדיק און שעלטענדיק דעם סאָוועטישן רעזשים, האָבן זיך די וועכטער מיט איר שנעל אַן עצה געגעבן. זיי האָבן זי אָנגעכאַפּט אונטער די אָרעמס און זיי האָבן זי מיט געוואַלד אַוועקגעשלעפּט.

אין אייניקע מינוט אַרום זיינען די וועכטער צוריקגעקומען צום עשאַלאָן, לאַכנדיקע און פריילעכע. עס איז זיי מסתמא געלונגען צו „איספּראַווען" זיך מיט זייער קרבן גאַנץ שנעל. זיי האָבן אוודאי געמוזט באַגעגענען אַ מיליציאָנער און זיי האָבן איבערגעגעבן די פרוי צום מיליציאָנער ער זאָל זיך מיט איר אָפּפאַרטיקן...

כאָטש מיר האָבן שוין געהאַט מערערע געלעגנהייט פאַרצושטעלן זיך וואָס פאַר אַ גליקן עס דערוואַרטן אונז אין דער נאָענטער צוקונפט, נאָכ־דעם ווי מיר וועלן אויסשטייגן פון די וואַגאָנעס, איז אונז אָבער שוין זייער שטאַרק דערווידער דאָס כסדר׳דיקע פאָרן; עס איז אונז שוין זייער צוגעגעסן געוואָרן דאָס שאָקלען און וואַקלען זיך אויף די האַרטע ברעטער אין די פאַרקראַטעוועטע וואַגאָנעס. עס רוישט אונז שוין אין די געהירן דאָס קלאַפּן און האַמערן מיט די הילצערנע האַמערס מיט וועלכע די נ.ק.וו.ד. באַנוצט זיך אַזוי אָפט, כדי צו קאָנטראָלירען די וואַגאָנעס צי זיי זיינען פעסט אַרום און אַרום. דאָ, אינ׳ם וואַגאָן, זיינען מיר אומבאַהאָלפן ווי קליינע קינדער. אַלץ בעדאַרף מען אונז געבן צו די הענט, אפילו אַ פראָסט ביסל וואַסער קענען מיר נישט האָבן ווען מיר ווילן!...

אייניקע אַרעסטאַנטן זיינען ערענסט קראַנק געוואָרן אויפ׳ן וועג. די עקסטראַ צען דעקאַ געקאָכטע קאַשע האָט זיי ווייניק וואָס געהאָלפן! מייסטנס זיינען זיי קראַנק געוואָרן אויף פּאַנאָס (דיזענטעריע). מען האָט די קראַנקע אָפּגעזונדערט פון די געזונטע, כדי די געזונטע זאָלן זיך נישט אָנשטעקן מיט דער געפערלעכער קראַנקהייט, וועלכע רויבט אַוועק די מערסטע לעבענס אין די סאָוועטישע לאַגערן. די קראַנקע זיינען אָפּגע־זונדערט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן. אויב זיי וועלן אויסהויכן זייערע נשמות זאָלן זיי זיך נישט געפינען צווישן די געזונטע.

= ⦶ =

נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרענדיקט דריי וואָכן אונטערוועגס, האָבן מיר זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט. עס איז געווען דער 15־טער מאַי, 1941.

יאָ, מיר זיינען שוין אין אַ גוטער שעה אָנגעקומען קיין פּעטשאָרע! דאָ וועט מען אונז צוטיילן אין איינעם פון די פּעטשאָרער לאַגערן.

נאָך פאַר דעם ווי מען האָט אונז אַרונטערגענומען פון די וואַגאָנעס האָב איך געכאַפּט אַ בליק אַרויס אינדרויסן דורכ׳ן פאַרקראַטעוועטן פענסטערל און עס האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ ווילדער אַש גרויער האָריזאָנט. זייענדיק האַלב וואַך און האַלב ווי פאַרשלאָפן, וואונדערט מיך בלויז איין זאַך זייער שטאַרק: איך האָב זיך נישט לאַנג צוריק געלייגט שלאָפן און על פּי־שכל וואָלט איצט געדאַרפט זיין נאַכט. לויט מיין חשבון וואָלט איצט געדאַרפט זיין העכסטנס אַרום צוועלף אָדער איינס ביינאַכט, נישט שפּעטער! ניין, עס קאָן נישט זיין שפּעטער, ווייל איך האָב קוים אַביסל געשלאָפן! איז וויאַזוי זשע איז עס מעגלעך, אַז עס זאָל זיין אַ מין בין־השמשות אינדרויסן? איז עס אַן אויגן פאַרבלענדעניש, אַ מיראַזש צי סתם אַ חלום?! פאַר אַ ווײַלע האָט זיך מיר אפילו אויסגעדאַכט, אַז זינט איך בין אין טורמע האָבן מיינע נערוון געמוזט באַשעדיקט ווערן און איך ווייס פּשוט נישט אויף וועלכער וועלט איך בין...

ניין עס איז נישט קיין חלום! די זון הייבט שוין אָן אַרויסצוקריכן פון האָריזאָנט. אָבער איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געזען די זון אַזוי נידעריק צו דער ערד. זאָל אפילו די זון האָבן אַזוי נידעריק געפאַלן אין דער דאָזיקער וויסטעניש?!... זאָל די נאַכט האָבען געווען אַזוי קורץ? אפשר, ווער ווייסט?...

עס האָט נישט גענומען קיין פיל צייט ביז איך בין געוואָר געוואָרן, אַז אין פּעטשאָרע זיינען אין די זומער חדשים נישט פאַראַן קיין נעכט, פּונקט ווי אין די ווינטער חדשים איז קוים פאַראַן טאָג. פּעטשאָרע איז שוין פאַררעכנט פאַר אַ פּאָלאַרער געגענט, אַן אַרקטישע, וועלכע איז נישט שטאַרק ווייט פונ׳ם נאָרט־פּאָל...

= ◍ =

מיר זיינען ענדלעך אַרויסגעשטיגן פון די וואַגאָנעס. קוים האָב איך אויסגעגלייכט מיינע גלידער, וועלכע זיינען שוין געווען פאַרקאַרטשעט אין דער גאַנצער צייט פון מיין רייזע, האָב איך נישט געוואָלט פאַרלירן קיין סעקונדע און איך האָב געווענדעט מיינע בליקן איבער׳ן פּעטשאָרער האָריזאָנט. איך קוק זיך אַרום כדי איך זאָל זען צי אויך פרויען שטייגן

אַרויס פון די וואַגאָנעס. די הויפּט זאַך וואָס מיך אינטערעסירט איז, אפשר וועט מיר געלונגען צו כאַפּן אַ בליק אויף ב׳ן און זי פרעגן ווי זי פילט...

דערווייל איז „לא דובים ולא יער״ (קיין בערן און קיין וואַלד — די דאָזיקע מליצה וואָלט זיך אפשר אינגאַנצן נישט געפּאַסט אַהער, געפי־נענדיק זיך דווקא אויף אַן אָרט וואו עס איז פול מיט פּוסטן וואַלד און ווייסע בערן...) קיין פרויען, קיין ב.! וואו איז זי ב.?!

„וואו איז זי? וואו איז זי?!״...

עס האָט זיך מיר געוואָלט אין דאָזיקן אויגנבליק אויסשרייען אויף דער העכסטער אקטאווע אַזוי אַז מיין שטימע זאָל אויפּציטערן דעם גאַנצן פּעטשאָרער וואַלד מיט זיינע ביימער און ווייסע בערן. נאָר מיין קול איז מיר דערשטיקט געוואָרן אין מיין האַלז... דעם גאַנצן שטורעם וועלכן איך האָב ווי געוואָלט אַרויסרופן האָט עקספּלאָדירט אין מיין אייגענעם „איך״... איך האָב טאַקע געפילט ווי אַלע כוחות וואָלטן מיר פאַרלאָזט; כ׳האָב זיך נאָך קיינמאָל אין לעבן אפשר נישט געפילט אַזוי שוואַך און אומבאַהאָלפן...

יאָ, איך מוז זיך פון איר אינגאַנצן מיאש זיין!... איך וועל זי שוין מסתמא קיינמאָל אין מיין לעבן נישט זען. מיין גאַנצע פאַרגאַנגנהייט מיט אַלע אירע שיינע אילוזיעס און האָפענונגען זיינען געווען בלויז אַ חלום! איצט איז דער חלום געקומען צו אַן ענד... וואָס פאַר אַ ווערט וועט עס מיין לעבן האָבן אין דער צוקונפט אָן איר?!״...

עס האָט פונ׳ם פּעטשאָרער בלייענעם הימל געטריפט אַ דריבנע און נודנע רעגנדעל דער גאַנצער אַרום איז געווען ווייס פון שניי ווי אינמיטן ווינטער. אַלץ אַרום איז געווען כמורנע...

צום ערשטן האָט זיך דער גאַנצער עולם צוגעכאַפּט צום שניי. איטלעכער שלינגט שניי אויף וואָס די וועלט שטייט! מיר שלינגען דעם שניי מיט אַזאַ אַפּעטיט גלייך ווי דער שני וואָלט געווען עפּעס אַ ספּעציעל גוטער „סאַכאַרנער מאַראָזשעניע״ (אייז־קרעם). מיט׳ן שניי ווילן מיר ווי שטילן אי דעם הונגער און אי דעם דורשט — וועלכע האָבן אונז געמאַטערט פאַר וואָכן לאַנג.

געיאָגטע פון די באַוואָפנטע זעלנער און מיט שווערע און מידע טריט, האָבן מיר זיך קוים דערשלעפּט צום טייך פּעטשאָרע. מיר האָבן געמוזט גיין צופוס דרייצן קילאָמעטער. אונזערע פיס, וועלכע זיינען אונז שוין געווען געשוואָלן פון פריער, האָבן אונז קוים געוואָלט דינען, קוים וואָס

מיר קענען זיי שלעפּן.

אויב אַ טאָרבע איז דער סימבאָל פון אָרימקייט, איז האָבן מיר אַלע געהאַט טאָרבעס אויף אונזער פּלייצעס אין וועלכע מיר האָבן געהאַט די רעשט פון אונזער אָרימקייט. אפשר האָבן מיר טאַקע אויסגעזען ווי אַ באַנדע שנאָרערס, וועלכע גרייטן זיך אין זייער לאַנגן וואַנדער־וועג אָפּצו־רעכטן גלות... נאָר אויך אַ שנאָרער האָט צוטיילמאָל אין זיין טאָרבע אַ שטיקל טריקן ברויט מיט אַ ציבעלע, איז האָבן מיר אין אונזערע טאָרבעס חוץ ווערטלאָזע פאַרזשאַרעטע שמאַטעס נישט געהאַט! מיר לייגן איבער די טאָרבעלעך פון איין פּלייצע אויף דער אַנדערער, מיר פילן ווי די כוחות פאַרלאָזן אונז

דער טייך פּעטשאָרע איז נאָך פאַרפרוירן ווי איין שטיק שנייאיק אייז, וואָס האַלט זיך ביים צעלאָזן.

די נאָכט שיכט, אַרעסטאַנטן איינגעטיילטע אין בריגאַדעס, אַרבעט אין פולן ברען. די אַרעסטאַנטן האַלטן אין בויען אַ לאַנגע בריק, וועלכע זאָל זיך ציען פון איין ברעג טייך ביז צום צווייטן ברעג. אין זומער קען מען נישט אַריבערגיין דעם טייך נאָר אַריבערשווימען מיט אַ לאָדקע. אין ווינטער איז עס קיין פּראָבלעם נישט, דאָס אייז איז געווען דיק, אַזוי אַז מען קאָן אַריבערגיין דעם טייך ווי איבער אַ טרוקעניש. אינקורצן וועט פאַרענדיקט ווערן די בריק און אַפילו די באַן וועט שוין קענען אַריבער־פאָרן דעם פּעטשאָרער טייך.

מיר האָבן זיך ענדלעך דערשלעפּט צו דער „פּערעסילקע" (דער פונקט אין וועלכן מען פאַרטיילט די אַרעסטאַנטן אין פאַרשידענע לאַגערן) פון פּעטשאָרלאַג. אין דער „פּערעסילקע" טומלען און ליאַרעמען טויזנטער אַרעסטאַנטן. מען פילט זיך דאָ ווי אין אַ שמעלץ טאָפּ, פאַרלאָרן, מען ווייסט פּשוט נישט אויף וועלכער וועלט מען איז; מען ווייסט נישט ווער ס'איז ווער! נאָר איין סאָרט אַרעסטאַנטן פילן זיך דאָ ווי אינדערהיים, — די זשוליקעס, די גנבים! זיי, די זשוליקעס, זיינען דאָ די הויפּט רעדל פירער; זיי האָבן דאָ די אויבער־האַנט איבער אַלעמען און איבער איטלעכן. זיי צעלייגן זיך דאָ ווי ביים טאַטען אין ווייַנגאָרטן.

דער לאַגער באַשטייט פון לויטער פּאַלאַטקעס (באַראַקן). איטלעכע פּאַלאַטקע איז איבערפולט מיט מענטשן, קוים מען האָט פּלאַץ זיך אויס־צודרייען. נאָר די זשוליקעס רעכענען זיך זייער ווייניק מיט דער ענגשאַפט. זיי האָבן פאַר זיך אָקופּירט אַ גאַנצע נארע און שפּילן זיך גאַנץ באַקוועם

אין קאַרטן. צו זייער נאַרע טאַר מען זיך נישט צורירן. טאָמער רירט זיך איינער גאָר באַוועגט צו זייער נאַרע קריגט יענער פּלוצלינג אַ קנאַק איבער׳ן קאָפּ. איינער פון דער באַנדע האַלט אַ שטיק האָלץ אין דער האַנט און ער קנאַקט!...

דער גאַנצער פּראָיעקט, צו באַפעלקערן אַזאַ וויסטע געגנט ווי פּעטשאָרע איז אַ סאָוועטישער אויפטו. אין די צייטן פון צאַריזם איז פּעטשאָרע געווען אַ פּוסט אָרט. צווישן די אַרעסטאַנטן גייט אַרום אַ מעשה, אַז דער צאַר ניקאָליי דער צווייטער זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט: „אַפילו פאַר די גרעסטע פאַרברעכערס וואָלט פּעטשאָרע געווען אַ צו האַרבע שטראָף!”... עס פלעגט זיך צוטיילמאָל פון צייט צו צייט פאַרטראָגן עפּעס אַן עקספּעדיציע קיין פּעטשאָרע, אָבער זייער זעלטן. אַפילו עקספּעדיציעס, וועלכע האָבען גערן אַ שטיקל אַוואַנטורע, האָבן אויסגעמיטן פּעטשאָרע אויס מורא, אַז עס דראָט זיי די געפאַר אויפגעגעסן צו ווערן פון די ווייסע בערן.

אָבער די סאָוועטישע רעגירונג האָט גענוג אַרעסטאַנטן צו באַפעלקערן אַפילו אַזוינע וויסטענישן. דעריבער טאַקע איז פּעטשאָרע אַצינד אַ באַפעל־קערטע געגנט. עס אַרבעטן דאָ צענדליקער טויזנטער אַרעסטאַנטן. זיי זיינען דאָ מיינסטנס באַשעפטיקט ביים בויען אַ באַן־ליניע, כדי דער סאָוועטנפאַרבאַנד זאָל האָבן אַ ליניע ביז קיין וואָרקוטאַ (איניקע הונדערט קילאָמעטער קיין צפון צו). וואָרקוטאַ איז אַ געגנט מיט זייער אַ שלעכטן קלימאַט; וואו עס בושעווען אַלערליי אוראַגאַנען און וואו די פרעסט זיינען אויסערגעוויינלעך און וואו עס איז „דרייצן חדשים” אין יאָר ווינטער... דערפאַר אָבער איז וואָרקוטאַ אַ געגנט וועלכע איז שטאַרק רייך אין פאַרשידענע מינעראַלן און דער עיקר אין קוילן.

קיין פרייע מענטשן וואָלטן אַהער, אינ׳ם ווילדן צפון, זיכער נישט געקומען זיך באַזעצן. נאָר מיט אַרעסטאַנטן, צי זיי זיינען טאַקע שולדיק אין זייער פאַרברעכן צי נישט, קומט דער סאָוועטישער רעזשים ווי נישט אויס. איטלעכער אַרעסטאַנט חלומ׳ט כאָטש נאָך איינמאָל אין לעבן צו זען די פרייהייט... כאָטש נאָך איינמאָל אין לעבן צו זיין צווישן אייגענע... מוז טאַקע דער בידנער אַרעסטאַנט פּרובירן צו ראַטעווען זיך דאָס לעבן ווי אַזוי עס לאָזט זיך נאָר דעריבער אַרבעט דער אָרעמער אַרעסטאַנט ווי אַ שקלאַף, טאָג און נאַכט, אַבי ער זאָל קענען פאַרדינען מער מיט עטלעכע גראַם ברויט אַ טאָג. אפשר, טראַכט ער ביי זיך, אַזוי אַרום וועט מען זיך

קענען ראַטעווען דאָס בידנע לעבן...

= ◍ =

איך האָב זייער גרויס חשק צו באַוועגן זיך אַביסל צווישן דעם אַרעסטאַנטן עולם, אפשר וועל איך זיך טרעפן מיט באַקאַנטע. איך האָב זיך דאָ, אין שמעלץ טאָפּ, אַזוי אויסגעמישט מיט די מענטשן, אַז איך זע נישט קיין איינעם פון מיינע באַקאַנטע. איך לויף פון איין פּאלאטקע אין דער צווייטער אַריין, איך פּרוביר זיך אַרומצוקוקן, נאָר דאָס געדרענגעניש איז אַזוי גרויס אַז איך בין נישט אומשטאַנד צו זען עפּעס אַ באַקאַנטן מענטש. עס איז דאָ אין אַלגעמיין אַ מין דור־הפלגה, מען קאָן הערן אַ געמיש פון פאַרשידענע אייראָפּעאיש און אַזיאַטישע לשונות, — שפּראַכן וועלכע זיינען מיר גענצלעך פרעמד. מען שלאָגט זיך און זידלט זיך אויפ׳ן עכטן רוסישן שטייגער, מיט די ערגסטע קללות און זידל־ווערטער.

עס איז דאָ הפקר פּעטרישקע: איינער כאַפּט אויס פונ׳ם צווייטן וואָס עס לאָזט זיך. עס איז לית דין ולית דיין! די הויפּט אַרטיקלען, וועלכע זענען דער הויפּט ציל פון געוואַלד־טאַט, זיינען ברויט, מאַכאָרקע און קליידונג. מען קאָן דאָ הערן די פּערעלדיקסטע ווערטער פון דער רוסישער זידל־ענציקלאָפּעדיע, וועלכע זיינען אוממעגלעך צו באַשרייבען... נאָר סיי ווי פאָרן זיך נישט די ווערטער אַזוי גוט אין אַן אַנדערער שפּראַך ווי אין דער רוסישער. אַט וועל איך אויף טשיקאַוועסט פּרובירען איבערגעבן אַן אָפּגעהאַקטן זאַץ פון די זידלערייען דאָרטן:

„דו פּראָסטיטוקע איינע! אַ רוח זאָל אַריין אין דיין מאַמעס אינגעווייד אַריין! דו אומריין מויל וואָס דו ביסט!.... קענסט מיר...״

אַזוינע און ענלעכע ווי פיל ערגערע זידלערייען הערט מען אויף איטלעכן שריט און טריט...

צוויי זשוליקעס, בלאטע חברה, וועלכע האָבן אָפּגעמאַכט מיט זיך יד־אחת, אַמפּערן זיך און שלאָגן זיך אין קלאָמפּערשטן... זיי ראַנגלען זיך אַזוי לאַנג, ביז איינער באַזיגט דעם צווייטן: איינער פאַלט אויפ׳ן צווייטן! נאָר אזוי פאַלנדיק צו דער ערד שלעפּן זיי מיט זיך מיט אַ דריטן פאַרשוין, צוליב וועלכן זייער גאַנצע אמפּערניש און ראַנגלעניש גייט אָן... דער דריטער פאַרשוין איז טאַקע „גאָט די נשמה שולדיק״, אָבער ער האָט אויף זיך בלויז איין חטא, ער איז לייטיש אנגעטאָן! דער לייטיש געקליי־

דעטער אַרעסטאַנט איז נאָך אַ „גרינער״, פּונקט ווי איך, ווען נישט, וואָלט ער דאָך שוין געווען געקליידעט אין שמאַטעס!... ווען דער „גרינער״ הויבט זיך אויף פון דער ערד און ער טשוכעט זיך אויס אַביסל, זעט ער דאָס ער איז אינגאַנצן צעקאַליטשעט, עס פעלט אים זיין אויבער־בגד, ער זעט אַז דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט געהאַט אין זיינע קעשענעס איז פאַרשוואונדן געוואָרן און פּונקט אַזוי איז פאַרשוואונדן זיין טאַרבעלע מיט אַלע זיינע רעזערוון... די זשוליקעס זיינען שוין לאַנג נעלם געוואָרן! מיט איינעם וואָרט, דער „גרינער״ כאַפּט זיך אַז ער איז געפאַלן אַ קרבן...

דאָס גאַנצע שלאָגן זיך פון די זשוליקעס איז בלויז געווען איינס פון זייערע שמוציקע שפּיצלעך... עס זיינען דאָ פאַראַן אַלערליי פאַרברעכערס: גנבים, באַנדיטן, כוליגאַנעס, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, שפּיאָנען און אַזוינע ווי איך. געננוי צו וואָס פאַר קאַטאַגאָריע אַזוינע פאַרברעכערס ווי איך געהערן, ווייס איך נישט. נאָר אַז מען געפינט זיך צווישן אַזאַ „ערב־רב״, שפּילט שוין זייער אַ קליינע ראָל צו וואָס פאַר אַ קאַטאַגאָריע מען געהערט. איך בין אַ פאַרברעכער און צווישן אַזוינע געפין איך זיך!...

דאָ, אַז מען פרעגט איינעם פאַר וואָס ער איז אַרעסטירט, וועט דער יעניקער נישט לייקענען, אַז ער איז באַגאַנגען אַזאַ און אַזאַ פאַרברעכן. אדרבה, וואָס גרעסער דער פאַרברעכן אַלץ מער שטאָלץ איז דער בעל־דבר מיט זיין אויפטו. אייניקע זיינען גאָר, גאָר, שטאָלץ מיט זייער פאַרברעכן ווי גלייך זיי וואָלטן דערמיט באַגאַנגען אַ גרויסע העלדנטאַט...

ווער שמועסט, טאָמער איינער איז אומשטאַנד זיך אָנצוגעבן, אַז ער איז אַ גנב, און אַז דאָס זיצט ער טאַקע פאַר גנבה, דעמאָלט פילט דער יעניקער, אַז ער האָט אַן אויסערגעוויינלעכע „זכיה״... אַז מען פרעגט אַזאַ איינעם, וואָס פאַר אַ פּאַראַגראַף ער האָט, וועט ער אַקצענטירן:

„איך האָב דעם 162־טן פּאַראַגראַף!״

אין אַקצענטירן זיינע ווערטער קען מען פילן, אַז ער איז שטאַרק צופרידן מיט זיין „העלדנטאַט״ און אַז איר מוזט זיך פילן גליקלעך וואָס איר געפינט זיך אין זיינע דלת־אמות!...

= ◍ =

„וואָרום זיצסטו״?, פרעגן מיך צוטיילמאָל אַרעסטאַנטן, סתם אַזוי זיך פון יוצא וועגן. אַ שמועס אַזאַ וואָס אַרעסטאַנטן פרעגן געוויינלעך

איינער דעם צווייטן ביי זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט.

„איך, איך" — מיר קומט עס אַן זייער שווער צו ענטפערן אויף אַזאַ איינפאַכער אַרעסטאַנטישער פראַגע, פאַר וואָס איך זיץ. קוים וואָס איך שטאַמל אַרויס:

„איך האָב דעם פּאַראַגראַף 80"...

דער פּאַראַגראַף 80 איז פאַר אומלעגאַל אַריבערטרעטן די סאָוועטישע גרענעץ. אָבער דער דאָזיקער פּאַראַגראַף איז נישט צו שטאַרק פּאָפּולער צווישן די סאָוועטישע אַרעסטאַנטן. דאָ איז צום פּאָפּולערסטן דער פּאַראַגראַף 58 „קאָנטער־רעוואָלוציע". מיט דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף ווערן די מערסטע אַרעסטאַנטן באַשולדיקט. אַלע געוועזענע פּאַרדעכטיקע אין טראָצקיזם און אַלע די וועלכע האָבן זיך אויסגעגליטשט מיט אַ וואָרט, אָדער מיט אַ וויץ, וואָס האָט אַ רמז פון אומסימפּאַטיע צו דעם סאָוועטישן רעזשים, די אַלע האָבן דעם 58־סטן פּאַראַגראַף. איז ווי ווייט מעגלעך פּרוביר איך זיך אַרויסצודרייען פון אַן ענטפער, פאַר וואָס איך בין אַרעסטירט, איך זאָג בלויז דעם פּאַראַגראַף און פון׳ם בלויזן פּאַראַגראַף ווייסט טאַקע נישט איטלעכער אַרעסטאַנט וואָס זיין באַדייטונג איז... אין אמת׳ן שעם איך זיך מיט מיין פּאַראַגראַף. איך שעם זיך מיט מיין פאַרברעכן... טאַקע דאָס איז די הויפּט סיבה פאַר וואָס איך פּרוביר זיך אַרויסצודרייען פון אַן ענטפער פאַר וואָס מען האָט מיך פאַראורטיילט... זאָל מיין מיטשמועסער מיינען, אַז איך זיץ פאַר גנבה, פאַר גזלה, פאַר כוליגאַנסטווע, שפּיאָנאַזש אָדער קאָנטער־רעוואָלוציע, — נאָר זאָל ער נישט וויסן וואָס מיין ריכטיקער פאַרברעכן איז...

יאָ, איך האָב שוין שלום געמאַכט מיט׳ן געדאַנק, אַז איך בין טאַקע אויף אַן אמת׳ן באַגאַנגען אַ פאַרברעך! איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט צו דענקן, אַז עס קומט מיר נישט קיין טורמע פאַר מיין פאַרברעכן. איך האָב שוין נישט איינמאָל אויף זיך מצדיק את הדין געווען, אַז פאַר מיין חטא בין איך ווערט באַשטראָפט צו ווערן...

= ⊕ =

מען פירט אונז אין באָד אַריין. עס זיינען שוין פאַריבער עטלעכע וואָכן זינט מיר האָבן זיך געבאָדן. דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך געבאָדן אין סטאַרע־בעלסק. זינט דעמאָלט האָבן מיר זיך קוים געוואַשן די הענט

מיט אַ ביסל שניי. אונזערע מלבושים זיינען זייער פאַרלייזיקט געוואָרן. אונזערע גופים זיינען שטאַרק ברודיק און אומריין. מען נעמט אונזערע שמאַטעס צו דעזינפעקצירן. ווען מיר באַקומען צוריק אונזערע זאַכן זיינען זיי האַלב פאַרברענט און אַ טייל זאַכן פעלן אינגאַנצן. די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אין דער דעזינפעקציע־קאַמער האָבן, מסתּם, אונז באַגנבעט. די בעסערע זאַכן האָבן זיי פאַר זיך אַוועקגענומען.

ס׳איז נישט פאַראַן צופיל צייט חוקר ודורש צו זיין, ווייל מען טרייבט אונז אונטער, מיר זאָלן שנעל פאַרטיק ווערן, ווייל ביי דער טיר וואַרט שוין אַן אַנדערע פאַרטיע צום באָדן זיך. טאַמער קווענקלט זיך איינער צופיל און ער עפנט אַ מויל, ס׳טייטש עס פעלן אים אַלע בעסערע שטיקלעך פון זיין קליידונג, באַקומט יענער אַ זעץ צווישן די אויגן, אַז ער זעט פאַר זיך פונקען פייער. חוץ אַלעמען איז שוין דאָ איינער מיט אַ ליסטע אין דער האַנט און ער רופט אויס אונזערע נעמען מיט אַ דונערנדיקער שטים וואָס דער עכאָ פון זיין שטים הילכט אָפּ איבער׳ן באָד ווי גלייך ער וואָלט גערעדט פון אַ הויך־שפּרעכער. מען איילט אונז אונטער, אַז מיר זאָלן צוזאַמענגעמען אונזערע זאַכן ווייל מיר מוזן זיין איינגעטיילטע אין גרופּן, כדי מיר זאָלן וויסן, וואו מיר געהערן. האַלב נאַסע און פאַרשוויצטע טרייבט מען אונז שנעל אַרויס פונ׳ם דאַמפּיקן באָד.

איך האָב נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ טאָג עס איז. אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין זייגער אין לאַגער און קיינער ווייסט נישט וויפיל דער זייגער איז, האָב איך פּשוט נישט געוואוסט צי איז טאָג צי עס איז נאַכט. אַזוי ווי עס זיינען דאָ די ווייסע נעכט ווייס איך טאַקע נישט, צי עס איז שוין מאָרגן, צי עס איז נאָך היינט... אומזיסט זוך איך מיט מיינע בליקן עפּעס אַ באַקאַנטע צורה, איך זע קיינעם נישט מיט וועמען איך זאָל זיך קענען דורכרעדן. רוסיש קאָן איך נאָך זייער שוואַך און אַ איד טרעף איך נישט פאַר אַ רענדל. איך בין ווי פאַרפאַלן געוואָרן צווישן לויטער רוסן, פּאָליאַקן און אַזיאַטן.

קוים האָט מען אונז איינגעטיילט אין בריגאַדעס האָט מען אונז אויס־געטיילט צו אַ שטיקל ברויט. מיר האָבן נישט געשטעלט קיין פראַגעס, פאַר וועלכן טאָג מען האָט אונז געגעבן דאָס שטיקל ברויט, ווייל עס איז שוין איבער צוויי מעת־לעת וואָס מיר האָבן נישט דערהאַלטן קיין ברויט, מיר האָבן געהאַלטן פונ׳ם אַרעסטאַנטישן כלל: „לעולם תקח״, אַז מען גיט נעמט מען! איי עס קומט אונז, לויט׳ן סאָוועטישן טורמע „זאַקאָן״,

פאַר דריי טעג? איז ווען מען גיט אונז דאָס אויך נישט וואָלט אויך געווען פאַרפאַלן!

נאָכדעם האָט מען מיין גרופע צוזאַמענגעשטעלט מיט נאָך אַנדערע גרופעס, אַזוי אַז אַלע גרופן צוזאַמען האָבן געציילט אַרום דריי־פיר הונדערט מאַן. די קאָמאַנדע איבער אונז האָבן איבערגענומען עטלעכע קאַנוואיען מיט ביקסן אויף די פּלייצעס. קיין הינט ווערן שוין דאָ נישט אַזוי אָפט באַנוצט, ווייל דאָ איז שוין נישט אַזוי גרינג צו אַנטלויפן פון אונטער די נ.ק.וו.ד׳עס לאַפּעס. איידער די קאַנוואיען האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט אונז, ווייטער צו צפון, האָט דער גלאַוונע קאַנוואי אונז געוואָרנט:

„זייט וויסן, אַז איר גייט אַצינד איבער אונטער דער קאָמאַנדע פון די קאַנוואיען; פאַר נישט פאָלגן דעם קאַנוואי; פאַר אוועקנייגן רעכטס אָדער לינקס אין דער דערלויבעניש פון׳ם קאַנוואי; פאַר׳ן פּרוּווּ צו אַנטלויפן און אַזוי ווייטער — וועט דער קאַנוואי האָבן דאָס רעכט צו שיסן אָן אַ וואָרנונג! פּאָניאַטנאַ? פּאָניאַטנאַ ? ! (האָט איר פאַרשטאַנען ? !)״.

„פּאָניאַטנאַ! פּאָניאַטנאַ!״, האָבן אייניקע רוסן געענטפערט און מיט זייער ענטפער האָבן זיי שוין יוצא געווען פאַר אַלע גרופן צוזאַמען.

25

ווען מיר האָבן זיך געלאָזט פון פּעטשאָרע אין וועג אַריין האָט דאָרטן געשיינט די זון. עס איז אמת, אַז די זון שיינט דאָ אָפט מיט אַ בלענדענדיקער ליכטיקייט, אָבער אין אמת׳ן איז זי אויך ווי פאַרמאַסקירט... אַזוי ווי מען זאָל אַריינלייגן אַ ברענענדיק ליכטל אין אַן אויוון, וואָס לייכטן לייכט עס טאַקע אָדער וואַרעמען וואַרעמט עס נישט, אַזוי איז געווען די זון. אין אַלגעמיין איז דאָ די זון ווי אַ פאַלשע שטיף־מוטער, ווי גלייך זי וואָלט געשוואָרן נישט צו וואַרעמען די פּעטשאָרער געגנט!...

אַזוי ווי די אידן ווען זיי זיינען אַרויס פון מצרים, האָבן מאַרשירט „איש צרורו על שכמו״, איטלעכער מיט זיין פּעקל אויף די פּלייצעס, אַזוי האָבן מיר מאַרשירט מיט די טאָרבעלעך אויף אונזערע פּלייצעס. נאָר מיט דעם אונטערשיד, וואָס די אידן זיינען מיט זייערע טאָרבעלעך געגאַנגען צו באַפרייאונג פון גלות־מצרים, אָדער אונזער גלות, גלות־רוסלאַנד, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן.

מיר האָבן מאַרשירט פּאָר שעה׳ן לאַנג אָן אַן אָפּרו. מיר זיינען שטאַרק פאַרמאַטערט געוואָרן פון די טיפע בלאָטעס און שנייען. מיר וואָלטן זיך געוועז געפילט גליקלעך, ווען מיר זאָלן שוין איינמאָל אָנקומען ערגעצוואו אין אַ מקום מנוחה, אין אַ לאַגער אַריין, וואו מיר וועלן האָבן אַן אייגן ווינקל.

אינצווישן האָט אָנגעהויבן צו רעגענען. אין אָנהייב איז עס געווען בלויז אַ קליין, דריבנע רעגנדעל. דאָס דאָזיקע אומשולדיקע רעגנדעל איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זאווערוכע און די זאווערוכע האָט מיט זיך מיטגעבראַנגט אַ געדיכטן שניי. דער געדיכטער שניי איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ צפון׳דיקן ווינט. קוים וואָס מיר קענען זיך באַוועגן און קוים וואָס מיר קענען עפנען אונזערע אויגן כדי מיר זאָלן זען צו שטעלן אַ ווייטערדיקן טריט. עס איז אונז געוואָרן אי הייס און אי קאַלט; מיר זיינען דורכגענעצט געוואָרן און אונזערע טאָרבעלעך זיינען אַלץ שווערער און שווערער געוואָרן.

פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס איך בין נאָר אַוועק פון דער היים, האָב איך זיך שוין געהאַט איבערצייגט, אַז עס איז נאָר אַ קללה צו האָבן פיל געפּעק מיט וועלכן מען דאַרף זיך כסדר אַרומשלעפּן אויפ׳ן לאַנגען וואַנדער וועג. שוין אַריבערגייענדיק די גרענעץ, פון יאַסינאַ, האָב איך שוין געהאַט די געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך, וואָס פאַר אַ פּראָבלעם עס איז צו האָבן געפּעק. שוין דעמאָלט, שוואַרצנדיק די גרענעץ, האָט עס פּיוול י. געוואָלט אַוועקוואַרפן זיין רוקזאַק, כדי ער זאָל זיך קענען באַפרייען פון זיין שווערער לאַסט.

אַצינד ערשט האָב איך זיך מער ווי אַלעמאָל איבערצייגט, וואָס פאַר אַ קללה עס איז טאַקע צו האָבן צופיל באַגאַזש מיט זיך. חוץ דעם, וואָס מען איז ממש אַ קנעכט צו די אייגענע שמאַטעס, ווייל מען מוז זיי אַלעמאָל מיטשלעפּן מיט זיך, איז מען אויך טאַקע פאַרשקלאַפט צו די שמאַטעס מיט׳ן געדאַנק מען זאָל זיי, חלילה, נישט צו׳גנב׳ענען.

ווי גלייך פּייוול י. וואָלט עס פונ׳ם הימל אַרונטערגעפאַלן! איך קוק זיך אַרום און איך דערזע אים לעבן זיך. איך האָב נאָר וואָס געטראַכט פון אים און אָט איז ער לעבן מיר אויך זיין גרופּע איז אין פעטשאָרע צוזאַמענ־געשלאָסן געוואָרן מיט דער זעלבער קאָמאַנדע וואָס מיין גרופּע. מיר האָבן זיך נישט באַמערקט צוליב דעם גרויסן עולם. איצט, ווען עס איז אומ־מעגלעך צו גיין אין דער ריי צוליב די שנייען און בלאָטעס, פאַסירט עס

אַז איינמאָל איז איינער פּאָראויס און צוטיילמאָל איז דער צווייטער פּאָראויס אָדער אונטן, אַזוי אַרום האָבן מיר זיך צופעליק צוזאַמענגעטראָפן. מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט איינער מיט׳ן צווייטן:

„פּיוּול, דו ביסט עס?״ איך זע אים אויפסניי אַרומשלעפנדיק זיך מיט זיין פּעקל צרות, מיט זיין רוקזאַק, וועלכער איז אָנגעשטאָפּט מיט שמאַטעס. קוים וואָס ער קען אָטעמען...

פּיוּול י. פרייט זיך נאָך מער מיט מיר ווי איך מיט אים. איך האָב געקענט אַרויסלייענען פון זיינע געדאַנקן, אַז ער פרייט זיך דאָפּלט, וואָס ער האָט זיך מיט מיר צוזאַמענגעטראָפן: ער וועט אַצינד האָבן עמעצן, וועמען עס זאָל אים העלפן טראָגן זיין פּעקל...

„גוט וואָס מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן״, זאָגט ער מיר, „ווי איך האָב עס אַרומגעזוכט עפּעס אַ באַקאַנטן...״

אַזוי ווי מיין פּעקל איז געווען היפּש קלענער פון זיין פּעקל, האָבן מיר זיך געטוישט. איך האָב אים געלאָזט אַ ווײַלע טראָגן מיין קליין פּעקעלע און איך האָב געטראָגן זיין שווערן פּאַק.

דער שניי האָט אונז געפּאַטשט אין פּנים ווי מיט שפּילקעס און דער ווינט האָט די שפּילקעס נאָך טיפער אַריינגעשטאָכן. דער צפון׳דיקער שטורם האָט געוויזן זיין רויען כּוח. דער גאַנצער אַרום איז געוואָרן באַדעקט מיט אַ ווייסן, מאַסיוון און פייכטן שניי.

מיר, וועלכע האָבן נישט לאַנג צוריק אָפּגעפּינסטערט חדשים לאַנג צווישן די דיקע טורמע־ווענט, זייענדיק נאָר צוגעוואוינט, צו דער פאַרדעמפּטער און עיפּוש׳דיקער לופט, נאָכדעם וואָס מיר האָבן זיך געמאַטערט פאַר עטלעכע וואָכן אין פינסטערע און קאַלטע וואַגאָנען, מידע און שוואַכע פון הונגער און פאַרזעסנקייט, — זיינען פּלוצלינג, אַריבער פון איין עקסטרעם צו אַ צווייטן מיר ווערן געטריבן אָן אויפהער, בייטאָג און ביינאַכט, אויף בלאָטיקע און שנייאיקע וועגן. מיר גליטשען זיך אויס אויף איטלעכן טריט און פאַלן אום. מיר שטרענגען זיך אָן נאָכדעם מיט די לעצטע כּוחות און מיר שלעפּן זיך ווייטער אויף אַלע פיר!... אסור, צי אַ בהמה וואָלט אומשטאַנד געווען צו באַוועגן זיך אויף צענדליקער און צענדליקער קילאָמעטער אין אַזוינע בלאָטעס און אַזוינע באַדינגונגען!

צום ערגסטן איז געווען פאַר די, וואָס האָבן נישט געקענט מיט־האַלטן מיט׳ן עטאַפּ און זיי זיינען אַהינטער געבליבן נאָענט צו די קאַנוואָיען. אָך און ווי איז זיי געווען! די קאַנוואָיען האַלטן זיי אין איין שטויסן מיט

די קאלבעס פון זייערע ביקסן, כדי זיי זאָלן זיך צואיילן און נישט צוריק־בלייבן. עס האָט נישט געהאָלפן קיין „פודנו" און קיין „מצילנו", מען האָט געמוזט גיין און גיין !..

אין דאָזיקן מאָמענט האָט זיך פאַר אייניקע פון אונז אויסגעדאַכט, אַז בכדי דאָס איבערצולעבן מוז מען זיין שטאַרקער פון אייזן !

וואָס וואָלטן מיר געווען איצט נישט אַוועקגעגעבן פאַר אַ פּראָסט ביסל וואַרעם געקאָכט וואַסער, פאַר אַ ביסל קעפּיאַטאָק !...

אייניקע עטאַפּניקעס זיינען טאַקע געפאַלן פון די כוחות, זיי האָבן איינפאַך נישט געקאָנט גיין ווייטער. די פיס האָבן זיי אויפגעהערט צו דינען. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן דעם קאנוואיעס שטופּן, שטויסן, סטראַשען אָדער שלאָגן. זיי האָבן זיך אויסגעשטרעקט אין דער בלאָטע, ווי גלייך די בלאָטע וואָלט געווען אַ ווייך געלעגער און דער שניי אַן אונטערבעט, וואו זיי וועלן געפינען אַן אָפּרו, אַן אייביקן אָפּרו !...

גענוי וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן מיט די יעניקע האָבן מיר נישט געזען, ווייל די זעלנער האָבן אונז געטריבן אַלץ פאָראויס און פאָראויס !...
נאָר פון צייט צו צייט האָבן מיר געהערט אַ קנאַל און אַ שאָס פון אַ ביקס. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז איטלעכער שאָס האָט אוודאי אַוועקגע־רויבט אַ מענטשלעך לעבן !...

פון צייט צו צייט האָבן מיר זיך דאָך אָפּגעשטעלט אויף אייניקע מינוט און שטייענדיקערהייט האָבן מיר זיך אָפּגערוט. אייניקע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער נאַסער ערד, סייווי זיינען מיר געווען נאָס דורך און דורך ! אין איצטיקן מאָמענט האָבן מיר טאַקע נאָכאַמאָל אָמבעסטן מקנא געווען יענער אַרעסטאַנטן, וואָס זיינען שוין איינגעאָרדנט אין אַ לאַגער :

„יענע האָבן שוין אַן אייגענע היים"... אַזוי ווייניקסטנס האָט זיך אונז געדאַכט.

זייענדיק פאַרשפּאַרט אין דער טורמע פאַר אייניקע חדשים, האָט זיך אונז אויסגעדאַכט, אַז עס איז גאָרנישט פאַראַן קיין ערגערס אויף דער וועלט, ווי צו זיין איזאָלירט צווישן די דיקע טורמע ווענט. אונז האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די טורמע איז דער ערגסטער פאָרם פונ׳ם אַרעס־טאַנטישן לעבן. אַ טייל פון אונז האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז קאַטערגע איז פיל לייכטער אַריבערצוטראָגן, ווי צו זיין פאַרשפּאַרט אין טורמע, ווייל עס איז גענוג דער פאַקט, אַז אַ קאַטאַרזשניק האָט אַמווייניקסטנס די געלע־

גנהייט צו אָטעמען געגוג פרישע לופט.

אין איצטיקן מאָמענט אָבער, האָבן איניקע פאַרגליכן די טורמע מיט׳ן לאַגער־לעבן, ווי צו פאַרגלייכן אַ סאַנאַטאָריום מיט אַן אינקוויזיציע...

נאָכדעם ווי מיר האָבן אַרומגעוואַנדערט דריי טעג, האָבנדיק דורכ־געשפרייזט צופוס אַרום צוויי הונדערט קילאָמעטער, האָבן מיר זיך, קוים מיט צרות, דערשלעפּט צו עפּעס אַ לאַגער לעבן אבעז, אַן אָרטשאַפט ווי די הויפּט פאַרוואַלטונג פון די פעטשאָרער לאַגערן געפינט זיך.

מען האָט אונז קוים צייט געגעבן אַז מיר זאָלן קענען איבערנעכטיקן ערגעצוואו אין אַ צעבראָכענעם באַראַק. דער באַראַק איז געווען אַן אַלטער און אַ פאַרלאָזטער. עס איז געווען קענטיק, אַז דער דאָזיקער באַראַק איז שוין לאַנג נישט באַנוצט געוואָרן אפילו פאַר אַרעסטאַנטן. אין איטלעכן ווינקל איז געווען פול מיט מיסט און קויט. אַ פּאַס, וועלכער דינט געוויינלעך פאַר אַן אויוון אין די באַראַקן, איז דאָ נישט געווען. דער רעגן האָט אַריינגעקאָפּעט דורכ׳ן צעבראָכענעם דאַך און מיר זיינען אַלע נאַס געוואָרן און מיר האָבן געציטערט מיט אַלע אונזערע אברים, ווען מיר האָבן זיך אינדערפרי אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָבן מיר זיך נישט געקאָנט דערוואַרעמען. קוים האָבן מיר באַקומען אונזער פרישטיק, אַ ביסל מוטנע זופּ, זיינען מיר שוין אויטאָמאַטיש געווען איינגעטיילט אין בריגאַדעס און מען האָט אונז שוין געטריבן צו דער אַרבעט.

= ◍ =

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין לאַגער, זיינען מיר צום ערשטן אונטערזוכט געוואָרן פון אַ פעלדשער, צי מיר זיינען געזונט. עפּעס אַ שוואַרץ אָנגעבלאָזן מענטשל האָט אונז אונטערזוכט. מיר האָבן זיך געדאַרפט באַווייזן נאַקעטע פאַר׳ן אָנגעבלאָזענעם מענטשל. ער האָט איטלעכן אַ טאַפּ געטאָן אין הינטערשטן חלק, ווי אַ געניטער בהמה סוחר טאַפּט געוויינלעך אַ בהמה אויפ׳ן יאַריד. דעם יעניקן וועמען דער פעלדשער האָט אָנערקענט פאַר קראַנק, דער האָט נישט באַדאַרפט גיין צו דער אַרבעט. איך בין געווען צווישן די געזונטע.

שוין דעם ערשטן טאָג האָט מען פון אונז פאַרלאַנגט אַ הונדערט־פּראָצענטיקע נאָרמע. — אַ הונדערט־פּראָצענטיקע סאָוועטישע נאָרמע !...

מיר האָבן געאַרבעט עבודת־פּרך. מיר האָבן זיך באַמיט מיט אַלע

אונזערע כוחות, כדי אויסצופילן אַ הונדערט־פּראָצענטיקע נאָרמע. מיר זענען געווען צוגעטיילט צו וואַלדס־אַרבעט. מיר האָבן געשניטן און געהאַקט האָלץ אין וואַלד. נאָכדעם האָבן מיר מיט שליטעלעך געדאַרפט שלעפּן דאָס האָלץ אייניקע קילאָמעטער.

כאָטש עס איז געווען דער ערשטער טאָג פון אונזער לאַגער־אַרבעט, און כאָטש מיר זיינען נישט געווען געניט אין אַזאַ מין סאָרט אַרבעט, וואָלטן מיר געווען אפשר די נאָרמע אויסגעפילט, ווען מען וואָלט אונז געווען געגעבן גוטע איסטרומענטן.

די אַרבעטס־מכשירים זיינען געווען האַלב צעבראָכענע, די הענטלעך זיינען כסדר אַרויסגעפאַלן פון די העק און פון די זעגן. אַזוי די העק ווי די זעגן זיינען געווען שטומפּיקע. איז ביז מיר האָבן צורעכט געמאַכט די אינסטרומענטן און ביז מיר האָבן זיי אויסגעשאַרפט, איז אַ האַלבער טאָג פאַריבער. אָבער וואָס עס אָנבעלאַנגט די נאָרמע, האָט מען פון אונז פאַרלאַנגט אַלע הונדערט פּראָצענט!

קיינער אין דער בריגאַדע איז נישט געווען אומשטאַנד צו דערפילן די נאָרמע. עס איז ממש געווען אויסערהאַלב אונזערע מעגליכקייטן! דערפאַר זיינען מיר באַשטראָפט געוואָרן צו דרייסיק דעקאַ ברויט אָן געקעכטס. לויט די סאָוועטישע רעגולאַציעס מוז מען געבן דרייסיק דעקאַ ברויט אפילו פאַר אַן „אָקטאַזטשיק" (איינער וועלכער זאָגט זיך אָפּ צו אַרבעטן), דרייסיק דעקאַ ברויט איז אַ „שטרפנוי־פּאיאָק" (אַ פּאָרציע וואָס קומט אַ באַשטראָפטן).

ווער עס אַרבעט נישט, דער עסט נישט אין סאָוועטנפאַרבאַנד!...

26

צום שלימזל דאַרף מען אויך האָבן מזל. צו מיין אומגליק האָב איך דאָך געהאַט אַ שטיקל מזל. איך בין אָנגעקומען קיין צפון־פּעטשאָרע אין לאַגער אַריין אין אָנהייב זומער און נישט אין ווינטער. אַזוי אַרום האָב איך צוביסלעך שלום געמאַכט מיט׳ן געדאַנק, אַז איך וועל זיך מוזן צופּאַסן צום קאַלטן צפון׳דיקן וועטער און איך האָב טאַקע אָנגעהויבן צוביסלעך זיך צוגעוואוינען צו דער קעלט.

עס האָט אָבער נישט פיל צייט גענומען און איך בין שטאַרק אָפּגע־צערט געוואָרן. אויפ׳ן קרימינאַלישן לשון הייסט עס, אַז איך בין געוואָרן

אַ „דאַכאַדיאַגע״. דאָס וואָרט „דאַכאַדיאַגע״ איז אַן אויסדרוק פֿאַר אַזאַ איינעם, וואָס קען עסן בעסער פֿון אַ געזונטן פֿאַרשוין, נאָר ער קען זיך קוים האַלטן אויף די פֿיס און דעריבער איז ער הפקר! מען לאַכט פֿון אים, מען וואַרפֿט זיך מיט אים אַרום ווי מיט עפּעס אַן אומריין באַשעפֿעניש און מען שפּעט פֿון אים מאַכנדיק אים צו שאַנד און שפּאָט:

„צום פּרעס איז ער געזונט, אָבער צו דער אַרבעט איז ער קראַנק!״...

אין אמת'ן האָב איך זייער שטאַרק געוואָלט אַרבעטן, איך האָב אָנגע־שטרענגט אַלע מיינע כוחות, נאָר עס איז נישט געגאַנגען! איך בין נישט בכוח געווען צו דערפֿילן די נאָרמע, כאָטש נעם און לייג זיך אַוועק אַ לעבעדיקער!

איז אי אַרבעטנדיק איבער מיינע כוחות און נאָכדערצו באַקומענדיק אַ „שטראַפֿנוי־פּאַיאָק״, בין איך יעדן טאָג אַלץ מער און מער אָפּגעצערט געוואָרן, ביז איך האָב געפֿילט, אַז כלו כל הקצין, עס איז עק וועלט, און אַז אין אַ שיינעם טאָג וועל איך זיך אויסציִען!... איך האָב שוין געהאַט די פּריווילעגיע, פֿאַר דער קורצער צייט וואָס איך געפֿין זיך אין פּעטשאַ־רער לאַגער, זיך צוצוקוקן ווי אייניקע דאַכאַדיאַגעס וואָס האָבן נישט געטויגט גיין צו דער אַרבעט און מען האָט זיי געטריבן מיט דער געוואַלד, ווען זיי זיינען נאָכדעם אַהיימגעקומען, אין לאַגער אַריין, האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אויף די נאַרעס און האָבן זיך מער נישט אויפֿגעהויבן...

איך האָב די דאָזיקע סצענעס געזען לעבעדיקע פֿאַר מיינע אויגן. יאָ, אויך איך בין זיכער אַ קאַנדידאַט פֿאַר אַזאַ ספּעקטאַקל!... איז אויב עס האַלט ביים געשען, וואָלט איך געוואָלט, אַז דאָס זאָל געשען וואָס שנעלער!... עס איז אַ שאָד איטלעכע מינוט! וואָס פֿאַר אַ זין האָט עס צו לעבן אויף דער וועלט אָן אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג?!...

איך האָב שטאַרק מקנא געווען די סטאַכאַנאָוועצעס, די פֿלינקע אַרבע־טער, די רעקאָרדיסטן, וואָס באַקומען צו ניין הונדערט גראַם ברויט אַ טאָג. ניין הונדערט גראַם!... ווען איך וואָלט געווען בכוח צו באַקומען אַזאַ פּאַרציע מיטאַמאָל, וואָלט איך געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט!...

= ⦶ =

„אויף וואָס פֿאַר אַ טערמין ביסטו פֿאַראורטיילט?״, פֿרעגט מיך איינמאָל אַ געזונטער חברה־מאַן פֿון מיין בריגאַדע. דער געזונטער חברה־

מאַן מיט׳ן נאָמען אליאכין איז אַ סטאַכאַנאָוויעץ און ער באַקומט רעגולער טעגלעך צו ניין הונדערט גראַם ברויט. ער פרעגט מיך סתם אַזוי אויס ביי̈געריקייט, ער וויל וויסן וויפיל עס איז נאָך פאַרבליבן, פאַר אַזאַ דאַכאַדיאַגע ווי איך בין, צו זיצן אַרעסטירט.

„איך בין פאַראורטיילט אויף גאַנצע דריי יאָר״, ענטפער איך אים מיט אַ מינע ווי גלייך דריי יאָר און הונדערט יאָר וואָלטן ביי מיר געווען דאָס זעלבע און ביידע וואָלטן זיי פאַר מיר געהאַט איין באַדייטונג.

אין אמת׳ן איז דריי יאָר אין די סאָוועטישע טורמעס איינער פון די קלענסטע אורטיילן. מען רופט אַזוינע אורטיילן „דיעטסקיע־סראָק״ (אַ קינדערשער אורטייל). נאָר ווי קינדעריש אַזאַ אורטייל זאָל נישט האָבן אויסגעקוקט אין די אויגן פון די סאָוועטישע עכטע קרימינאַלניקעס, ביי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איבערצולעבן דריי יאָר אין אַזאַ סומאַטאָכע איז אַ גאַנצע אייביקייט. אויך אליאכין איז אַ קרימינאַלניק ביי וועלכן דריי יאָר איז אַ „קינדער־שפּילעכל״ פונדעסטוועגן פאַרשטייט ער גאַנץ גוט וואָס עס הייסט אַזוינס פאַר מיר צו זיין פאַראוטיילט אויף דריי יאָר, חוזק׳ט ער טאַקע אָפּ פון מיר:

„כאַ, כאַ, כאַ!״ עליאכין קאָן נישט אויפהערן לאַכן פון מיר „אַזאַ דאַכאַדיאַגע ווי דו, און דו ביסט עס פאַראורטיילט אויף דריי יאָר!... כאַ, כאַ, כאַ!״

„עס וועט נישט פאַרבייגיין קיין איין יאָר״, זאָגט ער צו מיר מיט דעם זעלבן לאַכנדיקן קול, „און דו וועסט אָוועק׳פּגר׳ן!״...

כאָטש איך האָב אַרויסגעפילט די ריכטיקייט פון עליאכינס גאַלגאַן־הומאָר, האָב איך זיך גלייכגילטיק צוגעהערט צו זיינע באַמערקונגען. ער האָט רעכט, עליאכין, ווי אַזוי קאָן איך זיך עס צוגלייכן צו אים? ער איז דאָך אַ ריז לגבי מיר. ער איז טאַקע פאַראורטיילט אויף גאַנצע צען יאָר, אָבער ער וועט די צען יאָר גרינג אויסהאַלטן. אַ קונץ אויסצוהאַלטן מיט ניין הונדערט גראַם ברויט אַ טאָג!...

= ⦶ =

די לאַגער־פאַרוואַלטונג האָט אַזוי צעטיילט די מענטשן וואָס זיינען אָנגעקומען קיין פעטשאָרע, אַז זעלטן ווען זאָלן זיין באַקאַנטע צווישן זיך. פון צווישן אַלע מיינע באַקאַנטע האָב איך קיין איינעם נישט געהאַט לעבן

זיך. אמת, עס זיינען טאַקע געווען איניקע פוילישע אידן אינ׳ם לאַגער, אין וועלכן איך האָב זיך געפינען, אָבער אויך פאַר זיי, פאַר די פוילישע אידן, בין איך געווען אַ פרעמדער. ערשטנס, זיינען זיי שוין אַלטגעזעסענע, אויסגעגרינטע. אַ טייל זיינען שוין אפילו סטאַכאַנאָווצעס. וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָב איך, אַ דאַכאַדיאַגע, פאַר זיי? איבעריקנס, בין איך, הייסט עס, אַ רומענישער (ווייל איך בין געבוירן אין רומעניע) און די פוילישע אידן אינ׳ם לאַגער האָבן זייער אַ שלעכטע מיינונג וועגן די רומענישע אידן...

איך האָב אָבער זייער געוואָלט האָבן אַ פריינט. איך האָב זיך נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געפילט אַזוי עלענט. איז צווישן וועמען זאָל איך זוכן אַ פריינט אויב נישט צווישן אחינו בני ישראל? זאָל זיין אַ איד פון סיי וועלכער מדינה, אַבי אַ איד!...

עס איז מיר דאָך געלונגען צו באַפריינדן זיך מיט אַ פוילישן איד, מיט איינעם בערל לעדערמאַן, אַ וואַרשעווער. אויך ער, בערל לעדערמאַן, איז אַ דאכאדיאגע פונקט ווי איך. אויך ער קאָן זיך קוים האַלטן אויף די פיס; אויך ער, פונקט ווי איך, איז אויף אַ „שטראפנוי פאיאק״. זיינע פוילישע קאַמעראַדן וואַרפן זיך מיט אים אַרום ווי מיט עפּעס אַן אומ־ווירדיקן פאַרשוין, כאָטש זיי אַלע ווייסן, אַז אינדערהיים, אין וואַרשע, איז בערל לעדערמאַן נישט געווען אַן אַבי ווער.

איז אויב מיר זיינען ביידע אויף די זעלביקע צרות, פאַרוואָס־זשע טאַקע זאָלן מיר זיך נישט קענען האַלטן צוזאַמען און זיך אויסריידן דאָס האַרץ איינער פאַר׳ן צווייטן? זינט ווען דאַרפן עס אידן קוקן פון וואַנען זיי שטאַמען?!...

מיר האָבן אַרויסגעהאָלפן איינער דעם צווייטן מיט וואָס נאָר מיר האָבן געקאָנט. דער עיקר, מיר האָבן איינער דעם אַנדערן צוגעגעבן מאָראַלישע הילף. אייגנטלעך, איז עס געווען בלויז די איינציקע הילף וואָס מיר האָבן געקענט אַוועקגעבן איינער דעם צווייטן. ביי די קוכערס האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום פּראָטעקציע, אַז מיר זאָלן זיך צוטיילמאָל קענען אַרויס־העלפן מיט אַן איבעריקן טעלער זופּ. איז טאַקע נאָר מאָראַלישע הילף, וואָס מיר האָבן געקענט געבן איינער צום אַנדערן. מיר האָבן זיך געטרייסט איינער דעם צווייטן, אַז עס וועט נאָך אַמאָל קומען אַ צייט ווען מיר וועלן זיך באַפרייען פון אונטער׳ן שווערן יאָך פון פאַניע גנב; מיר וועלן זיך נאָך באַפרייען פון גלות־רוסלאַנד און נאָכדעם וועט זיך פאַר אונז אַנט־פּלעקן אַ נייע און ליכטיקע וועלט וואָס וועט נאָך האָבן מער חשיבות

אין אונזערע אויגן, נאָכדעם ווי מיר ווען האָבן איבערגעלעבט אַזוינע אוממענטשלעכע מיזעריעס אין דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער מלוכה, וועלכע באַשטייט פון לויטער טורמעס און לאַגערן!... מיר האָבן זיך געהאָדעוועט איינער דעם צווייטן מיט אילוזיעס און האַלוצינאַציעס... מיר האָבן געַ׳חלומ׳ט וואָכעדיקערהייט!...

עס איז גאָרנישט אויסגעשלאָסן, אַז אונזער געגנזייטיקע מאָראַלישע הילף וואָס מיר האָבן געגעבן איינער דעם צווייטן איז אונז אפשר מער צונוץ געקומען ווי מאַטעריעלע הילף...

פון אַלע פּראָדוקטן וואָס די לאַגערניקעס האָבן געדאַרפט באַקומען, האָט מען זייער אַ גרויסן חלק אַוועקגעַ׳גנב׳עט. דער בלויזער פאַקט, וואָס עס עקזיסטירט אַ פּרעווילעגירטע גרופּע אַרעסטאַנטן וואָס לויט זייער פּאַיאָק וואָלטן זיי נישט געדאַרפט זיין פּריווילעגירט און אַלץ באַקומען זיי בעסער צו עסן, שוין דאָס אַליין איז אַ באַווייז, אַז דער פּריווילעגירטער קלאַס געניסט אויפ׳ן חשבון פונ׳ם דורכשניטלעכן אַרעסטאַנט. אָבער דאָס איז נישט אַלץ! די נאַטשאַלניקעס מיט די פּרידורקעס (לאַגער באַאַמטע) האָבן אַלע מאָל געמאַכט יד־אחת מיט די קיך אַרבעטער און מיט דעם קאַפּטשיאָרטשיק (מאַגאַזינער) אַז אַלע בעסערע פּראָדוקטן זאָלן צוגעטיילט ווערן פאַר׳ן נאַטשאַלניק און דעריבער האָט דער נאַטשאַלניק פאַרקוקט פאַר די פּרידורקעס זייערע אייגענע גנבות. די אַלע גנבות זיינען אויסגעגאַנגען צו די פּראָסטע אַרבעטערס קעפּ. דעריבער איז טאַקע דאָס לאַגער־געקעכטס שטאַרק אָרעם. אפילו ווען מען זאָל געווען גאָרנישט גנב׳ענען פון די פּראָדוקטן, וואָלט אויך געווען שטאַרק ווייניק דאָס עסן, וואָס מען האָט אָפיציעל צוגעטיילט פאַר די אַרעסטאַנטן.

דעריבער, אַז איינער האָט געהאַט אַ גוטן פריינט אָדער אַ באַקאַנטן וואָס האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט די קוכערס איז ער ממש געווען אַ גליקלעכער. אַזוי אַרום האָט דער יעניקער טיילווייז צוריקבאַקומען אַ חלק פון די פּראָדוקטן פון וועלכע מען האָט אים באַ׳גנב׳עט. אָט דעראַרטיקע הילף האָבן מיר, איך און לעדערמאַן, זיך נישט געקאָנט געבן.

אין אַלגעמיין האָט לעדערמאַן זעהר אַ פּעסעמיסטישן בליק אויף אונזער צוקונפט. ער איז שוין געווען איבער אַ יאָר אין לאַגער און ער וואונדערט זיך וויאַזוי ער האָט עס בכלל געקענט אויסהאַלטן ביז איצט. זיין דעפיניציע איבער׳ן לאַגער־לעבן איז אומגעפער אַזאַ:

„מיר לעבן געענוי ווי די בהמות: ביז מיר האָבן נאָך אַ קאַפּיטשקע

כוח אין זיך נאגן עס די נ.ק.וו.ד. אויס פון אונז, פונקט ווי אַ ווילדע חיה נאגט אויס דאָס בלוט פון איר קרבן; מען אַרבעט מיט אונז ווי מיט די אידן אין מצרים, עבודת־הפרך. נאָכדעם, אַז מיר בלייבן אָן כוח, מוטשען מיר זיך ביז, — ביז, אין איין שיינעם טאָג ציען מיר זיך אויס און אַדיע!"...

לויט לעדערמאַנ'ס דעפיניציע האָט טאַקע דער סטאַכאַנאָוויעץ, עליאכין, רעכט געהאַט, ווען ער האָט מיך אויסגעלאַכט מיט מיינע דריי יאָר...

אויב מיר האָבן זיך גענוג אָנגעמוטשעט און אָנגעפּלאָגט אַ גאַנצן טאָג אויף דער „פּראַאיסוואָטסטווע" (דרוסנדיקע צוואַנגס־אַרבעט אונטער וואַך) האָבן מיר זיך, נאָכ'ן טאָג אַרבעט ווען מיר זיינען שוין אַהיימגעקומען אינ'ם לאַגער אַריין, אויך נישט ווייניק געמוטשעט. מיט דער בלויזער שווערער אַרבעט, וועלכע איז אָן און פאַר זיך פאַרבונדן מיט גענוג שוועריקייטן, האָט זיך אונזער טעגליכע מוטשעניע און מאַטערניש נאָכ־נישט געענדיקט. כאָטש מיר אַרבעטן אין וואַלד און האַקן אַ גאַנצן טאָ־האָלץ און מיר אליין שלעפּן זיך דערמיט אויף קילאָמעטערס איז פונדעסט־וועגן אַלעמאָל אַ מאַנגל אין האָלץ ביי אונז אין באַראַק. דאָס האָלץ נעמט־אַוועק די וואָך און מיר האָבן אַ ברירה אונטערצופירן ביינאַכט אויף ד בלויזע נאַרעס אָן שטרויזעק און אָן אַ צודעק. מיר ליגן אויף די בלויזע נאַרעס און פרירן כאָטש מיר ווערן אַנטשלאָפן, זייענדיק שטאַרק אויסגע־מאַטערט פון דער שווערער אַרבעט אַ גאַנצן טאָג.

אַזוי ווי איך מיט לעדערמאַנ'ען זיינען באַפריינדעט געוואָרן, האָבן מיר אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז מיר זאָלן שלאָפן צוזאַמען. מיר וועלן זיך צוזאַמענקאָרטשן און צוזאַמענפלעכטן איין גוף אינ'ם צווייטנס און אַזוי אַרום וועלן מיר זיך אונטערוואַרעמען.

איך ווייס טאַקע נישט גענוי ווי אַזוי איך זע אויס, ווייל איך האָב נישט קיין שפּיגל ווי זיך אָנצוקוקן, נאָר מיר דוכט זיך אויס, אַז לעדערמאַן זעט נאָך ערגער אויס... ער איז אַזוי אויסגעצערט און שוואַרץ, אַז ער האָט כמעט פאַרלאָרן די מענטשלעכע צורה זיינע. זיין הויכער און געבויגענער קערפּער באַשטייט אינגאַנצן פון פּיס. מען קען מיינען, אַז ער האָט זיך צוגעשטיקעוועט זיינע פּיס כדי ער זאָל העכער אויסזען ווי ער איז.

= ◎ =

אַלע מיינע זאַכן, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון דער היים, זיינען שוין אָדער צעריסן געוואָרן, אָדער פאַרברענט פונ'ם זשאַרען אין די

דעזינפעקציעס. איך האָב טאַקע נישט געוואָלט שיידן זיך מיט מיין ביסל הימיש אָרעמקייט, עס איז מיר געווען ליב און טייער אפילו צעריסענער־און פאַרזשאַרעטערהייט; איין בליק מיינעם אויף מיינע שמאַטעס, וועלכע ריכטן אָפּ גלות מיט מיר צוזאַמען און זיי, די שמאַטעס מיינע, דערמאָנען מיך אין זייער פאַרגאַנגנהייט ווען זיי זיינען געווען ניי און אין פולן גלאַנץ... אָבער מיין ביסל הימיש אָרעמקייט האָט זיך ביסלעכווייז געשיידט פון מיר! וויפיל די דעזינפעקציע האָט נישט פאַרניכטעט, האָבן די זשוליקעס דערליידיקט, זיי האָבן מיך באַ׳גנב׳עט אָדער זיי האָבן פון מיר מיט געוואַלד אַוועקגענומען וואָס עס האָט זיך זיי נאָר פאַרגלוסט...

איין־און־איינציקער, מיין מאַנטל, איז מיר נאָך פאַרבליבן. דעם מאַנטל האָב איך אָפּגעהיט ווי מיינע אויגן אין קאָפּ. ער איז געווען אַ טייערער וואָלענער מלבוש, וואָס איך האָב געהאַט געקויפט פאַר מיינע אָפּגעשפּאָרטע גראָשענס. ער האָט מיך געגוג געקאָסט, און איך האָב זיך געגוג געפּלאָגט, ביז עס איז מיר געלונגען צוזאַמענצושטעלן די סומע וואָס איך האָב געדאַרפט באַצאָלן פאַר אים. דערפאַר אָבער קומט מיר איצט דער מאַנטל זעהר גוט צונוץ. ווייל נישט האָבנדיק קיין צודעק, איז ער בייטאָג אַ רעגולער מלבוש און ביי נאַכט — אַ צודעק! וואָס וואָלט איך געווען טאַקע געטאָן אָן דעם?...

איצט, אַז איך האָב אַ פריינט, לעדערמאַנ׳ען, טייל איך זיך טאַקע מיט אים און איך לאָז אים צו אַ האַלבן חלק פון מיין מאַנטל... עס פּאַסירט טאַקע מיט׳ן מאַנטל דאָס זעלבע וואָס עס האָט פּאַסירט מיט הערשעלע אָסטראָפּאָליער׳ס קאָלדרע:

הערשעלע אָסטראָפּליער, ווערט דערציילט, האָט איינמאָל איבערגע־נעכטיקט אין אַ הויז פון אַ גביר און די באַלעבאָסטע האָט אים געגעבן זייער אַ קליינע קאָלדרע צוצודעקן זיך און הערשעלע האָט דעריבער אונ־טערגעפרווירן ביינאַכט, האָט ער געהאַלטן אין איין קאָמאַנדעווען, אַזוי דאָס די באַלעבאַטים זאָלן הערן כדי זיי זאָלן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט פאַר אים אָדער פאַר אַ צווייטן אורח געבן אַ גרעסערע קאָלדרע: „רוק זיך אַרויף! רוק זיך אַראָפּ! רוק זיך אַהער! רוק זיך אַהין!“...

אַז מען האָט הערשעלן געפרעגט פאַרוואָס ער האָט אַזוי קאָמאַנדעוועט מיט דער קאָלדרע, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס קאַצל איז געווען אַזוי קליין, אַז טאָמער האָט ער זיך צוגעדעקט אויבן איז אים געווען קאַלט אונטן און ווען ער האָט זיך צוגעדעקט אויף דער רעכטער זייט האָט ער אונטער־

געפרוירן אויף דער לינקער זייט. דעריבער האָט ער געמוזט קאָמאַנדעווען פאַר׳ן קאצל עס זאָל זיך רוקן אַהין וואו עס איז אים קאַלט...

איז אַז מיין ראָק איז נישט געווען געננג גרויס, אַז ער זאָל מיך אַליין צודעקן, איז ווי אַזוי זשע קען ער זיין גענוג פאַר צוויי? טאָמער וועט עמעצער זיך פאַרטראַכטן און געפינען אַ תירוץ: אויב עס האָט געקענט געשען אַ נס מיט יעקב אָבינו און פון אַ סך שטיינער האָט ביי אים געקאָנט ווערן איין שטיין, איז פאַרוואָס זאָל זיך דער ראָק נישט קענען דעמאָלט אויסציען?... איז עס אָבער נישט דער פאַל מיט מיר און מיט לעדערמאַנ׳ען! נאָר דער אמת איז, אַז מען וויל טאָן אַ טובה אַ פריינט און מען האָט דערפון אַ סאַטיספאַקציע, איז גאָרנישט שייך!...

איך האָב זיך אַלעמאָל מיטגענומען דעם מאַנטל צו דער אַרבעט, אפילו ווען עס איז געווען אַביסל וואַרעם אינדרויסן און איך האָב זיך בכלל נישט גענוויטיקט אין אים. איך האָב אים מורא געהאַט איבערצולאָזן אינ׳ם באַראַק, ווייל טאָמער וועלן די זשוליקעס לייגן אויף אים די ידים און דעמאָלט קאָן איך זיך געזעגענען פון מיין טייערן מאַנטל! דער ראָק דינט מיך ביינאַכט, מוז איך אים דינען בייטאָג ביי דער אַרבעט!

עס איז מיר זייער שווער געווען צו האַלטן כסדר אַן אויג אויפ׳ן מאַנטל. אַלע מיינע געדאַנקען האָב איך שטענדיק געמוזט קאָנצענטרירן אויף אים. איך האָב איבער אים געציטערט ממש ווי אַ מאַמע איבער איר קינד. איך האָב אַליין נישט אין אַכט גענומען ווי ווייט איך בין עס פאַרשקלאַפט צוליב אַ מלבוש, ביז אין איין שיינעם טאָג האָט מען אים מיר צוגע׳גנב׳עט. איך האָב טאַקע געוואוסט ווער עס איז געווען דער גנב, נאָר דאָס האָט מיר קנאַפּ וואָס געהאָלפן.

עפּעס אַ פרידוראַק פון דער בוכהאַלטעריע האָט עס געוואָרפן אַן אויג אויפ׳ן מאַנטל און ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט רק איך זאָל אים פאַרקויפן. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך משתדל זיין פון מיינעטוועגן און אויסנוצן זיין פּראָטעקציע ביים בריגאַדיר, אַז ער זאָל מיך צושטעלן צו גרינגער אַרבעט; ער וועט מיר געבן מזומן געלט, פופציק רובל, חוץ דעם וועט ער מיר געבן פּראָדוקטן, אַ גאַנצע בוכאַנקע (לאַבן) ברויט און אַ „פּאַטשקע" מאַכאַרקע. איך האָב גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז דער פרידוראַק וויל דעם ראָק פון מיר אויסנאַרן און פון די אַלע גוטע צוגעזאָגטע זאַכן וועל איך סיי ווי גאָרנישט באַקומען. נאָר אפילו ווען איך וואָלט זיכער געווען אַז דער פרידוראַק וועט נאָכקומען זיינע אַלע צוזאָגן

וואָלט איך זיך געוווען אַלץ אָפּגעזאָגט פון די אַלע גוטע זאַכן, נישט געאַכט דערויף וואָס זיי וואָלטן מיר שטאַרק נוצוץ געקומען. ווייל חוץ דעם וואָס דער מאַנטל איז דער לעצטער זכר מיינער פון דעם היים, וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ גענוג גוטער מאָטיוו פאַר זיך זעלבסט, דאָס איך זאָל זיך נישט לאָזן איבעררעדן פונ׳ם יצר־הרע און פאַרטאַכלעווען די לעצטע זאַך וואָס פאַרבינדט מיך מיט דער היים פאַר אַזאַ זאַך וואָס אָט האָב איך עס און אָט איז עס נעלם געוואָרן... האָב איך פשוט געמוזט האָבן דעם בגד פאַר אַ צודעק ביינאַכט כדי איך זאָל נישט נאָך מערער פרירן. איבערהויפּט, אַז איך האָב נאָך איינעם, לעדערמאַנ׳עץ, וועלכע געניסט אויך פונ׳ם מאַנטלס וואַרעמקייט, איז ווי גלייך איך נעם פון אים אויך אַוועק אַ חלק...

האָט מען אָבער איינמאָל געמאַכט אַ „גענעראַל־פּראַוויערקע" (הויפּט־ציילונג) איבערן לאַגער און ביי דער געלעגנהייט טרייבט מען געוויינלעך אַרויס איטלעכן פון דער זאָנע און עס נעמט שעה׳ן לאַנג ביז מען רופט איטלעכן ביים נאָמען, פון זיין פאָרמולאַר, ביז מען לאָזט איטלעכן צוריק אין לאַגער אַריין. ביי אַזאַ געלעגנהייט נעמען די נ.ק.וו.ד. צוהילף אויך די פּרידורקעס. איז אין דער גרויסער איילעניש, ווען מען האָט פּלוצלונג איטלעכן אַרויסגעטריבן פון די באַראַקן, האָב איך פאַרגעסן מיטצונעמען דעם מאַנטל מיט זיך.

דער לאַגער־באַאַמטער, וועלכן איך האָב נישט געוואָלט פּרייוויליק אַוועקגעבן מיין ראָק, האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און ער האָט מיך באַ׳גנבֿ׳עט. איך בין טאַקע נאָכדעם געלאָפן צום דעזשורנע און איך האָב פּראָטעסטירט. דער דיזשורנע האָט מיך געפרעגט צי איך האָב אַן אָנונג, ווער עס קען זיין דער גנבֿ, האָב איך אים דערציילט וואָס איך ווייס. נאָר אַזויווי דער דיזשורנע איז אָבער אויך געווען אַ גוטער פריינט מיט די לאַגער־פּרידורקעס, ווייל אויך ער, דער דיזשורנע טאַקע, פּלעג צוליב זיי געניסן פון די גנבֿה׳שע פּראָדוקטן פונ׳ם לאַגער, איז נישט נאָר וואָס דער דיזשורנע האָט מיר נישט געהאָלפן צוריקבאַקומען מיין בגד, נאָר ער האָט מיר נאָך געטאָן אַ בערישע טובֿה, און ער האָט דערציילט אַז איך האָב געזאָגט ווּעמען איך פאַרדעכטיק...

דער סוף איז געווען אַז מען האָט מיר גוט אָנגעבראָכן די ביינער און מען האָט מיך געלערנט אַ לעקציע, וואָס עס הייסט אַזוינס צו פאַר־מסור׳ן אַ קאַמעראַד פאַר׳ן דעזשורנע... איך האָב זיך נאָך געמוזט פאַר־ענטפערן, אַז איך ווייס נישט וואָס איך רעד... איך בין שפּעטער געוואויר

געוואָרן אַז איך האָב דווקא יאָ געוואוסט וואָס איך רעד טאַקע דער זעלבער פרידוראַק, וועלכן איך האָב חושד געווען אין דער גנבה, האָט עס טאַקע צוגעגנב'עט דעם מאַנטל. איך בין געבליבן מיט די קלעפּ און מיט'ן חשד און ער איז געבליבן מיט'ן מלבוש...

עס איז ווי מיט'ן רויך אַוועק מיין לעצט ביסל היימישקייט! אויס מאַנטל, אויס צודעק!...

אין אָנהויב האָב איך טאַקע געטרויערט נאָך אים. לעדערמאַן, זעענדיק ווי איך טרויער נאָך מיין לעצטן זכר פון דער היים, האָט אויך געהאַט יסורים. נאָר מיין טרויער איז שנעל פאַראיבער.

אַז איך בין אַוועק צו דער אַרבעט און איך בין נישט געווען מיט מיינע געדאַנקען פאַרשקלאַפט צום מאַנטל; אַז איך בין אַרויס אין הויף און איך האָב זיך נישט געדאַרפט מיטשלעפּן מיט'ן מאַנטל; אַז איך בין געגאַנגען אין באָד אַריין האָב איך נישט געדאַרפט מורא האָבן: „אוי, וויי, מען וועט מיר צו'גנב'ענען דעם מאַנטל", און אַזוי אויך ביי אַנדערע געלעגנהייטן, — האָב איך פלוצים דערפילט אַז איך בין אַ „פרייער מענטש"!... ערשט איצט האָב איך זיך געקענט מאַכן אַ חשבון-הנפש ווי פאַרשקלאַפט איך בין עס געווען צו אַ שמאַטע. איי דאָס וואָס איך פריר אַביסל מערער ביינאַכט? און פריער, מיט'ן מאַנטל, צי האָב איך דען נישט געפרירט?!...

מיט'ן פאַרלוירן גיין פונ'ם מאַנטל האָב איך אויך ווי פאַרלוירן אַלע מיינע סענטימענטן וועלכע האָבן מיך געהאַלטן צוגעבונדן צו דער היים... איך האָב כמעט ווי פאַרגעסן אין איטלעכן. איך האָב פשוט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו טראַכטן וועגן דער היים. מיינע אַלע חושים זיינען געווען קאָנצענטרירט צו איין פונקט: ווי אַזוי צו פאַרלייכטערן זיך אַביסל דעם גלות.

אַ גאַנצען טאָג לייד איך זיך אָן פון קעלט און הונגער. חוץ די ליידן פון דער קאַטאַרזשנער אַרבעט און די שלעק פונ'ם בריגאַדיר, טאַמער עס דאַכט זיך אים צו אַז איך האָב נישט אַריינגעלייגט מיין גאַנצן כוח מיט מיין ענערגיע אין דער דאָזיקער אַרבעט. און אַלס אַ צוגאָב לייד איך זיך אָן פון די זשוליקעס אַזוי ביי דער אַרבעט ווי אין באַראַק. וועגן דער פלאָג וואָס הייסט „זשוליקעס" וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן. נאָר טאָמער זיינען די אַלע זאַכן קנאַפּ הער איך זיך ערשט אָן מיט'ן וואָרט „זשיד" אויף איטלעכן שריט. אינ'ם אַנטיסעמיטישן אונגאַרן און אין

רומעניע האָב איך קיינמאָל נישט געהערט אַזויפיל דאָס דאָזיקע שימף־וואָרט... איז וויאַזוי קאָן איך עס צייט האָבן צו זיין סענטימענטאַל ?

איך האָב ווי פאַרגעסן אין אַלע מיינע געוועזענע פריינט און באַקאַנטע. איך האָב אפילו כמעט פאַרגעסן אין מיינע אָרעמע עלטערן, אפילו אין מיין מאַמען, וועלכע האָט מיר געהאַט נביאות געזאָגט, אַז מען וועט מיך פאַרשיקן קיין סיביר...

אין איינער אין וועלכער איך האָב נישט געקענט פאַרגעסן איז געווען מיין געליבטע. אויך אין איר וואָלט איך געווען אוודאי פאַרגעסן ווען זי טיילט נישט איר גורל מיט מיין גורל, ווען זי וואָלט געווען געבליבן אין דער היים. איז זי אָבער אויך ערגעצוואו אין אַ לאַגער, איז קלערנדיק פון איר ווערט מיר מיין האַרץ פאַרקלעמט !... ווען איך דערמאָן זיך אָן איר דעמאָלט מעג איך זיין אין סיי וואָס פאַר אַ צרה, זיפץ איך מער וועגן איר גורל ווי וועגן מיין צרה

קלערנדיק פון ב׳ן ווילט זיך מיר דווקא לעבן ; אפשר וועלן מיר דאָך נאָך אַמאָל זיין צוזאַמען... איך טאָר נישט שטאַרבן, נייך ! טאַקע צוליב איר אַליין, וואָס זי האָט זיך ממש געאפפערט פון מיינעטוועגן, בין איך מחויב צו לעבן. יאָ, איך בין מחויב, איך מוז לעבן !...

נאָר וויאַזוי קאָן איך, ביי מיין בעסטן גוטן ווילן, לעבן, אַז איך טויג נישט אויסאַרבעטן קיין נאָרמע און אַז איך בין שטענדיק אויפ׳ן „שטראפנוי־פאיאק״ ?

ווען אימעצער וואָלט מיר געווען אין דעם מאָמענט געזאָגט, אַז איך וועל זיין בכוח אויסצוהאַלטן פאַר אַכט יאָר צייט אין די סאָוועטישע לאַגערן און נאָך אַרויסגיין אַ לעבעדיקער אויך, — וואָלט איך געווען געזאָגט, אַז דער יעניקער איז משוגע !...

= ◍ =

ביז מען האָט מיך נישט געטשעפּעט, און אַז איך האָב נישט אויסגע־אַרבעט די נאָרמע, האָט מען מיר נאָר געגעבן אַ שטראפנוי פאיאק, איז נאָך געווען האַלבע צרות. די אמת׳ע צרה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, ווען מען האָט נישט אַריינגעלאָזט אין דער זאָנע אַריין איבערצונעכטיקן און אָפּצוועסן וויעטשערע, נאָר מען האָט זיך געמוזט צוריק אומקערן צו דער פראָאיסוואָטסטווע מיט אַ צווייטער שיכט, כדי מען זאָל ענדיקן די נאָרמע.

מיט מיר איז עס עטלעכע מאָל געשען. נאָר עס איז נישט אַזוי איינפאַך ווי עס רעדט זיך.

איך בין געווען צוגעטיילט אין אַ בריגאַדע וועלכע האָט געדאַרפט אויסשניידן טאַרף פון אַ באָדן אויף וועלכן מען האָט געדאַרפט לייגן אַ באַן־ליניע.

דער טאַרף האָט געמוזט זיין אויסגעשניטן ביז צום באָדן, ביז צום גרונט. עס איז נישט דערלויבט אויסצולייגן גראַוול און באַלאַסט אויף מאַכיקן באָדן, וואו מען וועט דאַרפן אויסצולייגן שפּאַלן און רעלסן. דער מאָך, אָדער דער טאַרף, איז געווען אויסערגעוויינלעך טיף. מען האָט טיילמאָל געמוזט גראָבן זעקס און זיבן מעטער די טיף. די אינסטרומענטן וואָס איך האָב געהאַט זיינען נישט געווען צוגעפּאַסט צו אַזאַ דיקן מאָך. צו דער אַרבעט האָבן זיך געניוטיקט גוטע שאַרפע העק, אַ שאַרפע זעג, טאָמער דאַרף מען איבערזעגן אַ וואָרצל פון אַ בוים, קירקעס, רידעלס און שאָוועלס, ספּעציעלע לאָפּאַטעס וועלכע זיינען פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט ביי אַזאַ שטייגער אַרבעט. די סטאַכאַנאָוועצעס וועלכע זיינען געוויינלעך געניט אין דער אַרטיקער אַרבעט, האָבן שוין געוואוסט אין פאָראויס, וואָס פאַראַ איסטרומענטן מען מוז האָבן, כדי מען זאָל זיין בכוח צו מאַכן די נאָרמע. איז אפילו זיי, די סטאַכאַנאָוועצעס, זיינען ביי דער דאָזיקער אַרבעט היפּש הינטערשטעליק געבליבן ווייל זיי האָבן אויך נישט אַלעמאָל געהאַט די נויטיקע אינסטרומענטן. עס איז ממש געשען מיט אונז דאָס זעלבע ווי מיט די אידן אין מצרים, ווען מען האָט זיי אויפגעהערט צו געבן שטרוי צו די ציגל און די אידן האָבן זיך געמוזט אַליין באַזאָרגן מיט שטרוי, אָבער די נאָרמע ציגל האָבן זיי אַלץ געמוזט פאַרפילן.

אין דער אינסטרומענטאַלקע איז קיינמאָל נישט פאַראַן געווען אינ־סטרומענטן און ווערן קיינמאָל נישט צוגעטיילט די געהעריקע אינסטרו־מענטן צו אַן אַרבעט וואָס פאָדערט אַ געוויסן סאָרט מכשיר. קיין געהעריקע מכשירים צו דער אַרבעט האָבן מיר טאַקע נישט אָבער די נאָרמע פאָדערט מען פון אונז. איז גיי און פאַרפיל אַ נאָרמע, אַז דער מאָך איז פול מיט דיקע שטאַמען, מיט גראָבע וואָרצלען, און אויסצורייסן אַ שטיקל דערפון איז אַזוי שווער, ווי צו רייסן אַ צאָן, און קיין מכשירים דערצו איז נישטאָ. די נאָרמע איז שטאַרק גרויס און קיין כוח איז אויך נישטאָ!...

אַזוי איך, ווי נאָך פיל אַנדערע דאַכאַדיאַגעס ווי איך, זיינען ביי דער

דאָזיקער אַרבעט כמעט קיינמאָל נישט בכוח געווען צו פאַרפּילן די נאָרמע.

צו דער אַרבעט האָבן מיר געמוזט שפּאַנען גאַנצע אַכט קילאָמעטער, ווייל אַזוי ווייט איז געווען דאָס אַרבעטס פּלאַץ פון דער זאנע. ביז מיר זיינען אָנגעקומען צום אָרט זיינען מיר שוין געווען אינגאַנצן אויסגע־מאַטערט. דער וועג איז געווען אויסערגעוויינלעך שווער, מען האָט געמוזט טאַפּטשן אין וואַסערן און אין בלאָטעס, ביז מען האָט זיך דערשלעפּט צו דער אַרבעט.

איך האָב פּונקט געאַרבעט די נאַכט־שיכט. אין זומער זיינען די קאָמאַרעס און מושקאַרעס (בייסנדיקע מאָסקיטאָס) די הויפּט באַלעבאַטים איבערן גאַנצן האָריזאָנט. די דאָזיקע „באַלעבאַטים" זויגן אויס דאָס לעצטע טראָפּן בלוט פון׳ם געזיכט. זיי זויגן און זיי בייסן מיט אַזאַ ווילדער רציחה, אַז מען מוז זיך האַלטן אין איין קראַצן. פון׳ם קראַצן ווערט דאָס פּנים אינגאַנצן געשוואָלן. עס העלפט אפילו נישט קיין „נאַקאָמאַרניק", אַ נעץ אַזאַ, איבער׳ן פּנים. זיי, די קאָמאַרעס און מושקאַרעס, טוען זיך דאָס זייעריקע דורך דער נעץ און אונטער דער נעץ. זיי געפינען זיך שוין אַ וועג אַרונטערצוקריכן אונטער דער נעץ. זיי ווייסן בלויז איין זאַך: דער רבונו של עולם האָט זיי באַשאַפן זיי זאָלן זיך אָנזויגן מיט מענטשלעך בלוט, איז מוזן זיי אויספירן זייער שליחות...

נאָר אַמערגסטן איז, ווען מען מוז זיך טראָגן מיט אָנגעלאָדענע נאָסילקעס און ביידע הענט זיינען פאַרנומען אַזוי, אַז מען קאָן זיך נישט קיין קראַץ טאָן פאַר איין סעקונדע... מען זאָל אוודאי נישט געפּרואווט ווערן צו מוזן אַרבעטן, ווען קאָמאַרעס זויגן דאָס בלוט פון׳ם פּנים און מען זאָל זיך נישט קענען קראַצן!...

אַוועקגעטראָגן דעם אויסגעשניטענעם טאָרף אויף אַ געוויסן דיסטאַנץ איז אויך אַ חלק אין דער נאָרמע. וואונדער איך זיך טאַקע נישט, ביז צום היינטיקן טאָג, פאַרוואָס אַ סך האָבן נישט געקאָנט אויסאַרבעטן די נאָרמע אונטער אַזוינע באַדינגונגען.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון דער אַרבעט מיט מיין בריגאַדע האָט מען מיך מיט נאָך אייניקע נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין דער זאנע אַריין.

מיר וועלן מוזן צוריקגיין צו דער פּראַאיסוואָטסטווע און אויספּילן די נאָרמע!

מיך מיט לעדערמאַנ׳ען און נאָך אייניקע דאָכאָדיאַגעס האָט מען

געהייסן אַז מיר זאָלן זיך שטעלן אין אַ זייט. אַזוי ווי מיר האָבן געאַרבעט נאַכט־שיכט וועט מען אונז אַנשליסן צו דער בריגאַדע וואָס אַרבעט טאָג־שיכט און מיר וועלן מוזן צוריקגיין צו דער פּראַאיסוואַטסטווע און ענדיקן אונזער נאָרמע.

מיר האָבן שוין איינמאָל געשפּאַנט אַכט קילאָמעטער אַהין און אַכט קילאָמעטער צוריק, דאָס הייסט זעכצן קילאָמעטער, וועלן מיר אַצינד אויפסנײַ גיין אַכט קילאָמעטער אַהין און צוריק מיט דער בריגאַדע צו וועלכער מען האָט אונז אָנגעשלאָסן. נאָכדעם ערשט, דעם אַנדערן טאָג, וועלן מיר ערשט דאַרפן גיין מיט אונזער אייגענער בריגאַדע אַכט קילאָמעטער אַהין און צוריק. די קאָנוואָיען און די בריגאַדעס וועלן זיך טאַקע בײַטן, אָבער מיר, דאַכאַדיאַגעס, וועלן מוזן גיין און גיין. ביז מיר וועלן נישט פאַרפילן די נאָרמע וועלן מיר מוזן מאַכן די דאָזיקע אַכט קילאָמעטערדיקע הקפות. אייגנטלעך, איז עס זעכצן קילאָמעטערדיקע הקפות, ווײַל באַלד ווי מיר זײַנען אָנגעקומען מיט איין שיכט, האָט מען אונז שוין אָנגעשלאָסן צו דער צווייטער שיכט און מיר האָבן געמוזט גלייך צוריקגיין...

און אָט דאָס אַלץ האָבן מיר מיטגעמאַכט מיט אַ „שטראַפנוי־פּאַיאָק" וואָס איז סך־הכל דריי הונדערט גראַם ברויט!...

עס וואָלט אפשר גלייכער געווען ווען איך וואָלט געזאָגט: דרייסיק דעקאַ ברויט. ווײַל דריי הונדערט גראַם קלינגט עפּעס ווי גלייך עס וואָלט געווען מער ווי דרייסיק דעקאַ... נאָר איך באַנוץ זיך מיט׳ן לשון ווי מען האָט זיך באַנוצט אָפיציעל אין די סאָוועטישע בוכהאַלטעריעס.

איך האָב אַ גרונט חושד צו זײַן די סאָוועטן, דאָס זיי באַנוצן זיך דירעקט מיט די טערמינען פון גראַמען אַנשטאָט מיט די טערמינען פון דעקאָס, ווײַל דערמיט ווילן זיי שאַפן דעם אײַנדרוק פאַר זייער באַפעל־קערונג, אַז זיי קריגן מער... אפילו אַ קילאָ ווערט נישט אָנגערופן מיט׳ן נאָמען קילאָ, נאָר „טויזנט גראַם" אָדער „טויזנט צוויי הונדערט גראַם" פאַר אַ זאַך וואָס וועגט אַ קילאָ מיט צוואַנציק דעקאַ, און אַזוי ווייטער.

אויב די סאָוועטישע רעדעלפירער קענען אַרויסקומען מיט אַ קעגן טענה, דאָס אויך יעקב אָבינו האָט צעשפּרייט זײַנע פּי, וועלכע ער האָט געבראַכט פאַר אַ מתנה צו זײַן ברודער עשו, כדי עשו זאָל מיינען, אַז ער קריגט מערער ווי ער זעט מיט די אויגן... איז דער תירוץ, אַז עס איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד: יעקב אָבינו׳ס מתנה איז טאַקע געווען גענוג גרויס. ער האָט נאָר געוואָלט, אַז זײַן מתנה זאָל אויסקוקן אַביסעלע

גרעסער. אָבער די סאָוועטן, להבדיל, ווילן אין אַלגעמיין געבן דעם איינ־דרוק, ווען עס לוינט זיך זיי נאָר, אַז קליין איז קרויס און פאַרקערט !...

27

עס איז געקומען דער טאָג ווען די נאַציס האָבן אַטאַקירט סאָוועט־רוסלאַנד. מיר האָבן געזען ווי די אכרע (וועכטער) לויפן אַרום ווי די פאַר׳סמ׳טע מייז. די אינגערע זוערן מאָביליזירט צום פראָנט, עס זיינען נאָר פאַרליבן מיינסטנס עלטערע. מיר, די אַרעסטאַנטן, האָבן געמערקט, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכעס האָט געמוזט געשען, נאָר מיר האָבן נישט געוואוסט גענוי וואָס...

עס האָט מיך נישט זייער שטאַרק געוואונדערט פאַרוואָס די אַרעסטאַנטן זיינען נישט באַלד געוואָר געוואָרן, אַז סטאַלינס פאַרבינדעטער, היטלער, האָט פלוצלונג אָנגעגריפן זיין בוזים־פריינט... פיל זאַכן האָבן זיך שוין אוודאי אָפּגעטאָן אויף דער וועלט, זינט איך האָב פאַרלאָזט די היים, אָבער איך האָב זייער ווייניק געוואוסט וועגן די אַלע פּאַסירונגען. עס איז שוין געהאַט פאַריבער אַ יאָר צייט זינט די סאָוועטן האָבן אָקופּירט בעסאַראַביע און בוקאָווינע און ערשט היינט האָט זיך דערפון דערוואוסט, טאַקע פון מיר, אַ טשערנאָוויצער יונגערמאַן מיט׳ן פאַמיליע נאָמען סאכער. ער, סאכער, איז אויך אַ פערעביעזטשיק. ער איז געהאַט אַריבערגעלאָפן די סאָוועטישע גרעניץ נאָך אין פרילינג פון 1940. וואָלט סאכער געווען געהאַט נאָר נאָך איין ביסעלע אויסדויער, וואָלט ער זיך געוועז איינעשפּאָרט זיין אומזיסטיקע מי, צו לויפן צו די „כאַווירים״. די „כאַווירים״ וואָלטן אים געוועז אָפּגעשטאַט אַ וויזיט טאַקע ביי אים אין דער היים, אין טשערנאָוויץ. סאכער איז שטאַרק איבערראַשט און ער לאָזט זיך נישט גלויבן, אַז איך דערציייל אים דעם אמת...

טאַקע דעריבער וואונדערט מיך נישט, וואָס מיר זיינען ערשט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג געוואָר געוואָרן וועגן דער גרויסער געשעעניש. אדרבא, עס האָט מיך אין אָנהויב געוואונדערט, וואָס מיר, אַרעסטאַנטן, זיינען עס אַזוי שנעל געוואָר געוואָרן. נאָר עס האָט נישט גענומען קיין סך צייט ביז מען האָט אונז געלאָזט וויסן אָפיציעל. דער נאַטשאַלניק אַליין האָט אונז צוזאַמעגערופן אין לאַגער־הויף און ער האָט פאַר אונז אַלע געהאַלטן אַ רעדע:

„ראַביאַטאַ", דער נאַטשאַלניק רעדט צו אונז אַראַטאָריש און באַפֿעד־לעריש, „ראַביאַטאַ, זייט וויסן דאָס אונזער אַלגעמיינער שונא, דער שונא פון דער מענטשהייט, היטלער, האָט אונז אָנגעגריפן און די דייטשע פאַשיסטישע האָרדעס האָבן אַריינגעדרונגען אין אונזער מוטער־לאַנד; זיי האָבן באָמבאַרדירט אונזערע שטעט און דערפער; זיי מאַכן אַ תל פון אונזער גאַנצער האַרעוואַניע; זיי שענדן אונזערע פרויען און טעכטער; איבעראַל, וואו זיי שטעקן נאָר אַריין זייערע לאַפּעס ברענגען זיי מיט זיך טויט און פאַרניכטונג!

„דעריבער איז אונזער אַלעמענס הייליקע פליכט, אַז מיר זאָלן זיך אַקעגנשטעלן דעם שונא מיט אַלע אונזערע פּאָטענציעלע מיטלען און אים, דעם שונא, באַקעמפן מיט אונזערע לעצטע כוחות, ביז מיר וועלן אים פאַרניכטן און פאַרטרייבן פון אונזער היים!"...

דער נאַטשאַלניק האָט אונז אויסגעמאָלן אַ זייער טרויעריק בילד, ווי טיף דער שונא איז שוין אַריינגעדרונגען אין דער סאָוועטישער טעריטאָריע און וואָסערע פאַטאַלע אומגליקן עס זיינען שוין געשען אין אַזאַ קורצער צייט. דער עיקר, איז דער נאַטשאַלניק געקומען צום אויספיר, אַז דער איינציקער וועג זיך צו סאָלידאַריזירן און קאָאָפּערירן מיט אונזערע קאַמעראַדן אויפן פראָנט, איז דאָס מיר זאָלן זיך שטאַרק פלייסן אין אַרבעטן מער און מער. מיר זאָלן פאַרטאָפּלען, פאַרדרייפאַכן און פאַר־פירפאַכן די טעגליכע נאָרמעס. דאָס איז דאָס איינציקע מיטל מיט וועלכן מיר קענען זיך פאַראייניקן מיט די קעמפערס אויפ'ן פראָנט!

צום שלוס האָט דער נאַטשאַלניק נישט פאַרגעסן צו באַמערקן:

„פון היינט אָן און ווייטער, וועל איך מער נישט דולדן אַזאַ אַרבעט ווי פון אַ לעדערמאַן און אַנדערע ווי ער, וועלכע נישט נאָר שטייגן זיי נישט אַריבער די נאָרמע, נאָר זיי באַמיען זיך נישטאַמאָל צו פאַרפילן די טעגליכע נאָרמע. אַזאַ וואָס, זאָג איך אייך נאָכאַמאָל, וועט מער נישט געדולדעט ווערן; פון היינט אָן אַז איינער וועט נישט פאַרפילן די נאָרמע, איז נישט נאָר וואָס ער וועט באַקומען אַ „שטראַפנוי־פּאַיאָק", נאָר עס וועט נאָך דעם יעניקן פאַררעכנט ווערן פאַר אַן „אַקטאַז" (איינער וועלכער זאָגט זיך אָפּ צו אַרבעטן). עס וועט ווערן פאַררעכנט ווי סאַבאָטאַזש און איך בין זיכער, אַז איר ווייסט אַלע זעהר גוט וואָס פאַר אַ שטראָף עס קומט איינעם אין סאָוועטנפאַרבאַנד פאַר סאַבאָטאַזש!"

דער פּאַיאָק איז אויך קלענער געוואָרן. אַנשטאָט די ניין הונדערט גראַם

ברויט וואָס די סטאַכאַנאָווצעס פלעגן ביז איצט באַקומען, האָבן זיי שוין נאָר באַקומען זיבן הונדערט גראַם ברויט. אויב איך און לעדערמאַן פלעגן ביז איצט באַקומען קוים צווישן דריי הונדערט און פינף הונדערט גראַם ברויט, האָבן מיר אַצינד באַקומען נאָר פיר הונדערט גראַם. חוץ, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווען מיר זיינען געווען אויף אַ „שטראַפנוי־פאַיאַק״, דעמאָלט האָבן מיר קוים באַקומען דריי הונדערט גראַם ברויט.

אַזוי איך ווי לעדערמאַן האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז מיר זיינען זינדיקע באַשעפענישן. אונזער גרעסטע זינד באַשטייט הויפּט־זעכלעך דערין וואָס מיר זיינען ביידע „דאַכאָדיאַגעס״... עס איז אַ פאַר־פאַלענע זאַך. גלויב יאָ דערין צו גלויב נישט, עס איז אונז פון גורל מסתמא אַזוי באַשערט, אַז מיר זאָלן לעבן הונגעריקע אויף דעם וועלט! קיין אמת און קיין יושר וועלן מיר נישט געפינען נישט ביי די בריגאַדירן און נישט ביי די נאַטשאַלניקעס!

= ⦶ =

עס גייט אַרום אַ קלאַנג אין לאַגער, אַז עס גרייט זיך אַ גרויסע אַמנעסטיע. מען וועט זעהר פיל אַרעסטאַנטן באַפרייען און זיי שיקן אויפן פראָנט. מיר, פערעביעזטשיקעס, קוקן זייער שטאַרק אַרויס דערויף; מיר, מער ווי איטלעכער, פרייען זיך זייער שטאַרק מיט אַזוינע אויס־זיכטן. „הלוואי וואָלט עס נאָר אמת געווען!״ מיר וואָלטן זייער גערן געגאַנגען אויפן פראָנט און קעמפן קעגן די פאַשיסטן, קעגן די דייטשע נאַציס, דערמיט וואָלטן מיר מציל געווען אונזער מענטשלעכע ווירדע...

די פּוילישע חברה שושקען זיך צווישן זיך, אַז זיי זיינען די ערשטע אויף דער ליסטע באַפרייט צו ווערן פונ׳ם לאַגער. זיי זיינען ביי זיך זיכער, אַז מען וועט זיי אין קורצן אַמנעסטירן. זייער פּראָוויזאָרישער גלות־פּרעמיער, גענעראַל שיקאָרסקי, האָט גע׳פּועל׳ט ביי רוזוועלט׳ן און טשער־טשיל׳ן, די הויפּטן פון אַמעריקע און ענגלאַנד, אַז זיי זאָלן אינטערווענירן ביי די סאָוועטן, אַז זיי זאָלן באַפרייען אַלע פּוילישע בירגער, כדי מען זאָל זיי קענען אָרגאַניזירן אין אַ רעגולערער אַרמיי, וואָס זאָל זיך קענען באַטייליקן אויפן פראָנט אינם קאַמף קעגן די דייטשע פאַשיסטן.

עס איז טאַקע נישט פאַרביי קיין לאַנגע צייט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס מאָל זיינען די השערות געווען ריכטיקע. עס האָט

זיך אַרויסווייזן, אַז דער לאַגערשער שמועס, וואָס פלעג זיך געוויינלעך אויסלאָזן מיט אַ בוידעם, איז איצט אַ רעאַליטעט. מען האָט טאַקע אָנגעהויבן בעסער צו קאָרמענען די אַרעסטאַנטן, איבערהויפּט צאַצקעט זיך אַצינד די לאַגער פאַרוואַלטונג מיט די פּוילישע בירגער; צו זיי איז געווענדעט די הויפּט אויפמערקזאַמקייט. עס איז געקומען אַ ספּעציעלע דאָקטוירים קאָמיסיע אין לאַגער אַריין און מען האָט אַצינד גרונטלעכער ווי אַלע מאָל פריער, איטלעכן אונטערזוכט. דער יעניקער וואָס איז געווען אָפּגעשוואַכט, איז צוגעטיילט געוואָרן צו אַ ספּעציעלער דערהאָלונגס־בריגאַדע. אַ בריגאַדע אַזאַ, וואָס אַרבעטן באַדאַרף זי נישט, אָבער מען קאָרמעט איטלעכן אויף דעם זעלבן פּאַיאַק ווי מען קאָרמעט אַ סטאַכאַנאָ־וויעץ.

אויך מיך האָט מען, אין זכות פון די פּאָליאַקן, צוגעטיילט צו אַזאַ בריגאַדע. איז אפשר, טראַכט איך ביי זיך, וועט מען מיך אויך באַפרייען פונקט ווען מען וועט זיי באַפרייען. זאָל זיין אין סיי וועמענס זכות, נאָר מען זאָל מיך באַפרייען!...

ווער ווייסט ביז ווען איך וואָלט זיך אַזוי געפּלאָגט אין לאַגער, ווען די דאָקטוירים קאָמיסיע וואָלט געווען נישט געקומען אונטערזוכן די פּאָליאַקן און ביי דער געלעגנהייט מיך אָנערקענט פאַר צו שוואַך צום אַרבעטן. ווי עס זעט אויס מוזן די דאָקטוירים זיין מבינים אויף דאַכאַדיאַגעס, אַ סימן: זיי האָבן אונז, דאַכאַדיאַגעס, צוגעטיילט אין אַ בריגאַדע, וואָס צום עסן האָט מען זיי געגעבן ווי פאַר סטאַכאַנאָווצעס, כאָטש מיר האָבן נישט געדאַרפט אַרבעטן...

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך לעדערמאַן איז צוגעטיילט געוואָרן צו דער דערהאָלונגס־בריגאַדע. זיין טונקל פאַרשוואַרצט געזיכט ווערט צוביסלעך אויסגעלייטערט. אַ געפּיל, דאָס ער וועט זיך אין קורצן באַפרייען האָט מסתמא געווירקט אויף אים צום גוטן. ער איז ווי אויפ־געלעבט געוואָרן. איך קוק טאַקע אויף אים ווי אויף אַ פרייען מענטש, וואָס אָט־אָט וועט ער פאַרלאָזן דעם לאַגער און ער וועט האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַגעגענען זיך מיט פרייע מענטשן, מיט פריינט, מיט באַקאַנטע און מיט משפחה. ער וועט מסתמא אינקורצן אָנקומען ערגעצוואו אין אַ סאַנאַ־טאָריום און מען וועט אים דאָרטן אויסקורירן. ער וועט צוריק ווערן אַ מענטש ווי געווען.

אָבער איך וועל מוזן ווייטער פּיינסטערן אינם שמוציקן לאַגער אַ הונ־

געריקער און אַן אָפּגעלאָזענער צווישן לויטער פרעמדע! איך וועל ווייטער פאַרבלייבן איינער אַליין אויף גאָט׳ס בעראַט, אָן אַ באַקאַנטן און אָן אַ פריינט. דעם איין און איינציקן פריינט, וועלכן איך האָב זיך נאָך אַזויפיל מי דערוואָרבן, לעדערמאַנ׳ען, וועל איך אויך אָנווערן...

איך מוז זיך מתוודה זיין: כאָטש איך האָב פאַרגונען לעדערמאַנ׳ען מיט מיין גאַנצן האַרץ זיין באַפרייאונג, דאָך האָב איך אים מקנא געווען... צי האָט דען פאַר מיר אויך נישט געקענט געשען אַזאַ גליק, אַז אויך איך זאָל זיך באַפרייען?...

מיין פריינדשאַפט מיט לעדערמאַנ׳ען האָט אָנגעהאַלטן ביז צו דער לעצטער מינוט, ביז ער האָט פאַרלאָזט דעם לאַגער צוזאַמען מיט אַלע פוילישע בירגער. ווען מיר האָבן זיך געזעגנט האָבן מיר ביידע געוויינט...

די שעה פון באַפרייאונג, פאַר די פאָליאַקן, האָט געשלאָגן. מען האָט איטלעכן פון זיי אָנגעטאָן אין נייע קליידער און מען האָט זיי אויפגעזעצט אויף לאַסט מאַשינען כדי זיי זאָלן נישט גיין צופוס ביז צו דער סטאַנציע... אַז מען שמועסט פרייע בירגער, איז גאָר נישט שייך! מיט שיינענדיקע פנימ׳ער האָבן זיי געפאָכעט מיט זייערע הענט, דערוויטערנדיק זיך פונם לאַגער ביים געזעגענען זיך מיט די פאַרבליבענע אַרעסטאַנטן. צוקוקנדיק זיך ווי אַ מאַסע מיט מענטשן באַפרייען זיך, האָב איך ביי זיך געטראַכט:

„צי וועט נאָך אַמאָל אין מיין לעבן געשען דער גרויסער נס, אַז אויך איך זאָל זיך באַפרייען?"

28

דאָס שווערע און אומפאַרמיידלעכע איז געשען. דער פעטשאָרער לאַנגער ווינטער האָט זיך אָנגעהויבן; די קעלטן זיינען נישט צום דערליידן; די עסענס זיינען זייער מאָגערע און די אַרבעט איז שטאַרק שווער, עבודת הפרך!

איז וויאַזוי זשע טאָקע וועל איך עס זיין בכוח אויסצוהאַלטן אָט די אַלע צרות?!...

עס איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: „כ׳וועל זיך אָפּפרירן די פיס!"...

מערערע אַרעסטאַנטן טוען עס און זיי געווינען דערפון: אָדער מען שיקט זיי אין שפּיטאָל און זיי האָבן אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורוען, אָדער מען באַפרייט זיי פון דער אַרבעט אויף עטלעכע טעג און זיי רוען זיך אָפּ אין באַראַק...

אַז די פיס וועלן מיר זיך אָפּגעפרוירן דעמאָלט וועט דער פעלדשער מיך מוזן באַפרייען פאַר איניקע טעג פון דער אַרבעט, וועל איך כאָטש איניקע טעג האָבן אַ שטיקל מנוחה!

מיט איניגע טעג צוריק בין איך שיער נישט פאַרבערענט געוואָרן ביי דער אַרבעט. אָט ווי עס איז געשען:

געוויינלעך מאַכן די בריגאַדירן אַ פייער אויפן פרייען פעלד. דער בריגאַדיר זיצט טאָקע אַ גאַנצן טאָג ביי דעם פייער און ער פראַזשעט זיך אָן אויפהער, אָבער די אַרבעטער לאָזט ער נישט צוקומען צום פייער. די אַרבעטער מוזן זיך דערוואַרעמען פון זייער אַרבעט!

איבערהויפּט ווען איינער האָט נאָך נישט דערפילט די נאָרמע, דעמאָלט טאָר ער אפילו נישט חלום'ען צוצוקומען נאָענט צום פייער. נישט צו האָבן דערפילט די נאָרמע און אַלץ זאָל מען קענען צוקומען צום פייער, באַדאַרף מען צו זיין אַ זשוליק. זיי מעגן. איך האָב קיין מזל צו זיין אַ זשוליק!...

נאָר ווען עס איז אַן אויסערגעוויינלעכער פראָסט, דעמאָלט מאַכט דער בריגאַדיר אַן אויסנאַם און ער לאָזט די אַרבעטער איניקע מינוטן זיך דערוואַרעמען ביים פייער.

ביי אַזאַ געלעגנהייט האָב איך זיך אויך איינמאָל פּרובירט אַוועקצושטעלן מיט אַ רעדל מענטשן אַרום אַ קליין פייערל כדי, ווי איטלעכער, זיך דערוואַרעמען אַ ביסל די פאַרפרוירענע גלידער.

נאָר מיט מיר איז עס אַ ביסעלע אַנדערש ווי מיט אַלע אַנדערע אַרעסטאַנטן פון דער בריגאַדע!

איטלעכער ווייסט אַז איך בין אַ איד און דאָס אַליין איז שוין גענוג אַז די רוסן זאָלן זיך איזדעקעווען איבער מיר און זיי זאָלן מיך, אָן אַ פאַרוואָס, אַוועקשטויסן פונם פייער.

„זשיד, פאַרשוואונד פון דאַנעט!"...

די דאָזיקע ווערטער האָב איך זייער אָפט געהערט ווען איך פלעג זיך פּרובירן צו דערוואַרעמען. די רוסן האָבן פון מיר אָפּגע'חוזק'ט אויף וואָס די וועלט שטייט! זיי קרומען מיר נאָך ווי אַזוי איך רעד רוסיש; זיי לאַכן מיך אויס צוליב מיין אומגעניטקייט אין דער „טשערניע־ראַבאָטיע" (שוואַרצער־אַרבעט); זיי לאַכן מיך אפילו אויס דערמיט, וואָס עס איז מיר קאַלט...

איינעם אַ רוס — זעענדיק אַז עס איז הפקר פּעטרישקע און דאָס

מען מעג טאָן מיטן זשיד וואָס נאָר מען וויל — האָט זיך פאַרגלוסט אַ וויץ.

דער רוס האָט פון הונטן אַרום אונטערגעצונדן מיין בושלאַט (וואַטע־נעם ראָק). אין אָנהויב האָב איך נישט געפילט אַז מיין ראָק ברענט. נאָר ווען איך האָב יאָ דערפילט איז שוין צו שפעט געווען! עס האָבן שוין געברענט אויף מיר די וואַטענע הויזן און מיינע וואַטענע טשולקעס (שטרומפּ). צו מיין מזל האָט נאָך געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט אויך און דער ווינט האָט נאָך בעסער צעבלאָזן דאָס פייער אין מיינע וואַטענע שמאַטעס.

עס איז נישט קיין איינפאַכע קעלט, נאָר אַ פערציק גראַדיקער פראָסט מיט אַ שטורם־ווינט! איז וואָס קען איך אַצינד טאָן?!...

ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט פטור ווערן פון מיינע ברענענדיקע טראַנטעס וועלכע בריען מיין קערפּער אָן רחמנות?

וואָלט מיין בושלאַט געהאַט געהעריקע קנעפּ וואָלט איך זיך אפשר געקאָנט צעשפּיליען און אַראָפּוואַרפן פון זיך מיין ברענענדיקן ראָק און די איבעריקע שמאַטעס. קאָן איך עס אָבער נישט טאָן, ווייל איך האָב לחלוטין קיין קנעפּ נישט און איך בין ווי אַ נזיר בלויז אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק אַרום מיינע לענדן און איך האָב סתם קיין קראַפט נישט אין מיינע פאַרפרוירענע פינגער אויפצוקנופּן דעם שטריק מיט וועלכן איך בין אַרומגעגאַרטעלט.

ווער ווייסט וואָס עס וואָלט מיט מיר געווען געשען ווען דער בריגאַדיר וואָלט מיר נישט געקומען צו הילף. דער בריגאַדיר, באַמערקנדיק, אַז איך ברען און אַז ער וועט נישט אָנווענדן עפּעס אַ דראַסטיש מיטל דעמאָלט וועט מיין לאַגע זיין אינגאַנצן האָפנונגסלאָז, איז מיר שנעל געקומען צו הילף. ער האָט קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט ווי פאַסנווייז אַראָפּצו־רייסן פון מיר די ברענענדיקע קליידער.

איך האָב זיך פּלוצלינג דערזען נאַקעט אין אַזאַ גרויסער קעלט!...

דער בריגאַדיר האָט טאַקע אויף מיר געשריגן פאַר וואָס איך האָב נישט אַכטונג געגעבן און פאַר וואָס איך בין נישט געווען גענוג פאָרזיכטיק און איך האָב דערלאָזט אַז דער פלאַם זאָל זיך אַריינכאַפּן אין מיינע קליידער, דאָך האָט ער זיך דערבאַרעמט איבער מיר און ער האָט אַרונטערגעכאַפּט זיין בושלאַט און אים מיר אויסגעליגן פאַר אַ ווילע.

די רוסן האָבן געהאַט אַן עקסטראַ גוטע געלעגנהייט אָפּצו׳חזק׳ן פונם „זשיד״ וועלכער האָט נאָר וואָס פאַר זייערע אייגענע אויגן געברענט ווי

אַ שטרוינער דאַך און איז געבליבן אַ גענצלעך נאַקעטער אויפ׳ן פרייען פעלד, ווען עס איז אַזאַ געפערלעכער פראָסט!...

איך האָב געהאַט אַ גרויס מזל וואָס דער לאַגער איז נישט געווען ווייט און איך האָב זיך קוים מיט צרות דערשלעפּט אַהין.

דעם אַנדערן טאָג האָט דער נאַטשאַלניק פאַראָרדנט, אַז מען זאָל פון מיר אויפנעמען אַ פּראָטאָקאָל, ווי אַזוי עס האָט געקאָנט געשען אַזוינס, אַז איך זאָל פאַרברענען אַלע מיינע זאַכן ביי דער אַרבעט.

איך האָב געמוזט אונטערשרייבן אַ דאָקומענט, אויפ׳ן נאַטשאַלניק׳ס באַפעל, דאָס איך טו אָנערקענען, אַז צוליב אומפאָרזיכטיקייט און נאַכלעסיקייט פון מיין זייט, האָב איך זיך פאַרברענט מיינע וויעשטשעס (קליידער). מען האָט עס מיר פאַרשריבן אַלס פראמאט (פאַרלאָרן צוליב אומפאָרזיכטיקייט).

אויב מען צאָלט אַמאָל, אַמאָל, אַז אַרעסטאַנט נישטיקע פאַר רובל פאַר זיין שווערער פראצע, ווערט אין אַזאַ פאַל אַראָפּגערעכנט די ווערט פון די קליידער וועלכע ווערן ביים בידנעם אַרעסטאַנט פאַרפאַלן צוליב אומפאָרזיכטיקייט.

טאָמער באַ׳גנב׳עט מען איינעם, הייסט עס אויך, אַז דער יעניקער איז געווען אומפאָרזיכטיק, וויל ער האָט זיך געלאָזט באַ׳גנב׳ענען...

דעם עפעקטיוון שאָדן האָב איך ערשט געפילט ווען איך האָב זיך באַפרייט פונ׳ם פעטשאַרער לאַגער און עס איז מיר געקומען אויף מיין חשבון עטלעכע הונדערט רובל פאַר מיין זעקס יעריקער קאַטאָרזשנער אַרבעט אין די פעטשארער לאַגערן...

= ◍ =

אַ צווייטער עפּיזאָד וועגן וואַרעמען זיך ביים פייער אויף פרייען פעלד:

עס קומט פאַר גאַנץ אָפט, אַז די אַרעסטאַנטן פון איין לאַגער ווערן צוגעטיילט אין אַ צווייטן לאַגער אַריין. טיילמאָל איז דער דיסטאַנץ נישט גרויס און טיילמאָל באַדאַרף מען גיין היפשע צענדליקער קילאָמעטער צופיס.

ביי איין געלעגנהייט, וואו אויך איך בין געווען צווישן אַן עטאַפּ (אַ גרופּע אַרעסטאַנטן) וואָס האָט געדאַרפט גיין צופיס צענדליקער קילאָמעטער, איז אויסגעקומען איבערצונעכטיקן אונטערוועגנס, אויפ׳ן פרייען

פעלד. ביי אַזאַ געלעגנהייט, מאַכט מען זיך געוויינלעך אַ פייער און מען וואַרעמט זיך און מען טרוקנט זיך ביז מען גייט ווייטער. אַרום איטלעכן פייער וואַרעמען זיך צו צען־צוועלף פאַרשוינען.

אויך איך האָב זיך צוגעשטופּט צו אַזאַ פייער. אַלעס איז געווען אין אָרדענונג ביז עס איז געווען גענוג פּלאַץ אַרום פייער. טאָמער איז דער פּלאַץ אַרום פייער ענג געוואָרן, האָט מען מיך דעם ערשטן דערזען און מען האָט מיך מכבד געווען מיט׳ן געוויינלעכן פּזמון:

„זשיד, פאַרשוואונד פון דאַנעט!״...

עס האָט מיר גאָרנישט נישט געהאָלפן און איך האָב זיך געמוזט אָפּטראָגן איידער מען שטויסט מיך אַריין אין דער בלאָטע אַריין. איך האָב פּרובירט זיך צורוקן צו אַ צווייטער גרופּע. דאָרטן איז אויך געשען דאָס זעלבע. איטלעכער קאָן מיך און מען ווייסט, אַז איך בין אַ איד, דאַרף מען זיך איבער מיר איזדעקעווען אויף וואָס די וועלט שטייט!

איך האָב געזען, אַז איך האָב קיין אַנדערע ברירה נישט, ווי זיך צו מאַכן אַליין אַ פייער. איך בין טאַקע נישט געניט אין אָט דער דאָזיקער מלאכה, אָבער בויט ברעכט אייזן! איך האָב זיך צונויפגעקליבן אייניקע דינע צווייגלעך און איך האָב אָפּגעשיילט שטיקלעך קאָרע פון אַ בעריאָזע בוים, וואָס ברענט שנעל און לאַנג. איך האָב גענומען צוויי האַלעוועשקעס און אַזוי לאַנג געבלאָזן, ביז איך האָב זיך געהאַט אַ גאַנץ „פאַריאַדעטשנע״ (געהעריק) פייער.

אַזוי ווי אייניקע אַרעסטאַנטן האָבן באַמערקט, אַז ביי מיר ברענט אַ נישקשה׳דיק פייער האָבן זיי אָנגעהויבן צוצוקומען צו מיין פייער. ווער עס האָט צוגעבראַכט צו אייניקע צווייגלעך פון פיכטןביימער און ווער עס האָט זיך סתם אַזוי אַוועקגעשטעלט וואַרעמען.

אַלעס איז געווען אין אָרדנונג ביז עס איז געווען גענוג פּלאַץ אַרום פייער. קוים איז ענג געוואָרן דער קרייז אַרום פייער בין איך טאַקע נאָכאַמאָל געוואָרן דאָס „כפּרה־הינדל״. איך האָב זיך טאַקע געווערט און זיך אַקעגנגעשטעלט, ס׳טייטש מען וויל מיך פון מיין „אייגענעם״ פייער אויך אַרויסשטופּן. עס האָט מיר אָבער גאָרנישט נישט געהאָלפן!...

= ◍ =

די ערשטע קאַלטע טעג, אין מיין לאַגערשן לעבן, זיינען געווען אַמפּיינליכסטן!

גייענדיק צו דער אַרבעט איז מיר מיין פּנים אָפּגעפרוירן געוואָרן. איך

האָב נישט געוואוסט, אַז מיין פּנים איז פאַרפרוירן. איך האָב בלויז געפילט אַז עס איז מיר קאַלט און נישט מער! אַ זעלנער, וועלכער איז צופעליק אַקעגנגעקומען מיין בריגאַדע, האָט אויף אַ מיר אַ קוק געטאָן און ער האָט עס באַמערקט, אַז מיין געזיכט איז ווייס ווי שניי.

אַז דער זעלנער האָט עס געזאָגט פאַר׳ן הויפּט קאָנוואי פון דער בריגאַדע, האָט דער קאָנוואי אָפּגעשטעלט די גאַנצע בריגאַדע און ער האָט געצויגן איטלעכנס אויפמערקזאַמקייט צו מיר.

די רוסן האָבן מיך געראָטן, אַז איך זאָל זיך רייבן דאָס געזיכט מיט שניי.

ווי אַזוי שניי קען העלפן פאַר אַ פאַרפראָרן געזיכט האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין!... נאָר אַז מען זאָגט מיר אַזוי, מסתּם מוז עס זיין אַזוי!...

איך נעם אַרונטער מיינע ברעזענטענע הענטשקעס פון מיינע הענט, ערשט מיינע פינגער זיינען אויך ווייס ווי שניי.

זאָגט מען מיר אַז איך זאָל זיך שנעל, שנעל, רייבן מיינע פינגער מיט שניי, ווען נישט דעמאָלט וועלן זיי אָפּפרירן און מען וועט זיי מוזן אָפּשניידן...

איך בין אינגאַנצן צעדרייט און פאַרלאָרן; איך ווייס אַליין נישט וואָס איך זאָל פריער טאָן:

„צי זאָל איך זיך צום ערשטן רייבן די הענט צי דאָס געזיכט?"...

אין דאָזיקן מאָמענט האָב איך געפילט, אַז איך בין סיי ווי אַ פאַר־פאַלענער!...

איינער פון דער בריגאַדע, אַ געזונטער חברה־מאַן, אַ סטאַכאַנאָוויעץ, האָט באַמערקט מיין פאַרלאָרנקייט. עס האָט זיך אין אים דערוועקט אַ רחמנות געפיל צו מיר און ער האָט מיר טאַקע אַרויסגעהאָלפן אין מיין נויט.

ער האָט מיך געוואָרפן צו דער ערד און ער האָט מיך געפּאַטשט איבער׳ן פּנים; ער האָט אָנגענומען פולע הענט מיט שניי און ער האָט מיך אַן אויפהער געריבן איבער׳ן פּנים און איבער די הענט. ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט אַזוי לאַנג ביז מיינע בלוטן האָבן נישט אָנגעהויבן צו צירקו־לירן אין מיינע אָפּגעפרוירענע אברים; ביז איך בין נישט געקומען אַביסל צו זיך און ביז איך האָב נישט צוריקגעקריגן אַ לעבעדיקע צורה.

ווען די בריגאַדע האָט נאָכדעם מאַרשירט צו דער אַרבעט, הער איך זיך אונטער ווי איין קאָנוואי זאָגט פאַר׳ן צווייטן:

„טשאָרט פּאַבערי!... וואָס וועלן מיר עס האַלטן דעם דאָזיקן דאַכאַ־

דיאגע אויף דער פּראַאיסוואַטסטווע ? ! (אויסערהאַלב דעם לאַגער) אויב ער וועט פאַרפראָרן ווערן וועלן מיר נאָך זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים ! תיכף, ווי אַזוי נאָר מיר וועלן אָנקומען צום אַרבעטס פּלאַץ און דער בריגאַדיר וועט האָבן פאַרטיילט די אַרבעט פאַר דער בריגאַדע, וועט איינער פון אונז אַהיים פירן דעם דאכאדיאַגע ; זאָל דער לעפּקאָם (פעלד־שער) אים האַלטן אין דער זאַנע !״...

דער צווייטער זעלנער האָט צוגעשאָקלט מיט׳ן קאָפּ און ער האָט אַ ברום געטאָן : „כאַראַשאָ״ (גוט).

אונטערהערנדיק דעם שמועס צווישן די זעלנער, די וועכטער פון מיין בריגאַדע, האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט :

„אָך ווי גוט עס וועט זיין״, טראַכט איך ביי זיך, „איך וועל באַלד זיין אין אַ וואַרעמען באַראַק ! איך וועל כאָטש פאַר איין טאָג האָבן מנוחה... איך וועל זיך צעלייגן אויף דער נאַרע, ווי ביים טאַטען אין ווייַנגאָרטן, און נאָכדעם מעג זיך אפילו די גאַנצע וועלט איבערקערן, חיי־שעה, הייסט אויך געלעבט !...

ביז׳ן היינטיקן טאָג וואונדערט מיך, אַז סאָוועטישע קאַנוואָיעס זאָלן עס פלוצלינג אַרויסוויזן רחמנות צו אַן אַרעסטאַנט. עס איז איינס פון די זעלטנהייטן אין מיין לאַגערשן לעבן אין פעטשאָרע.

גלייך, ווי דער בריגאַדיר האָט געענדיקט צו פאַרטיילן די אַרבעט און אַלע אַרעסטאַנטן זיינען געווען קאָנצענטרירט אין אַ באַגרעניצטער זאָנע, ווענדעט זיך צו מיר אַ זעלנער :

„קום לאָמיר גיין אין לאַגער אַריין !״

גייענדיק מיט׳ן זעלנער האָב איך זיך גאַנץ נישקשהדיק דערוואָרעמט. ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו דער וואַכטע האָט דער דיזשורנע נישט געקאָנט באַמערקן גאָרנישט קיין אויסערגעוויינלעכעס אין מיר און טאָקע דעריבער קאָן ער עס נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער זעלנער האָט זיך גענומען די מי און מיט מיר אַליין געקומען אין לאַגער אַריין.

דער דיזשורנע פרעגט שטרענגס דעם זעלנער :

„פאַר וואָס האָסטו אים צוריקגעבראַכט פון דער אַרבעט ? !״

דער זעלנער האָט פּרובירט צו דערקלערן פאַר׳ן דיזשורנע ווי אַזוי איך בין שיער נישט פאַרפראָרן געוואָרן אויפ׳ן וועג צו דער אַרבעט. דער דיזשורנע איז אָבער נישט מסכים מיט׳ן זעלנער און ער מאַכט אים אַן איראָנישע באַמערקונג אויף מיין חשבון :

„גייענדיק צו דער אַרבעט איז ער שיער נישט פאַרפראָרן געוואָרן, אָבער צוריק קומענדיק האָט ער זיך דערהיצט!"...

דער דיזשורנע איילט זיך גאָרנישט צו עפענען דעם טויער פונ'ם לאַגער און מיך אַריינצולאָזן אין דער זאנע אַריין:

„איך האָב קיין רעכט נישט ווען עס איז אַריינצולאָזן אין לאַגער אַריין אינמיטן טאָג!", טענה'ט ער.

דער זעלנער וויל אָבער מיך נישט צוריקפירן צו דער פּראָאיסוואָט־סטווע:

„אויב ער וועט אַוועקפגר'ן", טענה'ט דער קאָנוואי צום לאַגער וועכ־טער מיט אַן אַנגערייצנדיקן טאָן, „דעמאָלט וועסטו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים!"

„וואָרט", זאָגט דער לאַגער וועכטער מיט אַן ערנסט קול, „וואָרט ביז איך וועל רופן דעם לאַגער פעלדשער!"

דער דיזשורנע איז געקומען מיט'ן פעלדשער. דער פעלדשער האָט זיך נישט פיל צערעמאָניעט מיט מיר. ער טוט מיך אַ טאַפּ ביים פּולס, נאָכדעם טוט ער אַ ברום אַזוי ווי פאַר זיך זעלבסט: „טעמפּעראַטוראַ נאָרמאַלנע!" נאָכדעם פרעגט ער מיך שטרענגס:

„פאַרוואָס ביסטו אַוועק פון דער אַרבעט??!

איך, מיט מיין צעבראָכענעם און צעקאַליטשעטן רוסישן לשון, האָב אים פּרובירט צו דערציילן, וויאַזוי איך האָב אָנגעהויבן צו פרירן און ווי אַזוי איך האָב זיך נאָכדעם געריבן די הענט און דאָס געזיכט מיט שניי.

„וואַט מאַלאַדיעץ!"

דער פעלדשער, אַ קורצער אָנגעבלאָזענער און שוואַרצער פאַרשוין, קלאַפּט מיך איבער דער פּלייצע. זיינע אויגן האָבן אַזש אָנגעהויבן צו שיינען, אַזוי דאָס זיין טונקל געזיכט איז אַפילו ליכטיקער געוואָרן פון באַגייסטערונג:

„וואַט מאַלאַדיעץ", ווידערהאָלט ער אויפסניי, „עס שאַדט דיר גאָר־נישט און די קאָנסט צוריקגיין צו דער אַרבעט!"

ער ווענדעט זיך נאָכדעם צום זעלנער, צו מיין קאָנוואי:

„איך בין פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך! אויף מיין אחריות קאָנסטו אים צוריקנעמען צו דער אַרבעט, עס וועט אים גאָרנישט שאַטן!"

עס איז מיר נישט באַשערט געווען זיך אָפּצורוען אַן איבעריקן טאָג!...

דער פעלדשער איז פּונקט אַזאַ אַרעסטאַנט ווי אַלע איבעריקע אַרעס־

טאַנטן, אַלץ איז ער אין אַ פּריווילעגירטער קאַטעגאָריע; די נאַטשאַלסטווע האָט אים אויטאָריזירט, אַז ער זאָל באַשטימען ווער עס איז קראַנק און ווער עס איז געזונט.

וואָלט דער פעלדשער קיין רשע נישט געווען און ער וואָלט געווען נישט געוואוסט דאָס איך בין אַ איד דעמאָלט וואָלט ער מיך שוין געווען געלאָזט, נאָכדעם ווי דער קאָנוואי האָט זיך מטריח געווען און מיך איינעם אַליין צוריקגעברענגט פון דער אַרבעט, אין לאַגער אַריין!

געוויינלעך באַפרייען די פעלדשער פון דער אַרבעט די בלאַטע חברה, די זשוליקעס, וועלכע עס שאַדט גאָרנישט! עס איז פאַראַן אַ געוויסע נאָרמע וויפיל מענטשן עס מעגן קראַנק זיין!...

האָט טאַקע דער דאָזיקער לעפּקאַם, ווי פיל אַנדערע ווי ער, נישט נאָר איינמאָל געשיקט די אמת׳ע קראַנקע צו דער אַרבעט און די געזונטע זשלאַבעס געלאָזט דאָס זיי זאָלן זיך אָפּרוען אויפ׳ן חשבון פון די דאָכאָדיאַגעס...

= ◍ =

עס זיינען געווען ציטן ווען מיר האָבן געאַרבעט ביי קאַנאַלן און ווען עס רעגנט איז אוממעגלעך עפּעס אויפצוטאָן ביי אָט דער דאָזיקער אַרבעט. איז טאָמער האָבן מיר זיך אָפּגערעדט, אַז מיר ווערן נאָר נאַס און דורכגעווייקט, שטייענדיק אַ גאַנצן טאָג אינדרויסן, אָן דעם דאָס מיר זאָלן קענען וואָס נישט איז פּראָדוצירן וואָס עס אָנבעלאַנגט די אַרבעט, האָט אונז דער נאַטשאַלניק קאַלטבלוטיק אָפּגעענטפערט:

„מיר בויטיקן זיך נישט אין אייער אַרבעט, אונז איז בלויז וויכטיק דאָס איר זאָלט זיך מוטשען!"...

איז וויאַזוי זשע טאַקע וואָלט איך דאָך געקאָנט זיך אַביסל ווייניקער מוטשען און זיך אָפּרוען כאָטש איניקע טעג?

הכלל, איך זע שוין באַשיינפּערלעך, אַז אויפ׳ן גראָדן וועג וועט עס נישט גיין! איך וועל קיין אַנדערע ברירה נישט האָבן ווי זיך אָפּצופּרירן די פיס.

וויאַזוי איך וועל זיך קענען אָפּפרירן די פיס? דאָס איז שוין גאַנץ איינפאַך!

איך וועל נעמען צוויי שטיקלעך וואַטע און זיי איינטינקן אין וואַסער. נאָכדעם וועל איך די נאַסע שטיקלעך וואַטע אַרומבינדן אַרום מיינע

פּיאַטעס. אַז איך וועל נאָכדעם אָפּשטיין אַ גאַנצן אַרבעטס־טאָג, וואָס האַלט געוויינלעך אַן צוועלף שעה, איך דרויסן אויפ׳ן פראָסט, דעמאָלט וועלן מיינע פיס זיכער מוזן פרירן!

צו דער אַרבעט איז יענעם טאָג די בריגאַדע געגאַנגען שטאַרק וויט, אַרום פינף־זעקס קילאָמעטער. גייענדיק האָב איך אַבסאָלוט קיין קעלט נישט געפילט.

אדרבא, איך האָב גאָר געפילט נאָך וואַרעמער אין די פיס ווי אַן אַנדערש מאָל!

די נאַסע וואַטע האָט זיך מסתמא געמוזט פאַרען אונטער מיינע פיאטעס ווען זי האָט זיך דערוואַרעמט פונ׳ם לאַנגן וועג און דעריבער טאַקע איז מיר געווען וואַרעמער אין די פיס ווי אַ צווייט מאָל. איך בין אָבער געווען מיט דער האָפענונג, אַז די פיס וועלן אָפּפרירן...

דערווייל האָבן זיי אָבער נישט אָפּגעפראָרן, ווי אויף צו להכעיס, האָבן זיי, די פיס מיינע, מיר געוויזן, אַז ווייל איך וויל דאָס זיי זאָלן פרירן ווילן זיי דווקא נישט; איך האָב טאַקע געפילט אַ ווייטיק אין די פיאטעס; איך האָב זיך טאַקע געפּלאָגט, אָבער צו אַ באַפרייאונג פון דער אַרבעט, כאָטש אויף איין טאָג, קומט עס נישט!...

עס נעמט מיך נישט דער הונגער, נישט דאָס פייער, נישט דאָס וואַסער ווי אויך נישט דער פראָסט!

„בראַוואָ!“, עס ווילט זיך מיר זיך זעלבסט קלאַפּן איבער די פּלייצעס און מיט באַגייסטערונג אויסשרייען:

„בראַוואָ! וואט מאלאדיעץ“...

אויב מיט די דערמאָנטע מיטלען עקזיסטיר איך נאָך אַלץ אויף דער וועלט, איז אַ סימן, אַז איך האָב זיך שוין אַריינגעבראָכן אינ׳ם קאַטאָרזשנעם לעבן.

איך ווייס טאַקע נישט ביז ווען איך וועל זיין בכוח אויסצוהאַלטן אַט די אַלע מיזעריעס. אָבער גאָר גרינג וועט עס דעם מלאך המוות נישט אָנקומען מיך אַוועקצולייגן ער וועט מיך גאָר גרינג נישט באַזיגן, ער וועט מיט מיר האָבן אַ שווערע מערכה!

פון דעם מאָמענט אָנגעהויבן האָב איך ווי מיט זיך זעלבסט געשלאָסן אַ בונד; אַ „נישט־אַגרעסיע פאַקט“. פון היינט אָנגעהויבן, האָב איך זיך פּירגענומען, וועל איך ווי ווייט מעגלעך אויסמיידן אַלע אַגרעסיווע מיטלען זיך ווײ צו טאָן!

אויב עס האָט צו געשען אַן אומגליק פון זיך אַליין, זאָל עס געשען; פרייוויליק וועל איך זיך נישט פאַרקריפּלען!...

אין דאָזיקן מאָמענט האָב איך ווי פאַראויס געפילט, אַז איך וועל זיך נאָך אַמאָל באַפרייען און דאָס איך וועל בלייבן לעבן און נאָך דערציילן אַלעס אין פריידן...

אַז דער פראָסט האָט מיך נישט געוואָלט נעמען ווען איך האָב זיך געוואָלט פרייוויליק איבערגעבן צו זיין צעשטערערישן כוח, איז אַ סימן, אַז איך בין אייזן שטאַרק און איך בין פאַראורטיילט — צום לעבן! איך וועל זיך נישט זוכן פרייוויליק אַרונטערצוּוואַרפן אונטערן דרוק פון די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען.

איך מוז בלייבן לעבן! אויב נישט צוליב זיך איז צוליב ב׳ן!... וויפיל מאָל איך דערמאָן זיך אין ב׳ן, פרעג איך זיך אַלעמאָל די זעלבע פראַגע: „צי וועט זי אויך זיין בכוח אויסצוהאַלטן אַלע לאַגערשע מיזעריעס?"...

29

כאָטש איך האָב פּרובירט צו האַלטן זיך אויף די פיס מיט אַלע מיינע כוחות, האָב איך איינמאָל שיער נישט אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט וואָס וואָלט מיך געוואָלט געקאָסט מיין לעבן.

איך האָב אַליין געזען ווי איינער אַ רומענער, — קוזין איז געווען זיין נאָמען — האָט גענומען אַ האַק און ער האָט אַוועקגעלייגט זיין לינקע האַנט אויף די רעלסן און ער האָט זיך אָפּגעהאַקט אַלע פינגער פון זיין לינקער האַנט, כדי ער זאָל נישט דאַרפן שווער אַרבעטן. מען האָט אים טאַקע אויפסניי פאַראורטיילט און מען האָט אים נאָך צוגעגעבן עטלעכע יאָר צו זיין טערמין, אָבער שווער אַרבעטן פאַר׳ן ראַטנפאַרבאַנד וועט ער שוין נישט קענען.

אַ צווייטער אַרעסטאַנט האָט גענומען אַ שטיקל וואַטע און ער האָט עס איינגעוויקט אין שאַרפן עסיג, אויסגעמישט מיט זאַלץ, און ער האָט עס פאַרבונדן אַרום זיין שין-ביין. דער עסיג מיט׳ן זאַלץ האָבן אויסגעפרעסן אַ שטיק פלייש פון זיין פוס. דער לעפקאָם (פעלדשער) האָט דעם יעניקן נישט געוואָלט באַפרייען פון דער אַרבעט און דער סוף איז געווען אַז מען האָט געמוזט אַמפּוטירן זיין פיס. איצט דרייט זיך דער יעניקער אַרום אויף קוליעס מיט איין פיס...

אַ סך מאָל בין איך שוין געווען גרייט אָפּצוטאָן איינס פון די נאַרישע שטיקלעך, נישט געקוקט אויף מיין „נישט-אַגרעסיע פאַקט" מיט זיך. ווען איך וואָלט זיך געווען געלאָזט מיטרייסן און נאָכגעבן דעם פאַר־ניכטונגס-אינסטינקט, וועלכער האָט אַזאַ גרויסע „ממשלה" אין לאַגער צווישן די אַרעסטאַנטן, דעמאָלט וואָלט איך אַציגד זיכער נישט געשריבן מיינע איבערלעבונגען אין די סאָוועטישע טורמעס.

ווען עס געשעט נישט קיין נס מיט מיר, טאַקע דעם ערשטן ווינטער וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין די פעטשאָרער לאַגערן, דעמאָלט וואָלט איך עס זיכער נישט אויסגעהאַלטן און איך וואָלט זיך געווען זיכער אונ־טערגעגעבן דעם בייזן דרוק פון מיין פּיין. די ישועה איז מיר געקומען פון אַ האַלב-אידיש מיידל מיט'ן נאָמען מאַרוסיא.

אינ'ם לאַגער זיינען געווען איניקע פרויען-בריגאַדעס. די פרויען בריגאַדעס זיינען אין אָפּגעזונדערטע באַראַקן. די פרויען מיט די מענער קענען זיך זייער זעלטן צוזאַמענקומען, אויסער ביי דער אַרבעט, אויף דער פראַאיסוואָטסטווע, אָדער טיילמאָל אין לאַגער-הויף, ווען עס איז אַ הויפּטציילונג. טאָמער כאַפּט מען אַ מאַן אין באַראַק צווישן די פרויען, אָדער אַ פרוי אין באַראַק צווישן די מענער, פאַרשפּאַרט מען די יעניקע אין איזאָלאַטאָרס איבער נאַכט.

די פרויען באַראַקן זיינען שטענדיק באַוואַכט פון ספּעציעלע וועכטער. נאָר עס העלפט נישט! די דיזשורנעס כאַפּן איטלעכע נאַכט איניקע מענער ביי די פרויען און איניקע פרויען ביי די מענער... מען זיצט טאַקע אָפּ אַ נאַכט אין איזאָלאַטאָר, אָבער דאָס שרעקט נישט אָפּ און מען כאַפּט זיי סיי ווי אַ צווייט מאָל.

נישט אַלעמאָל און נישט איטלעכן באַשטראָפן די דיזשורנעס פאַר דעם דאָזיקן פאַרברעכן. די זשוליקעס ווערט מייסטנס פאַרקוקט פאַר'ן ברעכן די לאַגערשע דיסציפּלין. די זשוליקעס זיינען בלאַטע חברה איז וואָס זיי דערלויבן זיך זעלבסט און וואָס מען דערלויבט זיי, דאָס טאָר אַ צווייטער נישט. דעריבער דערלויבן זיך די זשוליקעס צו גיין צו די פרויען אין באַראַק און די פרויען דערלויבן זיך צו קומען צו זיי אין באַראַק. אפילו דער נאַטשאַלניק אַליין, בכבודו-ובעצמו, וויל זיך נישט צופיל איינרייסן מיט די זשוליקעס, פאַרשווייגט ער טאַקע, דער נאַטשאַלניק, און ער מאַכט זיך נישט ווייסנדיק...

און זיי האָבן אונז זייער ווייניק אינטערעסירט. פאַר אונז זיינען די פרויען געווען פונקט אַזאַ סאָרט אַרעסטאַנטן ווי די מענער, אויב עס האָט זיך אונז, דאכאדיאגעס, יאָ פאַרגלוסט צוטיימאַל צו כאַפּן אַ בליק אויף אַ פרוי איז עס בלויז געווען דערפאַר, אַז מיר זאָלן אין זיי געפינען אַן ענלעכקייט צו אונזערע אייגענע, אַ מוטער, אַ שוועסטער אָדער אַ געליבטע, וועלכע מיר האָבן איבערגעלאָזט אינדערהיים און וועלכע בענקען נאָך אונז... אויך איך האָב זיך נאָר איינגעקוקט און פאַרטראַכט אין אַ פרויען געזיכט ווען איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז עס איז אַן ענלעך געזיכט צו איינער פון מיינע אייגענע און דער עיקר צו ב׳ן.

סעקסועלע ליידנשאַפט איז פאַר אונז, דאכאדיאגעס, נאָר געווען אַ באַגריף, אָבער נישט קיין געברויך. דער יצר־הרע פון סעקס האָט זיך פון אונז אינגאַנצן אָפּגעטאָן. נישט קיין נאַקעט פרויען לייב האָט אונז גערייצט אין לאַגער, נאָר אַ טרוקן שטיקל ברויט מיט אַ ביסל וואַרעם געקעכטס, דערויף זיינען געווען אַלע אונזערע חושים קאָנצענטרירט און דערין האָט זיך בלויז אונזער ליידנשאַפט באַזירט.

צוקוקנדיק זיך צו אַ טייל פרויען ווי זיי זעען אויס און ווי אויסגעריסן און נעבעכדיק זיי זיינען אין אַלגעמיין, איז מיר סתם געווען אַ גרויס רחמנות אויף זיי. דאָס איז געווען דאָס איינציקע געפיל וואָס איך האָב געפילט מער פאַר די פרויען ווי פאַר די מענער. כאָטש עס איז טאַקע אַ רחמנות אויף איטלעכן אַרעסטאַנט באַזונדער, ווי טאַקע אויף זיך אַליין אויך... האָב איך אַלץ מער רחמנות אויף די פרויען... קוקנדיק אויף אַ פרוי קלער איך זיך: „אָט אַזוי זעט מסתמא אויס ב.!"

די דורכשניטלעכע פרויען האָט זיך נישט געלעבט בעסער ווי די מענער. אויך צווישן די פרויען איז פאַראַן אַ פּריווילעגירטער קלאַס. זשוליקעס, און אַ נידעריקער קלאַס, דאכאדיאגעס. די נאָרמע פון דער אַרבעט איז פאַר די פרויען גענוי די זעלבע ווי פאַר די מענער; זיי גייען אָנגעטאָן ווי די מענער און טייל פרויען זעען טאַקע אויס, אין זייער אַרעסטאַנטישן אוניפאָרם, ווי מענער. עס איז בכלל שווער צו דערקענען אין די פרויען, לויט זייער הילוך, דאָס אידעלע געשלעכט. דאָס גאַנצע מין אידעלע געשלעכט איז דאָ מער אַ באַגריף ווי רעאַליטעט...

אויך צווישן די פרויען זיינען די פּריווילעגירטע די בלאטע חברה. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך דאָס אָט די בלאטע פרויען לעבט זיך פיל בעסער ווי די דאכאדיאגעס. אויב עס איז פאַראַן אַ געשלעכטלעך צוזאַמענ־

לעבן צווישן די אַרעסטאַנטן איז עס זיכער נישט צווישן די דאַכאַדיאַגעס, נאָר די בלאַטע צווישען זיך.

מייַנסטנס זייַנען די בריגאַדירן, אַזוי צווישן די מענער ווי צווישן די פרויען, זשוליקעס. אַרבעטן ווילן זיי סיי ווי נישט, אייַנרייסן זיך מיט זיי קען מען אויך נישט, איז זאָלן זיי כאָטש זייַן בריגאַדירן און אויפפּאַסן דאָס אַנדערע זאָלן אַרבעטן.

צווישן די פרויען זשוליקעס איז געווען אַ האַלב אידיש מיידל, בלויז איר פאָטער איז געווען אַ איד. איטלעכער האָט זי געקענט מיט'ן נאָמען מאַרוסאַ. מאַרוסאַ איז אַ זשוליק (מיט'ן נאָמען זשוליק מיין איך די יעניקע וועלכע זיצן פאַר גנבה). עס האָבן געאַרבעט אייניקע פרויען אין מענער בריגאַדעס צוזאַמען ביי אַ באַן־ליניע. מיר פלעגן צוזאַמען מייַנסטנס אָפּ־לאָדן די ווערטושקעס (אָפענע פראַכט וואַגאָנעס) מיט באַלאַסט און שטיי־נער. מיר האָבן אויסגעלייגט שפּאַלעס און רעלסן בויענדיק די באַן־ליניע, וועלכע פירט פון פּעטשאָרע קיין אבעז, ביז וואָרקוטאַ, ווייטער צו צפון.

אויסצולאָדענען די ווערטושקעס איז איינס פון די שווערסטע אַרבעטן. ווייל מען מוז זייער שנעל אויסלאָדענען די וואַגאָנעס, אין פאַל עס קומט אָן אַ צוג זאָל ער קענען דורכגיין אומגעשטערט פון די אַרבעטער וועלכע פאַרנעמען די הויפּט ליניע. נאָכדעם ערשט האָבן מיר געמוזט צעלייגן דעם אונטערגרונט פאַר דער נייער ליניע. דערפאַר וואָס די דאָזיקע אַרבעט איז אַזוי נוצלעך האָבן מיר קיינמאָל נישט געהאַט קיין אויסגעזעצטע צייט ווען מיר וועלן ענדיקן אונזער אַרבעטס טאָג, ווייל טאָמער איז פּונקט פּאַסיק די צייט ווען די וואַגאָנעס וועלן זיך קענען שטעלן אויף דער ליניע צום אויסלאָדענען, האָבן מיר צוטיילמאָל געמוזט צו וואַרטן און צואַרבעטן עקסטרע אייניקע שטונדן מיט דעם זעלבן פּאַיאַק. אָבער דאָס איז נישט אַלץ. צוטיילמאָל האָבן מיר קוים צייט געהאַט צוריקצוקומען אין לאַגער אַריין, נאָך אומענדלעכע איבערשטונדן, און מיר האָבן קוים צייט געהאַט אייַנצודרעמלען אויף די האַרטע נאַרעס, האָט מען אונז שוין אויפסנייַ גע־טאַרעט און געוועקט: „שטייט אויף שנעל ווייל די ווערטושקע וואַרט אויף אייך!...

איינע פון די פרויען בריגאַדעס איז געווען אָנגעפירט פון דער בריגאַ־דירשע מאַרוסאַ. מיין בריגאַדיר מיט מאַרוסאַן, ביידע פון פּריווילעגירטן סאָרט אַרעסטאַנטן, זייַנען שטאַרק באַפרייַנדעט. איינע פון די הויפּט פּרי־ווילעגיעס וואָס די בריגאַדירן האָבן איז, וואָס ביט נאָר דאַרפן זיי ניט

אַרבעטן, נאָר זיי קענען נאָך דערצו זיצן אַ גאַנצן טאָגביים פייער און זיך וואַרעמען. אויף צו עסן באַקומען זיי פיל בעסער ווי דער דורכשניטלעכער אַרעסטאַנט. זייער הויפּט־אַרבעט באַשטייט דערין דאָס איטלעכן אינדערפרי טיילן זיי אויס די אַרבעט פאַר זייער בריגאַדע און ווייטער אינטערעסירט זיי ווייניק וואָס. זיי יאָגן בלויז אונטער דעם עולם פון צייט צו צייט. די איבעריקע צייט זעצן זיי זיך אַוועק ביים פייער און וואַרעמען זיך.

איינמאָל האָב איך דערפילט אַן אויסערגעוויינלעכע קעלט אין אַלע מיינע גלידער. עס האָט מיט מיר געוואָרפן ווי גלייך איך וואָלט געהאַט מאַלאַריע. איך האָב מסתמא געמוזט האָבן טעמפּעראַטור. האָב איך דעריבער געפילט, אַז אויב איך זאָל ניט צוגיין צום פייער, ביי וועלכן עס זיצן דער בריגאַדיר מיט נאָך איניקע בלאַטע חברה, וועל איך אינגאַנצן פאַר־פרוירן ווערן. אַנגעטאָן בין איך געווען נישט צו וואַרעם. איך האָב ניט געהאַט קיין וואַליקעס אויף מיינע פיס. די וואַליקעס האָט מען אויסגע־טיילט פאַר די רעקאָרדיסטן, פאַר דאכאַדיאַגעס, וועלכע טויגן סיי־ווי ניט צו דער אַרבעט איז אַ שאָד צו געבן וואַליקעס. אויף די פיס האָט מען פאַר די דאכאַדיאַגעס געגעבן אָנצוטאָן וואַטענע שקאַרפּעטן בלויז. נאָכדעם ווי מיין בושלאַט איז פאַרברענט געוואָרן האָט מען מיר געגעבן זייער אַן אָפּ־געריבענעם בושלאַט, עס איז קוים געווען אַביסל וואַטע אין אים. דעריבער איז קיין וואונדער נישט וואָס עס איז מיר שטאַרק קאַלט געווען. איבער־הויפּט ווען עס איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט בין איך שיער־נישט פאַר־פרוירן געוואָרן. איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז קוים גיי איך צו צום פייער וועט מיך דער בריגאַדיר אַוועקטרייבן מיט זיין געוויינליכן פּזמון: „זשיד, פאַרשוואונד פון דאַנעט!" דאָך האָב איך געוואַגט און בין צוגע־גאַנגען צום פייער. פּונקט איז אויך מאַרוסאַ געזעסן ביים זעלבן פייער לעבן מיין בריגאַדיר און זיי האָבן זיך ביידע געוואַרעמט. דער בריגאַדיר האָט מיך טאַקע געוואָלט פאַרטרייבן און ער האָט מיך טאַקע אָנגעהויבן צו זידלען:

„דו שטיק נבלה, אַז אויסריייניקן זאָל איך דיך! קוק זיך צו ווי איט־לעכער אַרבעט נאָר דו איינער, דו זשיד, ווילסט נישט אַרבעטן, דעריבער ווערסטו פאַרפרוירן!"...

ער האָט מיך נאָך פיל מער געשאָלטן און געזידעלט מיט ספּעציפיש רוסישע זידלערייען און קללות און ביי איטלעכן צווייטן דריטן וואָרט האָט ער אַקצענטירט דאָס וואָרט „זשיד".

אויב איך האָב זיך שוין צוגעוואוינט צום זידל־וואָרט „זשיד" און איך האָב נישט פּראָטעסטירט, איז עס בלויז דערפאַר, וואָס איך האָב זיך עס אַזויפיל אָנגעהערט, אַז עס איז מיר שוין געוואָרן אימיון, גלייכגילטיק. זיי, די רוסן און אוקראַינער, פּלעגן רופן מיט דעם דאָזיקן זידל־וואָרט נישט בלויז אידן נאָר אפילו אַזיאַטן און אַנדערע פאַרשוינען וועלכע זיינען זיי נישט געפעלן... איך האָב זיך שוין געהאַט איבערצייגט ביי מערערע געלעגנהייטן אַז איך וועל מיט גאָרנישט קענען ענדערן מיין לאַגע אויב איך וועל זיך אַקעגנשטעלן און פּראָטעסטירן, סטייטש מען רופט מיך מיט אַ זידל־וואָרט וואָס איז בפירוש אַקעגן דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע... אדרבא, אויב די רוסן און די אוקראַינער, צי די פּאָליאַקן, האָבן געזען, אַז עס אַרט מיך זייער שטאַרק פאַרוואָס מען רופט מיך „זשיד" האָבן זיי ערשט אויסגענוצט די געלעגנהייט מיר נאָך מער ווי צו טאָן. די אַנטי־סעמיטן אין לאַגער זיינען אין דער הינזיכט ממש ווי די הינט. אויב מען ווייזט אַרויס פאַר אַ הינט אַז מען האָט פאַר אים מורא און מען אַנטלויפט פון אים ערשט דעמאָלט וועט ער האווקן און נאָכלויפן נאָך זיין קרבן. ווייז אַרויס פאַר די אַנטיסעמיטן, אַז עס אַרט דיך שטאַרק דאָס וואָרט „זשיד" ערשט דעמאָלט וועלן זיי זיך רייצן. עס וואָלט די אידן אין לאַגער אין אַלגעמיין גאָרנישט געהאָלפן דאָס אַקעגנשטעלן זיך, איז זאָלן זיי האווקן, די אַנטיסעמיטן!...

אָבער איצט איז מיר דווקא דאָס וואָרט „דזשיד" צוניץ געקומען. מאַרוסאַ האָט זיך אַריינגעמישט און זי האָט זיך אָנגענומען מיין קריוודע נישט לאָזנדיק אַז מיין בריגאַדיר זאָל מיך פאַרטרייבן פונ'ם פייער.

„וואַנקאַ", זאָגט זי צום בריגאַדיר „זעסט דען נישט, אַז ער ווערט אינגאַנצן פאַרפרוירן? לאָז אים זיך וואַרעמען אַביסל!"

און צו מיר האָט זי זיך נאָכדעם געווענדעט מיט אַ פריינטלעכער שטימע, וואָס איך בין גאָרנישט געוואוינט צו הערן אַזאַ פריינטלעך קלינגענדיק קול אין לאַגער, איבערהויפּט נאָך, ווען מען רעדט צו מיר:

„וואַרעם זיך!"...

איך האָב אַליין נישט געוואוסט וועמען צו פאַלגן, מיין בריגאַדיר אָדער מאַרוסאַ'ן. נאָר אַזוי־ווי איך האָב געזען, אַז דער בריגאַדיר שטעלט זיך נישט אַקעגן מאַרוסאַ'ן האָב איך זיך נישט געאיילט אַוועקצוגיין פונ'ם פייער און איך האָב זיך גוט דערוואַרעמט. נאָר איך ווייס זייער גוט, אַז עס זיינען נאָך פאַראַן אַנדערע אויך, וועלכע וואָלטן זיך געוואָלט גערן

דערוואַרעמען, איז קען איך נישט זיין קיין „נאכאל". ווייל דער בריגאַדיר וועט נישט צולאָזן אַ צווייטן דאכאדיאַגע צום פייער ביז איך וועל נישט אַוועקגיין. דעריבער האָב איך געוואָלט אַוועקגיין און געבן אַ געלעגנהייט פאַר אַ צווייטן ער זאָל זיך אויך קענען אָנוואַרעמען.

אַז מארוסא האָט באַמערקט, אַז איך וויל שוין אַוועקגיין, האָט זי מיך נאָך אַ ווײַלע צוריקגעהאַלטן:

„זיץ נאָך אַביסל און וואַרעם זיך!", האָט זי מיר מיט כמעט אַ באַפעַ־לערישן טאָן געזאָגט.

מאַרוסא רעדט צו מיר זייער פריינטלעך; זי קוקט און קוקט אויף מיר און זי לאָזט נישט אַראָפּ אירע בליקן פון מיר...

„ווי אַזוי הייסטו?", פרעגט זי מיך אַ בייגעריקע.

„ליאָווא!" (אַזוי האָט מען מיך גערופן אין לאַגער).

איך בין ממש דערשטוינט געבליבן זעענדיק ווי מאַרוסא קלאַטשט צוזאַמען אירעביידע הענט און זי רופט אויס אַ באַגייסטערטע:

„איך האָב געקענט שווערן אַז דיין נאָמען איז ליאָווא!"...

איך האָב נישט געוואוסט, אַז מארוסא איז אַ האַלבע אידישקע, דעריבער האָב איך נישט געהאַט קיין אַנונג פאַרוואָס זי איז אַזוי פריינט־לעך צו מיר. עס האָט מיך טאַקע געוואונדערט איר פריינטלעכע באַנעמונג און איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס זי האָט אין מיר אַזוינס דערזען, אַז זי זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען. אַלענפאַלס בין איך איר זייער דאַנקבאַר געווען און איך האָב ממש נישט געוואוסט מיט וואָס איך וואָלט איר געקענט אָפּדינען.

זי האָט זיך פאַראינטערעסירט, וואָס פאַר אַ פאיאַק איך באַקום. זי האָט זיך משער געווען, לויט מיין אויסזען, אַז איך מוז אוודאי זיין אויפ'ן „שטראָפנוי־פאיאַק". האָט זי מיר טאַקע צוגעזאָגט, אַז זי וועט אויסנוצן איר באַקאַנטשאַפט מיט די קוכערס און זי וועט זיי בעטן, אַז זיי זאָלן מיר געבן אַן איבעריקן טעלער זופּ. אויך האָט זי מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט פּרובירן מיר אַרויסהעלפן ביי איטלעכער געלעגנהייט מיט אַ שטיקל ברויט.

מארוסא האָט געהאַלטן וואָרט. זי האָט זיך אַליין מטריח געווען און זי איז מיך געקומען אויפזוכן אין באַראַק און זי האָט מיר איבערגעגעבן אַ שטיקל ברויט. די אַרעסטאַנטן, דערזעענדיק מאַרוסאַ'ן אין באַראַק, האָבן געמיינט, אַז זי זוכט מסתמא עפּעס אַ זשוליק... ווי גרויס איז געווען זייער אַנטוישונג, ווען זיי האָבן געזען וועמען מארוסא זוכט און מיט וועמען

זי האָט צו טאָן! איטלעכער האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס זי טוט עס און אויך טאַקע איך אַליין האָב זיך אויך נישט ווייניק געוואונדערט... נאָר קיין גרויסן וועזן האָב איך זיך נישט געמאַכט דערפון. אַז מען גיט, נעם איך! מאַרוסאַ האָט מסתמא געמוזט בעטן מיין בריגאַדיר, אַז ער זאָל מיך צוטיילן צו גרינגערער אַרבעט, און אַז ער זאָל מיר אויסשרייבן די געהעריקע פּראָצענטער, דאָס איך זאָל באַקומען אַ געהעריקן פּאַיאָק. ווייל זינט אַ שטיקל צייט, איז דער בריגאַדיר גוט צו מיר.

איך האָב אָנגעהויבן צוביסלעך קומען צו די כוחות. אַז איך האָב איטלעכן טאָג באַקומען אַן איבעריק שטיקל ברויט און אַן איבעריק ביסל געקעכטס, און אויך אַ פּאַיאָק האָב איך באַקומען ווי אַלע, וועלכע אַרבעטן אויס די נאָרמע, האָב איך טאַקע אויף אַן אמת געקענט בעסער אַרבעטן און איך האָב טאַקע אויסגעאַרבעט די נאָרמע.

מאַרוסאַ אינטערעסירט זיך נאָך ביי איטלעכער געלעגנהייט ווען זי זעט מיך, צי איך באַקום אַ נאָרמאַלע פּייקע ברויט און צי די קוכערס גיבן מיר אַן עקסטראַ ביסל עסן. איך קען איר נישט גענוג דאַנקען:

„עס ווילט זיך מיר דיך אַרומנעמען, מאַרוסאַ טייערע, און דיך האַרציק קושן פאַר דיין גוטסקייט וואָס דו ווייזט מיר אַרויס!"...

איך האָב געוואוסט, אַז מאַרוסאַ לעבט גוט מיט׳ן נאַטשאַלניק, מיט די פּרידורקעס און מיט מיין בריגאַדיר און דעריבער האָט זי פּראָטעקציע... אָבער וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט זי מיר אַרויסצוהעלפן? אויב זי וויל אפשר טאָן אַ מצווה... צי זיינען דען ווייניק דאַכאָדיאַגעס פאַראַן אין לאַגער אין וועלכע זי וואָלט זיך געקאָנט קויפן אַ מצווה? עס איז מיר טאַקע געוואָרן אַ רעטעניש. „וואָס האָט מאַרוסאַ אין מיר אַזוינס דערזען?!...
אַזוי האָב איך זיך כסדר געפרעגט און נישט געקענט געפינען קיין ענטפער.

איך מוז זי פרעגן! מעגלעך, אַז מיט מיין פרעגן וועל איך קאַליע מאַכן, ווייל געפילן פון פריינטלעכע באַציאונגען זיינען פיל שטאַרקער ווען עס וועבט זיך אַ מיסטעריע אַרום זיי... אָבער דאָך מוז איך וויסן, וועלכע סטרונעס פון איר האַרץ, וועלכע סענטימענטן, עס באַוועגן זי אַרויסצווייזן אַזויפיל פריינטשאַפט צו מיר. ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט האָב איך זיך צו איר געווענדט:

„מאַרוסעטשקע, זיי נישט בייז אויף מיר, איך מוז דיך עפּעס פרעגן".

מאַרוסאַ האָט אַזוי ווי פאָראויס געפילט וואָס איך וויל זי פרעגן, האָט זי מיר טאַקע גלייכצייטיק געגעבן איר הסכמה:

„פרעג וואָס דו ווילסט!"

„וואָס איז די אמת׳ע אורזאַך, וואָס דו אינטערעסירסט זיך מיט מיר?"...

נישט געאַכט דערויף וואָס אויך מאַרוסאַ איז געווען אָנגעטאָן אין איינפאַכע לאַגער קליידער, האָט זי אָבער דאָך אויסגעזען אַנדערש פון די איבעריקע פרויען אין לאַגער. אפילו אין די דאָזיקע איינפאַכע קליידער האָט מען געקענט מערקן פיל גראַציעזקייט. עס איז געווען גענוג צו כאַפּן אַ בליק אין איר געזיכט, דער עיקר אין אירע אויגן, און אויף איר שלאַנקער פיגור, דאָס מען זאָל זיך קענען שאַפן דאָס געפיל, אַז אונטער די איינפאַכע לאַגער קליידער געפינט זיך אַ וועזן וואָס איז פיל אַנדערש פון אַנדערע...

ווען מאַרוסאַ וואָלט געווען אָנגעטאָן אין געהעריקע פרויען קליידער און נישט אין אַ וואַטענעם בושלאַט מיט וואַטענע הויזן, וואָלט מען אין איר זיכער באַמערקט, אויפ׳ן ערשטן בליק, אַז זי איז אַ יפה־פיה, אַ קראַסאַוויצע. זי האָט אַ שיין רונדיק אידל געזיכט מיט הימל בלויע אויגן מיט בלאָנדע האָר. איר פיזיאָנאָמיע האָט זיך טאַקע נישט פיל אונטער־שייד פון די אַנדערע רוסישע פרויען בלויז מיט איר גראַציע. עס איז אין איר שווער געווען צו דערקענען אַ פונק פון אידישקייט ביים ערשטן בליק.

איך האָב מאַרוסאַ׳ן ווי געבערענגט אין אַ שטיקל פאַרלעגנהייט מיט מיין פראַגע. נאָר זי האָט מיר נאָך אַ קליינער פויזע געענטפערט מיט אַ זיפץ:

„מיין פאָטער איז אַ איד"...

דאָס האָט מיר טיילוויז אַלץ ווי דערקלערט... נאָר איך האָב געפילט אַז עס מוז זיין נאָך עפּעס פאַר וואָס זי אינטערעסירט זיך אַזויפיל מיט מיר און זי העלפט מיר אַרויס מיט אַזויפיל געפיל... עס קאָן טאַקע זיין, אַז עס האָט זיך אין איר דערוועקט דאָס פּינטעלע איד ווען זי האָט געהערט מיט וויפל פאַראַכטונג דער בריגאַדיר האָט מיך געזידלט און מיט וויפל פאַראַכטונג ער האָט עס אַקצענטירט דאָס וואָרט „זשיד" ביי איטלעכער געלעגנהייט... אָבער דאָס זיינען דאָך געוויינלעכע סצענעס. עס זיינען נאָך פאַראַן אידן אינ׳ם לאַגער וואָס ווערן אויך נישט ווייניקער ווי איך גע׳רודפ׳ט און באַליידיקט אויף דעם זעלבן אופן, איז פאַרוואָס העלפט זי זיי נישט אַרויס ווי זי העלפט מיר? פאַרוואָס אינטערעסירט זי זיך נישט מיט אייניקע רוסישע אידן, אירע אייגענע לאַנדסלייט, ווי זי אינטערעסירט זיך מיט מיר?

עס האָט זיך אין מיר שיער נישט פאַר׳גנב׳עט אַ געדאַנק... נאָר איך

האָב זיך אַליין אויסגעלאַכט:

„כאַ, כאַ, כאַ! זי זאָל זיך האָבן אין מיר פאַרליבט?... עס איז טאַקע נאָר צום לאַכן!... וואָס פאַר אַ נאָרמאַל מיידל וועט זיך עס פאַרליבן אין אַ דאַכאַדיאָגע?!"...

איך האָב אָבער אַזוי לאַנג נישט גערוט ביז איך בין נישט געוואָר געוואָרן פון מאַרוסאַ'ן נאָך מער אייגצלהייטן. איך בין געוואָר געוואָרן, אַז זי האָט געהאַט אַ ליובאַוניק אין דער היים וועלכער האָט אויך געהייסן ליאָווא. נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ. איר ליאָווא זעט אויס איינגאַנצן אַזוי ווי איך!...

וואָס עס זאָל נישט האָבן געווען די סיבה, מאַרוסאַ איז געווען מיין מלאך! איך האָב טאַקע נישט געפילט צו איר קיין שום פיזישע צוציאונג. חוץ אפשר אַ פלאַטאָנישע ליבע. אַלס פרוי האָט זי פאַר מיר, אונטער מיינע לאַגערשע אומשטענדן, אַבסאָלוט, נישט עקזיסטירט, אָבער אַלס מלאך, יאָ. די איינציקע פרוי וועלכע איז אויך אַ מלאך און זי אינטערעסירט מיך יאָ, איז ב.! אָבער ווי קומט מאַרוסאַ צו ב'ן? אפילו ב. וואָלט מיך נישט געקענט אינטערעסירן אַלס פרוי אונטער די דאָזיקע אומשטענדן. אַ דאַכאַ־דיאָגע האָט קיין סעקסועלן פאַרלאַנג.

איינמאָל קומט צו מיר מאַרוסאַ אין באַראַק אַריין:

„ליאָווא", זאָגט זי צו מיר קוקנדיק אויף מיר מיט אַ רחמנות'דיקן בליק, „איך בין געקומען געזעגענען זיך מיט דיר. מיין בריגאַדע ווי אַלע פרויען בריגאַדעס זיינען צוגעטיילט געוואָרן אין אַן אַנדערן לאַגער אַריין".

ווען מען גיט מיר מיט אַ דובינע איבער'ן קאָפּ, וואָלט מיך נישט ערגער געטראָפן ווי דאָס. וואו וועל איך נעמען אַזוינע אידעלע באַשעפענישן אין לאַגער, וועלכע זאָלן זיך אַזוי באַנעמען און אויפפירן מיט מיר? ביז דעמאָלט און פון דעמאָלט האָט זיך מיר טאַקע אין לאַגער אַזאַ מלאך אַ פרוי, ווי מאַרוסאַ, נישט געטראָפן. מיין באַגעגעניש מיט איר איז טאַקע געקומען צוליב אַ צופאַל, אָבער דער דאָזיקער צופאַל האָט מיך אַביסל געבערענגט צו די כוחות און האָט מיר אפשר מציל געווען דאָס לעבן. אָבער דעם דאָזיקן צופאַל האָב איך געהאַט דער עיקר צו פאַרדאַנקן וואָס מיין בריגאַדיר האָט מיך גערופן מיט'ן זידל־וואָרט „זשיד".

געזעגענענדיק זיך מיט מאַרוסאַ'ן האָב איך זי אַרומגעכאַפּט און מיט איר צעקושט. איך האָב זיך נאָכדעם, די רעשט פון מיינע יאָרן אין די לאַגערן, קיינמאָל נישט געקושט מיט אַ פרוי. איך האָב מער קיינמאָל

נישט געזען מאַרוסאַ׳ן און איך האָב קיינמאָל מער נישט געהערט פון איר. זאָל זי זיין געבענטשט, וואו זי זאָל נישט זיין!

30

קוים האָט מאַרוסאַ פאַרלאָזט דעם לאַגער האָט זיך ביי מיר אַלץ צוריקגעדרייט ווי פריער. עס איז מיר נאָך ערגער געוואָרן! אַדאַנק איר האָב איך זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו עסן אַן איבעריקן ביסן און אַצינד בין איך אויפסניי אויפ׳ן „שטראַפּנוי־פּאַיאָק״. כל זמן זי איז געווען אין לאַגער און מיין בריגאַדיר איז געווען אונטער איר איינפלוס, וועלנדיק זיך אויסשיינען פאַר איר דאָס ער קומט נאָך איר וואונטש, האָט ער מיר טאַקע אויסגעשריבן אַ געהעריקן פּאַיאָק. אַצינד לאַכט ער פון מיר, דער בריגאַדיר, און ער חוזקט פון מיר אויף וואָס די וועלט שטייט:

„אַוראַשאַ, גדע טוואַיאַ סאַרעטשקע? (אַוראַשע, וואו איז דיין סאַרעטשקע?)

אין די דאָזיקע איינפאַכע ווערטער לייגט דער בריגאַדיר אַריין אַזויפיל שפּאָט און סאַרקאַזם, ווי גלייך ער וואָלט עס דאָ געזאָגט מי־יודע וואָס פאַר אַ חכמה! ער פרעגט די פראַגע מיט אַ מין גמרא־ניגון און מען קען דערקענען, אַז כאָטש עס טוט אים אויך לייד נאָך מאַרוסאַ׳ן... פונדעסט־וועגן, צי גאָר טאַקע דערפאַר, טוט אים אַ גרויסע הנאה, וואָס ער קען מיר אַ שטאָך טאָן. די דאָזיקע ווערטער זיינען איראָנישע אויסדרוקן, וועלכע קיין איבעריקע באַדייטונג האָבן זיי נישט, אָבער די אַנטיסעמיטן באַנוצן זיך מיט זיי אין לאַגער.

איך האָב זייער געוואָלט טאָן וואָס פאַר אַן אַרבעט עס איז, כדי איך זאָל פאַרדינען אַן איבעריק שטיקל ברויט. איך האָב באַמערקט, אַז אייניקע גייען פריוואַטליק האַקן האָלץ פאַר דער אָפיציר׳ס קיך, אַרויס פון דער זאָנע, און באַקומען אַן איבעריקן ביסן. האָב איך זיך מיישב געווען, דאָס איך וועל אויך פּרואוון מיין מזל און אויך איך וועל זיך פריוואַטליק מעלדן ביים וועכטער, דאָס איך וויל גיין האַקן האָלץ.

ס׳איז געווען פּונקט גראָד קעלט אינדרויסן און די בריגאַדעס האָט מען דעם טאָג נישט אַרויסגעשיקט צו דער אַרבעט צוליב דעם אויסער־געוויינלעכן פראָסט. נאָר אַז אַ זעלנער איז געקומען פרעגן ווער עס וויל גיין פריוואַטליק האַקן האָלץ, האָב איך זיך געמאָלדן נישט געקוקט אויף

דער גרויסער קעלט!

עס אַרט מיך נישט דער פראָסט און די ביטערע קעלט, איך מוז זען צו פאַרדינען אַן איבעריקן ביסן!...

דער איבעריקער ביסן האָט מיך שיער נישט געקאָסט מיין לעבן. אַן אָפיציר האָט מיך געוואָלט שיסן. אָט ווי דאָס איז געשען:

איך מיט נאָך צוויי, איינער אַ רוס און איינער אַ איד, שמואל קאַגאַן, אַ געוועזענער קישענעווער אַנגעזעענער סוחר, זיינען געווען די יעניקע וועלכע האָבן זיך פריייוויליק געמאָלדן, אַז מיר ווילן גיין האַקן האָלץ פאַר די „אָכרע". מיר האָבן אָנגעהאַקט היפּשע שייטלן האָלץ אַזוי פאַר דער אָפיציר'ס קיך ווי פאַר די וועכטער. פון דער לאַגער ווישקע (טורעמל) האָט אונז דער זעלנער געהיט.

געוויינלעך מוזן די האָלץ־האַקערס צוואָוואַרטן ביז די אָפיצירן ענדיקן זייער וויעטשערע און נאָכדעם גיט מען פאַר די האָלץ־העקערס דאָס איבער־בלייבעכץ, אַלס דעם לוין פאַר זייער פראַצע.

מיר האָבן געוואַרט אין טאַמבור (קאָרידאָר) פון דער קיך. אין טאַמבור איז געווען אַרויסגעוואָרפענע קאַרטאָפל שאָלעכץ און קרויט בלעטער. איך האָב געזען ווי פיל אַרעסטאַנטן מאַכן זיך אַ גאַנצן צימעס פון קאַרטאָפל שאָלעכץ און קרויט בלעטער: זיי וואַשן זיי איבער און נאָכדעם קאָכן זיי און בראָטן די דאָזיקע מציאה. האָב איך געוואָלט טאָן אַ טובה פאַר מיינע קאַמעראַדן זיי זאָלן האָבן מיט וואָס זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ. אי עס קאָסט מיר גאָרנישט, עס איז סיי ווי הפקר, און איך וועל נאָך האָבן אַ טובה געטאָן... איך האָב אַזוי גענישטערט צווישן דעם אָפּפאַל, ביז אַן אָפיציר איז אָנגעקומען. אַז דער אָפיציר האָט מיך דערזען נישטערנדיק מיט אַזויפיל פלייס בין איך אים פאַרדעכטיק געוואָרן און ער האָט מיך שטרענג אַ פרעג געטאָן:

„וואָס זוכסטו דאָרטן?!"

איך האָב תמימות'דיק געזאָגט דעם אָפיציר, אַז איך וויל בלויז צוזאַ־מענעמען די קאַרטאָפל שאָלעכץ און דעם אָפּפאַל פון די הייפּטלעך קרויט.

דער אָפיציר איז, ווי עס ווייזט אויס, זייער ווייניק נתפעל געוואָרן פון מיין אומשולדיקן פאַרענטפערן זיך, ער האָט זיך אַליין געוואָלט איבער־צייגן צי עס איז אמת טאַקע, וואָס איך זאָג, און צי האָב איך נישט עפּעס אַנדערש אינזינען... ער, האָט גענומען נישטערן צווישן אָפּפאַל און צו אונזער אַלעמענס איבערראַשונג האָט ער געפונען אַ גאַנץ דיכטל פלייש

פון אַ חזיר. אין מלחמה צייט איז עס געווען אַ שטאַרק טייערער ביסן אַפילו פאַר די לאַגער אָפיצירן, פאַר וועלכע די סאָוועטישע פאַרוואַלטונג האָט צוגעטיילט פון אַלעם בעסטן. אַזוי ווי דער אָפיציר האָט נאָר מיך אַליין געזען נישטערנדיק, האָט ער זיך צו מיר גענומען:

„ווי אַזוי קומט עס דאָ״, פרעגט ער מיך אַ שטאַרק אויפגערעגטער טייטלענדיק מיט זיין פינגער אויפ׳ן דיכטל חזיר פלייש „און פון וואַנען האָסטו עס גענומען ?!״...

איך האָב אַליין נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן דעם אויפגערעגטן אָפיציר, דאָס האָט אוודאי נאָך מער אַרויסגערופן אַ חשד ביי אים, אַז ער האָט מיך געכאַפּט ביי דער גנבה. דער אָפיציר איז אַריין אין קיך און ער האָט געפרעגט דעם הויפט קוכער ווי אַזוי עס קומט אַ שטיק פלייש צווישן מיסט. דער קוכער האָט זיך געוואָלט רעכטפערטיקן, האָט ער געוואָרפן די גאַנצע שולד אויף די האַלץ־העקערס, אַז מיר האָבן עס אוודאי אַרויס־גע׳גנב׳עט פון דער קיך...

וויאַזוי האָבן מיר עס געקענט אַרויס׳גנב׳ענען פון דער קיך אַז מיר זיינען דאָרט נישט געווען? וויאַזוי קומען מיר, אַרעסטאַנטן אין אַן אָפיצער׳ס קיך? ווער וועט עס אונז אַריינלאָזן אַהין? נאָר אַז עס האַנדלט זיך אין אַ גנבה, ווער טראַכט וועגן לאָגיק!

דער אָפיצער האָט זיך נאָר צו מיר געטשעפּעט און ער האָט דווקא געוואָלט, רק איך זאָל אים זאָגן, וואָס איך האָב געוואָלט טאָן מיט אַ גאַנצער דיכט פלייש. מיינע רייד, אַז איך ווייס פון גאָרנישט, האָט נישט געהאָלפן, אדרבא, דער אָפיצער איז אַזוי אויפגערעגט געוואָרן, אַז ער האָט מיך גענומען פּאַטשן און שלאָגן, עס העלפט מיר גאָרנישט, אַן אַרעסטאַנט איז אַ גנב!... דער אָפיצער לאָזט מיך נישט אָפּ, די יוכע האָט זיך אין אים אַזוי צעברענט אַז ער האַלט מיך אין איין שלאָגן אָן אויפהער. איך בין טאַקע געווען געוואוינט צו באַקומען אומזיסטע קלעפּ אָבער דער אָפיצער האָט שוין איבערגעכאַפּט די מאָס און איך האָב פאַרלוירן מיין גלייכגילט און איך בין אַרויס פון די כלים ווערנדיק כמעט אַזוי ווילד ווי דער אָפיצער וואָס שלאָגט מיך: נישט נאָר האָב איך אָנגעהויבן צו שרייען אויף קולי־קולות און געמאַכט געוואַלדן, נאָר איך, אַ דאַכאַדיאַגע, האָב זיך געפּאַסט מיט אַלע מיינע לעצטע כוחות און איך האָב זיך אקעגנגעשטעלט דעם אָפיצער, אָנכאַפּענדיק אים ביי ביידע הענט, ער זאָל מיך נישט קענען שלאָגן. איך האָב נישט געזען ווי דער אָפיצער כאַפּט זיך צו זיין רעוואָל־

ווער, ווייל נאָכדעם ווי עס האָט אים געלונגען לויז צו מאַכן זיינע הענט פון מיינע, האָט ער מיך אַ שליידער געטאָן צו דער ערד, אין שניי אַריין. איך האָב נאָר געפילט אַז איך פאַל, אָבער וואָס עס טוט זיך אַרום מיר האָב איך נישט געקענט זען. אויף מיינע קולות איז אָנגעקומען אַ צווייטער אָפיצער און דער צווייטער האָט מיט דעם צעווילדעוועטן אָפיצער געהאַלטן ביי דער האַנט און אים נישט געלאָזט שיסן.

מעגלעך אַז איך וואָלט קיינמאָל נישט געוואָר געוואָרן, אַז דער אָפיצער האָט מיך געוואָלט שיסן, ווען נישט די אַנדערע צוויי האַלץ־העקער, וועלכע האָבן מיר עס נאָכדעם דערציילט. ווען דער אָפיצער שיסט מיך וואָלט געווען פאַרפאַלן... אַן אַרעסטאַנט, צי ער איז יאָ שולדיק צי נישט, טאָר זיך נישט אַקעגנשטעלן אַן אָפיצער! שמואל קאַגאַן, דער קישענעווער געוועזענער סוחר, האָט מיר נאָכדעם געזאָגט:

„דו מעגסט אַן איבעריק מאָל גומל בענטשן, וואָס דו ביסט לעבן געבליבן!"...

מיין אַקעגנשטעלן זיך דעם אָפיצער איז מיר אָבער אינגאַנצן גלאַט נישט אָפּגעגאַנגען. דער אָפיצער האָט מיך געשלעפּט ביז צום לאַגער און ער האָט מיך איבערגעגעבן דעם דיזשורנע און ער האָט אים פאַראָרדנט, אַז מען זאָל מיך האַלטן פאַרשפּאַרט אין איזאָלאַטאָר פאַר דריי טעג. צוליב דעם צופאַל האָבן שוין קיין איינציקע פון די האַלץ־העקער נישט באַקומען קיין איבערבלייבעכץ, דאָס הייסט, אַז מיר האָבן זיך אומזיסט אָנגעהאָרעוועט און אָנגעפּרוּוירן אַ גאַנצן טאָג. עס איז אונז נישט באַשערט געווען קיין איבעריקער ביסן!...

איך בין אָבער קיין דריי טעג אין איזאָלאַטאָר נישט געזעסן. און אַ האַלבער שעה אַרום האָט מען מיך באַפרייט. איך ווייס נישט ווער עס האָט זיך געמיט פאַר מיר... נאָר שפּעטער בין איך זיך משער געווען, ווי אַזוי דאָס שטיקל פלייש איז געווען צווישן די שאָלעכץ. עס האָט געמוזט זיין דעם קוכערס אַרבעט. דער קוכער האָט עס געמוזט גנב'ענען פון דער קיך און ער האָט עס געהאַלטן אָנגעגרייט פאַר אימעצן אינ'ם טאַמבור...

זינט דעמאָלט בין איך מער נישט געגאַנגען פרייוויליק אַרבעטן. איך האָב נאָר דעמאָלט געאַרבעט ווען איך האָב געמוזט. איך האָב זיך שוין מערער מאָל איבערצייגט, אַז מיט איין ביסן ווייניקער וועל איך נישט שטאַרבן פון הונגער, אָבער פון אַן איבעריק שטיקל אַרבעט וועל איך יאָ קענען שטאַרבן...

עס גייט טאַקע אַרום אַ ווערטל אינ׳ם לאַגער: „פון צופיל אַרבעט פּגר׳ן די פערד״...

= ◍ =

דער ווינטער אין פעטשאָרע האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק פרי. עס איז כמעט ווי נישט געווען קיין זומער. בלויז אין די חדשים יולי און אויגוסט זיינען עטלעכע געציילטע טעג געווען וואַרעמע. אפילו אין טייל פונ׳ם אַזוי־גערופענעם „זומער״ האָט געריגנט. סוף אויגוסט האָט שוין גענומען שנייען. אין מיטן סעפּטעמבער איז שוין דער שניי פעסט געלעגן, ווי אין אייראָפּע אין סוף דעצעמבער. אין אָקטאָבער זיינען שוין געווען דרייסיק גראַדיקע פרעסט. אין נאָוועמבער און דעצעמבער זיינען עטלעכע שעה אין טאָג אַ ביסל ליכטיק. די זון, ווי גליך זי וואָלט זיך געשעמט צו באַווייזן איר פּנים, דרייט זיך אַרום, פון יוצא וועגן, פּאָר געציילטע מינוטן, אין די ראַנדן פון הימל. נישט זי וואַרעמט און נישט זי לייכט. זי זעט אויס ווי אַ לבנה אינמיטן טאָג, און וואַרעמט טאַקע ווי די לבנה.

דערפאַר וואָס אין די זומער חדשים זיינען די נעכט ווייסע, זיינען דעריבער די ווינטערדיקע טעג טונקעלע... עס איז בכלל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ פאַרדרייטע וועלט: טאָג איז נאַכט און נאַכט איז טאָג! וואָס מען דאַרף האָט מען נישט און וואָס מען האָט דאַרף מען נישט... עס איז אַ כאַאָס אויף שריט און טריט.

עס איז שוין מער ווי אַ יאָר זינט איך בין אַוועק פון דער היים. וואָס האָב איך שוין אין דאָזיקן יאָר נישט איבערגעלעבט? עס איז כאָטש אַ גוטע זאַך וואָס עס איז נישט פאַראַן קיין שפּיגל אין לאַגער ווייל אַזוי ווייס איך אַמווייניקסטן נישט ווי משונה׳דיק איך זע אויס. איך מוז מסתמא אויך אַזויפיל זיין פאַרענדערט אויסערלעך, טראַכט איך ביי זיך, אויף וויפל איך בין פאַרענדערט אינערלעך... איך וואָלט זיך אוודאי נישט דערקאָנט אין אַ שפּיגל פונקט ווי איך דערקאָן זיך נישט מיט מיינע אידעען, עקס־פּעריענסעס און דענקסאַרטן. מיינע אַלע אויפפאַסונגען זע איך אַצינד אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט; מיינע אַלע באַגריפן האָבן זיך געענדערט. צי איך וועל יאָ מסכים זיין צי נישט, איך בין אַ קרימינאַלניק, אַן אַרעסטאַנט און אַ פאַרברעכער, וואָס לעבט טאַקע נישט, אָבער עקזיסטירן עקזיס־טירט ער!...

די מלחמה גייט אָן אין פּולן שוואונג און ברען. מיר ווערן געוואויר, אַז די דייטשן רוקן זיך אַלץ טיפער און טיפער אַריין אין רוסלאַנד. דער נאַטשאַלניק קומט איטלעכע מינוט מיט דעם זעלבן פּזמון, אַז מיר מוזן פלייסיקער אַרבעטן, כדי מיר זאָלן העלפן שלאָגן דעם שונא...

איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אַז אין אַזוינע שטעט ווי טשערנאָוויץ, קישענעוו, קיעוו, כאַרקאָוו און אָדעס, שטעט מיט אַ גרויסער אידישער באַפעלקערונג, האָט זיכער געמוזט פאַרקומען אַ גרויסער חורבן. אָבער איך בין קיינמאָל נישט געוואויר געוואָרן קיין איינצלהייטן, וועגן דער אידישער לאַגע אין די געביטן, וואָס די דייטשע חיילות האָבן אָקופּירט. די סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע איז געווען קאָנצענטרירט אַרום איין פּונקט: איבער דער רוסישער טראַגעדיע...

דער וועספּיטאַטיל (גייסטיקער לאַגער פּראָפּאַגאַנדיסט) האָט אונז נאָר דערציילט איבער דער גרויסער רוסישער טראַגעדיע, וואָס די דייטשע הארדעס פאַראורזאַכן צו די סאָוועטישע בירגער אין איטלעכן געביט, וואו נאָר זיי אָקופּירן אַ שטאָט צי אַ דאָרף. דער וועספּיטאַטיל לייענט אונז טיילמאָל פאַר אַ סוואָדקע (לעצטע ידיעה בולעטין) פונ׳ם פראָנט. ער דערציילט אונז וועגן פאַרטיזאַנען, גרופּן, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט הינטער דעם פראָנט, און ווי די פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען קעמפן קעגן שונא אין די וועלדער. פון אַ אידישער טראַגעדיע, אָדער פון אידישע פאַרטיזאַנען־גרופּן האָט אונז דער וועספּיטאַטיל קיינמאָל קיין וואָרט נישט געזאָגט. ווי גלייך אַזאַ זאַך וואָלט נישט עקזיסטירט! וועגן דער גרויסער אידישער טראַגעדיע וואָס עס האָט די אייראָפּעאישע אידן געטראָפן אין דער צייט פון דער מלחמה, בין איך ערשט געוואויר געוואָרן נאָכדעם, ווען איך האָב זיך באַפרייט פון לאַגער, אין 1947.

די מיזעריע אין לאַגער איז געווען אויסערגעוויינלעך גרויס, עס איז ממש געווען אוממעגלעך אויסצוהאַלטן. די עסנס זיינען נאָך פיל ערגער געוואָרן ווי פריער. עס גייען פאַרביי טעג און מען טרייבט אונז צו דער אַרבעט אָן ברויט. מיר מוזן שלעפּן די שליטנס מיט האָלץ פונ׳ם וואַלד ווי די פערד. אָבער פאַר פערד גיט מען איטלעכן טאָג אַ פּאָרציע גערשטן אָדער האָבער פאַר אונז קיין ברויט איז נישטאָ. פאַר וואָס מען גיט אונז נישט קיין ברויט? ווייל עס איז נישטאָ קיין מעל אין דער בעקעריי!

„פאַרוואָס איז נישטאָ קיין מעל אין דער בעקעריי און ווען וועט ענדלעך זיין ברויט?!", פרעגען די אַרעסטאַנטן איינער דעם צווייטן.

נאָר קיינער ווייסט נישט גענוי ווען מיר וועלן קריגן ברויט. נאָר איטלעכער זאָגט, אַז דער נאַטשאַלניק האָט צוגעזאָגט: „מאָרגן קריגט איר אַ טאָפּלטע פּאָרציע!"...

נאָר ס׳איז צוטיילמאָל פאַריבער נישט איין מאָרגן און נישט קיין צוויי, נאָר דריי און פיר מאָרגנס און מיר האָבן אַלץ נישט געקריגן קיין ברויט און געמוזט גיין צו דער אַרבעט הונגעריקע און פאַר׳חלש׳טע. מיר וואָלטן זיך געוועז געלאָזט באַגענוגענען, ווען מען וואָלט אונז געוועז געקאָרמעט ווי די פערד, מיט גערשטן און מיט האָבער. דער לאַגער האָט אונז אויסגעלערנט, אַז פון האָבער קאָן מען אויך קאָכן קאַשע, נאָך וואָס פאַר אַ קאַשע!... נישט איינמאָל האָט מען אונז טאַקע געקאָרמעט מיט האָבער־ברויט, הלוואי וואָלט מען אונז געוועז נאָר געגעבן גענוג!

די הונגער פעריאָדן האָבן זיך איבערגע׳חזר׳ט גאַנץ אָפט. די דאַכאַדיאַגעס האָבן זיך געמערט. די וואָס האָבן אפילו נישט געטויגט צו דער אַרבעט האָט מען אַרויסגעטריבן מיט געוואַלד פון דער זאָנע. צוריקגיין פון דער אַרבעט האָבן זיי שוין נישט געקענט האָט מען זיי געמוזט שלעפּן אויף נאַסילקעס. מיר האָבן קוים געקאָנט שלעפּן אונזערע פיס, האָבן מיר אַלץ צוגאָב נאָך געמוזט שלעפּן מיט זיך די דאַכאַדיאַגעס. די מענטשן זיינען געפאַלן ווי די פליגן. נישט אומזיסט איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל אין לאַגער, אַז אונטער איטלעכער שפּאַליע ליגט אַ מענטש באַגראָבן...

איינמאָל ווען אַ הונגער פעריאָדע האָט אָנגעהאַלטן אייניקע טעג און אהיימקומענדיק פון דער אַרבעט האָבן די מענטשן באַמערקט ווי אַן איזוואָזטשיק פון אַ צווייטן לאַגער פירט אַ וואָגן אָנגעלאָדן מיט ברויט, פון דער בעקעריי, האָבן זיך אַלע מיט אַמאָל אַרויפגעוואָרפן אויפ׳ן וואָגן און צעראָבירט דאָס גאַנצע ברויט. אין משך פון אייניקע מינוטן איז פונ׳ם ברויט קיין זכר נישט געבליבן. ווי הונגעריקע חיות באַפאַלן זייער רויב, אַזוי זיינען מיר באַפאַלן די פריש־געבאַקענע בוכאַנקעס. דער איזוואָזטשיק (באַלעגאָלע) האָט זיך ממש געבעטן ביי אונז אַז מיר זאָלן אויף אים רחמנות האָבן, ווייל ער קאָן זיך נישט ווייזן אין לאַגער, וואו הונדערטער מענטשן הונגערן שוין פאַר אייניקע טעג. נאָר עס האָט ווייניק וואָס געהאָלפן. עס האָט אפילו נישט געהאָלפן דאָס שיסן פון די קאָנוואָיעס אין דער לופט.

די נאַטשאַלניקעס באַווייזן זיך נישט אין אַזאַ צייט. זיי לאָזן די פריי־דורעקס זאָלן אויפקלערן דעם הונגעריקן עולם, פאַרוואָס מען מוז אַרבעטן אומגעגעסן. זיי האָבן אַ פאַרטיקן תירוץ: „מען מוז צום ערשטן פאַרזאָרגן

דעם פּראָנט!"...

איך האָב געערדט מיט אַלטע אַרעסטאַנטן. אַרעסטאַנטן וועלכע זיינען שוין היפּשע יאָרן אַרעסטירט, און איך האָב זיך נאָך אינטערעסירט, צי עס זיינען פריער אויך געווען אַזוינע מיזעראַבעלע צייטן אין די לאַגערן. ביז איך פון זיי געוואויר געוואָרן שווידערלעכע זאַכן.

איך האָב זיך באַפריינדעט מיט איינעם אַן אַלטן אַרעסטאַנט, מיט „דעדיע קאַלא". דעדיע קאַלא איז שוין אַן אַלטיטשקער, ער איז אַריבער די פופציקער. אין לאַגער זיינען פאַראַן זייער ווייניק מענטשן אין דעם עלטער פון דעדיע קאַלאַ. דעריבער הייסט עס טאַקע, אַז ער איז שוין אַן אַלטיטשקער. אין דער אמת'ן זעט ער טאַקע אויס ווי אַ זקן פון העכער די זיבעציק.

עס איז שווער צו דערגרונטעווען זיך פאַרוואָס דעדיע קאַלא איז אַרעסטירט. ער ווייסט אַליין נישט, זאָגט ער, פאַר וועלכן פאַרברעכן ער זיצט: פאַר כוליגאַנסטווע, גנבה, פאַלשעווען אונטערשריפטן צי פאַר אַנדערע פאַרברעכנס. עס פעלט אים נישט קיין פאַרברעכנס און ער לייקנט עס נישט. ער ווייסט אַליין נישט, זאָגט ער, צום וויפלסטן מאָל ער איז אַרעסטירט. ער רעדט נישט אַרויס קיין זאַץ אָן אַ זידל־וואָרט. נישט דערפאַר ווייל ער איז שטענדיק אַ בייזער, חלילה! אדרבא, איך זע אים קיינמאָל נישט קיין בייזן אָדער אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד, נאָר דאָס איז שוין אַ לאַגערשע געוואוינהייט אַזאַ ביי אים. דאָס גיט צו מער חשיבות און מער וואָג צו זיינע רייד, אַזוי ווייניקסטנס איז דאָ אָנגענומען...

פאַר אַזוינע ווי דעדיע קאַלא איז דער לאַגער די אמת'ע היים. ער לאַכט זיך אויס פון דער פרייהייט. ער האָט סיי ווי קיינעם נישט אויף דער פריי. ער האָט קיין פאַמיליע און קיין באַקאַנטע, זאָגט ער, דאָ, אין לאַגער, איז זיין היים; איטלעכער קאָן אים דאָ; איטלעכער רעספּעקטירט אים; ער דאַרף נישט שווער אַרבעטן ווייל ער איז אין דער קאַטעגאָריע פון אַן אינוואַליד. ער געדענקט נישט גענוי וויפל יאָר ער איז אַרעסטירט, פופצן צי צוואַנציק... וואָס איז דען דער חילוק? ער איז ווי אין דער היים, צו וואָס דאַרף ער די פרייהייט?

דעדיע קאַלא דערפרייט זיך זייער ווען ער דערטאַפּט אימעצן וועמער עס וויל זיך צוהערן וועגן זיינע לאַגערישע איבערלעבונגען און צו זיינע לאַגערשע מעשיות. אין אַזאַ צייט איז ער זייער גוטמוטיק און באַרעדעוודיק:

„עס זיינען געווען צייטן אין מיין לאַגערשן לעבן", דערציילט מיר

דעדיע קאַלא פאַרונצעלנדיק זיין שטערן מיט זיין גאַנץ געזיכט און ער שאָקלט מיט'ן קאָפּ אַהין און אַהער. „יאָ, עס זיינען נאָך געווען ערגערע צייטן, ווי איצט. ווען איך בין אָנגעקומען קיין סעווערנע פּעטשאָרע (צפון פעטשארע), אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן, זיינען דאָ נאָך קיין באַראַקעס נישט געווען. מיר זיינען געשלאָפן אינדרויסן אויפ'ן שניי. פיל מענטשן זיינען טאַקע פאַרפרוירן געוואָרן. קוים האָבן מיר אויפגעבויט אַ באַראַק האָבן דעם באַראַק באַזעצט אַנדערע, די שוואַכערע, און מיר, די געזונטערע צווישן די אַרעסטאַנטן, זיינען נאָך אַלץ געשלאָפן אינדרויסן ווי די הינט. נאָר צום אַלעם ערשטן האָבן מיר געמוזט בויען אַן איזאָלאַטאָר, אַ קאַרצער, טאָמער פאַרזינדיקט זיך אַן אַרעסטאַנט זאָל מען אים קאָנען נאָך מער באַשטראָפן, אויפ'ן אָרט. ערשט נאָכדעם האָבן מיר קוים מיט צרות באַקומען אַ ברעזענטענע פּאַלאַטקע, אַבי אַ דאַך איבער'ן קאָפּ. די פּאַלאַטקעס פלעגן מיר אַרומלייגן מיט שניי, כדי דער ווינט זאָל נישט דורכבלאָזן"...

דעדיע קאַלא רעדט מיט אַזויפיל געפיל, אַזוי אַז עס איז נישט שווער צו באַמערקן ווי ער לעבט נאָך אַ מאָל איבער יענע פאַרגאַנגנהייט.

„דער הונגער איז אויך דעמאָלט געווען אומדערטרעגלעך, נאָך ערגער ווי היינט", דערציילט מיר ווייטער דעדיע קאַלא און זיין געזיכט ווערט וואָס אַמאָל אַלץ כמורנער און כמורנער. „עס זיינען צוטיילמאָל פאַרביי היפּשע טעג ביז מיר האָבן געזען אַ שטיקל ברויט פאַר די אויגן. עס איז געווען אַ פאַל, ווען מען האָט אַוועקגע'הרג'עט אַ דאַכאָדיאַגע און מען האָט געגעסן זיין פלייש..."

דער דאָזיקער דעדיע קאַלא האָט קיין איין צאָן אין זיין מויל. ער האָט געקראָגן צינגא (סקארבוט) אַ קראַנקהייט, וואָס אַלע אַרעסטאַנטן קריגן צוליב'ן פעלן פון וויטאַמינען. פון דער צינגא ווערט מען געשוואָלן און מען האָט דערפון צוטיילמאָל פאַרשיידענע אויסשלאָגן אויפ'ן קערפּער. אויך די ציין פאַלן אַרויס, מען פילט אפילו קיין ווייטיק ווען מען פאַרלירט די ציין, ווייל דער פּראָצעס פון צינגאַ, וואָס מאַכט פוילן דאָס ציין פלייש, איז אַ לאַנגזאַמער. דערפאַר אָבער קייעט דעדיע קאַלא מיט זיינע יאַסלעס פונקט אַזוי גוט ווי אַ צווייטער מיט די ציין. זיינע יאַסלעס זיינען אים אַזוי פאַרהאַרטעוועט געוואָרן ווי ביינער...

אויסהערנדיק דעדיע קאַלאַ'ס מעשיות, קען זיך נאָך איינעם אויס־דאַכטן, אַז עס לעבט זיך אַצינד אונז גאַנץ נישקשה'דיק.

32

איך וועל אַ ביסל זיך פאַרלויפן דעם וועג און איך וועל זיך אָפּשטעלן פאַר אַ ווײַלע אויף די איבערלעבונגען פון מײַן געליבטער, פון ב׳ן.

ווי איך האָב שפּעטער דערפאַרן, האָב איך זיך אומזיסט געזאָרגט, אַלע מײַנע לאַגערשע יאָרן, וואָס איך האָב קיין פאַרבינדונגען נישט געהאַט מיט ב׳ן, אַז זי וועט זיך נישט קענען צופּאַסן צו די לאַגער באַדינגונגען. מײַן מורא איז געווען אומזיסט! כאָטש זי האָט אויך נישט ווײַניק געליטן אַזוי פיזיש ווי גײַסטיק, האָט זי זיך דאָך אָנגענומען מיט מוט און זי האָט זיך נישט געלאָזט אַרונטערשטופּן ביז צום אָפּגרונט... עס איז נישט פון די לײַכטע זאַכן פאַר אַ פרוי, צו לעבן אין די סאָוועטישע לאַגערן און נישט אײַנגעזונקען צו ווערן אין׳ם זומפּ... איינס צווישן אירע הויפּט פּײַניקונגען איז געווען די אונטערבאַוואוסטזיניקע שולד... די דאָזיקע אונטערבאַוואוסטזיניקע קאָמפּלעקסן האָבן אונז בײדע פאַרפאָלגט אין משך פון אונזער לאַגער־לעבן. איך האָב זיך ווי געפילט שולדיק אין אירע לײַדן און זי האָט זיך געפילט שולדיק אין די לײַדן פון איר אײַנגערן ברודערל אָסקאַר.

וואָלט איך נישט געוואוסט, אַז אויך ב. ריכט אָפּ גלות אין די סאָוועטישע לאַגערן מיט מיר צוזאַמען, טאָקע צוליב מיר אַלײן, וואָלט מיר געווען פיל גרינגער איבערצוטראָגן אַלע מײַנע צרות. אָבער עס קען אויך געמאָלט זײַן, אַז איך וואָלט געווען אָנגעוואוירן דעם אינטערעס אין לעבן און איך וואָלט זיך געווען אונטערגעגעבן די פּרימיטיווע לאַגער פאַרניכטונגס מעטאָדן, אָפּטוענדיק איינס פון די שטיקלעך, וואָס האָבן אָוועקגערויבט פיל לעבנס פון די אַרעסטאַנטן. דער קאָמפּלעקס פון זעלבסט־פאַרניכטונג איז ביי אַלע לאַגערניקעס זייער שטאַרק... וויפל מאָל איך האָב געוואָלט מאַכן אַ געוואַגטן שריט, וואָס וואָלט מיך קראַנק געמאַכט און, פאָלגלעך, אומברענגען, איז געווען געווען געוואַגט, אַז איך זאָל זיך דערמאָנען אין ב׳ן, בלויז דער באַוואוסטיין, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ וועזן ווי זי, פאַר וועלכער איך בין מחויב צו אָפּהיטן זיך און בלײַבן לעבן... דאָס האָט געמוזט זײַן אַ טרייסט אין מײַן פאַרצווייפלטער לאַגע. איך האָב זיך פּרובירט פאָרצושטעלן, אַז איך וועל נאָר איר אָפּטאָן דערמיט, וואָס איך וועל שטאַרבן, אָדער, אַז איך וועל זיך פאַרקריפּלען. צוליב דעם פלעג איך זיך באַהערשן מיט אַלע מײַנע כוחות אָננעמענדיק פרישן מוט און פרישע ענערגיע, מיט אַ ניַיעם אינטערעס אין לעבן... איך האָב זיך טאָקע פּרובירט

אויסצוהיטן פון אַלע אַגרעסיווע מיטלען וואָס קענען פירן צו זעלבסט־פאַרניכטונג.

שילדערנדיק ב׳ס איבערלעבונגען אין די סאָוועטישע טורמעס, וויל איך באַמערקן, אַז אויך זי האָט פאַרבראַכט זעקס און אַ האַלב יאָר אין די סאָוועטישע לאַגערן אונטער די זעלבע באַדינגונגען, ווי אַלע איבעריקע אַרעסטאַנטן. איך האָב טאַקע נישט געהאַט קיין טעות, ווען איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ב׳ן ווי די איבעריקע פרויען דאַכאַדיאַגעס, וואָס איך האָב באַגעגנט אין די לאַגערן...

ב. איז געווען צוזאַמען מיט בערנאַט בערקאָוויטש׳עס פרוי, מיט פעני׳ן און מיט הערשעל פאָלאַק׳ס כלה, מיט לאה׳קן (מיט די דאָזיקע וועלן מיר זיך נאָך באַגעגענען). זיי זיינען אַלע געווען פאַרשיקט מיט היפשע טויזנטער קילאָמעטער פון צפון־פעטשאָרע, קיין דרום צו, קיין מיטל־אַזיע, אין קאַראַגאַנדער אָבלאַסט (פּראָווינץ).

= ◍ =

רעדנדיק וועגן ב׳ס איבערלעבונגען אין לאַגער, קען איך זיך נישט צוריקהאַלטן פון צו שילדערן כאָטש צוויי עפּיזאָדן פון אירע דאָרטיקע פּאַסירונגען. די דאָזיקע צוויי עפּיזאָדן וועלן צוגעבן אַביסל מער קלאַריט, בכדי צו שאַפן זיך אַ באַגריף וועגן אירע איבערלעבונגען דאָרטן, אין די לאַגערן פון מיטל אַזיע.

אויף מיין פראַגע (נאָך אונזער באַפרייאונג), וואָס עס האָט אויף ב׳ן געמאַכט דעם פיינליכסטן איינדרוק אין לאַגער־לעבן, האָט זי דערציילט דאָס פאָלגענדע:

„מיר האָבן געאַרבעט ביי אַ פּלאַטינאַ (אַ קאַנאַל אַזאַ אין וועלכן מען זאַמלט צונויף שניי אין ווינטער, כדי מען זאָל קענען דעם שניי נוצן פאַר וואַסער אין זומער, אין אַ געגנט וואו עס איז אַ מאַנגל אין וואַסער קוואַלן). מיר האָבן געאַרבעט מיט אַלע אונזערע כוחות. דאָס עסן איז געווען, ווי אין אַלע סאָוועטישע לאַגערן, שלעכט און ווייניק. פאַר אַ סך זיינען די כוחות אויסגעגאַנגען און זיי זיינען געפאַלן ווי די פליגן.

„די נאַטשאַלניקעס מיט די בריגאַדירן האָבן זיך זייער ווייניק געקימערט דערמיט. זיי האָט בלויז איין זאַך אינטערעסירט, אַז דער עולם זאָל וואָס מער פּראָדוצירן. זיי האָבן טאַקע געהאַלטן אין איין אונטערטרייבן דעם

עולם: „דאווי־דאווי!" דער נאטשאלניק האט מער ווי איטלעכער געוואלט זיך באווייזן פאר די העכערע ארגאנען, פאר'ן מיניסטעריום, אז אפילו אונטער אזוינע באדינגונגען איז ער, דער נאטשאלניק, בכוח צו פארפילן די געפלאנטע ארבעט א סך פריער פאר דעם אויסגעזעצטן טערמין... האט טאקע דער נאטשאלניק געהאלטן אין איין דראען די ארעסטאנטן און זיי געווארנט:

ווען איך זאל אפילו דארפן טרעטן איבער אייערע קערפערס, די דאזיקע פלאטינא וועט מוזן פארענדיקט ווערן א סך פאר דער צייט!..."

דער צווייטער עפיזאד, וועלכער איז אפשר נישט אזוי טראגיש ווי דער ערשטער, איז דערפאר אבער געגוג טראגי־קאמיש:

ווען ב. איז אנגעקומען אין לאגער אריין האט מען פון איר געמאכט אן איזוואזטשיצע (בעל־עגלה'טע).

אנשטאט פערד האט מען איר צוגעטיילט צוויי גרויסע אקסען מיט לאנגע הערנער. מיט די דאזיקע צוויי באשעפענישן האט זי געדארפט פארפילן די נארמע פון איר ארבעט.

ס'איז כדאי צו באמערקן, ווי אויסטערליש עס זאל נישט קלינגען, אז אויך פאר די אקסן ווערט אויסגעשריבן א פאיאק לויט זייער אויס־ארבעטונג. האבן די אקסן פארפילט זייער נארמע, זייער טעגליכע אקסישע נארמע, האבן זיי געקראגן א „סטאכאנאווסקי־פאיאק". ווען נישט האבן זיי געקראגן א „שטראפנוי־פאיאק". אויך די פערד האבן געהאט א נארמע: א פערדישע נארמע... כאטש אזויפיל יושר ביי די סאוועטן! זיי ווייזן דעם בידנעם ארעסטאנט, אז די בהמות זיינען נישט מער פריוועליגירט פון זיי און אז דער כלל „ווער עס ארבעט נישט דער עסט נישט", איז אויך חל אויפ'ן בהמה'שן מין...

ב. האט אין איר לעבן קיינמאל נישט געהאט צו טאן מיט בהמות, זי האט נישט געוואוסט זייער לשון, ווי אזוי מען דארף צו זיי רעדן דאס זיי זאלן גיין אין שפאן. אויך האט זי נישט געוואוסט, וויאזוי מען דארף זיי איינשפאנען. מען האט איר געגעבן צוויי אקסן, א געשפאן מיט א פוהר, דאס איבעריקע האט זי שוין אליין געדארפט פארשטיין...

ב. האט נישט געוואוסט, אז א פאר אקסן, וואס ארבעטן צוזאמען פאר א לענגערער צייט, ווערן צוגעוואוינט, אז איטלעכער אקס זאל זיין איינגע־שפאנט אויף זיין ארט. אז אן אקס איז געוואוינט צו שלעפן אויף דער רעכטער זייט, דעמאלט מוז מען אים אלעמאל איינשפאנען אויף דער

רעכטער זייט; איז דער אָקס געוואוינט צו זיין איינגעשפּאַנט לינקס, — מוז מען אים אַלעמאָל איינשפּאַנען לינקס.

האָט אָבער ב. נישט געוואוסט דעם אָקסישן דין, וועלכן איטלעכער געניטער באַלעגאָלע איז מחויב צו וויסן, האָט זי פאַרביטן די יוצרות: זי האָט איינגעשפּאַנט דעם רעכטן אָקס אויף דער לינקער זייט און דעם לינקן אָקס אויף דער רעכטער זייט. ווי אַזוי זי זאָל אַצינד נישט פּרובירן, סיי מיט גוטן און סיי מיט דער בייטש, העלפט עס ניט! איין בהמה ציט קיין צפון און די אַנדערע קיין דרום... זי פּרובירט צו רעדן צו די בהמות אין רוסיש און אין אידיש, זי בעט זיך ממש ביי זיי, אַז זיי, די בהמות, זאָלן איר העלפן פאַרפילן די נאַרמע, ווען נישט, וועלן זיי אַלע זיין אויף אַ „שטראַפנוי־פּאיאָק״... כאַטש האַק און בראַק, עס העלפט נישט!

די דערמאָנטע קאָמישע סצענע איז ווי אַ סימבאָל צו אונזערע איבער־לעבונגען אין לאַגער...

31

דער לאַנגער פּעטשאָרער ווינטער האָט זיך ענדליך ווי געענדיקט אין חודש מאַי. עס וואָלט טאַקע, לויט׳ן קאַלענדאַר, געדאַרפט זיין פרילינג, נאָר עס איז נאָך אַלץ מער ווינטער ווי פרילינג. אי ס׳שנייעט נאָך און אי ס׳פרירט נאָך פּונקט ווי אינמיטן ווינטער, צוטיילמאָל. נאָר קוים הויבט אָן צו רעגענען און די טיפע שנייען הייבן זיך אָן צו צעלאָזן, דעמאָלט האָט מען אַ ברירה צו קריכן אין טיפע וואַסערן און אין טיפע בלאָטעס אַנשטאָט אין טיפע שנייען. וואַסער איז נישט ווי שניי ווייל וואַסער האָט אַ נאַטור דורכצונעצן די פיס אַזוי אַז עס קומט אויס צו זיין אַ גאַנצן טאָג מיט דורכגעווייקטע פיס.

לעבן די רעלסן פון די באַן־ליניעס איז דער שניי זייער הויך. אַוועקקערנדיק דעם שניי פון די רעלסן פאַר׳ן גאַנצן ווינטער, האָט זיך אַזויפיל שניי צוזאַמענגענומען, אַז אין אייניקע פלעצער איז דער שניי אַזוי הויך ווי אַ שטאָקיקע מויער. דער גאַנצער אַרום באַשטייט פון הימל און שניי; הימל, שניי און לאַגערן. דערפאַר אָבער זיינען די גאָר שטאַרקע פרעסט שוין פאַרביי. עס בושעווען נאָך פון צייט צו צייט זאווערוכעס מיט שניי־שטורעמס, נאָר עס שפּילט שוין אַ קליינע ראָלע ביי אונז. מיר האָבן זיך שוין פון לאַנג צוגעוואוינט צו ערגערע אומאָנגענעמליכקייטן.

עס איז געקומען אַ קאָמיסיע אין לאַגער אַריין. איטלעכער מוז זיך אויסטאָן אדם־נאַקעט און זיך באַווייזן פאַר דער קאָמיסיע. מען רופט איטלעכן ביים נאָמען, מען טאַפּט איטלעכן אין הינטערשטן חלק און מען פאַרשרייבט. וואָס די קאָמיסיע פאַרשרייבט ווערט מען ערשט געוואויר אין איינקע טעג אַרום, די מענטשן זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין קאַטע־גאָריעס לויט'ן געזונט־צושטאַנד: ערשטע, צווייטע, און דריטע קאַטעגאָריע. טאָמער האָט מען איינעם צוגעטיילט אין דער ערשטער קאַטעגאָריע, דעמאָלט איז דער יעניקער מחויב אויסצואַרבעטן אַ פולע הונדערט פּראָ־צענטיקע נאָרמע, אַז איינער האָט געקראָגן די צווייטע קאַטעגאָריע, איז דער דאָזיקער מחויב אויסצואַרבעטן בלויז זיבעציק פּראָצענט פון דער נאָרמע. פאַר דאַכאַדיאַגעס האָט מען צוגעטיילט די דריטע קאַטעגאָריע. אַזאַ איינעם איז גענוג ווען ער אַרבעט אויס פופציק פּראָצענט.

אָבער די אַלע קאַטעגאָריעס זיינען מער אַ סימבאָל ווי אַ רעאַליטעט. ווען עס קומט צו דער אַרבעט רעכנט זיך דער בריגאַדיר זייער ווייניק צו וואָס פאַר אַ קאַטעגאָריע מען איז צוגעטיילט, עס איז נישט זיין עסק, טענה'ט ער, דאָס איז אַן ענין פאַר דאָקטוירים און פאַר די בוכהאַלטערס אין קאַנטור אויסצורעכנען וויפל פּראָצענט איטלעכער איז מחויב אויס־צואַרבעטן. דעריבער פאַרלאַנגט ער, דער בריגאַדיר, פון איטלעכן, אַ מינימום, אַ הונדערט פּראָצענטיקע נאָרמע!

איך האָב געהאַט מזל ביי דער קאָמיסיע. איך האָב נישט געהערט צו קיין איינציקער פון די קאַטעגאָריעס וועלכע דאַרפן אַרבעטן. מיך האָט די קאָמיסיע פאַרשריבן אין שפּיטאָל אַריין. איך האָב געהערט ווי איינער פון דער קאָמיסיע האָט אַ זאָג געטאָן: „פּעלאַגרע".

וואָס עס איז אַזוינס פּעלאַגרע? אויף פּראָסט לאַגער לשון הייסט עס בלויז אַז מען איז אַביסל מער ווי אַ דאַכאַדיאַגע. ווייל איינער מיט פּעלאַגרע קאָן פונקט אַזוי גוט אכל'ן ווי איינער, וואָס איז אַ געזונטער סטאַכאַנאָוויעץ. אָבער אין אמת'ן איז פּעלאַגרע דאָס זעלבע וואָס אַפּצערונג. אויך דער גרויסער סטאַכאַנאָוויעץ עליאַכין, דער יעניקער וואָס האָט אַלעמאָל באַקומען ניין הונדערט גראַם ברויט איטלעכן טאָג און וועלכער האָט מיך אויסגעלאַכט מיט מיין דריי יאָריקן טערמין, נבואות זאָגנדיק, אַז איך וועל אָוועק'פּגר'ן נאָך פאַר'ן ערשטן יאָר — אויך אים האָט מען פאַרשריבן אין שפּיטאָל אַריין. אויך ער, עליאַכין, האָט פּעלאַגרע! עס האָט אים, זעט אויס, נישט געהאָלפן די טעגלעכע פּייקע ברויט פון ניין

הונדערט גראַם. עליאַכין איז אינגאַנצן אָפּגעצערט און פאַרדאַרט געוואָרן, ער שלעפּט זיך קוים אויף זיינע לאַנגע פיס...

אויב איינער ווערט קראַנק און ער מוז דעריבער אָנקומען אין שפּיטאָל אַריין, איז עס אַ גרויס גליק. אין שפּיטאָל פילט מען זיך ממש ווי אַ האַלב פרייער מענטש. מען קריגט צום עסן נישט ערגער ווי אין לאַגער און מען דאַרף נישט אַרבעטן!...

דאָ אין שפּיטאָל האָב איך געהאַט די בעסטע געלעגנהייט זיך צוצו־קוקן ווי מענטשן ראַנגלען זיך מיט׳ן מלאך־המוות. עס זיינען דאָ פאַראַן אייניקע וועלכע ליגן שוין זייער לאַנג, זיי זיינען כראָניש קראַנקע. נאָר צו לאַנג ליגט דאָ קיינער נישט. אָדער מען דערהאַלט זיך, מען פּאַפּראַוועט זיך, הייסט עס אויף רוסיש־אידיש, אָדער מען שטאַרבט אַוועק... די שווער קראַנקע ליידן מייסטנס פון פּאַנאָס (דיזענטעריע), טאָמער האָט איינער פּעלאַגרע (אָפּצערונג) און ער באַקומט א פּאַנאָס, ווייסט ער שוין, אַז ער וועט זיך אינקורצן אַריבערפּעקלען אויף יענער וועלט.

דאָס שפּיטאָל באַשטייט פון ברעזענטענע פּאַלאַטקעס. עס זיינען פאַראַן אַן ערך פון צוויי הונדערט פאַרשוין אין איין פּאַלאַטקע. דאָ האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיט איינעם וואָס האָט מיר איבערגעגעבן אַ גרוס פון חברה מיט וועלכע איך בין געווען צוזאַמען אין טורמע. איינער מיט׳ן נאָמען פישעל רובין, האָט מיר דערציילט, אַז אין לאַגער נומער דריי זיינען פאַראַן אַ סך קאַרפּאַטישע, אונגאַרישע און רומענישע פּערע־ביעזטשיקעס. אויך ער, פישעל רובין, איז אַ פּערעביעזטשיק, אַ קאַרפּאַ־טישער. ער וואונדערט זיך פאַרוואָס מען האָט מיך נאָך ביז אַצינד נישט איבערטראַנספּאָרטירט אין לאַגער נומער דריי צווישן די איבעריקע פּערע־ביעזטשיקעס, מיינס־גלייכע. ער איז ביי זיך זיכער, אַז פון שפּיטאָל וועט מען מיך שיקן אין דאָזיקן לאַגער אַריין.

פישעל רובין איז נישט קראַנק אויף אָפּצערונג. ער איז אין שפּיטאָל צוליב אַן אויסטערלישער זאַך. אַ זעלנער האָט אים באַכגעשאָסן. פאַרוואָס דער זעלנער האָט אים באַכגעשאָסן? ווייל ער, פישעל, האָט געוואָלט אַנטלויפן! וואוהין האָט פישעל געוואָלט לויפן?!...

עס רעדט זיך בלויז אַזוי אַז פישעל רובין האָט געוואָלט אַנטלויפן פונ׳ם פּעטשאָרער לאַגער. פישעל רובין האָט קיינמאָל נישט געטראַכט צו אנטלויפן פונ׳ם לאַגער! וואוהין האָט ער געקאָנט אַנטלויפן פון פּעטשאָרע אינמיטן ווינטער אָן עסן און אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה?! און אַז ער

וואָלט זיך שוין געוועזן יאָ צוגעגרייט מיט די אַלע זאַכן וואָס זיינען אַמנויטיקסטן אויפ׳ן וועג ווען איינער וויל אַנטלויפן, וואָס וואָלט ער געקענט אויפטאָן? די נ.ק.וו.ד. וואָלט אים געוועזן סיי ווי געכאַפּט. ווייניק געניטע קרימינאַלניקעס, פּאַניעס, וועלכע קענען גוט די גאַנצע געגנט, האָבן עס פּרובירט צו אַנטלויפן? מען האָט זיי אַלץ איינס געכאַפּט, ווייל אַרום און אַרום זיינען פאַראַן בלויז לאַגערן און לאַגערן. אין די איינצעלנע כאַטקעס אַרום די לאַגערן וואוינען מיינסטנס נ.ק.וו.ד. קוים האָט זיך איינעם, אַ געניטן אַרעסטאַנט, פאַרגלוסט צו אַנטלויפן, זיינען אַלע לאַגערן אַרום געווען אויף דער וואַך און מען האָט כמעט אַלעמאָל געכאַפּט דעם אַנט־לאָפענעם.

איך האָב אַליין געזען דריי טויטע קערפּערס אויסגעלייגט פאַר׳ן לאַגער הויף. די דריי אַרעסטאַנטן האָבן פּרובירט אַנטלויפן. די נ.ק.וו.ד. האָט זיי נאָכגעשאָסן און אַוועקגעלייגט אַלע דריי. איצטערט באַווייזן זיי זיך מיט זייער גרויסן אויפטו, זאָל איטלעכער זען וואָס זיי קענען!... טאָמער פאַרגלוסט זיך אימעצן צו אַנטלויפן, זאָל ער וויסן, וואָס עס דערוואַרט אים!...

איז פאַרוואָס האָט זיך עס דעמאָלט פאַרגלוסט פישעל רובינ׳ען צו אַנטלויפן?

„דו ווערסט מיך פאַרשטיין", זאָגט ער מיר, מיט אַ טאָן ווי עס רעדט זיך איינער אַראָפּ פונ׳ם האַרץ פאַר אַ גוטן פריינט, „איך האָב בכלל נישט געוואָלט אַנטלויפן פונ׳ם לאַגער. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן פון זיך אַליין; איך האָב געוואָלט אַוועקלויפן פונ׳ם אייגענעם „איך"... כ׳בין געלאָפן, כדי דער זעלנער זאָל מיר נאָכשיסן און אַזוי אַרום וועל איך קענען פּטור ווערן פונ׳ם אומגליקליכן לאַגער־לעבן..."

יאָ, איך פאַרשטיי אים, פישעל׳ן! צי איך פאַרשטיי אים?... צי איז מיר אַליין נישט נאָר איינמאָל איינגעפאַלן אין געדאַנק אַזאַ אויסטערלישע מחשבה אָפּצוטאָן אַזאַ שריט? איך האָב שוין מערער מאָל געטראַכט דעריבער נאָר איך האָב בלויז נישט געהאַט פישעל׳ס מוט... און אפשר האָב איך יאָ געהאַט דעם מוט דערצו, נאָר עפּעס אַ באַהאַלטענער כוח האָט מיך אַלעמאָל צוריקגעהאַלטן פון אַזאַ טאַט...

פישעל׳ן האָט מען נישט דערשאָסן אויף טויט, אָבער ער פאַרבלייבט שוין אַ קאַליקע, אַ קריפּל, די רעשט פון זיין לעבן. רעדנדיק מיט אים נעם איך אַרויס פון זיינע רייד, אַז עס אַרט אים זייער ווייניק, וואָס ער איז

פאַרקריפּלט געוואָרן. עס אַרט אים אפילו נישט דאָס, וואָס ער וועט נאָך צוקריגן עטלעכע יאָר צו זיין טערמין פאַר זיין פּרוואוון אַנטלויפן. אַבי ער רוט זיך דערווייל אויס אין שפּיטאָל. ער האָט איצט פּרובירט און עס האָט אים נישט געלונגען, איז ער דערפאַר נישט זיכער ביי זיך צי ער וועט נישט נאָכאַמאָל פּרובירן...

= ◍ =

אין דער פּאַלאטקע זיינען פאַראַן צוויי דאָפּלטע רייעס מיט נאַרעס. אויף דער נאַרע לעבן מיר האָט איינער אויסגעהויכט די נשמה. ביז מען האָט אַוועקגענומען דעם קערפּער איז מיר אויסגעקומען צו ליגן לעבן טויטן. מען טיילט אויס דאָס ברויט און איך עס זיך מיין פּאָרציע ברויט ווי אַלעמאָל; מען טיילט אויס דאָס געקעכטס און אויך דאָס געקעכטס עס איך, ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט האַרט לעבן מיר. איך וואונדער זיך טאַקע אויף זיך אַליין: ווי אַזוי קאָן איך עס זיין אַזוי גלייכגילטיק צום טויט?... דעם קערפּער האָט מען ערשט אַוועקגענומען ווען דער דאָקטאָר איז געקומען און ער האָט אָנערקענט, אַז דער יעניקער איז טאַקע טויט. דער טויט אין אַלגעמיין שפּילט זייער אַ קליינע ראָלע אין לאַגער. היינט איינער און מאָרגן אַ צווייטער! דאָס איז טאַקע די סיבה פון דער גלייכגילטיקער באַציאונג צום טויט.

עליאַכין, דער געוועזענער סטאַכאַנאָוויעץ, האָט באַקומען דיזינטעריע. ער האַלט שטאַרק שמאל. מען זעט, אַז ער וועט אינקורצן שטאַרבן. איך וואָלט געהאַט גרויס חשק צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. אָבער וויאַזוי מאַך איך עס? איך האָב גענומען אַרומשפּאַצירן אַרום עליאַכינ'ס נאַרע, כדי ער זאָל מיך באַמערקן, אפשר וועט מיר געלונגען ער זאָל מיך צורופן. ער האָט מיך טאַקע באַמערקט און ער האָט מיך צוגערופן:

„ליאָווא", זאָגט ער צו מיר מיט אַ שוואַכער שטימע פון אַ שווער קראַנקן, וועמען עס קומט אָן שווער איטלעכעס וואָרט, „ליאָווא, נאַדיר מיין פּאַיאַק ברויט. איך קען סיי ווי סיי נישט עסן"...

אויב אַ געוועזענער סטאַכאַנאָוויעץ קען נישט עסן אַ שטיקל ברויט, האַלט ער טאַקע זייער שמאל!

איך האָב נישט געוואָלט פון אים צונעמען זיין ברויט, ווייל דעמאָלט וועט ער נאָך מיינען, אַז איך פריי זיך, וואָס ער איז אין אַזאַ צושטאַנד.

„נאַ, נעם, אַז נישט וועל איך עס אָוועקגעבן אַ צווייטן!"...

ער האָט מיך אַזוי לאַנג געבעטן, ביז איך האָב נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל אים דערפֿאַר געבן מיין חלק צוקער, אַנדערטהאַלבן דעקאַ, וואָס איך וועל באַקומען פֿאַר׳ן טאָג ווי אַ קראַנקער.

„ליאָווא", זאָגט ער מיר איינמאָל מיט זיין שוואַכער שטימע, „איך וויל דיך ראָטן איין זאַך, אַז דו זאָלסט קיינמאָל נישט זוכן צו זיין אַ סטאַכאַנאָוויעץ... אַביסל אַרבעטן מוז מען טאַקע אָבער, אין גאָט׳ס ווילן, אַרבעט זיך קיינמאָל נישט איבער! דו זאָלסט זיך קיינמאָל נישט יאָגן נאָך אַן איבעריקן ביסן ברויט, ווייל דו קאָנסט פֿאַר׳ן איבעריקן ברויט באַצאָלן מיט׳ן לעבן... קוק זיך אין מיר איין וויאַזוי איך האָב אויסגעזען און ווי אַזוי איך זע אַציִנד אויס... אַרבעטנדיק איבער מיינע כוחות, כדי אַריינצוכאַפּן אַן איבעריק שטיקל ברויט, האָב איך זיך איבערגעריסן; איך האָב אָוועקגעגעבן מיין לעצט ביסל כוח פֿאַר׳ן פּרעס, היינט פֿיל איך ווי די כוחות גייען מיר אויס...

„ביז איך בין געווען געזונט", באַדויערט זיך עליאַכין, אַראָפּרעדנדיק זיין האַרץ „האָט זיך איטלעכער געצאַצקעט מיט מיר; די נאַטשאַלניקעס און די בריגאַדירן האָבן אויף מיר געטייטלט מיט די פֿינגער, אַז אַזוי באַדאַרף מען אַרבעטן ווי איך; איך בין געווען דערביישפּיל פֿון די גוטע אַרבעטער. קוים בין איך אָבער פֿאַרשלאַפֿט געוואָרן האָט זיך מער קיינער נישט אומגעקוקט אויף מיר"...

= ◍ =

פֿישעל רובין האָט רעכט געהאַט. מען האָט מיך טאַקע נישט צוריקגעשיקט פֿון שפּיטאָל אין פֿריערדיקן לאַגער אַריין, נאָר אין לאַגער נומער דריי, וואו די מערהייט אַרעסטאַנטן זיינען פֿערעביעזטשיקעס און זשוליקעס. עס זיינען פֿאַראַן אויך אַנדערע סאָרטן פֿאַרברעכער, אָבער די דערמאָנטע צוויי זיינען די מערהייט. פֿון די זשוליקעס האָבן מיר אויסערגעוויינלעכע גרויסע צרות. די זשוליקעס האָבן אַזויווי דערפֿילט, אַז מיר זיינען צווייטראַנגיקע אַרעסטאַנטן, וועמען מען מעג באַאַרבעטן, ווייל מיר קענען זיך נישט אַזוי גוט פֿאַרטיידיקן און וועמען די נאַטשאַלסטווע אַליין פֿאַרזעט אויך... חוץ דעם וואָס די זשוליקעס באַ׳גנב׳ענען אונז אויף שריט און טריט, נעמען

זיי פּשוט מיט געוואַלד אַוועק פון אונז אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן און מיר קענען זיך נישט פאַרטיידיקן פון זיי. זיי זיינען גוט אָרגאַניזירט און כיטרע, וואו אַ „גאַש־ברויט״ זאָל נישט שטיין אָדער גיין, דאָרטן וואַקסן זיי אויס...

פאַר איין זאַך האָבן זיי אַ שטיקל דרך־ארץ, פאַר דעם טעגלעכן פּאַיאָק ברויט. דאָס ברויט נעמען זיי נישט אַוועק פון אונז מיט געוואַלד, נאָר קוים לאָזן מיר אַרויס דאָס ברויט פון די הענט אויף איין סעקונדע, ווערט עס פאַרשוואונדן.

די זשוליקעס שפּילן אין קאָרטן צווישן זיך. טאָמער האָט איינער פאַרשפּילט אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט ווי, געלט, מאַכאָרקע, אַ בעסערע מאַרינאַרקע, אָדער אַ פּאָר גוטע הויזן, דעמאָלט שפּילט ער אויף אַ צווייטנס זאַכן... וויאַזוי? עס איז גאַנץ פּשוט! אויב יענער פאַרשפּילט איז ער מחויב אַוועקצו׳גנב׳ענען פון אַ צווייטן און צאָלן: טאָמער פאַרשפּילט דער צווייטער איז ער דעמאָלט מחויב אָפּצוטאָן די גנבה. עס איז פאַראַן איין כלל ביי די זשוליקעס, אויב איינער פאַרלירט:

„נעם פון וואַנעט דו ווילסט און פון וועמען דו ווילסט נאָר באַצאָל!״...

מען האָט געטיילט צוקער אין לאַגער. יעדערער גייט אין דער קאָפּ־טיאָרקע (מאַגאַזין) נאָך זיין פאַרציע צוקער, וואָס עס קומט אים פאַר אַ יאָר, צי פאַר אַ האַלב יאָר. פאַר אַ האַלב יאָר איז פאַר מיר געווען אויסגעשריבן פינף הונדערט גראַם צוקער. איז דאַרף איך גיין אין מאַגאַזין נאָך מיין צוקער און זיך אונטערשרייבן, אַז איך האָב באַקומען מיין חלק.

קוים האָב איך נאָך אַרויסגעשטעלט מיינע פיס פונ׳ם מאַגאַזין, אַזוי שטייט שוין אַ זשוליק לעבן מיר און ער קאָמאַנדעוועט מיר:

„גיב מיר אַהער דעם צוקער!״...

איך פּרוביר זיך צו פאַרטיידיקן און איך שטעל זיך אַקעגן. די אויגן קריכן שיער נישט אַרויס ביי אַן אַרעסטאַנט צו באַקומען אויף איינמאָל אַ פונט צוקער, אַזוינס געשעט זייער זעלטן. נאָר איינמאָל אין אַ יאָר און צוטיילמאָל נאָך מער. דער צוקער איז ביי מיר געווען די טייערסטע זאַך וואָס איך האָב פאַרמאָגט און אַצינד, מיר נישט דיר נישט, בין איך מחויב צו פאַרלירן דאָס אויך. נאָר עס העלפט מיר גאָרנישט מיין אַקעגנשטעלן זיך, דער זשוליק איז שטאַרקער פון מיר און ער האָט לעבן זיך אַ צווייטן, וואָס איז גרייט אַרויסצוהעלפן דעם ערשטן, אויב עס וועט נויטיק זיין. דער זשוליק האָט צוגענומען מיין צוקער און ער האָט מיך נאָך גוט אָנגע־שלאָגן, ווייל איך האָב זיך אַקעגנגעשטעלט.

איך זע ווי דער ערשטער זשוליק גיט מיין צוקער דעם צווייטן. זיי האָבן געשפּילט אין קאָרטן מיט מיין חלק צוקער, וועלכן איך וועל ערשט דאַרפן באַקומען, און דער וועלכער האָט אָוועקגענומען דעם צוקער פון מיר האָט פאַרשפּילט...

דעם צווייטן זשוליק, דער וועלכער האָט געווינען, האָט מסתמא געמוזט פּלאַגן זיין זשוליקעוואַטער געוויסן, ווייל ער האָט מיך צוגערופן צו זיך. אין אָנהייב האָב איך נישט געוואָלט גיין, ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז ער וויל מיך אויך שלאָגן, ווי דער ערשטער האָט געטאָן, ווייל איך האָב זיך פּרובירט צו פאַרטיידיקן.

„נבלה, קום אַהער!", קאָמאַנדעוועט ער מיר. איך דערקען אָבער אין זיין שטימע, אַז ער וויל מיך נישט שלאָגן, נישט געקוקט אויף דער שטרענגס-קייט אין זיין טאָן און נישט געאַכט אויף זיין וואולגאַרן אויסדרוק. נאָר אַלץ איינס האָב איך זיך נישט געאײַלט צו גיין צו אים.

„קום אַהער זאָג איך דיר!" זיין טאָן איז באַפעלעריש אָבער אַביסל מילדער.

ער האָט מיך באַגעגנט האַלב וועגס און האָט צו מיר גערעדט מיט אַ גרויסמוטיקן האַלב פריינטלעכן טאָן, נישט געקוקט דערויף וואָס ביי איטלעכן זאַץ האָט ער זיך באַנוצט מיט'ן וואָרט „פּא מאטערי":

„הער מיך אויס, דו גולם, וואָס איך וויל דיך פרעגן! איז עס אמת אַז איך האָב ביי דיר גאָרנישט צוגענומען?!... איז עס אמת אַז איך בין דיר גאָרנישט שולדיק?! זאָג, אמת, צי נישט אמת?!"

איך האָב, בעל-כרחך, געמוזט מסכים זיין, ווייל אין אמת'ן האָט דאָך דער צווייטער אָפּגעטאָן דאָס שמוציקע שטיקל אַרבעט.

„נאָ דיר, דו צויג, הונדערט גראַם צוקער, איך מוז דיר גאָרנישט געבן, נאָר דערפאַר גיב איך דיר עס, ווייל איך וויל, אַז דו זאָלסט אויך פאַרזוכן, וואָס פאַר אַ טעם צוקער האָט...

32

אין לאַגער נומער דריי האָב איך זיך געטראָפן מיט היימישע אידען ווי אויך מיט באַקאַנטע. עס איז דאָרטן אויך געווען אַ אידישער בריגאַדיר און די מערסטע אַרבעטער אין זיין בריגאַדע זיינען געווען אידן. אויך מיינעם אַ בן-עיר, אַ סיגעטער, האָב איך דאָרטן געטראָפן. דאָדי גאָלדשטיין,

וואָס איז צוזאַמען מיט ב׳ן און אָסקאַר׳ן אַריבער די גרענעץ פון אונגאַרן קיין רוסלאַנד.

דער בריגאַדיר איז געווען אַ בעסאַראַביער, פון קאַלאַראַש, ער האָט געהייסן צעפּלעשטער. די בריגאַדע האָט זיך טאַקע גערופן אויף זיין נאָמען: „בריגאַדאַ צעפּלעשטעראַווא״.

אין דאָזיקן לאַגער איז טאַקע געווען אַ סך היימישער. עס איז כאָטש פאַראַן מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן. איבער אַ יאָר צייט איז מיר אויסגעקומען צו זיין צווישן לויטער פּרעמדע, מיינסטנס רוסן און פּאָליאַקן, און אויב איך האָב זיך שוין אַמאָל באַגעגנט מיט אַ רוסישן איד, זיינען מיר אויך געווען ווי פּרעמדע. דער רוסישער לאַגער־איד איז מיינסטנס אַזוי אַסימילירט, אַז עס טויג אים נישט, אַז ער זאָל זיך חבר׳ן מיט אַ איד.

איך האָב זיך דאָרט באַגעגנט מיט אַ בעסאַראַביער ציוניסטישן עסקן, מיט איינעם חיים שיכמאַן. חיים שיכמאַנ׳ען האָבן די רוסן טאַקע אַרעסטירט ווייל ער איז געווען אַ ציוניסט. ווי נאָר די רוסן האָבן אַריינמאַרשירט קיין בעסאַראַביע און בוקאָווינע, אין 1940, האָבן זיי צום ערשטן אַרעסטירט אַלע, פּאַר זיי, שעדלעכע עלעמענטן ווי: זשאַנדאַרן, אָפּיצירן, מוסרים און, להבדיל, ציוניסטישע כלל־טוערס. אויך חיים שיכמאַן איז געווען צווישן די ערשטע קרבנות אַרעסטירט צו ווערן.

חיים האָט נישט געהאַט קיין איינפאַכע פּאָסטן ביי די רומענער. ער איז געווען אַ פּראָפעסאָר אין דער רומענישער גימנאַזיע. ער איז געווען אַ יונגערמאַן אין די דרייסיקער. נישט געקוקט דערויף וואָס חיים איז שוין גאַנצע צוויי יאָר אַרעסטירט האָט ער נאָך אַלץ זיין בכבוד׳יקייט נישט פאַרלאָרן. אַפילו זיינע אויגנגלעזער האָט אים געלונגען מציל צו זיין, וואָס דאָס איז אונטער די לאַגערשע באַדינגונגען איינס פון די שווערסטע זאַכן. עס איז טאַקע אַ וואונדער, וויאַזוי ער האָט ביידע, זיין רעספּעקט און זיינע אויגנגלעזער, געקענט מציל זיין. חיים זעט טאַקע אויס ווי אַ פּראָפעסאָר, כאָטש ער אַרבעט ביי שוואַרצער אַרבעט... ער איז געווען אַ לעקטאָר איבער פיזיק און פרעמדע שפּראַכן אין דער רומענישער גימנאַזיע. צווישן די פילע שפּראַכן וואָס ער האָט פּליסיק גערעדט איז אויך געווען אידיש און העברעאיש. אַזאַ טיפּ ווי חיים שיכמאַן האָב איך זעלטן באַגעגנט אין לאַגער.

די אַלגעמיינע לאַגער־באַדינגונגען זיינען אין לאַגער נומער דריי די זעלבע ווי אין אַלע אַנדערע „אויסבעסערונגס־אַנשטאַלטן״. די נאָרמע

איז אויך די זעלבע און דאָס עסן איז נישט נאָר נישט בעסער, נאָר נאָך ערגער ווי אין די אַנדערע לאַגערן. די גנבה איז דאָ אַ סך גרעסער. עס זיינען פאַראַן זייער אַ סך זשוליקעס און כאָטש זיי זיינען די איינציקע, וואָס קענען זיך פאַרגינען דעם לוקסוס : נישט צו אַרבעטן און קריגן אַ פּאַיאַק, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען סטאַכאַנאָווצעס, לאָזן זיי זיך דערמיט נישט באַגנו־גענען, נאָר זיי גנב׳ענען חוץ דעם פּראָדוקטן פונ׳ם מאַגאַזין און פון דער קיך. עס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז זייערע גנבות פילט צום מערסטנס דער איינפאַכער אַרעסטאַנט.

צעפּלעשטער, דער בריגאַדיר, איז צווישן אונז אַ גאַנצער אויפטוער. ער באַרימט זיך פאַר אונז, וואָס פאַר אַ קנאַקער ער איז געווען אין דער היים, און אויך דאָ, אין לאַגער, איז ער, אונטער די אומשטענדן, אַ גענוג גרויסער קנאַקער. זיין בריגאַדע איז אַלעמאָל אויף דער ליסטע צווישן די רעקאָרדיסטן. ער ווייסט שוין וויאַזוי מען דאַרף אין דער בוכהאַלטעריע באַאַרבעטן די נערמיראָווטשיקעס און די „פּראָראַבעס" אַז זיי זאָלן צושרייבן מער פּראָצענטער פאַר זיין בריגאַדע וויפיל זי האָט אין אמת׳ן פּראָדוצירט. צעפּלעשטער באַרימט זיך, אַז זינט ער איז אין לאַגער האָט ער נאָך קיין איין טאָג נישט געהונגערט. ווי נאָר ער איז אָנגעקומען אין לאַגער אַריין איז ער גלייך געוואָרן בריגאַדיר, און אַלס אַזאַ האָט ער אַלעמאָל אַן איבעריקן ביסן אַן דעם ער זאָל אַרבעטן שווער.

אַז איך האָב זיך באַגעגנט מיט דאָדי גאָלדשטיין האָבן מיר זיך זייער שטאַרק דערפרייט איינער מיט׳ן צווייטן, מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און זיך צעקושט פאַר שמחה. איין קלייניקייט, „אַ זעמליאַק !" (אַ לאַנדסמאַן) דאָ, אַז עס באַגעגענען זיך צוויי רוסן וועלכע זיינען פון איין שטאָט וואָס האָבן זיך אפילו נישט געקאָנט פריער, כאַפּט מען זיך אַרום ווי פריינט. זשער שמועסט, אַז מען באַגעגנט זיך מיט אַן אייגענעם וועמען מען האָט טאַקע געקענט אין דער היים, איז עס ווי גלייך מען זאָל זיך האָבן באַגעגנט מיט אַ לאַנג געגאַרטן קרוב. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז מיינע און דאָדי׳ס פרייד האָט געהאַט פאַר אונז אַ פיל גרעסערע באַדייטונג. דאָדי ווייסט אַליין נישט וואָס ער זאָל טאָן פאַר פרייד. כאָטש ער איז אין דעם זעלבן עלטער ווי איך, רעספּעקטירט ער מיך ווי אַן עלטערן חבר. ער גייט פאַר מיר אין קיך אַריין און ער ברענגט מיר דאָס עסן כדי מיר איינצו־שפּאָרן אַ וועג. ער וויל מיר אפילו אָוועקגעבן אַ חלק פון זיין פּאַיאַק, אַזוי געטריי איז ער מיר. נאָר איך וויל נישט אויסנוצן דאָדי׳ס געטרייעשאַפט

צו מיר. דאָ זיינען מיר גלייכע מיוחסים, כאָטש אין דער היים איז ער געווען בלויז אַ מיטגליד אין דער ציוניסטישער פּאַרטיי ווי איך האָב געשפּילט אַ מער באַדייטנדע ראָלע ווי ער...

דאַדי איז אויך אַ „דאכאַדיאַגע" פּונקט ווי איך. ער איז אַ נידעריקער, אַן איידעלער און אַ דאַרער. איך האָב אים תיכף דערקענט כאָטש ער איז געווען שטאַרק משונה־צורה. ער איז אינגאַנצן געענדערט זייט איך האָב אים צום לעצטן מאָל געזען. די איינציקע זאַך וואָס האָט זיך ביי אים נישט געענדערט איז די שפּרינקעלעך אויף זיין פּנים און די לעבעדי־קייט פון זיינע אויגן. מיר זיינען ביידע ביי צעפּלעשטער'ן אין דער בריגאַדע, און כאָטש מיר טויגן נישט אויסאַרבעטן די נאָרמע אויף אַלע הונדערט פּראָצענט, דאָך שרייבט אונז צעפּלעשטער אויס אַ געהעריקן פּאַיאָק, ווי פאַר אַלע איבעריקע אַרבעטער אין דער בריגאַדע. צעפּלעשטער זעט, אַז מיר ווילן אַרבעטן און מיר ווענדן אָן אַלע אונזערע כוחות צו דערפילן די נאָרמע, נאָר מיר זיינען פּשוט נישט אימשטאַנד. נו, קיין כוח קאָן ער, צעפּלעשטער, אונז נישט געבן, אָבער אַ פּאָר איבעריקע פּראָצענט קאָן ער אונז יאָ געבן. איז זשאַלעוועט ער טאַקע נישט קיין פּראָצענטן פאַר אונז...

דאַדי'ן חלומ'ען זיך איטלעכע נאַכט פאַרשידענע חלומות. ער וויל אַלעמאָל, אַז איך זאָל אים פּותר חלום זיין. בכלל גלויבט דאָ איטלעכער זייער שטאַרק אין חלומות. טאָמער איינער קאָן זיך אויס אַ ביסל אין „חכמת־היד" דעמאָלט גיט מען אים אַוועק צוטיילמאָל דעם לעצטן ביסן נאָר ער זאָל עפּעס געוואָר ווערן וועגן זיין צוקונפט. ווער שמועסט, אַז איינער קאָן אַ שטיקל „האָקוס־פּאָקוס", אַזאַ איינער איז ממש אַ גליקלעכער מענטש. אפילו דער נאַטשאַלניק אַליין, וועט זיך לאָזן פון אַזאַ איינעם פאַרפירן... אַזוי ווי איך גלויב נישט אין די אַלע זאַבאַבאָנעס, לאַך איך זיך אויס פון דאַדי'ן און איך זאָג אים, אַז איך בין נישט אין דער „בחינה" פון יוסף־הצדיק און איך בין נישט קיין פּותר־חלום. ווענדעט ער זיך צו איינעם אַ רומענער, וואָס אַרבעט מיט אונז צוזאַמען, אין צעפּלעשטער'ס בריגאַדע. דער רומענער זאָגט, אַז ער פאַרשטייט צו באַשיידן אַ חלום. דער רומענער איז איטלעכן פּותר חלום.

„עס האָט זיך מיר גע'חלומ'ט", זאָגט דאַדי צום רומענער, „אַז איך

האָב חתונה געהאַט. עס איז געווען שטאַרק־פינסטער און דעריבער האָב איך נישט געקאָנט זען ווער מיין כלה איז״...

„עס באַדייט״, זאָגט אים דער רומענער מיט אַ נאָסטאַלגישער מינע, „אַז דו וועסט קריגן געשלאָגן״...

דער רומענער האָט טאַקע רעכט געהאַט... טאַקע ער אַליין האָט דעם אַנדערן טאָג דאָדי׳ן מקיים פסק געווען. ער האָט דאָדי׳ן אַריינגעצימבלט ווי אין פסוק שטייט און אַזוי אַרום ריכטיק אויסגעטייטשט זיין חלום !...

= ◍ =

איך האָב דערהאַלטן טרויעריקע נאַכריכטן. הערשעל פּאָלאַק און בערנאַט בערקאָוויטש, מיינע באַקאַנטע מיט וועלכע איך בין געווען צוזאַמען אין די ערשטע צייטן פון אונזער אַרעסט און וועלכע זיינען געווען זייער אָפּטימיסטיש געשטימט מיט זייער צוקונפט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבן זיך ביידע גאַר שנעל צוזאַמענגעבראָכן און זיינען געשטאָרבן. בערנאַט בער־קאָוויטש, וועלכער איז געקומען קיין רוסלאַנד מיט זיין פרוי און קינד, איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער, און ער פלעג שטענדיק אָוועק־געבן זיין פּאַיאַק ברויט פאַר מאַכאָרקע, ביז ער איז געוואָרן אַ דאַכאָדיאַגע, און זיין גרויסער גוף איז געוואָרן אַ זאַק מיט ביינער... ער האָט מסתמא געוואוסט, אַז ער דערנאָענטערט בלויז זיין סוף דערמיט וואָס ער עסט נישט זיין אָרעמע פּאַרציע ברויט, נאָר ער האָט עס מער ווי וואַרשיינלעך בכיוון געטאָן, כדי טאַקע ווי שנעלער פּטור צו ווערן פון זיינע צרות. מען האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט כסדר געהאַלטן אין איין פאַנטאַזירן וועגן זיין פרוי און קינד, איז זייענדיק שטאַרק פּעסימיסטיש האָט ער אָנגע־וואוירן זיין גאַנצן אינטערעס אין לעבן. מער האָט ער עס נישט געקאָנט אויסהאַלטן... ער איז שטאַרק פאַרשלאַפט געוואָרן, נאָר אַזויווי ער האָט נישט געהאַט קיין טעמפּעראַטור האָט מען אים געטריבן צו דער אַרבעט, ווען ער איז איינמאָל געפאַלן חלשות האָט מען אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל אַריין. עס איז שוין געווען שפּעט און אין משך פון אייניקע טעג האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. זיין ווייב, פּעני, איז געוואָרן אַן אלמנה און נישט געוואוסט דערפון אַ לאַנגע צייט. נאָר וועגן איר, וועגן פּעני׳ן, ביי אַ צווייטער געלעגנהייט.

הערשעל פּאָלאַק וועלכער האָט אַהערגעבראַכט זיין געליבטע, לאה׳קען,

און וועלכער האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט מוחל זיין פאַר'ן לייכטזיניקן שריט וואָס ער איז באַגאַנגען, האָט געקראָגן אַ נערוון צוזאַמענברוך. מיין לאַנדסמאַן, דאָדי גאָלדשטיין, האָט מיר דערציילט, אַז הערשעל פלעג אַרומלויפן איבער'ן לאַגער אינמיטן דער נאַכט ווי גלייך ער וואָלט געווען אין אַ טראַנס אין אַן אַנדערער וועלט און שרייען סתם אין דער וועלט אַריין... ווען ער פלעג זיך באַרואיקן האָט ער צוטיילמאָל געגוי געדענקט וואָס ער האָט געטאָן און ער האָט זיך פּרובירט צו פאַרענטפערן:

„איך האָב טאַקע געוואוסט, אַז דאָס וואָס איך טו איז נישט ריכטיק, עס איז איינפאַכע משוגעת... אָבער איך האָב עס געמוזט טאָן, איך האָב זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן"...

אויך הערשעל'ן האָט מען אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל אַריין און ער איז דאָרטן געשטאָרבן.

דערוויסנדיק זיך די דאָזיקע טרויעריקע בשורות האָב איך עס זייער טראַגיש איבערגעלעבט.

= ◍ =

זייענדיק אין צעפּלעשטער'ס בריגאַדע צווישן אַ גרויסער פּראָצענט אידן, האָט זיך אין אונז דערוועקט דער באַגער אויסצורעכנען געגוי, ווען עס וועט אויספאַלן ראש־השנה. איטלעכער אין לאַגער האָט פאַרלוירן דעם חשבון ווי אַזוי אויסצורעכנען ווען עס וועט אויספאַלן ראש־השנה. מיט חיים שיכמאַנ'ס הילף איז מיר געלונגען צו באַנוצן זיך מיט דער מעטאָדע, וועלכע עס האָט מיך געהאַט געלערנט דער פּוילישער איד מאַרגאָלעס אין דער סטאַרע־בעלסקער טורמע. מיר האָבן זיך טאַקע דערגרונטעוועט פּינקטלעך ווען עס וועט אויספאַלן ראש־השנה.

קוים איז דער אידישער עולם געוואויר געוואָרן ווען עס וועט זיין ראש־השנה, האָט זיך טאַקע איטלעכער געפילט ווי פאַר אַ יום־הדין. איטלעכער דערמאָנט זיך פון דער היים; יעדער איינער דערמאָנט זיך וואָס פאַר אַ קדושה עס האָט זיך אומעטום געפילט ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער יום־הדין, איז צי מען איז יאָ געשטימט רעליגיעז צי נישט, די סענטימענטן צעשפּילן זיך ביי איטלעכן... אין טאָג פון ראש השנה, כאָטש מיר האָבן געמוזט גיין צו דער אַרבעט ווי אַלע אַנדערע טעג, האָט זיך אָבער נישט געאַרבעט. נישט עס אַרבעט זיך און נישט מען

האָט חשק!... קיינער האָט די נאָרמע נישט דערפילט. צעפּלעשטער, דער בריגאַדיר, האָט דעם עולם נישט אונטערגעטריבן ביי דער אַרבעט ווי אַן אַנדערש מאָל. אויך ער אַליין פילט נישט מיט אַלעם; דער רעקאָרד פון זיין בריגאַדע, האָט זיך טאַקע אַרונטערגעקייקלט, צוליבביידע טעג פון ראש־השנה, צו דער נידעריקסטער מדרגה.

נאָר נאָך ערגער איז געווען אין טאָג פון יום־כיפור. נאָך אייניקע טעג פאַר יום־כיפור האָט מיר דאָדי גאָלדשטיין געזאָגט, אַז ער וועט נישט גיין צו דער אַרבעט:

„איך וועל נישט גיין צו דער אַרבעט אין יום־כיפור", זאָגט מיר דאָדי מיט אַ טראַציקן טאָן. „אפילו ווען איך זאָל וויסן, אַז די גאַנצע וועלט וועט זיך צוליב דעם איבערקערן!"...

דאָדי זאָגט מיר, אַז ער וועט בעסער גיין אין איזאָלאַטאָר אַריין און ער וועט דאָרטן דאַווענען אויסנווייניק וויפיל ער געדענקט. ער וויל מיט זיך אַליין, ביחידות, מאַכן אַ חשבון־הנפש... ווען ער וואָלט נישט געווען געוואוסט, אַז עס איז יום־כיפור, וואָלט געווען פאַרפאַלן, אָבער אַז ער ווייסט, מוז ער זיך דעמאָלט סאָלידאַריזירן מיט זיינע אייגענע, וואָס זיינען אין דער היים.

דאָדי האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען כדי ער זאָל קענען פאַרבלייבן אין דער זאָנע יום־כיפור און ער זאָל נישט דאַרפן גיין צו דער אַרבעט. ער איז געלאָפן צום פעלדשער און ער האָט זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל אים באַפרייען דעם דאָזיקן טאָג, נאָר אַז ער האָט נישט געהאַט קיין טעמפּעראַטור האָט אים דער פעלדשער נישט געוואָלט באַפרייען. ווען די בריגאַדע איז געגאַנגען צו דער אַרבעט האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן ערגעצוואו אונטער די נאַרעס. נאָכדעם, אַז די בריגאַדעס זיינען שוין געווען אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט און מען האָט איבערגעציילט, צי עס שטימט דער חשבון פון די אַרעסטאַנטן און אַז דער דיזשורנע האָט אויסגעפינען, דאָס דאָדי איז פאַרבליבן אין לאַגער, האָט מען אים איינגעזעצט אין איזאָלאַטאָר אַריין אויף אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצער נאַכט. ער איז דאָרטן שיער נישט פאַרפרוירן געוואָרן. דער שניי איז שוין געווען איבער אַ מעטער די הויך. עס האָט גיכער אויסגעזען אינדרויסן ווי חנוכה און נישט ווי אין די ימים־נוראים.

צעפּלעשטער האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל מיט אים זאָגן „יזכור". כאָטש איך האָב נאָך ביז דעמאָלט קיינמאָל נישט מזכיר־נשמות געווען,

האָב איך אָבער צופעליק געדענקט „יזכור״ אויף אויסנווייניק. אַזויווי אייניקע אידן האָבן דערהערט, אַז איך גיי זאָגן „יזכור״ מיט צעפּלעשטער׳ן האָבן זיי זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דער חברותא. אויפ׳ן פרייען פעלד, וועלכעס עס איז באַדעקט מיט שניי, האָבן מיר אַ קעגן אַ מנין אידן נאָכגעזאָגט די ווערטער: „יזכור אלהים את נשמת...״

די שטימען האָבן געקלינגען שטאַרק מעלאַנכאָליש און דער ווינט האָט נאָך צוגעבלאָזן און צוגעפייפט, אַזוי אַז עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אויך דער ווינט איז מיט די פּאַראָמערטע אידן צוזאַמען מזכיר־נשמות נאָך די טויטע. צעפּלעשטער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך צעוויינט הויך אויפ׳ן קול אינמיטן מזכיר־נשמות זיין. אַז די אידן אין דער בריגאַדע האָבן געזען, אַז דער בריגאַדיר אַליין, צעפּלעשטער, וויינט, האָבן אַלע מיטגעוויינט וגם אני בתוכם...

דעם דאָזיקן טאָג האָבן די אידן אין דער בריגאַדע נישט געאַרבעט. די פּאָר רומענער, וואָס זיינען געווען מיט אונז צוזאַמען אין דער בריגאַדע, האָבן מסתם אויך פאַרשטאַנען וואָס עס הייסט פאַר די אידן אַ יום־כּיפּור־דיקער טאָג... זיי האָבן אונז צורו געלאָזט און זיי האָבן זיך געטאָן זייער אַרבעט אָן אונז...

אָט אַזוי איז שיער נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אונזער אַרבעטס־פּלאַץ, אין דער ווילדער פעטשאַרער טייגע, אין אַ „מקום־קדוש״... אין אַן אָרט ווי אידן גיסן אויס זייער האַרץ אַפּריכטענדיק תפילות פאַר׳ן רבונו של עולם; אין אַן אָרט ווי אידן האָבן חרטה אויף זייערע באַגאַנגענע זינד „וויסנדיקע און נישט וויסנדיקע״...

צעפּלעשטער׳ס בריגאַדע האָט נישט אָנגעהאַלטן צו לאַנג. מעגלעך דערפאַר האָט זיך די בריגאַדע אויפגעלייזט, ווייל צעפּהעשטער זאָל האָבן נאָכגעלאָזט די לייצעס און נישט אונטערגעטריבן געגנוג דעם עולם, דאָס מען זאָל אַרבעטן ביז איבער די כּוחות. דעריבער זאָל זיך האָבן די בריגאַדע געקייקלט אַלץ אויף אַ נידעריקער און נידעריקערער שטופע, די בריגאַדע האָט אויפגעהערט צו זיין אַ רעקאָרדנע. צעפּלעשטער האָט געמוזט אַליין גיין אַרבעטן אין אַ צווייטער בריגאַדע. ער איז שוין נישט קיין יונגערמאַן. ער, צפּלעשטער, איז שוין אַריבער די פערציק (דאָ הייסט ער שוין אַן אַלטער ווייל עס זיינען בכלל פאַראַן זעהר ווייניק עלטערע פון אים. די עלטערע שטאַרבן צוביסלעך). אַזוי ווי ער איז נישט געוואוינט געווען צו שווערער אַרבעט, איז, האָבנדיק די ערשטע קאַטעגאָריע. האָט מען פאַר־

לאַנגט פון אים אַ הונדערט פּראָצענטיקע נאָרמע, ער איז עס נישט געווען בכוח צו מאַכן, איז ער אויך שנעל געוואָרן פונקט אַזאַ דאָכאַדיאַגע ווי איך און דאָדי גאָלדשטיין. נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס איך און דאָדי האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו די צרות און פאַר צעפּלעשטער׳ן האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די ריכטיקע צרות, און אין איין טאָג האָט ער צוזאַמענגעבראָכן און איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל אין אויגוסט פון 1943.

ווען איך בין צופעליק געווען אין קאַלאַראַש אין 1947, איידער איך בין צום צווייטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן, האָב איך זיך דערמאָנט אין צעפּלעשטער׳ן און איך האָב אויפגעזוכט דעם סעקרעטאַר פון דער קליינער קאַלאַראַשער קהילה, כדי עס זאָל פאַרשריבן "לזכר־עולם" אינ׳ם פּנקס פון די נפטרים דער דאַטום פון צעפּלעשטער׳ס יאָרצייט. אַזוי אַרום האָב איך אָפּגעצאָלט פאַר צעפּלעשטער׳ן אַ חוב ווייל ער האָט אַרויסגעהאָלפן פאַר איניקע אידישע לייט אינ׳ם לאַגער...

35

אָט אַזוי רוקן זיך די חדשים און די יאָרן נישט ווייסנדיק ווען עס וועט סוף־כל־סוף נעמען אַ סוף צו אונזערע ליידן און פּיין. מיר ווייסן זייער ווייניק וואָס עס טוט זיך אָפּ אין דער וועלט בכלל. אפילו וואָס עס טוט זיך אָפּ אויפ׳ן פראָנט ווייסן מיר אויך זייער ווייניק. פון צייט צו צייט לייענט אונז דער וועספּיטאַטיל פאַר "סוואָדקעס", ער דערציילט אונז וועגן די גרויסע העלדנטאַטן פון דער רויטער אַרמיי, וויאַזוי זיי קעמפן אין סטאַלינגראַד און וויאַזוי די רויט־אַרמייער באַזיגן אויף שריט און טריט די היטלעראָווצעס, אָבער דער פאַקט אַליין, אַז מיר ווייסן, דאָס עס איז געלונגען די דייטשע חיילות אַריינצודרינגען אַזוי טיף אין רוסלאַנד, דאָס אַליין איז שוין אַ גענוגנדער באַווייז, אַז עס מוז אָנגיין אַ פאַרביטערטער קאַמף.

ווי שטאַרק מיר זאָלן נישט זיין קעגן דעם סאָוועטישן רעזשים און דעם קאָמוניסטישן סיסטעם, וואָס איז באַזירט אויף גנבה, גזלה, רציחה און אכזריות, דאָך וואָלט די מערהייט צווישן אונז זייער נישט געוואָלט, אַז דער דייטש זאָל זיגן. איניקע, כאָטש אַ מינדערהייט, באַציען זיך אָבער גאַנץ גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין. די דאָזיקע מינדערהייט איז אַזוי פאַרביטערט אַקעגן די סאָוועטן, אַז עס אַרט זיי גאָרנישט, זאָגן זיי, דאָס

די סאָוועטן זאָלן פאַרשפּילן די מלחמה... איך האָב זייער פיל מאָל זיך אָנגעהערט ווי אייניקע האָבן זיך געאייסערט:

„קיין פרייד אין אונזער לעבן וועלן מיר שוין סיי ווי נישט דערלעבן, איז זאָלן זיי כאָטשבי אויך פאַרניכטעט ווערן מיט אונז צוזאַמען!...״

עס דערנענטערט זיך צוביסלעך דער סוף פון אונזער טערמין. מען האָט אונז פערעבישטשיקעס, פאַראורטיילט צו דריי יאָר און אין קורצן ענדיקן זיך אונזערע דריי יאָר. מיר וואָלטן זייער געוואָלט, אַז די סאָוועטן זאָלן אונז באַפרייען. עס וואָלט אונז ממש מציל געווען אונזער כבוד און זעלבסטווירדע, ווען מען זאָל אונז שיקן אויפ׳ן פראָנט. מיר וואָלטן פאַרגעסן אַלע אונזערע דיפערענצן מיט די סאָוועטן, נאָר זיי זאָלן אונז געבן די מעגלעכקייט צו קעמפן אַקעגן די פאַשיסטישע בעסטיעס. אויב די סאָוועטן זיינען בעסטיעס, האָבן מיר ביי זיך געטראַכט, דעמאָלט מוזן די פאַשיסטן זיין הויך־קוואַליפיצירטע בעסטיעס... דעריבער וואָלטן מיר ענדער געשטיצט די סאָוועטן ווי די פאַשיסטן... ווי די לייבן וואָלטן מיר געקעמפט ווייסנדיק, אַז מיר קענען זיך סאָלידאַריזירן מיט אַלע קעמפּערס וואָס זיינען גרייט זיך מקריב צו זיין אויפ׳ן מזבח פון דער פרייהייט...

חיים שיכמאַן האָט אונז פאַראויס געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך נישט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזים אַריין, ער איז זיכער, אַז מען וועט אונז, אַלע פּאָליטישע פאַרברעכער, מיט אַן אויסלענדישן סטאַטוס, נישט באַפרייען ביז נאָך דער מלחמה, נישט געקוקט דערויף וואָס אייניקע זיינען בלויז פאַראורטיילט אויף דריי יאָר צי אויף פינף יאָר. עס איז אַלץ איינס, די סאָוועטן וועלן אונז אַזוי שנעל נישט אָפּלאָזן.

„הלוואי״, זאָגט אונז חיים מיט אַ וויטיקלעך קול׳ „הלוואי, וואָלט מען אונז כאָטש באַפרייט באַלד נאָך דער מלחמה!״...

חיים האָט טאַקע רעכט געהאַט. עס איז נישט פאַריבער קיין לאַנגע צייט, ווי אונזער טערמין האָט זיך געענדיקט, מען האָט אונז געגעבן אונ־טערצושרייבן אַ דאָקומענט, אַז מען האָט אונז אינפאָרמירט, אַז מיר וועלן נישט באַפרייט ווערן ביז נאָך דער מלחמה, „דאָ־קאָנטשעניע וואָינא״, האָט עס געהייסען לויט זייער לשון.

חיים שיכמאַנ׳ס אינטעליגענץ איז אים דאָך צונוץ געקומען. ער איז

געוואָרען אַ פעלדשער. דאָס האָט פאַר אַלע אידן אינ׳ם לאַגער פיל פרייד פאַרשאַפט. אויך מיר, אידן, וועלן כאָטש אַמווייניקסטנס וויסן וואָס עס הייסט אַזוינס זיך אָפּרוען אַן עקסטראַ טאָג פון דער אַרבעט...

חיים האָט טאַקע נישט ווייניק צרות אויסצושטיין פון אונז. אויך איך בין נישט קיין יוצא מן הכלל, פון מיר האָט ער אויך נישט ווייניק אויסצושטיין, איך ווער צו אָפט קראַנק... ער בעט זיך טאַקע ביי מיר, דאָס איך זאָל אים לאָזן צורו, ווייל עס זיינען פאַראַן זייער אַ סך דאַכאַדיאַגעס אינ׳ם לאַגער. נאָר ווי אַזוי קאָן איך אים צורו לאָזן, אַז איך פיל זייער אָפט, ווי די כוחות ענדיקן זיך מיר? וואָלט איך געווען אַ פעלדשער און חיים וואָלט קראַנק געווען ציי וואָלט איך אים דען נישט פריווילעגירט מער ווי אַן אַנדערן?! עלהיי, איך בין אַ זשוליק!...

חיים ווייסט נישט ווי זיך אַן עצה צו געבן מיט מיר. ער ווייסט נישט וויאַזוי ער וואָלט געקאָנט פון מיר פטור ווערן. ער האָט קיין אַנדערע ברירה נישט ווי צו שיקן מיך אין שפּיטאָל אַריין אויף קאָנסולטאַציע. אין שפּיטאָל האָט מען מיך טאַקע אַלעמאָל אַקצעפּטירט, מען האָט מיך נאָר בעדאַרפט אַהין שיקן אויף קאָנסולטאַציע. נישט אַלע פעלדשערס האָבן מיך אָבער געוואָלט שיקן אין שפּיטאָל אויף קאָנסולטאַציע. וואָס אַרט עס זיי, אַז איך וועל זיך אַן עקסטרע ביסל צומוטשען. איז עס טאַקע געווען מיין מזל וואָס חיים שיכמאַן איז דער פעלדשער אין לאַגער און ער שטעלט מיך צו אָפט אויף קאָנסולטאַציע. אויך די דאָקטוירים אין שפּיטאָל ווייסן נישט ווי זיך אַן עצה געבן מיט מיר, זיי מוזן אָנערקענען, אַז איך בין אַ דאַכאַדיאַגע און אַלס אַזעלכער בין איך באַרעכטיקט צו זיין אין שפּיטאָל. אפילו דער הויפּט דאָקטאָר פון שפּיטאָל, דער נאַטשאַלניק „סאַן-טשאַסט״, האָט מיך שוין גוט געקאָנט. קוים דערזעט ער מיך זאָגט ער צו מיר:

„ליאַווא זינט ווען ביסטו עס שוין נישט געווען אין שפּיטאָל?״...

דער נאַטשאַלניק „סאַן-טשאַסט״ איז אַ גרוזינער אַ הויכער און אַ דאַרער. און ווי אַלע אַזיאַטישע אַ ברוינער. ער רעדט מיט אַן אַזיאַטישן אַקצענט. זיינע ווערטער, „זינט ווען ביסטו עס נישט געווען אין שפּיטאָל״, האָבן ביי מיר דעם זיבעטן חן. איבערהויפּט, אַז ער האָט נישט דאַקעגן, אַז איך זאָל זיך אַן עקסטרע מאָל אָפּרוען אין שפּיטאָל.

בכלל לאָזן מיך לעצטנס די דאָקטוירים צורו. זיי ווייסן אַז איך בין פון דעם סאָרט דאַכאַדיאַגעס, אַז ווען מען לאָזט זיי פון צייט צו צייט זיך אָפּרוען אַ ביסל, האָבן זיי נאָך אַ שאַנס זיך אַרויסצודרייען און קענען נאָך

לעבן בלייבן. נאָר איינע אַ דאָקטערשע, און דווקא אַ אידישקע, אויך אַן אַרעסטאַנטקע, איז אַ גרויסע מרשעת. פאַר איר ציטערן אַלע דאַכאַדיאַגעס. טאָמער איז די דאָזיקע דאָקטאָרשע אין דער קאָמיסיע, דעמאָלט מוז מען שוין זיין מיט איין פוס אויף יענער וועלט, אַז זי זאָל דעם יעניקן לאָזן זיך אָפּרוען אין שפּיטאָל. קאָן זי טאַקע נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס איך בין אַזאַ אָפּטער אַריינגייער אין שפּיטאָל. שרייט זי זיך טאַקע אויף מיר אויס ווי גלייך איך וואָלט איר עפּעס שולדיק געווען:

„עס זענען נאָך פאַראַן אַזוינע דאכאדיאַגעס ווי דו אין לאַגער און זיי אַרבעטן!"...

האָט מיר טאַקע אַצינד גאָרנישט געהאָלפן און איך האָב זיך געמוזט צוריקקערן אין לאַגער אַריין און אויפסניי זיך באַקלאָגן פאַר חיים שיכמאַן.

= ◍ =

אַזוי האָב איך זיך געדרייט פון שפּיטאָל אין לאַגער און פון לאַגער אין שפּיטאָל ביז איך האָב זיך איינמאָל אַריינגעדרייט אין שפּיטאָל אַריין אַזוי, אַז עס האָט שוין כמעט געהאַלטן דערביי דאָס איך זאָל זיך מער קיינמאָל נישט אַרויסדרייען פון דאָרטן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס דערמיט וואָס איך האָב געזען שוואַרצע פינטעלעך פאַר די אויגן, די פינטעלעך האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פאַר־שידענע געשטאַלטן וועלכע די פאַנטאַזיע אַליין איז נישט אומשטאַנד זיך פאָרצושטעלן. כ׳האָב געצאַפּלט ווי אַ פיש און געפלאָמט ווי אַ שטרויענער דאַך. דער עיקר, איך האָב נישט געקענט עסן... איך האָב נישט געקענט אויפעסן מיין בידנעם פּאַיאָק! עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, זייט איך בין אין לאַגער, אַז איך זאָל נישט קענען פאַרצערן מיין טעגלעכע פּאָרציע ברויט. איך האָב נאָכדעם געהאַט אַ נאַכט פול מיט קאָשמאַרן, עס האָבן זיך מיר גע׳חלומ׳ט אַזוינע חלומות, אַז איך האָב גערעדט פון פייער און פון וואַסער...

דעם אַנדערן טאָג האָט חיים שיכמאַן געזאָגט, אַז אַצינד בין איך טאַקע אויף אַן אמת קראַנק... איך בין קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. כ׳האָב נאָכדעם זייער ווייניק געדענקט, וואָס עס האָט זיך מיט מיר אָפּגעטאָן די ערשטע צייט פון מיין קראַנקהייט. נאָר אַז איך האָב אויסגעהאַלטן דעם טיפוס אונטער אַזוינע אומשטענדן און בין לעבן געבליבן, — מעג

איך אוודאי אַן איבעריק מאָל גומל בענטשן!

איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי נאָענט צום טויט, ווי דעמאָלט.

אָבער דווקא אַצינד, ווען איך בין געווען אַזוי נאָענט — צי טאַקע דערפאַר ווייל איך בין געווען אַזוי נאָענט — צום טויט, האָט זיך מיר געוואָלט מער לעבן ווי ווען עס איז פריער. מיין אינטערעס אין לעבן האָט אָנגעוואוירן זיין גלייכגילטיקייט; עס האָט אָנגעהויבן באַקומען ביי מיר אַ שטיקל חשיבות... אָט, אָט, און די מלחמה וועט זיך ענדיקן, מיט אַ מפלה פאַר די פאַשיסטן. דאָס אַליין צו דערלעבן איז שוין כדאי דאָס גאַנצע פלאָגן זיך!... אפשר וועט מיר דאָך געלונגען צו באַפרייען זיך. איז פאַרוואָס זאָל איך פונקט איצט, אַ שטיקל צייט פאַר דער ישועה, אָוועקשטאַרבן?

איך בין אָפּגעווען אין שפּיטאָל חדשים לאַנג ביז איך בין קוים אַ ביסל צוריק געקומען צו די כוחות. אַז מען האָט מיך שוין יאָ צוריקגע־שיקט אין לאַגער אַריין, האָב איך זיך דאָרט נישט געהאַלטן צו לאַנג. איך בין שנעל צוריק פאַרשלאָפּט געוואָרן. דאָס רעדל פונ׳ם גורל האָט זיך מיט מיר אַזוי געדרייט, פון לאַגער אין שפּיטאָל און צוריק, ביז אין אַ שיינעם טאָג בין איך געוואויר געוואָרן, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט אַ פולער מפלה פאַר די דייטשן.

= ◍ =

די רוסן גייען אַרום מיט צעשטראַלטע פּנימ׳ער. אייגנטלעך פרייט זיך איטלעכער, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט אַ מפלה פאַר די דייטשן, נאָר ביי די רוסן איז די שמחה אַ דאָפּלטע. זייער שמחה איז נישט אַזוי גרויס ווייל די דייטשן האָבן פאַרלוירן ווי דערפאַר וואָס מען רעדט, אַז עס וועט זיין אינקורצן אַן אַמנעסטיע, צוליב׳ן גרויסן זיג פונ׳ם ראַטנפאַרבאַנד איבער די פאַשיסטישע הארדעס. און זיי, די רוסן, וועלן זיין די ערשטע צו געניסן פון דער אַמנעסטיע. עס איז טאַקע נישט פאַרביי קיין לאַנגע צייט און מען האָט אַ סך געלאָזט וויסן, אַז זיי זיינען צווישן די גליקלעכע, די ערשטע צו ווערן באַפרייט פונ׳ם לאַגער אַ דאַנק דער אַמנעסטיע.

מיר, פערעביעזטשיקעס, האָבן געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז מען וועט אונז אויך אַצינד איגנאָרירן; אויך אַצינד וועט מען אונז אַרויסלאָזן פון דער

אַמנעסטיע, כאָטש דער אַלגעמיינער נוסח פון דער אַמנעסטיע האָט געלוי־טעט, אַז די אַלע, וועלכע זיינען אָריגינעל פאַראורטיילט געוואָרן צו דריי יאָר, זיינען די ערשטע באַפרייט צו ווערן. מיר האָבן אונטערגעשריבן אַ דאָקומענט, אין וועלכן מען האָט אונז געלאָזט וויסן, אַז נאָך דער מלחמה וועט מען אונז באַפרייען. איז אי די מלחמה האָט זיך שוין געענדיקט און אי מיר זיצן שוין אַרום פינף יאָר אַנשטאָט דריי — וואָלט מען דאָך אונז אוודאי שוין לאַנג געדאַרפט באַפרייען!

אַנשטאָט צו באַפרייען די פערעביעזטשיקעס האָט מען זיי אונטער־געדרוקט אַ נייעם דאָקומענט אונטערצושרייבן, אַז מען האָט אונז געלאָזט וויסן, דאָס אונזער באַפרייאונג איז נאָך נישט באַשטעטיקט געוואָרן, דעריבער זיינען מיר פאַראורטיילט צו זיצן ביז צו אַן אומבאַשטימטער צייט...

נאָכאַמאָל האָבן מיר זיך צוגעקוקט ווי מאַסן מענטשן באַפרייען זיך, נאָר מיר, פערעביעזטשיקעס, זיינען צווישן די זינדיקסטע באַשעפענישן אויף דער גאַנצער וועלט!... עס וועט מוזן געשען עפּעס אַ נס, אָדער אַן אויסערגעוויינלעכע ישועה, אַז מיר זאָלן זיך אַמאָל באַפרייען.

נישט געקוקט אויף מיינע פיזישע און גייסטיקעליידן בין איך דאָך אַביסל געקומען צו זיך. קוים האָב איך זיך נאָר אַביסל „פּאַפּראַוועט“ (דערהאָלט) האָב איך שוין געמוזט אויפסניי גיין אַרבעטן אַלגעמיינע קאַטאָרזשנע אַרבעט. צי איך זיץ מיט אַ טערמין צי אָן אַ טערמין, איך בין אַ לאַגערניק און אַז איך בין געזונט ווער איך באַהאַנדלט ווי אַ שווערער פאַרברעכער. געזונט זיין איז אויך אַ פאַרברעכן!... עס האָט זיך די פערע־ביעזטשיקעס אין אַלגעמיין נישט געגלוסט צו אַרבעטן שווערער אַצינד, נאָכדעם ווי די מלחמה האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט, ווי ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אונזער קאַטאָרזשנע אַרבעט אין לאַגער, מיט איבער פינף יאָר צוריק. נאָר עס האָט אונז גאָרנישט געהאָלפן.

= ◍ =

דער זומער האָט זיך אָנגעהויבן. פונקט ווי דער ווינטער ברענגט זיינע אומבאַקוועמלעכקייטן מיט זיך, די קעלטן און די פרעסט וועלכע מען פילט דאָ מער ווי איבעראַל, אַזוי ברענגט דער זומער מיט זיך זיינע אומאָנגענ־עמלעכקייטן וועלכע מען פילט אויך דאָ מער ווי סיי וואו אין דער וועלט. צו אַלע צרות האָב איך זיך שוין ווי צוגעוואוינט, נאָר צו איין צרה קאָן

איך זיך נישט צוגעוואוינען: צו די קאַמאַרעס, מאָסקיטאָס און מושקאַרעס. קוים צעבייסן זיי מיין געזיכט דעמאָלט ווערט עס אַזוי אָנגעשוואָלן ווי אַן אָנגעבלאָזענער פענכער. מיין געזיכט איז מער געשוואָלן ווי ביי אימעצן אַנדערש. עס איז טאַקע קיין גוזמא נישט ווען איך האָב געזאָגט, אַז מיין געזיכט ווערט מיר אָנגעשוואָלן ווי אַן אָנגעבלאָזענער פענכער. ווער עס האָט נישט געלעבט אין אַ געגנט וואו עס זיינען פאַראַן מאָסקיטאָס, קאַמאַרעס און מושקאַרעס, דער קען זיך עס נישט פאָרשטעלן.

איך האָב יענעם טאָג נישט געוואָלט גיין צו דער אַרבעט.

חיים שיכמאַן איז שוין געווען אויס פעלדשער. ער איז שוין אויפסניי געווען צוגעטיילט צו אַלגעמיינער אַרבעט.

„נו זעסט חיים", וויצל איך זיך מיט אים ביי דער אַרבעט, „דו האָסט דאָך עפּעס מתקן געווען פאַר דער צייט, וואָס דו ביסט געווען אַ פעלדשער... ווען איך וואָלט געווען אַוועקגעשטאָרבן און דו וואָלסט מיך געווען נישט אָנערקענט פאַר קראַנק וואָלט דיך געווען אַצינד דיין געוויסן באַאומרואיקט. אַזוי אַז דו האָסט מיך אָנערקענט פאַר קראַנק אין צייט און איך בין לעבן געבליבן, האָסטו אויך אַ חלק דערין..."

„אויב דו ביסט שוין ביז איצט נישט געשטאָרבן", זאָגט מיר חיים אַ פריילעכער זייענדיק געשמייכלט פון מיין קאָמפּלימענט „ווועסטו שוין לאַנג לעבן!"

אַנשטאָט חיים'ען איז איצט אַ פרוי די פעלדשערקע פונ'ם לאַגער. די פרוי, אַ רוסישע, איז נישט קיין אַרעסטאַנטקע, זי איז אַ פרייע סאָוועטישע בירגערין. זי איז אַ נידעריקע, אַ בלאָנדע, מיט אַ „פּיסק אויף שרויפן". דער עיקר, זי איז אַ גרויסע מרשעת. זינט זי איז אויף חיים'ס אָרט האָבן זיך די דאַכאַדיאַגעס געמערט אין לאַגער. זי וויל מיך נישט באַפרייען, נישט געאַכט דערויף וואָס מיין פּנים איז אויסערגעוויינלעך געשוואָלן:

„דו ביסט נישט דער איינציקער וועמען די מושקאַרעס האָבן צעביסן!", זאָגט זי סאַרקאַסטיש.

כאָטש קיינער איז טאַקע נישט אַזוי געשוואָלן ווי איך זיינען אָבער נאָך פאַראַן פיל אַנדערע וועלכע זיינען אויך צעביסן. דער אַרגומענט, אַז אויך אַנדערע זיינען צעביסן, איז גענוג פאַר דער פעלדשערקע דאָס זי זאָל מיך נישט וועלן באַפרייען פון דער אַרבעט.

איך וויל אָבער נישט גיין צו דער אַרבעט, זאָל מען מיך איינזעצן אין איזאָלאַטאָר אַריין, זאָל מען מיט מיר טאָן וואָס מען וויל! איך בין מער

אַלערדזשיק (עמפינדלעך) ווי איטלעכער, איך פאַרטראָג נישט קיין קאמאַ־רעס, איז זאָל מען מיר געבן אַן אַרבעט אין דער זאנע וואו עס זיינען נישט פאַראַן אַזויפיל פון די דאָזיקע בייסנדיקע באַשעפעניש.

נאָך פיל פּראָטעסטן און אַקעגנשטעלן זיך האָט מיך די פעלדשערקע גערופן אין לאַבאָראַטאָריע אַריין. זי מעסט מיר די טעמפּעראַטור. איך האָב גאָרנישט קיין טעמפּעראַטור. מיינט זי, אַז דער טערמאָמעטער איז קאַליע געוואָרן, פּרובירט זי מיר געבן אַ צווייטן טערמאָמעטער. אויך דער צווייטער טערמאָמעטער וויזט נישט קיין טעמפּעראַטור.

„דו ביסט אַ פּאַקוסניק!", שרייט אויף מיר די פעלדשערקע, „דערוויל ביסטו נאָך נישט גע'פגר'ט דאָס דו זאָלסט נישט האָבן אַבסאָלוט גאָרנישט קיין טעמפּעראַטור. נעמט אים אין איזאָלאַטאָר אַריין!", רופט זי אויס, מלא רציחה, צום לאַגער קאָמענדאַנט.

אויב עס האָט זיך פאַרוואָרפן צופעליק אין מיין לאַגערשן לעבן אַיין פרוי, מאַרוסאַ, וועלכע האָט מיך דערהאַלטן ביים לעבן, האָב איך שוין אָנגעטראָפן אויף דער צווייטער פרוי, דווקא פרויען פון דער מעדיצינישער פּראָפעסיע, וועלכע זיינען ערגער פונ'ם טייוול אַליין.

דער איזאָלאַטאָר אין די לאַגערן איז געוויינלעך ביי דער וואַך. עס איז נאָר אַ דין האָלצערן ווענטל וועלכעס טיילט איבער דעם איזאָלאַטאָר פון די וועכטער. דעריבער האָבן מיינסטנס די אַרעסטאַנטן געקאָנט הערן וואָס די וועכטער פון דער טורמע רעדן צווישן זיך. ביי דער געלעגנהייט האָב איך געקאָנט הערן גענוי וואָס דער נאַטשאַלניק פונ'ם לאַגער רעדט אויפ'ן טעלעפאָן צום הויפּט דאָקטאָר פונ'ם שפּיטאָל, צום „נאַטשאַלניק סאַן־טשאַסט".

„איך האָב אַן אויסערגעוויינלעכן פאַל", הער איך ווי דער נאַטשאַלניק שרייט אַריין אין טעלעפאָן טרייבל אַריין, „עפּעס איינער אַ פּאַקוסניק האָט זיך דירעקט געלאָזט צעבייסן זיין געזיכט מער ווי איטלעכער און דעריבער אין זיין געזיכט טאַקע מער געשוואָלן ווי איטלעכנס. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלעס, ער האַלט אַזוי דעם טערמאָמעטער, דאָס ער זאָל נישט וויזן קיין טעמפּעראַטור. די פעלדשערקע וויל אים נישט באַפרייען דערי־בער זיצט ער דערוויל אין איזאָלאַטאָר. עפּעס האָב איך מורא אים צו האַלטן אין איזאָלאַטאָר, ווייל ער איז איינער צווישן די אָנערקענסטע דאַכאַ־דיאַגעס אין לאַגער. איך ווייס נישט ווי זיך אַן עצה געבן מיט אים. וואָס זאָל איך טאָן מיט אים?"...

געוויינלעך קומט קיינמאָל נישט דער הויפּט דאָקטאָר פון שפּיטאָל אין לאַגער אַריין ביי איינצעלנע פאַלן, נאָר ווען עס איז אַן אַלגעמיינע קאָמיסיע פונ׳ם גאַנצן לאַגער. מסתמא האָט דער הויפּט דאָקטאָר געמוזט שטאַרק נייגעריק זיין, דאָס ער זאָל זיך מטריח זיין מיט זיין „פּאמאשניק״ (אונטערהעלפער) און וועגן מיר אַליין צו קומען פונ׳ם שפּיטאָל, וועלכער איז היפּש ווייט פונ׳ם לאַגער.

דער נאַטשאַלניק סאַנטשאַסט (הויפּט דאָקטאָר) האָט מיך שוין זייער גוט געקאַנט. ער איז עס דער יעניקער וועלכער פלעג מיך אַלץ פרעגן: „ליאווא זייט ווען ביסטו שוין נישט געווען אין שפּיטאָל?״, נאָר אַצינד בין איך געווען אַזוי משונה צורה, אַז ער האָט מיך נישט דערקאַנט. ער האָט בלויז געכאַפּט איין בליק אויף מיר און ער האָט פאַרדראָסיק געפרעגט די פעלדשערקע:

„פאַרוואָס באַפרייסטו נישט איינעם מיט אַזאַ געזיכט?!...״

מען האָט מיר אויפסניי געמאָסטן די טעמפּעראַטור און אויך אַצינד האָט זיך דער טערמאָמעטער באַצויגן גלייכגילטיק צו מיין טעמפּעראַטור. דער דאָקטאָר האָט געהייסן מען זאָל מיר געבן עפּעס אַ פּראַשעק און מען האָט מיר געמאָסטן די טעמפּעראַטור אין מויל, נאָכדעם האָט זיך דאָס קוועק־זילבער אינ׳ם טערמאָמעטער אַביסל געהויבן.

דער הויפּט דאָקטאָר האָט באַפוילן דער פעלדשערקע, אַז זי זאָל מיך האַלטן פאַר אייניקע טעג אין דער אַמבולאַטאָריע; מען זאָל מיר לייגן איינס נאָך איינס קאַלטע קאָמפּרעסן ביז מיין געשוויר וועט נישט אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

ביז צום היינטיקן טאָג קאָן איך עס טאַקע נישט פאַרשטיין, וויאַזוי עס איז מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל נישט האָבן קיין טעמפּעראַטור און דאָך זיין אַ לעבעדיקער...

36

אַזוי ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט וואָלטן דאָך די באַדינגונגען אין לאַגער אויך געדאַרפט זיין אַנדערע. מען וואָלט געמעגט לאָזן אַ ביסל מערער רוען אויך. נאָר עס הויבט זיך נישט אָן. די נאַטשאַלסטווע טרייבט דעם עולם „דאַוויי־דאַוויי״ (האַרי־אַפּ־האַרי־אַפּ) אויף וואָס די וועלט שטייט.

אויב אין דער צייט פון דער מלחמה האָט געלויטעט די סאָוועטישע

פּראָפּאַגאַנדע אין לאַגער, דאָס מיר מוזן שווער אַרבעטן כדי מיר זאָלן זיך סאָלידאַריזירן מיט די קעמפּערס אויפ'ן פראָנט און העלפען באַזיגן די פאַשיסטן, בעדאַרפן מיר אַצינד שווער אַרבעטן דערפאַר, כדי מיר זאָלן זיך סאָלידאַריזירן מיט'ן אַרבעטער קלאַס וואָס העלפט אויפבויען צוריק דאָס וואָס דער שונא האָט פאַרניכטעט אין צייט פון דער מלחמה...

עס זיינען אָנגעקומען פרישע אַרעסטאַנטן סחורה' אין לאַגער. מייגסטנס זיינען עס אזוינע וועלכע זיינען געווען קריגס געפאַנגענע ביי די דייטשן. פאַרוואָס מען האָט געמוזט אַרעסטירן די אַלע וועלכע זיינען געווען אין דייטשן קריגסגעפאַנגענשאַפט האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין. עס זיינען צווישן די נייע אַרעסטאַנטן פאַראַן פיל געוועזענע הויכראַנגיקע אָפיצערן. צום באַדויערן געדענק איך נישט זייערע נעמען. איך רעד זיך דורך מיט אייניקע פון די דאָזיקע נייע אַרעסטאַנטן, צי מען האָט זיי פאַר־אורטיילט אין אַ געריכט צי אויך זיי האָט מען נאָר שאַבלאָניש פאַראורטיילט ווי פיל אַנדערע.

„אַ געריכט איז דווקא יאָר געווען", זאָגט מיר איינער אַ געוועזנער קריגס געפאַנגענער, אַן אוקראַינער מיט'ן נאָמען יאַטלענקא, „נאָר מיט'ן געריכט צוזאַמען איז עס געווען מער ווי שאַבלאָניש. דער ריכטער האָט געפרעגט: „פאַרוואָס האָסטו זיך געלאָזט פאַנגען?" האָב איך אים געענט־פערט: „דער שונא האָט מיך מיט'ן גאַנצן פּולק אַרומגערינגלט און איך האָב אפילו נישט געוואוסט, אַז איך בין אַ געפאַנגענער". פרעגט מיך דער ריכטער ווייטער: „פאַרוואָס זשע דעמאָלט האָסטו זיך נישט געשאָסן ווען דו ביסט געוואָר געוואָרן, אַז דו ביסט אַ געפאַנגענער?" ענטפער איך אים: „עס איז געווען מיט מיר צוזאַמען אפילו אַ גענעראַל און אויך דער גענעראַל האָט זיך נישט געשאָסען איז פאַרוואָס זשע זאָל איך, אַ פּראָסטער סאָלדאַט, זיך געווען יאָ שיסן?"...

פאַר אַזאַ קלוגן ענטפער האָט דער ריכטער יאַטלענקאָן פאַראורטיילט אויף צען יאָר קאַטאָרגע...

עס זיינען פאַראַן זייער פיל צווישן די ניי געקומענע וועלכע האָבן זיך ערלעך פאַרדינט, דאָס מען זאָל זיי פאַראורטיילן, זייער פיל, מייגסטנס אוקראַינער און פאָליאַקן, וועלכע האָבן געלעבט אין אוקראַינע ווען די דייטשן האָבן באַזעצט די דאָזיקע שטעט, האָבן געטריי געדינט דעם שונא דאָרטן. טאַקע דעריבער ווערן זיי פאַראורטיילט פון די ריכטערס אויף רעכטס און אויף לינקס. יאָ שולדיק, נישט שולדיק, עס איז גענוג, אַז

די ריכטערס האָבן אויף איינעם אַ שטיקל חשד דאָס אויך ער איז איינער צווישן די יעניקע. די סאָוועטן לאָזן זיך באַגעניגן אין אַזאַ צייט, אַז זיי כאַפּן כאַטש איין העכט צווישן צען פאַראורטיילטע..

= ◍ =

צווישן די דאָזיקע נייגעקומענע האָב איך זיך באַגעגענט מיט איינעם אַן אינטערעסאַנטן פּאַרשוין מיט׳ן נאָמען אַלעקסעי ציטאָוויטש. אַלעקסעי איז אַן אינזשינער פון פאַך. ער איז פאַראורטיילט אויף צען יאָר דערפאַר וואָס ער איז אַ געוועזענער קריגס־געפאַנגענער ביי די דייטשן. נאָר אַזוי־ווי אַלעקסעי איז אַן אינזשינער האָט ער געוויסע פּריווילעגיעס, אַנשטאָט ער זאָל אַרבעטן ווי דער דורכשניטלעכער אַרעסטאַנט, ביי אַלגעמיינער קאָנ־טאַרזשנער אַרבעט, איז ער אַן אויפזעער ביי געוויסע פּראָיעקטען וואו עס פאַרלאַנגט זיך אינזשינערשע פאַכקענטעניש.

אַלקסעי קוקט אויס צו זיין אַ ספק איד און אַ ספק רוס. ער איז אַ הויכער און אַ ברייט־ביינעריקער פּאַרשוין ווי אַן עכטער געזונטער רוס. זיין גאַנצער קערפּער געבוי ווי זיין געזיכט זיינען עכט רוסישע. נאָר די אויגן קוקן אידיש. וויאַזוי אויגן קענען קוקן אידיש, איז מיר שווער איבער־צוגעבן אין ווערטער. איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס עס איז ביי מיר אַזוי, דאָס איך דערפיל מער אַ איד אין זיין בליק ווי אין זיין נאָז... אַלעקסעי האָט זיך מיט מיר זייער באַפריינדעט און ער האָט מיר אפילו פאַרטרויט, אַז ער איז אַ האַלבער איד און אַ האַלבער רוס. זיין מוטער איז אַ רוסישע. ער איז געווען אין דייטשן קריגס געפאַנגעניש פאַר איבער דריי יאָר צייט. ער האָט זיך אָנגעהערט שוידערליכע זאַכן וואָס היטלער האָט אָפּגעטאָן צום אידישן פאָלק. דעריבער האָט זיך טאַקע אין אים דערוועקט דאָס פּינטעלע איד און ער וואָלט זיך זייער גערן מגייר געווען...

אַלעקסעי בעט מיך ביי איטלעכער געלעגנהייט, אַז איך זאָל מיט אים לערנען אידיש. ער וועט פאַר מיר דערליידיקן, זאָגט ער מיר צו, דאָס מען זאָל מיך צושטעלן צו גרינגערער אַרבעט אין לאַגער. ער וועט אפילו פּרובירן, אַז איך זאָל צוגעטיילט ווערן אונטער זיין אויפזיכט. ער, אַלס אינזשעניער האָט געוויסע פּראָטעקציעס, ער איז באַפריינדעט מיט אַלע הויפּט אַרבעטס אויפזעערס פונ׳ם לאַגער און אַזוי אַרום וועט ער פאַר מיר קענען אַלעס אויס׳פּועל׳ן; ער וועט מיר אפילו אַרויסהעלפן מיט ברויט און מיט געקעכטס אויך — נאָר איך זאָל מיט אים לערנען אידיש.

עס איז פאַר מיר באַשטאַנען אַ פּראָבלעם. איך וואָלט גערן אַלעמען

געלערנט אידיש ווען איך וואָלט נאָר געהאַט די מינדסטע געלעגנהייט דערצו. אין לאַגער איז עס נישט קיין איינפאַכע זאַך. ערשטנס האָב איך נישט קיין איין געדרוקט אידיש וואָרט. איך האָב נישט געזען קיין איין געדרוקט אידיש וואָרט פאַר די לעצטע פינף און אַ האַלב יאָר, זייט איך בין אַוועק פון דער היים. צווייטנס, מוז מען דאָך האָבן פּאַפּיר און אַ בליישטיפט (ביידע זאַכן זיינען שטאַרק שווער צו באַקומען אין לאַגער). איך האָב כמעט אויסגעלאַכט אַלעקסעיין פאַר זיין ווילן לערנען זיך אידיש. ער האָט אָנגעטראָפן דאָס ריכטיקע אָרט! נאָר ער לאָזט מיך נישט אָפּ. ער וועט מיר, זאָגט ער, פאַרשאַפן גענוג פּאַפּיר און אַ בליישטיפט. ער בעט מיך זייער, דאָס איטלעכן טאָג ווען איך קום פון דער אַרבעט זאָל איך מיט אים פאַרברענגען אַ האַלבע שעה, אַ שעה, וויפל צייט נאָר איך וויל אַליין, אַבי איך זאָל מיט אים קנעלן אידיש.

איך האָב זיך געמוזט נעמען צו מיין „מלאכת־הקודש". עס האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן, אָט דער אַלעקסעי האָט פון מיר נישט געוואָלט אָפּשטיין פאַר קיין מינוט, ווען איך בין נאָר געקומען פון דער אַרבעט אַזוי איז ער שוין צו מיר צוגעשטאַנען איך זאָל זיך פאַרקלויבן מיט אים ערגעצוואו אין אַ ווינקל פון אַ נאַרע כדי איך זאָל מיט אים לערנען דעם אידישן אלף־בית.

חוץ אַלע פּראָבלעמען איז פאַר מיר באַשטאַנען אַ פּעדאַגאָגיש פּראָבלעם. איך בין געווען צוגעוואוינט צום „ייווא" אויסלייג און איך ווייס זייער גוט, אַז דער סאָוועטישער אויסלייג איז גאַנץ אַן אַנדערער. איז וויאַזוי איך זאָל נישט לערנען אָט דעם אַלעקסיי׳ן, וועט עס נישט זיין ריכטיק. עס איז מיר שווער עס אים צו געבן צום פאַרשטיין. נאָר עס אַרט אים נישט, זאָגט ער, דער חילוק פון סאָוועטיש אידישן אויסלייג צום אַלגעמיין אידישן אויסלייג. ער וויל זיך לערנען אידיש אויף סיי וואָס פאַר אַ דיאַלעקט און אין סיי וואָס פאַר אַן אויסלייג.

„איך וועל שרייבן צו מיינע עלטערן", זאָגט ער מיר, „דאָס זיי זאָלן מיר שיקן אידישע ביכער אין לאַגער אַריין".

יאָ, די נייע חברה באַקומען טאַקע פּאַקעטן פון דער היים. אין דער צייט פון קריג איז געווען זייער זעלטן דאָס איינער זאָל קריגן אַ פּאַקעט. אָבער איצט באַקומען זייער פיל פּאַקעטן פון דער היים. איך בין די דאָזיקע טאַקע נישט ווייניק מקנא... פון אַזאַ זאַך קאָן איך אפילו נישט חלומ׳ען! די פּאַקעטן באַשטיין מייסטנס, פון מאַכאָרקע, סוכאַרעס, שפּעק,

טרוקענע פּרוכטן, קאָנפֿעטן, און איינגעמאַכטס. עס שפּילן זיך אָפּ דראַסטישע סצענעס צווישן די זשוליקעס און די יעניקע וועלכע דערהאַלטן די פּאַקע־טען. קוים באַקומט איינער אַ פּאַקעט, אַזוי זיינען שוין די זשוליקעס אַרום דעם יעניקן ווי בינען אַרום האָניק. אָדער זיי, די זשוליקעס, גנב׳ענען דאָס צו, אָדער זיי נעמען עס סתם אַוועק מיט דער גוואַלד און כאַטש רופּט זיי קנאַק ניסל! עס העלפֿט נישט קיין שרייען קיין וויינען און קיין קלאָגן. די זשוליקעס לעבן זיך אַ גוטן טאָג אויף אַ צווייטנס חשבון...

איך האָב אַליין בייגעוואוינט פֿאַרשידענע סצענעס ווי די זשוליקעס האָבן באַרויבט די יעניקע וועלכע האָבן דערהאַלטן פּאַקעטן פֿון דער היים. אָט וועל איך איינע פֿון די דאָזיקע סצענעס פּאַר טשיקאַוועסט אילוסטרירן.

איינער וואָס האָט חדשים לאַנג געוואַרט, אַז ער זאָל שוין באַקומען אַ פּאַקעט פֿון דער היים האָט עס ענדלעך דערהאַלטן. ער קומט צו לויפֿן פֿון דער וואַך (וואו מען נישטערט גוט דורך די פּאַקעטן צי עס איז נישט פֿאַראַן עפּעס וואָס עס איז נישט דערלויבט צו האָבן אין לאַגער מיט זיך) אַ פֿריילעכער און אַ שיינענדיקער פֿון דער שמחה, דאָס ער האָט ענדלעך דערהאַלטן אַ פּאַקעט פֿון דער היים. קוים האָט ער אַריינגעשטעקט זיין פּיס אין באַראַק אַריין אַזוי קומט צו אים צו אַ זשוליק און ער זאָגט אים באַפֿעלעריש: „גיב מיר אַ ביסל מאַכאָרקע!“

דער זשוליק טוט קיין פּינטל מיט׳ן אויג. ער בעט ווייל עס קומט אים! דער וועלכער האָט נאָר וואָס דערהאַלטן דאָס פּאַקעט נעמט אַ פֿולע זשמעניע מיט מאַכאָרקע און ער גיט אים. אַ זשמעניע מאַכאָרקע האָט אַ גרויסע ווערט אין לאַגער. נאָר דער זשוליק, אַנשטאָט ער זאָל זיך באַדאַנקען דערפֿאַר וואָס ער האָט נאָר וואָס באַקומען אַלס געשאַנק, איז גאָר בייז און ער שרייט אַן אויפֿגערעגטער צום בעל־הפּאַקעט: „וואָס איז, אַזויפֿיל מאַכאָרקע פֿאַרגינסטו זיך אַזש מיר צו געבן?!“ אַזוי שרייענ־דיק כאַפּט ער אויס דאָס פּאַקעט פֿונ׳ם אייגנטימער און ער נעמט אַן אַ הויפֿן מיט מאַכאָרקע און ער זאָגט מיט פֿאַרדרוס:

„נאַדיר, דו צויג, אַ גאַנצן הויפֿן מיט מאַכאָרקע!“...

עס איז אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך. די גרינע לאַגערניקעס ווייסן שוין אַז עס וועט זיי גאַרנישט העלפֿן. דאָס איינציקע וואָס זיי קענען טאָן איז שווייגן, ווייל טאָמער רעדן זיי אַן איבעריק וואָרט, אָדער אַז זיי זאָלן זיך גיין באַקלאָגן צו נאַטשאַלסטווע, ווייסן זיי זייער גוט, אַז מען וועט זיי נאָך גוט אָנברעכן די ביינער אויך.

= ◍ =

איך האָב, נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, דאָך אָנגעהויבן צו לערנען אידיש מיט אַלעקסעי׳ן. דעם אידישן אלף־בית האָט ער זיך גאַנץ שנעל אויסגעלערנט. איך האָב אים פּרובירט אויסצולערנען לייענען, און איך האָב אים געטרייסט: אַז ווען ער וועט דערהאַלטן די ביכער פון דער היים וועט ער זיך גאָר שנעל אויסלערנען לייענען אידיש.

איך האָב נישט געגלויבט דאָס ער וועט טאַקע דערהאַלטן אידישע ביכער פון דער היים. דעריבער האָב איך געמיינט, אַז ער וועט אינצווישן צייט סיי ווי אָנווערן זיין אינטערעס זיך אויסצולערנען אידיש. איך האָב אים דערמיט געוואָלט ווי צו פּראָבע שטעלן: ממה־נפשך, ביסטו, טאַקע אַזוי שטאַרק אינטערעסירט אין אידישקייט, דעמאָלט וועסטו מיך סיווי נישט אָפּלאָזן, אלא, טאָמער עס איז נאָר סתם אַזוי אַ צייטווייליקער פּסי־כישער אויפברויז, וועסטו שנעל פאַרגעסן פונ׳ם גאַנצן ענין און איך וועל האָבן אַראָפּגעוואָרפן אַ קלאפּאט פונ׳ם קאָפּ...

דערווייל האָט ער מיך טאַקע נישט אָפּגעלאָזט. איך האָב אים געמוזט לערנען לייענען. וויאַזוי? ער האָט מיך געבעטן, דאָס איך זאָל אים אָנ־שרייבן אידישע לידער וועלכע איך געדענק פון דער היים. עס אַרט אים נישט ווען איך וועל אפילו אַליין פאַרפאַסן אויסגעטראַכטע געשעענישן, אַן עפּיזאָד, אַ דערציילונג אָדער אַ לעגענדע.

איך האָב זיך טאַקע גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב איבערזעצט די „עקידה״ פונ׳ם חומש אויף אידיש ווי אויך די מעשׂות פון מכירת יוסף. איך האָב אים באַשריבן פאַרשידענע משלים פונ׳ם תלמוד, מייגסטנס די משלי־שועל (פוקס־פאַבלען). צום שטאַרקסטן האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק די לעגענדע פון חוני המעגל: וויאַזוי חוני המעגל האָט געפלאַנצט אַ באָקסער בוים און מען האָט אים אויסגעלאַכט, ווייל עס געדויערט זיבעציק יאָר ביז אַ באָקסער בוים גיט זיינע פרוכטן און וויאַזוי עס איז געשען, אַז חוני המעגל איז איינגעשלאָפן, אין אַ לוטארגישן שלאָף אויף גאַנצע זיבע־ציק יאָר און ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט האָט ער באַמערקט ווי איינער עסט די פרוכטן פונ׳ם באָקסער בוים וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט. ווען ער האָט איטלעכן געזאָגט ווער ער איז, אַז ער איז חוני המעגל, האָט מען אים אויסגעלאַכט; קיינער האָט עס אים נישט געוואָלט גלויבן; מען האָט אים געהאַלטן פאַר סתם אַ משוגע׳נעם. נאָכדעם, אַז חוני המעגל האָט

געהערט ווי די חכמים האָבן געלערנט אין שול, אַז איינער וועלכער האָט נישט קיין פריינט איז פאַר יענעם פיל בעסער ער זאָל שטאַרבן, האָט ער אויף זיך געבעטן דעם טויט און ער איז טאַקע תיכף געשטאָרבן.

אַלעקסעין איז אָט די לעגענדע אַזוי שטאַרק געפעלן, אַז ער האָט זיך זי אויסגעלערנט, וואָרט ביי וואָרט, אויף אויסנווייניק.

אינצווישן האָט אַלעקסעי דערהאַלטן זיין פּאַקעט. פאַר אים האָבן די זשוליקעס געהאַט אַ שטיקל דרך־ארץ, צוליב זיין פּאָזיציע אַלס אינזשינער, דעריבער האָבן זיי טאַקע מורא געהאַט אים צו פאַרטשעפּן. זיי האָבן געוואוסט, אַז ער קאָן געפינען אַ וועג וויאַזוי זיך נוקם צו זיין אין זיי. האָבן זיי אים טאַקע אָפּגעלאָזן. און ריכטיק, ער האָט דערהאַלטן דריי אידישע ביכער: אַ ביכל לידער פון אַ אידישן דיכטער, אַ ראָמאַן אויך פון אַ אידישן דיכטער, און די איבערזעצונגען אין אידיש פון לערמאַנטאָוו'ס אויסדערוויילטע ווערק.

עס איז מיר איינפאַך ליכטיק געוואָרן פאַר די אויגן דערזעענדיק אידישע געדרוקטע אותיות! איך האָב שוין נישט געזען קיין געדרוקט אידיש אות פאַר יאָרן און דאָ האָב איך כמעט מיין אייגנס גאַנצע דריי אידישע ביכער!...

איך מוז מניה־וביה מודה זיין, אַז איך האָב מער הנאה געהאַט פון לערמענטאָוו'ס איבערזעצונג, וועלכע, מייגסטנס פון זיי זיינען מייסטער־האַפט איבערגעזעצט געוואָרן פון מ.כאַשטשעוואצקי, ווי פון די אָריגינעלע אידישע ווערק פון צוויי סאָוועטישע אידישע שרייבערס. דאָס בוך אידישע לידער (פון אַ באַרימטן אידישן פּאָעט, וועלכער געפינט זיך היינט אין ישראל) האָט טאַקע געהאַט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט, אָבער עס האָט נישט געשטילט מיין דורשט נאָך אידישער ליטעראַטור, אויף קיין מינוט, פשוט דערפאַר ווייל עס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע און מיט לויבגע־זאַנגען פאַר סטאַלינען. עס איז אמת, אַז פיל אידישע מאָטיוון האָבן זיך געמערקט אין דער פּאָעזיע און אַפילו אין די סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע לידער האָט זיך אויך געפילט דער אידישער קרעכץ, אַלץ האָט אָבער די פּראָפּאַגאַנדע מיטגעווירקט ווי גלייך אַ קאַצעניאַמער וואָלט זיך געהערט אינמיטן אַ שיינעם קאָנצערט...

דער ראָמאַן ווידעראום האָט מיך פשוט אינטריגירט. דער ראָמאַן האָט טאַקע געהאַט צו טאָן מיט אידן געבויט אויף אַ אידישער טעמע, ווי

אידן האָבן זיך עוואַקואירט פון די געביטן וואָס די דייטשן האָבן באַזעצט און ווי די אידן צוזאַמען מיט די רוסן האָבן פאַרטיידיקט זייער פאָטערלאַנד אַקעגן די פאַשיסטן אַזוי אַז אפילו עוואַקואירנדיק אַן אמוניציע פאַבריק מיט זיך האָבן זיי אויפ׳ן וועג געלאָזט די פאַבריק אין שוואונג און די פּראָדוקציע האָט זיך אָנגעהויבן אונטערוועגנס... אָבער דער לייט־מאָטיוו פונ׳ם ראָמאַן איז הויפּטזעכלעך באַזירט דערויף, ווי גוט דער איד מיט׳ן רוס הויזן צוזאַמען, דאָס זיי האָבן זיך אפילו משדך געווען און שלום על האסימילאַציע!...

עס איז נישט פאַריבער קיין לאַנגע צייט און אַלעקסעי האָט זיך אויס־געלערנט צו לייענען פליסיק אידיש. ער איז געווען זייער גוט באַהאַוונט אין לערמאַנטאָוו׳ס ווערק. פיל פון זיינע שאַפונגען האָט אַלעקסעי געדענקט אויף אויסנווייניק און אַזויווי ער האָט געקאָנט גוט דייטש אויך, האָט ער זיך זייער גרינג אָריענטירט וואָס ער לייענט. דעריבער האָט ער טאַקע גוט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געלייענט.

אַז אַלעקסעי האָט שוין געקענט לייענען אידיש האָט ער פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל אים לערנען „דריוויניע־יעוורעיסקי״, געמיינט האָט ער דערמיט, אַז איך זאָל אים אויסלערנען דאַוונען. אין אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז ער איז אויסן מיט זיין „דריוויניע־יעוורעיסקי״ דאָס איך זאָל אים אויסלערנען העברעאיש אָבער איך האָב זיך גאַנץ שנעל איבער־צייגט, אַז ער איז הויפּטזעכלעך פאַראינטערעסירט אין אידישע תפילות בלויז:

„עס ווילט זיך מיר טיילמאָל״, זאָגט ער מיר מיט אַ טיף גערירטן טאָן, „אַוועקשטעלן אין אַ ווינקל און סתם אין דער וועלט אַריין אויסזינגען אידישע מאָטיוון פון די אידישע „מאַליטוועס״ (תפילות). עס איז דאָ אַזויפיל ליריק, אַזויפיל איבערגעבנקייט און ליבשאַפט אין די דאָזיקע מאָטיוון!... אַז איך וואָלט נאָר געהאַט די ריכטיקע ווערטער אויף וועלכע די דאָזיקע מאָטיוון זיינען לכתחילה קאָמפּאָנירט געוואָרן, פיל איך, דאָס איך וואָלט געווען בכוח אויסצופילן אַ וואַקאום אין מיין האַרץ; מיין גייסטיקער געווּס וועט דערהויבן ווערן ביז צו דער העכסטער מאָס״...

„קיינער דאָ אין לאַגער״, זאָגט ער מיר ווייטער, „קען זיך נישט אַזוי גוט אויס אין „דריוויניע יעוורעיסקי״ אָנגעלעגנהייטן ווי דו. איך ווייס נישט צי עס וועט זיך מיר נאָך אַמאָל איינגעבן צו באַקענען זיך אין לאַגער מיט אַן אַנדערן וואָס זאָל קענען דאָס דאַוונען אויף אויסנווייניק און עס

מיר פינקטלעך אָראָפּשרייבן".

„ביי אונז אידן", טענה איך צו אים, „בעמט מען נישט גערן אָן קיין גרים".

איך האָב געוואָלט זען וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט אויף אים מאַכן.

„איך בין אַ האַלבער איד סיי ווי סיי", ווענדט ער מיך אָפּ „אַזאַ איינעם ווי איך, בין איך זיכער, אַז מען וואָלט אָן שוועריקייטן מגייר געווען".

עס איז געווען אומזיסט וואָס איך האָב אים דערציילט די מעשה פון הלל־הזקן, אַז מיט'ן „ואהבת לרעך כמוך" אַליין איז ער שוין מקיים די גאַנצע תורה...

„דאָס איז בלויז אַן אבסטראקציע אָדער אַ סימבאָל !... עס פּאַסט זיך זייער שיין פאַר אַ לעגענדע", זאָגט ער מיר מיט פּראָטעסט. „מיט אַזוינע תירוצים וועל איך מיין וואונטש נישט האָבן דערגרייכט". אַלעקסעי האָט דווקא רעכט געהאַט. קיינער חוץ איך און חיים שיכמאַן וואָלטן מיט אים נישט געקענט לערנען די אַלע זאַכן. אויב איינער, פון די אידישע יונגעלייט אין לאַגער, געדענקט נאָך יאָ עפּעס אויף אויסנווייניק פונ'ם דאַווענען, געדענקט ער עס בלויז צו זאָגן, אָבער אָנצושרייבן אַ קאַפּיטל ווי „אדון עולם" אָדער „יגדל" קאָרעקט, קען קיינער נישט חוץ מיר צוויי. נאָר אַזוי ווי חיים שיכמאַן האָט זיך אינצווישן באַפרייט, איז געפאַלן אויף מיר דער גאַנצער עול אויסצולערנען אַלעקסעי'ן דאַווענען...

וואָלט אַלעקסעי נישט געהאַט די פּריווילעגיע צו וואוינען באַזונדער אין אַ קליין פּאַלאַטקעלע מיט אייניקע פון זיינע פּאַכלייט, אינזשינערן, וואָלט איך זיכער נישט געהאַט קיין שאַנסן זיך צו פאַרנעמען מיט אים, ווייל אין אַ באַראַק ווי עס זיינען צוטיילמאָל פאַראַן הונדערטער מענטשן צוזאַמען איז ממש אוממעגלעך זיך אָפּצוזונדערן פון דער מאַסע און זיך אָפּגעבן מיט גייסטיקע ענינים. נאָר אַזוי ווי ער האָט געוואוינט אין אַ באַזונדערן באַראַק מיט אייניקע פּריווילעגירטע פּאַכלייט און אינזשינערן, האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט דערצו. זיינע קאָלעגן האָבן מיך. זיינע קאָלעגן ווייסן נישט, אַז אַלעקסעי איז אַ האַלבער איד, לאַכן זיי פון אים, פאַרוואָס ער גיט זיך אָפּ מיט אַזוינע אויסטערלישע זאַכן.

„דו וועסט נאָך ווערן אַ „זשיד" און מיך רופן „גוי" !... שפּאַסט און חוזק'ט פון אים איינער פון זיינע קאָלעגן, אַ רוסישער אינזשינער.

דער דאָזיקער רוסישער אינזשינער האַלט זיך ביי דאָס זייניקע, אַז דאָס וואָרט „גוי" איז דאָס ערגסטע זידל וואָרט מיט וואָס אַ איד קען

באַצייכנען אַ קריסט.

„זיי אויפריכטיק", טענה׳ט צו מיר איינמאָל דער דאָזיקער אויבער־חכם „און זאָג מיר דעם ריכטיקן באַדייט פונ׳ם וואָרט „גוי"...

איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז „גוי" איז דער זעלבער באַדייט וואָס דאָס וואָרט „נאַצמען" אין רוסיש. די רוסן פלעגן געוויינלעך רופן די אַזיאַטישע מענטשן, ווי צום ביישפּיל די גרוזינער, איזבעקן, קאַזאַקסטאַנער און אַנדערע, מיט׳ן נאָמען „נאַצמען". דאָס דאָזיקע וואָרט האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן באַדייט פון אַ זידל וואָרט אַקעגן די אַזיאַטן, עס האָט סתם געמיינט, אַז די יעניקע זיינען פון אַ צווייטער נאַציע: אַזיאַטן און נישט קיין רוסן.

נאָר איך האָב זיך גאָר שנעל איבערצייגט, אַז מיין אַרבעט און מיין אויפקלערונג איז אומזיסט. טאַקע דער זעלביקער אינזשינער מיט זיין גאַנצער אינטעליגענץ, האָט געגלויבט, אַז אידן נוצן גוי׳איש בלוט אין זייערע מצות פסח צום סדר...

„איך האָב אַליין געלייענט וועגן דעם, ווי מען האָט אַ סך מאָל אַרעס־טירט אידן צוליב דעם!" אַזוי האָט ער גע׳טענה׳ט, זייענדיק איבערצייגט, אַז ער ווייסט וואָס ער רעדט.

דערפאַר איז מיר טאַקע קיין וואונדער נישט געווען פאַרוואָס דער יעניקער אינזשינער ווי אויך אייניקע אַנדערע זיינען געווען אַזוי שטאַרק דאַקעגן, אַז אַלעקסעי זאָל זיך לערנען אידיש. נאָר צו אַלעקסעי׳ס שבח מוז איך צוגעבן, אַז עס האָבן אים ווייניק געאַרט די אַלע באַמערקונגען:

„ער איז אַ ׳כאַם׳ (חם)! ער איז אַן איינגעבוירענער אַנטיסעמיט און ער ווייסט נישט וואָס ער רעדט! די בעסטע זאַך איז, צו איגנאָרירן אַזוינע אויפגעקלערטע ׳חכמים׳"... טענה׳ט ער צו מיר.

אַלעקסעי איז טאַקע אויפגערעגט, פאַר פאַרדרוס, דאָס אַן אינזשינער, וועלכער האָט זיין בילדונג געקריגן ביי די סאָוועטן זאָל גלויבן אין אַזוינע זאַבאַבאָנעס, אָבער מען קען זען, אַז ער מאַכט זיך אַ קליינעם צימעס פון אים.

„צי האָסטו אַן אַנונג", פרעגט אים אַלעקסעי מיט איינגעהאַלטנקייט, „אַז די רוסישע און די אידישע קולטורן זענען די צוויי רייכסטע קולטורן אויף דער וועלט?"...

איך האָב שוין געהאַלטן אויף אַ וועג מיט אַלעקסעי׳ן. ער האָט שוין געקענט אייניקע תפילות אויף אויסנווייניק... אמת, ער זאָגט טאַקע די תפילות ווי אַ גר, אָבער ער פּראָגרעסירט! איך האָב קיין אַנונג נישט אויף

ווי ווייט איך וואָלט געקענט גיין מיט אַלעקסעי׳ן און זיין „אידישקייט“, ווען מען וואָלט אים נישט געווען אַוועקגעשיקט אין אַ צווייטן לאַגער אַריין. איך פלעג טיילמאָל דערהאַלטן גרוסן פון אים. אָבער מער האָב איך אים נישט געזען. איך האָב זיך טאַקע נישט געקענט דערגרונטעווען אויף ווי ווייט אַלעקסעי וואָלט זיך געווען מוסר נפש געווען צו זיין אַ איד. אָבער אין איין זאַך בין איך יאָ זיכער: אַמביציע דערצו האָט ער געהאַט!

37

נאָך איידער מען האָט באַפרייט חיים שיכמאַנ׳ען, האָט שוין זיין ווייב געהאַט אויסגעפונען דורך דעם „גולאג“ (פאַרקירצט, פון הויפּט צענטראַלע פון די לאַגערן, — רוסיש), וואו ער געפינט זיך. זיין ווייב מיט די קינדער זיינען געווען צווישן די גליקלעכע ווען עס איז געלונגען צו עוואַקואירן זיך קיין טאַשקענט, ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. אַזוי אַרום איז חיים׳ס ווייב מיט זיינע צוויי קינדער געלונגען ניצול צו ווערן פונ׳ם פאַשיסטישן גהינם.

עס האָט אונז אַלע שטאַרק געוואונדערט וויאַזוי זיין ווייב האָט עס געקענט אויסגעפינען וואו איר מאַן געפינט זיך. עס זיינען געווען אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן אין דער צייט פון דער מלחמה פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט מיט זייערע פאַמיליעס און זיי זיינען מער קיינמאָל נישט געקומען אין קאָנטאַקט מיט זייערע באַענטסטע.

קוים האָט חיים׳ס פרוי באַקומען אַן ענטפער אויף איר בריוו פון חיים׳ען, האָט זי אים גלייך אָנגעהויבן צו שיקן פּאַקעטן. חיים האָט זיך געווייגלעך געטיילט מיט זיינע באַקאַנטע:

„זאָלן זיי זיך אויך פרייען מיט מיין פרייד!“, פלעגט ער זאָגן.

אויך אַצינד האָט געוואַרט אויף חיים׳ען אַ פּאַקעט, אָבער מען האָט אים אינצווישן אַרויסגערופן צו באַפרייען זיך. עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס חיים איז אויסער זיך פאַר פרייד, צו באַפרייען זיך פון די סאָוועטישע טורמעס נאָך אַ לאַנגן גלות פון זעקס יאָר צייט. ער איז אַריינגעקומען אין באַראַק אַ צעשטראַלטער און אַ באַגייסטערטער, האָט ער זיך אָנגערופן צו אונז אידן:

„גיט מיר אָפּ אַ מזל־טוב, איך גיי אַהיים צו מיין ווייב און קינדער. איך בין פריי!“...

מיר האָבן זיך אַלע אַרומגעכאַפּט מיט אים און מיר האָבן אים גראַטו־לירט. עס האָט אונז טאַקע געטיאכקעט אין האַרץ, פאַרוואָס אויך מיר ווערן נאָך נישט פריי, אָבער מיר האָבן אים פאַרגונען די פרייהייט מיט׳ן גאַנצן האַרצן... מיר האָבן ווי געפילט, אַז דאָס אייז הויבט אָן צעשמאָלצן צו ווערן און אַז עס הויבן זיך אָן צו ברעכן די קייטן פון די סאָוועטישע טורמעס. אָבי מען הויבט אָן עמעצן צו באַפרייען, וועט שוין אפשר קומען די ריי אויך אויף די איבעריקע... חיים האָט מיך אָוועקגערופן אין אַ זייט און ער האָט מיר געזאָגט:

„דו ווייסט זייער גוט, אַז איך דאַרף באַקומען אַ פּאַקעט פון מיין ווייב, באַר אַזוי ווי איך ווער באַפרייט וועל איך אַראַנזשירן, אַז מען זאָל דיר איבערגעבן דעם פּאַקעט.

„איך בעט דיך זייער", זאָגט ער צו מיר מיט אַ גערירטן טאָן, „זאָלסט מיר מוחל, אפשר האָב איך דיך אַמאָל מיט עפּעס אָנגערירט און אפשר האָב איך דיך נישט גענוג מאָל באַפרייט, ווען איך בין געווען דער פעלדשער אין לאַגער".

באַר איך האָב אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן:

„דו האָסט אַזוי פאַר מיר ווי פאַר אַלע אַנדערע אידישע חברים אין לאַגער געטאָן מערער וויפל דו האָסט געקענט. איך בין זיכער ווען דו וואָלסט געווען בכוח צו טאָן מער וואָלסטו עס אוודאי נישט געווען פאַרמיטן".

„באַלד ווי איך קום אַהיים וועל איך אַלעס אָנווענדן און דיר שיקן אַ פּאַקעט", האָט ער מיר געזאָגט.

צופיל צייט צו רעדן האָבן מיר שוין נישט געהאַט. עס איז געווען בין־השמשות, עס האָט געווייעט אַ שטיל פרילינג ווינטל, וואָס איז געווען מער ווינטערדיק ווי פרילינגדיק. אָט באַווייזן זיך די „צפון־שטראַלן", וועלכע לויפן אויפ׳ן הימל ווי כוואַליעס אויפ׳ן ים. אָט קומט שוין דער דיזשורנע צו לויפן און ער איילט אונטער חיימ׳ען, אַז ער זאָל באַלד פאַרלאָזן דעם לאַגער און גיין צו דער סטאַנציע, ווייל דער צוג פאָרט באַלד אָפּ קיין פעטשאָרע, וואו ער וועט קריגן זיינע פּראָדוקטן אויפ׳ן וועג. ער האָט נאָך קוים צייט געהאַט צו געזעגענען זיך מיט מיר און ער האָט אויסגערופן:

„לשנה הבאה בירושלים!"...

ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן אויף יענער זייט שטעכל דראָט, ווי די „צפונ׳דיקע שטראַלן" ווערן פלוצים פאַרשוואונדן אין הימל אַריין...

חיים האָט געהאַלטן וואָרט און ער האָט מיר געשיקט אַ פּאַקעט פון מיטל אַזיע און אויך איך האָב דעריבער געהאַט די מעגלעכקייט צו פילן וואָס עס הייסט אַזוינס, דערהאַלטן אַ פּאַקעט פון דער היים.

חיים האָט פון מיר פאַרלאַנגט, אין איינעם פון זיינע בריוו, אַז איך זאָל אים אומבאַדינגט שרייבן, צי איך האָב נוצן פון די פּאַקעטן (דאָס מיינט צי די זשוליקעס נעמען זיי נישט צו) דעמאָלט וועט ער מיר שיקן נאָך.

די זשוליקעס האָבן מיך נישט געטשעפּעט. זיי האָבן מיך צורו געלאָזט. זיי זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס לוינט זיך זיי נישט. מיך טשעפּן, ווייל עס קען זיי טייערער קאָסטן. איך בין דערהויבן געוואָרן צו אַ העכערער מדרגה. איך בין געוואָרן דער דאָלמעטשער אויף אונגאַריש, רומעניש און דייטש. נייע סאָרטן אַרעסטאַנטן זיינען אָנגעקומען אין לאַגער אַריין, און אַז מען האָט געוואָלט פון זיי אויפנעמען פּראָטאָקאָלן, האָט די לאַגער פאַרוואַלטונג געמוזט צו מיר אָנקומען. אַזוי אַרום האָב איך זיך נאָענטער באַקענט מיט נאַטשאַלסטווע און דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג, אַז די זשוליקעס זאָלן ליגן איינגעלייגט אַקעגן מיר און מיך נישט טשעפּן. פאַר נאַטשאַלסטווע האָבן זיי מורא, האָבן זיי געדאַנקט גאָט, אַז איך לאָז זיי צורו. מיר, איך און די זשוליקעס, האָבן ווי געהאַט אַ נישט־געשוואָרענעם „נישט־אָנגריפס־פּאַקט״...

איינער אַ זשוליק, נישט וויסנדיק, אַז איך האָב זיך אַרויפגעאַרבעט צו אַ העכערער מדרגה און אַז מען דאַרף פאַר מיר האָבן אַ שטיקל „דרך־ארץ״, האָט זיך איינמאָל פּרובירט טשעפּן מיט מיר. אַזיווי איך האָב זיך געפילט אַ ביסל תקיף האָב איך נישט קיין מורא געהאַט זיך אַקעגנצו־שטעלן... ער האָט מיך טאַקע געסטראַשעט מיט זיין בלאַטנויעם זשוליקע־וואַטן לשון, אָבער איך האָב זיך שוין אויך אויסגעלערנט דאָס לשון און איך בין אים דווקא נישט שולדיק געבליבן... אַז דער זשוליק איז נאָכדעם געוואָר געוואָרן פון זיינע קאָלעגן, אַז ער איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט, מיט זיין טשעפּן זיך צו מיר, איז ער זיך נאָכדעם געקומען פאַרענטפערן און אַנטשולדיקן זיך פאַר מיר:

„אַ געזונט אויף דיר ליאָווא!״, זאָגט ער צו מיר מיט אַ לאַקריצדיקן טאָן. (כאָטש נעם און לייג אים צו צו אַ מכה!). „פאַרגעס אין אַלץ וואָס איך האָב דיר נעכטן געטאָן איך האָב נאָר געמאַכט אַ שפּאַס מיט דיר, איבעריקנס, האָב איך סתם נישט געוואוסט אַז דאָס ביסטו געווען״...

אַזוי האָב איך זיך צוביסלעך אַרויפגעאַרבעט אין לאַגער... ווען עס

וואָלט מיר, חלילה, באַשערט געווען צו פאַרברענגען נאָך אייניקע יאָר אין לאַגער, וואָלט איך זיך אוודאי געווען אַרויפגעאַרבעט אויף נאָך אַ העכערער מדרגה...

איך בין שוין נישט געווען קיין גרינער! איך בין שוין געווען אַן אַלטער אַרעסטאַנט און דעריבער וואָלט מען שוין געדאַרפט פאַר מיר האָבן אַ שטיקל דרך־ארץ, בפרט אַז איך האָב אַ שטיקל פּאָזיציע און האָב אַ מעגלעכקייט זיך צוזאַמענצוקומען מיט העכערע אָפּיצערן און אַז איך האָב זיך נאָך אויך אויסגעלערנט פליסיק צו שעלטן, אין רוסיש, אין טאַטנס טאַטן אַריין, — דאַרף מען אוודאי פאַר מיר האָבן רעספּעקט!...

= ◍ =

מיט די זשוליקעס האָב איך זיך אָבער קיינמאָל נישט ליב געהאַט צו טשעפּן. פון מיין דערפאַרונג אין די לאַגערן, האָב איך זיך געקענט מערער מאָל איבערצייגן, אַז עס לוינט זיך נישט צו טשעפּן מיט זיי, ווייל מען קען טיילמאָל טייער באַצאָלן דערפאַר. חוץ דעם וואָס זיי זיינען אָרגאַניזירט צווישן זיך און פאַרטיידיקן איינער דעם צווייטן, זיינען זיי טיילמאָל אַזוי ווילד, אַז מען קען באַצאָלן מיט׳ן לעבן טאַקע צוליב זייער ווילדקייט. זייער אָפּט געשעט עס אַז זיי הרג׳ענען אַוועק זייערע אייגענע קאָלעגן. אויב איינער פאַרזינדיקט זיך אַקעגן זיי און זיי דעצידירן, אַז מען דאַרף דעם יעניקן אָפּרוימען פון דער וועלט, שפּילן זיי דעמאָלט צווישן זיך אין קאָרטן און דער וועלכער האָט פאַרשפּילט איז מחויב אויסצופירן דעם אורטייל...

זייער ווייניק אַרעסטאַנטן גייען אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער, דאָס הייסט, אין אַזאַ סאָרט קליידונג וואָס קען מאַכן דעם איינדרוק, אַז דער יעניקער איז נישט קיין אַרעסטאַנט נאָר אַ פּרייער בירגער. די זשוליקעס געלינגט מייגסטנס צו פאַרשאַפן זיך אַביסל בעסער אָנטועכץ און שוין דאָס אַליין גיט זיי צו מערער חשובות און דעריבער האָט מען טאַקע רעספּעקט פאַר זיי אויך. מעגן זיי, די זשוליקעס, זיין די גרעסטע דאַכאָ־דיאַגעס אויף דער וועלט, אַלץ האָט מען פאַר זיי מורא. דעריבער האָב איך זיך טאַקע איבערצייגט, אַז קוים געלינגט עס אפילו פאַר אַ דורכ־שניטלעכן אַרעסטאַנט צו פאַרשאַפן זיך אַ ציווילן זשאַקעט מיט אַ פּאָר הויזן, דעמאָלט האָט מען פאַר אַזאַ איינעם דרך־ארץ. ווער שמועסט נאָך, אַז מען האָט אַ פּאָר לעדערנע „סיפּאָזשקעס“ (שטיוול) מיט אַ „פוראַזשקע“

(קאַשקעט), דעמאָלט קאָן זיך נאָך איינעם אויסדאַכטן, דאָס דער יעניקער איז אַ נאַטשאַלניק, דעמאָלט רעדט מען גאָר אַנדערש מיט אַזאַ פאַרשוין. איז אַזוי ווי עס זיינען אַלץ אָנגעקומען פרישע אַרעסטאַנטן, אונגאַרישע און רומעניש, מיינע לאַנדסלייט, האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט, און איך האָב זיך איינגעהאַנדלט פון איינעם פון די נייע לאַגערניקעס, וועלכער האָט נאָך געהאַט אַ ביסל פון זיינע היימישע קליידער (ווי איך האָב אַמאָל געהאַט ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַגער אַריין מיט פינף יאָר צוריק). איך האָב געהאַט אין רעזערוו אַ ביסל צוקער, מאַכאָרקע און ברויט. פאַר די דאָזיקע זאַכן האָב איך זיך געקויפט אַלע זיבן זאַכן וואָס אַ „בלאַטנוי" (פּראָטעקציע־מאַן) באַדאַרף צו האָבן.

זאָל מען מיינען אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ זשוליק!...

„צו וואָס ברויכסטו אָט די אַלע זאַכן?", פרעג איך איינעם פון די גרינע לאַגערניקעס, „עס וועט נישט פאַראיבערגיין קיין צוויי טעג און מען וועט דיך סיי ווי באַגנב'ענען פון קאָפּ ביז צו די פיס. פאַרקויף מיר דיינע פאַר שמאַטעס און אי איך אי דו וועלן מיר ביידע הנאה האָבן דערפון!"...

= ◍ =

עס איז דאָ אַ קאָמיסיע אין לאַגער און מען פאַרשרייבט מענטשן אין שפּיטאָל אויף עטלעכע וואָכן און פלאַי־פלאַים, קיין איין דאַכאַדיאַגנאָ אַקצעפּטירט נישט די קאָמיסיע, אַצינד פאַרשרייבט די קאָמיסיע נאָר די יעניקע וועלכע האָבן אַ גוטן רעקאָרד פון סטאַכאַנאָווצעס, ערשטקלאַסיקע אַרבעטער. איטלעכן, וועמען די קאָמיסיע פאַרשרייבט אין שפּיטאָל אַריין, וועט מען קאָרמענען מיט אַ סטאַכאַנאָווסקי פּאַיאָק און מען וועט נישט דאַרפן טאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער!

דעם צוועק פון דער דאָזיקער קאָמיסיע איז מען ערשט שפּעטער געוואָר געוואָרן. עס פעלן אויס גוטע אַרבעטער צו שטאַרק אַ שווערער אַרבעט אין אַ קוילן־גרובן, אין כאַלמעריו. דעריבער מוז מען זען באַצייטנס אויסצוקאָרמענען דעם עולם כדי זיי זאָלן קומען אַביסל צו די כוחות, אַז מען זאָל זיי נאָכדעם קענען נוצן צו דער שווערער אַרבעט.

כאַלמעריו איז ווייט פון פּעטשאָרע, איינצקע הונדערט קילאָמעטער קיין צפון צו, עס איז נאָענט צום ווייסן ים. דער וועטער דאָרטן איז פיל ערגער ווי אין פּעטשאָרע. אויב אין פּעטשאָרע איז גענוג קאַלט מיט אויסערגע־

ווינלעכע שטורעמס. אַזוי זומער ווי ווינטער, איז דאָרטן נאָך ערגער. נאָך פעטשאָרע קומט וואָרקוטאַ, וואו דער וועטער איז שוין באַדייטנד ערגער ווי אין פעטשאָרע, און נאָך וואָרקוטאַ, ווייטער קיין צפון צו קומט ערשט כאַלמער־יו. נישט אומזיסט שטייט געשריבן „מצפון תפתח הרעה״ (פון צפון פאַנגט זיך אָן ס׳שלעכטס)...

איינער פון די לאַגער פּירערס האָט שטאַרק געוואָלט פון מיר פּטור ווערן, האָט ער באַדאַי געמאַכט פון מיר אַ סטאַכאַנאָוועץ, אַ רעקאָרדיסט. ער האָט אויך מיין נאָמען אַריינגעשוואָרצט אויף דער ליסטע צווישן די אויסגעצייכנטע אַרבעטער... אין אָנפאַנג האָב איך טאַקע נישט געוואוסט, וואָס עס איז דער צוועק פון דער דאָזיקער קאָמיסיע. נאָר אַזויווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן וואוהין מען וויל מיך פאַרשיקן בין איך ערשט געקומען צום שכל...

איך האָב זיך געמיטלעך געלאָזט אויסקאַרמענען פאַר זעקס וואָכן צייט. נאָכדעם, אַז אַ נייע קאָמיסיע איז געקומען צו זען וויאַזוי דער עולם האָט זיך אויסגעקאַרמעט און אויף ווי ווייט מען האָט זיך פאַרפּראַוועט, האָב איך זיך ערשט דעמאָלט אָן עצה געגעבן. איך האָב זיך געקלאָגט פאַר דער קאָמיסיע, אַז בטבע בין איך אַ קראַנקער און אַ שוואַכער און אַז איך האָב קיינמאָל נישט געאַרבעט קיין שווערע אַרבעט; איך בין געווען אַ דאָכאָדיאַגע אַלע יאָרן... דער סוף איז געווען דאָס מען האָט מיך צוריק־געשיקט אין לאַגער וואו איך בין געווען פריער...

אַז דער לאַגער באַאַמטער, וועלכער האָט געוואָלט פון מיר פּטור ווערן, האָט מיך דערזען, האָב איך געמיינט אַז ער קריגט די אַפּאָפּלעקסיע: „דו, זשיד, וועסט ביי מיר דאָ נישט לעבן קיין האָניק!״

„איך האָב פאַר דיר קיין מורא נישט״, ענטפער איך אים אָפּ „פּרוביר מיך אָנרירן, ווייס איך צו וועמען זיך צו ווענדן!״...

אָט צו אַזאַ מדרגה האָב איך, אַ דאָכאָדיאַגע, זיך אַרויפגעאַרבעט!...

38

מן־הסתם איז מיר באַשערט געווען צו לעבן אַביסל גרינגער דאָס לעצטע יאָר אין פעטשאָרער לאַגער. די דאָקטוירים האָבן מיך אָנערקענט פאַר אַ האַלבן אינוואַליד, האָב איך דעריבער געהאַט אַ רעכט צו זיין באַשעפטיקט אין דער זאָנע.

אין דער זאָנע איז געוויינלעך נישט פאַראַן קיין שווערע אַרבעט. די הויפּט שווערע אַרבעט איז קאָנצענטרירט דאָרט וואו מען אַרבעט ביי פאַרשידענע גראַבנס, באַן ליניעס און וואַלד־אַרבעט. איך האָב אויסגענוצט מיין אינוואַלידן רעכט און איך בין געבליבן אין דער זאָנע. איך בין געוואָרן דער לאַטוטניק פונ׳ם לאַגער. איצט, שרייבנדיק וועגן מיין פאַר־גאַנגנהייט, אין גלות רוסלאַנד, רוף איך זיך מיט׳ן נאָמען „לאַטוטניק״. אין לאַגער האָט מען מיך גערופן מיט אַ פיל העכערן טיטול: „פאַרטנאַי״ (שניידער).

עס איז שווער צו דערציילן וויאַזוי איך בין פלוצלינג געוואָרן אַ שניידער, אַז איך האָב כמעט קיינמאָל נישט געהאַלטן קיין נאָדל אין דער האַנט. איך בין געוואָרן אַ שניידער איבער נאַכט! דער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט, אַז עס פעלט אויס אַ שניידער אין לאַגער, און אַזוי־ווי עס איז נישטאָ וועמען ער זאָל צוטיילן צום דאָזיקן פאַך, האָט ער מיך צוגעטיילט דערצו:

„דו וועסט זיין דער שניידער אין לאַגער!״ אַזוי האָט מיר דער נאַ־טשאַלניק פאַראָרדענט אָן איבעריקער חקירה־ודרישה.

פונקט ווי איך, אַ געוועזענער דאַכאַדיאַגע, האָב זיך געקענט אָקעגנ־שטעלן, אויב עס איז נויטיק געווען, אַקעגן זשוליקעס און אַקעגן דעם לאַגער־קאָמענדאַנט, פונקט אַזוי האָב איך געקענט ווערן אַ שניידער אויך, אויב עס איז נויטיק געווען...

איך האָב זיך אַרויפגעאַרבעט צו אַ מדרגה, אַז איך זאָל זיין בכוח צו טאָן זאַכן, וועלכע זיינען אויסערהאַלב מיינע מעגלעכקייטן...

דאָס אַליין בלויז, וואָס איך בין געוואָרן אַ שניידער, האָט מיר שוין פאַרגרינגערט דאָס לעבן, ווייל עס איז אַ גרויסער אונטערשייד צי מען זיצט און מען שטעכט מיט דער נאָדל, צי מען אַרבעט אין וואַלד... חוץ דעם בין איך, טאַקע צוליב מיין שניידעריי, געוואָרן נאָענטער באַקאַנט מיט די קוכערס און אַז זיי האָבן מיך געזען ביים פענצטער, בעת׳ן דער־האַלטן מיין טעגלעכע פאַרציע געקעכטס, האָבן זיי געזאָגט איינער צום צווייטן:

„דאָס איז דער שניידער. גיב אים אַ טאָפּלטע פאַרציע!״...

דער הויפּט קוכער בעט זיך ביי מיר, אַז איך זאָל אים אויפנייען אַן אַנצוג:

„אַז דו, ליאָווא״, טענה׳ט ער צו מיר, „וואָלסט זיך גענומען די מי

און מיר אויפנייען אַ קאָסטיומטשיק, דעמאָלט וועסטו, אַזוי לאַנג ווי איך וועל זיין קוכער, נישט הונגערן אין לאַגער!״

„וואָס דען, וואַנקא״, זאָג איך, „דיר וועל איך נישט אויפנייען אַן אנצוג? גיב מיר נאָר מאַטעריאַל וועל איך דיר אויפנייען אַ „קאָסטיומטשיק״, אַז דער נאַטשאַלניק אַליין האָט נישט אַזאַ גאַרניטור!״...

ביז וואָס וועט, ביז דער קוכער וועט געוואָר ווערן וואָס פאַר אַ „שניידער״ איך בין עס, כאַפּ איך דערווייל אַריין אַן איבעריקן ביסן. סיווי מוזן די קוכערס אָנקומען צו מיר, אַז איך זאָל זיי אַ ביסל בעסער צורעכט מאַכן זייערע טאָג־טעגליכע זאַכן.

= ◍ =

מיין אַרבעט אין לאַגער האָט זיך צוליב נאָך איין זאַך אַ ביסל פאַרגרינגערט. לאַגער קאָמענדאַנט איז געוואָרן מיינער אַ באַקאַנטער איד מיט׳ן נאָמען ליאָווא עלגאַרט. ליאָווא האָט מיט מיר צוזאַמען געאַרבעט אין פאַרשידענע לאַגערן. ער איז אפילו געהאַט געווען מיין בריגאַדיר. ליאָווא איז אַ קיעווער, עס איז שוין 12 יאָר זייט מען האָט אים אַרעסטירט. אויף דער פריי איז ער געווען אַ סקלאַדאָווישטשיק (מאַגאַזינער). האָט אָבער נישט געשטימט דער חשבון ביי אים אין מאַגאַזין, האָט מען אים פאַראורטיילט, פאַר מיסברויכן שטאַטלעכן אייגנטום, אויף צען יאָר. אין לאַגער האָט ער אויך געאַרבעט אַלס מאַגאַזינער. זיינע חטאים האָבן זיך אים ווידערהאָלט: עס האָט ביי אים נישט געשטימט דער חשבון... עס איז אים שוין געהאַט געבליבן צו זיצן בלויז איניקע חדשים. נאָר אַזויווי ער האָט געהאַט אַ רעקאָרד פון דער פריי, ווי אַ סקלאַדאָווישטשיק, וועלכער מיסברויכט שטאַטלעך אייגענטום און מען האָט אים דעריבער פאַראורטיילט אויף צען יאָר, האָט דער לאַגער ריכטער געהאַט אַן אויסגעטראָטענעם וועג, דער ריכטער האָט ליאָוואַ׳ן טאַקע נאָכאַמאָל פאַראורטיילט אויף צען יאָר...

ליאָווא באַקלאָגט זיך פאַר מיר אויף זיין ביטער מזל:

„איך האָב איבערגעלאָזט אַ אינגל מיט מיין פרוי אין דער היים, ער איז שוין אַ דערוואַקסענער מענטש און ער קען נאָכנישט זיין אייגענעם פאָטער!״...

אין דער צייט פון דער מלחמה איז געלונגען זיין פרוי און קינד זיך מציל צו זיין פונ׳ם גרעסטן פייער. לויט ווי זי שרייבט אים, איז עס איינס

פון די אויסטערלישסטע נסים וויאַזוי זיי זיינען לעבן געבליבן, וויאַזוי זיי האָבן זיך מציל געווען פון דער שחיטה אין „באַבי־יאַר״.

„דער גרויסער שרייבער איליא ערענבורג אַליין״, שרייבט זי אים, „האָט מיך אינטערוויואירט און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיך פאַראייביקן אין איינעם פון זיינע שאַפונגען אַלס איינע פון די העלדישסטע פרויען פונ׳ם סאָוועטנפאַרבאַנד״...

ליאָווא עלגאַרט׳ס פרוי ווייסט נאָכנישט, אַז מען האָט אים פאַר־אורטיילט אויף נאָך צען יאָר און אַז ער וועט נאָך דאַרפן זיצן היפשע יאָרן ביז מען וועט אים באַפרייען, אויב ער וועט זיך בכלל באַפרייען. ער איז שוין איבער די פערציק און ער האָט אַ האַרץ־פעלער. זיין פרוי וואונדערט זיך, אין אירע בריוו, פאַרוואָס ער האָט זיך נאָכנישט באַפרייט. זי ווייסט אַז מען האָט אים פאַראורטיילט בלויז אויף צען יאָר און ער זיצט שוין צוועלף יאָר און מען באַפרייט אים נאָך אַלץ נישט. און דאָ פאַרזיכערט ער איר, אין זיינע בריוו, אַז מען וועט אים אינקורצן באַפרייען נאָר זי קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן...

דעם ליאָוואַ׳ן האָב איך אויך געהאַט צו פאַרדאַנקען פאַרוואָס עס האָט זיך מיר געלעבט אַביסל גרינגער דאָס לעצטע יאָר אין פעטשאָרער לאַגער. ער, אַלס לאַגער קאָמענדאַנט, האָט געהאַט אַ געלעגנהייט מיך אויסצו־מיידן ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אַז מען זאָל מיך צושטעלן צו שווערער אַרבעט. ער האָט מיך צוגעשווינט ביי איטלעכער געלעגנהייט.

„גיי אַריין אין באַראַק אַריין״, קאָמאַנדעוועט ער מיר, „אַזוי אַז איך זאָל דיך נישט זען פאַר די אויגן!״...

„אַריינגיין אין באַראַק אַריין״, האָט געהאַט די באַדייטונג, אַז ער וואָלט מיך געדאַרפט אַרויסטרייבן צו שווערער אַרבעט, נאָר אַז ער וועט מיך נישט זען פאַר די אויגן, וועל איך זיין פטור.

„איך בעט דיך איין זאַך״, זאָגט ער מיר איינמאָל בעת אַ געמיטליכן שמועס, „אַז דו וועסט זיך אַמאָל באַפרייען און אַז דו וועסט פאַרבייפאָרן קיעוו, טו זיך אַ כאַפּ אַריין צו מיר אַהיים און גיב איבער אַ לעבעדיקן גרוס צו מיין פרוי און בן־יחיד. זאָג זיי, ווי שטאַרק עס בענקט זיך מיר נאָך זיי... זאָג זיי, אַז איך וועל זיך אינקורצן באַפרייען״...

„אויך בעט איך דיך״, האָט ער מיר ביי מערערע געלעגנהייט געזאָגט, „אויב עס וועט דיר אַמאָל געלינגען צו זיין אַ פרייער מענטש אין אויסלאַנד, דעמאָלט זאָלסטו אויפטרייסלען די גאַנצע וועלט!... דערציייל פאַר דער וועלט

ווי עס לעבן די מענטשן אין די סאָוועטישע טורמעס... וויאַזוי אומשולדיקע אידישע קינדער וועלכע האָבן זיך געוואָלט מציל זיין פון פאַרניכטונג אונטער'ן נאַציזם, ווערן באַהאַנדלט אין רוסלאַנד... זאָל די גאַנצע וועלט וויסן וויאַזוי „פאָניע גנב" באַהאַנדלט אומשולדיקע מענטשן בכלל אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן !"...

נישט נאָר בין איך נישט בכוח אויפצוטרייסלען די גאַנצע וועלט, נאָר אפילו ליאָווא'ס ערשטן וואונטש, איבערצוגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פאַר זיין פרוי און זון, בין איך נישט געווען אימשטאַנד צו דערפילן. עס האָט מיך טאַקע נישט נאָר איינמאָל געפּלאָגט מיין געוויסן, פאַרוואָס איך בין נישט אימשטאַנד געווען נאָכצוקומען זיינע פאַרלאַנגען וועלכע ער האָט ביי מיר ערלעך פאַרדינט.

39

עס קומען אָן פרישע סחורה, נייע עטאַפּן מיט נייע אַרעסטאַנטן, נאָר וואָס פון די וואַגאָנען אַרויס... איך פרעג זיך נאָך, אַזוי זיך פון טשעקאָווסט וועגן, צי עס זיינען נישט פאַראַן צוטיילמאָל היימישע מענטשן צווישן נייעם עולם. איך, ווי איטלעכער אַרעסטאַנט, זוך באַקאַנטע, היימישע. איך דערהער ווי איניקע רעדן צווישן זיך אידיש. אַזוי אַרום בין איך געוואָר געוואָרן, אַז עס זיינען פאַראַן דריי בעסאַראַביער אידן, אַלע דריי פון קישענעוו.

צוויי זיינען פאַרהייראַטע. נאָך דער מלחמה האָבן זיי זיך געהאַט אומגעקערט אַהיים פונ'ם פראָנט. זיי האָבן זיך מיט שווערער מי צוזאַמענגעטראָפן מיט זייערע פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך געהאַט עוואַקואירט קיין מיטל־אַזיע; מיט שווערער מי איז עס זיי געלונגען זיי זאָלן זיך צוביסלעך איינאָרדענען אינ'ם חרוב'ן קישענעוו, וואו עס איז געווען זייער היים פאַר'ן חורבן פון דער צווייטער וועלט מלחמה — און דאָ האָט מען זיי פלוצלינג אַרעסטירט!

מיט איינעם פון די דריי, אַ הויכער מיט אַן איידל ברוין געזיכט. מיט'ן נאָמען חיים פישמאַן, וועלכער האָט איבערגעלאָזט אינדערהיים אַ פרוי אין די הויכע חדשים, האָב איך זיך פון דער ערשטער מינוט אָן שטאַרק באַפריינדעט. אַלע דריי האָבן פאַרלאָרן איטלעכן קאָנטאַקט מיט זייערע אייגענע, שוין חדשים לאַנג ווי זיי ווייסן נישט וואָס עס הערט זיך

ביי זיי אינדערהיים. איך האָב פּרובירט זיי אַרויסהעלפן מיט וואָס נאָר איך האָב געקאָנט. עס איז מיר נאָך גאַנץ גוט געליגן אין טעם וואָס עס הייסט אַזוינס צו זיין אַ פריש געבאַקענער לאַגערניק. עס האָט מיר זייער אָפּט אָפּגעהילכט עליאַכינס געלעכטער אין מיינע אויערן:

„כאַ, כאַ, כאַ, אַזאַ דאַכאַדיאַגע ווי דו ביזט, איז פאַראורטיילט אויף דריי יאָר, כאַ, כאַ, כאַ! עס וועט נישט געדויערן קיין יאָר און דו וועסט אַוועק־פּגר׳ן, כאַ, כאַ, כאַ!"...

דעמאָלט האָב איך טאַקע געהאַט געפילט מיט מיין גאַנץ וועזן אַז עליאַכין איז גערעכט, אָבער דער גורל האָט מסתמא אַזוי געוואָלט, אַז איך זאָל נאָך אַלץ לעבן און עליאַכין איז שוין לאַנג געשטאָרבן. איך דערלעב אין אים חלילה נישט קיין נקמה, אָבער זיין אָפּלאַכן פון מיר, אַ בידנעם מענטשן, אין אַ צייט ווען איך וואָלט זיך געוויטיקט אין טרייסט, וועל איך נישט פאַרגעסן אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן!...

= ◍ =

מיט מיר אין לאַגער איז געזעסן נאָך איינער אַ קישענעווער מיט׳ן נאָמען יעפים ספּאַק. ספּאַק איז נאָך גאָר אַ יונגער יאַט, אָבער ער איז שוין פאַראורטיילט אויף צען יאָר פאַר אַגיטאַציע קעגן דער סאָוועטנ־פאַרבאַנד. וואָס אַזוינס האָט ער אַגיטירט, ווייסט ער אַליין נישט, אַזוי זאָגט ער. איך בין אָבער געוואָר געוואָרן, ווען איך האָב זיך שוין געהאַט באַפרייט, פאַרוואָס ער זיצט. טאַקע זיינע עלטערן אַליין האָבן מיר דערציילט דעם סוד.

איך וועל זיך נאָך אומקערן צו דעם צופאַל.

אַז ספּאַק איז געוואָר געוואָרן פון מיר, אַז עס געפינען זיך צווישן דער נייער „סחורה" דריי לאַנדסלייט פון קישענעוו גופא, איז ער צו זיי צוגעלאָפן מיט אַ שמחה און אַ גדולה, שייך זאָגן, אייגענע לאַנדסלייט!...

„ווי אַזוי הייסט איר?", פרעגט זיי ספּאַק מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, „וואו האָט איר געוואוינט אין קישענעוו? זינט ווען זענט איר שוין אַוועק פון דער היים? אויף ווי לאַנג זענט איר פאַראורטיילט?"

יעפים ספּאַק וויל אַלעס מיטאַמאָל געוואָר ווערן... ער איז אין אַלגעמיין אַ שטאַרק היציקער, קוים וואָס ער איז אַלט צוואַנציק יאָר און שוין זיצט ער גאַנצע דריי יאָר פאַר אַנטי־סאָוועטישער אַגיטאַציע...

די נייע אַרעסטאַנטן באַקלאָגן זיך געבעך אַז די באַדינגונגען אין לאַגער זיינען אויסערגעוויינלעך שלעכטע און זיי ווייסן ממש נישט וויאַזוי זיי וועלן עס קענען אויסהאַלטן. זיי פילן זיך זייער נישט גוט. זיי זיינען געזעסן מערערע חדשים אין טורמע און נאָכדעם זיינען זיי געווען איינוואַגאָנירט אין פי־וואַגאָנען פאַר איניקע וואָכן; זיי האָבן זיך אָנגעליטן הונגער, דורשט און קעלט. איצט אַז זיי זיינען שוין יאָ אָנגעקומען אין אַ לאַגער אַריין קימערט זיך דאָ קיינער נישט, צי האָבן זיי געהאַט אין מויל אַ ביסן ברויט זינט די לעצטע צוויי טעג און צי זיי האָבן אַ פּלאַץ ווי זיך אַהינצוטאָן און מיט וואָס זיך איבערצודעקן.

איך האָב זיי פּרובירט צו טרייסטן, אַז עס וועט נישט אַלעמאָל זיין אַזוי און אַז מיט דער צייט וועט זיך זייער לאַגע פאַרבעסערן אַ ביסל. נאָר ספּאַק לאָזט מיך נישט אויסרעדן, מיט זיין היציקן אימפּעט, לאָזט ער מיך כמעט נישט קומען צום וואָרט און אַנשטאָט ער זאָל מיר העלפן טרייסטן זיינע לאַנדסלייט האָט ער זיי שיער נישט אויסגעלאַכט ווי עליאָכין האָט מיך אַמאָל געהאַט אויסגעלאַכט, ווען איך בין געהאַט געווען אַ פרישער לאַגערניק:

„זאָרגט זיך נישט גאָרנישט”, זאָגט ספּאַק מיט אַ חוזק׳דיקן טאָן, „איר וועט זיך שפּעטער מער באַקלאָגן!”

עס איז מיר געווען שטאַרק פיינלעך צוקוקנדיק ווי מיינע אידישע חברים קלאָגן זיך און ספּאַק לאָזט זיך ממש וואוילגיין אויף זייער חשבון מיט זיינע פּוילע וויצן. אין אמת׳ן האָב איך זיך טאַקע געפילט אין דאָזיקן מאָמענט, אַקעגן די נייגעקומענע, ווי אַן אַרויפגעאַרבעטער גביר אַקעגן אַ קבצן... ווייל ווי נישט איז, האָב איך זיך שוין דאָך געהאַט צוגעוואוינט צו די לאַגערשע מיזעריעס און איך האָב זיך שוין אַרויפגעאַרבעט צו אַ שטיקל פּאָזיציע אויך, איז האָב איך טאַקע פּרובירט ווי ווייט מעגלעך אַרויסצוהעלפן מיינע ניי־געקומענע קאַמעראַדן. אָבער וויפל איז עס אימ־שטאַנד אַן אומבאַהאָלפענער צו העלפן אַנדערע אומבאַהאָלפענע ?...

= ⦀ =

ס׳איז אונז געלונגען אַז מיר זאָלן זיך קאָנצענטרירן אין איין באַראַק. אַז מיר זיינען צוזאַמען פילן מיר זיך היימישער און פרייליכער. פּרובירן מיר ווי ווייט מעגלעך צו פאַרגעסן אין די צרות. דערציילן מיר זיך איבער

פאַרשידענע וויצן, מיינסטנס פּאָליטישע וויצן. די בעסאַראַביער האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט נייע וויצן פון נאָך דער מלחמה:

„ווען טרומאַן האָט זיך געהאַט באַגעגנט מיט סטאַלינען", דערציילט איינער, „האָבן זיי אין אַ פּריוואַטן געשפּרעך דיסקוטירט וועגן די פּראָב־לעמען פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע. פרעגט סטאַלין טרומאַנ׳ען: וויפל פאַרדינט דער דורכשניטלעכער אַרבעטער אַ חודש אין אַמעריקע?

ענטפערט אים טרומאַן: פון דריי ביז פיר הונדערט דאָלאַר אַ חודש.

סטאַלין: וויפל ברויך אַן אַרבעטער אין אַלגעמיין אויף צו לעבן אַ חודש?

טרומאַן: פון 150 ביז 200 דאָלאַר אַ חודש.

סטאַלין קען זיך נישט געבנוג אָפּוואונדערן: איז וואָס זשע טוט דער אַרבעטער מיט די איבעריקע דאָלאַרן וואָס ער פאַרדינט?!...

ענטפער טרומאַן קאַלטבלוטיק: וואָס דער אַרבעטער וויל, דאָס טוט ער מיט זיין איבעריקן געלט...

ווען טרומאַן האָט נאָכדעם געפרעגט סטאַלינ׳ען וויפל עס פאַרדינט אַן אַרבעטער אַ מאָנאַט אין רוסלאַנד, און אַז סטאַלין האָט אים געזאָגט, אַז אַן אַרבעטער פאַרדינט ביי אים פון 300 ביז 400 רובעל און ער האָט צוגעגעבן, אַז אַן אַרבעטער אין רוסלאַנד ברויך ווייניקסטנס פון 700 ביז 800 רובעל אַ חודש, האָט אים דעמאָלט טרומאַן געפרעגט:

„פון וואַנען זשע נעמט דער אַרבעטער די עקסטראַ פאַר הונדערט רובעל אין וועלכן ער נויטיקט זיך איטלעכן חודש?!"

האָט אים סטאַלין קאַלטבלוטיק געענטפערט: „פון וואַנען ער וויל פון דאָרטן נעמט ער!"...

חיים פישמאַן דערציילט, אַז אין די פערציקער יאָרן, ווען די רוסן האָבן אַריינמאַרשירט קיין בעסאַראַביע, האָט מען צוזאַמענגערופן די אַרבע־טער פון די פאַבריקן און מען האָט זיי געזאָגט, אַז פון איצט אָן און ווייטער געהערן די פאַבריקן צו די אַרבעטער אַליין און אַז איטלעכער אַרבעטער האָט אַ חלק אין דער פאַבריק וואו ער אַרבעט. דערויף האָט זיך אָנגערופן אַ פּרוי:

„אפשר וואָלט איר מיר געקענט אויסצאָלן מיין חלק אין מזומן געלט?!".

וויאַזוי אַ טייל רוסן זאָלן נישט האָבן געהאַסט דעם קאָמוניסטישן סיסטעם אין זייער מדינה, אַלץ האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז ביז ווי לאַנג לענין האָט געלעבט איז נאָך געווען צו דערליידן, לענין האָט איינגעפירט

דעם „נעפ״ (נייער עקאָנאָמישער פּראָיעקט — וואָס האָט גורם געווען אַ בעסערע מערכה פאַר די פּויערים) און בכלל זיינען אין לענינ׳ס צייטן נישט געווען אַזויפיל אַרעסטן ווי אין סטאַלינ׳ס צייטן. דערויף איז פאַראַן אַ ווערטל:

„לענין איז געגאַנגען אין שיך (דעריבער האָט ער ווי וויט מעגלעך אויסגעמיטן די בלאָטע), אָבער סטאַלין גייט אין שטיוול!״...

יעפים ספּאַק האָט דערציילט אַ וויץ (צוליב וועלכן ער איז טאַקע פאַראורטיילט אויף צען יאָר, נאָר ער האַלט עס בסוד פאַרוואָס ער איז געגנוי פאַראורטיילט, אָבער דאָס האָט אים נישט צוריקגעהאַלטן, ער זאָל דעם וויץ אויפסניי איבערדערציילן) כאָטש נישט זייער אַ געזאַלצענער וויץ, נאָר צוליב אַ געוויסער אורזאַך וועל איך אים איבערדערציילן.

„אַ רוסישער דיפּלאָמאַט״, דערציילט ספּאַק זיין וויץ, אַ היציקער, ווי זיין געוויינלעכע נאַטור, „איז געווען אויף אַ וויזיט ביי אַ איד אין אויס־לאַנד אין אַן ערב יום־כיפור. דער רוס האָט געהערט ווי דער איד דערמאָנט מערערע מאָל דאָס וואָרט „כל־נדרי״ שמועסנדיק מיט זיין הויזגעזינד. דער רוס איז זייער נייגעריק געווען צו וויסן די באַדייטונג פון דאָזיקן וואָרט. דעם איד איז אָבער שווער געווען צו געבן צום פאַרשטיין פאַר אַ גוי וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אין דער סאָוועטישער גאָטלאָזער אַטמאָספער, וועלכער האָט קוים אַן אַנונג אין רעליגיע, וואָס דאָס איז אַזוינס די באַדייטונג פון „כל־נדרי״. דער איד האָט אים אָבער מסביר געווען שאַבלאָניש, אומגעפער, אַז מען פאַסט אַ גאַנצן מעת־לעת און ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט זאָגט מען אַ מאַליטווע״ (תפילה) מיט׳ן נאָמען „כל־נדרי״. דערויף איז דער רוס אויפגעשפרונגען פאַר פרייד, אַז ער פאַרשטייט דעם תוך פונ׳ם עסק:

„איך פאַרשטיי טאַקע נישט דעם געגויעם טייטש פון „קאָלנידריי״, נאָר איך שטויס זיך אָן״, זאָגט דער רוס, „אַז עס מוז האָבן אַ צוזאַמענהאַנג מיט׳ן וואָרט „קאָלכאָז״. ביי אייך זאָגט מען „קאָלנידריי״, פאַסט מען בלויז 24 שעה, ביי אונז האָט אָבער סטאַלין אַ זאָג געטאָן: „קאָלכאָז!״ — און מיר פאַסטן שוין דעריבער גאַנצע דרייסיק יאָר״...

ווי איך האָב שוין איינמאָל געהאַט באַמערקט, האָב איך אין לאַגער טאַקע נישט געוואוסט געגוי פאַר וועלכער סאָרט פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַ־ציע אַקעגן סאָוועטנפאַרבאַנד יעפים ספּאַק איז עס פאַראורטיילט געוואָרן. ווען איך בין אָבער געווען אין קישענעוו, נאָך מיין ערשטער באַפרייאונג,

אין 1947, בין איך ערשט דעמאָלט געוואָר געוואָרן פון יעפּימ׳ס עלטערן טאַקע, אַז אַט צוליב דעם דאָזיקן וויץ האָט מען עס זייער זון פאַראורטיילט אויף צען יאָר. יעפּים האָט דערציילט דעם דאָזיקן וויץ פאַר עמיצן, נישט אַכטנדיק, אַז אַ צווייטער הערט זיך אונטער. דער אונטערהערער איז געווען אַן אַגענט פון דער ען־קאַ־ווע־דע. ער האָט אים פאַר׳מסר׳ט און מען האָט יעפּימ׳ען דעריבער פאַראורטיילט...

40

שוין מער ווי אַ יאָר זינט עס האָט זיך געענדיקט די מלחמה. דער פאַשיזם אין אייראָפּע איז טאָטאַל פאַרניכטעט געוואָרן. מיט דער פאַרניכטונג פונ׳ם פּאָטענציעלן פאַשיזם וואָלט דאָך אויך דער אַנטיסעמיטיזם אין אַלגעמיין באַדאַרפט באַקומען אַ טויט־קלאַפּ, איז אָבער נישט דער פאַל אין די סאָוועטישע לאַגערן. נישט נאָר ווערן די אידן אין די דאָזיקע לאַגערן באַליידיקט מיט׳ן זידל וואָרט „זשיד״, נאָר מיר מוזן זיך נאָך צוהערן צו אַנטיסעמיטישע דערציילונגען פון די וועלכע האָבן קאָלאַבאָרירט מיט די פאַשיסטן אין דער צייט פון דער מלחמה. אָט איז למשל איינס פון די פערלדיקע מעשה׳לעך:

ווען די דייטשן האָבן געהאַט אָקופּירט אוקראַינע, האָט מען אין אַלע שטעט אַרויסגעטריבן די אידן אויסערן שטאָט און מען האָט זיי צוזאַמענגענומען אויף איין אָרט. די דייטשן האָבן געקאָמאַנדעוועט דאָס די אידן זאָלן פאַר זיך אויסגראָבן גריבער און זיי זאָלן אין זיי אַריינקריכן...

די דייטשן האָבן נאָכדעם באַפוילן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, אַז זיי זאָלן אויסשיסן די אידן אין די גריבער... די קריסטן האָבן נישט געוואָלט אויספירן דעם באַרבאַרישן באַפעל פון די דייטשן און אַלע ווי אין מענטש האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון שיסן אויף די אידן. די דייטשן האָבן געסטראַשעט די קריסטן, אַז אויב זיי וועלן נישט אויספירן זייער באַפעל וועלן זיי שיסן די יעניקע, וועלכע וועלן נישט פאָלגן... אויך די דאָזיקע סטראַשונקעס האָבן נישט געהאָלפן. קיינער וועט נישט שיסן אויף די אומשולדיקע אידן!... האָט די דייטשע קאָמאַנדע פאַרלאַנגט, אַז די אידן זאָלן אַרויסקריכן פון די גריבער און אַז אויף זייער אָרט זאָלן אַריינקריכן די קריסטן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט שיסן אויף די אידן. נאָכדעם, ווי די קריסטן זיינען שוין געווען אין די גריבער אַנשטאָט די אידן,

האָבן די דייטשן קאָמאַנדעוועט. אַז די אידן זאָלן שיסען אויף די קריסטן אין די גריבער. די אידן האָבן געוואָלט אויסשיסן אַלע קריסטן! (אַ גרויסער ליגן!)... אייניקע האָבן אפילו אויסגעשאָסן, נאָר די דייטשן האָבן געגעבן די אידן נישט קיין געלאָדענע ביקסן, כדי קיינער פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג זאָל נישט געשעדיקט ווערן...

נאָכדעם ערשט, אַז דער דייטש האָט קאָמאַנדעוועט, אַז די קריסטן זאָלן אַרויסגיין פון די גריבער און אַז אויף זייער אָרט זאָלן די אידן צוריק אַריינגיין, אַצינד אַז מען האָט די קריסטן קאָמאַנדעוועט זיי זאָלן שיסן אויף די אידן, האָבן זיי מיט סאַטיספאַקציע אויסגעפירט דעם באַפעל... (עס זיינען באַקאַנט פאַלן, ווי נישט די קריסטן און נישט די אידן האָבן געפאָלגט די דייטשע קאָמאַנדע אין ענלעכע דערשיינונגען און זיינען דערפאַר צוזאַמען אומגעקומען).

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז זייער פיל האָבן געגלויבט אין אַזאַ אָדער אַן ענלעכער אַנטיסעמיטישער שילדערונג. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן ווען איך האָב פרובירט איבערצייגן אייניקע ווי פאַלש עס איז די לאָגיק פון אָט די דאָזיקע מעשיות.

אַ איד וועט קיינמאָל נישט פאַרראַטן זיין רעטער, אָדער סיי ווען, ווער עס ווייזט אַרויס אַן אינטערעס צו פאַרטיידיקן אים אין אַן עת־צרה!

= ◍ =

כאָטש איך האָב זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צום אַנטיסעמיטיזם אין די סאָוועטישע לאַגערן, דאָך האָט מיך דער אַנטיסעמיטיזם געאַרט מער ווי אַלץ. די קעלט איז אין צפון סיביר אַ צרה פאַר אידן ווי פאַר נישט־אידן; די מיזערנע באַדינגונגען אין לאַגער איז אויך אַן אַלגעמיינע צרה: די שווערע אַרבעט, דער הונגער די לייז און די קראַנקהייטן זיינען אויך אינטערנאַציאָנאַל, אַזוי פאַר אידן ווי פאַר קריסטן. אָבער ווען עס קומט צום באַליידיקן עמעצן צוליב זיין נאַציאָנאַליטעט איז אַלעמאָל דער „זשיד". אויב מען וויל באַליידיקן עמעצן אין לאַגער, אַ רוס צי אפילו אַן אַזיאַט, דעמאָלט באַדאַרף מען אים נאָר אַ רוף טאָן „זשיד", וועט דער יעניקער אויפטאַנצן ווי גלייך אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. מען מעג איטלעכן באַליידיקן אין לאַגער „פּא מאַטערי", וועט עס קיינעם נישט אַרן נאָר קוים רופט מען איינעם אַ נישט־איד מיט'ן נאָמען „זשיד"

וועט ער שיער נישט אַרויסטאַנצן פון דער הויט...

איבערהויפּט אַצינד, שוין נאָך דער מלחמה, ווען איך ווייס, אַז איטלעכער ווער עס איז נאָר לעבן געבליבן האָט אַ געלעגנהייט אַהיים צו קומען צו זיינע אייגענע און אפילו אין די ערטער וואו אין דער צייט פון דער מלחמה איז פאַר אַ איד געווען לעבנס־געפערלעך צו באַווייזן זיך, אַפילו דאָרטן איז שוין דער אַנטיסעמיטיזם אויסגעראָטעט. אָבער דאָ אין לאַגער האַלט ער זיך אין צעבליען...

אַ טייל אידישע נאַטשאַלניקעס וועלכע ווייסן זייער גוט דעם ריס צווישן דעם אידישן און רוסישן אַרעסטאַנט, וועלכע וואָלטן געקאָנט פיל פאַרגרינגערן די לאַגע פאַר'ן איד אין דער היגזיכט, האָבן זיך זייער זעלטן אָנגענומען די קריוודע פונ'ם איד. ביי פיל געלעגנהייטן האָבן די אידישע נאַטשאַלניקעס געוואָלט זיך אויספיינען פאַר די רוסן דערמיט וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן זייער גלייכגילטיקייט צו זייער אייגענער ראַסע... אויב אייניקע אידן האָבן זיך צוטיילמאָל געמאַכט אילוזיעס אַז זייער ישועה וועט קומען פון אַ אידישן נאַטשאַלניק, האָבן זיי זיך בלויז אַנטוישט אין זייערע אויסרעכנונגען...

יאָ, די מלחמה האָט זיך שוין זייט לאַנג געענדיקט און מיר „פּערע־ביעזשיקעס" האָבן נאָך נישט קיין שום אַנונג ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן פאַר אונז. עס זעט אויס, אַז מיר זיינען טאַקע די זינדיקסטע באַשעפענישן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

מיר זיינען שוין פון לאַנג אונטער דער קאַטעגאָריע פון „אַלטע אַרעסטאַנטן", איז עס טאַקע קיין וואונדער נישט וואָס עס האָט אונז שוין דערעסן די לאַגערשע פּאַראַנדקעס, אויף אַזוי ווייט, אַז זיי גייען אונז שוין אויף די נערוון. פיל פון מיינע „מיטפאַרברעכער" זיינען שוין געשטאָרבן און אויב די רעשט פון די אונזעריקע וועלן נאָך דאַרפן זיצן אַ לענגערע צייט, דעמאָלט וועט סטאַלין פּטור זיין פון צו באַפרייען זיי...

עס האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן דאָס וואָס איך בין געווען צוגעטיילט צו לייכטערער אַרבעט אין לאַגער אַ דאכאדיאַגע בלייבט אַ דאַכאַדיאַגע! אַ דאָקטאָר האָט מיך ביי דער ערשטער געלעגנהייט פאַרשריבן אין שפּיטאָל אַריין. נאָר אַזוי ווי איך בין נישט געווען פון די געפערלעך קראַנקע, אַז

איך זאָל מוזן ליגן, האָט מיך דעריבער געגומען אַ דאָקטאָר פאַר זיין סאַניטאַר. אַלס סאַניטאַר האָב איך געהאַט מעגלעכקייטן צו באַוועגן זיך איבער די באַראַקן פון האָספּיטאַל און האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַגעגענען זיך מיט מערער מענטשן. איך האָב זיך דאָ געטראָפן מיט אייניקע היימישע מענטשען. דאָדי גאָלדשטיין איז שוין דאָ זייט אַ לענגערער צייט. ער, דאָדי, ווייזט מיר אַ קאַרטל פון זיין ברודער, יאָסי, וועלכער איז אין סיגעט און גרייט זיך עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

איך האָב מיינע אייגענע אויגן נישט געוואָלט גלויבן, אָבער עס איז אמת. דער סיגעטער זיגל איז אפילו געשטעמפּלט אויף די מאַרקעס. נאָר קוים האָב איך איבערגעלייענט דאָס קאַרטל וואָס יאָסי גאָלדשטיין האָט געשריבן צו זיין ברודער דאָדי, איז מיר פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. פון דעם דאָזיקן קאַרטל האָב איך זיך דערוואוסט, אַז קיין סיגעט האָבן זיך זייער ווייניק אידן אומגעקערט צוריק. כמעט אַלע סיגעטער אידן, חוץ געציילטע, וועלכע עס איז געלונגען צו ראַטעווען זיך דורך נסים, זיינען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן אין אוישוויץ. אויך בין איך געוואָר געוואָרן פון דאָזיקן קאַרטל, אַז פון מיין משפּחה אין סיגעט און אין סאָטמאַר האָט זיך בלויז איינע, צילי, מיינס אַ פּלימעניצע, געראַטעוועט. אַלע איבעריקע ווי מיינע עלטערן, צוויי שוועסטער מיט זייערע מענער און קינדער, דרייצן אין צאָל, זיינען אַלע אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן.

קוים בין איך געוואָר געוואָרן די טרויעריקע בשורה, וואָס עס איז געשען מיט מיינע אייגענע און מיט די אידן אין אַלגעמיין אין משך פון דער מלחמה, האָב איך געפילט ווי עס וואָלט זיך מיר אויסגעריסן אַ שטיק פונ׳ם האַרץ. איך האָב געפילט ווי די כוחות פאַרלאָזן מיך און כ׳בין טאַקע געפאַלן חלשות... איך האָב זיך טאַקע קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס דערוואַרט די אייראָפּעאישע אידן אַ ליכטיקע צוקונפט. אָבער אויף אַזאַ גרויס אומגליק האָב איך זיך נישט געקאָנט ריכטן!... דער טייוול אַליין וואָלט נישט אומשטאַנד געווען אַ טונקעלער בילד אויסצומאָלן!... די טרויעריקע בשורה האָב איך זיך דערוואוסט אַזוי פּלוצלינג, אַז עס האָט געהאַט אַ ווירקונג ווי עפּעס וואָלט אין מיר עקספּלאָדירט. איז עס טאַקע קיין וואונדער נישט, אַז מיינע נערוון זיינען מיר צעטרייסלט געוואָרן, אַזוי אַז איך האָב געמיינט, איך וועל עס נישט קאָנען אויסהאַלטן.

אגב, איז עס געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז איך זאָל זיך דערוויסן, אַז

עס האָט עקזיסטירט אַ קרעמאַטאָריום און אַז הילטער, ימח שמו, האָט אַזוי אַרום אויף אַ הורטאַוונעם אופן פאַרניכטעט מיליאָנען פון אונזערע, אין די גאַז־קאַמערן. דאָס איז נאָך איינמאָל אַ סימן אויף ווי ווייט איך בין געווען איזאָלירט און נאָר צופעליק בין איך געוואָר געוואָרן אַזאַ געשעעניש וואָס אפילו די קינדער אין די וויגן האָבן עס געוואוסט. די איינצלהייטן פון גרויסן אומגליק וועלכן מיר, אידן, קענען אַמבעסטן אָנרופן מיט׳ן נאָמען „חורבן־איראָפּע״, בין איך ערשט געוואָר געוואָרן אין 1947.

נאָכדעם ווי איך האָב זיך אַביסל באַרואיקט פון מיין גרויסער דער־שיטערונג בין איך דאָך געקומען צו איין פּאָזיטיוון אויספיר: עס דאַרף מיר נישט שטאַרק לייד טאָן פאַרוואָס איך האָב פאַרלאָזן די היים און אויך דאַרף מיר נישט שטאַרק לייד טאָן דאָס, וואָס איך האָב שטענדיק באַדויערט, אַז צוליב מיר איז ב. און איניקע אַנדערע, אַנטלאָפן פון דער היים... עס זיינען טאַקע דאָ אויך פיל אומגעקומען, אָבער עס איז אַבסאָלוט נישט זיכער, אַז ווען די יעניקע וואָלטן געווען געבליבן אינדער־היים, צי זיי וואָלטן געווען געבליבן לעבן...

= ◍ =

פישעל רובין, דער יעניקער וועלכער איז געהאַט געווען אין שפּיטאָל דערפאַר ווייל ער איז אַנטלאָפן כדי דער זעלנער זאָל אים נאָכשיסן, איז שוין אויפסניי אין שפּיטאָל. איצט באַדאַרף ער שוין מען קיין מורא נישט צו האָבן, אַז מען וועט אים צוריק שיקן אין לאַגער אַריין און אַז ער וועט מוזן גיין אַרבעטן... עס איז מיט אים ליידער געשען אַ גרויס אומגליק: מען האָט אים געמוזט אַמפּוטירןביידע פיס... ווען ער איז געהאַט צוריק געקומען אין לאַגער פונ׳ם שפּיטאָל, איז ער כמעט אין גאַנצן געזונט געוואָרן. ער האָט נאָר בלויז אונטערגעהינקן אויף אַ פיס. אַז מען האָט אים נאָכדעם געטריבן צו אַלגעמיינער שווערער אַרבעט, האָט ער זיך געקלאָגט, אַז ער קאָן נישט מיט זיין פאַרקריפּלטן פיס נאָכהאַלטן די בריגאַדע אויף ווייטע שטרעקעס, האָט ער דעריבער פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים צוטיילן צו אַן אַרבעט אין דער זאָנע.

„איך בין אַן אינוואַליד״, האָט ער גע׳טענה׳ט, „טאָר מען מיך דעריבער נישט שיקן צו אַלגעמיינער שוואַרצער אַרבעט!״...

אַזויווי זיינע טענות האָבן אים געהאָלפן ווי פאַר אַ טויטן באַנקעס האָט

ער זיך דעריבער איינגעשפּאַרט און ער האָט בכלל נישט געוואָלט גיין צו דער אַרבעט. דאָס הייסט, אַז ער איז געוואָרן אַן „אטקאזטשיק". האָט דער נאַטשאַלניק פאַראָרדנט אַז מען זאָל אים פאַרשפּאַרן אין איזאָלאַטאָר און אַז מען זאָל פישעל׳ן דאָרטן האַלטן ביז ער וועט נישט וויליק זיין צו גיין צו דער אַרבעט מיט די בריגאַדעס. פישעל איז אָפּגעזעסן אין איזאָלאַטאָר גאַנצע צוויי וואָכן. אַזוי ווי אין איזאָלאַטאָר איז געווען קאַלט זייַנען אים ביידע פיס אָפּגעפרוירן. דעריבער האָט מען אים געמוזט אַרונטערנעמען ביידע פיס. עס איז אַ גרויס רחמנות צו קוקן אויף אים וויאַזוי ער זעט עס אויס מיט זיינע צוויי אונטערגעהאַקטע ביז צו דער קני פאַרבאַנדאַזשירטע פיס... קוקנדיק אויף אים פיל איך זיך אַזויווי אַ מיטשולדיקער אין זיין אומגליק... ווייל עס האָט דאָך מיט מיר אויך געקאָנט געשען אַזאַ אומגליק!... אָבער דערווייל האָט עס בלויז אים געטראָפן.

„די ען־קאַ־ווע־דע האָט שוין נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר מיר", זאָגט ער מיר מיט אַ גאַלגאַן־הומאָר. „איצט זייַנען זיי שוין זיכער מיט מיר, אַז איך וועל פון זיי נישט אַנטלויפן!"...

מיט משה וועג האָט פּאַסירט אַן אַנדער אומגליק. משה וועג איז דער וועמען איך האָב אַלס דעם ערשטן סיגעטער באַגעגנט אין דער סטאַניס־לאַוווער טורמע. די באַן איז אים איבערגעפאָרן און ער איז אויגנבליקלעך דער׳הרג׳עט געוואָרן... ער האָט זיך געמוזט זייער שטאַרק ענטווישן אין זיינע „כאַווײרים" און ער איז דעריבער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד...

אין שפּיטאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַן אַנדערן סאַניטאַר פון אַן אַנדערן דאָקטאָר, מיט איינעם אַ ראַכיווער שלמה ווידער. ער, שלמה ווידער, איז עס דער יעניקער וועלכער האָט מיר אַ יאָר שפּעטער, דער ערשטער, איבערגעגעבן אַן אומדירעקטן גרוס פון מיין באַשערטער, פון ב׳ן, וואָס צוליב זיין אינפאָרמאַציע זייַנען מיר געוואָר געוואָרן וואו מיר זייַנען עס אין דער וועלט.

מיט שלמה ווידער׳ן ביז איך שוין אויסגעווען אין פאַרשידענע לאַגערן און אין טורמעס. מיר האָבן צוזאַמען איבערגעלעבט קאַלטס און וואַרעמס. אַצינד זייַנען מיר נאָכאַמאָל צוזאַמען. אַזוי ווי שלמה ווידער איז פון ראַכיוו, אַ קאַרפּאַטישער, איז ער ביי זיך זיכער, אַז מען וועט אים איינ־קורצן באַפרייען.

„איך בין אַ קאַרפּאַטישער", זאָגט ער מיר, „און קאַרפּאַטן־אוקראַינע איז היינט אונטער'ן סאָוועטישן רעזשים, בין איך הייסט עס אויטאָמאַטיש אויך אַ סאָוועטישער בירגער און אַלס אַזעלכער איז נישט פאַראַן קיין גרונט, אַז מען זאָל מיך נישט אינקורצן באַפרייען".

ער זאָגט מיר, אַז ער האָט שוין אפילו אָנגעשריבן אַ „זאיאוולעניע" (ווענדונג), צו באַרבאַנאָוו'ן, צום „נאַטשאַלניק־אופּראַוולעניע" (הויפּט־נאַטשאַלניק איבער די פּעטשאָרער לאַגערן) און ער איז מער ווי זיכער, אַז נאָכדעם ווי דער נאַטשאַלניק וועט האָבן גרינטלעך דורכשטודירט די זאיאוולעניע וועט מען אים גלייך באַפרייען.

איך בין מיט אים דווקא איינפאַרשטאַנען, עס איז טאַקע לאָגיש אויך, אַז מען וועט אים אינקורצן באַפרייען, פּונקט ווי מען וועט מסתמא אַלע קאַרפּאַטישע פּערעביעזשטשיקעס באַפרייען. נאָר איך האָב אים אויף קיין אופן נישט געוואָלט נאָכגעבן, אַז מען וועט אים באַפרייען צוליב זיין „זאיאוולעניע", וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַר'ן „נאַטשאַלניק אופּראַוולע־ניע".

„עס שאַדט נישט, דאָס וואָס דו האָסט אָנגעשריבן די „זאיאוולעניע", עס וואָלט נישט געשאַדט ווען אַלע קאַרפּאַטישע פּערעביעזשטשיקעס וואָלטן געטאָן דאָס זעלבע אָבער איך גלויב: קוים אַז דיין באַפרייאונג וועט קומען צוליב דיין „זאיאוולעניע"... באַפרייען וועסטו זיך מסתמא דעמאָלט ווען עס וועט אָנקומען אַ „פּריקאַז", אַז מען זאָל באַפרייען אַלע קאַרפּאַטישע און דעמאָלט וועסטו אויך זיין בתוכם"...

שלמה ווידער שטאַמט פון זעלבן שטעטל וואָס לאה'קע, הערשעל פּאָלאַקס געוועזענע כלה. הערשעל פּאָלאַק, נעבעך, איז שוין לאַנג אויפ'ן עולם האמת. מיר דערמאָנען זיך אין פיל פון אונזערע באַקאַנטע, וועלכע מיר ווייסן אויף זיכער אַז זיי זיינען שוין געשטאָרבן אין די לאַגערן און אויך וועגן די יעניקע וועלכע מיר ווייסן נישט וואָס עס איז געשען מיט זיי. דער עיקר דערמאָנען מיר זיך אין הערשעל פּאָלאַק אין זיין לאה'קע וואָס פאַר אַ פלאַם־פייערדיקע ליבע עס איז געווען און ווי טראַגיש זי האָט זיך געענדיקט!...

= ◍ =

עס איז נישט פאַריבער קיין לאַנגע צייט און מען האָט אַלע קאַרפּאַטישע אַרויסגערופן צו באַפרייאונג. עס איז קיין וואונדער נישט וואָס שלמה איז

עס אַזוי שטאַרק פאַרפאַרעט. אַ קלייניקייט. ער באַפרייט זיך פון די סאָוועטישע לאַגערן נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעזעסן גאַנצע זעקס יאָר!...

קוים רופט מען איינעם אַרויס צום באַפרייען דעמאָלט טרייבן אים די לאַגער קאָמענדאַנטן ווי די מצריים האָבן געטריבן די אידן פון מצרים בשעת מכות־בכורות. מען גיט נישט געגוג צייט פאַר די באַפרייטע אַז זיי זאָלן זיך קענען געזעגענען מיט זייערע חברים. געוויינלעך מוז מען אין אַזאַ צייט דורכגיין פאַרשידענע פאָרמאַליטעטן און פּראָצעדורעס, מען מוז גיין אין ביוראָ כדי צו פאַרשרייבן די זאַכן וואָס מען נעמט מיט זיך מיט, מען מוז לויפן פון איין נאַטשאַלניק צום צווייטן אונטערצושרייבן פאַר־שידענע אַקטן, דער עיקר, צי דער נאַטשאַלניק האָט נישט וואָס עס איז אויסצוזעצן אַקעגן דעם באַפרייטן... קוים איז מען פּטור פון די דאָזיקע פאָרמאַליטעטן קומט דער דיזשורנע און טרייבט שנעל אַרויס פונ'ם לאַגער. איבערהויפּט די פערעביעזטשיקעס וועלכע האָבן נישט געוואוסט אין פאַרויס ווען עס וועט זיך ענדיקן זייער טערמין. פאַר זיי איז די באַפרייאונג געווען מער איבעררעאשונג ווי פאַר די איבעריקע „זעקא" (פאַר־קירצונג פון וואָרט אַרעסטאַנט — רוסיש), איז טאַקע פאָרגעקומען, אַז מען האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו געזעגענען זיך מיט די קאַמע־ראַדן וועלכע פאַרבלייבן נאָך אויף אַן אומבאַשטימטן טערמין.

„איך בעט דיך זייער שלמה" — זאָג איך אים מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם — „אַז דו זאָלסט נישט פאַרגעסן אין דיין ברודער־אין־נויט. שרייב מיר פון צייט צו צייט אַ קאַרטל. לאָמיך פילן, אַז איך האָב עמעצן אויף דער פריי ווער עס דערמאָנט זיך צוטיילמאָל אין מיר. נאָר מיין הויפּט ביטע צו דיר איז, אין פאַל דו וועסט זיך באַגעגענען אויף דער פריי מיט עמיצן, וועך עס ווייסט עפּעס וועגען ב'ן אָדער וועגן איר ברודער אָסקאַר, זאָלסטו מיר גלייך מודיע זיין"...

עס איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז שלמה האָט מיר אַלץ צוגעזאָגט. ער האָט קוים צייט געהאַט זיך אַרומצוכאַפּען מיט מיר. מיר האָבן זיך געזעגענט און צעקושט בעת איינער אַ לאַגער קאָמענדאַנט האָט אים געטריבן אַז ער זאָל שוין פאַרלאָזן דעם לאַגער.

„איך האָף", שרייט ער מיר נאָך, „אַז אויך דו וועסט זיך אינקורצן באַפרייען!"

שוין צום צוועלפטן מאָל אַז איך קוק זיך צו ווי מאַסן מענטשן באַפרייען זיך! מענטשן באַפרייען זיך איטלעכן טאָג. איניקע וועלכע זיינען באַגאַנגען

דעם זעלבן פאַרברעכן וואָס איך און אַנדערע וועלכע זיינען פיל גרעסערע פאַרברעכענס באַגאַנגען באַפרייען זיך פיל שנעלער. איך, שוין אַן אַלטער לאַגערניק, ווער נאָך מער פאַרעלטערט נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן, אַז אויך מיך זאָל מען שוין באַפרייען.

שלמה האָט געהאַלטן וואָרט און ער האָט מיר געשריבן אַ קאַרטל. ער באַקלאָגט זיך, אַז נאָכדעם ווי ער האָט שוין קוים דערלעבט די באַפריי־אונג און איז אָנגעקומען אַהיים האָט ער קיינעם פון זיינע אייגענע נישט געטראָפן ביים לעבן. דערפאַר האָט ער זיך געטראָפן מיט אייניקע באַקאַנטע וועלכע האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט אים און אַז עס איז אַ גרויסע זאַך צו זיין אַ פרייער מענטש... ער וויל וויסן צי איך האָב זיך נאָך נישט באַפרייט און צי איך בויטיק זיך אין עפּעס. פון ב'ן ווייסט ער נאָך לעת־עתה גאָרנישט. טאָמער וועט ער עפּעס געוואָר ווערן וועט ער מיר גלייך לאָזן וויסן.

= ◍ =

עס איז נישט פאַראיבער קיין לאַנגע צייט זייט מען האָט באַפרייט די קאַרפּאַטישע פערעביעזטשיקעס און מען האָט אַרויסגערופן צו דער באַפריי־אונג אַלע רומענישע פערעביעזטשיקעס. אויך די יעניקע „מעפּילים", וועלכע זיינען געהאַט געוועזן די ערשטע צו אַנטלויפן קיין רוסלאַנד אין 1940, ווען די אונגאַרן האָבן אָקופּירט טראַנסילוואַניע. אָבער די אונגאַרישע פערעביעזטשיקעס באַפרייט מען נאָך נישט! צוליב דעם וואָס איך בין ערשט מיט צוויי חדשים שפּעטער אַנטלאָפן פון דער היים, בין איך שוין געוואָרן אַן אונגאַר, דאָס הייסט, אַז איך בין אונטער דער קאַטעגאָריע פון די אונגאַרישע בירגער און דעריבער וועל איך נאָך מוזן אַ היפּש ביסל צואוואַרטן.

איך האָב אָבער געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז מען וועט די רומענישע פערעביעזטשיקעס באַפרייען פאַר די אונגאַרישע. איך האָב געהאַט, אין דער צייט ווען די מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען אין פולן ברען, געלייענט אַן אַרטיקל אין אַ רוסישער צייטונג. דער אינהאַלט פון דאָזיקן אַרטיקל איז געווען פאָלגענד: „אַזויווי די אונגאַרן זיינען צווישן די אַקטיווסטע מיט־קעמפערס פון נאַציסטישן רעזשים, זיינען זיי שוין במילא פּאָטענציעלע מיטהעלפערס אין די רייען פון היטלערס חיילות. זיי, די אונגאַרן, שטייען

נישט אָפּ פון די פאַשיסטישע האָרדעס, זיי מאָרדן און פאַרניכטן אומשולדיקע סאָוועטישע בירגער. דעריבער, ווען עס וועלן זיך אונטעררוקן די טעג פון נקמה, וועלן די אונגאַרן באַקומען זייער פאַרדינטע פאַרציע. עס וועט זיי אוודאי נישט געשענקט ווערן!... גרויס וועט זיין זייער שטראָף! דער טאָג פון נקמה איז באַענט!"...

שוין דעמאָלט, לייענענדיק דעם אַרטיקל, האָב איך געפילט ווי איך בין אויך איינער פון די דאָזיקע אין וועלכע מען דאַרף נקמה נעמען... שוין דעמאָלט האָב איך געפילט, אַז אויך איך ווי אַלע איבעריקע אונגאַרישע פערעביעזשיקעס, ווערן, לויט דער סאָוועטישער לאָגיק, באַטראַכט צווישן די גאַנץ שווערע פאַרברעכער, נאָר מיט׳ן אונטערשיד וואָס פון די יעניקע, וועלכע זיינען אויף אַן אמת שולדיק וועט מען ערשט שפּעטער נקמה נעמען. נאָכ׳ן זיג ערשט, נאָר פון אונז האָט מען שוין אָנגעהויבן צו נעמען נקמה נאָך איידער די מלחמה האָט זיך אפילו געהאַט אָנגעהויבן.

איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט געוואָר צו ווערן, דורך אַ רוסישן נייעס־בולעטין, אַז די רומענער האָט עס געלונגען צו פאַרטרייבן די דייטשן פון זייער טעריטאָריע, מיט היפּשע חדשים איידער די מלחמה האָט זיך געענדיקט און דעריבער האָבן די רומענישע פערעביעזשיקעס אַ גוטן שאַנס צו זיין אַ פּריווילעגירטע קאַטעגאָריע צו באַפרייען זיך פון לאַגער פאַר די אונגאַרישע. וכך הוה, עס איז טאַקע אזוי געשען.

אַז די רומענישע פערעביעזשיקעס האָבן זיך שוין אויך געהאַט באַפרייט און איך בין נאָך פאַרבליבן אין לאַגער, האָב איך זיך געפילט מער דערשלאָגן ווי ווען עס איז פריער. עס האָט מיך מער ווי אַלעס געערגערט מיין גורל, אַז די זעלבע פאַרברעכערס, פון דעם זעלבן אָרט, באַפרייען זיך מאַסנוויז און איך מוז ווייטער פאַרבלייבן הינטער די שטעכל דראָטן! איך האָב געפילט אַז איך פּלאַץ און אַז איך וועל ממש נישט זיין בכוח ווייטער אויסצוהאַלטן!...

41

עס האָט ענדלעך געשלאָגן די גרויסע שעה מען האָט אויך מיך אַרויס־גערופן צום באַפרייאונג. אין דעם דאָזיקן לאַגער בין איך געווען דער איין און איינציקער פערעביעזשיק, דער לעצטער. איך בין טאַקע ממש דער לעצטער פערעביעזשיק וועלכער ווערט באַפרייט פאַר דעם דאָזיקן

פאַרברעך אין די סאָוועטישע לאַגערן. איך מיין פון דעם סאָרט פערע־ביעזטשיקעס ווי איך בין. געשען איז עס אין סוף פעברואַר 1947.

איך ווער אַ פרייער מענטש אין אַ לאַנד וואו איך האָב קיינעם נישט! איך האָב קיין קרובים און קיין באַקאַנטע צו וועמען איך זאָל קענען אָנקומען. טאָמער האָב איך יאָ אייניקע באַקאַנטע אין די קאַרפּאַטן, מייגע געוועזענע קאַמעראַדן אין לאַגער, לאָזט מען מיך נישט פאָרן אַהין צו זיי. די קאַרפּאַטן זיינען נאָענט צו דער רומענישער גרעניץ און מען וויל מיר נישט געבן קיין דערלויבעניש צו וואוינען נאָענט צו דער גרעניץ... איז וואוהין פאָרט מען און צו וועמען קומט מען?... אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן איך זאָל פאָרן קיין טשערנאָוויץ וואו איך בין געווען פאַר דער מלחמה? אפשר וואָלט מיר געלונגען איך זאָל דאָרטן טרעפן עפּעס אַ באַקאַנטן פון פאַר דער מלחמה? חיים פישמאַן און יעפּים ספּאַק ראָטן מיך, אַז איך זאָל בעטן אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין קישענעוו. אַזוי ווי זיי זיינען קישענעווער וועלן זיי מיר קענען געבן אָנווייזונגען, וויאַזוי איך וואָלט זיך געקאָנט דאָרטן איינאָרדענען. הכלל, איך האָב דעצידירט, אַז איך וועל פאָרן אָדער קיין קישענעוו אָדער קיין טשערנאָוויץ.

ווען איך בין געגאַנגען צו דער ען־קאַ־ווע־דע נאָך מיינע אַקטן, האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז אַלץ געוועזענער אַרעסטאַנט האָב איך נישט קיין רעכט צו וואוינען אין קיין גרעסערע שטעט ווי קישענעוו אָדער טשערנאָוויץ. זיי, די ען־קאַ־וועדע, האָבן מיר דעריבער געראָטן, אַז איך זאָל זיך אויסקלייבן אַ קלענער שטעטל צווישן די דאָזיקע צוויי שטעט און נאָכדעם וועלן זיי מיר אויסשטעלן די אַקטן מיט אַ דערלויבעניש צו באַזעצן זיך אין איינעם פון די קלענערע שטעטלעך. האָב איך זיך דערמאָנט, אַז עס איז פאַראַן אַ שטעטל מיט׳ן נאָמען בעלץ, וואָס איז צווישן טשער־נאָוויץ און קישענעוו. דאָס שטעטל בעלץ איז מיר באַקאַנט פונ׳ם לידל: „בעלץ, מיין שטעטעלע בעלץ" און אויך דערפאַר וואָס איינער פון מיינע באַליבסטע העברעאישע דיכטער יעקב פיכמאַן, איז דאָרטן געבוירן געוואָרן.

ענדלעך האָב איך באַקומען די דערלויבעניש צו פאָרן קיין בעלץ און נאָך אין משך פון יענעם טאָג האָב איך דערהאַלטן אַ בילעט צו פאָרן קיין פעטשאָרע, אין דער פערעסילקע, וואו איך בין געהאַט געווען מיט זעקס יאָר צוריק, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אָנגעקומען אַלס נייער לאַגערניק.

מיינע בעסאַראַביער פריינט האָבן אין דער איילעניש אָנגעשריבן אַ

בריוול אַהיים און זיי האָבן מיך זייער געבעטן, אַז איך זאָל אומבאַדינגט אויפזוכן זייערע אייגענע און זיי איבערגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון זיי. דער עיקר, חיים פישמאַן האָט מיך זייער געבעטן, אַז איך זאָל באַזוכן זיינע עלטערן און זיין פרוי און איך זאָל פּרובירן מיט זיי צו ריידן, דאָס זיי זאָלן אָנווענדן כל־הפּעולות, דאָס ער זאָל זיך ווי אַמשנעלסטן באַפרייען פון דאַזיקן שאול־תחתיה. איך האָב קוים צייט געהאַט איבערצוגעמען די בריוולעך פון מיינע פריינט האָט מען מיך שוין אַרויסגעטריבן פון׳ם לאַגער. אַז איך האָב געכאַפּט אַ בליק אַהינטער צו מיינע פריינט האָב איך געגוי געקאָנט זען אין זייערע בליקן ווי זיי פילן, זעענדיק, ווי איינער פון זייער חברותא באַפרייט זיך און זיי בלייבן... זיי האָבן מסתמא געפילט דאָס זעלבע, וואָס איך האָב געהאַט געפילט ווען מאַסן האָבן זיך באַפרייט און איך בין אַלץ געבליבן אין לאַגער...

= ◍ =

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אָנגעקומען קיין פּעטשאָרע אין 1941 איז דעמאָלט דאָרטן נישט געווען וואָס צו זען חוץ לאַגערן. אַצינד איז פּעטשאָרע אַן אויסגעבויטע שטאָט מיט שיינע הייזער און מיט אויסגעלייגטע גאַסן. די בריק, וועלכע מען האָט געהאַט געהאַלטן אינמיטן בויען איבער׳ן טייך פּעטשאָרע, איז שוין זייט לאַנג אַ פּאַרטיקע און צוגן אָנגעלאָדענע מיט קוילן, וועלכע קומען פון וואָרקוטא, פאָרן איבער דעם דאַזיגער בריק, אַזש קיין לענינגראַד.

מיט׳ן כוח פון אומשולדיקע „פאַרברעכער" וואַקסט די געגנט; מיט׳ן כוח פון מענטשלעכע פאַרשניטענע לעבנס אין די טויזנטער איז אויס־געוואַקסן אַ נייער ישוב... וויפל אַזעלכע געגנטן אַנטוויקלען זיך עס אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין משך פון איין יאָר און וויפיל אומשולדיקע לעבנס ווערן עס פאַרשניטן צוליב די דאָרטיקע מיזעריעס ? !...

דאָ, אין דער פּעטשאָרער פּערעסילקע (פּאַרטיילונגס פּונקט פון אַרעס־טאַנטע און באַפרייטע) האָב איך זיך צופעליק באַגעגנט מיט נאָך אַ פערע־ביעזשיק, מיט איינעם זעליק יאַקובאָוויטש פון סאַזרעגען, טראַנסילוואַ־ניע. זעליק זאָגט, אַז ער קאָן מיך גוט נאָך פון דער היים, כאָטש איך געדענק נישט אַז איך זאָל אים געווען האָבן ווען עס איז באַגעגנט. ער איז געווען פאַר דער מלחמה אין סיגעט, זאָגט ער, און ער גיט מיר אפילו

אַ סימן וואו מיר האָבן זיך באַקאַנט, מיר זיינען ביידע געווען אין דער יוגנטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון „בני־עקיבא" און ביי איינער אַן אסיפה האָב איך געהאַלטן אַ פאָרטראַג ווען ער איז אָנוועזנד געווען. אויך זעליג יאַקובאָוויטש האָט געוואָלט פאָרן קיין קישענעוו אָדער קיין טשערנאָוויץ, האָט מען אויך אים, פונקט ווי מיר, נישט געוואָלט געבן די דערלויבעניש אַהין. האָט ער זיך אויסגעקליבן בעלץ. וואָס פאַר אַן אויסער־געוויינלעכער צופאַל!

נאָך איידער איך האָב פאַרלאָזט וואיע־וואזש, די אָרטשאַפט וואו דער לאַגער פון וועלכן כ'האָב זיך באַפרייט איז געווען, האָב איך דערהאַלטן אויסגעצאָלט פיר הונדערט רובל, פאַר מיין זעקס יעריקער פראַצע אין לאַגער.

די סומע איז זייער אַ נישטיקע. עס איז געווען אַזויפיל וויפיל אַ שוואַרץ־אַרבעטער פאַרדינט אַ חודש פאַר זיין אַרבעט, אין סאָוועטנפאַרבאַנד. עס וואָלט מיר מער געקומען, ווען עס געשעט נישט מיט מיר די מעשה וואָס מען האָט מיך אונטערגעצונדן, און מיינע וואַטענע שמאַטעס זיינען אויף מיר פאַרברענט געוואָרן... מען האָט מיר אַראָפּגערעכנט פאַר'ן שאָדן וואָס איך האָב פאַראורזאַכט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אפילו נאָכדעם ווי מען איז שוין באַפרייט געוואָרן קומט אויס צו זיין צוזאַמען מיט די אַרעסטאַנטן אין פעטשאָרער לאַגער. ביז מען דערליידיקט אַלע פאָרמאַליטעטן, ווי באַן בילעטן און דעזינפעקציע, און ביז מען דערהאַלט די טרוקענע פראָדוקטן אויפ'ן וועג, אַזוי לאַנג איז מען אַ באַפרייטער אַרעסטאַנט, דאָס הייסט אַן אַרעסטאַנט איז מען טאַקע שוין נישט, אָפיציעל, אָבער אַרומוואַלגערן זיך צווישן אַרעסטאַנטן און ציטערן פאַר זשוליקעס דאָס מוז מען נאָך אַלץ.

איז איידער איך בין אַריין אין פעטשאָרער לאַגער אריין, צו דער־ליידיקן אַלע פאָרמאַליטעטן, האָב איך זיך צוריק דערמאָנט וואָס איך האָב איבערגעלעבט טאַקע אין דעם זעלבן לאַגער, מיט זעקס יאָר צוריק ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אָנגעקומען אַהער. דער עיקר האָב איך זיך דערמאָנט אין די געפערלעכע זשוליקעס וועלכע זיינען דאָ געווען אין דער פערעסילקע. אַצינד, האָבנדיק מיט זיך אייניקע הונדערט רובל, אַ פאַרמעגן וואָס איך האָב דאָ, אין רוסלאַנד, קיינמאָל נישט פאַרמאָגט, האָב איך מורא געקראָגן, אַז דאָ קאָן נאָך מיין פאַרדינסט פון מיין זעקס יעריקער פראַצע אַוועק מיט'ן רויך אין איין אויגנבליק... איך האָב געהאַט

אַ פאַרגעפּיל, אַז איך מוז זען צו טאָן עפּעס כדי צו פאַרזיכערן מיין קאַפּיטאַל. איך האָב זיך מאָמענטאַל מיישב געווען, אַז עס וואָלט געווען אַמבעסטן, אַז איך זאָל איבערגעבן דאָס געלט צום דעזשורנע פונ׳ם לאַגער און נעמען פון אים אַ קבלה, אַ קוויטאַנציע, און ווען איך וועל פאַרלאָזן דעם לאַגער־ וועל איך אויף אַזאַ אופן צוריקבאַקומען מיינע אָרעמע רובל.

זעליג יאַקאָבאָוויטש, וועלכער איז אָנגעקומען אַ ביסל פריער פון מיר אין פעטשאָרער לאַגער, האָט נישט איבערטראַכט וואָס פאַר אַן אומאַנגענעמלעכקייטן ער קאָן אויסשטיין אין לאַגער כאָטש ער איז שוין אַ פרייער מענטש. ער איז ביי זיך זיכער, אַז אַלץ פרייער מענטש וועלן איבער אים די זשוליקעס נישט האָבן קיין שליטה. נאָר ווי מיר וועלן זען האָט ער געהאַט אַ גרויסן טעות. דאָס אומפאַרמיידלעכע איז געשען אַ סך פריער ווי ער האָט זיך אַליין געקענט ריכטן.

מיר זיינען ביידע געלעגן אויף דער נאַרע און מיר האָבן פּרובירט זיך אויסרוען אונזערע פאַרהאָרעוועטע גופים ווען מיר פילן פּלוצלינג ווי מען ציט אונז ביי די פיס. איינער אַ זשוליק, אַ הויכער אַ געזונטער מיט ברייטע ביינער, אין דער באַגלייטונג פון אַ צווייטן, אויך אַ מין גלית־הפלשתי, ווענדט זיך צו אונז:

„א נו־קאַ, קריכט אַפּיר פון די נאַרעס, לאָמיר זיך באַקאַנט מאַכן!״...

מיר האָבן שוין געזען וואָס פאַר אַ באַקאַנטשאַפט דער חברה־מאַן איז אויסן, איבערהויפּט, אַז ער האָט אונז אָנגעהויבן צו טאַפּן אין די קעשענעס.

„גיט אַיין פיפס״, סטראַשעט ער אונז, „דעמאָלט וועט מען אייך נבלות, אַוועקפירן אויפ׳ן בית עולם אַנשטאָט איר זאָלט זיך באַפרייען!״...

מיר האָבן טאַקע געזען, אַז אונזער שלאַכט איז אַ פאַרלוירענע דאָך האָבן מיר זיך פּרובירט אַקעגנשטעלען. אַ קלייניקייט: מיר זענען דאָך עפּעס פרייע בירגער אינ׳ם ראַטנפאַרבאַנד! מיר האָבן גלייך דערפילט אַ פּאָר קלעפּ אין פּנים און אין בויך פון ביידע זשוליקעס. די זשוליקעס וויסן שוין פון דערפאַרונג, אַז כאָטש זיי וואָלטן געקאָנט באַזיגן זייערע קרבנות, אומגעשלאָגן, איז עס אָבער שוין אַ געוואוינהייט אַזאַ ביי זיי; עס איז שוין זייער אַן אויסגעפּרואווט מיטל, אַז מען פאַרטיקט זיך שנעלער אָפּ ווען מען גיט די קרבנות צו פילן דעם טעם פון אַ פּאָר געזונטע פויסטן. דעם קרבן פאַרגייט שנעל דער אַפּעטיט זיך צו פאַרטיידיקן...

„נו מאַכט עס שנעלער! פּראָסטיטוטקעס וואָס איר זענט איר גיט

זיך באַפרייען איר וועט האָבן געלט וויפיל מיסט אָבער מיר וועלן נאָך דאָ פאכניען פאַר יאָרן און יאָרן. מיר קענען צוטיילמאָל נאָך אַוועק׳פגר׳ן איידער עס וועט זיך אונז איינגעבן די געלעגנהייט צו לייגן די הענט אויף אַזוינע „חתנים״ ווי איר זענט! אַזוינע וואַשנע פאַרשוינען ווי איר זענט יאָוזען זיך נישט איטלעכן טאָג!״

„נו צערעמאָניע זיך ווייניקער!״ שרייען זיי אויף יאַקאָבאָוויטש׳ן זעענדיק ווי ער צעקנעפּלט זיך אַזוי פּאַוואָליע און בשעת־מעשה רוקט איינער אַריין זיינע פויסטן אין זיין פּנים. עס האָט נישט גענומען לאַנג און יאַקאָבאָוויטש איז געווען אַ געריניקטער...

אַציגד איז די רייע אויף דיר!״ ווענדן זיי זיך צו מיר, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט יאַקאָבאָוויטש׳ן. ביז זיי זיינען געווען באַשעפטיקט מיט יאַקאָבאָוויטש׳ן האָבן זיי אויף מיר בלויז געהאַלטן אַן אויג, איך זאָל, חלילה, נישט לויפן אינצווישן און זיי פאַר׳מוסר׳ן פאַר׳ן דיזשורנע... עס קאָן זיי געלונגען, אַז ביידע טייבעלעך זאָלן אַרויספליען פון אונטער זייערע הענט; זיי קענען נאָך האָבן אַ דאָפּלטן פאַרלוסט. אי זיי וועלן נאָך דאַרפן צוריקגעבן יאַקאָבאָוויטש׳ן זיין געלט און אי מיך וועלן זיי נישט זיין אימשטאַנד נאָכדעם צו באַאַרבעטן.

ווען איך וואָלט געקאָנט זיך אַפּירדרייען און לויפן וואָלט איך אוודאי געלאָפן, נישט צוליב מיין קאַפּיטאַל נאָר צוליב יאַקאָבאָוויטש׳עס קאַפּיטאַל. נאָר איך האָב געזען, אַז איך וועל זיך נישט קענען אַרויסדרייען ווייל אַ דריטער פאַרשוין איז געשטאַנען ביי דער טיר...

„אויב איר ווילט מיין געלט״, זאָג איך פאַר די זשוליקעס מיט אַ לשון וואָס האָט כמעט געקלינגען אַזוי זשוליקעוואַטיש ווי זייערס (אין משך פון אַזויפיל יאָרן לערנט מען שוין עפּעס דערפון...) דעמאָלט, פאַזשאַלויסטאַ (ביטע). איר קענט גיין צום דעזשורנע און זאָגט אים, אַז איך האָב אים געהייסן, ער זאָל אייך געבן מיין געלט!״...

זיי קוקן מיך אָן פאַרוואונדערט. ווען איך וואָלט זיי געוועזן געגעבן מיט די פויסטן איבער זייערע געזונטע מאָרדעס וואָלט עס זיי זיכער נישט געאַרט אַזוי, ווי די דאָזיקע ווערטער מיינע. זיי גלויבן מיר נישט, אַז איך האָב טאַקע נישט קיין געלט מיט זיך. זיי זוכן און טאַפּן אין מיינע קעשענעס אַזוי לאַנג ביז זיי האָבן געטראָפן די „זאַפּיסקע״ (צעטעלע) פונ׳ם דעזשורנע.

„וואַט מאַלאַדיעץ״, קלאַפּן זיי מיך איבער דער פּלייצע גוט־ברידעריש „וואַט מאַלאַדיעץ!״ עס פאַרדריסט זיי טאַקע אָבער זיי רעספּעקטירן מיך

פאַר מיין פאַרזיכטיקייט... נאָכדעם געזעגענען זיי זיך מיט אונז ווי גלייך מיר וואָלטן געווען גוטע פריינט. זיי פאַרפעלן נישט אַפילו צו וואונטשן אונז, אַז מיר זאָלן האָבן פיל גליק מיט גוטע רעזולטאַטן אויף דער פריי. פאַר מיר ספּעציעל פאַרפעלן זיי נישט צו מאַכן אַן איבעריקס מאָל אַ קאָמפּלימענט, כאָטש אַ גאַליקן קאָמפּלימענט, אָבער דאָך אַ קאָמפּלימענט! „וואַט מאַלאַדיעץ!"...

= ◍ =

יאַקאָבאָוויטש איז אויסער זיך. ער האָט אַ דאָפּלטן פאַרדראָס. אי דאָס וואָס עס איז געלינגען די זשוליקעס אים צו באַאַרבעטן נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אַזאַ לאַנג יעריקע דערפאַרונג אינ'ם לאַגער לעבן און אי דאָס וואָס זיי האָבן ביי אים אַוועקגענומען דעם גאַנצע פאַרדינסט פון זיין זעקס יעריקער פּראַצע. ער האָט געאַרבעט, שקלאַפּן אַרבעט, פאַר גאַנצע זעקס יאָר און ער האָט במשך פון דער דאָזיקער צייט קיינמאָל נישט באַקומען קיין רובל באַצאָלט. אַצינד, אַז ער האָט שוין יאָ ענדלעך באַקומען עטלעכע הונדערט רובל, זיינען זיי אויך גלייך אַוועק מיט'ן רויך. אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט אַצינד איז אַביסל טרוקענע פּראָדוקטן צו דערהאַלטן זיך דאָס חיות פאַר צען טעג, וואָס וועט ער נאָכדעם טאָן?!

„עס איז נישט אַזוי טראַגיש ווי דו מאַכסט עס", פּרוביר איך אים צו טרייסטן. „עס וואָלט נאָך פיל ערגער געקאָנט זיין, ווען עס געלונגט זיי אויך מיינע פאַר אָרעמע רובל אַוועקצורויבן. ביז וואָס ווען פאַרמאָג איך נאָך עטלעכע הונדערט רובל און וואָס איך וועל עסן, וועסטו אויך עסן".

אין אָנהויב האָט זיך אונז אויסגעדאַכט, אַז פאַר עטלעכע הונדערט רובל קען מען זיך אָנקויפן אַ מאַיאָנטעק מיט עסן. מיר האָבן זיך אָבער גאַר שנעל איבערצייגט, אַז אונזערע פאַר הונדערט רובל האָבן אַ גאַנץ קנאַפּן ווערט. מיר האָבן נישט געקענט באַקומען קיין פּראָדוקטן אין די מלוכה'שע מאַגאַזינען פאַר אונזער געלט. אין אַט־די מאַגאַזינען קאָן מען נאָר קויפן פּראָדוקטן אויף קאַרטן. אויסער די מלוכה'שע מאַגאַזינען, אויפ'ן שווארצן מאַרק, קאָסט אַ שטיקל ברויט פופציק מאָל מער ווי אין מאַגאַזין...

יאַקאָבאָוויטש איז פאַקטיש געוואָרן מיין „סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ". איך האָב געדאַרפט דעצעדירן אין יעדער אָנגעלעגנהייט. ער איז בטבע געווען נאָכגיביק און אויב אפילו ער האָט זיך אַמאָל מיט עפּעס אַקעגנגעשטעלט,

ווען איך האָב אָפּגעמאַכט מיין מיינונג אין געוויסע זאַכן, האָט ער זיך אָבער גלייך אונטערגעגעבן. אפילו ביי זאַכען וואָס האָבן געהאַט אַ קאַרדינאַלע באַדייטונג פאַר אונזער צוקונפט און עס האָט זיך געענדיקט מיט אַ בומעראַנג, האָט ער מיר אויך קיינמאָל נישט פאַרגעוואָרפן: פאַרוואָס איך האָב דעצידירט אַזוי און נישט אַנדערש.

„איך פאַרלאָז זיך אויף דיר", זאָגט ער מיר אַלעמאָל, ווען מיר זיינען אין אַ פאַרלעגנהייט.

„דו וועסט שוין אויסגעפינען אַ דרך ווי אַזוי מיר זאָלן זיך אַרויס־דרייען פון דער צרה!"

אויב מיין „דרך" האָט נאָכדעם געטויגט אויף כפרות און מיר האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ נייער צרה, איז אַנשטאָט ער זאָל מיר מאַכן אַ פאַרוואורף וואָס איך וואָלט געווען ערלעך פאַרדינט, איז ער גאָר אויף מיר מלמד זכות:

„דו האָסט גוט געמיינט, עס האָט זיך בלויז נישט אויסגעאַרבעט, איז וואָס קענען מיר זיך העלפען?"...

אָט אַזאַ פאַרשוין איז עס זעליג יאַקאָבאָוויטש!

קוים האָבן מיר דערהאַלטן אונזערע פּראָדוקטן און דאָס געלט וואָס איך האָב איבערגעלאָזט ביים דעזשורנע, האָבן מיר, איך און יאַקאָבאָוויטש, זיך געלאָזט גיין האָפּערדיקע און פריילעכע צום טויער פונ'ם לאַגער. מיר האָבן דערהאַלטן דאָקומענטן, וואָס דאָס אַליין הייסט שוין, אַז ענדלעך זיינען מיר פרייע מענטשן און מיר וועלן שוין מערער נישט זיין אונטערגע־וואָרפן דער קאָמאַנדע פון די באַוואָפנטע זעלנער. אויך וועלן מיר זיך ענדלעך האָבן באַפרייט פון די זשוליקעס און זייערע קאַפּריזן; מיר וועלן שוין מערער נישט דאַרפן גיין אויסגע'שורה'ט צו דער אַרבעט; מען וועט אונז שוין מער נישט ציילן צוויי מאָל אַ טאָג, מיט איין וואָרט: „פריי!"

יאַקאָבאָוויטש איז אַ נישט־דערבאַקענער אינטעליגענט. ער האָט שטו־דירט איניקע יאָר אין די רומענישע גימנאַזיעס. עס פאַרדריסט מיך אַ סך מאָל אויף אים פאַרוואָס ער העלפט מיר נישט מאַכן פּלענער; פאַר־וואָס אויך ער ברעכט זיך נישט דעם מוח כדי צו לייזן אַ פּראָבלעם אין וועלכן אונזער גאַנצע צוקונפט קען זיין אָפּהענגיק. איז ער אָבער אַ סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ־דיקער טיפּ גיט ער מיר אָפּ כבוד ווי גלייך איך וואָלט געווען אַן אַלצוויסער אָבי ער זאָל זיך נישט דאַרפן אָנשטרענגען זיינע חושים. איז ווי פּמאָל מיר ווייסן זיך נישט קיין עצה צו געבן, טענה'ט ער

צו מיר: „דו ווייסט שוין גאַנץ גוט וואָס מען דאַרף צו טאָן אַבי עס זאָל זיך נאָר גוט ענדיקן!״...

מיר זיינען געגנוי אין דער זעלבער עלטער, עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַלט. ער איז אַ הויכער און אַ דאַרער. ער איז מיט כמעט אַ גאַנצן קאָפּ העכער פון מיר. ריידנדיק אין סאַנטשאַ־פּאַנטשאַ׳דיק טערמינען וואָלט זיך געוווּן געפּאַסט, ווען עס וואָלט געווען פּונקט פאַרקערט...

פון פּעטשאָרע דאַרפן מיר גיין צופוס ביז קיין קאָזשווא. דאָרטן איז די סטאַנציע וואו מיר וועלן קריגן בילעטן און קענען פאָרן ווייטער. קאָזשווא איז אומגעפער צווישן צען ביז פופצן קילאָמעטער פון פּעטשאָרע. עס איז געווען שטאַרק קאַלט. אין פעברואַר זיינען אין דער געגנט אַלע מאָל אויסערגעוויינלעכע קעלטן און אוראַגאַנעס. ווען איך בין געהאַט אָנגעקומען קיין פּעטשאָרע, מיט זעקס יאָר צוריק, איז געווען אַ שטורם און אויך אַצינד איז אַ שטורם. אַ שטורם האָט מיך דאָ באַגעגנט און אַ שטורם באַגלייט מיך!...

נישט געקוקט אויף אונזער גאַנצער פרייהייט זיינען מיר קרוע־ובלוע. עס הענגען אונז נאָך פּאַסען פון אונזערע לאַגערשע מלבושים. מיר גייען גאָרנישט בעסער אָנגעטאָן ווי ווען מיר זיינען געווען אַרעסטאַנטן. דאָס ערגסטע אין דאָזיקן מאָמענט איז דאָס וואָס מיר האָבן נישט וואו אַריינצוגיין זיך אָנצוואַרעמען אַ ביסל, נאָכדעם ווי מיר זיינען שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען איניקע קילאָמעטער אין דער דאָזיקער ביטערער קעלט. מיר זעען ווי עס רייכערט זיך ביי די פייערלעך וואו עס אַרבעטן בריגאַדעס אַרעסטאַנטן, וואו די בריגאַדירן, ביי איטלעכן פייערל זיצן און וואַרעמען זיך. מיר האָבן אָבער מורא נאָענט צוצוגיין אַהין, ווייל דער זעלנער, וואָס היט די אַרעסטאַנטן, קען נאָך אַמאָל מיינען, אַז אויך מיר געהערן צו די בריגאַדעס און ער קאָן אונז נאָכדעם נאָכשיסן.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַ סצענע, ווי אַ זעלנער האָט איינמאָל נאָכגעשאָסן אַן אומשולדיקן פרייען סאָוועטישן בירגער וואָס האָט

אומגערן פאַרבלאַנדזשעט צווישן אַ בריגאַדע אַרעסטאַנטן. איך מיט מיין בריגאַדע האָבן מיר געאַרבעט ביי דער אייזנבאַן־ליניע. עס פלעגן אָפטמאָל צוקומען צו אונז מעכאַניקער פון די לאָקאָמאָטיוון און אונז צוטיילמאָל געבן צו אַ פּאַפּיראָס אָדער אַ שטיקל ברויט. אויך אַצינד איז אַ מעכאַניקער פון אַ לאָקאָמאָטיוו צוגעקומען צו אונז און ער האָט אונז געגעבן צו ביסלעך מאַכאָרקע. נאָכדעם, אַז דער מעכאַניקער האָט זיך געמוזט איילן צו זיין מאַשין האָט אים דער זעלנער נאָכגעשריגן, אַז ער זאָל זיך אָפּשטעלן. צי דער מעכאַניקער האָט נישט געהערט, אַז דער זעלנער שרייט אים נאָך; צי ער האָט סתם נישט געוואוסט, אַז דאָס מיינט מען אים, צי ער האָט סתם קיין אַכט נישט געלייגט אויפ׳ן זעלנערס נאָכשרייען, דער זעלנער האָט דעם אומשולדיקן מעכאַניקער נאָכגעשאָסן און דער אָרעמער מאַשיניסט איז אויפ׳ן אָרט אַוועקגעפאַלן אַ טויטער... אַזויווי די קאָלעגן פונ׳ם אומגליקלעכן קרבן האָבן דערזען די גרויזאַמקייט פונ׳ם סאָוועטישן זעלנער האָבן זיי אָנגעהויבן צו פייפן מיט׳ן לאָקאָמאָטיוו. דער לאָקאָמאָטיוו פייפט און פייפט... אַזויווי דער צוג האָט זיך נישט געקאָנט רירן אָן דעם מאַשיניסט און עס זיינען אינצווישן נאָך אָנגעקומען אַנדערע לאָקאָמאָטיוון און אַלע האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן, האָבן מאַסן לאָקאָמאָטיוון אָנגעהויבן צו פייפן... אַז די מאַשיניסטן זיינען געוואויר געוואָרן, אַז אַ גרוילטאַט איז די סיבה פאַרוואָס אַלע צוגן האָבן זיך פלוצים אָפּגעשטעלט, האָבן ערשט דעמאָלט די לאָקאָמאָטיוון אָנגעהויבן צו פייפן מיט אַ מין קלאַגנ־דיקן טאָן; אויסטערלישע פייפערייען זיינען עס געווען!... דאָס איז געווען דאָס איינציקע מיטל ווי אַזוי די קאָלעגן פון אַן אומשולדיקן קרבן האָבן געקאָנט אויסדריקן זייער פּראָטעסט און באַדויערן דעם באַרבאַרישן מאָרד פון אַ סאַדיסט... אַ מענטשנס לעבן איז הפקר געוואָרן אַ דאַנק דעם קאַפּריז פון אַ סאָוועטישן ב־ק־וו־דיסט. (אגב גראַמט זיך טאַקע „סאַדיסט" מיט „ב־ק־וו־דיסט"). דאָס פייפן איז געווען אַ הספד...

= ✡ =

איצט, אַז מיר האָבן שוין יאָ דערלעבט די גליקלעכע מינוט און מיר האָבן זיך סוף־כל־סוף באַפרייט, וואָלטן מיר זייער נישט געוואָלט זיין קיין קרבנות פון אַ קאַפּריזנעם זעלנער... דעריבער האָבן מיר טאַקע, ווי ווייט מעגלעך, אויסגעמיטן די בריגאַדעס אַרעסטאַנטן און מיר האָבן גע־

פּרואווט זיך האַלטן ווייט אַוועק פון די סאָוועטישע קאַנוואַיעס.

מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען אייניקע כאַטעס און מיר האָבן זיך געבעטן, אַז מען זאָל אונז אַריינלאָזן פאַר אַ ווייל זיך אָנוואַרעמען. האָט מען אונז פון איבעראַל פאַרטריבן, ביז מיר האָבן ענדלעך אָנגעטראָפן אין אַ כאַטע, אַן אָרעמע פאַמיליע פון געוועזענע אַרעסטאַנטן, וועלכע האָט אונז אַריינ־געלאָזט מיר זאָלן זיך דערוואַרעמען. עס איז געווען זייער אַן אָרעמע פאַמיליע. זייער גאַנצע כאַטקע איז באַשטאַנען פון איין צימער מיט נאַרעס, פונקט ווי אין לאַגער. אָן מעבל און אָן איינריכטונגען. צוויי שמוציקע האַלב נאַקעטע קינדערלעך האָבן זיך געוואַלגערט צווישן אַ הויפן שמאַטעס. אַזוויווי מיר זיינען געווען אינגאַנצן פאַרפרוירן, אונזערע ברעמען זיינען געווען פאַראייזט און אונזער געזיכט בלאָס ווי שניי. האָבן מיר אָפּגעשאָקלט דאָס אייז פון זיך און מיר האָבן אַראָפּגעוואָרפן אונזערע אויבער־שטע מלבושים און קוים וואָס מיר האָבן זיך דערוואַרעמט. מיר האָבן אפּיר־געגנומען אונזערע טאָרבעלעך מיט די פּראָדוקטן און אויס דאַנק־באַרקייט צו דער פרוי, וואָס זי האָט אונז אַריינגעלאָזט צו זיך אין דער כאַטע אַריין, האָבן מיר געגעבן די קינדער צו אַ רובל און צו אַ גאַנצן הערינג. די קינדערלעך, דערזעענדיק אין זייערע הענטלעך גאַנצע הערינגס, האָבן אַזש אויפגעלויכטן פאַר פרייד. זיי האָבן זיך צו געכאַפּט צו די הערינג ווי צו עפּעס אַ געבראָטנס און אָן ברויט, געגעסן בלויז הערינג מיט הערינג, די קליינוואַרג האָבן דורכגעלאָזט די הערינג אין משך פון אייניקע סעקונדן.

אַצינד האָבן מיר זיך באַשיינפּערלעך געקאָנט איבערצייגן אויף ווי ווייט איטלעכע געגנט האָט עס אירע, קליינע ווי גרויסע, אייגנאַרטיקע באַשעפענישן מיט זייערע אויסטערלישע געוואוינהייטן. אפילו נאָכדעם ווי מיר זיינען שוין אָפּגעוועזן פאַר אַזויפיל יאָרן אין די טורמעס און אין די לאַגערן, האָבן מיר נאָכאַלץ נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט׳ן געדאַנק, אַז הערינג אָן ברויט האָט אַ טעם... האָבן מיר טאַקע פאַר׳חידוש׳טע זיך צוגעקוקט ווי דאָס קליינוואַרג, דאָ אין פעטשאָרע עסן געזאַלצענע הערינג אָן ברויט מיט אַזאַ גרויסן אַפּעטיט!...

נישט איינמאָל האָב איך זיך נאָכדעם געטראַכט: וואָלטן די באַשע־פענישן דאָרטן נישט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן מיט גלייכגילטיקייט צו אַזוינע און ענלעכע קוריאָזיטעטן, — וואָלטן זיי זיכער פאַרפאַלן געוואָרן...

מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט צו דער סטאַנציע אין קאַזשווא. די סטאַנציע איז מער ענלעך צו אַ באַראַק ווי צו אַ סטאַנציע. זי איז נישט באַהייצט און אין דער קעלט וועלן מיר דאַרפן וואַרטן פאַר איניקע שעה ביז דער צוג וועט זיך ענדלעך באַווייזן. נאָר אויף אַזויפיל איז דאָ גוט, וואָס מען איז באַשיצט פון׳ם ווינט. קומען זיך טאַקע צוזאַמען פאַרשידענע ציווילע מענטשן וואָס פאָרן פון אָט דער צענטראַלער סטאַנציע אין פאַרשיידענע ריכטונגען. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געקאָנט זיך איבערצייגן, אַז אויך אויף דער פרייַ האָבן אַלץ די זשוליקעס די אויבערהאַנט אין סאָוועטנפאַרבאַנד... אויך דאָ, אויף דער פרייַ, פּונקט ווי אין לאַגער, מוז מען זיך פון זיי היטן אויף שריט און טריט... יעדע מינוט קומט אַריין אימעצער אַ צעטראַגענער און מאַכט געוואַלדעס׃ אַז מען האָט אים „באַאַרבעט״... איינעם פעלט אַ טשעמאַדאַן, אַ צווייטן סתם עפּעס אַ פּעקל און אַ דריטן האָט מען אויף אַ קונציקדיקן אופן אַרויסגעגנב׳ט דעם טייסטער פון דער בוזים־קעשענע. דער עולם ווייסט טאַקע זייער גוט, אַז מען מוז שטאַרק אַכטונג געבן און אַז מען מוז זיך היטן, אָבער עס העלפט גאָרנישט. די זשוליקעס ווענדן דאָ אָן די זעלבע מעטאָדע ווי אין לאַגער: זיי שטופּן זיך און שטויסן זיך שלאָגן זיך קלאַמפּערשט ביז איינער פאַלט אויפ׳ן צווייטן מיטשלעפּנדיק מיט זיך אַ דריטן, אַ קרבן, וועמען זיי האָבן פאַרויס פּלאַנירט צו באַאַרבעטן...

ענדלעך מיר פאָרן! יאָ, די באַן האָט סוף־כל־סוף גערירט. מאָרגן זיינען מיר מחויב אָנצוקומען קיין קאָטלאַס, אין דריי טעג אַרום וועלן מיר אפשר זיין אין קיראָוו און מיט אַ טאָג שפּעטער אין גאָרקי. פון גאָרקי וועלן מיר פאָרן קיין מאָסקווע׳ געגנט דעם זעלבן וועג, צוריקוועגס, ווי מיר זיינען געפאָרן מיט זעקס יאָר צוריק...

כאָטש מיר פאָרן שוין צווישן פרייע מענטשן אין אַ פּאַסאַזשיר צוג, פונדעסטוועגן זיינען אַלץ אונזערע פּראָדוקטן פון דער זעלבער קוואַליטעט, ווי ווען מיר זיינען געקומען אַהער. מיר פאַרמאָגן בלויז טרוקן ברויט מיט הערינג. נאָר איין זאַך איז אַנדערש׃ מיר האָבן גענוג וואַסער צום טרונקן... אָבער דער עיקר פילן מיר זיך וויכטיק מיט דעם וואָס צום ערשטן מאָל נאָך אַזויפיל יאָרן געפינען מיר זיך אין אַ פּאַסאַזשיר צוג צווישן פרייע מענטשן און מיר קענען זיך באַוועגן פרייַ ווי איטלעכער פון זיי...

ביי אַ סטאַנציע אין קיראָוו האָבן מיר געהאַט אַ מעגלעכקייט צו קויפן אַ גלאָז מילך מיר האָבן שוין נישט געזען מילך פאַר די אויגן פאַר

יאָרן, און דאָ קוויקן מיר זיך מיט מילך, מיט עכטער פרישע מילך !...

= ◍ =

די באַן איז טאַקע נישט געפאָרן אַזויווי מיר האָבן געהאַט אויסגע־רעכנט, עס האָט געדויערט מיט אייניקע טעג מער, אָבער מיר זיינען דאָך אָנגעקומען קיין מאָסקווע. איך האָב אַלעמאָל אין מיין לאַגעריש לעבן, גע׳חלומ׳ט כאָטש איינמאָל צו זיין אין מאָסקווע אַלס פרייער בירגער. אַצינד איז מיין לאַגערשער חלום מקוים געוואָרן. איך האָב אַליין נישט געוואוסט וואָס אַזוינס איך וואָלט געקאָנט אויפטאָן אין מאָסקווע. איך האָב אינזינען געהאַט אַזויפיל זאַכן צו גיין זען און איצט בין איך דאָ. איז וואָס זאָל איך דאָס ערשטע טאָן ? אפשר זאָל איך צום ערשטן אַוועקגיין אין דער רעדאַקציע פון דער דעמאָלסדיקער איינציקער אידישער טאָג־צייטונג, די „אייניקייט" און פרובירן צו באַקענען זיך פערזענלעך מיט די קאַרפּן־קעפּ פון דער סאָוועטיש־אידישער ליטעראַטור, אין דער ערש־טער ריי : מיט דוד בערגעלסאָן, איציק פעפער און מיט פרץ מאַרקיש ?... צי זאָל איך גיין קודם צום לענין־מאַוזאָליי אויפ׳ן רויטן סקווער און אין איינוועגס טאַקע כאַפּן אַ בליק אויפ׳ן קרעמל, אויפ׳ן פונקט וואו סטאַלין רעגירט און פון וואַנען עס ווערט אַזויפיל בייז דירעקטירט צו די אומ־שולדיקע אונטערטאַנען פון דער סאָוועטישער אימפּעריע ?... צי זאָל איך, קודם, גיין אין איינעם פון די פאַרוויילונגס פלעצער, ווי, אַ שטייגער, אין אידישן טעאַטער ? איך ווייס טאַקע, אַז מיכאעלס איז שוין טויט. איך האָב וועגן דעם געהאַט געלייענט אין אַ רוסישער צייטונג... אָבער אַ אידיש טעאַטער עקזיסטירט זיכער אפילו אָן מיכאָעלס׳ן !...

נאָר פאַר אַלץ האָבן מיר געמוזט גיין אין באָד אַריין. שוין מערערע טעג, שוין איבער אַ וואָך, ווי מיר שלאָפן אין אונזער אָנטועכץ און מיר זיינען פאַראומרייניקט. איז צום אַלעם ערשטן וועלן מיר זיך אָרומוואַשן און זיך אָפּפרישן. נאָכדעם וועלן מיר זען וואָס מיר האָבן צו טאָן. אַז איך האָב זיך נאָך אַזויפיל יאָרן געקענט אָנקוקן אין אַ שפּיגל אַ נאַקעטער פון קאָפּ ביז די פיס און איך האָב דערזען נישט בלויז מיין פיזישע נאַקעט־קייט, מיין פאַרוויאַנעטן, אויסגעדאַרטן, אָפּגעצערטן און טרוקענעם קער־פּער, מיינע „עצמות־היבשים", — איז מיר פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט פון מיין גאַנצן „איך"... איך בין שוין נאָכדעם נישט געגאַנגען אינערגעץ ! וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך עס האָבן צו באַווייזן זיך פאַר די אידישע גדולים, פאַר די אידישע שרייבער. און זיי זאָגן, אַז איך בין, איך ?... אַז איך בין

אַ „פערעביעזטשיק״ ?... אַז איך בין געווען אַרעסטירט פאַר זעקס און אַ האַלב יאָר אין טורמעס און סאָוועטישע „פאַרבעסערונגס־לאַגערן״ ?... אַז אַצינד וואָלט איך חשק געהאַט צוריקצוקערן זיך אַהיים ?!...

איך בין גאָר שנעל זאַט געוואָרן מיט מאָסקווע און מיט אַלע אירע זעענסווירדיקייטן; מיט איר קרעמל, מיט איר מאַוזאָליי, מיט אירע מוזעאומס און מיט איר פּרעכטיקן מעטראָ (סאָבוועי). מיר, איך מיט יאַקאָבאָוויטש׳ן, האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט עטלעכע טעג ביים מאָסקווער וואָקזאַל, וואַרטנדיק אויף אַ צוג וואָס פאָרט קיין קישענעוו. מענטשן וואַלגערן זיך שוין אַרום ביים וואָקזאַל וואָכן לאַנג און זיי קענען נישט באַקומען קיין בילעט. קוים איז שוין איינעם יאָ געלונגען איינצוהאַנדלען זיך אַ בילעט ערשט מען לאָזט אים נישט אַריין אין צוג, ווייל עס איז נישטאָ קיין פּלאַץ... מען מוז געבן כאַבאַר דעם קאָנדוקטאָר אָדער קאָנט־ראָלער, אַז מען זאָל באַקומען אַ פּלאַץ אינ׳ם צוג. די מענטשן דענערווירן זיך געפערלעך. עס קומען פאָר פאַטאַלע סצענעס ביי דער סטאַנציע, ווייל מען לאָזט נישט איבערנעכטיקן אויף די האַרטע בענק פון דער סטאַנציע, נאָר די יעניקע וועלכע האָבן טראַנזיט בילעטן. מען טרייבט דעם עולם ווי די הינט. פּרויען מיט פּיצלעך קינדער האָבן נישט וואוהין צו גיין איבערנעכטיקן. מיליציאָנערן דרייען זיך אַרום אויף איטלעכן טריט און באַלעסטיקן איטלעכן מיט זייערע רעוויזיעס: „וואַשע דאָקומענטאַ פּאַזשאַלעסטע!״ (ביטע אייערע דאָקומענטן) מיך מיט יאַקאָבאָוויטש׳ן באַ־לעסטיקן די מיליציאָנערן מערער ווי איטלעכן (צי עס דאַכט זיך אונז נאָר אַזוי אויס...) מיר, מיט אונזערע לאַגערשע קליידער און מיט אונזערע לאַגערשע מאָרדעס זעען אויס ווי עכטע פאַרברעכערס. מיר זיינען טאַקע געזעסן מער ווי דאָפּלט אויף וויפל מען האָט אונז געהאַט פאַראורטיילט אָבער דער „קין־צייכן״ פון אונזער פאַרברעכן יאָגט אונז פונדעסטוועגן, צי טאַקע דערפאַר, נאָך...

אונזערע פּראָדוקטן האַלטן זיך שוין ביים ענדיקן. ביז מיר האָבן געהאַט גענוג ברויט מיט הערינג איז נאָך געווען אַ האַלבע צרה. אָט, אָט־און מיר האָבן שוין גאָרנישט וואָס צו עסן. פאַר מיינע געציילטע פאַר רובעל קאָן איך זייער שווער באַקומען וואָס נישט איז צום עסן. איך וועל איינס־צוויי אויסגעבן די פאַר רובעל און וואָס וועט זיין נאָכדעם, וואָס וועלן מיר טאָן נישט אומצוקומען פון הונגער ?...

איך האָב געהאַט אַ פּאַרגעפיל, אַז אין דער הויפּטשטאָט פון ראַטנ־פאַרבאַנד, אין מאָסקווע, וואו עס געפינען זיך אַלערליי אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס, אַז אין אַזאַ פּלאַץ וואָלט איך געקאָנט עפּעס געוואָר ווערן וואָס עס איז שייך אונזער רעפּאַטריאַציע קיין רומעניע אָדער קיין אונגאַרן. ווען איך וואָלט געהאַט עמעצן אַ באַקאַנטן אין מאָסקווע צו וועמען איך זאָל זיך קענען ווענדן נאָך אַן עצה, ווער עס זאָל מיך ראָטן צו וועמען זיך צו ווענדן, דעמאָלט וואָלטן מיר געוועזן געקאָנט פיל אויפטאָן אויף דעם דאָזיקן געביט; דעמאָלט וואָלטן מיר זיך געוועזן פיל צרות איינגעשפּאָרט. האָבן מיר אָבער, צו אונזער שלימזל, קיינעם נישט געהאַט ווער עס זאָל אונז בייהילפיק זיין מיט ראַט און טאַט, און מיר ,מיט אונזער אייגענעם שכל, וואָס איז שטאַרק טעמפּ געוואָרן פאַר די יאָרן וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין די טורמעס און אין די לאַגערן, האָבן נישט געקאָנט פיל אויפטאָן... ווען מיר זיינען נאָכדעם געוואָר געוואָרן וואָס מיר וואָלטן געוועזן געקאָנט מתקן זיין אין מאָסקווע, דעמאָלט איז שוין צו שפּעט געוועזן און מיר האָבן זיך אומבאַמערקטערהייט געהאַט פאַרפּלאָנטערט אין אַן אַנדער צרה...

דערווייל זיינען מיר אויפ'ן מאָסקווער וואָקזאַל. עס איז שוין עטלעכע טעג זייט מיר וואַלגערן זיך אַרום אין די וואַרט־זאַלן, שלאָפנדיק אויף האַרטע בענק ווי אַמאָל אין לאַגער אויף די האַרטע נאַרעס. עס איז אונז שוין דערעסן גאַנץ מאָסקווע מיט אַלע אירע היסטאָרישע ווערטן און אַנטיקן!... מיר וואָלטן שוין זייער גרויס חשק געהאַט ערגעצוואו אַנצוקומען! וואוהין?. זאָל זיין בעלץ, קישענעוו, אָדער טשערנאָוויץ! עס שפּילט קיין ראָלע נישט וואוהין מיר וועלן שוין ענדלעך לאַנדן מיר האָבן שוין געהאַט גוטע שאַנסן אויסצולערנען זיך אין לאַגער אַלערליי אַרבעטן, שווערע און ווייסע אַרבעט, איז וועלן מיר אַרבעטן סיי וואָס פאַר אַן אַרבעט און מיר וועלן לעבן ווי אַנדערע צענדליקער מיליאָנען מענטשן לעבן אינ'ם ראַטנפאַרבאַנד!

מיר זיינען צוגעגאַנגען צו איינעם אַ הויכראַנגיקן אָפיציר, וואָס איז געווען אין דינסט ביים מאָסקווער וואָקזאַל. איך האָב זיך צו אים געווענדעט, אַז איך און מיין „טאָוואַרישטש" (מייִנענדיק יאַקאָבאָוויטש'ן) זיינען נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן פונ'ם לאַגער, און אַז אונזערע פּראָדוקטן האַלטן זיך שוין ביים ענדיקן און אַז אויב מיר וועלן זיך נאָך דאַרפן אַרומוואַלגערן אויפ'ן וואָקזאַל נאָך אייניקע טעג דעמאָלט וועלן מיר נישט

האָבן קיין אַנדערע ברירה ווי אויסצוגיין פון הונגער.

קוים האָט דער אָפיצער אויף אונז אַ בליק געטאָן האָט ער שוין גלייך פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך. ער האָט באַקוקט אונזערע דאָקו־מענטן און ער האָט זיך אַנגעהויבן צו באַמיען, אַז מיר זאָלן קענען וואָס שנעלער פאַרלאָזן מאָסקווע. דער אָפיצער האָט נישט גערוט ביז ער האָט אונז נישט רעזערווירט אַן אָרט אין צוג. מיר זיינען נישט זיכער געווען צי איז דער אָפיצער אויסן אונז צו העלפן אין אונזער צרה, צי סתם האָט ער נישט קיין חשק, אַז צוויי אַזוינע פאַרשוינען ווי מיר, מיט אַזוינע „מיתה־משונה׳דיקע״ אוניפאָרמס זאָלן זיך אַרומדרייען ביים מאָסקווער וואָקזאַל וואו עס זיינען פאַראַן מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. עס איז איינמאָל זיכער, אַז דער אָפיצער האָט נישט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך אַרומפּלאָנטערן אונטער די פיס פון די פּאַסאַזשירן אויפ׳ן מאָסקווער וואָקזאַל.

= ◍ =

ווען מיר זיינען דורכגעפאָרן קיעוו האָב איך זיך דערמאָנט אין ליאָווא עלגאַרט׳ס ביטע, אַז איך זאָל זיך אַריבערכאַפּן צו אים אַהיים און איבער־געבן אַ לעבעדיקן גרוס זיין פרוי און זיין בן־יחיד... נאָר איך האָב זיך געפילט אַזוי מיזעראַבל אין מיינע לאַגערשע שמאַטעס, אַז איך בין ביי זיך געווען זיכער, אַז אַנשטאָט איך זאָל פאַרשאַפן פרייד פאַר ליאָוואס פרוי און קינד וועל איך זיי נאָר דערדריקן זייער געמיט. אַז זיי וועלן מיך אָנקוקן וועלן זיי זיך מסתמא פאַרשטעלן: „אָט אַזוי זעט עס אויס ליאָווא!״... חוץ דעם האָב איך נישט געהאַט קיין דערלויבעניש צו פאַרלאָזן דעם צוג און אונטערברעכן מיין רייזע, ווייל דער צוג וועט באַלד אָפּפאָרן און מיין בילעט האָט געלויטעט, פאַר אַן אומאונטערבראָכענער רייזע. איז, וואָס וועט געשען, אַז מען וועט מיך כאַפּן אין קיעוו אָן אַ דערלויבעניש און פון וואַנעט וועל איך נעמען אַ צווייטן בילעט?...

אין זשמערינקע, אַ שטעטל אין אוקראַינע, האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט פאַר אַ האַלבער שעה. אַ אידישער יונגערמאַן, אַ פּאַסאַזשיר מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַקאַנט אויפ׳ן וועג, האָט אונז געזאָגט, אַז מיר זאָלן פון טשיקאַוועסט אַראָפּגיין פון צוג און בלויז כאַפּן אַ בליק אויף דער זשמע־רינקער סטאַנציע, וואָס איז לויט איר סטרוקטור אַנדערש פון אַלע אַנדערע

סטאַנציעס. די סטאַנציע האָט זיך טאַקע אונטערשייד פון אַנדערע דערמיט, וואָס פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק איז זי קיילעכדיק ווי אַ גרויסער עפּל. דער יונגערמאַן האָט אונז נאָכדעם געזאָגט פאַרוואָס ער האָט אונז לכתחילה געשיקט זען די זשמערינגער סטאַנציע:

„די דאָזיקע סטאַנציע״, זאָגט אונז אונזער מיטרייזענדער מיט אַ טאָן ווי איינער וואָס ווייסט וואָס ער זאָגט, „איז נאָך געבויט געוואָרן אין צאַר׳ס צייטן. דער אַרכיטעקט איז געווען אַ איד. איז נישט געקוקט וואָס די סטאַנציע איז אַ סך באַוואונדערט געוואָרן אַ דאַנק איר אייגנאַרטיקער שיינקייט, האָט זי אַלץ דער צאַר קריטיקירט, אַז זי זעט אויס ווי אַ אידישע „יאַרמולקע״...

= ◉ =

ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען, אינמיטן דער נאַכט, צו „אונזער שטעטעלע בעלץ״.

נישט מיר האָבן דאָ עמעצן, אַ פריינט צי אַ באַקאַנטן, מיר ווייסן אפילו נישט, צי עס וואוינען דאָ אידן אין דעם דאָזיקן שטעטל. מיר ווייסן, אַז פאַר דער מלחמה איז דאָ געווען אַ אידישער ישוב. אָבער מיר האָבן שוין צייט געהאַט געוואויר צו ווערן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין די אידישע ישובים אין דער צייט פון דער מלחמה...

מיר האָבן איבערגענעכטיקט ביים וואקזאל. אינדערפרי האָבן מיר געוואוסט, אַז אונזער ערשטע פליכט איז צו גיין זיך מעלדן צו די נ־ק־וו־ד, אַז מיר זיינען בשלום אָנגעקומען אַהין, וואו מען האָט אונז געגעבן די דערלויבעניש אָנצוקומען. עס האָט אונז אויפגענומען אַן אָפיצער. ער האָט אונז געפרעגט וואָס מיר ווילן און פאַרוואָס מיר האָבן אויסגעקליבן פונקט בעלץ אַלס אונזער רעזידענץ. מיר האָבן דעם אָפיצער אין קורצן דער־קלערט, אַז מען האָט אונז נישט געוואָלט געבן קיין דערלויבעניש צו פאָרן קיין טשערנאָוויץ אָבער קיין קישענעוו, די איינצלנע צוויי גרעסערע שטעט וואָס האָבן פאַר דער מלחמה געהערט צו רומעניע און וואו מיר האָבן אויסזיכטן צו טרעפן זיך מיט באַקאַנטע וועלכע וועלן אונז עווענטועל העלפן זיך איינצואָרדענען א.א.וו. מיר האָבן געבעטן דעם אָפיצער, אַז ער זאָל אונז געבן אַן אָנווייזונג וואו מיר וואָלטן געקאָנט קריגן אַרבעט און צו וועמען מיר דאַרפן זיך ווענדן וועגן סיי וואָס פאַר אַן אַרבעט. דער אָפיצער

האָט אונז געזאָגט, אַז אַרבעט איז נישט זיין אָפּטיילונג און ער קאָן אונז נישט געבן קיין שום אָנווייזונגען. ער האָט אונז בלויז געראָטן, אַז מיר זאָלן פּרובירן גיין צו די פאַבריקן און צו בוי־אונטערנעמונגען און מיר זאָלן פאַרלאַנגען אַרבעט.

ווי גרויס איז אָבער געווען אונזער אַנטוישונג און איבערראַשונג, אַז וואוהין מיר זאָלן נישט גיין און צו וועמען מיר זאָלן זיך נישט ווענדן, וויל אונז קיינער נישט האָבן. מיר זיינען צוריקגעקומענע פון די לאַגערן און אַלס אַזעלכע האָט מען פאַר אונז מורא, די סאָוועטישע באאמטערס דיסקרימינירן קעגן אונז!... צו וועלכן נאַטשאַלניק מיר זאָלן זיך נישט ווענדן, לאָזט מען אונז נישט פאַרענדיקן דעם זאַץ, צוליב וואָס מיר זיינען עס דאָ און וואָס אַזוינס אייגנטלעך מיר ווילן. מען טרייבט אונז ממש אַוועק פון זיך ווי גלייך מיר וואָלטן געווען מצורעים; ווי גלייך מיר וואָלטן מיט זיך געטראָגען שעדליכע באַצילן, צוליב וועלכע עס איז אַ סכנה צו שטיין אין אונזערע דלת אמות. פון איין אָרט האָט מען אונז אַרויס־געטריבן מיט סטראַשונקעס און מיט זידלערייען:

„טראָגט זיך אָפּ באַצייטנס, היגטישע זין, איידער מיר ברעכן אייך אָן די ביינער!"...

אַ נייע צרה אויף אונזער קאָפּ, אַזאַ וואָס האָט זיך אונז אוודאי נישט געקאָנט חלומ'ען: אַז מיר זאָלן האָבן שוועריקייטן צו קריגן אַרבעט אין סאָוועטנפאַרבאַנד... נישט מיר האָבן וואו צו גיין און נישט מיר האָבן וואָס צו טאָן און דער עיקר, מיר האָבן נישט וואָס טועם צו זיין, עס האָבן זיך אונז שוין לאַנג געענדיקט די פּראָדוקטן ווי אויך דער לעצטער גראָשן. איז וואָס פאַר אַן עצה קענען מיר זיך עס געבן?...

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכצופרעגן, צי עס זיינען פאַראַן אידן אין בעלץ. אַזוי נאָכפרעגנדיק זיך זיינען מיר געוואָר געוואָרן, אַז עס געפינען זיך אייניקע צענדליק אידישע פאַמיליעס אין שטאָט.

= ◍ =

מיר זיינען אָנגעקומען קיים בעסאַראַביע אין אַ צייט ווען דער הונגער איז דאָרטן, ווי אין גאַנץ אוקראַינע, געווען אויסערגעוויינלעך גרויס. מענטשן זיינען טאָג־טעגלעך געפאַלן אין די גאַסן פון הונגער. פון די דער־פער זיינען זיך די מענטשן צעלאָפן אין די שטעט אַריין. אינ'ם זעקס

און פערציקסטן יאָר איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע טרוקעניש אין גאַנץ אוקראַינע, דעריבער האָבן זיך די פויערים נישט געקענט דערנערן פון זייער פאַרטרוקנטער ערד. זיינען זיי געלאָפן אין שטאָט אַריין, מיינענדיק, אַז אין דער שטאָט וועלן זיי אפשר טרעפן עפּעס אַ באַשעפטיקונג אַבי צו דערהאַלטן זיך די נשמה. דער מאַנגל אין לעבנסמיטלען איז געווען אויסערגעוויינלעך.

מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די בעלצער גאַסן פאַר שעה׳ן לאַנג, ביז שפּעט נאָכמיטאָג. ערשט, פאַרנאַכט צו האָט אונז געלונגען צו באַגעגענען זיך מיט׳ן ערשטן בעלצער איד. מיר האָבן זיך מיט דעם אידן זייער שטאַרק דערפרייט, מיר האָבן אים אָפּגעשטעקט אַ שלום־עליכם און מיר האָבן אים אָנגעהויבן צו דערציילן אונזער פּעקל צרות. דער איד האָט אונז אויסגעהערט מיט פיל אויפמערקזאַמקייט, ער האָט אונז נישט געטריבן פון זיך, אדרבה, ער האָט אונז אפילו געהאָלפן קרעכצן, אָבער אַרויסהעלפן מיט אַ ביסן האָט ער נישט געקאָנט, פּשוט, ער אַליין איז אויך אַ גרויסער נצרך, ער האָט זיך נישט לאַנג צוריק געהאַט אומגעקערט פון מיטל־אַזיע, וואו ער און זיין הויזגעזונט האָבן זיך עוואַקואירט ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, ער איז אַליין אַ איד אַ מטופּל מיט אַ סך קליינע קינדערלעך, לויפט ער עס טאָקע אַרום אַ גאַנצן טאָג זוכן פּרנסה פאַר זיין בני־בית.

„די איינציקע עצה וואָס איך קען אייך געבן״, זאָגט אונז דער בעלצער איד מיט אַ קרעכץ, „קומט אויפדערנאַכט צו מנחה־מעריב, אין שוהל אַריין, דעמאָלט קומען זיך צוזאַמען מערער אידען, איז אפשר וועלן זיי אייך קענען אַרויסהעלפן מיט עפּעס״...

נישט נאָר האָבן מיר גאָרנישט נישט טועם געווען פאַר אַ גאַנצן טאָג, נאָר מיר האָבן אפילו נישט געהאַט וואו זיך אָוועקצוזעצן פאַר אַ מינוט, אָדער וואו עס איז אַריינצוגיין. מיר האָבן שוין אויסגעמאָסטן די גאַסן פונ׳ם שטעטל אין דער לענג און אין דער ברייט. איבעראַל קוקט מען אונז נאָך ווי מען קוקט געוויינלעך נאָך שטאַרק פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען...

ענדלעך זיינען די אידען זיך צוזאַמענגעקומען אין שוהל אַריין. מען האָט אונז געראָטן, אַז אויב מיר האָבן עפּעס אַ פאַרלאַנג צי סתם אַ בקשה, זאָלן מיר זיך ווענדן צום „פּרעדסעדאטעל־אבשטשינע״ (דער פּרעזידענט פון דער געמיינדע), וועלכער שפּילט די ראָלע פונ׳ם גאַנצן „כל־ווּלך״ אין דער קהילה, נישט נאָר איז ער, דער פּרעזידענט, נאָר ער איז אפילו דער

רב אויך... דער אַזוי גערופענער רב, אָדער פּרעזידענט, האָט אונז גלייכ־גילטיק אויסגעהערט, ער האָט זיך אפילו נישט גענומען די מי צו העלפן אונז מיט אַ קרעכץ... מיר האָבן גלייך באַמערקט, אַז ער איגנאָרירט אונז און מאַכט זיך נישט וויסנדיק. מיר האָבן זיך ווי איבערציינט, אַז פונ׳ם „רב" ווען מיר וויניק וואָס געהאָלפן ווערן. איך האָב געזען, אַז איך האָב קיין אַנדערע ברירה נישט, ווי זיך צו ווענדן צום פּובליקום, צום „עמך". בין איך טאַקע אַרויסגעקומען מיט לשון ווענדנדיק זיך צום גאַנצן עולם:

„רבותי", האָב איך אָנגעהויבן מיט אַ שוואַכער און מיט אַ שעמעוו־דיקער שטימע, „איך און מיין פריינט האָבן זיך נאָר וואָס באַפרייט פונ׳ם פעטשאַרער לאַגער. אונזער גורל האָט אונז פאַרוואָרפן פונקט אַהער, קיין בעלץ. מיר זיינען חלילה נישט געקומען אַהער מיט דער כוונה צו שנאָרן אָדער צו באַלעסטיקן אייך מיט וואָס עס איז נישט. אונזער טראַגעדיע איז אַן עכט אידישע טראַגעדיע... מיר האָבן אַ גאַנצן טאָג אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן; מיר האָבן געזוכט אַרבעט. נישט נאָר האָבן מיר נישט געפונען קיין אַרבעט, נאָר קיינער וויל מיט אונז נישט ריידן; קיינער וויל מיט אונז נישט האָבן קיין מגע־ומשא, ממש, מען האָט פאַר אונז מורא און דעריבער וויל אונז קיינער נישט זען פאַר די אויגן... מיר האָבן אין משך פון די לעצטע צוויי טעג נישט טועם געווען קיין טרוקן שטיקל ברויט. אפשר וואָלט מען זיך דאָך דעבאַרימט איבער אונז און אונז בייהילפיק זיין, פאַר׳ן מאָמענט, מיט אַ שטיקל ברויט און מיט אַ נאַכט־לעגער"...

מיינע ווערטער האָבן געמוזט האָבן אַן אָפּקלאַנג, ווייל די פּעולה האָט זיך גלייך געמערקט. איין איד איז דער ערשטער צוגעקומען און אונז אַריינגעשטעקט אַ צען רובעל שטיק און אַזוי האָט געטאָן אַ צווייטער און אַ דריטער. איבערנעכטיקן האָט מען אונז געלאָזט אין שוהל. אייגער, אַ פּראָסטער „עמך", אַ איד, וועלכער האָט מסתמא נישט געוואָלט מעיז פּנים זיין פאַר׳ן „רב" פאַרוואָס ער איז געווען אַזוי קאַלט צו אונז, אָבער ער, דער איד, האָט זיך טאַקע דערפאַר געוואָלט נוקם זיין אינ׳ם „רב" איז צוגעגאַנגען צום באַלעמער און ער האָט אויסגעקלאַפּט, כדי דער עולם זאָל אים אויסהערן מיט אויפמערקזאַמקייט:

„די דאָזיקע בידנע און געפּייניקטע מענטשן", זאָגט דער איד צום גאַנצן עולם, „זיינען קרבנות פונ׳ם אידישן חורבן, איז וויאַזוי וואָלטן מיר זיי געווען געקאָנט אַוועקלאָזן אַן גאָרנישט, וויאַזוי וואָלטן מיר זיי געקענט פאַרשטויסן?!"...

42

דאָס וואָס די נ־ק־וו־ד האָט אונז געמאַכט שוועריקייטן אין פעטשאָרע, ווען מיר האָבן געהאַט פאַרלאַנגט פון זיי די דערלויבעניש צו פאָרן קיין טשערנאָוויץ, אָדער קיין קישענעוו, די דאָזיקע שוועריקייטן האָבן נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג, ווייל די לאָקאַלע נ־ק־וו־ד האָט אונז נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן מיט אונזער איינאָרדענען זיך. אַז מיר האָבן נישט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט און מיר זיינען געווען געצווינגען צו פאַרלאָזן בעלץ און פאָרן קיין קישענעוו, האָבן מיר עס געקאָנט טאָן אָן שטערונגען. עס זיינען אין קישענעוו פאַראַן מערער אַזוינע, וואָס זיינען אונטערן סטאַטוס פון אויסלענדישע בירגער פונדעסטוועגן איז זיי דער־לויבט געוואָרן צו וואוינען דאָרטן און עס איז זיי דערלויבט צו אַרבעטן ביי סיי וואָס פאַר אַן אונטערנעמונג מען נויטיקט זיך אין זיי.

איך וואָלט דאָס ערשטע געדאַרפט גיין צו חיים פישמאַנ׳ס היים און איבערגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פאַר זיין ווייב און פאַר זיינע עלטערן. נאָר איך האָב זיך פּרובירט צוריקהאַלטן, ווי גלייך איך וואָלט פאַר עפּעס מורא געהאַט...

„איך האָב צייט", טראַכט איך ביי זיך, „איך וועל גיין אַ צווייט מאָל ביי אַן אַנדער געלעגנהייט"...

חיים האָט מיר געהאַט מיטגעגעבן אַ בריוו צו זיין פרוי און צו זיינע עלטערן און איך האָב אים געהאַט צוגעזאָגט, אַז איך וועל אומבאַדינגט איבערגעבן זיינע בריוו. ער האָט מיר אפילו געגעבן דערלויבעניש צו עפענען די בריוו און זיי איבערלייענען, אָבער איך האָב זיי, פּרינציפּיעל, נישט געעפנט. איך האָב געוואוסט, אַז זיין פרוי און זיינע עלטערן וועלן זיך שטאַרק דערפרייען אָפּצונעמען אַ לעבעדיקן גרוס פון חיימ׳ען. אַלץ האָט איך זיך נישט צו שטאַרק געאיילט צו גיין אַהין. דערפאַר אָבער האָב איך זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון אַריבערגיין צו יעפים ספּאַק׳ס עלטערן. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז זיינע עלטערן האָבן זיך שטאַרק דערפרייט און זיי האָבן נישט געוואוסט וויאַזוי מיר דאַנקבאַר צו זיין פאַר מיין באַמיאונג.

יעפים׳ס מוטער ווישט זיך די אויגן, ווען זי רעדט פון איר זונדל. ביי דער געלעגנהייט בין איך עס געוואויר געוואָרן פאַר וואָס פּינקטלעך יעפים איז עס פאַראורטיילט געוואָרן. עס איז צוליב דעם אומגעזאַלצענעם וויץ פון „כל־נדרי" און „קאָלכאָז"...

יעפים׳ס פאָטער איז אַן אינזשיניער פון פאַך און דעריבער לעבט זיך אים נישט שלעכט, אויף אַזויפיל, אַז ער פּלאַנירט אפילו אַריבערצוכאַפּן זיך מיט אַן עראָפּלאַן קיין פּעטשארע און אָפּשטאַטן אַ וויזיט ביי זיין בן־יחיד. ער וויל טאַקע אינאיינוועגס געוואָר ווערן פון מיר צי עס קומען פאַר אָפטע וויזיטן פון עלטערן ביי זייערע קינדער דאָרטן און צי ער וועט קענען באַקומען אַ דערלויבעניש ביי די דאָרטיקע נ־ק־וו־ד צו זען זיך מיט אים. איך האָב אים איבערגעגעבן אַלע אינפאָרמאַציעס וואָס איך האָב געוואוסט פון ענלעכע אַנגעלעגנהייטן. אַלענפאַלס האָב איך אים נישט געוואָלט אָפּרעדן דערפון, כאָטש איך האָב געוואוסט מיט וויפל מי און הוצאות אַזאַ נסיעה איז פאַרבינדן, ווייל איך האָב געוואוסט וואָס פאַר אַ גרויסע פרייד עס איז פאַר אַן אַרעסטאַנט צו זען זיינעם אַן אייגענעם. עס הויבט דעם אַרעסטאַנטס מאָראַל, זעענדיק, אַז מען האָט נישט אינגאַנצן פאַרגעסן אין אים און אַז מען קימערט זיך וועגן אים; עס וואַקסט זייער פּרעסטיזש ביי די אַרעסטאַנטן ברידער, צוקוקנדיק זיך, אַז דער יעניקער איז נישט קיין פאַרפאַלענער, ווייל ער האָט אימעצן וואָס אינטערעסירט זיך מיט אים...

מיר האָבן געבעטן דעם הער ספּאַק, אפשר ווייסט ער וואו מיר וואָלטן זיך געקאָנט איינאָרדענען צו קענען פאַרדינען אויף אונזער טאָג־טעגלעכן אויסקום. ער האָט אונז אַ פרעג געטאָן, אויב מיר זיינען וויליק צו אַרבעטן ביי בוי־אַרבעט.

„צי מיר ווילן אַרבעטן? זיכער ווילן מיר אַרבעטן!"

„איך בין אַן אינזשיניער ביי אַ בוי אונטערנעמונג", זאָגט צו אונז דער הערט ספּאַק, „און אויב איר זענט טאַקע ווירקלעך וויליק צו אַרבעטן ביי בוי־אַרבעט, דעמאָלט קענט איר זיך ביי מיר מעלדן אין אָנהייב פון דער צווייטער וואָך.

אויב עס האָט אויף אונז אין אָנהויב געמאַכט אַ שטיקל שווערן איינדרוק די קאַלטקייט פון די בעלצער אידן, די ערשטע עדה אידן וואָס מיר האָבן באַגעגנט אויף דער פריי, האָבן מיר דערפאַר דערפילט פיל מער וואַרעמקייט ביי די קישענעווער אידן, וועלכע האָבן זיך צו אונז זייער פריינטלעך באַצויגן און געהאַט מיט אונז מיטלייד אין אונזערע צרות.

אין פּרינציפּ בין איך אַלע מיינע יאָרן געווען אַ קעגנער פון בעטלען. איך האָב נישט גערן גענומען הילף פון די בעלצער אידן, כאָטש איך האָב זיך שטאַרק גענויטיקט דעריין. איך האָב ממש קיין אַנדערע ברירה נישט

געהאַט. אויך איצט וואָלט איך נישט געגאַנגען צו דער אידישער קהילה נאָך הילף ווען איך וואָלט נאָר געהאַט אַן אַנדערע ברירה. אַליין פיל איך זיך אויך גענוג אומבאַהאָלפן אָבער מיט יאַקאָבאָוויטש׳ן צוזאַמען זענען מיר דאָפּלט אומבאַהאָלפן... איז גויט ברעכט אייזן! צו שפּילן זיך אין פּריציפּן אין אַ צייט ווען עס איז אַ לעבנס פראַגע, איז געפערלעכער ווי אָפּצונייגן פונ׳ם קורס...

אַז מיר האָבן זיך געווענדעט צו הרב עפּעלבוים, דעם קישענעווער הויפּט ראַבינער, און אַז ער האָט אונז אויסגעהערט פון וואַנעט מיר קומען, האָט ער זיך גלייך אָריענטירט אין וואָס פאַר אַ לאַגע מיר געפינען זיך. הרב עפּעלבוים האָט גלייך באַפוילן איינעם פון די קישענעווער כלל־טוערס, אַ ר׳ יחיאל׳ן, אַז ער זאָל אונז פאַרזאָרגן מיט וואָס נאָר עס וועט זיך לאָזן. מען האָט אונז דאָס ערשטע פאַרזאָרגט מיט אַ נאַכטלעגער. מען האָט אונז דערלויבט צו שלאָפן אין שוהל און ר׳ יחיאל האָט אונז אונטערגערוקט צו עטלעכע רובעל און צו אַ שטיקעל ברויט.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער הונגער אין גאַנץ אוקראַינע, און די קישענעווער געמיינדע האָט געהאַט גענוג צרות צו פאַרזאָרגן די אייגענע, די קישענעווער אָרעמעלייט. אַ סך קישע־נעווער אידן האָבן זיך אומגעקערט אַהיים נאָך דער מלחמה, פאַרקריפּלטע און פאַראָרעמטע. זייער אַ סך זיינען געווען אין גרויס נויט און אַלע צו פאַרזאָרגן איז ממש געווען אוממעגלעך.

= ◍ =

ענדלעך האָב איך זיך מיישב געווען, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז איך זאָל זיך אַריבערכאַפּן צו חיים פישמאַנ׳ס פרוי און עלטערן און זיי איבערגעבן חיימ׳ס בריוו ווי אויך אַ לעבעדיקן גרוס פון אים. קוים האָבן חיימ׳ס עלטערן איבערגעלייענט דעם בריוו פון זייער זון, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו באַציען זעהר פריינטלעך צו מיר... אויך ביי יעפים ספּאַאַק׳ס עלטערן האָט מען אונז געהאַט גאַנץ פיין אויפגענומען, אָבער שוין ביים ערשטען וויזיט האָבן מיר, איך און יאַקאָבאָוויטש, געפילט, אַז דערמיט האָבן זיי יוצא געווען און מיר האָבן דאָרטן מער נישט וואָס צו זוכן. ביי די פישמאַנ׳ס איז עס אָבער אינגאַנצן אַנדערש, זיי רופן אונז אַז מיר זאָלן צו זיי קומען וואָס אָפטער. צו מיר ספּעציעל, ווייזן זיי אַרויס

אַן אויסערגעוויינלעכע העפלעכקייט. וויפל מאָל איך באַוויז זיך נאָר אין הויז, זיינען זיי מיך גלייך מכבד מיט עסן, און עס זאָל נישט אויסגערעדט זיין, אין אַזאַ צייט, ווען דער הונגער אין אַלגעמיין האָט געבושעוועט איבער׳ן גאַנצן געביט, איז עס געווען דער גרעסטער כיבוד פאַר מיר און נישט איינמאָל בין איך טאַקע מחמת דעם געגאַנגען צו זיי פאַר אַ וויזיט... נישט נאָר מיט עסן אַליין האָבן מיר די פישמאַנ׳ס אַרויסגעהאָלפן, נאָר זיי האָבן מיר אפילו געגעבן אַן אַנצוג מיט אייניקע פאַר אונטערוועש. איך האָב טאַקע נישט איינמאָל געטראַכט, מיט וואָס איך וואָלט עס געקאָנט די פישמאַנ׳ס אָפּדאַנקען פאַר זייער גוטסקייט.

די פישמאַנ׳ס האָבן אַ טעכטערל פון איבער צוואַנציק יאָר, קלאַראַ הייסט זי. קלאַראַ איז אַ שיינע און אינטעליגענטע מיידל מיט זייער פיינע מאַניערן. פאַר אַזאַ מיידל ווי זי איז, איז קיינמאָל נישט קיין פּראָבלעם אַ שידוך. אין מיר, וועלכער איז אָפּגעזעסן אַזויפיל יאָרן אין די לאַגערן און וועלכער האָט זיך נאָר וואָס באַפרייט, האָבנדיק אַ שטיקל באַשעפטי־קונג ביי שוואַרצער אַרבעט, — האָט זי זיכער נישט געהאַט קיין אורזאַך צו פאַרליבן זיך. זי האָט זיך אין מיר טאַקע נישט פאַרליבט, נאָר אירע עלטערן בין איך מסתם שטאַרק געפעלן און זיי האָבן עס איר געמוזט אונטערגעבן קוראַזש. אַז זי זאָל זיין העפלעך צו מיר. מיין מזל, דאָס אויך איך האָב זיך אין איר נישט פאַרליבט. מיך אינטערעסירט אין ב. אויב זי לעבט ערגעצוואו, מער אינטערעסירט מיך קיינער נישט !...

וואָלט איך געווען געעפנט חיים׳ס בריוו, וועלכן ער האָט געשיקט מיט מיר פאַר זיינע עלטערן, און איך וואָלט געווען דורכגעלייענט וואָס ער האָט געשריבן צו זיינע עלטערן וועגן מיר, וואָלט איך געווען מער פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך. חיים האָט מיך זייער שטאַרק געלויבט אין די בריוו און ער האָט געשריבן צו זיינע עלטערן, דאָס ער וואָלט מיך זייער געוואָלט האָבן פאַר אַ שוואָגער. זיינע עלטערן זיינען קענטיק באַאיינפלוסט געוואָרן פון זיין שרייבן.

חיים׳ס פרוי, חנה, טראָגט זיך אַרום מיט אַ קליין קינד פון עטלעכע חדשים, אַ איינגעלע. עס איז געווען אַ גרויס רחמנות צו זען ווי חנה האָט געוויינט ווען איך האָב איר דערציילט ווי ער, חיים, ליידט צוליב דעם,

וואָס ער ווייסט, אַז ער האָט שוין אַ אינגעלע, אַז ער איז אַ טאַטע פון אַ קינד און ער האָט נישט קיין שליטה צו זען זיין אייגן בלוט און פלייש וואָס ער בענקט אַזוי שטאַרק נאָך אים...

„וואָס האָב איך שוין נישט אָנגעווענדט פאַר זיין באַפרייאונג!“, קלאָגט זי זיך פאַר מיר „איך בין געפאָרן קיין מאָסקווע, מיט אַ פיצל קינד אויף די הענט, און עס האָט מיר גענומען צוויי וואָכן ביז עס האָט מיר געלונגען צו קריגן אַן אוידיענץ ביים פרעזידענט שווערניק׳ן אַליין. ער, שווערניק, האָט מיך געפילפול אויסגעהערט און ער האָט מיך אפילו געטרייסט... ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זען פּערזענלעך אָנצואווענדן וואָס עס איז נאָר מעגלעך, כדי מען זאָל אים באַפרייען. דערווייל איז שוין באַלד צוויי יאָר צייט זייט מען האָט אים אַרעסטירט און איך וואַרט און וואַרט אויף דער ישועה וועלכע וויל נישט קומען! ער איז פאַראורטיילט, אומשולדיק פאַראורטיילט, אויף גאַנצע זעקס יאָר!“...

דאָס קליינע עופה׳לע זעענדיק ווי די מוטער וויינט, האָט עס אויך אָנגעהויבן צו וויינען... דאָס לעבעדיקע יתומ׳ל האָט אַזוי לאַנג געוויינט ביז עס איז מיד געוואָרן און אַז די מוטער איז דערמיט אַריין אין צווייטן צימער איינצושלעפערן דאָס קינד, האָב איך זי געהערט זינגען אַ וויגלידל פון ה. ד. נאָמבערג, וואָס איז מיר געווען באַקאַנט, עס האָט זיך טאַקע אַריינגעפּאַסט אין זייער לאַגע אין וועלכער זיי געפינען זיך:

„עס לויפן, עס יאָגן, שוואַרצע וואָלקנס,
עס פייפט און עס בלאָזט דער ווינט,
פון סיבירינען שיקט דיין טאַטע דיר אַ גרוס,
אַ גרוס, מיין קינד.
נאָר דער ווינטער ברענגט אונז גריסן
פונ׳ם קאַלטן לאַנד,
דאָרטן שטייט ער, איין לאָפּאַטע האַלטן,
האַלט ער אין זיין האַנט.
ער גראָבט אַלץ טיפער, טיפער, און וואַרפט
די ערד אַרויס,
זאָרג נישט קינד מיינס, פאַר׳ן שקר גראָבט
ער קברים אויס“...

נאָרוואָס האָבנדיק געווען אין מאָסקווע האָב איך זיך געקענט פאָר־שטעלן וויפל די אָרעמע פרוי האָט זיך עס נעבעך געמוטשעט אַליידן, מיט אַ פּיצל קינד אין די אָרעמס, ביז זי האָט זיך געקאָנט דערזען צוריק אינדערהיים.

קלאַראַ האָט זיכער געמוטשעט באַמערקן, דאָס איך בין זייער שטאַרק צוריקגעהאַלטן מיט מיינע באַציאונגען צו איר, דעריבער האָט זי זיך טאַקע באַצויגן צו מיר זייער קאַלט. פון יוצא וועגן פלעג איך זי טיילמאָל רופן אין טעאַטער אַריין אָדער צו אַ טאַנץ, צי סתם צו אַ פאַרוויילונג...

עס וואָלט אַלץ זייער גוט געווען ווען זי איז ב. און נישט קלאַראַ!...
נאָר צי קאָן איך זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון אַ לוסטיקער מינוט נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעשמאַכט אין געפאַנגענשאַפט פאַר אַזאַ לאַנגער צייט און בין געווען אויסגעטאָן פון אַלע „הבלי עולם הזה?״... מיין געוויסן האָט מיך אָבער אינצווישן געמוטשעט פלאָגן, ווייל איך האָב זיך מערערע מאָל געטראַכט: „איך קאָן זיך נאָך פאַרפלאָנטערן מיט אָט דער קלאַראַ!... איך קאָן זיך נאָך פאַרליבן אין איר און דעמאָלט וועל איך האָבן אָפּגעטאָן איינס פון די געמיינסטע זאַכן אין דער וועלט. איך וועל האָבן פאַרראָטן דאָס הייליגסטע פון מיין האַרץ, מיין ליבע צו ב׳ן...

איך מוז באַלד שרייבן אַ בריוו צו שלמה ווידער! איז מיר איינגע־פאַלן אַ געדאַנק, ער איז שוין זייט אַ לענגערע צייט באַפרייט. אפשר איז ער שוין געוואָר געוואָרן אינצווישן צייט וואו ב. געפינט זיך...

איך האָב שוין געהאַט אָוועקגעשריבן בריוו צו אַלע מיינע ברידער און שוועסטער אין אויסלאַנד. איך האָב אפילו געשריבן אַ בריוו צו דער סיגעטער געמיינדע און איך האָב זיך נאָכגעפרעגט וועגן ב׳ן און וועגן די רעשט פון מיין משפחה, אָבער דערווייל האָב איך פון קיינעם נישט דער־האַלטן קיין ענטפער. אָבער שלמה ווידער וואוינט דאָך אין סאַמע סאָוועטנ־פאַרבאַנד (ווי באַוואוסט זיינען די קאַרפּאַטן נאָך דער מלחמה אַנעקסירט געוואָרן פון די סאָוועטן), איז פון אים וועט דאָך האָפנטלעך נישט געדױרן

אַזוי לאַנג ביז איך וועל דערהאַלטן אַן ענטפער.

און עס האָט טאַקע נישט געדויערט לאַנג, אין משך פון צוויי וואָכן צייט האָב איך דערהאַלטן אַן ענטפער פון שלמה ווידער. ער האָט מיר צווישן אַנדערעס געשריבן, דאָס לאה׳קע, הערשעל פּאָלאַק׳ס געוועזענע כלה איז אויך אַהיים געקומען, קיין ראַכיוו, וואו ער געפינט זיך אַצינד. שלמה שרייבט מיר, דאָס לאה׳קע איז די גאַנצע צייט פון איר אַרעסט געוועזן צוזאַמען מיט ב׳ן. פון לאה׳קען האָט ער אַצינד ב׳ס אַדרעס. זי געפינט זיך אַצינד אין אַקטובינסק, אין קאַזאַכסטאַן. ב׳ן האָט ער שוין מיט אייניקע וואָכן צוריק געשיקט מיין אַדרעס פון פעטשאָרע...

שלמה שרייבט מיר, אַז לאה׳קע לאָזט מיך גריסן.. ער ראָט מיך, אין לאה׳קעס נאָמען, אַז איך זאָל זיך באַלד אַריבערכאַפּן קיין אַקטובינסק, צו ב׳ן.

ער לויבט זייער שטאַרק לאה׳קען, וואָס פאַר אַ פיין סימפּאַטיש מיידל זי איז און ווי גליקלעך ער פילט זיך, דאָס ער האָט מיט איר זיך צוזאַמענ־געטראָפן... פונ׳ם סטיל פון זיין שרייבן איז מיר נישט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז עס האַלט זיך אין אויסשפּינען עפּעס צווישן זיי..

ב. איז אַזוי אַרום שנעלער געוואָר געוואָרן, אַז איך געפין זיך צווישן די לעבעדיקע ווי איך בין געוואָר וועאָרן וועגן איר. דערפאַר וואָס זי האָט זיך מיט צוויי חדשים פריער פון מיר באַפרייט פון די טורמעס האָט זי געהאַט, צופעליק, אַ געלעגנהייט געוואָר צו ווערן דורך לאה׳קען, מיט שלמה ווידער׳ס קאָנטאַקט, אַז איך געפין זיך אין פעטשאָרע. גלייך, ווי נאָר זי איז געוואָר געוואָרן וואו איך געפין זיך, האָט זי אָנגעהויבן צו שרייבן בריוו און שיקן טעלעגראַמעס, איינס נאָך איינס, אָבער זי האָט שוין נישט באַקומען קיין ענטפער פון מיר, ווייל איך בין שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן פון דאָרטן. עס האָט שוין אפילו געהאַלטן דערביי, דאָס ב. זאָל זיך אַריבערכאַפּן אַזש קיין פעטשאָרע! — אַ מהלך פון עטלעכע טויזנטער קילאָמעטער. וואָלט איך זיך געווען בלויז מיט אייניקע טעג שפּעטער באַפרייט דעמאָלט וואָלט איך געווען געוואָר געוואָרן וואו ב. געפינט זיך און דעמאָלט וואָלט איך געווען אוודאי געפאָרן קיין קאַזאַכסטאַן אײדער צו פאָרן קיין בעסאַראַביע. מסתמא איז אונז נישט באַשערט געווען, אַז מיר זאָלן אַזוי גרינג זיך צוזאַמענטרעפן. ווייל ווען איך בין געוואָר געוואָרן וואו ב. איז, בין איך שוין לאַנג געווען אין קישענעוו און איך האָב זיך שוין שיער נישט געהאַט פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט אַן אַנדערער,

מיט קלאַראַ׳ן, און אונזער גלגולים, דער עיקר מיינע, זיינען נאָך געווען זייער ווייט פון צו זיין פאַרענדיקט...

קוים בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ב. לעבט און וואו זי געפינט זיך האָב איך דאָס ערשטע דערציילט די פישמאַנ׳ס דעם ריינעם אמת... זייט דעמאָלט האָב איך מער נישט אַריבערגעטרעטן די שוועל פונ׳ם הויז ביי די פישמאַנ׳ס...

דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטאָן איז געווען: אָנצושרייבן אַ האַרציקן בריוו צו ב׳ן, אַז מיינע געפילן צו איר האָבן זיך נישט געביטן און דאָס מיר זאָלן ביידע אָנווענדן אַלע מיטלען, כדי זיך באַפרייען פון אונזער אומגע־וואונטשענער לאַגע אין וועלכער מיר געפינען זיך אַצינד און דאָס מיר זאָלן אָנשטרענגען די רעשט פון אונזערע כוחות אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון דער נעץ אין וועלכער מיר זיינען פאַרפּלאָנטערט געוואָרן... מיר מוזן זוכן אַ וועג אָנצוקומען אַהיים !...

43

ביי דער בוי־אונטערנעמונג, וואו מיר האָבן געאַרבעט, האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין פיל שוועריקייטן. ערשט נאָדעם, אַז מיר וועלן שוין האָבן אָפּגעאַרבעט אָנדערטהאַלבן חדשים, וועלען מיר ערשט קריגן געצאָלט פאַר אונזער פּראַצע דעם ערשטן מאָנאַטלעכן געהאַלט. אַזוי־ווי מיר האָבן נישט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אָנהויב חודש וועלן מיר דעריבער נישט קענען קריגן קיין שפּייז־קאַרטן און מיר וועלן דערפאַר מוזן וואַרטן אַ גאַנצן חודש ביז מיר וועלן זיין רעגיסטרירט אין אַ מלוכה׳שן מאַגאַזין, כדי מיר זאָלן קענען קויפן פּראָדוקטן, ראַציאָנירטע פּראָדוקטן, אין רעגי־רונגס מאַגאַזין לויט רעגירונגס־פּרייזן. קיין געלט קריגן מיר נישט; קיין אָפּגעשפּאָרט געלט האָבן מיר נישט; קיין פּראָדוקטן קריגן מיר אויך נישט, אָבער אַרבעטן מוזן מיר איבער אונזערע כוחות, ווייל די טעגלעכע נאָרמע זיינען מיר סיי־ווי מחויב אויסצופילן, — וויאַזוי זשע וועלן מיר זיך דערנערן ?!

מיט אַ דירה איז אויך נישט גלאַט צוגעגאַנגען. מיר האָבן געמוזט וואַרטן אייניקע וואָכן ביז מיר האָבן געקראָגן אַ דערלויבעניש צו שלאָפן אין אַן „אבשיעזשיטיעסטווא״ (אַ מאַסן־שלאָף־צימער). און אַז מיר האָבן שוין קוים מיט צרות באַקומען די דערלויבעניש צו שלאָפן אין אַזאַ מאַסן שלאָף־צימער, האָבן מיר זיך ערשט איבערצייגט וואָס עס הייסט אַזוינס

אַן „אבשיעזשיטעסטווא״! עס ראיעט זיך דאָרטן אין די מאַטראַצן מיט לייז ווי אין אַ מוראשניק.

יעדן אינדערפרי׳ נאָכדעם ווי די מענטשן גייען אַוועק צו דער אַרבעט, איז אָנשטאָט די באַדינער פונ׳ם שלאָף־צימער, וואו עס האָבן געשלאָפן אַקעגן אַ הונדערט מענטשן, זאָלן געווען אויסלופטערן די בעטן און די מאַטראַצן מיט די צודעקן, פלעגן זיי אָנשטאָט דעם קאָמופלאַזשירן דעם אויבערפלאַך פון די בעטן מיט ריינע ליילעכער. טאָמער עס איז געקומען פון צייט צו צייט אַ קאָמיסיע בייטאָג, צו מאַכן אינספעקציע צי אַלץ איז אין אָרדנונג, דעמאָלט האָט די קאָמיסיע געזען נאָר דעם אויבן. וואָס עס טוט זיך אונטער די ציכטיקע און ריינע ליילעכער, האָט די קאָמיסיע נישט געוואוסט. דערפאַר׳ אָבער, האָבן עס שוין גאַנץ גוט געוואוסט און געפילט די יעניקע וועלכע האָבן דאָרטן גענעכטיקט...

= ⊕ =

פונקט אַקעגנאיבער דעם פּלאַץ, וואו מיר האָבן געאַרבעט, איז געווען אַ קאָנצענטראַציע לאַגער אין וועלכן עס האָבן זיך געפינען דייטשע קריגס־געפאַנגענע. מיר האָבן געקאָנט אַריבערקוקן אינ׳ם לאַגער אַריין, וועלכער געפינט זיך אויף אַ בערגל. נישט נאָר הערן מיר געגנוי די מוזיק, וועלכע די געפאַנגענע שפּילן אויף זייערע אינסטרומענטן, נאָר מיר קענען אַפילו באַאָבאַכטן די באַוועגונגען פון די געפאַנגענע אינ׳ם לאַגער.

פון דער ערשטער מינוט וואָס איך האָב געזען אַ דייטשן קריגס־געפאַנגענעם, איז געווען מיין איינדרוק, אַז עס לעבט זיך די דייטשע קריגס־געפאַנגענע אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן פיל בעסער ווי עס לעבט אין אַלגעמיין אַ סאָוועטישער אַרעסטאַנט אין די סאָוועטישע טורמעס. דאָס אָנטועכטס פון די געפאַנגענע, וואָס באַשטייט מייסטנס פון דייטשע מיליטערישע אוניפאָרמען, איז ריין און אין אָרדנונג ווי פאַר אַ סאָלדאַט. פאַרוואָס עס קומט על־פּי־דין די דייטשע קריגס־געפאַנגענע גרעסערע פּריווילעגיעס ווי די רוסישע אַרעסטאַנטן, האָב איך זיך געקאָנט פאָר־שטעלן: עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלער רויטער־קרייץ און וועלכן סאָוועט־רוסלאַנד איז אָנגעשלאָסן, דעריבער מוזן די רוסן אויספאָלגן געוויסע אָנגענומענע אינטערנאַציאָנאַלע רעגולאַציעס... אָבער על־פּי־שכל האָב איך רעוואָלטירט אין מיין אונטערבאַוואוסטזיין אַקעגן די הומאַניטאַרע רעגולאַציעס וואָס עס אָנבאַלאַנגט די דייטשע קריגס־געפאַנגענע...

אז איך און יאַקאָבאָוויטש וועלן אויך זיין צווישן די דייטשע קריגס־געפאַנגענע טאָקע אין דעם זעלבן לאַגער אין גאָר אַ קורצער צייט אַרום — דאָס איז מיר נישט געקומען אויפ׳ן געדאַנק! דאָס איז געשען נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט בערנאַט בערקאָוויטש׳עס אלמנה, מיט פעני׳ן.

= ◍ =

ווי שוין באַמערקט פריער, האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין פיל שווע־ריקייטן. מיר האָבן איבערגעלעבט זייער קריטישע צייטן, דער עיקר איז אונזער שוועריקייט באַשטאַנען דערין, וואָס מיר האָבן געמוזט שווער אַרבעטן און קיין געצאָלט און קיין עסן האָבן מיר פאַר אונזער פראַצע דערווייל נישט באַקומען. געוויסע מאָמענטן איז אונז נאָך פיל שווערער געווען אויף דער פריי ווי אינ׳ם לאַגער, ווייל אין לאַגער האָבן מיר דאָך געקראָגן אונזער פאַיאַק, מער אָדער ווייניקער. מיר האָבן דאָך באַקומען איטלעכן טאָג צו עסן און דאָס האָט אונז דערהאַלטן ביים לעבן. אָבער דאָ, אויף דער פריי, זיינען מיר מחויב אַליין זיך צו פאַרזאָרגן, קיינער קימערט זיך נישט וועגן אונז צי מיר האָבן וואָס צו נעמען אין מויל אַריין, אָדער מיר הונגערן; צי מיר האָבן יאָ אַ קאָפּיקע ביי דער נשמה פאַר וואָס זיך צו קויפן עפּעס וואָס נישט איז טועם צו זיין — צי נישט! מיר האָבן קיין ברירה נישט, מיר וועלן מוזן וואַרטן וואָכן לאַנג ביז מיר וועלן זען אַ רובל פאַר די אויגן און ביז מיר וועלן זיין רעגיסטרירט אין מלוכה׳שן מאַגאַזין צו דערהאַלטן פּראָדוקטן, אָבער ביז דעמאָלט, איז לעב ווי עס לאָזט זיך און שווג זיך ווי דו קאָנסט!...

אפילו די יעניקע וועלכע האָבן שוין יאָ דערהאַלטן זייער געצאָלט און זיי האָבן שוין יאָ געקאָנט איינהאַנדלען זייערע פּראָדוקטן אין די רעגירונגס מאַגאַזינען, האָבן באַקומען זייער ווייניק. די ראַציע אין אַלגעמיין איז שטאַרק קליין. פיל האָבן קוים געקאָנט אויסקומען מיט זייערע פאַרדינסטן און מיט זייער פּאַיאַק, פאַר בלויז אַ האַלבן חודש. איז פון וואַנעט וועלן זיי קענען נעמען צו דערנערן זיך און זייער הויזגעזונט פאַר די רעשט פונ׳ם חודש? ווער עס האָט נאָך אַביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, דער קאָן זיך איינהאַנדלען געוויסן פּראָדוקטן אויפ׳ן שוואַרצן מאַרק. אָבער מיר, וואָס עס האָט אונז על פי נס געלונגען מציל צו זיין בלויז אונזערע באַקעטע גופים פונ׳ם לאַגער, מיר האָבן נישט קיין געלט און נישט קיין פּראָדוקטן, האָבן מיר, ווילנדיק צי נישט ווילנדיק, נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי אַנצוקומען נאָך שטיצע פון דער קישענעווער געמיינדע...

מיר זענען נישט געווען די איינציקע וועלכע זיינען געווען אָנגעוויזן אויף הילף. עס איז פּונקט פאַר פּסח און די קישענעווער קהילה טיילט אַביסל מעות־חטים פאַר אַרעמעלייט. מאַסן אָרעמעלייט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין שוהל אַריין נאָך הילף. עס איז אַ געררודער און אַ טומל. מערסטנטייל זיינען זיי נישט צופרידן פון דעם ביסל הילף וואָס זיי באַקומען, קריגט מען זיך טאַקע און מען שרייט אויף די כלל טוערס, אַז זיי לאָזן אַרונטער אין די קעשענעס קהל׳ס געלט... די כלל־טוערס ווייסן דאָס אייניקע פון די שרייערס נויטיקן זיך נישט אין קיין הילף, איז לאָזט מען זיי שרייען... אַנדערע ווידער סטראַשען, אַז זיי וועלן עסן חמץ אין פּסח אויב מען וועט זיי נישט געבן גענוג מעות־חיטים געלט...

איך און יאַקאָבאָוויטש האָבן זיך געפילט זעהר שטאַרק איבעריק צווישן אָט דעם עולם, עס איז אונז געווען שטאַרק דערווידער אָנצוקומען נאָך קיצבה פון קהל׳ס שיסל, נאָר נויט ברעכט אייזן. מיר האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט ווי צו שטיין אין דער רייע און וואַרטן. מיר האָבן זיך טאַקע נישט געשטופּט ווי דער רוב פון די אַנוועזענדע נויטבאַדערפטיקע, אדרבא, מיר האָבן ווי מיט אַ כיוון איטלעכן צוגעלאָזט פריער; אויב איינער שטופּט זיך און ער איילט זיך ווי שנעלער צו דערלידיקן זיין ענין מיט די קהל׳שע כלל־טוערס, — זאָל ער זיך שטופּן געזונטערהייט! מיר זיינען געשטאַנען „כעני־בפּסח״, שעמעוודיקע און צוריקגעהאַלטענע, עס אַרט אונז נישט ווען מיר זאָלן אפילו בלייבן צום סאַמע לעצט... נאָר אינצווישן האָט אונז באַמערקט אונזער באַקאַנטער, ר׳ יחיאל, וועלכער איז איינער פון די הויפּט פאַרוואַלטערס פונ׳ם מעות־חיטים קאָמיטעט. ער האָט אונז אָוועקגערופן אין אַ זייט און ער האָט אונז איינגערוימט אַ סוד אין אויער: „איר ברויכט נישט שטיין אין דער רייע, זאָרגט זיך גאָרנישט, איר זענט צווישן די ערשטע אויף דער ליסטע פון די נויטבאַדערפטיקע כאָטש איר רייסט נישט אייך קיין וועלטן״...

דער דאָזיקער ר׳ יחיאל איז געווען אונזער „פאַרבאָרגענער געבער״. נישט איינמאָל האָט ער אונז אַרויסגעשלעפּט פון דער בלאָטע ווען מיר האָבן שוין געמיינט, אַז עס איז עק וועלט... ער פלעגט אונז אונטעררוקן צום עסן און אַ ביסל געלט אַזוי דאָס קיינער זאָל נישט זען. ווען נישט אַזוינע „ר׳ יחיאל׳ס״ צווישן די אידן וואָלטן פיל אידישע קינדער אומגעקומען פון הונגער און נויט.

צווישן עולם „אורחי־פּורחי" איז פאַראַן אַ פרוי אויף וועלכע עס איז שווער צו דערקענען צי זי איז נאָך יונג אָדער זי איז שוין אַ זקנה. זי, די פרוי, איז אַרומגעוויקלט מיט אַ שאַל, זי וויל עפּעס זאָגן, אָבער אירע ווערטער קומען נישט אַרויס גלאַט פון איר מויל. אַזוי, אַז מען קאָן זי נישט פאַרשטיין, ווער זי איז און וואָס זי פאַרלאַנגט. זי רעדט אַ צעקאַלי־טשעטן רוסיש מיט אַ געמיש פון אַ דייטשמערישן־אידיש מיט אַ שאַרפן אונגאַרישן אַקצענט... קיינער קאָן נישט פאַרשטיין קיין צוויי ווערטער וואָס זי רעדט. האָבן די כלל־טוערס געמיינט, אַז זי איז „נעבעך", אַ צעדרייטע... אַזוי־ווי עס איז נאָך פאַראַן אַ גרויסער עולם צו דערליידיקן און עס איז שוין שפּעט אויך, האָבן די כלל־טוערס זייער געוואָלט ווי שנעלער פּטור ווערן פון דער דאָזיקער פרוי. דאָ האָט זיך אַריינגעמישט ר' יחיאל און ער האָט זי געפרעגט, אין וואָס פאַר אַ לשון זי וואָלט זיך אַמבעסטן געקאָנט אויס־דריקן, האָט זי אים געענטפערט, אַז די איינציקע שפּראַך וואָס זי קאָן רעדן איז אונגאַריש.

„אָט זיינען דאָ פאַראַן צוויי אונגאַרישע יונגעלייט", ווייזט איר ר' יחיאל אויף מיר און אויף יאַקאָבאָוויטש'ן, „זאָגט זיי וואָס איר ווילט!"

די פרוי האָט אונז אָנגעהויבן צו דערציילן אַ געשיכטע, וויאַזוי זי איז אָנגעקומען צופעליק קיין קישענעוו, וואו זי האָט נישט קיין באַקאַנטע און קיין איין מענטש מיט וועמען זי זאָל קענען רעדן, אַז מען זאָל זי פאַרשטיין, זי האָט אונז דערציילט איר געהיימניש, אַז זי און איר מאַן זענען אַנטלאָפן פאַר דער מלחמה פון אונגאַרן קיין רוסלאַנד. זיי זיינען נישט אַנטלאָפן אַליין, נאָר זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ דריי־יאָריק אינגעלע און אַ צינד, נאָך זעקס און אַ האַלב יאָר, ווייסט זי נישט וואו איר מאַן איז און וואו דאָס קינד איז...

מיר הערן זי אויס מיט פיל אויפמערקזאַמקייט, איר געשיכטע איז אונז נישט פרעמד!...

„ווי האָט געהייסן אייער מאַן?", האָבן מירביידע מיטאַמאָל זי אַ פרעג געטאָן.

„בערנאַט בערקאָוויטש!"...

בלויז דער נאָמען בערנאַט בערקאָוויטש אַליין האָט אויף אונז געווירקט ווי גלייך אַ באָמבע וואָלט אַראָפּגעפאַלן איבער אונזערע קעפּ... פון דער ערשטער מינוט וואָס מיר האָבן זיך געהאַט באַגעגנט מיט בערנאַט בערקאָוויטש'ן און באַקענענדיק זיך מיט זיין לאַגע, אַז ער איז אַריבער־

געלאָפּן די גרענעץ פון אונגאַרן קיין רוסלאַנד מיט אַ פרוי און קינד, האָבן מיר זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער מוז זיין איינער פון די טראַגישסטע העלדן צווישן דעם סאָרט פליטים. נאָר דעמאָלט האָט נאָך בערקאָוויטש געלעבט. אָבער אַצינד זעען מיר זיין פרוי, וואָס מיט איייניקע יאָר צוריק האָט זי געבליט און איז געווען יונג, אָבער ווי זי זעט עס אויס אַצינד!...

איך מיט יאַקאָבאָוויטש׳ן האָבן זיך איבערגעבליקט. אַזוי ווי איך בין די אַלע יאָרן נישט געווען מיט אים צוזאַמען אין די לאַגערן, ווייל פאַקטיש האָב איך זיך דאָך נאָר צופעליק באַגעגנט מיט יאַקאָבאָוויטש׳ן אין פעטשאָרע, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיךביידע באַפרייט, דעריבער האָב איך נישט געוואוסט, אַז יאַקאָבאָוויטש׳ן איז אויך אויסגעקומען צו זיין מיט בערקאָוויטש׳ן צוזאַמען. יאַקאָבאָוויטש דערציילט מיר, אַז ער איז געווען מיט בערנאַט בערקאָוויטש׳ן צוזאַמען אין שפּיטאָל און ער האָט אויסגעהויכט די נשמה אויף זיינע הענט...

אָרעמע פעני בערקאָוויטש!... זי ווייסט נעבעך נאָך נישט, אַז זי איז שוין זייט לאַנג אַן אלמנה.

אַז מיר האָבן נאָכדעם דערציילט ר׳ יחיאל׳ן די טראַגישע געשיכטע פון דער דאָזיקער פרוי, האָט ער אונז בלויז אויסגעהערט און מיר האָבן באַמערקט ווי ער איז אַוועק אין אַ ווינקל און ער האָט זיך געווישט די אויגן...

פעני בערקאָוויטש איז נאָך אַ גאַנץ יונגע פרוי לויט אירע יאָרן, אָבער זי זעט אויס זייער געעלטערט, כמעט אַ זקנה. איך קאָן זיך נישט געבנוי דערינערן וויאַזוי זי האָט אויסגעזען מיט זעקס און אַ האַלב יאָר צוריק ווען איך האָב זי צופעליק באַגעגנט, פאַרנדיק צוזאַמען אין איין וואַגאָן פון נאַדוואָרנע קיין סטאַניסלאַוו. אָבער אַזויפיל קאָן איך זיך יאָ דערינערן, אַז זי איז געווען אַ יונגע פרוי אין די צוואַנציקער יאָרן אָדער העכסטנס דרייסיק יאָר אַלט. אַלענפאַלס עלטערט מען זיך נישט אַזוי שטאַרק ווי זי אין משך פון זעקס און אַ האַלב יאָר, סיידן ווען איינער לעבט איבער שרעקלעכע נשמה־צעטרייסלונגען און זי האָט טאַקע געהערט צום דאָזיקן סאָרט מענטשן...

= ◍ =

שמועסנדיק מיט פעני׳ן האָבן מיר דערפאַרן וויכטיקע איינצלהייטן וויאַזוי מיר וואָלטן אַלע געקאָנט אויף אַ נאָרמאַלן און לעגאַלן אופן אַהיימ־פאָרן.

„פאַר דער צייט וואָס איך בין געליגן אין שפּיטאָל", דערציילט זי אונז, „בין איך געווען אין קאָנטאַקט מיט אייניקע באַקאַנטע וואָס איך בין געווען צוזאַמען אין לאַגער. פון די דאָזיקע באַקאַנטע האָב איך עס דערפאַרן, אַז אין פאַל מיר זאָלן פאָרן קיין מאָסקווע און זיך מעלדן ביים אונגאַרישן קאָנסול, אַז מיר ווילן זיך רעפּאַטריאירן קיין אונגאַרן, וואָלטן מיר אָן שוועריקייטן געקראָגן אַן אונגאַרישע וויזע...

איך און יאַקאָבאָוויטש האָבן זי אויסגעהערט דערשטוינטע און מיר האָבן זי ביידע מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם:

„איר זענט זיכער דערין?!"...

„אַלע הונדערט פּראָצענט!"

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט זי אונז טאַקע דערציילט וואָס איר איינציקער וואונטש איז „ווען עס זאָלן זיך טרעפן אייניקע מענטשן וועלכע וועלן מיך פאַרשטיין און זיי וועלן זיך דערבאַרעמען איבער מיר וואָלטן זיי מיר געקאָנט אויף אַ לייכטן אופן אַרויסהעלפן אין מיין נויט. אַלעס וואָס איך ברויך איז, רייזע הוצאות קיין מאָסקווע און איין ברויט מיט וועלכן איך זאָל זיך קענען דערנערן פאַר אייניקע טעג, כדי איך זאָל נישט פאַלן אין אָנמאַכט פאַר הונגער, ביז איך וועל זיך דערשלאָגן צום אונגאַרישן קאָנסול. דערמיט, בין איך זיכער, וואָלט איך געקאָנט מיין ציל דערגרייכן"...

„וויאַזוי קאָנט איר זיך מעלדן ביים אונגאַרישן קאָנסול", פרעגן מיר זי פאַרוואונדערטע, „אַז איר זייט פון גרויסוואַרדיין און ווי באַוואוסט געהערט גרויסוואַרדיין אויפסניי צו רומעניע און לאָגישערוויז וואָלט איר דאָך געדאַרפט אונטערליגן דעם רומענישן סטאַטוס?"

„גרויסוואַרדיין געהערט טאַקע היינט־צו־טאָג צוריק צו רומעניע", ענטפערט זי אונז מיט איבערצייגונג ווי איינע וועלכע ווייסט וואָס זי וויל, „אָבער ווען מיר זיינען געקומען אַהער, אין סוף פון 1940, דעמאָלט איז גרויסוואַרדיין געווען אונגאַרן און דעריבער האָבן מיר זיך אפילו באַפרייט פון'ם לאַגער אַלס אונגאַרישע בירגער. דעריבער זיינען מיר אונטער דער אונגאַרישער יוריסדיקציע וואָס עס אָנבעלאַנגט אונזער רעפּאַטריאַציע... אויף אונזער באַפרייאונגס־צעטל איז אפילו געווען אָנגעמערקט, אַז מיר זענען אונגאַרישע בירגער"...

מיר האָבן געפילט, אַז די דאָזיקע פרוי, נישט געאַכט אויף איר טראַגישן מצב, ווייסט וואָס זי רעדט און אַז על־פּי־שכל מוז זי אויך זיין גערעכט.

איך קוק זיך דורך מיט יאַקאָבאָוויטש׳ן און יאַקאָבאָוויטש הערט נישט אויף צו קוקן אויף מיר און פּעני קוקט אויף אונז ביידע׳ זעענדיק, ווי דערשטוינט מיר זיינען פון אירע רייד. אויב עס איז טאַקע אמת וואָס זי זאָגט, דעמאָלט קענען מיר זיך ערשט אַצינד איבערצייגן וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע אויפטוען מיר וואָלטן געקאָנט דערגרייכן בשעת מיר זיינען געווען אין מאָסקווע, ווען מיר וואָלטן נאָר געהאַט אַביסל מער איינפאַר־מאַציע און אַ קאַפּיטשקע מער שכל... נאָר פּעני האָט נאָך אַלץ גאָרנישט נישט פאַרשפּעטיקט! זי האָט נאָך אַלץ איר באַפרייאונגס צעטל, מיט וועלכן זי האָט זיך באַפרייט פונ׳ם לאַגער, ווייל זי האָט זיך נאָכנישט געמאָלדן ביי די נ.ק.וו.ד., אַז זי וויל זיך ערגעצוואו איינאָרדענען. פאַר אונז איז עס אָבער יאָ צו שפּעט. ווען מיר האָבן זיך געהאַט געמאָלדן ביי די נ.ק.וו.ד. אין קישענעוו ווען מיר זיינען אַהער אָנגעקומען, האָבן זיי אונזערע באַפרייאונגס צעטעלן אַוועקגענומען און מען האָט אונז אַנשטאָט די דאָזיקע געגעבן אַנדערע דאָקומענטן. אין די נייע דאָקומענטן איז שוין אַריינגעשריבן, אַז מיר זיינען רומענישע בירגער...

„אפשר קענען מיר פּרובירן ביי די נ.ק.וו.ד.׳ אַז זיי זאָלן אונז צוריק־געבן אונזערע באַפרייאונגס צעטלעך״? פּרובירן מיר זיך טרייסטן. „די קאַפּיטאַנשע, וועלכע האָט די אויפזיכט איבער די אויסלענדישע איינ־וואוינער אין קישענעוו, זעט אויס צו זיין אַ גאַנץ סימפּאַטישע פרוי, דעריבער וואָלט געווען אַ סברא, אַז מיר זאָלן פּרובירן איר בעטן, זי זאָל אונז צוריקגעבן די דאָזיקע צעטלעך. עס קאָן אונז נאָך אפשר געלונגען!״...

פּעני בערקאָוויטש האָט מיר אויך איבערגעגעבן ערשט־העכטיקע ידיעות פון ב׳ן. זי האָט מיר דערציילט פון אירע איבערלעבענישן אין די לאַגערן און אירע ראַנגלענישן צו לעבן אַן אָנשטענדיק לעבן; ווי די נאַטשאַלניקעס האָבן זיך איזדעקעוועט איבער ב׳ן ווייל זי האָט זיך נישט געוואָלט אונ־טערוואַרפן זייער באַגער... בכלל האָבן די סאָרט פרויען, וועלכע זיינען געלאָפן פון די דאָזיקע געביטן, ווי אונגאַרן׳ רומעניע און אַנדערע, געהאַט אויסצושטיין אויסערגעוויינלעכע שווערקייטן בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך נישט געוואָלט „אַהינגעבן״ פאַר די נאַטשאַלניקעס און די בריגאַדירן. אייניקע האָבן נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און זיי זיינען טאַקע געשטרויכלט געוואָרן... אַ סיגעטער מיידל האָט טאַקע געהאַט אַ קינד אין לאַגער און קיין צרות האָבן איר נאָכדעם נישט געפעלט!...

וואָלט איך נישט געהאַט געוואָר געוואָרן דורך שלמה ווידער וואו ב.

געפינט זיך, וואָלט איך עס ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט געוואָר געוואָרן פון פעני׳ן.

„אַלעס וואָלט נאָך אפשר געקאָנט גוט זיין״, רופט זיך פּלוצלינג אָן פעני אַ וויינענדיקע און אַ פאַרביטערטע „ווען איך וואָלט געקאָנט געוואָר ווערן וואו מיין מאַן און קינד געפינען זיך״...

פעני האָט מיך געראָטן, דאָס איך זאָל באַלד שרייבן אַ בריוו צו ב׳ן, אַז זי זאָל גלייך פאָרן קיין מאָסקווע און דאָס זי זאָל זיך מעלדן ביים אונגאַרישן קאָנסול, אויסדריקלעך׳ ביי דעם אונגאַרישן קאָנסול און נישט ביי דעם רומענישן קאָנסול. אויך מיך מיט יאַקאָבאָוויטש׳ן ראָט זי צו טאָן דאָס זעלבע און זי איז ביי זיך זיכער, אַז מיר וועלן האָבן דערפאָלג וואָס עס אַנבאַלאַנגט אונזער רעפּאַטריאַציע.

פון ב׳ן האָב איך נאָכנישט געהאַט דערהאַלטן קיין ענטפער אויף מיין ערשטן בריוו. אַזוי, אַז איך האָב נישט געקאָנט וויסן צי זי וואוינט נאָך אויף איר אָנגעגעבענער אַדרעס וואָס איך האָב דערהאַלטן פון שלמה ווידער. נאָר מיט פעני׳ן האָבן מיר זיך אָפּגעשמועסט, דאָס אַזיוי זי וועט סיי־ווי־סיי זיין אין מאָסקווע, איז אויב עס וועט איר טאַקע געלונגען צו באַקומען אַן אויסוואַנדערונגס וויזע קיין אונגאַרן פונ׳ם אונגאַרישן קאָנסול, דעמאָלט זאָל זי אונז אומבאַדינגט לאָזן וויסן, דעמאָלט וועלן מיר אויך פּרובירן גיין אין אירע פוסטריט...

= ◍ =

ר׳ יחיאל איז אין אַ ווײלע אַרום צוגעקומען צו אונז און ער האָט אונז אָוועקגערופן אין אַ זייט:

„אַזיוי איר ווייסט בײדע, אַז דער פרוי בערקאָוויטש׳ס מאַן איז געשטאָרבן״׳ זאָגט ער צו אונז, „וואָלט זייער גלייך געווען, אַז איר זאָלט עס איר דערציילן, ווייל אַזוי אַרום וועט זי נישט זיין פאַראורטיילט צו זיין אַן עגונה די רעשט פון איר לעבן״.

הרב עפּעלבוים, קישענעווער הויפּט רב, האָט אונז ספּעציעל געלאָזט רופן און ער האָט פון אונז פאַרלאַנגט, בגזירת־הרב, דאָס מיר זאָלן אין זיין אַנוועזנהייט אומבאַדינגט זאָגן פאַר דער פרוי בערקאָוויטש דעם ריינעם אמת, אַז זי איז אַן אלמנה און ער וועט איר דאַן מתיר זיין׳ זי זאָל קענען אַ צווייט מאָל חתונה האָבן.

פעני'ן איז געווען אויפפאַלענד וואָס מיר רופן זי פלוצלינג צום קישעַ־נעווער רב. נאָר הרב עפעלבוים האָט עס געמאַכט קורץ און שאַרף, ער האָט זיך געווענדעט צו פעני'ן בזה הלשון:

„אָט זיינען פאַראַן צוויי עדות, איינער אַן עד־ראיה און איינער אַן עד־שמיעה, אַז אייער מאַן, מאַדאַם בערקאָוויטש, איז געשטאָרבן אין פעטשאָרער לאַגער!... עס איז דעריבער מיין טרויעריקע אויפגאַבע אייך צו פאַרשטענדיקן... ביי דער געלעגנהייט בין איך אייך מתיר, דאָס איר זאָלט נישט דאַרפן זיין קיין עגונה, און איר וועט מעגן אַ צווייט מאָל חתונה האָבן...

„בלע המות לנצח ומחה ה' דמעה מעל כל פנים" — זאָל דער טויט פאַרשוואונדן אויף אייביק און זאָל דער אַלמעכטיקער אָפּווישן די טרערן פון איטלעכנס געזיכט, אמן!"...

פעני האָט טאַקע נישט אַלעס פאַרשטאַנען וואָס דער רב האָט איר נאָר וואָס געזאָגט, אָבער אַזויפיל האָט זי אַרויסגענומען פון די דאָזיקע ווערטער, אַז זי זאָל וויסן אין וואָס עס האַנדלט זיך, אַז זי איז אַן אלמנה!... אין איר גרויס פאַרצווייפלונג האָט זי בלויז אַזויפיל צוגעגעבן, ווישנדיק זיך די טרערן פון אירע אויגן:

„איך וועל סיי־ווי מער שוין קיינמאָל אין מיין לעבן נישט זיין קיין גליקלעכע און דעריבער וועל איך שוין מער קיינמאָל נישט הייראַטן"...

איצט ווייסט שוין פעני, אַז איר מאַן איז שוין זייט איניקע יאָרן אויפ'ן עולם־האמת... אָבער וואָס איז געשען מיט איר זונדל, מיט איר בן־יחיד? איז זייענדיק אין מאָסקווע וועט זי טאַקע פּרובירן צו קומען אויף די שפּורן פון איר פאַרשוואונדן קינד. טאַקע דורך דעם אונגאַרישן קאָנסול אין מאָסקווע וועט זי פּרובירן אָנווענדן אירע ערשטע אָפּי־ציעלע שריט אין דער אָנגעלעגנהייט. זי איז כמעט ווי זיכער ביי זיך אַז דורך אַן אָפּיציעלן אינטערווענץ וועט זי וואָס נישט איז דערפאָרן...

ר' יחיאל האָט געגעבן פעני'ן גענוג געלט און עסנוואַרג, אַז עס זאָל קלעקן ביז זי וועט קענען דערליידיקן אין מאָסקווע איר ענין. איך און יאַקאָבאָוויטש האָבן זי אַרויסבאַגלייט צום צוג. מיר האָבן זיך הערצלעך געזעגנט און מיר האָבן זי באַכאַמאָל געבעטן, אַז זי זאָל בשום אופן נישט פאַרגעסן אונז צו שרייבן אין פאַל עס וועט איר געלונגען צו קריגן אַן אונגאַרישע וויזע אין מאָסקווע...

עס זיינען נישט פאַריבער קיין גאַנצע צען טעג און מיר האָבן דער־

האַלטן אַ בריוו פון פעני בערקאָוויטש. זי האָט אונז זייער שטאַרק באַדאַנקט פאַר אונזער הילף, וואָס מיר האָבן איר צוגעטיילט ווען זי איז געווען אין קישענעוו. זי ווייסט נישט, שרייבט זי, וואָס זי וואָלט געווען געטאָן ווען מיר וואָלטן נישט געווען צופעליק ביי דער אידישער געמיינדע אין קישע־נעוו ווען זי איז דאָרטן געווען. נישט נאָר וואָלט זי קיינער נישט פאַר־שטאַנען און מען וואָלט זיך נישט אָפּגערופן אויף איר פאַרלאַנג, נאָר זי וואָלט קיינמאָל נישט געהאַט וואו איבערצונעכטיקן. דער עיקר: זי האָט שוין די וויזע דערהאַלטן. דער אונגאַרישער קאָנסול האָט זי אפילו פאַר־זאָרגט מיט באַן בילעטן און מיט פּראָדוקטן אויפ׳ן וועג קיין אונגאַרן. זי ראָט אונז, אַז מיר זאָלן נישט פיל שפּעקולירן און אויך מיר זאָלן טאָן דאָס זעלבע וואָס זי האָט געטאָן.

וועגן איר קינד האָט זי ליידער גאָרנישט געקאָנט דערפאַרן... זי איז געצוואונגען אַהיים צו פאָרן, ווייל איר מי איז אַן אומזיסטיקע... דער קאָנסול האָט זי געראָטן, אַז זי זאָל פאַר אַ ווײַלע אויפגעבן אירע האָפענונגען צו זען זיך מיט איר קינד, ווייל אין פאַל זי וועט זיך שטאַרק פאַר׳עקשנ׳ען, אַז זי וויל קריגן ידיעות וועגן איר קינד, קאָן געשען, אַז זי זאָל בכלל קיינמאָל נישט קענען אַרויספאָרן פון רוסלאַנד און ערשט דעמאָלט איז זי נישט זיכער, אַז זי וועט קענען אויסגעפינען וואו איר קינד געפינט זיך... פון אויסלאַנד קאָן מען צוטיילמאָל נאָך ענדער אינטערווענירן ווי דאָ...

אַז מיר האָבן געענדיקט פעני בערקאָוויטש׳עס בריוו, האָבן מיר גלייך דעצידירט, אַז מיר זאָלן אַריבערגיין צו דער קאַפּיטאַנשע, די הויפּט אויפ־זעערין איבער די אויסלענדישע בירגער פון קישענעוו, און מיר וועלן זי בעטן, אַז זי זאָל אונז צוריק געבן אונזערע באַפרייאונגס צעטלעך, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געהאַט איינגעמאָלדן ביי איר, ווען מיר זיינען אָנגע־קומען קיין קישענעוו.

= ◍ =

איך האָב נאָך אַלץ נישט באַקומען קיין שרייבן. קיינער פון מיינע אייגענע האָט מיר נאָך נישט געענטפערט אויף מיינע ערשטע בריוו וואָס איך האָב געשריבן נאָך מיין באַפרייאונג. איך האָב נישט דערהאַלטן קיין שרייבן נישט פון ב׳ן און נישט פון סיגעט ווי אויך נישט פון מיינע ברידער און שוועסטער אין אַמעריקע. צו מיין מזל האָט זיך ב. פונקט בעדאַרפט

אַריבערציען אין אַ צווייטער דירה און דעריבער האָט זי נישט באַקומען מיינע בריוו אין צייט. ווען איך האָב שוין ענדלעך יאָ דערהאַלטן ענטפערס אויף מיין שרייבן, בין איך שוין אויפסניי געווען אַרומגערינגלט מיט שטעכל־דראָטן...

נאָר איך וועל דערציילן, כסדר, ווי אַזוי דאָס איז געשען.

איך מיט יאַקאָבאָוויטש׳ן זיינען אַוועקגעגאַנגען צום „אָוויר״, צום דעפּאַרטמענט פון די אויסלענדישע בירגער, צו דער הויפּט אויפזעערין, צו דער קאַפּיטאַנשע, פון רעגיסטריר־קאַנטור. מיר האָבן זיך געבעטן ביי דער קאַפּיטאַנשע, אַז צוליב געוויסע סיבות, נויטיקן מיר זיך אין אונזערע באַפּרייאונגס צעטלעך, דעריבער וואָלטן מיר איר זייער דאַנקבאַר געווען, אַז זי זאָל אונז טאָן די גרויסע טובה און אונז אומקערן די דאָזיקע צעטלעך. מיר האָבן איר געגעבן צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ גרויסע שוועריקייטן מיר האָבן ביים איינאָרדענען זיך אין ראַטנפאַרבאַנד... איטלעכער קוקט אויף אונז מיט חשד, ווי אויף עפּעס פאַרדעכטיקטע פּאַרשוינען און דעריבער האָבן מיר אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן ביים איינאָרדענען זיך; מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו קריגן אַן אַרבעט לויט אונזערע פעאיקייטן; ביי אונזערע אומשטענדן זיינען מיר נישט בכוח צו פאַרדינען גענוג אויף טרוקן ברויט... דעריבער וועט זי אונז טאָן אַ גרויסע טובה, אויב זי וועט אונז צוריקגעבן די צעטלעך און מיר וועלן זיך קענען רעפּאַט־ריאירן אַהיים...

צו אונזער איבערראַשונג האָט די קאַפּיטאַנשע נישט אַרויסגעוויזן קיין ווידערווילן צו אונזער פאַרלאַנג, אדרבא, זי האָט אפילו אַרויסגעוויזן פיל פאַרשטענדעניש. מיר האָבן עס אָנגענומען, אַז זי האָט מיט אונז מיטלייד און זי וויל אונז טאַקע העלפן אין אונזער שווערער נויט. זי האָט בלויז פון אונז פאַרלאַנגט איין קלייניקייט, אַז מיר זאָלן איר ברענגען אַ דערלויבעניש פון אונזער נאַטשאַלניק, אַז ער באַפרייט אונז פון דער אַרבעט צוליב אונזער צוועק.

עס איז נישט פון די לייכטע זאַכן צו באַקומען אַ דערלויבעניש פון אַ נאַטשאַלניק אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אַז ער דערלויבט אונז אויפצוהערן אַרבעטן... נאָר מיר האָבן אים אויפגעקלערט, אַז עס האַנדלט זיך דאָ אין אונזער רעפּאַטריאַציע און אַז דאָס איז בלויז די איינציקע סיבה פאַר וואָס מיר ווילן פאַרלאָזן דאָס אַרבעט פּלאַץ. דער נאַטשאַלניק האָט זיך טאַקע געקווינקלט צי ער קאָן זיך מיט דערלויבן אויף זיין אייגענער אחריות

אונז צו באַפרייען פון אונזער אַרבעט אין מיטן העלן טאָג, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז מיר האָבן פון דער גאַנצער אַרבעט וואַסער אויף קאַשע... נאָר אַז מיר האָבן אונטערגערוקט דעם נאַטשאַלניק אַ געשריבענעם פאַר־לאַנג האָט ער אונזער פאַרלאַנג באַשטעטיגט מיט זיין אונטערשריפט.

אַז די קאַפּיטאַנשע האָט געזען דעם דאָקומענט פון אונזער נאַטשאַלניק, אַז ער דערלויבט אונז צו פאַרלאָזן דאָס אַרבעטס פּלאַץ, האָט זי אָן צערע־מאָניעס אונז צוריק געגעבן די אַזוי גענאַרטע צעטלעך אונזערע.

עס האָט זיך מיר געוואָלט אין דאָזיקן מאָמענט זיך אַרומכאַפּן מיט דער קאַפּיטאַנשע און זי קושען פאַר פרייד... איין קלייניקייט, אין משך פון אייניקע טעג וועלן מיר קענען פאַרלאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד פּונקט ווי פּעני בערקאָוויטש.

איך האָב גלייך אָוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו ב׳ן, כאָטש איך האָב נאָך נישט געהאַט פון איר דערהאַלטן קיין שרייבן, אַז זי זאָל באַלד פאָרן קיין מאָסקווע און טאָן גענוי ווי איך האָב איר געהאַט געשריבן... האָפנטלעך וועלן מיר זיך טרעפן אין מאָסקווע.

מיר זיינען שוין געווען ביי דער טיר און מיר האָבן זיך שוין אפילו געהאַט געזעגנט מיט דער קאַפּיטאַנשע, — ווען די קאַפּיטאַנשע האָט אונז צוריקגערופן:

„איך האָב פאַר אייך אַן עצה“, זאָגט זי צו אונז מיט אַ פריינטלעכן טאָן, „צו וואָס דאַרפט איר זיך עס פּלאָגן און פאָרן אַזש קיין מאָסקווע און אַזוי אַרום זיך רעפּאַטריאירן דורך דעם אונגאַרישן קאָנסול, פאָלגט מיך בעסער, און גייט אַריבער צום נאַטשאַלניק פון די „פּאַדגראַניטשנע־אַכראַנע“ (גרענעץ־וואַך), דער נאַטשאַלניק איז מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, איז זאָגט אים, אַז איך האָב אייך געשיקט צו אים, און ער וועט אייך ראָטן וואָס איר האָט צו טאָן“...

זי האָט אונז איבערגעגעבן דעם גענויעם אַדרעס פון דעם נאַטשאַלניק. מיר האָבן זיך איר נאָך אַמאָל באַדאַנקט פאַר איר פריינטלעכקייט און מיר זיינען אַוועק.

אין אָנהייב האָבן מיר איגנאָרירט דער קאַפּיטאַנשעס צווייטע באַמערקונג, אַז מיר זאָלן זיך מטריח זיין צום „נאַטשאַלניק־פּאַדגראַניטשנע־אַכראַנע“. מיר האָבן שוין געהאַט פּלאַנירט אַלע אַראַנזשירונגען צו פאָרן קיין מאָסקווע. ווי דערמאָנט האָב איך שוין אפילו געהאַט אָוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו ב׳ן, אַז זי זאָל באַלד פאָרן קיין מאָסקווע. נאָר מיר האָבן

זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי עס וואָלט טאַקע נישט געווען גלייכער ווען מיר וואָלטן יאָ געפאָלגט די קאַפּיטאַנשע און ווען מיר וואָלטן יאָ אַריבערגעגאַנגען צו איר „גוטן־באַקאַנטן“ נאַטשאַלניק פון דער גרענעץ־וואַך און אויסהערן בלויז וואָס ער האָט אַזוינס צו זאָגן...

צו פאָרן קיין מאָסקווע איז געווען פאַרבינדן מיט גרויסע הוצאות און מיר האָבן נישט געהאַט דאָס נויטיקע געלט דערצו. איז ווען מיר אפשר מוזן אָנקומען צו דער אידישער געמיינדע פאַר הילף. עס איז אונז זייער נישט געווען צום האַרצן צו מאַכן פּלענער וואָס זיינען פאַר־בונדן מיט גרויסע הוצאות, — אויף אַן אַנדערנס חשבון.

עס איז געווען אין אַ פרייטאָגדיקן טאָג, דעם דרייצנטן מאַי, 1947. איך וועל אָט די דאָזיקע שלימזלדיקע דאַטע קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן! איך האַלט טאַקע נישט, אַז פרייטאָג און דרייצן האָבן אַ שייכות צו שלימזל, אָבער דאָס מאָל איז עס פאַר אונז געווען שלים־שלים־מזלדיק!...

עס איז פונקט געווען אַ שיינער פרילינגדיקער טאָג. די קישענעווער גאַסן זענען געווען באַגאָסן מיט ליכטיקייט. די זון האָט געשיינט מיט איר פולער פרילינגדיקער פּראַכט. עס האָט געווייעט אַ לייכט ווינטעלע וועל־כער האָט אונז אונטערגעטראָגן צו אונזערע נאָזלעכער אַ פיינעם געשמאַקן ריח פון אַקאַציע און בעז־ביימער. מיר האָבן געטראַכט, אַז אַזאַ שיינער טאָג ווי עס איז היינט פּאַסט זיך טאַקע פונקט אַריין צו אונזער יום־טוב: דער פרילינג פון אונזער באַפרייאונג! מיר האָבן שפּאַצירט מונטערע און פריילעכע איבער די קישענעווער גאַסן. נאָר אונזער פרייד איז אָפּהענטיק געוואָרן צוקוקענדיק זיך איבער׳ן גרויסן חורבן פון די דאָזיקע גאַסן, וועלכע זיינען שטאַרק צעשעדיקט געוואָרן אין דער מלחמה. אייניקע גאַסן זיינען אינגאַנצן געווען אָפּגעווישט, בלויז בערגלעך, ווי קברים, זיינען פאַרבליבן אין די דאָזיקע גאַסן. אין איין גאַס איז בלויז פאַרבליבן איין וואַנט פון אַ מויער. די דאָזיקע וואַנט זעט אויס ווי אַ גרויסע מצבה נאָך אַ גאַנצער אידישער גאַס. קישענעוו איז פאַר דער מלחמה געווען אַ גרויסע אידישע שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער פופציג טויזנט אידן צווישן אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון צוויי־הונדערט טויזנט.

דאָ און דאָרטן זעען מיר חרוב׳ע שוהלען. איינע, אַ שוהל, איז געבצלעך רואינירט, נאָר אַ שטיקל וואַנט מיט די עשרת־הדברות איז פאַרבליבן ווי אַ „זכר־לחורבן״... וויפל מאָל איך פלעג דורכגיין לעבן דער דאָזיקער וואַנט האָט זיך מיר אַלץ געוואָלט אָפּשטעלן און ציטירן ביאַליק׳ס ליד „על סף בית־המדרש״. דער עיקר האָב איך זיך אַלעמאָל דערמאָנט אין דער סטראָפע: „האבך לחרבנך, אם אבך לחרבני, ואם לשניהם יחדו אבך ואספדה״? (צי זאָל איך וויינען אויף דיין חורבן אָדער אויף מיין חורבן, צי אויף אונזער ביידנס חורבן זאָל איך וויינען און קלאָגן)? איטלעכס מאָל האָט זיך מיר אַלץ אויסגעדאַכט, ווי די צעשטערטע „עשרת־הדברות״ מאָנען זייער חוב פון דער וועלט, דעמאָנסטרירנדיק זייער שאַנד אין דער עפנטלעכקייט: „קוקט זיך אין אונז איין און זעט וואָס איר האָט מיט אונז געטאָן!״... איטלעכער שריט אין טריט דערמאָנט אונז אין אַלגעמיינעם חורבן פון אייראָפּע, אָבער אין דער ערשטער רייע זעען מיר דעם אידישן חורבן. אָן עיר ואם בישראל ווי קישענעוו איז געווען איז היינט־צו־טאָג חרוב־ונחרב. עס געפינען זיך בלויז אייניקע געציילטע טויזנט אידן, מייס־טענס אַריינגעוואַנדערטע פון דער פּראָווינץ...

עס ווילט זיך אונז אָבער דאַכטן, אַז אַצינד וועט זיך אָנפאַנגען אַ ניי לעבן פאַר אונז!

אַזוי קלערנדיק און טראַכטנדיק זיינען מיר צוגעקומען צו אַ שיינער געביידע וועלכע האָט נישט געליטן פונ׳ם חורבן. די דאָזיקע געביידע געהערט צו דער אָפּטיילונג פון דער גרענעץ־וואַך. ווען מיר זיינען אַהין אַריינגעגאַנגען זיינען מיר נאָך געווען פרייע מענטשן, אָבער ווען מיר זיינען פון דאָרטן אַרויס, זיינען מיר שוין געווען באַוואַכט פון אַ באַוואָ־פענטן זעלנער, לויט׳ן נוסח נ.ק.וו.ד. און אָט ווי עס איז געשען:

נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך געמאָלדן צו דעם נאַטשאַלניק פון דער גרענעץ־וואַך האָט ער אונז געהייסן וואַרטן אין קאָרידאָר. מיר האָבן געוואַרט אַקעגן אַ האַלבער שעה. פּלוצים איז צו אונז צוגעקומען אַ זעלנער מיט אַ ביקס אויף זיינע אַקסלען און ער האָט אונז קאָמאַנדעוועט:

„סכאַדיטי זאַמנוי!״ (קומט מיט מיר!)

עס האָט זיך פון אונז ביידן אַרויסגעריסן אַ יאוש׳דיק געשריי:

„וואָס איז דאָס?!״...

דערויף האָבן מיר באַקומען אַן ענטפער טאַקע פונ׳ם נאַטשאַלניק אַליין, וועלכע האָט אַ זיצנדיקער באַוויזן זיין מגושמ׳דיקע מאָרדע אין דער אָפענער

טיר און ער האָט אונז געזאָגט מיט אַ גאַנץ פריינטלעכן טאָן:

„האָט קיין מורא נישט, גייט מיט׳ן זעלנער!"...

אויב מיר האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר וואָס זשע מוז דער זעלנער דווקא זיין באַוואָפנט?! איך און יאַקאָבאָוויטש קוקן מיר זיך אָן און מיר פאַרשטייען זיךביידע אָן ווערטער: „מיר זיינען נאָכאַמאָל אריינגעפאַלן!"...

דער זעלנער פירט אונז אין דער ריכטונג פון דעם אָרט וואו מיר האָבן געאַרבעט מיט אַ טאָג פריער און וואו מיר האָבן ערשט, טאַקע היינט, בלויז מיט אייניקע שעה׳ן צוריק, באַקומען די דערלויבעניש פון אונזער געוועזענעם נאַטשאַלניק, אַז מיר מעגן פאַרלאָזן די אַרבעט.

פאַרבייגייענדיק אונזער געוועזענעם אַרבעטס־פּלאַץ איז אונז פונקט אַקעגן געקומען אונזער געוועזענער בוכהאַלטער, אַ פיינער און אינטעליגענטער רוס. קוים האָט דער בוכהאַלטער דערזען ווי מען פירט אונז געפאַנגענע איז ער שטאַרק איבערראַשט געוואָרן. ער האָט זיך גוט געווישט די אויגן צו גלויבן זיך זעלבסט, אַז דאָס זיינען מיר עס טאַקע. מיר האָבן שעמעוודיקע אַוועקגעדרייט אונזערע געזיכטער. אָבער דאָס האָט דעם בוכהאַלטער נישט אָפּגעהאַלטן פון צוקומען צום זעלנער און ער האָט אים געזאָגט מיט אַ בעטנדיק קול:

„וואוהין פירסטו עס די בידנע צוויי מענטשן?! וואָס האָסטו צו...

„שוויג שטיל!", שרייט דער זעלנער אויפ׳ן בוכהאַלטער, נישט לאַזנדיק אים אויסריידן, „אַז דו וועסט רעדן צופיל וועל איך דיך אויך מיטנעמען מיט זיי!"...

קוים איז דער זעלנער צוגעקומען צו דער וואַך פון קריגס־געפאַנגענעם לאַגער, האָט ער איבערגעגעבן אונזערע באַפרייאונגס צעטלעך פונ׳ם פעטשאָרער לאַגער, מיט אַ „זאַפּיסקע" (צושריפט) פאַר׳ן וועכטער פונ׳ם קריגס־געפאַנגענעם לאַגער, וואָס איז געבוי לעבן אָרט וואו מיר האָבן מיט אַ טאָג פריער געאַרבעט... מיר זיינען געוואָרן קריגס געפאַנגענע אין לאַגער צווישן געוועזענע נאַציס...

44

אויף אַלס האָבן מיר זיך געקאָנט ריכטן, נאָר, אַז מיר זאָלן ווערן נאַציס, דערויף האָבן מיר זיך נישט געריכט!... אָבער ווי עס זעט אויס,

איז אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַלץ מעגלעך. אַז פּאַניע־גנב זאָגט, אַז מיר זיינען נאַציס, דעמאָלט זיינען מיר נאַציס!...

עס איז נאָר איין גליק: וואָס איך בין נישט אַליין אויפ׳ן יאַריד, איך האָב אַ שותף, יאַקאָבאָוויטש׳ן, אויך ער איז אַ נאַצי פּונקט ווי איך — אידישע נאַציס!...

איך בין נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געווען אַזוי בייז אויף זיך אַליין פאַר מיין פאַלשער אויסרעכענונג, דאָס איך זאָל אַריבערגיין צום נאַטשאַלניק פון דער מאַלדאַוויער גרענעץ־וואַך זיך „שואל־עצה" צו זיין. נאָר נאָך מער בייז, ווי אויף זיך אַליין, בין איך אויף מיין „סאַנשאַ־פּאַנשאַ", אויף יאַקאָבאָוויטש׳ן. איך וויל כמעט נישט ריידען מיט אים... ער זאָל מיר כאָטש מאַכן אַ פאַרוואורף!... ער זאָל מיך כאָטש באַליידיקן;... אַ נעכטיקער טאָג! ער נעמט אָן אַ פול מויל מיט וואַסער און שווייגט טאַמער זאָגט ער שוין יאָ עפּעס אַ וואָרט, איז אַנשטאָט ער זאָל מיך שעלטן אָדער באַליידיקן פאַר מיין גרויסן אויפטו, מאַכט ער מיר גאָר קאָמפּלימענטן:

„ווי דו האָסט עס אויסגערעכנט אַזוי פּינקטלעך, אַז מיר וועלן צוריק־באַקומען אונזערע באַפרייאונגסצעטעלעך פון דער קאַפּיטאַנשע!" — זאָגט מיר יאַקאָבאָוויטש גאַנץ ערנסט, „איז ווער קאָן עס זיין אַ חכם", טענה׳ט ער ווייטער מיט אַ טאָן ווי גלייך ער וויל אי מיך אי זיך טרייסטן, „און פאַרשטיין, אַז די קאַפּיטאַנשע וועט אונז טאָן אַ טובה פון איין זייט און זי וועט אונז פאַרראַטן פון דער אַנדערער זייט?"

יאַקאָבאָוויטש געפינט אַ זכות (טרעפט אויף וועמען!) אפילו אויף דער קאַפּיטאַנשע:

„דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן", זאָגט ער מיר נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת, „עס קאָן געמאָלט זיין, אַז די קאַפּיטאַנשע אַליין האָט נישט געוואוסט, אַז דער נאַטשאַלניק פון דער גרענעץ־וואַך וועט אונז אַרעסטירן! עס קאָן זיין, אַז זי האָט ערנסט געמיינט, אַז ער וועט אונז אַרויסהעלפן מיט אונזער רעפּאַטריאַציע"...

איך בין תיכף געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איך בין באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער דערמיט, וואָס איך בין געגאַנגען זוכן באַפרייאונג ביי איינעם וועמענס אויפגאַבע עס איז צו פאַרשקלאַפן! נאָך אַלץ קליין אינגל, ווען איך האָב געלערנט חומש און רש״י האָט מיר מיין דרדקי מלמד געגעבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דער כהן־גדול האָט נישט געטאָרט טראָגן גאָלדענע „בגדים" ווען ער איז געגאַנגען אין „קדשי־קדשים" אַריין

בעטן פאַר׳ן כלל ישראל ווייל גאָלד דערמאָנט אין דער „מעשה־עגל״ און „אין קטיגור נעשה סניגור״ (אין דער איצטיקער געלעגנהייט קאָן עס געבוי אויסגעטייטשט ווערן: „אַ פאַרשקלאַפער קען קיין באַפרייער נישט זיין״). אָבער אַזוי נאַאיוו, ווי יאַקאָבאָוויטש איז, אַז איך זאָל מלמד זכות זיין אויף דער קאַפּיטאַנשע, וועלכע האָט אונז אַראָפּגעפירט פונ׳ם גלייכן וועג, — בין איך נישט! איך האָב פאַר קיין איין מינוט נישט געקלערט, נאָכדעם ווי מען האָט אונז אַרעסטירט, אַז די קאַפּיטאַנשע האָט טאַקע נישט געוואוסט פון פאַראויס, אַז דער נאַטשאַלניק פון די גרענעץ־וואַך וועט אונז אַרעסטירן און אונז אַריינזעצן אין אַ לאַגער צווישן קריגס־געפאַנגענע. אויב אפילו זי האָט אין אָנפאַנג אפשר אונז געוואָלט אַרויסהעלפן, האָב איך זי אָבער נאָכדעם, נישט אָן אַ גרונט, חושד געווען, אַז זי האָט דערפאַר חרטה געהאַט ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט אפשר האָבן אומאָנגענעמלעכקייטן צוליב דעם, וואָס זי האָט אונז צוריקגעגעבן אונזערע באַפרייאונגס צעטלעך פונ׳ם פעטשאַרער לאַגער, און דאָס איז אָן ספק, געווען די סיבה פאַרוואָס זי האָט אונז אַראָפּגעפירט פונ׳ם גראָדן וועג...

= ◍ =

קוים האָבן מיר זיך דערזען אינ׳ם לאַגער פון די דייטשע קריגס־געפאַנגענע האָבן מיר נישט געוואוסט, צי עס איז אמת, אָדער עס איז סתם אַ קאָשמאַרנער חלום. אַלעמפאַלס האָבן מיר געפילט, אַז מיר געפינען זיך אין אַן „עולם־התוהו״... עס האָט אונז נישט לאַנג גענומען צו איבערצייגן זיך וואו מיר געפינען זיך עס אויף דער וועלט, ווייל עס איז צו אונז צוגעקומען אַ דייטשער אָפיצער, דער קאָמענדאַנט פונ׳ם לאַגער, און ער האָט אונז געפרעגט מיט אַן אָפיציעלן טאָן: „שפּריכן זי דויטש?״

די דאָזיקע דריי איינפאַכע ווערטער האָבן מיך געשטאָכן ביז אין דער זיבעטער ריפּ. איך האָב שיער נישט אָנגעכאַפּט דעם דאָזיקן מנוול און מיט אים אַ שליידער געטאָן, אַז ער זאָל זיך דערזען לעבן זיין „פירער״; איך האָב שיער נישט אויסגעגאָסן מיין גאַנץ ביטער האַרץ אויף דעם דאָזיקן דייטש צוליב וועמעס ראַסע אונזערע אַלע אידישע צרות האָבן זיך אָנגעהויבן. נאָר איך האָב זיך צוריקגעהאַלטן, ווייל אַרעסטירט האָבן מיך די רוסן און נישט די דייטשן... נאָר מיר מוזן ענטפערן אויף דער פראַגע איז אָנשטאָט איך זאָל ענטפערן אין דייטש ענטפער איך אים אין רוסיש:

„מיר רעדן אידיש אָדער רוסיש!"..

„נו, יאָ, דאַן פערשטעהען זי דאָך אַאוך דויטש!" אַזוי ענטפערט אונז דער קאָמענדאַנט, מיט דעם זעלבן אָפיציעלן טאָן.

מיר זיינען אונטערגעוואָרפן אונטער אַ דייטשער אָרדנונג איז מוזן מיר זיך צוגעוואוינען צו אונזערע נייע באַדינגונגען. עס וועט אונז גאָנישט העלפן!...

די גאַנצע אַטמאָספערע פון אַ דייטשן קריגס־געפאַנגענעם לאַגער איז אונז שטאַרק דערווידער: וואָס טוען מיר דאָ און וויאַזוי איז עס בכלל מעגלעך, אַז מיר זאָלן האָבן געקומען אַהער?!

דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט אונז געלאָזט וויסן, אַז מיר וועלן ווערן צוגעטיילט אין אַ בריגאַדע, און אַז אינדערפרי וועלן מיר מוזן גיין אַרבעטן מיט דער דאָזיקער בריגאַדע.

נאָכאַמאָל האָב איך זיך געמוזט צוריקהאַלטן פון אויסצולאָזן מיין ביטער הארץ צו דעם דייטשן קאָמענדאַנט, פאַרוואָס ער קאָמאַנדעוועט עס מיט אונז ווי גלייך ער וואָלט געווען אונזער באַלעבאָס!... די סיבה פאַרוואָס איך האָב זיך נישט אַרויסגעכאַפּט מיט מיין גרימצאָרן אויפ'ן דייטש איז דערפאַר וואָס איך האָב זיך געטראַכט.

„דער דייטשער קאָמאַנדיר דערפילט נאָר דעם וואונטש פון די רוסישע נאַטשאַלניקעס!..."

אויב איך בין געווען די גאַנצע צייט פון מיין אַרעסט אין די לאַגערן אונטער'ן איינדרוק, אַז דער גרעסטער פּראָצענט אַרעסטאַנטן אין די סאָוועטישע טורמעס זיינען אומשולדיקע, איז מיר אַצינד קיין איין פּראָצענט נישט געווען אין געדאַנק, דאָס אויך צווישן די דייטשע קריגס־געפאַנגענע זענען פאַראַן אומשולדיקע... „זיי זיינען אינ'ם ריכטיקן אָרט!" טראַכט איך ביי זיך. זיי געפעלן מיר פיל בעסער דאָ... אָבער, רבונו של עולם, וואָס טו איך און יאַקאָבאָוויטש דאָ?!...

„זעליג!", רוף איך זיך אָן צו יאַקאָבאָוויטש'ן, „איך האָב זיך מיישב געווען, דאָס איך וועל סטרייקן.. איך וועל נישט אָננעמען קיין עסן און איך וועל זיך אָפּזאָגן צו אַרבעטן צוזאַמען מיט די דייטשע קריגס־געפאַנגענע... אינגאַנצן אָפּצוזאָגן זיך פון דער אַרבעט האָב איך נישט קיין רעכט לויט די סאָוועטישע געזעצן, אָבער שוין דאָס אַליין וועט מסתמא אַרויסרופן די אויפמערקזאַמקייט פון דער סאָוועטישער לאַגער נאַטשאַלסטווע און דאָס קען צונוץ קומען".

וואָס איך זאָל נישט זאָגן און טאָן, מאַלפּעוועט עס מיר יאַקאָבאָוויטש נאָך! אַז איך זאָג עפּעס צי עס איז יאָ אויסגעהאַלטן צי נישט, זאָגט ער „באָם“. יאַקאָבאָוויטש וואָלט זיך געוועזן געקאָנט איינשפּאָרן פיל צרות, ווען ער וואָלט זיך אינגאַנצן אָפּגעלאָזט פון מיר. איז ער אָבער אַזוי צוגעקלעפּט צו מיר פּונקט ווי דער סיאַמעזער צווילינג...

= ◍ =

מיר האָבן די ערשטע נאַכט איבערגענעכטיקט אויף אונזער נייער קוואַרטיר, אָדער בעסער געזאָגט, מיר האָבן די ערשטע נאַכט דורכגעליגן, אויף איין נאַרע מיט צוויי אַנדערע דייטשן. שלאָפן האָבן מיר נישט געקאָנט. מיר האָבן זיך בלויז געוואָרפן, ווי פאַרוואונדעטע באַשעפענישן, פון איין זייט אויף דער צווייטער. וויפל איך זאָל נישט פּרובירן ביינאַכט, אָוועקצורוקן זיך פון די דייטשן, וועלכע זיינען מיט מיר צוזאַמען געליגן אויף דער נאַרע, איז אַזויווי אויף צו להכעיס האָבן זיי זיך דווקא נאָר צוגערוקט צו מיר. עס איז מיר מיאוס צו ליגן לעבן אַ דייטש! דער אידישער חורבן איז נאָך זייער פריש... וויאַזוי קען איך עס זיכער זיין, צי האָט נישט דער זעלבער דייטש, לעבן וועלכן איך ליג עס אַצינד און וועמעס טמאַ׳דיקער קערפּער עס טוליעט זיך אַצינד צו מיר, — צי האָט נישט טאַקע דער זעלבער דייטש אומגעבראַכט מיינע עלטערן?...

ווער ווייסט וויפל אידישע לעבנס דער דאָזיקער דייטש האָט אומגעבראַכט?!..

און אַצינד ליג איך עס דאָ לעבן אים און איך לעב אונטער די זעלבע באַדינגונגען מיט די זעלבע פאַראַנדקעס...

אינדערפרי ווען מען האָט מיר צוגעטיילט דאָס עסן, האָב איך זיך, ווי פאַראויס געפּלאַנט, אָפּגעזאָגט דערפון. צו דער אַרבעט האָב איך אויך נישט געוואָלט גיין. יאַקאָבאָוויטש, כאָטש איך האָב אים נישט געראָטן, אַז ער זאָל מיר נאָכטאָן, האָט אויך געטאָן דאָס זעלבע.

און טאַקע ווי פאַראויס געפּלאַנט, אַז עס וועט אַרויסרופן די אויפמערקזאַמקייט פון דער סאָוועטישער נאַטשאַלסטווע, האָט אונז דער נאַטשאַלניק פון׳ם לאַגער געלאָזט רופן צו זיך:

„וואָס פאַר אַ מין קאַפּיטאַליסטישע פאַראַנדקעס ווילט איר עס דאָ איינפירן ביי מיר אין לאַגער?!“ דער נאַטשאַלניק, אַ מאַיאָר אין ראַנג,

ציטערט אַזש פון אויפרעגונג „דאָ, ביי אונז אין סאָוועטנפאַרבאַנד, סטרייקט קיינער נישט! דערפאַר וואָס איר האָט געבראָכן דעם לאַגער־דיסציפּלין באַשטראָף איך אייך מיט צען טעג קאַרצער!“... איך האָב געוואוסט, אַז אַ קניפּ אין בעקעל וועט אונז דער נאַטשאַלניק נישט געבן פאַר׳ן סטרייק... איך האָב זיך אפילו פון פאָראויס פאַרגעשטעלט, אַז מען וועט אונז איינזעצן אין קאַרצער, אָבער עס האָט מיך ווייניק וואָס געאַרט, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג אַרויסצורופן אויפמערקזאַמקייט אויף אונזער חשבון. איך בין אין קאַרצער נישט געזעסן מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט און געוואַרט אויף אַ נס־מן־השמים, ניין! אין האָב געקלאַפּט טרעוואָגע און געסטרייקט אין קאַרצער, נישט נעמענדיק קיין עסן און איך האָב באַוואָרפן דעם נאַטשאַלניק מיט זאיאוולעניעס (געזוכן) אויסגיסנדיק מיין ביטער האַרץ, פאַר דער גרויסער אומגערעכטיקייט, פאַר וואָס מען נעמט אונז אידן, און מען לייגט אונז צוזאַמען מיט נאַציס און מען פאַרלאַנגט נאָך פון אונז, דאָס מיר זאָלן הויזן צוזאַמען מיט זיי...

„פון וואַנעט קאָן איך וויסן“ — שרייב איך צווישן אַנדערעס אין דער מעלדונג צום נאַטשאַלניק — „צי איז נישט צופעלמאָל איינער פון זיי דער הויפּט מערדער פון מיינע טאַטע און מאַמע? צי האָבן דען נישט די אידן און די רוסן געליטן דאָס מערסטע פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין דער לעצטער מלחמה טאַקע פון די דאָזיקע דייטשן?... דעריבער בעט איך אייך זייער, אַז איר זאָלט זיך אַריינלעבן אין מיין לאַגע און דאָס איר זאָלט מיר העלפן אַרויסדרייען זיך פון דעם דאָזיקן פלאָנטער“...

איך האָב דאָס אַלעס געמוזט שרייבן אין מיין אייגענעם נאָמען בלויז, אין רוסיש, ווייל אַרעסטאַנטן האָבן נישט קיין רעכט צו שרייבן אין מערצאָל. איטלעכער מוז רעדן בלויז פאַר זיך... יאַקאָבאָוויטש האָט געוואָלט אַלעס נאָכקופּירן וואָס איך האָב געשריבן, האָב איך אים אָפּגערעדט דערפון:

„דו דאַרפסט עס נישט“, טענה איך צו אים, „מיין גורל איז דיין גורל; וואו איך וועל נעכטיקן וועסטו אויך נעכטיקן; וואָס עס וועט בכלל געשען מיט מיר וועט אויך געשען מיט דיר, פאַר׳ן מאָמענט זיינען מיר אַזוי צוגעבונדען איינער צום צווייטן ווי גלייך מיר וואָלטן געווען צוזאַמענגעוואַקסן צוזאַמען, פון אונזער געבורט אָן“...

מיר זיינען אין קאַרצער קיין צען טעג נישט געזעסן. מסתמא איז דער נאַטשאַלניק דאָך אַביסל גערירט געוואָרן פון אונזערע האַרצרייסנדיקע גע־

זוכן און פון אונזער פאַרפּלאָנטערטער לאַגע. דעריבער האָט ער פאַרקירצט אונזער צען־טאָגיקן טערמין אויף מער ווי אַ העלפט. ער האָט אונז געלאָזט רופן און ער האָט אונז געפרעגט וואָס מיר ווילן. אַנשטאָט אַן ענטפער האָב איך אים צוריקגעשטעלט אַן איינפאַכע פראַגע:

„ווי אַזוי קומען מיר אַהער?"...

„איך ווייס טאַקע נישט", ענטפערט ער אונז מיט אַ ביסל פאַרצווייפלונג אין זיין שטרענגן טאָן, „ווי אַזוי זענט איר עס טאַקע אַהער געקומען?!...

נאָר עס נעמט נישט לאַנג און דער נאַטשאַלניק געווינט צוריק זיין גלייכגעוויכט און ער ענטפערט אונז מיט דער פולער שטרענגקייט פון אַ מיליטער מאַן:

„איך האָב אייך נישט געברענגט אַהער!... אויב איר זענט אָבער שוין דאָ, פירט זשע זיך אויף לייטיש און נאָכדעם וועל איך זען וואָס איך קען טאָן!"

לאָגישערווייז האָט זיך אונז געדאַכט, אַז ער רעדט גאַנץ מענטשלעך... און ער האָט טאַקע דעמאָנסטרירט זיין מעטשלעכקייט פאַר אונז דערמיט וואָס אַנשטאָט ער זאָל אונז שיקן אַרבעטן אין אַ בריגאַדע אונטער דער אויפזיכט פון אַ דייטשן בריגאַדיר, האָט ער אונז געמאַכט פאַר בריגאַדירן און ער האָט אונז צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך פערזענלעך באַמיען, אַז מען זאָל אונז באַפרייען...

= ◍ =

זייער קורץ איז געווען אונזער פרייהייט אינ'ם סאָוועטן־פאַרבאַנד. קוים צוויי און אַ האַלב חדשים! אין די דאָזיקע צוויי און אַ האַלב חדשים זיינען מיר געווען אונטערוועגנס אַ האַלבן חודש, ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין קישענעוו. אין דער דאָזיקער קורצער צייט האָב איך קיין גוואַלדווגע זאַכן נישט אויפגעטאָן. איך האָב זיך אפילו שיער נישט פאַרפּלאָנטערט אין אַ ליבעס אַפערע... איינס פון די הויפּט זאַכן וואָס איך האָב יאָ אויפגעטאָן, איז געווען דאָס וואָס איך בין געוואָר געוואָרן, אַז ב. לעבט און איך האָב איר געגעבן אָנווייזונגען אויף וואָס פאַר אַן אופן זי וועט קענען פאַרלאָזן רוסלאַנד. צוליב מיר געפינט זי זיך דאָ און אויף מיינע אָנווייזונגען וועט איר געלונגען פון דאַנעט לויז צו ווערן. נאָך איין זאַך, וואָס איך האָב אויפגעטאָן, איז געווען מיין באַגעגעניש מיט פעני בערקאָוויטש־ וועלכער

עס איז מיט דער השתדלנות פון מיר און יאַקאָבאָוויטש'ן, געלונגען צו באַקומען איר געגאַרטע הילף, אַז אויך זי זאָל זיך קענען אַרויסדרייען פון איר אומגעוואונטשענער לאַגע.

מיר האָבן געשריבן איבעראַל, צו אַלע אונזערע פריינט און באַקאַנטע קיין אויסלאַנד. מיר האָבן קיין צייט נישט געהאַט צו דערוואַרטן זיך אויף אַן ענטפער אויף אונזערע בריוו און שוין זיינען מיר נאָכאַמאָל אַרעסטירט...

= ◍ =

איך מיט מיין בריגאַדע זיינען געווען צוגעטיילט אויף בולגאַרסקאַיאַ גאַס אין קישענעוו. עס ווערט דאָרטן געבויט אַ גרויסע שיך־פאַבריק און עס אַרבעטן דאָרטן אי קריגס געפאַנגענע ווי אויך פרייע סאָוועטישע בירגער. די קריגס־געפאַנגענע אַרבעטן מערסטנס ביי שוואַרצער אַרבעט. צווישן די פרייע בירגער זיינען פאַראַן איינציקע אידן. פאַר די אידן איז עס נאָך קיינמאָל נישט פאָרגעקומען, אַז זיי זאָלן זיך באַגעגענען מיט אַ אידישן קריגס־געפאַנגענעם צווישן די דייטשן... איין איד קוקט זיך גוט איין אין מיין פיזיאָנאָמיע און איך הער ווי ער זאָגט צו אַ צווייטן איד אין אידיש:

„איך וואָלט געקאָנט שווערן, אַז דער יעקע האָט אַ אידישע צורה"...

איך האָב זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און איך האָב זיך אָנגערופן אויף פּראָסט אידיש: „איך בין אַ איד!"...

„דו ביסט אַ איד?!" — שרייט איינער אויס מיט נישט ווייניק איבער־ראַשונג — „אַ אידישער נאַצי?! עס איז אַך־און־ווי צו אַזאַ איד ווי דו ביסט!"...

דער איד איז טאַקע געווען גערעכט! עס איז טאַקע אַך־און־ווי צו אַזאַ איד ווי איך!...

כאָטש עס איז נישט דערלויבט, אַז פרייע סאָוועטישע בירגער זאָלן זיך אויס'טענה'ן מיט קריגס־געפאַנגענע, האָב איך זיך דאָך אָנגענומען מיט קוראַזש און איך בין צוגעגאַנגען צו דעם דאָזיקן איד, וועלכער האָט מיך נאָר וואָס מיט אַזויפיל פאַרוואורף באַדויערט און איך האָב זיך צו אים געווענדט מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„איר קענט מסתמא ר' יחיאל'ן"...

„ווי אַזוי קומט איר צו קענען ר' יחיאל'ן?!", פרעגט ער מיך אַ פאַרוואונדערטער.

„פרעגט נישט קיין צופיל שאלות״, זאָג איך אים אין אַ האַלב באַפע־לערישן און האַלב בעטנדיקן טאָן, „און גייט אַריבער צו ר׳ יחיאל׳ן און זאָגט אים, אַז איך געפין זיך דאָ!״...

ווייל עס איז נישט דערלויבט פאַר אַ פרייען סאָוועטישן בירגער איינצוטענהן מיט אַ קריגס־געפאַנגענעם, האָב איך עס געמוזט מאַכן קורץ און שאַרף. איך ווייס נישט צי דער איד איז אַוועק צו ר׳ יחיאל׳ן, ווייל ער האָט מיר געוואָלט אַרויסהעלפן צי ענדער צוליב דער קוריאַזיטעט, ווי אַזוי עס קומט דערצו, אַז אַ איד זאָל זיין אַ נאַצי, צי צוליבביידע אורזאַכען צוזאַמען. נאָר אַז דער איד האָט מיר אַ גרויסע טובה געטאָן, דאָס איז אויסער איטלעכן ספק.

דעם צווייטן טאָג איז ר׳ יחיאל געקומען צו לויפן צום אַרבעטס פּלאַץ. וויאַזוי ער האָט זיך אַהין אַריינבאַקומען, וואו מען דאַרף האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש, האָב איך נישט געוואוסט. עס האָט ביי מיר אַרויסגערופן נישט קיין קליינע איבעררעשונג ווען איך האָב אים דערזען. ער איז נישט געקומען מיט ליידיקן. ער האָט מיר איבערגעגעבן עטלעכע בריוו אויף וועלכע איך האָב זייער געגאַרט און אויף וועלכע איך האָב פאַר יאָרן און יאָרן געהאָפט און גע׳חלומ׳ט צו דערהאַלטן. איין בריוו איז געווען פון ב׳ן, אַ צווייטער איז געווען פון מיין ברודער אייזיק פון ניו יאָרק און אַ דריטער פון מיין שוועסטער גאָלדע, פון מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

ב. האָט מיר געשריבן, אַז זי וועט מיך פאָלגן און זי וועט טאָן גענוי ווי איר פריינדין פּעני בערקאָוויטש האָט געטאָן און זי פאַרהאָפט צו טרעפן זיך מיט מיר אין קורצן אין מאָסקווע ביים אונגאַרישן קאָנסול.

מיין ברודער אייזיק, פון ניו יאָרק, האָט מיר געשריבן מיט באַדויערן, פאַר וואָס ער מוז מישן די שמחה, פון דער גוטער בשורה, אַז איך לעב, מיט טרויער. אַז שוין אין ערשטן בריוו מוז ער עס זיין דער שליח און מיר איבערגעבן וועגן דער גרויסער טראַגעדיע וואָס עס האָט געטראָפן אונזער פאַמיליע אינ׳ם שטראָם פון די נאַציסטישע רציחות. ער האָט מיר געשריבן דעם גענויעם דאַטום ווען מיר האָבן יאָרצייט... פונקט דעם זעלבן טאָג ווען איך האָב דערהאַלטן דעם בריוו פון אים, דורך ר׳ יחיאל׳ן, פונקט דעמאָלט איז געווען כ״ה אייר, דער יאָרצייט נאָך מיינע עלטערן וועלכע זיינען אומגעקומען אין אוישוויצער קרעמאַטאָריום צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע סיגעטער אידן, הי״ד.

אייזיק האָט נישט פאַרגעסן אין זיין בריוו, אויסצודריקן זיין גרויסע

פרייד און די שמחה וואָס עס איז געווען צווישן דער משפּחה ווען זיי זיינען געוואָר געוואָרן, אַז איך געפינען זיך צווישן די לעבעדיקע.

איך ווייס טאַקע נישט וויאַזוי ר׳ יחיאל האָט זיך אַריינבאַקומען אין הויף אַריין וואו איך האָב געאַרבעט... עס האָט אים געדראָט אַרעסטירט צו ווערן, ווייל איינער פון די נאַטשאַלניקעס האָט דערזען ווי ער טענה׳ט מיט מיר, וואָס דאָס איז אויסער די רעגולאַציעס, האָט ער אים גלייך פאַר־טריבן. עס איז געווען אַ מזל, וואָס מען האָט מיך נישט באַזוכט. ווען מען טרעפט ביי מיר, אַ קריגס־געפאַנגענעם, אַמעריקאַנער בריוו, וואָלטן מיר געוועןביידע שיין אויסגעזעצן... ר׳ יחיאל האָט מיר אַריינגערוקט אַ הונדערט רובעל אין האַנט אַריין און ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט שנעלע טריט. איך האָב אים מיט דאַנקבאַרקייט נאָכגעקוקט און אים געוואונטשן, אַז עס זאָל אים קיין בייז נישט געשען...

= ◍ =

עס האָט מיר דווקא אַ גרויסע הנאה געטאָן, אַז ב. איז געפאָרן קיין מאָסקווע... זאָל זי כאָטש זיין אַ פרייער מענטש! אויך האָט מיך זייער געפרייט, וואָס איך האָב איר געהאַט אַנגעגעבן, אין איינעם פון מיינע בריוו, דעם אַדרעס פון מיין ברודער שמואל, אין בודאַפּעסט, אַז טאָמער טרעפן מיר זיך נישט צוזאַמען אין מאָסקווע, דעמאָלט זאָל זי וואַרטן אויף מיר אין בודאַפּעסט ביי מיין ברודער. דער דאָזיקער אַדרעס איז איר שפּעטער גוט צונוץ געקומען...

אַזוי ווי איך האָב זיך דערזען אין קריגס־געפאַנגענעם־לאַגער האָב איך אָפּגעהאַקט מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט מיין פאַמיליע איך האָב מער צו קיינעם נישט געשריבן ווייל איך האָב נישט געוואָלט, אַז מען זאָל וויסן וואו איך געפין זיך. איך האָב מורא געהאַט, און מיט רעכט, אַז טאָמער וועלן מיינע אייגענע געוואויר ווערן וואו איך בין, דעמאָלט וועלן זיי פּרובירן מיך צו באַפרייען און זיי וועלן נאָר קאַליע מאַכן...

= ◍ =

אַרבעטנדיק אין דער שיך־פאַבריק, איז געווען מיין אויפגאַבע, אַלס בריגאַדיר, אַז איך זאָל אויפפּאַסן אויף די דייטשן זיי זאָלן אַרבעטן אויף

די ערטער וואו זיי זיינען צוגעטיילט. איך האָב בעדאַרפט פאַרשרייבן די נאָרמע פאַר איטלעכן...

עס זיינען פאָרגעקומען פאַלן ווען די פרייע בירגער, וועלכע האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט דייטשן, האָבן זיך, אויף אייגענער איניציאַטיוו, באַדינט מיט די דייטשע קריגס־געפאַנגענע, ביי עפּעס אַן אַרבעט, וואָס איז נאָכדעם קיינמאָל נישט פאַרשריבן געוואָרן אויפ׳ן חשבון פון דער נאָרמע, וואָס די געפאַנגענע ברויכן אויסצואַרבעטן. דאָס הייסט, אַ זייטן אַרבעט אויף גאָט׳ס חשבון... ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַזאַ זייטן אַרבעט אין אַ צווייטער בריגאַדע, פלעג איך זיך נישט ווּיסנדיק מאַכן, עס איז נישט מיין עסק! אָבער ווען אייניקע פרייע בירגער פלעגן וועלן אַוועקנעמען אייניקע דייטשן פון מיין בריגאַדע, צו אַ זייטן „ראַביטיאַנקע״ (אַרבעטל) פלעג איך נישט דערלאָזן:

„איך בין דער בריגאַדיר און איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַרבעט פון מיין בריגאַדע, וואָס זי זאָל יאָ טאָן און וואָס זי זאָל נישט טאָן!״..

אַזוי פלעג איך אַלץ פאַרטיידיקן מיין בריגאַדע. איינמאָל האָט זיך אָבער איינער אַ שטיקל נאַטשאַלניק, איינגעשפּאַרט, ער האָט דווקא, מיט געוואַלד, געוואָלט אַוועקנעמען אייניקע דייטשן פאַר אַ זייטיקער „ראַביטיאַנקע״. איך האָב זיך, ווי אַלעמאָל אין ענלעכע פאַלן, איינגעע׳עקשנ׳ט און איך האָב נישט דערלאָזט דערצו. דער שטיקל נאַטשאַלניק האָט געשריגן און געשאָלטן אויף זיין רוסישן שטייגער און איך בין אים דווקא אויך נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער און אויך איך האָב אים געענטפערט, מידה כנגד מידה, אויף עכט רוסיש, מיט דעם זעלבן שטייגער... וואָס יאָ און וואָס נישט, שעלטן פאַ־מאַטערי אויף רוסיש האָב איך זיך נישקשה׳דיק אויסגעלערנט. דער פרייער בירגער האָט געזען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט עפּעס אַ מאָדנעם קריגס־געפאַנגענעם, עפּעס אַ בלאַטן חברה־מאַן, ביי וועלכן ער וועט גאָרנישט נישט פועל׳ן, האָט ער זיך נישט געפוילט און איז אַוועק צום סאַמע הויפּט נאַטשאַלניק:

„סטייטשט, אַ פלעניק (אַ קריגס־געפאַנגענער) שטעלט זיך עס קעגן אַ פרייען סאָוועטישן בירגער. די צושויער אַרום, אַזוי די קריגס־געפאַנגענע ווי די פרייע בירגער, האָבן מיך אָנגעשראָקן, אַז דער נאַטשאַלניק וועט מיך באַשטראָפן פאַר מיין חוצפה, אָבער איך האָב נישט אַרויסגעוויזן קיין פּיצל מורא. ווי איבערראַשט זיינען זיי אַלע נאָכדעם געווען, אַז צום סוף, האָט דער סאַמע הויפּט נאַטשאַלניק דווקא מיר געגעבן רעכט:

„ער האָט די פולע אויטאָריטעט איבער זיין בריגאַדע", האָט דער הויפּט נאַטשאַלניק גע׳טענה׳ט, „און ער איז נישט מחויב צו פאָלגן איט־לעכן !"...

איך בין נאָכדעם געוואָר געוואָרן׳ אַז דער וואָס האָט מיך געקלאָגט פאַר׳ן הויפּט נאַטשאַלניק איז דווקא געווען אַ איד... איז ווי קאָמיש עס זאָל נישט אויסקוקן, האָב איך, דער איד, געדאַרפט פאַרטיידיקן די נאַציס, אַז אַן אַנדערער איד זאָל זיך, חלילה, נישט איזדעקעווען איבער זיי און מען זאָל זיי נישט קריוודען, חלילה...

דאָס קען צוגעשריבן ווערן צו איינעם פון מיינע אויסטערלישסטע קוריאָזן אין מיין „קאַריערע" אַלס סאָוועטישער אַרעסטאַנט און קריגס־געפאַנגענער...

= ◍ =

אויב ווען איך בין נאָך געווען פריי האָב איך געהאַט די געלעגנהייט אַריבערצוקוקן פון מיין אַרבעטס פּלאַץ אין לאַגער פון די קריגס געפאַנגענע און באַאָבאַכטן די באַוועגונגען פון די קריגס־געפאַנגענע דאָרטן, איז עס אָבער אַציינד פונקט קאַפּויער : איך האָב די גינציקע געלעגנהייט צו באַ־אָבאַכטן די באַוועגונגען פון מיינע באַקאַנטע מיט וועלכע איך האָב מיט אַ קורצער צייט צוריק געאַרבעט צוזאַמען...

כאָטש אונזער לאַגע אויף דער פריי איז אויך נישט געווען קיין שטאַרק פריילעכע, קיין האַניק האָבן מיר אויף דער פריי אויך נישט געלעקט׳ אַלץ לעכצן מיר זייער נאָך דעם פּיצעלע פרייהייט, וואָס מיר האָבן געהאַט... מיר פלעגן זיך אַוועקשטעלן אין לאַגער הויף אויף אַ פונקט, וואו מיר האָבן אַמבעסטן געקאָנט באַאָבאַכטן די מענטשן מיט וועלכע מיר פלעגן אַרבעטן צוזאַמען און מיר פלעגן וואַכעדיקערהייט חלומ׳ען פון דער פרייהייט...

אינ׳ם לאַגער איז פאַראַן אַ ביבליאָטעק פון בלויז דייטשע ביכער, איז אויב מיר ווילן עפּעס לייענען מוזן מיר לייענען דייטש, אַ ברירה האָבן מיר ? עס דערשיינט אַ ספּעציעל דייטש וואָכן בלאַט פאַר קריגס־געפאַנגע־נע. דאָס בלאַט קומט פון מאָסקווע, עס באַשטייט פון לויטער פּראָפּאַגאַנדע פאַר׳ן קאָמוניזם׳ צוגעפּאַסט צום געשמאַק פון די דייטשן... איך לייען די דאָזיקע בלעטער, כאָטש עס פאַרבלייבט ביי מיר שטענדיק אַ נאָכ׳טעם פון

פאַרדאַרבענע אייער... איך לייען די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע בלעטער, ווייל צווישן די שורות ווער איך אויף אַן אומדירעקטן אופן געוואַר, וואָס עס טוט זיך אין דער גרויסער וועלט.

אַזוי ווער איך, למשל, געוואַר איינצלהייטן פון די וואַלן אין די פאַראייניקטע שטאַטן צווישן טרומאַנ׳ען און דיואי׳ן. אויך ווער איך פון די דייטש בלעטער געוואויר, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ זאַך ווי אַ „טרומאַן־דאָקטרין". די סאָוועטן קריטיקירן זייער שטאַרק די דאָזיקע „דאָקטרין", זיי זיינען זייער נישט צופרידן דערמיט און זיי באַווייזן, מיט זייערע באַ־קאַנטע פּראָפּאַגאַנדע אַרגומענטן, באותות ומופתים, ווי שעדלעך די דאָזיקע „דאָקטרין" איז פאַר׳ן שלום פון דער גאַנצער וועלט...

עס איז מיר ביי מערערע געלעגנהייטן אויסגעקומען צו הערן, ווי די רוסישע אָפיצערן, רעדנדיק צו די קריגס־געפאַנגענע, האָבן פאַרגליכן טרומאַנ׳ען צו היטלער׳ן...

איך דעראינער זיך אין אַ וויץ אין דער הומאָר אָפּטיילונג פון די דייטשע קריגס־געפאַנגענע צייטונגען אין שייכות מיט די דעמאָלטיקע וואַל־קאַמפּיינס אין די פאַראייניגטע שטאַטן צווישן טרומאַנ׳ען און דיואי׳ן:

„ווער וואָלט געקאָנט מערער אויפטאָן פאַר אַמעריקע, טרומאַן אָדער דיואי?

„דער וועלכער וועט פאַרלירן!"...

= ◍ =

עס איז פאַראַן אַן אַזוי־גערופענע „אַנטי־פאַשיסטישע" גרופּע אין לאַגער. די דאָזיקע זיינען די לייטער פונ׳ם לאַגער, זיי זיינען די סאַמע סמעטענע פון דער דייטשער אינטעליגענץ. די הויפּט אויפגאַבע פון דער אַזוי גערופענער „אַנטי־פאַשיסטישער" גרופּע איז, אַרויסצוהעלפן די רוסישע אָפיצערן פאַרשפּרייטן קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די קריגס־געפאַנגענע אויף אַן אומדירעקטן אופן, ווי צום ביישפּיל, רימען דעם סאָוועטישן סיסטעם מיט זיינע דערגרייכונגען אויפ׳ן עקאָנאָמישן געביט, אויך זיינע גרויסע אויפטוען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע ווי די גרויסע לייסטונגען פונ׳ם סאָוועטנפאַרבאַנד פאַר׳ן וואוילזיין פון דער גאַנצער מענטשהייט... די „אַנטי־פאַשיסטן" זיינען פּריווילעגירטער פון אַלע איבעריקע קריגס־געפאַנגענע אין אַלע הינזיכטן... די גאַנץ פּעאיקע שיקט

מען אַוועק קיין מאָסקווע אויף אַ ספּעציעלן קורס פון מאַרקסיזם, לעניניזם און סטאַליניזם... מען שטודירט מיט זיי אײַן׳ מיט דער האָפענונג, אַז דער בער וועט נישט נאָר ענדערן די קאָליר פון זײַן פעל, נאָר אויך זײַן נאַטור... מען קנעלט מיט זיי מיט׳ן ציל, אַז נאָכדעם ווי זיי וועלן האָבן דורכגע־גאַנגען אַ פולן קורס פון דער קאָמוניסטישער תורה וועלן זיי שוין אויך ווערן אין האָרץ „יראים־ושלמים״ עכטע בעלי־תשובה׳ניקעס און זיי וועלן עס זײַן די יעניקע וועלכע וועלן נאָך זייער באַפרייאונג נישט נאָר זײַן גוט טריינירט אין הלכות קאָמוניזם, נאָר זיי וועלן העלפן אַגיטירן דעם קאָמוניסטישן סיסטעם פאַר די דייטשע מאַסן.

איך ערינער זיך אין איינער אַ באַמערקונג פון איינעם פון די טרע־נירטע אַגיטאַטאָרן, וואָס ער האָט געמאַכט צו זײַנע קאַמעראַדן אין איינעם פון זײַנע פּראָפּאַגאַנדע פאַרטראַגן, נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען אין לאַגער פון מאָסקווע:

„איך בין זיכער, אַז פיל פון אײַך פאַרדריסט נאָך אַלץ וואָרום היטלער האָט פאַרלאָרן דעם קריג... פיל פון אײַך טוט נאָך אַלץ לייד וואָרום עס איז געקומען צו דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פונ׳ם פאַשיזם... טיף אין האַרצן באַגראָבן, אונטערבאַוואוסטזיניק, פילט איר עס... פיל פון אײַך דיסקוטירן נאָך אַלץ וויאַזוי דער קריג וואָלט זיך געוועזן געקאָנט ענדיקן מיט אַ פולשטענדיקן זיג פונ׳ם פאַשיזם״...

45

ווי שלעכט עס זאָל אונז געוועזן נישט זײַן אינ׳ם לאַגער צווישן די דייטשע קריגס־געפאַנגענע, מוזן מיר פונדעסטוועגן אָנערקענען, אַז פון מאַטעריאַלן און היגיענישן שטאַנדפּונקט איז אונז דאָ פיל בעסער ווי אויף דער פריי... דאָ דערהאַלטן מיר אונזער טעגלעכע פּאַרציע ברויט, זעקס הונדערט גראַם, אין צייט; געקעכטס באַקומען מיר צוויי מאָל טעגלעך: זופּ און קאַשע. מיר קענען זיך באָדן ווען מיר ווילן, עס פעלט נישט קיין וואַסער ווי אויך אונזערע קליידער קענען מיר זיך אַלעמאָל דעזינפעקטירן, אַזוי אַז מיר האָבן נישט קיין גרונט מורא צו האָבן, אַז מיר וועלן פאַרלייזיקט ווערן. נאָך פון איין פּלאָג קאָנען מיר אויך דאָ נישט פּטור ווערן, — פון די וואַנצן! די רויטע באַשעפענישן האָבן מיר געזויגן מײַן בלוט די גאַנצע אַכט יאָר וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין די סאָוועטישע

טורמעס און לאַגערן...

פאַר דער צייט וואָס מיר זיינען געווען אויף דער פריי אין קישענעוו, האָט מען נישט געקאָנט זען קיין הונט אָדער אַ קאַץ. נישט נאָר איז דער הונגער אין אַלגעמיין געווען אַזוי גרויס, אַז די מענטשן האָבן נישט געהאַט קיין פּראָדוקטן מיט וואָס צו קאָרמענען די דאָזיקע הויז־באַשעפענישן, נאָר מען האָט זיך מיט זיי דערנערט... דאָ אין לאַגער האָבן מיר טאַקע אויך נישט קיין עסן צו דער זאַט, אָבער אַלץ זיינען מיר פאַרזאָרגט מיט׳ן פּאַיאַק פון וועלכן מיר קענען עקזיסטירן... איך ווייס נאָר נישט אין וועמעס זכות עס קומט די דייטשן אַ מענטשלעכערע באַציאונג ווי פאַר אייניקע מענטשן אויף דער פריי...

אַלע מיינע יאָרן אין די סאָוועטישע טורמעס און אין די פאַרשידענע לאַגערן האָב איך זייער זעלטן געהאַט אַ געלעגנהייט צו עסן צו דער זאַט. איך בין פּאַקטיש געווען פאַראורטיילט אויף אַ פּערמאַנענטן הונגער פאַר יאָרן און יאָרן... אָבער איך מוז אָנערקענען, אַז דער הונגער איז נישט געווען די גרעסטע שטראָף... צום הונגער אפילו קען מען זיך אויך צוגע־וואוינען! אָבער עס זיינען געווען אַנדערע ליידן וועלכע אין פאַרגלייך צום הונגער, איז דער הונגער געווען אַ קלייניקייט...

= ◍ =

ס׳איז מיר מערערע מאָל אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט באַ־קאַנטע, מאַרשירנדיק איבער די קישענעווער גאַסן, גייענדיק צו דער אַרבעט מיט מיין בריגאַדע. איך האָב באַמערקט ווי אייניקע האָבן זיך געווישט די אויגן און ביי אייניקע האָב איך באַמערקט, אַז זיי מאַכן גרי־מאַסן ווי צו פאַלן חלשות...

עס איז קיין וואונדער נישט, אַז פאַר די באַקאַנטע איז געווען שטאַרק פיינלעך צו זען ווי איך מיט יאַקאָבאָוויטש׳ן מאַרשירן אין דער באַגלייטונג פון צוויי באַוואָפנטע זעלנער צווישן אַ באַנדע פאַשיסטן...

אַמפיינלעכסטן איז מיר געווען ווען מיינע בליקן האָבן זיך איינמאָל באַגעגנט, ביי אַזאַ געלעגנהייט, מיט קלאַראַ׳ן און חנה פישמאַן... קלאַראַ איז שיער נישט געפאַלן אין חלשות, חנה, איר, שוועגערין, האָט זי שנעל צוגעהאַלטן און אַליין האָט זי, חנה, זיך געווישט די טרערן פון אירע אויגן...

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז נישט געקוקט דערויף וואָס

אייגנטלעך בין איך געווען דער יעניקער וואָס וואָלט געקאָנט זאָגן: „אני הגבר", איך בין דער העלד פון דער טראַגעדיע אין דאָזיקן מאָמענט, און נישט מיינע באַקאַנטע, אַלץ האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיינע באַקאַנטע מאַכן מער טראַגעדיע דערפון ווי עס איז די ווירקליכקייט...

עס איז פאַרגעקומען גאַנץ אָפט, מייסטנס ווען מיר פלעגן מאַרשירן איבער די קישענעווער גאַסן, דאָס אידישע קינדער, מערסטנס אינגלעך אין עלטער פון צען און צוועלף יאָר, פלעגן אונז נאָכלויפן און אונז נאָכשרייען: „פאַשיסטן! נאַציס!"...

די זעלנער, אונזערע וועכטער, פלעגן טאַקע פרובירן פאַרטרייבן די קינדער, אָבער עס פלעגט זיי ווייניק וואָס העלפן. די אידישע קינדער אין דער דאָזיקער עלטער האָבן שוין געהאַט אַן אַנונג איבער דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס די צווייטע וועלט מלחמה האָט פאַראורזאַכט פאַר אונזער פאָלק און ווער עס איז שולדיק אינ'ם גאַנצן אומגליק... דעריבער איז טאַקע נישט קיין וואונדער, דאָס זיי האָבן זיך נישט אַלעמאָל געלאָזט באַגנוגענען מיט זייערע בלויזע אויסגעשרייען: „נאַציס! פאַשיסטן!" — נאָר זיי פלעגן טיילמאָל נאָכוואַרפן אַ שטיינדל אויך אַלס צוגאָב צו זייער פאַראַכטונג, פאַר די יעניקע וועלכע האָבן נאָר וואָס געזייעט מאָרד און פאַרניכטונג...

כאָטש אויך איך בין געווען צווישן דעם כלל פון די „פאַשיסטן און נאַציס", האָט עס מיר דווקא שטאַרק אַ הנאה געטאָן, וואָס די מינדעריעריקע אידישע קינדערלעך מאַכן זיך זייערע אייגענע געזעצן און זיי דריקן עס אויס זייער פראָטעסט אַקעגן דעם מערדער־פאָלק אויף אַזאַ אופן... די גרויסע טאָרן עס טאַקע נישט טאָן, ווייל עס איז שטרענג פאַרבאָטן פון דער סאָוועטן רעגירונג אַרויסצואווייזן פאַראַכטונג אַקעגן די קריגס־געפאַנגענע, אָבער דאָס קליינוואַרג פילט, אַז עס איז צוטיילמאָל אַ מצווה צו ברעכן דאָס געזעץ...

האָט עס דער גורל דווקא געוואָלט, אַז איינמאָל ביי אַזאַ זעלטענער געלעגנהייט, ווען די קינדער האָבן נאָכגעוואָרפן שטיינדלעך, אַז פונקט מיך זאָל עס טרעפן אַ שטיינדל וואָס אַ אידיש קינד האָט נאָכגעוואָרפן אויף די מאַרשירענדיקע קריגס־געפאַנגענע. דאָס שטיינדל האָט מיך געטראָפן אין שטערן און מיין שטערן האָט געבלוטיקט... איינער פון די זעלנער האָט געוואָלט איבערגעבן זיין ביקס צו אַ צווייטן רוסישן סאָלדאַט און ער האָט זיך געוואָלט לאָזן נאָכיאָגן נאָכ'ן אינגעלע און אים שלאָגן...

דער זעלנער האָט נישט געוואוסט, אַז איך בין אַ איד... ער האָט געוואָלט בלויז טאָן זיין זעלנערישע פליכט, צו פאַרטיידיקן אַ צווייטן זעלנער, נישט געקוקט דערויף וואָס דער צווייטער איז אַ קריגס־געפאַנגענער.

איך קאָן נישט זאָגן, אַז עס האָט מיך שטאַרק געפרייט, מיט דעם „קין־צייכן", וואָס דאָס אינגל האָט מיר געמאַכט אויפ׳ן שטערן. דאָך האָב איך פרובירט צוריקהאַלטן דעם זעלנער פון נאָכצולויפן נאָכ׳ן אינגל... איך האָב זיך געבעטן ביי אים:

„איך בעט דיך זייער, קאַמעראַד, לאָז אים אָפּ, ער האָט זיך בלויז געשפּילט. ער האָט נישט מיך געמיינט!"...

= ◍ =

מיר האָבן באַהאַלט די נאַטשאַלסטווע מיט זאיאוולעניעס (מעלדונגען). מיר האָבן געהאַלטן אין איין אויסדריקן אונזער פּראָטעסט פאַרוואָס מען האַלט אונז אין אַ קריגס־געפאַנגענעם לאַגער... נאָר עס האָט קנאַפּ וואָס געהאָלפן. מיר האָבן אפילו נישט דערהאַלטן קיין ענטפער.

עס איז מיר געלונגען צו שליסן „פריינטשאַפט" מיט אַ רוסישן אָפיצער, וועלכער איז דער גייסטיקער דערציער (פּאָליטרוק) פונ׳ם לאַגער. דעם אָפיצערס אויפגאַבע איז געווען צו פירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן די קריגס־געפאַנגענע און זיי איבערצייגן ווי שעדלעך עס איז דער פאַשיזם... ווי שעדלעך דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם איז אין אַלגעמיין.. און דער עיקר ווי גוט עס וואָלט געווען ווען עס וואָלט איינגעשטעלט געוואָרן אַ קאָמוניסטישער סיסטעם איבער דער גאַנצער וועלט...

איך האָב קיין צווייפל נישט געהאַט, אַז דער אָפיצער גלויבט אַליין נישט אין זיין אייגענער פּראָפּאַגאַנדע, עס איז אָבער זיין אויפגאַבע אַזוי צו אַגיטירן און וואָס מען הייסט אים — דאָס טוט ער!

דער דאָזיקער אָפיצער האָט מיך געראָטן, אַז איך זאָל שרייבן אַ מעל־דונג צום הויפּט פון „מאָלדאַווסקי — ס.ס.ר.". צו אים זאָל איך אַדרעסירן מיין פּראָטעסט, ראָט ער מיך, און ער איז ביי זיך זיכער, אַז עס וועט העלפן.

נישט איינמאָל האָב איך שוין פּראָטעסטירט און נישט איינמאָל האָב איך געקלערט, אַז איך האָב נישט וואָס קאַליע צו מאַכן און איך האָב נישט וואָס צו פאַרלירן מיט מיין נאָך איינמאָל פּראָטעסטירן, ווייל איך האָב שוין סיי־ווי די קייטן אויף די הענט!.. נאָר אַז איך האָב נאָך אַזויפיל מאָל זיך איבערצייגט, אַז עס העלפט נישט, האָב איך זיך שוין מיאש געווען און איך האָב אויפגעהערט. אָבער אַצינד האָט עס דווקא געהאָלפן!

דער הויפּט נאַטשאַלניק פון „מאלדאוווסקי — ס.ס.ר.״ האָט אַרויפגעשריבן אַ רעזאָלוציע אויף מיין געזוך:

„מען זאָל אים גלייך באַפרייען!״

די רעזאָלוציע וואָס דער נאַטשאַלניק האָט אָנגעשריבן האָט טאַקע נאָר געלויטעט בלויז אויף מיר אַליין, אַז מען זאָל בלויז מיך באַפרייען און פון „מיין צווייטער העלפט״, פון יאַקאָבאָוויטש׳ן, איז נישט געווען דערמאָנט קיין וואָרט. פונדעסטוועגן האָט מען אים געלאָזט וויסן, אַז ער וועט זיך אויך באַפרייען מיט מיר צוזאַמען...

דער נאַטשאַלניק פון׳ם לאַגער האָט אונז גערופן צו זיך אין קאַנצ־לאַריע אַריין דער נאַטשאַלניק איז דאָרטן נישט געווען אַליין, ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אייניקע אָפיצירן מיט וועלכע ער האָט מסתמא געמוזט אָפּהאַלטן אַ „קאָנסיליום״ וועגן אונזער באַפרייאונג... דער נאַ־טשאַלניק האָט געגצלעך איגנאָרירט יאַקאָבאָוויטש׳ן ווי גלייך איך וואָלט אַליין נאָר וואָס אַריינגעקומען צו אים אין קאַנצעלאַריע, וויל ער האָט זיך בלויז צו מיר געווענדט מיט זיינע רייד. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז וואָס איך וועל זאָגן און דעצידירן איז אויך חל אויף יאַקאָבאָוויטש׳ן...

„נו דו ביסט פריי!״ מיט די דאָזיקע ווערטער ווענדט זיך צו מיר דער נאַטשאַלניק תיכף ווי נאָר איך האָב זיך באַוויזן ביי דער טיר. „דו האָסט אַ ברירה זיך אויסצוקלויבן אַן אָרט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואו נאָר דו ווילסט און איך וועל דיר פאַרשאַפן באַן־בילעטן מיט דאָקומענטן. דו ביסט אַ פרייער מענטש און דו קאָנסט גיין וואוהין דו ווילסט!״

איך האָב אים זייער שטאַרק באַדאַנקט פאַר זיין גוטווילּיקייט און פאַר זיין גרויסמוטיקייט און מיט אַ גערירטן טאָן האָב איך זיך געווענדט צו אים:

„גראַזשדאַנין נאַטשאַלניק, עס איז פאַר מיר איינע פון די גליקלעכ־סטע מאָמענטן אין מיין לעבן און עס איז מיר אַ גרויסער כבוד צו זיין רעהאַ־ביליטירט און נאָכאַמאָל צו ווערן אַ פרייער בירגער, אָבער איך האָב שטאַרק מורא, אַז איך זאָל נישט נאָכאַמאָל אַריינפאַלן און מען זאָל מיך נישט נאָכאַמאָל אַרעסטירן אומשולדיקערהייט... דאָ, אין סאָוועטנפאַרבאַנד, האָב איך קיינעם נישט, קיין פריינט און קיין באַקאַנטע. מיין רעקאָרד איז ווי פון אַן אַרעסטאַנט און אַ קריגס־געפאַנגענעם. דעריבער וואָלט איך אייך זייער דאַנקבאַר געווען, ווען איר וואָלט מיך געשיקט צו אַ רעפּאַט־ריאַציע פּונקט, וואו איך וועל האָבן די געלעגנהייט צוריקצוקומען אַהיים, וואו מיינע אומגעקומענע עלטערן האָבן מיר איבערגעלאָזט אַ הויז און

וואו מיין רעקאָרד איז ריין... **איך וויל אָנהויבן אַ נײַ לעבן פון אַן ערלעכן בירגער!**״...

די אָפיצערן, מיט׳ן נאַטשאַלניק בראש, האָבן מיך אויסגעהערט מיט אָפענע מײַלער. זיי האָבן זיך דורכגעבליקט און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו שושקן צווישן זיך אין די אויערן אַריין. זיי האָבן מסתמא געמוזט גערירט ווערן פון מײַנע רייד, מײַנע טענות מיט׳ן הויפט באַטשאַלניקס רעזאָלוציע אויף מײַן מעלדונג האָט זיכער ווײַכער געמאַכט זייערע נ.ק.וו.ד.־אישע הערצער, דאָך האָבן זיי נישט געקאָנט דעצידירן אויפ׳ן אָרט וואָס זיי זאָלן מיט אונז טאָן. ענדלעך פרעגט מיך דער נאַטשאַלניק:

„האָסטו אַן אַנונג וואו אַזאַ רעפּאַטריאַציע פּונקט איז פאַראַן?״

איך האָב געהאַט געהערט, פאַר דער צײַט וואָס איך בין געווען אַ פרײַער בירגער אין קישענעוו, אַז אין מונקאַטש, אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד, איז פאַראַן אַ רעפּאַטריאַציע פּונקט פון וואַנעט פיל רומענישע און אונגאַרישע בירגער זײַנען רעפּאַטריאירט געוואָרן נאָך דער מלחמה.

האָב איך דערציילט דעם נאַטשאַלניק וואָס איך האָב געוואוסט — און דערמיט איז עס פאַר אַ ווײַלע געבליבן!

דעם צווייטן טאָג האָט מען אונז נאָכאַמאָל געלאָזט רופן און מען האָט אונז איבערגעגעבן דאָקומענטן מיט באַן בילעטן ביז קיין מונקאַטש און פּראָדוקטן פאַר צוויי טעג. דער דײַטשער לאַגער־קאָמענדאַנט, וועלכער האָט דערליידיקט אונזערע פאָרמאַליטעטן, האָט זיך מיט אונז העפלעך געזעגנט און ער האָט אונז מיט נישט ווייניק קנאה נאָכגעקוקט ווי מיר ווערן פאַרשוואונדען פון יענער זײַט דעם שטעכל־דראָטיקדיקן טויער, אויף דער פרײַ...

אויף אונזער באַפרייאונגס צעטל איז געווען אָנגעשריבן, אַז מיר האָבן זיך באַפרײַט פון קריגס־געפאַנגענעם לאַגער, נומער „198״, און די דערלויבעניש צו מעלדן זיך אין מונקאַטשער רעפּאַטריאירונגס פּונקט.

נאָכדעם ווי מיר זײַנען אָפּגעווען איבער פיר חדשים אינ׳ם קישע־נעווער לאַגער צווישן דײַטשע קריגס־געפאַנגענע גלויבט זיך אונז קוים, אַז מיר זײַנען טאַקע אויף אַן אמת פרײַע מענטשן און אַז מיר מעגן זיך פרײַ באַוועגן... אָבער אַלץ ווילט זיך אונז האָפן, אַז עס איז שוין ענדלעך געקומען דער קולמינאַציע פּונקט צו אונזער קאָשמאַר, וועלכער לויערט איבער אונז, ווי דאַמאָקלעס׳עס שווערד, שוין גאַנצע זיבן יאָר...

= ◉ =

פון לאַגער זײַנען מיר נישט געגאַנגען צום קישענעווער וואָקזאַל, ווי עס האָט געלויטעט אונזער אָרדער. מיר האָבן זיך אַ כאַפּ אַריבער געטאָן צו ר׳ יחיאל׳ן, אַז ער זאָל זיך אויך פרייען מיט אונז און מיר זאָלן אים אין איינוועגס אויסדריקן אונזער דאַנקבאַרקייט פאַר זיין מסירת־נפש, וואָס ער האָט אונז אַרויסגעוויזן, בעת זיין באַזוך אויפ׳ן אַרבעטס פּלאַץ... עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז ר׳ יחיאל האָט זיך שטאַרק דערפרייט ווען ער האָט אונז דערזען ביי זיך אין הויז. קוים האָט ער געכאַפּט אַ בליק אויף אונזערע צעשטראָלטע געזיכטער האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן ענדלעך די ישועה און ער האָט איבער אונז געמאַכט די ברכה:

„ברוך מתיר אסורים!״...

עס איז פּונקט געווען פרייטאָג־צו־נאַכטס, צווישן ראש־השנה און יום־כיפור, ערב שבת תשובה. ביי ר׳ יחיאל׳ן איז געווען אָנגעגרייט לכבוד דעם דאָזיקן שבת פון כל־טוב. חוץ דעם וואָס מיר זיינען געווען אָנגעלייגטע געסט ביי ר׳ יחיאל׳ן האָבן מיר זיך טאַקע געפילט ווי אין דער היים. מיר זיינען געזעסן ביי אַ טיש, וואו עס האָבן געברענט די שבת־ליכט און מיר האָבן זיך געקוויקט מיט פרישער יויך מיט חלה. אַלץ האָט ביי אונז געהאַט דעם זיבעטן חן און מיר האָבן ממש געפילט טעם־גן־עדן...

ר׳ יחיאל האָט אונז נאָר פאַרגעוואָרפן, פאַר וואָס מיר האָבן זיך נישט באַראַטן מיט אים איידער מיר זיינען געהאַט געגאַנגען צום נאַטשאַלניק פון די גרענעץ־וואַך... נישט נאָר וואָלטן מיר זיך געווען איינגעשפּאָרט אַ סך צרות און ליידן, נאָר ער וואָלט אונז געווען געגעבן גענוג געלט כדי עס זאָל דעקן אונזערע רייזע הוצאות קיין מאָסקווע... קוים איז ער געוואָר געוואָרן פון אונזער נייער פאַסטקע און פון אונזער אומגליק האָט ער שוין נישט גערוט, אַלע אידן אין קישענעוו זיינען געווען אינטערעסירט אין אונזער גורל און אויף אַ דעליקאַטן אופן האָבן אייניקע פּרובירט אויסנוצן זייער איינפלוס לטובת אונז, אָבער עס איז נישט געווען איינס פון די לייכטע זאַכען...

ביי ר׳ יחיאל׳ן האָב איך געטראָפן אַ בריוו פון ב׳ן אין וועלכן זי וואונדערט זיך זייער פאַר וואָס אונזער קאָרעספּאָנדענץ איז אויף איינמאָל איבערגעהאַקט געוואָרן און זי ווייסט אַליין נישט וואָס איבערצוקלערן, זי איז מיט דער מיינונג, אַז עס האָט מיר מסתמא געלונגען אַעקצופאָרן קיין אונגאַרן נאָר מיר האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרשטענדיקן, אַז מיר זאָלן קאָנען פאָרן צוזאַמען, אַזוי שטעלט זי זיך פאָר... דעריבער פאָרט

זי אַוועק אַליין, קיין בודאַפּעסט אָן מיר, מיט דער האָפענונג, אַז זי וועט מיך שוין דאָרטן טרעפן...

עס האָט מיר דווקא אַ גרויסע הנאה געטאָן, וואָס מיין עצה, כאָטש איך האָב זי נישט געהאַט אָנגעווענדט פאַר זיך אַליין... האָט כאָטש אַמווייניקסטנס גענוצט פאַר ב׳ן.

ביים געזעגענען זיך מיט ר׳ יחיאל׳ן האָב איך אים געבעטן, אַז ער זאָל איבערגעבן אַ האַרציקן גרוס פאַר אַלע אידן וועלכע האָבן זיך אַזוי שטאַרק געזאָרגט פאַר אונזער גורל, ווי אויך אַן עקסטראַ גרוס פאַר די פישמאַנ׳ס. ער זאָל מיך אַנטשולדיקן פאַר די פישמאַנ׳ס פאַרוואָס איך בין נישט אַריבערגעגאַנגען צו זיי, ווייל מיר מוזן שוין גיין צום וואָקזאַל און פאַרלאָזן קישענעוו, ווייל אַזוי לויטעט די פאַראָרדענונג. ר׳ יחיאל האָט אונז געגעבן אַ ביסל געלט, אויף צידה-לדרך און ער האָט אונז אָנגעוואונטשן:

„פאַרט געזונטערהייט און זייט מצליח!... זאָל אייך דער אַלמעכטיקער העלפן, אַז איר זאָלט שוין מער נישט וויסן פון קיין צרות!... לשנה הבאה בירושלים!"...

מיר האָבן נאָכאַמאָל געזען אַ שטראַל פון האָפנונג פאַר אונזערע אויגן, גייענדיק צום וואָקזאַל האָבן מיר נאָר געטראַכט פון איין זאַך, וויאַזוי מיר זאָלן שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל פטור ווערן פון פאַניע-גאַב... האָפערדיקע און מיט געהויבענע קעפּ זיינען מיר ענדלעך אָנגעקומען צום קישענעווער וואָקזאַל.

46

מיר זיינען אָנגעקומען קיין מונקאַטש, וואו אונזער רעפּאַטריאַציע פונקט האָט זיך געדאַרפט געפונען, אין סאַמע ערב-יום-כיפּור...

אונזער אָנקומען קיין מונקאַטש אין סאַמע ערב-יום-כיפּור איז אַן און פאַר זיך פון גרויסער באַדייטונג: מיר וועלן האָבן די געלעגנהייט צו פאַרברענגען אונזער גרעסטן יום-טוב, נאָך אַזויפיל יאָרן, צווישן אַן עדה אידן. פאַר מיר פערזענלעך האָט דער דאָזיקער צופאַל געהאַט אַ ספּעציעלע באַדייטונג: מיין טאַטע, עליו-השלום, פלעגט יאָר-איין יאָר-אויס פאָרן קיין מונקאַטש איטלעכן ערב יום-כיפּור צום רבי׳ן...

ווען איך וואָלט זיך געוואָלט פאַר׳דבקה׳ן, וואָלט איך אַצינד געהאַט די בעסטע געלעגנהייט, און איך וואָלט זיך געקאָנט פּשט׳לען אפילו, אַז

„מעשה אָבות סימן לבנים" (וואָס עס איז געשען מיט אונזערע עלטערן איז אַ סימן פאַר זייערע קינדער). דער ספינקער רבי, ר׳ יצחק אייזיקל הי״ד (ער איז אומגעקומען אין אוישוויץ) האָט פאַר יאָרן לאַנג געוואוינט אין מונקאַטש און מיין פאָטער, זייענדיק אַ הייסער ספינקער חסיד, פלעג צוויי מאָל אין יאָר פאָרן קיין מונקאַטש צום ספינקער רבי׳ן — אויף פורים און אויף יום־כיפור. אויף פורים — כדי זיך משמח זיין אַ ביסל מיט׳ן רבי און אויף יום־כיפור צוליב הירהורי תשובה...

און דאָ בין איך פלוצלינג אָנגעקומען קיין מונקאַטש אין סאַמע ערב יום־כיפור !...

צו מונקאַטש, סתם, האָב איך אויך אַ שטיקל שייכות: מיין מוטער איז דאָרטן געבאָרן און מיינע עלטערן האָבן דאָרטן חתונה געהאַט... מונקאַטש האָט דעריבער ביי מיר אַרויסגערופן אַ גאַנצע אַסאָציאַציע מיט געשעענישן פון דער ווייטער פאַרגאַנגנהייט.

מונקאַטש, קאָן מען זאָגן, איז פאַר דער מלחמה געווען די אידישסטע שטאָט אין די קאַרפּאַטן. אויף אַ יום־טוב פלעגן אַהין שטראָמען טויזנטער חסידים פון אַלע עקן פון אונגאַרן, רומעניע און טשעכאָסלאָוואַקיע. כאָטש די מונקאַטשער אידישע באַפעלקערונג האָט פּראָפּאָרציאָנעל צו פיל אַנדערע אידישע ישובים געציילט גאַנץ ווייניק, צווישן צוועלף און פופצן טויזנט, צווישן אַן אַלגעמיינער דרייסיק טויזנדיקער באַפעלקערונג, איז אָבער מונקאַטש געווען אַ שם־דבר, אַ שטאָט מיט מער באַדייטונג פון אידישן שטאַנדפּונקט ווי פיל אַנדערע שטעט מיט אַ פיל גרעסערער אידישער באַפעלקערונג.

היינט־צו־טאָג, אָפּשאַצנדיק מונקאַטש לויט איר פאַרגאַנגנהייט, איז מונקאַטש כמעט אַן אויסגעליידיקטע שטאָט וואָס עס אָנבעלאַנגט אידישקייט און אידישן גייסט... מען באַגעגנט קוים אַ איד אויף דער גאַס ; עס איז בלויז פאַראַן איין שוהל פאַר די עטלעכע הונדערט אידן וואָס האָבן זיך על פי נס מציל געווען פון די קרעמאַטאָריעס. מיט די מונקאַטשער אידן איז אויך געשען דאָס זעלבע וואָס עס איז געשען מיט אַלע אַנדערע אונגאַרישע אידן, מען האָט זיי דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ...

איך מיט יאַקאָבאָוויטש׳ן וואָלטן געוועז געדאַרפט גיין מעלדן זיך צו דער נ.ק.וו.ד. גלייך ווי נאָר מיר זיינען אָנגעקומען, נאָר אַזוי ווי עס איז ערב יום־כיפור וועלן מיר לאָזן וואַרטן די נ.ק.וו.ד. ביז נאָך יום־טוב... מיר זיינען אָנשטאָט געגאַנגען זיך מעלדן, להבדיל, צו הרב כהנא, צום מרא

דאתרא פון מונקאַטש.. און נאָכדעם זיינען מיר מיט אַלע איבעריקע אידן געגאַנגען אין שוהל אַריין זיך קלאַפּן „על־חטא“...

אַזויווי מיר זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין דייטשע אוניפאָרמס האָט מען טאַקע אויף אונז אין אָנהייב געקוקט מיט חשד;ביים ערשטן בליק אַז מיר האָבן אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ זאַפטיקן אידיש און מיר האָבן אָנגעהויבן צו דערציילט אונזערע אידישע צרות, האָט מען באַלד געהאַט אַן אַנדערע מיינונג וועגן אונז, נישט געקוקט אויף אונזער אויסערלעכן לבוש...

הרב כהנא איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט אונז אַריינגערוקט אַ הונדערטער אין קעשענע אַריין. נאָר ער איז נישט געווען דער איין־און־איינציקער, עס האָבן אים אַנדערע אידן אויך נאָכגעטאָן. נאָר מיר האָבן שוין גענוג געלט... צו וואָס דאַרפן מיר עס, בכלל, צו האָבן אַזויפיל רובל?! אַלץ וואָס אונז אינטערעסירט אין דאָזיקן מאָמענט איז נישט קיין רוסיש געלט, נאָר בלויז, וואו עס געפינט זיך דער רעפּאַטראַציאָנס־פּונקט?...

הרב כהנא, אויסהערנדיק אונזערע צרות פון דער פאַרגאַנגנהייט, האָלט אין איין קרעכצן. ער רעדט טאַקע נישט אויס קיין וואָרט אָבער ער קאָן זיך נישט צוריקהאַלטן פון ווידערהאָלן די ווערטער:

„רחמנא ליצלן! רחמנא ליצלן!“...

קיינער ווייסט אונז נישט צו זאָגן פון אַ רעפּאַטראַציע לאַגער אין מונקאַטש... יאָ, עס איז געווען דאָ אַ רעפּאַטראַציע לאַגער פריער, אָבער דער דאָזיקער לאַגער האָט זיך שוין זייט לאַנג ליקווידירט און קיינער ווייסט אונז נישט זאָגן וואוהין...

וויאַזוי איז עס בכלל מעגלעך, אַז די קישענעווער ג.ק.וו.ד. האָט אונז געשיקט צו אַזוינס וואָס ס׳עקזיסטירט אינגאַנצן נישט? וואָס טוט מען ווייטער? מיר האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט ווי זיך צו מעלדן ביי די מונקאַטשער נ.ק.וו.ד זיי זאָלן אונז שוין מסתמא זאָגן וואָס מיר האָבן צו טאָן...

נאָר דערווייל, אַזויווי עס איז ערב יום־כיפור, לאָמיר זיך בעסער אויסבעטן אַ גוט יאָר!...

= ◍ =

כאָטש מיר זיינען אויף דער פריי און צווישן אידן, פילן מיר שוין באַצייטנס, אַז אונזער בידנע פרייהייט גליטשט זיך אונז אַרויס פון אונטער די הענט... מיר פילן, אַז אונזער פרייהייט האָט נישט קיין שטאַנדהאַפ־

טיקייט, זי וועט נישט דויערן, ווייל זי איז געבויט אויף אַ דינער פּאַפּירענער בריק...

מיר ווייסן אַליין נישט ווי זיך אַן עצה צו געבן... אפשר זאָלן מיר זיך אַ כאַפּ טאָן קיין סלאָוואַקיע און פון דאָרטן שוואַרצן די גרענעץ קיין סיגעט? איך קאָן זייער גוט די דאָזיקע גרענעץ!... אָבער, ניין, עס וועט נישט טויגן! מיר זיינען שטאַרק פאַרדעכטיקטע פאַרשוינען און מען וועט אונז זיכער כאַפּן... מיר מוזן אָנקומען אַהיים אויפ׳ן כשר׳ן וועג!... מיר האָבן טאַקע פאַרפאַסט אַ געלעגנהייט, דערמיט וואָס מיר זיינען נישט געפאָרן קיין מאָסקווע צום אונגאַרישן קאָנסול, נאָך איידער מיר זיינען אַריינגעפאַלן צווישן די קריגס-געפאַנגענע, אָבער דאָס איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך. אַצינד, אַז מיר וועלן גיין אויפ׳ן כשר׳ן וועג קענען מיר דאָך נאָך האָבן אַ שאַנס אָנצוקומען אַהיים. מיר טאָרן נישט ריזיקירן מיט אונזער צוקונפט, נישט געקוקט דערויף וואָס אונזער וועג איז אויסגעבעט מיט דערנער!...

אין מונקאַטש איז די אַטמאָספער אינגאַנצן אַן אַנדער ווי אין קישענעוו אָדער אין בעלץ... כאָטש אויף די קישענעווער און די בעלצער אידן האָב איך זיך אויך נישט וואָס צו קלאָגן, זיי זענען מיר גאָרנישט נישט שולדיק געבליבן! אָבער צווישן די מונקאַטשער אידן פילן מיר זיך פיל היימישער. עפּעס פאַרשטייען מיר זיך פיל בעסער. עס איז געווען אינטערעסאַנט זיך צוצוקוקן ווי די מונקאַטשער אידן אַמפּערן זיך צווישן זיך איבער אונז. איטלעכער וויל אויספירן, אַז עס קומט אים די מצווה, דאָס מיר זאָלן זיין די געסט ביי איינעם פון זיי. איטלעכער איד, אָן אויסנאַם, פילט דאָס אַצינד האָט ער די בעסטע געלעגנהייט מקיים צו זיין די מצווה פון הכנסת אורחים. נאָר אַזויווי מיר האָבן שוין געהאַט צוגעזאָגט פאַר איינעם אַ אידן, אַז מיר וועלן זיין זיינע אורחים צום פאַרפאַסטן און צום אָפּפאַסטן, בעט זיך טאַקע אַ צווייטער ביי אים:

„רשע, איך בעט דיך, לאָז כאָטש אָפּ איינעם פון זיי!"...

עס יאָגט זיך פלוצלינג איינער מיט׳ן נאָמען הערש ראָטה און ער זאָגט מיר, אַז ער איז מיינער אַ קרוב, אַ שני שבשלישי, ער איז פיל מאָל געווען אין דער היים ביי מיינע עלטערן און ער האָט נישט איינמאָל געגעסן און גענעכטיקט ביי זיי, בעט ער זיך טאַקע ביי מיר:

עס וואָלט געווען מער ווי רעכט, אַז דו זאָלסט זיין מיין גאַסט!"...

מיר זיינען ממש גערירט ביז צו טרערן פון דעם גוטסקייט וואָס די מונקאַטשער אידן ווייזן אונז אַרויס... נאָך אַזויפיל יאָרן פון אָפּוועזנהייט

פון אייגענע און באַקאַנטע פילן מיר ווי גלייך אַלע אידן זיינען עס אונזערע געטרייע און ליבע פריינט... מיר האָבן געוואָלט זיך אַרומצוכאַפּן מיט אַלע מונקאַטשער אידן און זיך קושן מיט זיי...

נאָר אונזער נאָענטקייט מיט די מונקאַטשער אידן האָט נישט לאַנג געדויערט. נאָך יום־כיפור זיינען מיר זיך געגאַנגען מעלדן צו דער נ.ק.וו.ד. (אַ ברירה האָבן מיר געהאַט?!) אַ באַאַמטער האָט אַריינגעקוקט אין אונזערע באַפרייאונגס צעטלעך, ווי דער האָן אין בני־אָדם, און ער האָט אונז קאַלטבלוטיק געזאָגט:

„אייער גאַנצע באַפרייאונג איז אַ טעות!... ביי אונז, אין מונקאַטש, איז מער נישטאָ קיין רעפּאַטראַציאַנס־פּונקט. פאַרט קיין אונגוואַר און מעלדעט זיך דאָרטן אין דער צענטראַלע פון דער קאַרפּאַטישער נ.ק.וו.ד. זיין וועלן שוין וויסן וואָס זיי האָבן צו טאָן מיט אייך!"...

מיט אַ שווער געמיט און מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די מונקאַטשער אידן. מיר האָבן ממש געזען ווי דער עולם פילט מיט אונז מיט... איך וועל טאָקע דאַנקבאַר זיין פאַר די מונקאַטשער אידן די רעשט פון מיין לעבן!

= ◍ =

קיין אונגוואַר זיינען מיר אָנגעקומען ערב־סוכות. אונגוואַר איז אַלעמאָל געווען אַ קלענערע קהילה ווי מונקאַטש אויך אַצינד איז די אידישע באַפעלקערונג פיל קלענער ווי אויך דאָס קהילה־לעבן איז נישט אַזוי גוט אָרגאַניזירט, דער עולם איז נישט אַזוי אַקטיוו ווי אין מונקאַטש. אין מונקאַטש איז פאַראַן פּונקט דאָפּלט אידן ווי אין אונגוואַר, וועלכע ציילט אַן ערך פון דריי ביז פיר הונדערט אידן. אָבער דאָס קליינע הייפל אידן האָט זיך מיט אונז זייער פיין באַנומען. אויך די אונגוואַרער אידן האָבן נישט ווייניקער געטיילט זייער מיטגליד מיט אונז; אויך דאָ האָבן זיך די אידן געאַמפּערט וועגן אונז, אַז מיר זאָלן עסן אָדער שלאָפן ביי אים און נישט ביי אַ צווייטן.

אַזוי אין מונקאַטש ווי אין אונגוואַר, ווי אין די קאַרפּאַטן אין אַלגעמיין, איז דער אידישער עולם איבערגעשראָקן... די גרויליקע איבער־לעבענישן, פון דער נישט ווייטער פאַרגאַנגנהייט, אין די פאַרשיידענע קאָנצענטראַציע לאַגערן און דער גרויסער חורבן, וואָס דער פאַשיזם האָט

פאַרזייט אויף איטלעכן שריט און טריט, איז נאָך זייער פּריש... די אָפענע וואונדן זייִנען זייער ווייט פון זיין פאַרהיילט... די צוקונפט קוקט אויך נישט אויס צו זיין זייער גוט!...

די אידן זייִנען גרייט אונז אַרויסצוהעלפן מיט סיי וואָס; אויב מיר נויטיקן זיך אין אייניקע טויזנט רובעל, וועלן זיי עס אונז פאַרזאָרגן... נאָר מיט איין זאַך קענען זיי אונז נישט אַרויסהעלפן, מיט אַן עצה... אין אַ גוטער עצה נויטיקט זיך יעדער איינער פון זיי.

47

מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זייִנען מיר געגאַנגען זיך מעלדן צו דער נ.ק.וו.ד. עס האָט אונז אויפגענומען אַן אָפיצערל מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, ער האָט זיך אונז אפילו פאָרגעשטעלט, אַז זיין נאָמען איז זייצעוו.

דער אָפיצערל, אַ קליין און דאַר מענטשל מיט אַ בלאָנדער טשופּרינע, איז שטאַרק העפלעך צו אונז. ער רעדט נישט צו אונז ווי די אַלגעמיינע אויפגעבלאָזענע סאָוועטישע באַאַמטע, נאָר ער איז חבריש און צוגעלאָזט, כאָטש נעמט און לייגט אים צו צו אַ מכה!

„לאָזט מיך זען אייערע דאָקומענטן", זאָגט ער צו אונז גוטברידעריש, מיט אַ טאָן, ווי גלייך מיר טוען אים אַ טובה דערמיט. ער לייענט אונזערע צעטלעך און ער שמייכלט אונטער די וואָנצעס. ער מאַכט זיך נישט קיין גרויסן וועזן פון די דאָזיקע צעטלעך אונזערע, וועלכע זייִנען דאָס טייער־סטע ביי אונז אין דאָזיקן מאָמענט. ער צעקנייטשט די צעטלעך ווי אַ שטיקל פּאַפּיר וואָס האָט קיין שום ווערט נישט און קיין שום באַדייט און ער שטופּט זיי אַריין, גלאַט אַזוי זיך, אין אויבערשטן טעשל פון זיין גימנאַסטיאָרקע...

„קומט אין דריי טעג אַרום!"... זאָגט ער צו אונז מיט דעם זעלבן גוטברודערישן טאָן.

„טאָוואַרישטש זייצעוו" (אַזויווי עס וויל זיך מיר דאַכטן, אַז איך בין שוין אַ פרייער מענטש, דערלויב איך זיך אים אָנצורופן „טאָוואַרישטש", ווייל אַן אַרעסטאַנט טאָר נישט רופן קיין סאָוועטישן בירגער ביים נאָמען טאָ־וואַרישטש, נאָר "גראַזשדאַנין") „וואָס וועט זיין מיט אונזערע דאָקומענטן"?, פרעג איך אים אַ פאַרצווייפלטער.

„טשעפּוכאַ!" זייצעוו טוט אַ שפּיי אויס און זאָגט מיט אַ לצנ׳ישן טאָן,

„וואָס האָסטו מורא, טאָמער וועט מען דיך כאַפּן אָן דאָקומענטן? מען וועט דיך סיי־ווי ברענגען צו מיר!"...

אַז מען כאַפּט איינעם אָן דאָקומענטן דעמאָלט ברענגט מען דעם יעניקן צום אים און טאַקע ער אַליין, זייצעוו, איז עס דער, דורך וועמען עס וואָלט געדאַרפט קומען אונזער ישועה... עפּעס שטימט דאָ נישט!...

איך פּרוביר פאַרציען אַ שמועס מיט אַט דעם זייצעוו׳ן אפשר וועט מיר דאָך געלונגען געוואָר צו ווערן וואָס עס קאָכט זיך אַרום אונז:

„וואו וועלן מיר עסן און שלאָפן פאַר דריי טעג?"...

„איר זענט דאָך אידן! וועלכער אונגווארער איד וועט עס אייך נישט געבן צו עסן? צי וועלכער איד וועט אייך נישט לאָזן איבערנעכטיקן?"...

ווי גוט ער ווייסט עס אַלעס, אַט דער זייצעוו!...

אויב דער דאָזיקער זייצעוו איז טאַקע אַזאַ צוגעלאָזטער פאַרשוין און עס ווערט אים נישט דערעסן צו רעדן מיט מיר און ער איז טאַקע, אינ־איינוועגס, אַזוי גוט אינפאָרמירט אין זאַכן וואָס האָבן מיט אים גאָר קיין שייכות נישט, איז אפשר ווייסט ער שוין טאַקע וואו מען פירט אונז...

„וואוהין וועט מען אונז פירן אין דריי טעג אַרום?", פרעגט איך עס אים מעשה „פאַניע־בראַט".

„צום רעפּאַטראַציע פּונקט!"

זייצעוו וואָלט מיר נישט געווען אַזוי פאַרדעכטיקט ווען ער נעמט נישט אַוועק פון אונז די דאָקומענטן און ווען נישט ער אַליין טאַקע וואָלט נישט געווען דער יעניקער צו וועמען מען ברענגט די פאַרשוינען וועלכע מען כאַפּט אָן דאָקומענטן, פאַר אידענטיפיקאַציע צוועקן.

= ◍ =

אַז די דריי טעג זיינען אַריבער האָבן מיר זיך אין דער באַשטימטער צייט געמאָלדן ביי זייצעוו׳ן. עס איז אונז תיכף געווען אויפפאַלנד אונזער „ראַנדעוואו", ווייל מיר זיינען נישט געווען די איינציגע ביי דער נ.ק.ד. וואו מען האָט אונז אָפּגעזונדערט אויף אַן אָרט וואו אַ באַוואָפנטער זעלנער האָט געהאַלטן וואַך איבער אונז. עס האָט נישט גענומען פיל צייט און מען האָט אונז אָפּגעזאָנדערט אין אַ וואַגאָן און מיר פאָרן...

„וואוהין פאָרן מיר?!"...

„קיין לעמבערג!"...

אין לעמבערג זיינען מיר טאַקע נאָכנישט געווען !...

איז באַטש פאַראַן אין לעמבערג אַ רעפּאַטריאַציע־פּונקט ? מיר צווייפ־לען זייער שטאַרק דערין ! צו וואָס דאַרף מען עס אונז פירן אין דער ריכטונג פון לעמבערג ווען אונזער היים געפינט זיך פּונקט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג ? !...

נאָר אַז מען זאָגט אונז לעמבערג, קענען מיר זיכער זיין, אַז עס איז טאַקע לעמבערג ! זאָל שוין באַדיי זיין לעמבערג, נאָר אַבי ס׳זאָל שוין איינמאָל נעמען אַ סוף צו אונזערע צרות !

פּונקט אין סאַמע שמחת־תורה האָט מען אונז אַריינגעפירט אין אַ לאַגער פון קריגס־געפאַנגענע, אין לעמבערג...

= ◍ =

אויב אין קישענעוו זיינען אַלע קריגס געפאַנגענע געווען מערסטנס דייטשע, איז דערפאַר אין לעמבערגער לאַגער פאַראַן אַ געמיש פון רומע־נישע, אונגאַרישע און דייטשע קריגס־געפאַנגענע, מייסטנס דייטשע. זיי, די דייטשן, זיינען אויך דאָ, אינ׳ם לעמבערגער לאַגער, די הויפּט רעדל־פירער. צו זיי האָט די נ.ק.וו.ד. דעם גרעסטן צוטרוי און זיי ניאַנטשן זיי אַמבעסטן.

עס איז טאַקע אין פּלאַץ צו דערמאָנען וואָס איך האָב געהערט פון אַ סאָוועטישן אָפיצער, אין שייכות דערמיט וואָס די רוסן האָבן איבער־געגעבן אַלע שליסל פּאָזיציעס אין די לאַגערן צו די דייטשן.

„די דייטשן", טענה׳ט דער סאָוועטישער אָפיצער, „זיינען געווען אַ מאַכט, זיי האָבן געהאַט אַ כוח, און אַ פּאָזיציע אין איראָפּע, וואו מען האָט זיך מיט זיי געמוזט רעכענען. אויך אין דער צוקונפט וועט זיך די וועלט מוזן רעכענען מיט די דייטשן. אָבער די אונגאַרן אָדער די רומענער און די איבעריקע געוועזענע דייטשע סאַטעליטן, זיינען אַלעמאָל געווען נאָכשלעפּערס נאָך די גרויסמאַכטן און אויך אין דער צוקונפט וועלן זיי פאַרבלייבן נאָכשלעפּערס. איז וואָס איז דאָ שייך צו ניאַנטשן זיך מיט זייערע מענטשן ? !"...

= ◍ =

צו מיין איבערראַשונג האָב איך זיך דאָ באַגעגנט מיט אַ אידיש אינגל מיט׳ן נאָמען הערשל פּיקסלער. פון אים בין איך געוואָר געוואָרן, אַז עס

געפינען זיך נאָך מערער אידישע יונגעלייט אין אַנדערע קריגס־געפאַנגענע לאַגערן. הערשל פּיקסלער איז אַ סלאָטווינער, פון די קאַרפּאַטן. אויך ער איז דורכגעגאַנגען דעם זעלבן גורל וואָס איך און יאַקאָבאָוויטש. אויך ער איז געווען אַ „פּערעביעזטשיק״... ער איז אויך שוין געווען איינמאָל באַפרייט ביז ער האָט זיך אין איין שיינעם טאָג דערזען אין לעמבערג צווישן קריגס־געפאַנגענע. פּיקסלער איז נאָך אַ יונגער יאַט, ער איז איבגאַנצן אַלט געווען זעכצן יאָר ווען ער איז, פאַר דער מלחמה, אַריבער צו די רוסן. ער איז געבוירן אין רומעניע, אָבער פאַר דער מלחמה האָט ער געוואוינט אין סלאָטווינע, ביים דער סאַמע גרעניץ צווישן רומעניע און די קאַרפּאַטן, וועלכע זיינען היינט־צו־טאָג אונטער די סאָוועטן. אויך די קאַרפּאַטן האָבן, ווי באַוואוסט, דורכגעמאַכט עטלעכע גילגולים: פון טשעכאָסלאָוואַקיע צו די אונגאַרן און נאָכדעם צו די רוסן.

אַז פּיקסלער האָט זיך באַפרייט פונ׳ם סיבירער לאַגער ,איז ער אַהיים געפאָרן, — קיין סלאָטווינע. ער האָט געהאָפט דאָרטן צו טרעפן אַלץ ווי פאַר דער מלחמה, אָדער צו טרעפן זיך כאָטש מיט וועמען עס זאָל נישט זיין פון זיין פאַמיליע. אַז ער איז אַהין אָנגעקומען האָט ער דערפאַרן, אַז ער האָט קיינעם נישט!

עס איז ממש רירנד אויסצוהערן וויאַזוי פּיקסלער דערציילט וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף אים געמאַכט ווען ער איז אָנגעקומען אַהיים, קיין סלאָטווינע, מייבענדיק, אַז ער וועט טרעפן כאָטש איין לעבע־דיקן נפש פון זיין פאַמיליע אין זיין אַלטער היים. איך וועל לאָזן אַביסל טאָקע אים אַליין, פּיקסלער׳ן, איבערגעבן זיינע איינדרוקן:

„אַז איך בין צוגעקומען צום געסעלע, וואו איך האָב געוואוינט און וואו איך האָב מיינע אַלע קינדערשע יאָרן פאַרבראַכט, האָב איך זיך צום אַלעם ערשטן אַרומגעקוקט, צי עס איז פאַראַן כאָטש איין באַקאַנטער צווישן אַלע שכנים. איך האָב קיין איין באַקאַנט פּנים נישט געזען! איך שטעל זיך אָפּ לעבן יעדן בוים און איך דערמאָן זיך ווי איך פלעג עס אַמאָל קלעטערן איבער די דאָזיקע ביימער. עס קומט מיר אָן אַ פאַרלאַנג זיך אַרומצוכאַפּן מיט די ביימער און זיי קושן און זיי אָפּשטעקן אַ „שלום־עליכם״. איך שטעל זיך אָפּ לעבן איטלעכער הייזקע און איך שטודיר אַזוי די הייזקעס ווי די מענטשן אין די הויפן. איך שטודיר די פּנים׳ער, צי איז נישט פאַראַן כאָטש איין באַקאַנט פּנים צווישן די פאַרשוינען, אָבער איך זע קיינעם נישט!...

„מיט פּאַמעלעכע טריט בין איך צוגעגאַנגען צום הויז וואו איך האָב געוואוינט מיט מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער, איידער איך האָב זיי פאַרלאָזן. איך האָב געוואָלט, אַז דער געפיל, דאָס אַט־אַט וועל איך זיך באַגעגענען מיט אַן אייגענעם און עס וועט זיין אַ שמחה און אַ גדולה, זאָל געדויערן וואָס לענגער. איך האָב אַזויווי פאַראויסגעפילט די גרויסע אַנטוישונג מיינע... וואָס נאָענטער איך בין צוגעקומען צום הויז, וואו איך האָב געוואוינט, אַלץ מער האָב איך זיך געשראָקן אַריינצוגיין אין הויף אַריין... אַז איך בין שוין יאָ אַריין אין הויף, ערשט איך זע קיין לעבעדיקן נפש נישט. ענדלעך בין איך צוגעגאַנגען צו דער טיר און איך גיב אַ קלאַפּ, הער איך ווי אַ גראָב קול פרעגט מיך: 'ווער איז דאָרט?' איך האָב ספּאָנטאַן געענטפערט: 'איך!'...

„אַז די טיר האָט זיך אויפגעפראַלט האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנטפּלעקט אַ מגושמ'דיקע מאָרדע פון אַ געזונטן רוס וועלכער האָט מיט אַ ברוגז און מיט אַ פרעך קול געפרעגט: 'ווער ביסטו און וואָס ווילסטו?'"...

פיקסלער איז אינצווישן צייט געוואָר געוואָרן, אַז זיין אַ ברודער איז צווישן די לעבעדיקע און אַז ער געפינט זיך אין רומעניע, האָט ער זיך מיישב געווען, אַז ער וועט זיך אַנגעבן פאַר אַ רומענישן בירגער, ווייל אין אמת'ן איז ער דאָך טאַקע געבוירן געוואָרן דאָרטן. אַזוי אַרום איז עס געשען, דאָס פיקסלער זאָל מגולגל ווערן קיין לעמבערג, אינ'ם געפענגעניש לאַגער.

= ◍ =

אויך דאָ, אינ'ם לעמבערגער לאַגער, האָב איך אין אָנהייב געקלאַפּט טרעוואָגע צו נאַטשאַלסטווע און איך האָב געהאַלטן אין איין פאַרלאַנגען אמת און יושר... איך האָב אַלעמאָל געשטעלט דעם טראָפּ אויפ'ן „היתכן".... אָבער עס האָבן מיר געהאָלפן אַלע מיינע זאַיאַוולעניעס צו די נאַטשאַלניקעס ווי עס העלפט אַ טויטן באַנקעס! איך האָב זיך שנעל איבערצייגט, אַז עס איז געגנצלעך אומזיסט מיין קלאַפּן טרעוואָגע צו דער נאַטשאַלסטווע; אומזיסט וויל איך מדחיק זיין דעם „קץ", אומזיסט וויל איך צואיילן מיין באַפרייאונג. עס איז אַ פאַרפאַלענע זאַך! איך האָב קיין אַנדערע ברירה נישט ווי אונטערוואַרפן זיך דעם בלינדן גורל! וואָס עס וועט געשען מיט אַלע איבעריקע קריגס־געפאַנגענע, וועט אויך געשען מיט מיר!...

אַלע קריגס־געפאַנגענע האָבן געמוזט טראָגן אַ לאַטע אויפ׳ן אָרעם מיט׳ן אויפשריפט: „וו.פ.״ (וואיעננע־פלעניק — קריגס־געפאַנגענער), אויך מיר, די אידן אינ׳ם לאַגער, זיינען נישט קיין אויסנאַם!... עס דערמאָנט אונז טאַקע אין דער אידישער געלער לאַטע און מיר דערלעבן זיך טאַקע אַ נקמה אין די דייטשן, אַז זיי ווערן געשטראָפט „מידה כנגד מידה״:

„גוט אַזוי!״ — טראַכטן מיר זיך „פאַרזוכט איר כאָטש אויך דעם טעם; וואָס עס הייסט אַזוינס צו טראָגן אַ שאַנד־פלעק אויף דעם אָרעם!״...

עס וואָלט אַלץ גוט געווען און אַלעס וואָלט געווען אין אָרדנונג, ווען קיין איין איד וואָלט זיך נישט געפינען צווישן די קריגס־געפאַנגענע און אויב עס געפינט זיך שוין יאָ אַ איד צווישן זיי, זאָל ער כאָטש זיין אַזאַ וואָס האָט פאַרראַטן זיין אייגן פאָלק און געהאָלפן די דייטשן!... אָבער פאַרוואָס איז געפאַלן דער גורל אויף אונז?!...

עס איז מיר מערער מאָל אויסגעקומען צו דיסקוטירן די דאָזיקע אַנגעלעגנהייט מיט רוסישע אָפיצערן. איך קען נישט זאָגן, אַז זיי וואונדערן זיך נישט דעריבער, אָבער די רוסן זיינען שוין בטבע גלייכגילטיק צו קוריאָזן איבערהויפט צו קוריאָזן ווען אַן אַנדערער איז אין פעקל!... דעריבער הויבן די אָפיצערן די פּלייצעס באַציענדיק זיך אינגאַנצן גלייכגילטיק צו אונזערע פּראָטעסטן און זיי ענטפערן אונז סתם אַזוי זיך:

„אויב איר זענט אין לאַגער, מסתם בעדאַרפט איר דאָ זיין!״...

איינער אַן אָפיצער האָט אפילו געפינען אַ פּאַרטיקן תירוץ מיט אַ מוסר־השכל נאָך דערצו:

„אויב איר זענט רומענישע בירגער ווייסט איר דאָך מסתם גאַנץ גוט דאָס רומעניע האָט געקעמפט אַקעגן אונז אין דער צייט פון דער מלחמה. איז עס טאַקע מער ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זי, רומעניע, איז דערפאַר שולדיק צום ראַטנפאַרבאַנד רעפּעראַציע צוליב דעם שאָדן וואָס זי האָט אונז געטאָן!״...

איך פּרוביר אויפקלערן דעם דאָזיקן „זעלבסטפאַרשטענדלעכן״ אָפי־צער, אַז מיר זיינען נישט געווען אין רומעניע אין צייט פונ׳ם קריג און דעריבער האָבן מיר נישט געקאָנט טאָן קיין שאָדן דעם ראַטנ־פאַרבאַנד, איז פאַר וואָס זשע זיינען מיר שולדיק, אַז די סאָוועטן מאַכט זאָל אויף אונז אַרויפלייגן די תוכחה און אונז מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זינד וואָס מיר זיינען נישט באַגאַנגען? פאַר זינד וואָס אַנטאָנעסקו האָט אַרויסגעהאָלפען היטלער׳ן אין דער צייט פון דער מלחמה?!...

נאָר מײַנע רייד קלעפּן זיך צום אָפיצער ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. ער טענה׳ט זיך זײַנס:

„אַלס רומענישע בירגער זענט איר מיט־פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלעמען!!״...

אין לעמבערג האָבן מיר געאַרבעט אין דער עלעקטרא־סטאַנציע. אויך דאָ האָט מען מיר געוואָלט איבערגעבן אַ בריגאַדע פון אונגאַרן און רומענער, נאָר איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פונ׳ם גרויסן כבוד. איך בין געקומען צו דער מסקנה, אַז אויב עס איז מיר שוין יאָ באַשערט צו טרונקען דעם ביטערן טראָפּן פון די ווייען וואָס עס הייסט צו זײַן אַ קריגס־געפאַנגענער, איז זאָל איך שוין טרונקען ביז צום דנאָ. איך האָב שוין ענדער געוואָלט זײַן אַן אײַנפאַכער אַרבעטער!...

48

פון צײַט צו צײַט ווערן אַהיימגעשיקט אייניקע טראַנספּאָרטן קריגס־געפאַנגענע פונ׳ם לאַגער. עס גייען אָפּ רעגעלע טראַנספּאָרטן קיין דייטשלאַנד, קיין אונגאַרן און קיין רומעניע. נאָר מיר בלײַבן אויסער אַלע טראַנספּאָרטן... מיר אידן געהערן זיך גאָרנישט נישט אָן מיט די דייטשע טראַנספּאָרטן, ווײַל קיין דייטשן זײַנען מיר נישט, לכל־הדעות! צו די אונגאַרישע טראַנספּאָרטן געהערן מיר זיך אויך נישט אָן, ווײַל מיר האָבן זיך דאָך אַליין אָנגעגעבן, אַז מיר זײַנען רומענישע בירגער... צו די רומענישע טראַנספּאָרטן וואָלטן מיר זיך געוועוען יאָ געדאַרפט אָנגעהערן, איז אָבער פאַראַן אַן אַנדערע סיבה פאַרוואָס מען שיקט אונז נישט מיט די רומענישע: ווײַל מיר זײַנען לכתחילה געקומען קיין רוסלאַנד אַלס אונגאַרישע בירגער!...

קיין דייטשן זײַנען מיר טאַקע נישט! קיין אונגאַרן זײַנען מיר אויך נישט! רומענער זײַנען מיר, לויט דער סאָוועטישער קאָנצעפּציע, אי יאָ און אי נישט!... אָבער אידן זײַנען מיר דאָך!... איז פאַרוואָס זשע זײַנען מיר עס בכלל מחויב מיטצוטאַנצן אויף דער חתונה?!...

איינער אַ אידישער אָפיצער האָט דווקא יאָ געהאַט מיטלייד מיט

אונז. איך דערקען אין אים, אַז ער גלויבט מיר אַלץ וואָס איך דערצייל אים; איך דערקען אין אים, אַז ער וואָלט מיר גערן געוואָלט העלפן מיט וואָס נישט איז, אָבער ער קאָן נישט. איך בין אויף אים אַ מבין... ביי מערערע געלעגנהייטן באַקומען מיר אַן עקסטראַ פּאָרציע ברויט, מען זאָגט אונז נישט פאַרוואָס מען גיט אונז צוגעטיילט מער ברויט ווי פאַר אַ צווייטן קריגס־געפאַנגענעם, אָבער מיר זיינען זיך משער, אַז עס מוז זיין דעם אידישן אָפיצערס אַרבעט. עס איז נישט דאָס עקסטרע שטיקל ברויט וואָס מאַכט אויף אונז אַן איינדרוק, עס איז מער דער אויסדרוק פון אַ סאָוועטישן אָפיצער וואָס באַציט זיך נישט גלייכגילטיק צו אונזער לאַגע!...

דער דאָזיקער אָפיצער האָט מיך איינמאָל געלאָזט רופן און ער האָט מיר געזאָגט:

„עס זיינען פאַראַן גוטע אויסזיכטן, אַז איר זאָלט זיך אינקורצן באַפרייען. אויב איך וועל וויסן עפּעס וואָס נישט איז מער דעפיניטיווע וואָס עס אַנבעלאַנגט אייער באַפרייאונג — וועל איך אייך לאָזן וויסן!"...

נאָך אין מערץ האָט שוין דער אידישער אָפיצער געוואוסט, אַז דעם פופצנטן מאַי 1948 וועט מען אונז טראַנספּאָרטירן אין אַ רעפּאַטראַציע פונקט און פון דאָרטן וועט מען אונז טאַקע אויף אַן אמת באַפרייען. ער האָט מיך נאָכאַמאָל געלאָזט רופן און ער האָט מיר געזאָגט:

„זייט געדולדיק, שוין נישט לאַנג, נאָך איניקע וואָכן!... עס איז פאַראַן אַ „פּריקאַז" פון די העכערע נאַטשאַלסטווע, אַז מען זאָל אייך אַריבערשיקן דעם פופצנטן מאַי אין אַ רעפּאַטראַציע פונקט... קיינער, חוץ דו מיט דיינע אַנדערע צוויי אידישע חברים, דאַרף דערפון נישט וויסן, ווייל עס איז נאָך אַ סוד... זאָג דיינע אידישע חברים, בלויז, דאָס זיי זאָלן זיין רואיק, און טאַקע דו אליין זיי רואיק און געדולדיק. עס איז שוין נישט פיל געבליבן און עס וועט נעמען אַ סוף צו אייערע צרות און איר וועט ענדלעך געהאָלפן ווערן!"...

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך האָב אומצייליקע מאָל באַדאַנקט דעם אָפיצער, וואָס ער האָט צוטרוי צו מיר און ער אַנטפּלעקט מיר אַזאַ גרויסן סוד... אָבער טיף אין האַרצן האָב איך אים נישט געגלויבט!... צופיל מאָל האָב איך זיך שוין געהאַט אַנטוישט; צופיל מאָל האָבן מיך שוין סאָוועטישע טשינאַווניקעס ברוטאַל אָפּגענאַרט, אַז איך זאָל פּלוצלינג גלויבן אַ סאָוועטישן אָפיצער, מעג ער זיין אפילו אַ איד!...

פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך שוין קוים דערוואַרט אויף דעם פופצנטן

מאַי. דער אָפּיצער האָט אונז דווקא נישט אָפּגענאַרט. דאָס איינע מאָל האָט אַ סאָוועטישער אָפּיצער אונז פאָראויס געזאָגט אַ גוטן אמת... מען האָט אונז אַריבערגעפירט אין אַ צווייטן לאַגער אַריין לעבן סטרי, נישט ווייט פון לעמבערג. דער אידישער אָפּיצער האָט זיך מיט אונז געזעגנט און ער האָט געשטראַלט פון פרייד ווען מיר האָבן פאַרלאָזט דעם לאַגער...

= ◍ =

אינ׳ם לאַגער וואָס איז לעבן סטרי האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט זעקס און דרייסיק אידן. צווישן די דאָזיקע אידן זיינען געווען פיר סיגעטער יונגעלייט: משה אינדיג, משה ווייזנער, י. בערקאָוויטש און געצל פּערל. אויך מיט איציק בער יונגער׳ס אַ פעטער האָב איך זיך דאָ באַגעגנט, מיט מענדל מארמאר פון לאַפּעש.

די אַלע יונגעלייט זיינען נישט קיין געוועזענע פּערעביעזטשיקעס, זיי זיינען דורך גאַנץ אַנדערע אומשטענדן אַריינגעפאַלן אין לאַגער צווישן קריגס־געפאַנגענע. ווי אַזוי די דאָזיקע יונגעלייט זיינען עס אַהער פאַר־וואָרפן געוואָרן? דער ענטפער דערויף איז זייער אַ קאָמישער, אָבער עס איז נישט אַזוי קאָמיש ווי טרויעריק: לויט דער רוסישער קאָנצעפּציע איז עס אפילו גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז אַזויווי די אידישע יונגעלייט זיינען געווען אין די אונגאַרישע אַרבעטס אָפּטיילונגען (ספּעציעלע פאַר אידן) הייסט עס דאָך, אַז די אידן האָבן אַרויסגעהאָלפן די אונגאַרישע פאַשיסטן אין צייט פון דער מלחמה און אַזויווי סיי אונגאַרן און סיי רומעניע זיינען מחויב צו צאָלן רעפּאַראַציע פאַר דעם שאָדן וואָס זיי האָבן פאַראורזאַכט פאַר׳ן ראַטנפאַרבאַנד אין צייט פון דער מלחמה, האָבן די רוסן מיטגעשלעפּט די אידישע יונגעלייט מיט די איבעריקע אונגאַרן, פאַשיסטן און נישט פאַשיסטן, נאָך דער באַפרייאונג, ווען די רוסן האָבן אַריינמאַרשירט קיין אונגאַרן... אַז דער משחית האָט רשות, האָבן אונזערע חכמים געזאָגט, מאַכט ער נישט קיין אונטערשיד צווישן גוט און שלעכט!... ביי די רוסן איז איטלעכער, סיי דער פייניקער און סיי דער קרבן, אין די באַזעצטע געביטן, אַ פאַשיסט!...

נישט געקנוג וואָס פיל אידישע יונגעלייט, אין די צענדליקער טויזנטער, זיינען געצווינגענערהייט געווען אינטערנירט ביי די אונגאַרן אין די ספּע־ציעלע אַרבעטס־לאַגערן, אין די אַזוי גערופענע „מונקאַש־סאָלגאַלאט״,

וועלכע זיינען געווען ספּעציעל רעזערווירט בלויז פאַר אידן, איז עס גאַנץ גוט באַוואוסט אין דער גאַנצער וועלט, אַז די אידן אין די דאָזיקע לאַגערן האָבן זיך געגוג אָנגעליטן און נישט ווייניק פון זיי זיינען אומגעקומען צוליב דער מאַדיאַרישער רשעות... איז אַצינד, ווען די סאָוועטן האָבן געהאַט אַ גינסטיקע געלעגנהייט לויז צו מאַכן די קייטן פון אָט די דאָזיקע רעשטן פון היטלער׳ס קרבנות און באַפרייען זייערע געבונדענע הענט, האָבן גאָר די סאָוועטן זיי מיטגעשלעפּט מיט די אונגאַרישע פאַשיסטן און קריגס־פאַרברעכערס אין די סאָוועטישע לאַגערן אַריין, כדי די אידן זאָלן העלפן פאַר די אונגאַרן צאָלן דעם שאָדן ערזאַץ פון דער מלחמה...

זייער פיל יונגעלייט האָבן געליטן צוליב דעם דאָזיקן סאָוועטישן „יושר״; זייער פיל האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל...

= ◍ =

די קריגס־געפאַנגענע אין לאַגער איז געווען דערלויבט צו שרייבן איינמאָל אין חודש אַ ספּעציעל קאַרטל, דורך דעם רויטן קרייץ, אָדער בעסער געזאָגט, דורך דעם סאָוועטישן רויטן קרייץ. עס איז דערלויבט צו שרייבן פינף און צוואַנציק ווערטער. אין די דאָזיקע פינף און צוואַנציק ווערטער איז שוין אַריינגערעכנט אויך דער אַדרעס. איז כאָטש איך האָב די גאַנצע צייט נישט געוואָלט קיינעם שרייבן, ווייל איך האָב נישט געוואָלט, אַז מען זאָל זיך אין דער היים אָדער אין אַן אַנדערער מלוכה משתדל זיין פאַר מיין באַפרייאונג, האָב איך אָבער צום לעצט דאָך געשריבן איין קאַרטל, ווייל איך האָב געפילט, אַז איך בין מחויב צו געבן פון זיך אַ „לעבנסצייכן״. אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז מיין באַשערטע, ב., געפינט זיך ביי מיין ברודער אברהם שמואל אין בודאַפּעסט, האָב איך טאַקע אַהין געשריבן איין קאַרטל אַזאַ. איך בין טאַקע נישט געווען זיכער, אַז ב. געפינט זיך ביי מיין ברודער אין בודאַפּעסט, מיט דער האָפנונג, אַז אָט־אָט וועל איך אָנקומען אַהין און זיך דאָרטן מיט איר צוזאַמענטרעפן, אָבער איך האָב עס געפילט, איך האָב עס געחלומ׳ט, סיי וואַכעדיקערהייט סיי טאַקע אין שלאָף. אַזוי אַרום האָב איך מיט מיין קאַרטל געגעבן פון זיך אַ סיגנאַל דאָס איך בין נישט פאַרפאַלן געוואָרן און אַז איך בין צווישן די לעבעדיקע... דער דאָזיקער סיגנאַל האָט טאַקע פיל געהאָלפן ב׳ן נישט צו פאַרלירן אירע האָפענונגען...

וואָלט איך זיך געווען נישט אַריינגענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין, אַז איך בין אַ רומענישער, צוליב דעם וואָס סיגעט געהערט שוין ווידער אַמאָל צו רומעניע, דעמאָלט וואָלט איך זיך געווען איינגעשפּאָרט פיל צרות און אומאַנגענעמליכקייטן. ווייל אַלס אונגאַרישער בירגער וואָלט איך געווען געקאָנט אָנקומען קיין אונגאַרן, פונ׳ם געפאַנגענשאַפט, און דאָרטן וואָלט איך זיך געווען גלייך געטראָפן מיט ב׳ן. איך וואָלט נישט באַדאַרפט, נאָכדעם, שוואַרצן די רומעניש־אונגאַרישע גרענעץ וואו עס האָט איבער מיר געלויערט אַ גרויס געפאַר... לײדער האָב איך נישט געהאַט געגנוג אינטואיציע עס פאָראויס צו פילן. דעריבער בין איך געבליבן אַלס אַ רומענער און אַלס אַזאַ וועל איך רעפּאַטריאירט ווערן פון די סאָוועטן.

שוין די לעצטע טעג פאַר דער באַפרייאונג האָב איך אָנגעהויבן צו פילן אַ היימישע אַטמאָספער. איך בין דאָ צוזאַמען מיט פיל יונגעלייט, וועלכע געדענקען מיך פון דער היים. איבערהויפּט ווען איך האָב זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די סיגעטער יונגעלייט און זיי האָבן מיר אָנגעהויבן איבערצוגעבן לעבעדיקע גרוסן פון דער אַלטער היים און וואָס עס האָט זיך דאָרטן אָפּגעטאָן, זייט איך בין פון דאָרטן אַוועק — האָב איך ממש געפילט ווי די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט מיט אַלע געשעענישן וואָס האָבן דאָרטן פּאַסירט, אַנטפּלעקן זיך פאַר מיינע אויגן ווי אַ פּאַנאָראַמע... אָבער די דאָזיקע פּאַנאָראַמע האָט אין זיך געהאַט נישט ווייניק שוואַרצע פלעקן!... די סיגעטער יונגעלייט האָבן מיר אויך נישט פאַרפעלט צו דערציילן מיט אַלע פּיטשעווקעס וואָס מען האָט גערעדט אין שטעטל וועגן מיר און ב׳ן נאָכדעם ווי מיר זיינען אַוועק פון דאָרטן...

ענדלעך, די פאַרבערייטונגען צום טראַנספּאָרט זיינען אין פולן שוואונג. נאָר די שמחה פון אונזער פּערזענלעכער באַפרייאונג האָט זיך אָפּגערוקט אין שאָטן צוליב נאָך אַ גרעסערער שמחה. אין סאַמע מיטן ברען פון אונזערע פאַרבערייטונגען פון „יציאת־רוסלאַנד" זיינען מיר געוואָר געוואָרן, אַז עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אידישע מדינה אין ישראל!...

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז די דאָזיקע אויסערגעוויינלעך פריידיקע געשעעניש איז פאַר אונז געווען אַן איבעראַשונג, וואָס מען קאָן נישט

באַשרייבן מיט בלויזע ווערטער... איטלעכער אידישער יונגערמאַן אין לאַגער איז אַ צעשטראַלטער און טראָגט זיך אַרום מיט דער פריידיקער בשורה

„עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ אידישע מדינה מיט׳ן נאָמען ישראל!״...

מיר האָבן אַליין נישט געוואוסט וואָס מיר זאָלן טאָן פאַר פרייד. מיר האָבן זיך אַלע אַרומגעכאַפּט און זיך געקושט פאַר שמחה, דאָס אונזער אַלטער חלום איז ענדלעך מקוים געוואָרן, נאָך צוויי טויזענט יאָר איז דער טרוים פון דורות פאַרווירקלעכט געוואָרן: אַ אידישע מדינה!!״...

אונזער פרייד, אין לאַגער, איז אָבער געווען אַ דאָפּלטע, מיר באַפרייען זיך אין אַ צייט ווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק איז אויפגעריכט געוואָרן! מיר האָבן געפילט, אַז אונזער באַפרייאונג איז נישט נאָר אַ פיזישע נאָר טאַקע אויך אַ גייסטיקע!...

אַט לייענען מיר אין אַ רוסישער צייטונג, שוואַרץ אויף ווייס, דאָס טאַקע רוסלאַנד אַליין, די רוסלאַנד וועלכע איז אַלעמאָל געווען דער שונא נומער איינס פונ׳ם ציוניזם, אַז טאַקע זי אַליין איז געווען צווישן די ערשטע צום אָנערקענען די אידישע מלוכה! נישט אַנדערש, נאָר עס איז טאַקע משיח׳ס צייטן!... מיר לייענען מיט פיל אינטערעס די דיפּלאָמאַטישע באַטע אויסטוישן צווישן וויעטשעסלאוו מיכאילאָוויטש מאָלאָטאָוו און משה שער־טאָק, די דעמאָלטדיקע צוויי אויסערן מיניסטאָרן פון יענע מלוכות.

נאָר מיר האָבן זיך נישט געלאָזט באַגענוגענען מיט דער בלויזער פרייד וואָס עס האָט איבערגעפילט אונזערע הערצער אין שייכות מיט דער פּראָקלאַמאַציע פון דער אידישער מלוכה. מיר האָבן זיך טאַקע געוואָלט סאָלידאַריזירן מיט מעשים, אין דער גרויסער שמחה פונ׳ם גאַנצן אידישן פאָלק. אונזערע „מעשים״ זיינען באַשטאַנען דערין, וואָס מיר האָבן זיך צוזאַמענגענומען אין איין גרופּע אַלע אידן און מיר האָבן געזונגען די התקוה און מיר האָבן אויסגעשריען מיט איין קול פונקט ווי ביים מעמד הר סיני, אין פולער באַגייסטערונג:

„זאָל לעבן די אידישע מדינה! זאָל לעבן דאָס אידישע פאָלק! זאָל לעבן די פרייהייט!״...

„עם ישראל חי! עם ישראל חי!״

ווער עס האָט אַ באַגריף אין וואָסערע אומשטענדן מיר האָבן געלעבט אין אַ סאָוועטישן לאַגער צווישן קריגס־געפאַנגענע, דער וועט גרינג קענען

פאַרשטיין, אַז מיר האָבן זייער פיל ריזיקירט מיט אונזערע „מעשים“ פון סאָלידאַריזירונג מיט דעם אידישן פאָלק און דער עיקר, מיט אונזער זינגען די „התקוה“...

= ◍ =

כאָטש מען האָט אונז שוין געהאַט טראַנספּאָרטירט פון לעמבערג קיין סטרי, אינ'ם רעפּאַטראַציע לאַגער, אַזוי פרי ווי דעם פופצנטן מאַי, האָט עס נאָך אַלץ גענומען אַ גאַנצן חודש ביז מען האָט אונז צוגעגרייט צום טראַנספּאָרט.

די לעצטע טעג אינ'ם לאַגער זיינען די ערגסטע. נישט מיר קענען עסן און נישט מיר קענען שלאָפן... מיר האָבן אויסערגעוויינלעכן רייזע־פיבער. מיר וואַרטן זייער אומגעדולדיק, אַז עס זאָל שוין ענדלעך שלאָגן די גליקלעכע שעה ווען מיר וועלן קענען אָטעמען פרייע לופט.

און די שעה האָט געשלאָגן!...

מיר זיינען שוין אַלע „פיקס און פערטיג“. מען שטעלט אונז אויס אין הויף צוויי הונדערט און פופציק מאַן. דער נאַטשאַלניק פונ'ם לאַגער וויל פאַר אונז האַלטן אַ רעדע, ער וויל זיך מיט אונז געזעגענען...

דעם נאַטשאַלניקס רעדע קריכט אונז אַלע אין דער לינקער פאה... וואָס פּלאַפּלט ער דאָרטן?! זאָל ער שוין ענדלעך עפענען דעם טויער און אונז באַפרייען!... נאָר ווי שטאַרק דערווידער זיין רעדע זאָל אונז נישט זיין און ווי שטאַרק ער זאָל אונז נישט נודיען, אַלץ פילן מיר דאָס ער רעדט צו אונז היינט אין גאַנץ אַן אַנדערן טאָן. עפּעס רעדט ער צו אונז פאָטערלעך און ווייך ווי גלייך ער וואָלט גאָר קיין נ.ק.וו.ד'יסט נישט געוועזן!...

„רעביאטא“, ווענדט ער זיך צו אונז, „איך רעד צו אייך אַצינד ווי צו פרייע בירגער פון אַ פריינטלעכן שטאַט... איך ווייס זייער גוט דאָס איר האָט איבערגעלעבט שווערע צייטן אין דער מלחמה... מעגלעך, אַז איר זענט פיל מאָל געווען שטאַרק פאַרביטערט אַקעגן אונזער אויפפירונג... נאָר עס איז נישט געווען אונזער שולד!... די מלחמה־צינדערס האָבן אייך פאַרפירט און צוליב זיי זענט איר עס געווען אויסגעשטעלט צו די גרעסטע געפאַרן... אַצינד גייט איר אַהיים צו אייערע פאַמיליעס, איז גיט זיי איבער אַ האַרציקן גרוס אין נאָמען פונ'ם סאָוועטנפאַרבאַנד... זאָגט

פאַר אייערע אייגענע, ווי פאַר׳ן גאַנצן רומענישן פאָלק, דאָס זיי האָבן אַ גרויסן און מעכטיקן שכן און פריינט: דעם סאָוועטנפאַרבאַנד!... דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז נאָר אויסן דעם וואוילזיין פון דער גאַנצער מענטש־הייט איבער דער גאַנצער וועלט!... אין נאָמען פון דער סאָוועטישער רעגירונג און אין נאָמען פונ׳ם גאַנצן רוסישן פאָלק, ווינטש איך אייך, אַז איר זאָלט האָבן אַ בעסערע צוקונפט און דאָס איר זאָלט פון איצט אָן און ווייטער לעבן אין פרידן מיט אייערע אייגענע״...

כאַטש זיין רעדע האָט אין זיך געהאַט געוויסע קערנער פון אמת, איז זי אָבער פאַרבלאַסט געוואָרן אונטער דעם שאָטן פון פאַלשער קאָמו־ניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. איך ווייס נישט אויף וויפל זיין רעדע האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף די אַלגעמיינע קריגס־געפאַנגענע, אָבער די אידישע יונגעלייט זיינען אַבסאָלוט נישט גערירט געוואָרן פון זיין באמבאסטיק.

אונטער די קלאַנגען פון מוזיק זיינען מיר אַרויסבאַגלייט געוואָרן צו דער סטאַנציע... כאָטש אויך אַצינד האָט מען אונז איינוואַגאָנירט אין פי־וואַגאָנען, ווי ביי אַלע אַנדערע טראַנספּאָרטן, זיינען אָבער די פענסטער דאָס מאָל נישט געווען פאַרקראַטעוועט...

עס האָט אונז גענומען גאַנצע צען טעג ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין פאָקשאַן, רומעניע, אינ׳ם רעפּאַטראַציע לאַגער אַריין.

= ◍ =

קיין פאָקשאַן קומען געוויינלעך טעגלעך טראַנספּאָרטן מיט קריגס־געפאַנגענע פון אַלע עקן פון רוסלאַנד. די קריגס־געפאַנגענע פאַרברענגען דאָ, נאָרמאַל, פון איינס ביז צוויי טעג, ביז מען דערליידיקט געוויסע פאָר־מאַליטעטן, און נאָכדעם פאָרן זיי אַהיים. איטלעכע צוויי וואָכן פאַלט דער גורל אויף אַ קלענערן טראַנספּאָרט, דאָס ער זאָל פאַרבלייבן אין פאָקשאַן אַנשטאָט די רעגולערע צוויי טעג, פאַר גאַנצע צוויי וואָכן. דער קלענערער טראַנספּאָרט איז עס מחויב פאַר אַ פעריאָד פון צוויי וואָכן צו באַדינען די טויזענטער קריגס־געפאַנגענע וועלכע קומען אָן טעגלעך.

אַזויווי דער טראַנספּאָרט מיט וועלכן איך בין געקומען איז פאַרהעלט־ניסמעסיק געווען אַ קליינער, בלויז פון צוויי הונדערט און פופציק פאַר־שוין, איז פונקט געפאַלן דער גורל אויף מיין טראַנספּאָרט צו זיין עקסטראַ צוויי וואָכן אין פאָקשאַנער לאַגער צו באַדינען די איבעריקע טראַנס־

פּאַרטן. טאָמער בין איך נאָכנישט געווען גענוג אין לאַגער!...

אַצינד דאַרף איטלעכער זאָגן וואוהין ער וויל פאָרן און אַהין וועט מען אויסשטעלן די באַן בילעטן און די געוויינלעכע דאָקומענטן.

זעליק יאַקאָבאָוויטש, מיין אויסדערוויילטער „קאַמעראַד" האָט אַ ברודער אין סאַזרעגן, טראַנסילוואַניע, דאָס האָט ער ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק דערפאַרן. דעריבער פאָרט עס זעליג אַהין, צו זיין ברודער. איך ווידער ווייס בלויז, אַז פאַר דער מלחמה האָב איך געהאַט אַ ברודער אין בוקאַרעסט. מיין ברודער איציק האָט מיר געהאַט אַנגעמערקט אין זיין בריוו, וואָס ר' יחיאל האָט מיר געהאַט איבערגעגעבן, אַז מיין בוקאַרעסטער ברודער, גרשון, קלויבט זיך צו פאָרן באַזעצן אין ישראל, וואו זיינע קינדער געפינען זיך. דעריבער בין איך נישט זיכער געווען צו איך וועל נאָך דאָרטן טרעפן מיין ברודער. יעדנפאַלס וועל איך פּרואוון מיין מזל און איך וועל פאָרן קיין בוקאַרעסט. קיין סיגעט וויל איך נישט פאָרן!... איך האָב דאָרטן נישט צו וועמען!...

אפילו אויף קבר־אבות קאָן איך נישט קומען אַהין, ווייל מיינע עלטערן מיט דער רעשט פון מיין משפחה איז טראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ אין קרעמאַטאָריום אַריין!! איז וויל איך מער די דאָזיקע ערד נישט באַטרעטן!

איצט איז געקומען די ריי דאָס איך זאָל זיך געזעגענען מיט'ן עולם. צום ערשטן בין איך צוגעגאַנגען צו זעליג יאַקאָבאָוויטש'ן. איך האָב זיך שוין אפילו צוגעגרייט מיט די פּאַסיקע ווערטער וויאַזוי איך זאָל פון אים בעטן אַנטשולדיקונג פאַר די גרויסע ליידן וואָס ער האָט זיך אַנגעליטן צוליב מיר... נאָר אַנשטאָט יאַקאָבאָוויטש זאָל מיך לאָזן קומען צום וואָרט בעט ער גאָר אַנטשולדיקונג פון מיר... אָרעמער יאַקאָבאָוויטש!...

„איך בעט דיך זייער, לייזער, אַז דו זאָלסט מיר אַנטשולדיקן", זאָגט צו מיר יאַקאָבאָוויטש מיט אַן ערנסטן און גערירטן טאָן. „אַנטשולדיק מיר פאַר די מאָראַלישע יסורים וואָס איך האָב דיר פאַרשאַפט... איך בין עס נישט ווערט געווען!... דו האָסט אַלעמאָל געוואָלט מיר גוטס טאָן אפילו ווען עס האָט זיך נישט געענדיקט גוט... ווען נישט דו ווייס איך נישט צי איך וואָלט נישט געווען פאַרבליבן אין רוסלאַנד די רעשט פון מיין לעבן...

(פילע ווי יאַקאָבאָוויטש זיינען נאָך עד־היום אין סאָוועטן לאַנד).

נאָך אָט די דאָזיקע ווערטער האָב איך אים שוין נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. מיר האָבן זיך בלויז אַרומגעכאַפּט און זיך צעקושט. טרערן האָט

אונזביידע געטריפט פון די אויגן פאַר פרייד, דאָס מיר וועלן ענדלעך זיין פריי...

„גיב איבער אַ האַרציקן גרוס פאַר דיין אויסדערוויילטער, פאַר ב׳ן״, זאָגט ער מיר צום לעצט. „זאָג איר, דאָס זי זאָל מיר האָבן אין זינען ווי אַן אייגענעם״...

מיט יאַקאָבאָוויטש׳ן האָט מיר געלונגען זיך עטליכע מאָל דורכצושרייבן. צום באַדויערן איז ער פאַרבליבן אין רומעניע.

= ◍ =

איצט איז געקומען די ריי צו געזעגענען זיך מיט הערשל פיקסלער׳ן, וועלכער ווייסט נאָך, נעבעך, נישט וואוהין ער זאָל פאָרן... ער האָט קיינעם נישט... ער האָט אפשר אַ ברודער אין רומעניע, ווייסט ער אָבער נישט וואו ער איז און צי ער איז נישט אַוועקגעפאָרן קיין ישראל, ווייל ער האָט געהאַט דערפאַרן, אַז זיין ברודער קלייבט זיך צו פאָרן אַהין.

„הערשעלע!״, זאָג איך אים מיט אַ ברידערליכן טאָן, „קום מיט מיר!״...

„יאָ, דו האָסט רעכט, איך וועל טאַקע גיין מיט דיר״, ענטפערט ער מיט אַ קינדערשע שטימע, „איך האָב אפילו שוין פריער געטראַכט, אַז וואוהין דו וועסט גיין וועל איך אויך גיין, וואו דו וועסט זיך איינאָרדענען וועל איך זיך אויך פּרובירן איינצואָרדענען. פאַר דעם מאָמענט האָב איך קיינעם נישט אין דער וועלט — חוץ דיך!״...

פיקסלער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל אים אויסשטעלן זיינע דאָקומענטן קיין בוקאַרעסט.

נאָך אַ אידישער יונגערמאַן מיט׳ן נאָמען יאַנקעל מאַשקאָוויטש, אַ ווישאָווער, קומט קיין בוקאַרעסט. ער זאָגט, אַז ער האָט קיינעם נישט אין ווישעוו אָבער אַזוי־ווי ער איז אונטערן איינדרוק, אַז ער איז מחויב צו האָבען אַ שוועסטער אין בוקאַרעשט פאָרט ער אַהין. אַלזאָ, זייענען מיר עס דריי אידישע יונגעלייט וועלכע פאָרן צוזאַמען קיין בוקאַרעסט.

ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט די סיגעטער יונגעלייט זייענען זיי געווען שטאַרק אַנטוישט פאַרוואָס איך פאָר נישט מיט זיי, קיין סיגעט. איך האָב זיי בלויז געזאָגט:

„קיין סיגעט וועל איך מער קיינמאָל נישט גיין!... גיט איבער אַ האַרציקן גרוס אויב איר וועט עמעצן פון אונזערע באַקאַנטע באַגעגענען דאָרטן, זאָגט זיי אַלע אָן: לשנה הבאה בירושלים!

= ◍ =

ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין בוקאַרעסט מיט אונזער ביסל אָרעמ־קייט, מיט אונזערע טאַרבעלעך אויף אונזערע פּלייצעס, האָבן מיר נישט געוואוסט וואוהין מיר זאָלן צום ערשטן גיין. אַזויווי יאַנקעל מאָשקאָוויטש האָט דעם געגעבן אַדרעס פון זיין שוועסטער, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן צוערשט אַריבערגיין אַהין און מיר זאָלן זיך דאָרטן אַרונטערנעמען אונזערע שווערע סאָלדאַטסקע קליידער, נאָכדעם ווען מיר זיך לאָזן איבער דער גרויסער שטאָט. איך וועל פּרובירן אַריבערגיין אין דער מלבי״ם שוהל אַריין און זיך דאָרטן נאָכפרעגן אויף מיין ברודער גרשון.

עס איז געווען אין יולי, 1948, עס איז געווען שטאַרק וואַרעם און קוים וואָס מיר האָבן געהאַט כוח זיך אַרומצושלעפּן איבער די לאַנגע בוקאַרעס־טער גאַסן.

מיר זיינען אָנגעקומען צו דעם אַדרעס פון יאַנקעל מאָשקאָוויטש׳ס שוועסטער. יאַנקעל גייט אַריין אינ׳ם הויז, איך און הערשעל האָבן געוואַרט אין דרויסן, מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט גלייך צוריק קומען מיט דער גוטער בשורה, אַז ער האָט זיך ווירקלעך געטראָפן מיט זיין שוועסטער. ווי דערשטוינט זיינען מיר אָבער געוואָרן, ווען מיר האָבן דערזען ווי יאַנקעל קומט צו גיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

„עס וואוינט דאָרטן אַ רומענער !״...

עס האָט טאַקע מיט אַ קורצער צייט צוריק געוואוינט דאָרטן אַ פּערזאָן מיט׳ן נאָמען וואָס איז אָנגעגעבן אויפ׳ן אַדרעס, אָבער די דאָזיקע פּערזאָן וואוינט שוין מער נישט דאָרטן... וואו זי וואוינט ? דער רומענער ווייסט נישט !

מיר זיינען אַריינגעגאַנגען צו אַ אידישן שכן זיך נאָכפרעגן, צי אפשר ווייסט ווער עס איז וואו יאַנקעל מאָשקאָוויטש׳ס שוועסטער וואוינט, זיינען מיר דאָרט געוואָר געוואָרן נישט קיין פריילעכע נייעס. דהיינו, אַז יאַנקעלס שוועסטער מיט׳ן מאַן מיט צוויי קליינע קינדער זיינען געווען אויפ׳ן וועג ביי דער רומעניש־אונגאַרישער גרענעץ, זיי האָבן געוואָלט שוואַרצן די גרענעץ, וואו מען האָט זיי געכאַפּט און זיי זיינען אַצינד אַרעסטירט...

איצט איז אויף מיר די ריי צו גיין זוכן מיין ברודער... מיין ברודער האָט געוואוינט פאַר דער מלחמה אינ׳ם קוואַרטאַל וואַקאַרעשטי, אין דער מירטשעוואָדא גאַס, איז לאָזן מיר זיך נאָכדעם אַהינצו.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער וואוינונג וואו מיין ברודער האָט געוואוינט פאַר דער מלחמה. אַזויווי אויך מיך האָט דאָרטן באַגעגנט אַ רומענער,

האָב איך זיך שוין אויך געהאַט ווי מיאש געווען, אַז איך זאָל טרעפן מיין ברודער אין בוקאַרעסט. דער רומענער האָט מיר נאָך דערצו געזאָגט, אַז ער וואוינט שוין אין דער דאָזיקער דירה אייניקע יאָר און ער האָט קיין אַנונג נישט וואו די פּערזאָן וואָס האָט דאָ געוואוינט פריער האָט זיך אַוועקגעצויגן...

מיר האָבן אַלע דריי געפילט אין דאָזיקן מאָמענט ווי גלייך מיר וואָלטן פאַרלאָרן דעם באָדן פון אונטער אונזערע פיס...

אויך אַציגד זיינען מיר אַריין צו אַ אידישן שכן זיך נאָכצופרעגן, אַז אפשר ווייסט ווער עס איז וואו מיין ברודער גרשון וואוינט. צום מזל האָט דער דאָזיקער שכן דווקא גוט געקאָנט מיין ברודער, וועלכער האָט נישט ווייט געוואוינט פון דאַנעט. דער שכן האָט מיר געגעבן דעם גענויעם אַדרעס...

עס איז איבעריק צו זאָגן וואָס פאַר אַן אָנגעלייגטער גאַסט איך בין עס געווען !... עס זיינען גלייך געפלויגן טעלעגראַמעס קיין אונגאַרן, קיין אַמעריקע און קיין קאַנאַדע. נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָב איך געהאַט די ערשטע געלעגנהייט צו פאַרבינדן זיך טעלעפאָניש מיט מיין אויסדער־ווילטער מיט ב'ן...

49

פיקסלער מיט מאָשקאָוויטש'ן זיינען מיט מיר צוזאַמען ביי מיין ברודער גרשון שוין אייניקע וואָכן. נאָכדעם איז מאָשקאָוויטש אַוועקגע־פאָרן קיין ווישעוו, מיט דער האָפענונג צו טרעפן זיך דאָרטן מיט וועמען עס זאָל נישט זיין, אַ קרוב אָדער סתם אַ באַקאַנטן, און פיקסלער איז געבליבן אין בוקאַרעסט פּאַר אַ ווילע. (איך האָב זיך צופעליק באַגעגנט מיט פיקסלערס אַ שוועסטער, אין מאָנטרעאַל, האָט זי מיר געזאָגט, אַז איר ברודער איז נישט לאַנג נאָך דער באַפרייאונג, געשטאָרבן פון די קראַנקהייטן וועלכע ער האָט גע'ירשנ'ט אין די לאַגערן...)

מיט מיר איז די זאַך נישט אַזוי איינפאַך !... ב. איז אין בודאַפּעסט און איך בין אין בוקאַרעסט. אונטער נאָרמאַלע באַדינגונגען, איז עס נישט ווייט, אָבער אונטער די איצטיקע אומשטענדן ווערן מאַסן מענטשן אַרעס־טירט אין רומעניע, טאָג־טעגלעך, צוליב דעם פאַרברעכן וואָס זיי ווילן שוואַרצן די גרענעץ פון רומעניע קיין אונגאַרן...

דאָ, אין רומעניע, איז עס שוין געלונגען דעם סאָוועטישן רעזשים זיך איינצובירגערן און ברענגט מיט זיך אַלע שוועריקייטן וואָס אַזאַ רעזשים, ווי דער קאָמוניסטישער, טראָגט מיט זיך מיט. די נויט איז דאָ אויסערגעוויינלעך גרויס... מענטשן ווילן זיך ראַטעווען לויפן זיי קיין אונגאַרן... אויך אין אונגאַרן פילט מען שוין די שווערע לאַפּעס פונ׳ם קאָמוניזם, נאָר פון אונגאַרן קאָן מען זיך לייכט אַרויסבאַקומען קיין עסטרייך און פון עסטרייך קאָן מען באַכדעם פאָרן וואוהין מען וויל...

די רומענישע ראַדיאָ און פּרעסע האַלטן אין איין באַריכטן וועגן די מאַסן אַרעסטן ביי דער אונגאַרישער גרענעץ... וואָלט איך געווען דאָס אַלץ געוואוסט פריער, ווען איך בין געווען אין לאַגער, וואָלט איך געווען געקאָנט פאָרן פונ׳ם לאַגער גראַד קיין אונגאַרן אַנשטאָט צו פאָרן קיין רומעניע. האָב איך אָבער נישט געוואוסט, אָדער פאַרשטאַנען, אַז צווישן רומעניע און אונגאַרן,ביידע סאַטעליטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, זאָל זיין אַזויפיל רעסטריקציעס און שוועריקייטן ווען מען וויל פאָרן פון איין מלוכה צו דער צווייטער.

איך בין אַוועק צום אונגאַרישן קאָנסול אין בוקאַרעסט און איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב זיך מיט אייניקע טעג צוריק באַפרייט פון די סאָוועטישע לאַגערן. איך האָב נישט געוואוסט, אַז מיין כלה געפינט זיך אין בודאַפּעסט, ווייל ווען איך וואָלט עס געווען געוואוסט, דעמאָלט וואָלט איך דאָך געווען געהאַט די געלעגנהייט צו פאָרן גלייך קיין אונגאַרן... איז דעריבער בעט איך אים, דאָס ער זאָל מיר געבן אַן אַרויספאָר וויזע קיין אונגאַרן...

דער אונגאַרישער קאָנסול האָט מיך גלייכגילטיק אויסגעהערט און ער האָט מיר געגעבן אַ גלייכגילטיקן ענטפער:

„פאַרוואָס זאָל דיין כלה נישט קומען קיין רומעניע? איך בין אינפאָרמירט, אַז עס איז פיל גרינגער צו באַקומען אַ וויזע פון אונגאַרן קיין רומעניע!"...

איך האָב שוין געזען, אַז אויפ׳ן גראַדן וועג וועל איך גאָרנישט קענען אויפטאָן... איך האָב בלויז איין אויסוועג: צו שוואַרצן די גרענעץ!...

איך וועל נישט שילדערן די אַוואַנטורעס און די שוועריקייטן מיט די סכנות וועלכע עס האָבן אויף מיר געלויערט ביז איך האָב מיינס דערגרייכט, ביז איך האָב זיך דערזען אין אונגאַרן.

אויך וועל איך זיך נישט אָפּשטעלן דערויף ווי אומגעדולדיק ב. האָט

אויף מיר געוואַרט ביז זי איז געוואָר געוואָרן, אַז עס האָט מיר בשלום געלונגען צו שוואַרצן די רומעניש־אונגאַרישע גרענעץ... ביז איך האָב זיך ענדלעך באַוויזן, נאָך אַכט יאָר צייט...

מיר זיינען טאַקע רייפער געוואָרן... אַלץ האָבן מיר זיך מער געענדערט אינערלעך ווי אויסערלעך... מיר האָבן ביידע אויסגעטאָן אונזערע קינדער שיכלעך... איין זאַך וואָס האָט זיך נישט געענדערט ביי אונז, זיינען געווען אונזערע קעגנזייטיקע געפילן... די דאָזיקע געפילן האָבן זיך געקאָנט זיין אַלט צי נייַ, זיי זיינען פאַרבליבן אומגעענדערט!...

„אויב מיר וואָלטן נישט געקאָנט דערגרייכן אונזער ציל אַנדערש, ווי נאָר דורך אַ לאַנגן, לאַנגן, וועג פון ליידן און פּיין, — איז עס ווערט געווען צו ליידן דערפאַר!...״, אַזוי האָבן מיר געזאָגט.

= ◍ =

אונזער שמחה וואָלט געווען פאַרפולט ווען מיר דערהאַלטן נישט אַ טרויעריקע בשורה:

מיין ברודער גרשונ׳ס בן־יחיד, דוד, איז געפאַלן אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער אידישער מדינה, אין ישראל... ער איז געפאַלן ה׳ אייר תש״ח, אין ערשטן טאָג ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אידישע מדינה; ער איז געווען איינער צווישן די ערשטע, אויב נישט טאַקע דער ערשטער, וועלכער איז געפאַלן אַלס קרבן פון דער אַראַבישער אינוואַזיע אין דער ניי־געבוירענער מדינה...

און אויב איך האָב שוין יאָ דערמאָנט ה׳אייר, וויל איך צום סוף נאָך אַזויפיל צוגעבן:

איך האָב דערפאַרן, דאָס צווישן די סמנים: א״ת, ב״ש, ג״ר, ד״ק, ה״צ, ו״פ, די סמנים וועלכע מאַרגאָלעס האָט מיך אויסגעלערנט אין טורמע, ווי אַזוי אויסצורעכנען די הויפּט אידישע ימים־טובים, אַז צו די דאָזיקע סמנים איז צוגעקומען אַ נייער סימן: ז״ע.

ז״ע זיינען די איניציאַלן פון ז׳ של פסח און ע׳ עצמאות. דאָס הייסט, אַז דעם טאָג ווען עס געפאַלט זיך דער זיבעטער טאָג פּסח, דעם זעלבן טאָג וועט אויך אויספאַלן ה׳ אייר, דער יום־העצמאות, דער טאָג ווען די אידישע מלוכה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן.

איך האָב אַדאָפּטירט דעם דאָזיקן סימן: ז״ע אַלס דער סימבאָל פון

פרייהייט!... ווייל די איבעריקע סימנים האָב איך זיך אויסגעלערנט אין דער טורמע אין דער צייט ווען איך בין געווען פאַרשקלאַפט...

יאָ, מיר האָבן איבערגעמישט אַ ניי־בלעטל אין דער געשיכטע פון אונזער לעבן. מיר האָבן זיך באַפרייט אין אַ צייט ווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע, אַ קאַפּיטל פון אָפּפערוויליקייט, זעלבסטשטענדיקייט, אויסדויער און נצחון!...